UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 16 15 22 02 001 0

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

HM
136
S369
1916
c.1
ROBA

Digitized by the Internet Archive
in 2011 with funding from
University of Toronto

http://www.archive.org/details/derayntsigerunza00stir

**MAX STIRNER**

**DER EINZIGE UND SEIN EIGENTHUM**

Der Aintsiger

# דער איינציגער
# און זיין אייגענטום

## פון מאַקס שטירנער

(יאָהאַן קאַספּאַר שמידט)

איבערזעצט אויס דעם דויטשען אָריגינאַל

פון דר. י. א. מעריסאָן.

אַרויסגעגעבען פון דער

קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט

ניו יאָרק, 1916.

UNIVERSITY OF TORONTO
OCT 5

HM
136
S369
1916

# אינהאלט:


זייט

פון די ארויסגעבער ........................ 4
ביאגראפישע סקיצע פון'ם פערפאסער ........................ 5
איינלייטונג ........................ 23
איך האב מיין זאך געשטעלט אויף גארנישט ........................ 33

## ערשטע אבטיילונג: דער מענש

I א מענשענ'ס לעבען ........................ 39
II מענשען פון דער אלטער און נייער צייט ........................ 47
1. די אלטע ........................ 47
2. די נייע ........................ 59
§1. דער גייסט ........................ 63
§2. אונטער דער שליטה פון רוחות ........................ 71
§3. די היערארכיע ........................ 113
III די פרייע ........................ 154
§1. דער פאליטישער ליבעראליזם ........................ 154
§2. דער סאציאלער ליבעראליזם ........................ 178
§3. דער הומאנער ליבעראליזם ........................ 188

## צווייטע אבטיילונג: איך

I די אייגענהייט ........................ 227
II דער אייגענטימער ........................ 248
1. מיין מאכט ........................ 265
2. מיין פערקעהר ........................ 296
3. מיין זעלבסטגענוס ........................ 442
III דער איינציגער ........................ 498

# פון די ארויסגעבער

עס פרעהט אונז מיטצוטיילען די לעזער און פריינד פון דער „קראַפאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט“, אַז די צאָהל מיטגליעדער פון אונזער געזעלשאַפט איז זעהר פיעל אויסגעוואַקסען אין דעם לעצטען יאָהר, און אַז די מעגליכקייט צו פערווירקליכען אונזער ציעל — אַריינצוברענגען אין אידיש אַלע סאָציאַליסטישע קלאַסיקער — ווערט דערמיט אַלץ מעהר געזיכערט.

אונזער נעקסטע אויסגאַבע וועט זיין אַ באַנד געקליבענע שריפטען פון פ ע ר ד י נ אַ נ ד ל אַ ס ס אַ ל, אין וועלכען עס וועלען אריינגעהן איינינגע פון זיינע אַרבייטען, וואָס כאַראַקטעריזירען איהם אַלס דעם גרויסען פאָלקס־טריבון, סאָציאַליסט און געלעהרטען.

דערוואַרטענדיג נאָך אַ גרעסערן וואוקס פון דער מיטגליעדערשאַפט פאַר דעם קומענדען יאָהר, האָפען מיר צו האָבען אינקורצען די מעגליכקייט צו פערגרעסערן די טהעטיגקייט פון דער געזעלשאַפט און פערפיעלפאַכען איהר ניצליכקייט פאַר די מיטגליעדער, ווי פאַר דער אידישער ליטעראַטור בכלל.

מיר ווילען דאָ דערביי אויפמערקזאַם מאַכען אויף אַ נייעם טיפּאָגראַפישען איינפיהר אין אידיש, וואָס מיר האָבען אַריינגעבראַכט צום ערשטען מאָל אין אָט דעם בוך — דער אָנהויב פון יעדען זאַץ, ווי אויך פון אַ איינצעל־נאָמען, איז געזעצט מיט אַ גרעסערן בוכשטאַב. דאָס מאַכט קענטיגער דעם אָבשטעל פון די זאַצען און מאַכט אין דעם ערך בעקוועמער דאָס לעזען. נאָך בעסער וואָלט געווען,—ווען אידיש וואָלט איינגעפיהרט, ווי אין אַלע אייראָפּעישע שפּראַכען, אַ ספּעציעלען שריפט פאַר די אָנהויב־בוכשטאַבען ; אָבער איידער דאָס קאָן קומען, וועט האָפענטליך אויך אָט דער איינפיהר אָנדערקענט ווערן פאַר ניצליך.

דער פערוואַלטונגסראַטה.

# ביאָגראַפישע סקיצע פון פּערפּאַסער*)

יאָהאַן קאַספּאַר שמידט, וועלכער האָט שפּעטער אָנגענומען דעם נאָמען מאַקס שטירנער, איז געבוירן געוואָרן אין ב י י ר ו ט ה, בייערן (די שטאָדט וועלכע ריכארד וואגנער האָט בעריהמט געמאַכט) דעם 25טען אָקטאָבער פון יאָהר 1806. ער איז געווען דאָס ערשט־געבוירן און איינציג קינד ביי זיינע עלטערן אַלבערט און סאָפיע שמידט. דער פאָטער איז געווען אַ פליימען־מאַכער. אַ האלב יאָהר נאָך דעם קינד'ס געבורט איז דער פאָטער געשטאָרבען פון אַ בלוט־שטורץ, וואָס איז איהם געקומען דורך אַ צו־גרויסער קערפּערליכער אָנשטרענגונג. צוויי יאָהר שפּעטער האָט זיין מוטער ווידער חתונה געהאַט פאַר אַן עלטערן מאַן, אַן אַפּטייקער, מיט'ן נאָמען באַלערשטעדט, און האָט זיך, אַ קורצע צייט שפּעטער, אריבערגע־קליבען מיט איהם אין דעם שטעדטעל קולם, ערגעץ אין וועסט פּריי־סען, וואו ער האָט געעפענט אַן אַפּטייק. פון דער צווייטער הייראַט האָט זי געבוירן אַ טאָכטער, וועלכע איז אָבער אוועקגעשטאָרבען איידער זי איז אַלט געוואָרן פולע דריי יאָהר.

דער קליינער יאָהאַן האָט זיך געהאָדעוועט ביי זיין מוטער און שטיף־פאָטער ביז זיין צוועלפטען יאָהר. ליידער זיינען ניט בעקאַנט קיינע איינצעלהייטען וועגען זיינע ערשטע קינדער־יאָהרען, ווען פיעלע אומשטענדען פון דער דאָזיגער פּעריאָדע לאָזען אַ דויער־האַפטען איינדרוק אויף דעם כאַראַקטער פון דעם צוקינפטיגען דער־וואַקסענעם מענשען. עס איז אויך ניט קלאָר, אויב די אומשטענ־דען אין זיין שטיף־פאָטער'ס הויז, אָדער די בעסערע געלעגענהייטען צו קריגען אַ פּאַסענדע בילדונג האָט בעוואָגען זיין מוטער איהם צוריקצובריינגען אין ביירוטה אין יאָהר 1818. דאָרט אין זיין געבורט־שטאָדט האָט געוואוינט זיין טויף־פאָטער (נאָך וועלכען ער

---

*)די פאָלגענדע סקיצע פון שטירנער'ס לעבען איז אַ קורצער אויס־צוג פון דזשאַן הענרי מאַקיי'ס גרעסערער און זעהר לעזענסווערטהער ביאָגראַפיע, וועלכע ער האָט פערעפענטליכט אונטער דעם נאָמען: „מאַקס שטירנער, זיין לעבען און זיין ווערק“ (צווייטע אויפלאַגע, בערלין, 1910). ליידער איז נאָך שטירנער'ן ניט געבליבען קיין בילד אָדער צייכענונג, וואָס וואָלט געקאָנט פולער מאַכען דעם איינדרוק פון דעם פּערפאַסער'ס מערקווירדיגער פּערזענליכקייט.

איז געווען אַ נאָמען) יאָהאַן קאַספּאַר שטיכט, וואָס האָט געהאַט אַ זאָקען־שטריקעריי, וועמעס פרוי איז געווען דעם קליינעם יאָהאַנ'ס פאַטער'ס איינציגע שוועסטער. די דאָזיגע פאַמיליע שטיכט איז געווען קינדערלאָז און האָט גערן אויפגענומען דעם קליינעם יתום צו זיך אין הויז און איהם געהאַלטען ווי אַן אייגען קינד גאַנצע אַכט יאָהר.

אין דער דאָזיגער צייט האָט ער דורכגעמאַכט דאָס בעריהמטע גימנאַזיום פון ביירוטה, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכענט כמעט אין אַלע קלאַסען אַלס איינער פון די בעסטע שילער. אין הערבסט פון דעם יאָהר 1826 האָט קאַספּאַר שמידט אויסגעהאַלטען עקזאַמען אויפ'ן לעצטען קלאַס גימנאַזיום אַלס דער דריטער בעסטער פון די 25 עקזאַמענירטע שילער, מיט דער בעמערקונג „זעהר ווירדיג".

אַלס יונגער סטודענט פון צוואַנציג יאָהר איז קאַספּאַר שמידט אָנגעקומען סוף יאָהר 1826 אין בערלין און איז אַריינגעטראָטען אין דער האָרטיגער אוניווערזיטעט אַלס סטודענט פון דער פילאָסאָפישער פאַקולטעט. די בערלינער אוניווערזיטעט איז אין יענער צייט געווען בעריהמט ניט נאָר מיט איהרע גרויסע פּראָפעסאָרען, ווי העגעל, שלייערמאַכער, קאַרל ריטער און אַנדערע, נאָר אויך מיט איהר ערנסטען שטרעבען נאָך וויסענשאַפט און פלייסיגער אַרבייטזאַמקייט. שמידט האָט זיך זעהר פלייסיג אָבגעגעבען מיט זיינע למודים פיער סעמעסטרען נאָך דער רייה, און האָט אין אָט די צוויי יאָהר אַוועקגעלעגט אַ פעסטען פונדאַמענט פאַר זיינע שפּעטערדיגע קענטעניסען.

דעם ערשטען סעפּטעמבער, 1828, האָט ער זיך אַרויסמאַטריקולירט פון דער בערלינער אוניווערזיטעט, כדי, ווי דער מנהג איז ביי דייטשע סטודענטען משנים קדמוניות, צו בעזוכען אַנדערע אוניווערזיטעטען און הערען לעקציעס פון די בעריהמטע פּראָפעסאָרען אין אַנדערע שולען. אַזוי האָט ער אַוועקגעוואַנדערט קיין ערלאַנגען און האָט זיך מאַטריקולירט אין דער דאָרטיגער אוניווערזיטעט. אין דעם ווינטער־סעמעסטער, וואָס ער האָט דאָרטען פערבראַכט האָט ער געהערט לעקציעס איבער טעאָלאָגיע ביי געאָרג וויענער און איבער לאָגיק און מעטאַפיזיק ביי דעם בעקאַנטען פילאָסאָף קריסטיאַן קאַפּפּ.

דעם פאָלגענדען זומער, אין יאָהר 1829, האָט ער אונטערנענומען אַ „לענגערע רייזע דורך דייטשלאַנד", וועלכע איז געווען די איינציגע רייזע, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין לעבען. זיך צוריקקעהרענדיג פון זיין רייזע, אין הערבסט פון דעמזעלבען יאָהר, איז ער אַוועקגעגאַנגען קיין קעניגסבערג און האָט זיך מאַטריקולירט אין דער דאָרטיגער בעריהמטער אוניווערזיטעט. קיין לעקציעס האָט ער אָבער אין דער אוניווערזיטעט ניט געהערט, נאָר

ער האָט פערבראַכט אַ יאָהר צייט ביי זיינע עלטערן אין קולם „צוליעב הויזליכע פערהעלטניסע“, דאַן נאָך אַ יאָהר אין קעניגס־בערג, אויף „וועגען פאַמיליען אַנגעלעגענהייטען“, ווי ער האָט עס אליין דערקלערט. וואָס פאַר פאַמיליען־פערהעלטניסען דאָס זיינען געווען, צי ווייל די עלטערן האָבען איהם מעהר ניט געקאָנט געבען די נויטיגע געלד־שטיצע, צי דער געזונד־צושטאַנד פון זיין מוטער (וואָס האָט שפּעטער ענטוויקעלט אַ גייסט־קראַנקהייט) האָט איהם געהאַלטען צוגעבונדען צום הויז — איז ניט בעקאַנט. יעדענפאַלס האָט ער פאַר דער צייט, וואָס ער איז ניט געגאַנגען אין אוניווער־זיטעט, „בשום אופן ניט פערנאַכלעסיגט זיינע פילאָסאָפישע און פילאָלאָגישע שטודיען“, נאָר האָט פלייסיג געזוכט פּאָרטצוזעצען אליין זיין וויטערע בילדונג.

ערשט אין אָקטאָבער, 1832, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט צו זיינע אַקאַדעמישע למודים און איז אוועק אין בערלין, וואו ער האָט זיך וויעדער מאַטריקולירט אין דער אוניווערזיטעט. אַזוי האָט ער דורכגעמאַכט נאָך דריי סעמעסטערס אין בערלינער אוניווערזיטעט, און צורעכענענדיג דעם סעמעסטער אין ערלאַנגען, איז ער געווען פאַרטיג זיך צו מעלדען צום עקזאַמען (אין יוני, 1834) אויף גימנאַזיום־לעהרער. וועגען צופעליגער קראַנקהייט אָבער איז ער געווען געצוואונגען אָבצולעגען זיינע פּאָרבערייטונגען ביז ענד אַפּריל פון נעקסטען יאָהר, ווען, נאָך אַ גאַנץ שווערען עקזאַמען, האָט ער בעקומען זיין לעהרער־אַטעסטאַט, און איז גלייך נאָכדעם אַריינגעטראָטען אין בערלינער קעניגליכער רעאַל־שולע אָבצוגעבען זיין פּעדאַגאָגישען פּראָבע־יאָהר.

ווען זיין פּראָבע־יאָהר האָט זיך געענדיגט, איז ער פרייוויליג פערבליבען נאָך אַ האַלב יאָהר אַלס אומזיסטער לעהרער „אויס ליעבע צו דער זאַך און דער שולע“. קיין בעצאָהלטע שטעלע אָבער אַלס לעהרער אין אַ רעגירונג׳ס־גימנאַזיום האָט ער קיינמאָל ניט בעקומען. אויף ווי ווייט עס איז בעקאַנט, האָט ער בלויז איין מאָל געמאַכט אַ פערזוך צו קריגען אַזאַ שטעלע, אין אַנפאַנג פון יאָהר 1837, וועלכער האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

וואָס ער האָט דאַן געטאָן כדי צו פערדיענען אויף אַ לעבען, איז ניט בעקאַנט. מיר ווייסען נאָר, אַז אין דעם זומער פון 1837 איז געשטאָרבען זיין שטיף־פאָטער, ווי אויך זיינע אַנדערע נאָהענט־סטע פערוואַנדטע, דער פעטער און די מוהמע שטיכט, אַזוי אַז די מוטער איז איצט געבליבען דער איינציגער נאָהענטער מענש פון זיין גאַנצער פאַמיליע. אין דעמזעלבען יאָהר אָבער האָט אין זיין לעבען אַריינגעטראָטען אַ נייע פאַמיליען־פאַסירונג, וועלכע מוז דאָ דערמאָנט ווערן, און דאָס איז — זיין ע ר ש ט ע ה י י ר א ט.

זינט דעם יאָהר 1833 האָט קאַספּאַר שמידט געוואוינט אין קוואַרטיר ביי איינער אַ העבאַמע מיט׳ן נאָמען בורץ. מיט איהר

צוזאַמען האָט זיך אויף אויפגעהאַלטען איהר טאָכטער (אָדער א שוועסטער), וועלכע האָט געהאַט אַן אונגעזעצליך קינד, א טיידעל מיט'ן נאָמען אַגנעס בוריז, געבוירן אין יאָהר 1815. צווישען איהר און דעם סטודענט שמידט האָט זיך אין פערלויף פון די עטליכע יאָהר פערבונדען א פערהעלטעניש, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט זייער הייראַטען אין יאָהר 1837. עטליכע מאָנאַט נאָך דער חתונה האָט דאָס יונגע פּאָר פּאָלק אריבערגעצויגען אין א בעזונדער וואוינונג פאַר זיך; אָבער דער אונערוואַרטעטער טויט האָט שנעל איבערגעריסען די רוהיגע — אפשר אויך גליקליכע — פערבינדונג. דעם 29טען אויגוסט איז זיין יונגע פרוי געשטאָרבען אין קינפּעט צוזאַמען מיט דעם קינד, פון א צו־פריהער ענטבינדונג.

דער יונגער אלמן האָט באַלד ווידער אריינגעצויגען אויף קוואַרטיר צו דערזעלבער העבאַמע, וואו ער איז פערבליבען וואוינען די נעקסטע עטליכע יאָהר, ביז זיין נייער הייראַט מיט מאַריע דענהאַרדט.

ניט דערוואַרטענדיג מעהר צו קריגען א שטעלע אין א רעגירונגס־שולע, האָט קאַספּאַר שמידט זיך געמוזט בעשליסען אָנצונעהמען א וועלכע עס איז לעהרער־שטעלע אין א פּריוואַט־שולע. ער האָט געקראָגען אַזאַ שטעלע אין דער „לעהר־ און ערציהונגס־אַנשטאַלט פאַר העהערע טעכטער" פון דער מאַדאַם גראָפּיוס, וואו ער איז אָנגעקומען דעם ערשטען אָקטאָבער 1839, און איז פערבליבען לעהרער גאַנצע פינף יאָהר כסדר, ביז דעם ערשטען אָקטאָבער, 1844.

אין אָט די יאָהרען פון יאָהאַן קאַספּאַר שמידט'ס רוהיגער טהעטיגקייט אַלס לעהרער איז געוואַקסען און צייטיג געוואָרען דאָס לעבענס־ווערק פון אונזער פּערפאַסער, וועלכער איז פון איצטער אָן אונז בעקאַנט אַלס מ א ק ס ש ט י ר נ ע ר*. כדי אָבער צו קאָנען אָבשאַצען די צייטיגע פרוכט, איז נויטיג צו וואַרפען א בליק אויף דעם באָדען און דער סביבה, פון וואַנען די וואָרצלען האָבען געצויגען זייער יניקה.

*

ענדע די דרייסיגער און דורך די פערציגער יאָהרען פון פאַריגען יאָהרהונדערט האָט דייטשלאַנד דורכגעמאַכט א געוויסע גייס־

---

*דעם צונאָמען האָבען איהם נאָך די סטודענטען אין אוניווערזיטעט געגעבען, וועגען זיין אויסערגעוועהנליכען הויכען שטערן. דער נאָמען האָט געקלעפּט צו איהם און ער האָט איהם גערן אָנגענומען אַלס זיין שרייבער־נאָמען, מיט וועלכען ער פלעגט זיך אַליין אָנרופען אין דעם קרייז פון זיינע פריינד.

טיגע רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך טיילוויי́ז אָבגעשלאָסען מיט דער פּאָליטישער־קאָנסטיטוציאָנעלער רעוואָלוציע פון יאָהר 1848. העגעל׳ס רעאַקציאָנערער איינפלוס אויפ׳ן פּאָליטישען לעבען פון לאַנד איז ביסלעכוויי́ז געבראָכען געוואָרן דורך די הומאַניטערע, ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע בעשטרעבונגען פון אַזוינע דענקער ווי פייערבאַך, ברונאָ בויער, קאַרל מאַרקס און אַנדערע וועניגער בעריהמטע פרייע גייסטער, וועלכע האָבען אַרויסגערופען פערשיי־דענע ריכטונגען און ענטוויקעלט עקסטרעם־ראַדיקאַלע געדאַנקען. פערשיידענע גרופען פון ראַדיקאַלע דענקער און פּאָליטיש־לינקע שריפטשטעלער פלעגען זיך צונויפקלייבען אָנהויב פון די פערציגער יאָהרען אין געוויסע „וויין־שטובען“ — אַ מין רעוואָלוציאָנערע קלובען — כדי צו בעשפּרעכען און דיסקוטירען די אָנגעוואַקסענע פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגען פון זייער צייט. איין גרופּע אַזוינע, וועלכע פלעגט זיך צונויפקומען אין היפּפּעל׳ס „וויינשטובע“, האָט זיך ערוואָרבען אַ געוויסע בעריהמטקייט און זיך אויסגעצייכענט אונטער דעם נאָמען „די פרייע ביי היפּפּעל“.

אין דעם דאָזיגען קרייז האָט מען געקאָנט טרעפען די ליבע־ראַלע זשורנאַליסטען, וועלכע פלעגען פּאַרטזעצען זייערע פּאָליטישע דעבאַטען ביז שפּעט אין דער נאַכט; די שריפטשטעלער און דיכטער, וועלכע האָבען געשעפּט זייער ענטוזיאַזם פון די פרייע רעד, וואָס האָבען געקלונגען ביי די טישען; די יונגע סטודענטען, וועלכע האָבען דאָ געקאָנט הערען אַזוינע ווארהייטען, וואָס מען האָט זיי אין אוניווערזיטעט גאַנץ זיכער ניט געלערנט. אויך איינינגע אָפיצערען, וועלכע האָבען זיך אינטערעסירט מיט מעהר ערנסטע ענינים איידער וויבער און פערד און האָבען קיין מורא ניט געהאַט זיך פריי צו מישען אין איין קרייז מיט אַלערליי ראַדי־קאַלען. און ענדליך ראַדיקאַלע פרויען, וועלכע האָבען זיך אויפ־געפיהרט ווי גוטע קאַמעראַדען, און האָבען קיין פעראיבעל ניט געהאַט פאַר אַן אַרויסגעזאָגטען אָפענעם וואָרט.

צווישען די וויכטיגערע און מעהר בעריהמטע בעזוכער קאָן מען אָנרופען דעם שוין־דערמאָנטען ברונאָ בויער, דעם שאַרפען ביבעל־קריטיקער, וועלכער איז צוליעב זיין פרייער קריטיק אַרונטערגעזעצט געוואָרן פון זיין שטעלע אַלס פּריוואַט דאָצענט אין אוניווערזיטעט אין באָנן (אין 1842); זיין ברודער עדגאַר בויער, דעם פערפאַסער פון אַ ווערק „דער שטרייט דער קריטיק מיט דער קירכע און דעם שטאַאַט“, פאַר וועלכען די רעגירונג האָט איהם פּראָצעסירט און פעראורטיילט צו דריי יאָהר געפענגניש; דעם שריפטשטעלער לודוויג בוהל, וועלכער איז געווען איינער פון די ערשטע, איינצוזעהן, אַז די קריטיק מוז אָנגעווענדט ווערען ניט אויף דער אָדער יענער פאָרם פון שטאַאַט, נאָר אויף דעם עצם פון שטאַאַט איבערהויפּט; און נאָך איינינע, איצט שוין

פערגעסענע בעגאַבטע ליטעראַטען. אין אָנפאַנג זיינען אויך די סאָציאַליסטען געווען פליסיגע בעזוכער פון דעם קרייז, און מיר טרעפען דאָרט אַ קורצע ווײַלע אויך קאַרל מאַרקס און פריעדריך ענגעלס. פון דורכרייזענדע בעזוכער קאָן מען דערמאָנען די נעמען פון אַרנאָלד רוגע און דעם בעריהמטען רעוואָלוציאָנס־דיכטער געאָרג העררוועגה.
„עס וועט ניט זיין צופיעל געזאָגט — שרייבט מאַקיי אין זיין ביאָגראַפיע פון שטירנער — ווען מיר בעהויפּטען, אַז מיט דער אויסנאַהמע פון דער צייט פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטען, האָט זיך זעלטען־ווען אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק צונויפגע־טראָפען אַזאַ קרייז פון מענער, וואָס זיינען געווען אַזוי בעדייטענד, אַזוי אייגענאַרטיג, אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי ראַדיקאַל און אַזוי אונבעקימערט וועגען יעדען אורטייל, ווי דער קרייז פון „די פרייע ביי היפּפּעל" אין בערלין, אין די פערציגער יאָהרען פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט."
„דער דאָזיגער מערקווירדיגער קרייז, וועלכער האָט זיך צוזאַ־מענגעהאַלטען גאַנצע צעהן שטורמדיגע יאָהרען בלויז דורך זיין אייגענער אָנציהונגס־קראַפט, איז געווען אַ גוטע שולע פאַר שאַרפע דיסקוסיאָנען און ניט־שרעקענדיגען דענקען אין אַ צייט, ווען עס האָט אויסגעזעהן, אַז אַלץ וואָס איז געווען אַלט מוז צוזאַמענפאַלען, כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר דאָס נייע. די קריטיק, די מוטער פון יעדען פאָרטשריט, איז קיינמאָל ניט געווען מעהר געאַכטעט, איידער אין יענער צייט ביי די מיטגליעדער פון די „פרייע"; זי איז קיינמאָל ניט געווען שטרענגער און האָט קיינמאָל פריהער אַזוי פיעל ניט געוואַגט ווי דאַמאָלסט. זי האָט אָנגעווענדעט איהר שאַר־פען מעסער אויף אַלע פעסט־איינגעוואָרצעלטע בעגריפען, און זי איז געווען פונקט אַזוי עהרליך ווי אונדערשראָקען."
אין אָט דער צייט און אונטער דעם איינפלוס פון אַזאַ עקסטרעם־ראַדיקאַלער אַטמאָספערע האָט געקאָנט אַרויסוואַקסען דער מאַן, וועלכער אַלס איינער פון די געטרייעסטע מיטגליעדער פון די פרייע, האָט זיי אַזויפיעל מעהר געגעבען, וויפיעל ער האָט ביי זיי גענומען.
ווען שטירנער איז אריינגעטראָטען אין דעם קרייז פון די „פרייע", לאָזט זיך בעשטימט ניט זאָגען; מען דאַרף אָבער אָננעהמען, אַז דאָס האָט געמוזט זיין אין מיטען אָדער צום סוף פון יאָהר 1841, וואָרים ער האָט זיך ניט געקענט מיט קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט פערלאָזט בערלין אין אָנהויב פון דעמזעלבינגען יאָהר. יעדענפאַלס האָט ער פון אָנהויב אָן געהערט צו דעם ענגערן קרייז: ער איז געווען גוט בעפריינדעט מיט די ברידער בויער, מיט אַרטהור בוהל, פריעדריך ענגעלס און אַנדערע, און מיט די מעהרסטע פון זיי איז ער געווען אויף „דו". אין אָט דעם קרייז האָט ער געפונען

די גענויליגקייט, וועלכע ער האָט נויטיג געהאַט, און אויף איינינע האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געפיהלט צוגעצויגען צו דעם קרייז מעהר צוליעב דער דאָזיגער געזעליגקייט, איידער צוליעב אַ וועלכער עס איז אינערליכער גייסטיגער געמיינ־שאַפט מיט זיינע מיטגליעדער. ווי רוּהיג און ליאַרמדיג די פּער־זאַמלונגען ביי היפּפּעל זיינען געווען, אַזוי שטיל און צוריקגעצויגען האָט זיך שטירנער פערהאַלטען. ער פלעגט זיך גאַנץ זעלטען בעטייליגען אין די ליידענשאַפטליכע דיסקוסיאָנען און איז קיינמאָל ניט אַריינגעפאַלען אין דעם ציניזשען טאָן, מיט וועלכען די דיסקו־סיאָנען פלעגען זיך אַזוי אָפט ענדיגען. רוהיג, שמייכלענדיג פלעגט ער זיך זיצען אין דעם אייביג־קאָכיגען קרייז, און נאָר פון צייט צו צייט פלעגט ער אַמאָל אַריינוואַרפען אַ טרעפענדע בעמערקונג אָדער אַ שפּאַס־ווערטעל, וואָס האָט בעוויזען, ווי גענוי ער האָט נאָכ־געפאָלגט די אַלגעמיינע אונטערהאַלטונג.

וועגען זיך האָט שטירנער זעלטען אָדער כמעט קיינמאָל ניט גערעדט. די מייסטע בעזוכער, וועלכע האָבען קיין בעגריף ניט געהאַט פון זיין אייגענטליכער בעדייטונג, האָבען געהאַלטען דעם רוהיגען, איינפאַכען און זעהר־בעשיידענעם מאַן פאַר אַ גאַנץ־אונשולדיגען, ניט־וויכטיגען מענשען. דעסטאָ מעהר איז דעריבער געווען זייער איבעראַשונג שפּעטער, ווען ער האָט אַזוי שטאַרק געצייגען אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט דורך זיין ווערק.

זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרבייטען, מיט וועלכע ער איז אַרויסגעטראָטען אין דער עפענטליכקייט, זיינען ערשיענען אין דער „רהיינישער צייטונג", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן פון קאַרל מאַרקס און זיינע חברים, אין יאָהר 1842. דאָס זיינען געווען דריי גרעסערע אַרטיקלען, פון וועלכע דער ערשטער און וויכטיגסטער האָט געהייסען „דאָס אונוואַהרע פּרינציפּ אונזערער ערציהונג, אָדער דער הומאַניזמוס און רעאַליזמוס"; דער צווייטער האָט געטראָגען דעם נאָמען „קונסט אונד רעליגיאָן", און דער דריטער איז געווען אַ בעשפּרעכונג פון די „קעניגסבערגער סקיצען פון קאַרל ראָזענקראַנץ". ער האָט אויך אַ קורצע צייט מיטגעאַרבייט אַלס קאָרעספּאָנדענט אין דער „לייפּציגער אַלגעמיינע צייטונג", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1837 פון בראָקהויז און האָט זיך באַלד ערוואָרבען זעהר אַ גרויסען איינפלוס אַלס אַ ראַדיקאַל־פּאָליטישער אָרגאַן.

אַחוץ אין אָט די צוויי צייטונגען האָט שטירנער נאָר איין מאָל מיטגעאַרבייט אין אַ פּעריאָדישער שריפט, און דאָס איז געווען אין דער ערשטער און איינציגער העפט „די בערלינער מאָנאַטס־שריפט", וואָס לודוויג בוהל האָט אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1844. אין דעם דאָזיגען ביכעל פון 330 זייטען, וואו בוהל האָט אָנגעצייי־כענט זיין פּראָגראַם „צו אונטערזוכען די גרונדלאַגען און די פּאָר־

אויסזעצונגען פֿונ׳ם שטאַאט און דעם בעגריף פֿון שטאַאט גופא״, האָט שטירנער געהאַט צוויי אַרטיקלען. דער ערשטער האָט געהייסען „אייניגעם פּאָרלויפֿיגע פֿאָם ליעבעס־שטאַאט״, וואו ער האָט אַנאַליזירט די דאָזיגע לעצטע און פּאָלקאָמענסטע פֿאָרם פֿון שטאַאט אויף זיין אייגענטימליכען שאַרפֿען אופֿן. דער צווייטער אַרטיקעל איז געווען אַ בעשפּרעכונג פֿון אייגען סיע׳ס בעקאַנטען ראָמאַן „די מיסטעריען פֿון פּאַריז״, וועלכער האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק, — זיכער ניט אַלס קונסט־ווערק, — נאָר ווייל ער האָט צום ערשטען מאָל אַריינגעטראָגען אַ סאָציאַלען עלעמענט אין דער שעהנער ליטעראַטור.

אין דער דאָזיגער רעצענזיע לאַכט שטירנער אויס מיט אַ ביסענדען שפּאָט די פֿאַלשע סענטימענטאַליטעט פֿון דער בורזשואַזיע, וועלכע פֿערנעהמט זיך היפּאָקריטיש, מיט אַ טרער פֿון מיטלייד אין אויג, צו בעקעהרן די זינדיגע און ווידער אויפֿנעהמען די אַרויסגעשטויסענע אין די אָרעמס פֿון דער געזעלשאַפֿט. „האָט איהר, גוטע, אָבער — פֿרעגט שטירנער — שוין אַמאָל נאָכגעדאַכט, צי דאָס גוטע איז טאַקע ווירקליך ווערטה, מען זאָל נאָך דעם שטרעבען? איז דאָס ניט אפשר אויך נישט מעהר ווי אַ פּוסטע אילוזיע, וועלכע לעבט נאָר אין אייער איינבילדונג?״ — „אָט די אַלע בעמיהונגען זיינען פּראָבעס צו גיסען רפֿואות ניט אין אַ קראַנקען, נאָר אין אַן אָבגעלעבטען קערפּער; איינצופֿיהרען פֿערבעסערונגען, וואו עס איז ניטאָ מעהר וואָס צו פֿערבעסערן״. „אונזער צייט — זאָגט ער — איז ניט קראַנק, נאָר מיעד און אַלט. דעריבער מוטשעט איהר ניט און מאַטערט ניט זיך אַליין, נאָר לאָזט איהר שטאַרבען!״ —

אָט אַזוי האָט שטירנער אָבגעשלאָסען זיין ערשטע ליטעראַרישע טהעטיגקייט, איידער זיין גרויס ווערק איז ערשיענען.

---

אין דעם קרייז פֿון די „פֿרייע״ האָט שטירנער זיך אָפֿט צוזאַמענגעטראָפֿען מיט אַ יונגער דאַמע, וועלכע האָט דורך איהר פֿרייער און צוגלייך ערנסטער האַלטונג געוואונען די אַכטונג פֿון אַלע קאַמעראַדען — מיט מ אַ ר י ע ד ע נ ה אַ ר ד ט.

די דאָזיגע מאַריע דענהאַרדט (געבוירן אין יאָהר 1818) האָט געשטאַמט פֿון אַ וואוילהאַבענדער פֿאַמיליע אין אַ שטעדטעל לעבען שווערין. זי האָט געקראָגען אַ גוטע ערציהונג, איז אָבער פֿריה פֿערכאַפּט געוואָרן פֿון דעם דראַנג פֿון פֿרויען־עמאַנציפּאַציע פֿון יענער צייט און איז אַוועקגעפֿאָהרען קיין בערלין אַנטקעגען דעם ווילען פֿון איהרע עלטערן, כדי זיך ווייטער צו ענטוויקלען און געניסען די פֿרייהייטען, וועלכע זי האָט ניט געקאָנט האָבען ביי

איהר אין דער היים. אין בערלין האָט זי געלעבט זינט דעם יאָהר 1838. איהר בעקאַנטשאַפט מיט איינִיגע „פרייע“ האָט איהר געפיהרט צו ווערן אַן אָפטע בעזוכערין ביי היפּפעל, וואו זי האָט געטראָגען דעם צונאָמען מאַריוס דענהאַרדיוס, און האָט זיך אויפ־געפיהרט אַזוי צוואַנגלאָז ווי יעדער אַנדער גאַסט. צווישען איהר און שטירנער האָט זיך פערבונדען אַ נעהענטערע פריינדשאַפט, און זיי האָבען געהייראַט דעם 21טען אָקטאָבער, 1843.

די „צערעמאָניע“ איז פאָרגעקומען אין דעם חתנ'ס וואוינונג און איז געווען זעהר איינפאַך, אָבער דערפאַר טאַקע העכסט סקאַנ־דאַליעז אין די אויגען פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט. דורכ־זיפּענדיג די פאַקטען פון די פערשיידענע סענזאַציאָנעלע מעשיות, וועלכע האָבען זיך אַרומגעטראָגען וועגען דער דאָזיגער חתונה, גיט מאַקיי איבער די פאָלגענדע איינצעלהייטען: —

„די טרויאונג איז דורכגעפיהרט געוואָרן פון דעם אויבער־גלח מאַראָט, אַ בעקאַנטע פּערזענליכקייט אין בערלין, וועלכען ברונאָ בויער האָט אויסגעקליבען צוליעב זיינע פרייערע אָנזיכטען. אין צימער האָבען זיך צונויפגעקליבען די געסט און די אָפיציעלע עדות — די עובדא איז אויסגעפּאַלען אויף ברונאָ בויער און לודוויג בוהל — וועלכע האָבען זיך דערווייל גאַנץ וואָכעדיג געמאַכט אַ קערטיל און מסתמא אויך עפּעס געטרונקען דערביי. ווען דער גלח איז אָנגעקומען, האָט מען אָבגערוקט די קאָרטען אַן אַ זייט און מיט גרויס מיה קוים איינגערעדט בוהל'ען אָנצוטאָן זיין צוטראָ־גענעם אַלטעגליכען רעקעל. די כלה האָט זיך אַביסעל פערשפּע־טיגט. ווען זי איז אַריינגעקומען אָנגעטאָן אין אַן איינפאַך קליידעל, אָהן שום צערעמאָניעלע בעפּוצונג, איז מאַראָט געווען זעהר ערשטוינט. מען האָט אפילו פערגעסען צוצוגרייטען אַ ביבעל אין הויז. ווען מאַראָט האָט אָנגעהויבען זיין דרשה, האָבען די געסט מיט אוננעדולד אַרויסגעקוקט דורך די פענסטער. קומענדיג צו דער צערעמאָניע פון אָנטאָן די רינגען, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז קיינער האָט אפילו וועגען אַזוינע נויטיגע אַרטיקלען אויך ניט געטראַכט. אין פערלעגענהייט האָט ברונאָ בויער (אַנדערע זאָגען, אַז שטירנער אַליין) אַרויסגענומען פון קעשענע זיין געשטריקט געלד־בייטעלע, האָט פאָרזיכטיג אויסגעלעדיגט די פּאָר גראָשען, אַראָבגענומען פון בייטעלע די צוויי מעשענע רינגלעך און דערלאַנ־גענדיג זיי דעם פּרעדיגער, האָט ער בעמערקט, אַז „זיי וועלען פונקט אַזוי גוט, אָדער נאָך בעסער, קאָנען צוזאַמענהאַלטען די עהע, ווי גאָלדענע.“

„מאַראָט איז גלייך אוועקגעגאַנגען און די חברה האָט זיך גענומען פאַר דער סעודה גאָר ווי ביי לייטען“...

אָט די יאָהרען, די לעצטע פון זיין טהעטיגקייט אַלס לעהרער און די ערשטע פון זיין עהע־לעבען מיט מאַריע דענהאַרדט —

ד. ה. אונגעפעהר פון 1843 ביז 1845 — מענען בעטראַכט ווערן אַלס די בעסטע יאָהרען פון שטירנער'ס לעבען. ניט זייענדיג צופיעל פערנומען אין דער טעכטער־שולע, האָט ער געהאַט גענוג צייט צו פערענדיגען זיין לעבענס־ווערק, וואָס איז ביי דער צייט שוין געווען כמעט פאַרטיג. ער איז געווען גליקליך פערהייראַט צו אַ פרוי, וועלכע ער האָט געליעבט (זיין בוך איז געווידמעט: צו „מיין ליעבכען מאַריע דענהאַרדט"). ער האָט געהאַט אַ קרייז פון פריינד, וועלכע זיינען אַליין מעהר איבערצייגט געוואָרן אין זיין בעדייטונג און האָבען איהם אָהן אויסנאַהם זעהר געאַכטעט. און צו אַלעם דעם האָט ער איצט, צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען, געהאַט — געלד. דען מאַריע דענהאַרדט, וועלכע האָט איינינע יאָהר פריהער פערלאָרען איהר פּאָטער, האָט געהאַט בעקומען אַ ירושה פון צעהן טויזענד טאָלער, וואָס אין יענע צייטען האָט זיך עס גערעכענט פאַר אַ גאַנץ היבשען פערמעגען.

*

אין קרייז פון די „פרייע" האָט זיך די לעצטע צייט פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז מאַקס שטירנער אַרבייט אויף אַ גרויסען ווערק, וואָס וועט „אַרומנעהמען דעם גאַנצען איינענטימליכען געוועב פון זיינע געדאַנקען". קיינער אָבער האָט בעשטימט וועגען דעם גאָרנישט געוואוסט. שטירנער האָט וועגען זיין אַרבייט מיט קיינעם ניט גערעדט, אויסער וואָס ער פלעגט אַמאָל בעמערקען, אָנצייגענדיג אויף זיין פולט, אַז דאָרטען ליעגט בעהאַלטען זיין „איך". איינינע האָבען שוין געהאַלטען די גאַנצע זאַך פאַר „אַן אויסגעטראַכטע מעשה", ביז עס איז פּלוצלינג ערשיענען פאַר דער וועלט, אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער, 1844, אונטער דעם טיטעל: „דער איינציגער און זיין איינענטום".

דאָס בוך איז געווען געדרוקט אין לייפּציג ביי דעם בעריהמטען פערלעגער אָטטאָ וויגאַנד, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען די מייסטע און וויכטיגסטע ראַדיקאַלע ווערק פון יענער צייט. די צענזור איז אויך אין זאַקסען דאַן געווען זעהר אַ שטרענגע; און הגם ביכער איבער צוואַנציג בויגען האָבען ניט געדאַרפט קריגען די ערלויבניש פון דער צענזור פאַר'ן דרוקען, האָט זי אָבער געהאַט די מאַכט צו אונטערדריקען און קאָנפיסקירען יעדעס בוך, וואָס איז איהר ניט געווען געפעלען, נאָכדעם ווי עס איז אָבגעדרוקט געוואָרן. די פערלעגער, וועלכע האָבען געהאַט גענוג גרונד מורא צו האָבען, אַז דאָס בוך וועט באַלד אונטערדריקט ווערן, האָבען זיך געקלינגט איבער דער צענזור, כדי צו ראַטעווען ווענינסטענס אַ טייל פון דער אויס־גאַבע. אין דעמזעלבען מאָמענט בעת זיי האָבען אַריינגעשיקט אין דער צענזור־דירעקציע דעם פליכט־עקזעמפּלאַר פון דער אויסגאַבע,

האָבען זיי שוין געהאַט אָנגעלאָרענע וועגען מיט די ביכער גרייט אין די נעקסטע גאַסען, און ווי נאָר דער שליח האָט געבראַכט דעם עמפּפאַנג־שיין, זיינען די וועגען געפלויגען פון איין בוכהענדלער צום אַנדערן און שנעל אָבגעליפערט די ביכער, כדי אַז ווען די צענזור וועט זיך מישב זיין ארויפלעגען אַן אַרעסט אויפ'ן בוך, זאָל ביי די פערלעגער ניט בלייבען פיעל וואָס צו קאָנפיסקירען.

דאָס בוך איז, פערשטעהט זיך, טאַקע גלייך קאָנפיסקירט געוואָרן, און אין די הענד פון דער צענזור איז אַריינגעפאַלען אַן ערך פון 250 עקזעמפּלאַרען. עטליכע טעג אָבער נאָכדעם איז דורך דעם מיניסטעריום דעם אינערן דער אַרעסט ווידער אַרונטערגענומען געוואָרן, מיט דער ערקלערונג, אַז דאָס בוך איז „צו־אַבסורד" צו זיין געפעהרליך. די פאַלשטענדיגע מאָטיווירונג פון דער האָזיגער זאָנדערבאַרער מיינונג איז קיינמאָל ניט פערעפענטליכט געוואָרן. עס איז נאָר גענוג צו בעמערקען, אַז די צענזור, וועלכע אונטער־דריקט אָפטמאָל דאָס אונשעדליכסטע „שרייבאַכץ" מיט דער גרעס־טער שטרענגקייט, האָט דאָס ראַדיקאַלסטע און „געפעהרליכסטע" בוך פון אַלע צייטען גראָד ערלויבט צו צירקולירען אומעטום פראַנק און פריי!

די ערשיינונג פונ'ם בוך האָט אַרויסגערופען אַן אַלגעמיינע סענסאַציע. אַלע, וועלכע האָבען זיך אינטערעסירט מיט ראַדיקאַלע געדאַנקען, און ספּעציעל די יוגענד, האָבען זיך געכאַפּט איהם לעזען. אָבער די אויפנאַהמע איז געווען אַזוי פערשיידען, ווי זי האָט נאָר געקאָנט זיין. בעת אייניגע האָבען זיך ניט געקאָנט אָבלויבען פון דעם בוך און האָבען דערוואַרט פון איהם אַן אַריינטריט פון אַ נייער עפּאָכע פון דענקען, זיינען אַנדערע געווען העכסט אויפגעבראַכט אַנטקעגען אַזאַ געפעהרליכען „אונזין"; וואָרים ביי זיי איז אויס־געקומען, אַז נאָר אונזין קאָן וואַגען אַזוי צו טרייסלען „די גרונד־זיילען פון גאַנצען מאָראַלען און סאָציאַלען לעבען". די, וועלכע האָבען איבערהויפּט ניט געקאָנט בעגרייפען, ווי אַזוי עס נעהמט זיך ביי אַ מענשען די העזה צו קריטיקירען און גאָר וועלען אונטער־גראָבען אַזעלכע אייביגע בעגריפען ווי רעכט, פליכט, מאָראַל און אַז. וו., האָבען איהם געהאַלטען פּשוט פאַר אַ טייוועל; אָבער אויך יענע, וועלכע האָבען די דאָזיגע בעגריפען אפילו ניט געהאַל־טען פאַר אייביגע, נאָר נישט מעהר אַלס דעם נויטיגען גרונד פאַר אונזער צוזאַמענלעבען, זיינען דערציטערט געוואָרן, זעהענדיג ווי דער באָדען פערשווינדט פון אונטער זייערע פיס, און האָבען בעשלאָסען, אַז דער פערפאַסער האָט זיך נאָר געשפּיעלט מיט זיי, אַז עס קאָן ניט זיין ער זאָל עס מיינען אין ערנסט. די ערשטע האָבען געשריען: זעהט, וואָס פאַר אַ טייוועל דער מענש קאָן זיין! די אַנדערע האָבען זיך געטראַכט: ניין, אַזוי שלעכט קאָן קיין מענש ניט זיין: דאָס מאַכט ער נאָר שפּאַס מיט אונז.

די ליבעראַלען האָבען זיך אָבגעשאָקעלט פון איהם. די פּאָליטיקער האָבען געלאַכט: וועלכער פערנינפטיגער מענש קאָן צווייפלען, אַז דער שטאַאַט איז די „אָרדנונג“, וואָס קאָן ניט פערניכטעט ווערן? — די סאָציאַלע האָבען געשימפּט, הפּנים דער נאָמען „דאָס שלעפּערשאַפט“ האָט זיי שמערצליך געטראָפען. די הומאַנע זיינען אין ערנסט אונרוהיג געוואָרן: זיי האָבען זיך אויפגעבויט „דעם מענשען“ אַזוי שעהן, ניי און אַזוי גאָט־עהנליך, און דאָ איז ער געקומען און האָט זייער קונסטווערק צובראָכען אויף שטיקלעך! און די קריטיק (די ריכטונג פון דער „אַבסאָלוטער קריטיק“) האָט איהם פון איהר זייט ניט געקאָנט מוחל זיין פאַר דאָס, וואָס ער האָט איהר אויפגעוויזען ווי הינטערשטעליג זי איז געבליבען.

עס פערשטעהט זיך, אַז אויך צווישען די „פרייע“ האָבען זיך אויסגעדריקט פערשיידענע מיינונגען וועגען זיין ווערק, און דערהויפּט האָט געהערשט אָן אַלגעמיינע איבערראשונג, דערהערענדיג דעם שטילסטען צווישען זיי רעדען אַזוי טיעף און שאַרפזיניג. שטירנער אַליין איז נאַטירליך געבליבען גאַנץ גלייכגילטיג צו די פערשיידענע מיינונגען פון די אַרומיגע מענשען, אָבוואויל ער האָט פון איצט אָן זיך גערעכענט צו די „מערקווירדיגקייטען“ פון דעם קרייז, און מענשען פלעגען איצטער קומען צו היפּפּעל אָנצוקוקען דעם „איינציגען“ און זיך צו איבערצייגען, אַז „ער איז אין דער ווירקליכקייט גאָר ניט אַזוי שלעכט, ווי ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אין זיין בוך“.

פון אַלע קריטיקען אויף שטירנער׳ס בוך זיינען ווערטה צו דערמאָנען די דריי וויכטיגערע, וועלכע זיינען געקומען פון דריי פערשיידענע זייטען: פון דעם קריטישען ליבעראַליזם, פון דעם סאָציאַליזם און פון לודוויג פייערבאַך אַליין. פאַר דעם ערשטען האָט זיך אָנגענומען ס צ ע ל י ג אַ (אַן אָפּיצער און אַ קריטישער ליבעראַל פון ברונאָ בויער׳ס חדר) אין אַן אַרטיקעל „דער איינציגער און זיין אייגענטום“ אין דעם מאַרץ־העפט פון די „נאָרדדייטשע בלעטער“. ברונאָ בויער אַליין האָט אפילו אין זיינע שריפטען קיינמאָל שטירנער׳ס נאָמען ניט דערמאָנט. פאַר דעם סאָציאַליזם האָט געענטפערט מאָזעס העסס אין אַ קליין בראָשור פון 28 זייטען, אונטער דעם טיטעל „די לעצטע פילאָזאָפען“ — וואָס האָט געמיינט ברונאָ בויער דעם „איינזאַמען“ און מאַקס שטירנער דעם „איינציגען“. אויך מאַרקס און ענגעלס האָבען אונטערנומען אַ גרויסע אַרבייט אַלס ענטפער אויף שטירנער׳ס בוך, וואָס האָט געזאָלט הייסען: „געגען די אויסלויפער דער העגעל׳שען שולע“; עס איז אָבער געבליבען ניט־פערעפענטליכט ביז דאָ ניט לאַנג צוריק (1903—4), ווען עדוואַרד בערנשטיין האָט אָבגעדרוקט אין זיינע „דאָקומענטע דעם סאָציאַליזמוס“ די כתבים, וואָס זיינען געבליבען נאָך ענגעלס׳ טויט. די דאָזיגע אַרבייט, אין וועלכער, אגב אורחא

בעמערקט, מאָזעס העסס האָט אויף אַנטייל גענומען, איז ערשיע־נען אונטער דעם טיטעל „דער הייליגע מאַקס״ (סאַנקט מאַקס).

פייערבאַך האָט פּערעפענטליכט זיין קורצען ענטפער אויף שטירנער׳ס בוך אין דעם צווייטען באַנד פון „וויגאַנד׳ס פיערטעל־יאָהרשריפט״ פון דעם יאָהר 1845. ער האָט געלעזען דאָס ווערק גלייך ווי עס איז ערשיענען און שוין סוף יאָהר 1844 האָט ער געשריבען צו זיין ברודער: „עס איז אַ העכסט גייסטרייך און גועניאַל ווערק, און האָט פּאַר זיך די וואַרהייט פון עגאָיזם, נאָר עס איז עקסצענטריש, איינזייטיג און ניט־ריכטיג אָוועקגעשטעלט. זיין פּאָלעמיק אַנטקעגען דער אַנטראָפּאָלאָגיע, ד. ה. אַנטקעגען מיר, רוהט אויף ריינעם אונפערשטאַנד אָדער לייכטזין. איך גיב איהם רעכט ביז אויף איינס: אין דעם עצם טרעפט ער מיך ניט. ער איז פונדעסטוועגען דער גועניאַלסטער און פרייעסטער שריפטשטע־לער, וועלכען איך האָב קענען געלערנט״.

שטירנער האָט געענטפערט אַלע דריי קריטיקער צוזאַמען אין איין לענגערן אַרטיקעל פון אַרום 50 זייטען, אין דעם דריטען באַנד פון וויגאַנד׳ס „פיערטעליאָהרשריפט״, 1845, אונטער דעם טיטעל „שטירנער׳ס רעצענזענטען״. דאַן, גענויע צוויי יאָהר שפּעטער, האָט ער, אונטער דעם פּסעודאָנים ג. עדוואַרד, ווידער אָבגעדרוקט אַן ענטפער, אין וויגאַנד׳ס נייע שריפט „עפּיגאָנען״, אויף אַ קרי־טיק איבער זיין ווערק, געשריבען פון קונאָ פישער אונטער׳ן נאָמען „די מאָדערנע סאָפיסטען״. דערמיט אָבער האָבען זיך דאַן כמעט געענדיגט אַלע דיסקוסיאָנען וועגען דעם ווערק, און דאָס בוך איז באַלד דערנאָך שנעל פערגעסען געוואָרן, ווי עס זיינען אויך פער־געסען געוואָרן די טרעגער פון דעם ראַדיקאַלען געראַנק, וועלכע האָבען געמאַכט אַזאַ טומעל אין די 40ער יאָהרען.

דען וואָס נעהענטער עס איז געקומען צום רעוואָלוציאָנס־יאָהר 1848, אַלץ מעהר האָבען אַלע ריכטונגען געבויט זייערע האָפנונגען אויף דער געוואַלדזאַמער לעזונג פון אַלע פראַגען. אָבער ווי עס איז נאָר שטיל געוואָרן דער ליאַרמדיגער גערויש פון די וואַפען, זיינען אויך פערשטומט געוואָרן די שטימען, וועלכע האָבען פריהער זיך געלאָזט הערן אַזוי מונטער. עס איז שטיל געוואָרן און עס איז געבליבען שטיל פּאַר אַ לאַנגע צייט שפּעטער.

*

פון דער צייט אָן הויבט אויף אָן שטירנער׳ס לעבען געהן באַרג־אַראָב. די נעקסטע און לעצטע צעהן יאָהר פון זיין לעבען

זיינען פול מיט ענטוישונג און ביטערקייט, פערגעסענקייט און עלענד.

זיין עהע־לעבען מיט מאַריע דענהאַרדט איז אינערליך ניט געווען אזוי גליקליך, ווי עס האָט אויסגעזעהן אויסערליך. קיין קינדער האָבען זיי ניט געהאַט. שטירנער׳ס גייסטיגע ארבייט, אין וועלכער זי האָט זיך ניט געקאָנט בעטייליגען, און די אייגענטימליכע צוריקהאַלטונג, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט זיין גאַנצען וועזען, האָבען דער יונגער פרוי ניט געגעבען די געהאָפטע בעפּריעדיגונג. לויט איהרע אייגענע ווערטער, איז זייער לעבען געווען „מעהר א צוזאַמענלעבען אין דעמזעלבען הויז, איידער אַן עהע־לעבען“. אויף זייער פערמעגען האָט דורך פערשיידענע סבות אַנגעהויבען שנעל צו פערשווינדען, און שטירנער האָט זיך געפיהלט געצוואונגען צו זוכען א בעשעפטיגונג, וואָס זאָל איהם געבען אויף חיונה. (פּיעלע יאָהרען שפּעטער האָט מאַריע דענהאַרדט, וועלכע איז אויף דער עלטער געוואָרען א פרומע קאַטוילישע נשמה, געזאָגט מיט ביטער־קייט, אז שטירנער איז געווען „צו שטאָלץ און פויל צו ארבייטען פאַר איהר“. די פאַלשקייט פון דער דאָזיגער בעשולדיגונג וועט זיך ארויסווייזען פון די פאָלגענדע פאַקטען.)

דאָס ערשטע יאָהר נאָך זיין הייראַטען האָט ער נאָך אָנגע־האַלטען די לעהרער־שטעלע אין דער טעכטער־שולע. ער האָט די ערשטע אויפגעגעבען קורץ פאַר׳ן ערשיינען פון זיין בוך, ווייל ער האָט געוואוסט, אז די פערעפענטליכונג פון זיינע העכסט ראַדיקאַלע געדאַנקען וועט סיי ווי סיי מאַכען אונמעגליך פאַר איהם זי אָנצו־האַלטען. גלייך נאָכדעם האָט ער גענומען זוכען א נייע בעשעפטי־גונג און האָט, צוזאַמען מיט זיין פערלעגער אָטטאָ וויגאַנד, אויס־געאַרבייט א פּלאַן ארויסצוגעבען אין א דייטשער איבערזעצונג די פראַנצויזישע און ענגלישע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען. שוין אין 1845 האָט ער אָנגעהויבען ארבייטען אויף דער איבערזעצונג פון זשאַן באַפּטיסט סעי׳ס בעריהמטען „האַנדבוך דער פּראַקטישען פּאָליטי־שען עקאָנאָמיע“, וואָס איז ערשיענען א יאָהר שפּעטער אין פיער בענדער. גלייך נאָכדעם האָט ער איבערזעצט אַדאַם סמיטה׳ס בעריהמטען ווערק „די אונטערזוכונגען איבער דאָס וועזען און די אורזאַכען דעס נאַציאָנאַל־רייכטומס“, וואָס איז אויך ערשיענען אין פיער בענדער, דער לעצטער אין יאָהר 1847. די דאָזיגע צוויי איבערזעצונגען רעכענען זיך נאָך היינט פאַר די בעסטע וואָס זיינען פאַראַן.

דער ערפאָלג אָבער פון דער דאָזיגער גרויסער און שווערער ארבייט איז אין אָנפאַנג געווען א גאַנץ שוואַכער, און שטירנער האָט זיך מעהר ווי אין דער ארויסגאַבע פון די דאָזיגע צוויי ווערק

ניט בעטײליגט. ער האָט געמוזט באַלד אײנזעהן, אַז פון זײן פעדער װעט ער קײן לעבען ניט קאָנען מאַכען, און האָט דעריבער געזוכט אַ מעהר־געזיכערטען קװאַל פון חיונה אויף אַ גאַנץ אַנדער געביט. עס איז איהם אײנגעפאַלען אַ פּלאַן — און אפשר איז דאָס געװען מאַריע דענהאַרדט'ס אידעע — צו מאַכען אַ געשעפט פון צושטעלען מילך צו קונדען איבער דער גאַנצער שטאָדט. אין יענע יאָהרען פלעגען אײנצעלנע פויערים פון די אַרומיגע דערפער ברענגען די מילך אין שטאָדט אויף קלײנע װעגעלעך געשלעפּט פון הינט; און עס איז גאָר ניט געװען קײן קרומער געדאַנק צו ענט־װיקלען די טעגליכע מילך־בעזאָרגונג פון אַזאַ שטאָדט װי בערלין אויף אַ קאָנצענטרירטען גרויסען מאַסשטאַב, װעלכער װאָלט די ריכטיגע אונטערנעהמער געקאָנט געבען אַ גאַנץ היבשען פּראָפיט. שטירנער האָט צוגענומען פאַר אַ שותף אײנעם אַ שול־לעהרער מיט'ן נאָמען ראָהלף (אַ פרײנד אָדער קרוב פון די בויערס) און בײדע האָבען זיך גענומען צו דער אַרבײט. זײ האָבען געמאַכט פערבינדונגען מיט פערמער און פעכטער אין די אַרומיגע דערפער, האָבען געעפענט אַ ביוראָ מיט אַ גרויסען קעלער װאו צו האַלטען די מילך, האָבען געבויט ספּעציעלע װעגענער פונאַנדערצופיהרען די מילך, נאָר אײן זאַך האָבען זײ פערגעסען — צו בעזאָרגען זיך מיט קונדען. דער סוף איז געװען, אַז מען האָט יעדען טאָג געמוזט אַרויסגיסען די זױער־געװאָרענע מילך אין רינשטאָק, און אַ קורצע צײט שפּעטער אײנגאַנצען אויפגעבען דאָס געשעפט.

די נויט, װעלכע האָט פריהער נאָר אָנגעקלאַפּט אין פענסטער, איז איצט, נאָך דעם געלד־פערלוסט פון דעם מילך־געשעפט, געשטאַנען אין איהר גאַנצער שוידערליכער געשטאַלט אין טהיר פון הויז. די בעציהונגען צװישען איהם און זײן פרוי זײנען געװאָרען אַלץ מעהר געשפּאַנט, ביז עס איז געקומען צו אַן אויסברוך, אָדער ריכטיגער — אַזוי װי צו קײן „סצענע" איז צװישען זײ ניט געקו־מען — צו אַן אָבברוך, און זײ האָבען זיך צושײדט. אָנפאַנג 1847 האָט איהם מאַריע דענהאַרדט פערלאָזט און איז אַװעקגעפאָהרען קײן לאָנדאָן, װאו זי האָט אײניגע יאָהר געלעבט אַלס דײטשע לעהרערין. שפּעטער (אין יאָהר 1852 אָדער 53) האָט זי אײנ־אײנעם מיט עטליכע פון איהרע אינטימע פרײנד אויסגעװאַנדערט קײן אויסטראַליע, דאָרטען צו זוכען נײע גליקען; אין מעלבורן אָבער, װאו זי האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט זי געהאַט אויסצושטעהן די גרעסטע נויט. זי האָט געמוזט װערן אַ װאַש־פרוי, כדי װי עס איז צו דערהאַלטען דאָס לעבען, און האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט אַ פּראָסטען אַרבײטער. אין אויסטראַליע איז זי געװאָרן אַ פרומע קאַטאָליקין. שפּעטער (אַרום 1870) האָט זי געקראָגען אַ ירושה פון איהרע אַ שװעסטער אין האָט זיך צוריקגעקעהרט נאָך לאָנדאָן, װאו זי האָט זיך פאַנאַטיש אָבגעגעבען מיט דער אַרבײט

פון פערשפּרייטען דעם הייליגען קאַטוילישען גלויבען. זי האָט פון איהר פריהערדיגען לעבען ניט געוואָלט הערן און געדענקען, און האָט שטענדיג פעסט ענטזאָגט מאַקיי'ס בקשה איהם צו געבען איינינע אויסקונפטען וועגען שטירנער'ס לעבען. זי איז געשטאָרבען אין 1902, אַ זקנה פון 84 יאָהר.

*

דערווייל האָבען זיך אָנגערוקט אין בערלין די שטורמדיגע טעג פון דער רעוואָלוציע. ביי היפּפּעל, וואו די „פרייע" פלעגען זיך נאָך אַלץ צוזאַמענטרעפען, האָט אין די רעוואָלוציאָנס־טעג געקאָכט ווי אין אַ קעסעל. מענשען פלעגען קומען און ברענגען נייע נאַכריכטען פון די קאַמפּפס־פּלעצער, איינינע האָבען דערצעהלט פון זייערע אייגענע העלדענטהאַטען. מען האָט געשריגען און געליאַרמט, און גאַנצע טעג און נעכט פערבראַכט אין די ליידענשאַפטליכסטע דעבאַטען. שטירנער, וועלכער האָט איצט געלעבט זעהר פעראייִנזאַמט, פלעגט נאָך אָפטמאָל אַריינקומען צו היפּפּעל, אָבער אויסערליך, ווענינגסטענס, האָט ער אין די מערץ־טעג פון 1848, ווי אין דער גאַנצער בעוועגונג בכלל, קיין אַנטייל ניט גענומען. אין זיין שטילען לעבען, וואָס ער האָט די לעצטע צייט געפיהרט, האָט דאָס יאָהר 1848 קיין בעזונדער בעדייטונג פאַר איהם ניט געהאַט.

די שטורמדיגע בעוועגונג האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. די בעשפּרעכונגען פון די נייע ערשיינונגען אין היפּפּעל'ס קרייז האָט אָבגעשלאָגען דעם מוטה ביי די עלטערע געטרייע בעזוכער, און זיי האָבען ביסלעכווייז אויפגעהערט צו קומען. די „פרייע" האָבען זיך אָנגעהויבען אויפלעזען און באַלד אינגאַנצען אויפגעהערט צו עקזיסטירען. זייער צייט איז געוועזען פאָראיבער. אַ נייע צייט פון טרויעריגער רעאַקציע איז אָנגעקומען, אין וועלכער אַלץ, צו וואָס זיי האָבען געשטרעבט, איז צערשטערט געוואָרן און אַלע פּעסטונגען פון'ם אַלטען גייסט, וואָס זיי האָבען געמיינט, אַז זייער שאַרפע קריטיק האָט שוין פערניכטעט, זיינען איצט ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן אין זייערע אַלטע פאָרמען.

שטירנער איז אין יאָהר 1852 נאָך איינמאָל אַרויסגעטראָטען אין דער עפענטליכקייט מיט אַ ווערק, וואָס האָט געטראָגען זיין נאָמען. דאָס איז געוועזען „די געשיכטע דער רעאַקציאָן" אין צוויי בענדער — אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען און אָבהאַנדלונגען פון פערשיידענע שרייבער, וועלכע ער האָט אויסגעקליבען און צונויפגעבונדען דורך פּאַסיגע איינלייטונגען. ער האָט אויך אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן פאַר אַ ווערק, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ מין אוניווערזעלער

לעקסיקאָן פֿון געלעהרטע; ער האָט אָבער ניט געקאָנט געפֿינען קיין פֿערלעגער, וואָס זאָל אַריינגעהן מיט איהם אין אַזאַ אונטערנעהמונג, און ער האָט דעם פּלאַן געמוזט אויפֿגעבען. די דאָזיגע זאַמלונג איז אַלזאָ געבליבען זיין לעצטע ליטעראַרישע אַרבייט.

מעהר האָט זיך שוין זיין נאָמען ניט געהערט. די נייע צייט נאָך 1848 האָט איננאיינעם מיט אַזויפֿיעל אַנדערע זאַכען אויך אָן איהם פֿערגעסען — ליטעראַריש איז ער שוין געוועזן טויט.

זיינע מאַטעריעלע אומשטענדען זיינען וואָס וויטער אַלץ ערגער געוואָרן. ער האָט קוים פֿערדיענט אויף אַן אָרימען לעבען אַלס מעקלער אָדער קאָמיסיאָנער און איז געוועזן אַ בעל־חוב איבער'ן קאָפּ. דער יאָהר 1853 איז, ווי עס שיינט, געוועזן פֿאַר איהם דער שווערסטער. אָהן מיטלען צום לעבען און שרעקליך געדריקט פֿון זיינע קרעדיטאָרען, האָט ער נאָכאַנאַנד געמוזט בייטען זיין קוואַרטיר, און איז זאָגאַר צוויי מאָל אין דעם יאָהר געזעסען אין שולד־אַרעסט. דאָך איז דעם נעקסטען יאָהר זיין לאַגע עטוואָס בעסער געוואָרן, דען עס האָט זיך איהם איינגעגעבען צו פֿערקויפֿען זיין דערוואַרטעטע ירושה פֿון דער מוטער — אַ הויז, וואָס איז איהר געבליבען פֿון דעם צווייטען מאַן, אין קולם*. ער האָט בעקומען אַלס ערשטע איינצאָהלונג אַן ערך פֿון טויזענד טאָלער, וואָס האָט איהם געקלעקט אויף אָבצאָהלען די דרינגענדע חובות און דורכצולעבען אויף זיין אָרימען אופֿן די נעקסטע פּאָר יאָהר.

פֿון דער צייט אָן איז ער שוין געבליבען וואוינען אויף איין קוואַרטיר, אין פֿיליפּ־שטראַסע, ביי אַ געוויסער אלמנה וויים,

---

*שטירנער'ס מוטער האָט איהם איבערגעלעבט. נאָך פֿאַר דעם יאָהר 1835 איז זי קראַנק געוואָרן אויף אַ לייכטער משוגעת, אַ אידעע פֿיקס־איינבילדונג, און איז אָנגעקומען אין בערלינער שאַריטע ספּיטאָל, וואו זי איז פֿערבליבען איבער אַ יאָהר און אַ האַלב. ווען די שאַריטע האָט איהר אַרויסגעשיקט אַלס אונהיילבאַרע קראַנקע, האָט מען איהר אַריינגעגעבען אין אַ פּריוואַט־אירענאַנשטאַלט, וואו זי האָט אָבגעלעבט איבער צוואַנציג יאָהר. זי איז געשטאָרבען אין מערץ, 1859, אין דעם הויכען אַלטער פֿון 81 יאָהר. — אַזוי ווי שטירנער איז געוועזן איהר איינציגער יורש און עס איז ניט געוועזן צו דערוואַרטען, זי זאָל לעבען פֿיעל לענגער, האָט ער געקריגען אַ קונה אויף דעם הויז, בתנאי ער זאָל פֿערזיכערן זיין לעבען אויף דערזעלביגער סומע, וואָס ער האָט געקריגען איינגעצאָהלט, און אין פֿאַל אויב ער וועט שטאַרבען פֿריהער, זאָל דאָס פֿערזיכערונגס־געלד געהערן צו דעם קויפֿער פֿון דעם הויז. און אַזוי האָט עס ווירקליך פּאַסירט.

וועלכע האָט אויפגעפּאַסט אויף איהם, ווי אַן אייגענע מוטער, ביז צום לעצטען טאָג פון זיין לעבען.

דער טויט איז געקומען אונערוואַרטעט. דעם 23טען מאַי, 1856, האָט זיך איהם געמאַכט א געשוויר אויפ׳ן האלז (עס זאָל האָבען געקומען פון א גיפטיגען ביס פון א פליעג), וועלכע האָט פערראורזאַכט בלוט־פערגיפטונג, און ער איז געשטאָרבען דעם 25טען יוני, 1856, אום 6 אוהר אבענדס, אין אַלטער פון 49 יאָהר און 8 מאָנאַט.

---

**זיינע איבערגעבליבענע שריפטען זיינען איבערגעגאַנגען אין** בעזיץ פון לודוויג בוהל, וועלכער האָט געלעבט אין אָרימקייט און צוריקגעצויגענקייט ביז ארום דעם יאָהר 1880, ווען מען האָט איהם איין פריהמאָרגען געפונען א טויטען ביי זיין שרייבטיש. צוזאַמען מיט זיינע אייגענע שריפטען זיינען אויף שטירנער׳ס געבליבענע שריפטען געגאַנגען פערלאָרן און זיכער שוין לאַנג פערניכטעט געוואָרן אויף אייביג.

י. א. מ.

# איינלייטונג.

דאָס בוך „דער איינציגער און זיין אייגענטום“, וואָס ליעגט דאָ פאר׳ן לעזער, איז אַ מערקווירדיג ווערק אין מעהר ווי איין זין. ערשטענס האָט עס אַ מערקווירדיגע געשיכטע. אין 1844 ערשיינט אַ בוך פון אַ כמעט־אונבעקאַנטען פּערפאסער, וואָס רופט ארויס אַ געוואַלדיגען טומעל צווישען די ראַדיקאַלסטע דענקער פון זיין צייט. אַלע רעדען וועגען איהם; אַלע פיהלען זיך אַנגעגריפען פון איהם; אַלע נעהמען זיך איהם קריטיקירען: קיינער אָבער דערגעהט איהם ניט ביז׳ן גרונד, קיינער שלאָגט ניט אַב זיין שאַרפען אַנאַליז, און באַלד ווערן אַלע ענטשוויגען און דאָס בוך ווערט פערגעסען. פופציג יאָהר מעהר אָדער ווייניגער וואַלגערט זיך אָט אַזוי דאָס בוך אין דעם שטויב פון די ביבליאָטעקען און קיינער, אַ חוץ אַ איינצעלנער דענקער אָדער אַ געשיכטס־שרייבער, דערמאָנט אפילו זיין נאָמען ניט. מיט איין מאָל ווערט דערוועקט אַ אינטערעס אין דעם בוך. רעקלאַמ׳ס פערלאַג גיט ארויס אַ ביליגע אויסגאַבע און עס ווערט פערשפּרייט אין די טויזענדער. עס קומען ארויס איבערזעצונגען פון דעם בוך כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען. עס ערשיינען אייניגע גרויסע און סימפּאַטישע אָבהאַנדלונגען פון בעקאַנטע געלעהרטע איבער דעם בוך, אַ חוץ מעהרערע אַרטיקלען אין די פּעריאָדישע שריפטען. קורץ, „דער איינציגער און זיין אייגענטום“ איז אויפגעשטאַנען תחית המתים.

די צווייטע מערקווירדיגקייט און איינציגקייט פון׳ם בוך בעשטעהט טאַקע אין זיין אינהאַלט גופא. זיין טהעזיס איז די אויפקלערונג און בעגרינדונג פון דעם עגאָיזם; אָבער ווי שאַרפזיניג די דאָזיגע אידעע זאָל ניט זיין פערטיידיגט אין דעם ווערק, איז זי ניט מעהר מערקווירדיג איידער די פערטיידיגונג פון פיעלע אַנדערע ריכטיגע אָבער איינזייטיגע פּרינציפּען. די הויפּט מערקווירדיגקייט איז זיין אונערהערטע אפּיקורסות. טויזענדע יאָהרען זיינען מענשען געוועזען פערקנעכטעט צו געטער, גלויבענס, אמונות, וועלכע האָבען רעגירט איבער דעם מענשענ׳ס לעבען, אי־

בער זיין האנדלען און וואנדלען. מיט מיה און מאטערניש האבען זיך אין פערלויף פון די דורות דורכגעשלאגען אלערליי אפיקורסישע געדאנקען, וואס האבען דורכגעבראכען איין פעסטונג פון די געטער נאך דער אנדערער, ביז דער ראדיקאלער געדאנק האט „ווידער אויסגעפונען דעם מענשען און איהם דערהויבען צום העכסטען וועזען". דער גרעסטער אויפטהו פון דעם אפיקורסישען פראגרעס איז געוועזען, וואס ער האט מבטל געוועזען די וויכטיגקייט פון די שייכות'ן בין אדם למקום און האט אויפגעהויבען צו דער העכסטער מדרגה די שייכות'ן בין אדם לחבירו. די מענשהייט, די געזעל־שאפט און איהר מאראל, דאס פאלק און זיינע אינטערעסען, די בעגריפען פון רעכט און יושר, די פרייהייט, די גלייכהייט, די מענשען־ליעבע — אט די פעסטע טורעמס זיינען אויפגעבויט גע־ווארן אויף די חורבות פון די געטער און גלויבענס. דער ראדי־קאלער געדאנק האט געוואגט אפטמאל צו לייטערן די פסולת פון בין אדם לחבירו, צו קריטיקירען די געזעלשאפט־אינסטיטוציעס, דורכלופטערן די פערעלטערטע מאראל, גרינדליכער דעמאקראטיזי־רען דאס פאלקס־לעבען — אבער ארויפלעגען א האנד אויף דעם עצם פון די דאזיגע מענשליך־הייליגע שייכות'ן, מבטל זיין די היי־ליגקייט פון די בין אדם לחבירו־אידעאלען גופא, דאס האט קיינ־מאל קיינער אזוי ניט געוואגט ווי שטירנער!

„וואס מיר גוט, וואס מיר שלעכט!" שרייט אויס שטירנער. „איך בין ניט גוט, ניט שלעכט. ביידערליי האט פאר מיר קיין זין ניט. די ווארהייט, די פרייהייט, די הומאניטעט, די גערעכ־טיגקייט א. אז. וו. ווילען נאר איך זאל זיי דיענען. אויס מיט זיי! איבער מיר איז פאר מיר ניטא גארנישט!" — וואו און ווען אין דער געשיכטע פון דער מענשליכער ליטעראטור, פאר איהם אדער נאך איהם, האט ווער עס איז געוואגט ארויסצוזאגען אזוי־נע עקסטרעמע אפיקורסישע געדאנקען? דער ראדיקאלסטער געדאנק פון דער אלטער וועלט האט גענרייכט פון איין זייט צו דעם העדאניזם פון עפיקור, און פון דער אנדער זייט צו דעם פעסי־מיסטישען „הכל הבל" פון קהלת. דער איינציגער גרויסער אפיקורס נאך שטירנער'ן — פריעדריך ניעטצשע, וועלכער האט מיט זיין געוואגטער איבערשאצונג פון אלע ווערטהען דערמאנט די וועלט אן שטירנער'ן און בייגעטראגען צו זיין ווידעראויפלעבונג —

זוכט צו פערטילינען פון דער ערד די מאָראַל פון די שוואַכע מיט די שוואַכע אינאיינעם, כדי אויף זייער אָרט אויפצושטעלען דעם שטאַרקען, דעם איבער מענשען, מיט דער מאָראַל פון דעם שטאַרקען. און ער שטעלט אויף אַ נייעם אידעאַל פאַר אונז — דעם אידעאַל פון זעלבסט־פערניכטונג, כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר דעם דאָזיגען איבערמענשען, דעם אמת'ן בחיר היצורים. שטירנער איז דער איינציגער ,וואָס בויגט ניט זיין קאָפּ, ניט פאַר דער פערגאַנגענהייט, ניט פאַר דער צוקונפט; וואָס לייקענט אין יעדער מאָראַל און מאַכט צונישט יעדען אידעאַל; וואָס אידעאַליזירט אפילו ניט דעם אמת'ן עגאָיסט אַליין, ווייל „יעדער מענש טהוט וואָס ער קאָן און קאָן ניט זיין אַנדערש ווי ער איז".

„דער איינציגער און זיין איינענטום" רעכענט זיך אויף פאַר אַ קלאַסיקער פון אַנאַרכיזם, דערמיט וואָס ער פערניכטעט מיט זיין שאַרפער קריטיק די געוואַלט פון שטאַאַט און געזעץ, ווי בכלל יעדע פאָרם פון הערשאַפט איבער דעם איינצעלנעם. דער אַנאַרכיסט אָבער, וואָס וועט זיך קוויקען שלינגענדיג די פערעלדיגע ווערטער פון דעם טיעפזיניגען קריטיקער, וועט באַלד זיך אָנהויבען שטיקען מיט דעם פעך און שוועבעל, וואָס דער גרעסטער אפּיקורס פון אַלע צייטען גיסט אויס אויף יעדען אידעאַל, דעם אַנאַרכיסטישען ניט אויסגעשלאָסען. „פ אַ ל ק הייסט דער קערפער, ש ט אַ אַ ט הייסט דער גייסט פון יענער ה ע ר ש ע נ ד ע ר פ ע ר ז אָ ן, וועלכע האָט מיך פון אייביג אָן אונטערדריקט" — זאָגט שטירנער. און ער זעצט פאָרט: זיי זאָגען: דו זאָלסט זיין אַ נאַנצער, אַ פרייער מענש. אָבער דערמיט פּראָקלאַמירען זיי אַ נייע ר ע ל י נ י אָ ן, אַ נייעם אַבסאָלוט, אַ אידעאַל פון פרייהייט. וואָרים דאָס רעליגיעזע בעשטעהט אין דער אונצופריעדענהייט מיט דעם געגענוווערטיגען מענשען, ד. ה. אין דעם אויפשטעלען אַ „פ אָ ל ק אָ מ ע נ ה י י ט", צו וועלכער מען דאַרף שטרעבען, אין אויפבויען אַ א י ד ע אַ ל. און אַזוי קאָנען נאָך אויסוואַקסען מ י ס י אָ נ ע ר ע ן פון פרייהייט, פונקט ווי דאָס קריסטענטום האָט געשאַפען מיסיאָנערען פון גלויבען; די פרייהייט קאָן זיך נאָך קאָנסטיטואירען, ווי די קירך, אַלס א נייע געמיינדע און פון איהר אַרויס אָנטרייבען דיזעלביגע „פּראָפּאַגאַנדא."

שטירנער לאָזט ניט דורך קיין געזעלשאַפטליכען בעגריף,

אויף וועלכען ער ווענדט ניט אָן זיין שארפען מעסער פון קרי־טיק: שטאאט, רעכט פליכט, געזעץ, פרייהייט, איינענטום א. אז. וו. ווערן צעגלידערט און ארויסגעשטעלט אין זייער נאקעטקייט און אינהאלטסלאָזינקייט. זיין אנאליז דרינגט דורך ווי א רענטגען־שטראהל דעם דיקען איבערבוי פון די דאָזיגע בעגריפען און ברענגט ארויס א שאָטען־בילד פון דעם אָבערגלויבען, וואָס ליעגט אין גרונד פון אונזערע איבערציינונגען וועגען זייער ווערטה און נויטווענדיג־קייט. ער דעסטילירט ארויס פון זיי זייער קווינט־עסענץ — געט־ליבקייט, קריסטליבקייט, הייליגקייט — און לייזט איהם אויף: ער „פערצעהרט דעם לחם הפנים און ווערט פטור פון איהם"... ער געפינט, אז „דער שטאאט האָט דעם צוועק צו ק ר י ס ט י א נ י ז י־ר ע ן דאָס פאָלק". „אַלץ, וואָס איז נוגע דעם פרינציפּ פון דער מאָראל, איז די זאך פון שטאאט". „ער שטעלט אויף ה י י ל י־גע פליכטען". „דאָס געזעץ איז ה י י ל י ג". „שטראָף האָט נאָר א זין אלס אַן אָבקומעניש פאר דער פערלעצונג פון עפּעס ה י י ל י ג ע ס". „פרייהייט איז א ק ר י ס ט ל י כ ע ר בעגריף". „איינענטום אין בירגערליכען זין בעטייט ה י י ל י ג ע ס איינענ־טום".

דער פערפאסער לעגט אויף אונטער'ן מעסער די דריי רעוואָ־לוציאָנערע ריכטונגען פון זיין צייט, דעם פּאָליטישען, סאָציאלען און הומאנעם ליבעראליזם, און בעווייזט ווי דער הייליגער גייסט, דער רוח, דער געשפּענסט, איז אין זיי געבליבען שטעקען צו בע־צווינגען און פערקנעכטען דעם איינצעלנעם. דער פּאָליטישער ליבעראליזם האָט אָבגעשאפט די אונגלייכהייט צווישען די הארען און די דיענער, ער האָט געמאכט די מענשען ה א ר ר ע נ ל אָ ז: דער הארר איז אָבער פערוואנדעלט געוואָרן אין דעם געשפּענסט געזעץ אָדער שטאאט. דער סאָציאלער ליבעראליזם האָט אָבגע־שאפט די אונגלייכהייט פון בעזיץ, פון אָרים און רייך: דאָס איי־גענטום אָבער איז אָבגעצווינגען געוואָרן פון דעם איינצעלנעם און איבערגעגעבען געוואָרן אין די הענד פון דער געשפּענסטישער געזעל־שאפט. דער הומאנער ליבעראליזם מאכט די מענשען גאָטלאָז, אַטעאיסטיש; אָבער אנשטאט דעם גאָט פון'ם איינצעלנעם, ווערט דערהויבען דער גאָט פון אַלעמען, ד ע ר מ ע נ ש אין אבסטראקט. עס איז אין עצם גאָרנישט אומגעביטען געוואָרן: „אזוי ווי דער

הארר לעבט ווידער אויף אַלס שטאַאט, בעווייזט זיך ווידער דער דיענער אַלס אונטערטאַן; אַזוי ווי דער בעזיץ געהט איבער אין געזעלשאַפטס־אייגענטום, ווערט די זאָרג געבוירען פון דאָס ניי אַלס אַרבייט; און אַזוי ווי דער גאָט ווערט אַ פּאַראַוּרטייל אַלס מענש, שטעהט אויף אַ נייער גלויבען — דער גלויבען אין דער מענשהייט אָדער אין פרייהייט“.

דער אפיקורס איז בטבע גענייגט אַריבערצוכאַפּען די מאָס, צו איבערטרייבען אויף דער אַנדער זייט, צו איבערזאַלצען און איבערפעפערן; און אַזוי געפינען מיר אין אָט דעם בוך פּיעלעס: וואָס שאַקירט אונז, וואָס מאַכט אונז אויפּציטערן הדרך דער פּאַראַדאָקסאַלער פאָרם פון אויסדרוק און פּרימיטיווער אונדער־שראָקענקייט פון בעהאַנדלונג. „דער אונטערגאַנג פון די פעלקער און דער מענשהייט וועט מ י ך איינלאַדען צום אויפגאַנג“. „וואָס קימערט מיך דאָס וואוילזיין פון כלל?“ „אַלץ, וואָס איז הייליג, איז אַ באַנד, אַ קייט“. „וואָס איך קאָן נעהמען מיט געוואַלט; נעהם איך מיט געוואַלט, און וואָס איך קאָן ניט נעהמען מיט געוואַלט, אויף דערויף האָב איך ניט קיין רעכט“. „איך וויל ניט די פרייהייט, וויל ניט די גלייכהייט פון מענשען; איך וויל נאָר מ י י ן מאַכט איבער זיי, וויל זיי מאַכען פאַר מיין אייגענטום. און געלינגט עס מיר ניט, דאַן... ענטזאַג איך מיר נישט אפילו פון דער מאַכט איבער לעבען און טויט“.

אין עצם אָבער זיינען די בייזע אפיקורסים אויף גאַנץ וואוילע מענשען, ניט ערגער איידער די אַזוי אָנגערופענע „גוטע“. אַפילו דער עקסטרעמער עגאָיסט, וועלכער שרייט, אַז איהם קימערט ניט דאָס וואוילזיין פון כלל, קאָן אויך ניט אַרויסקריכען פון זיין אייגע־נער הויט; און זיין הויט שליסט איין אַן אַלטע, אַלטע ירושה פון אַלטרואיסטישע געפיהלען, וועלכע בעוועגען איהם אָפּטמאָל זיך ממית צו זיין צוליב דעם וואוילזיין פון כלל. שטירנער, וועל־כער פּייפט אויף די גאַנצע וועלט און שרייט אויס: „טויט איז דאָס פאָלק, לעבען זאָל איך!“, וואָלט פונדעסטוועגען אוועקגעגע־בען זיין לעבען, מען זאָל זיך נאָר צוהערן צו זיין פּייפען... ער זאָגט: „איך קאָן פאַר דעם אַנדערן איינשטעלען מיין לעבען, מיין וואוילזיין, מיין פרייהייט. דאָס שטעלט דאָך צוזאַמען מיין פער־גניגען און מיין גליק, זיך מחיה צו זיין מיט זיין גליק און זיין

פערגניגען". און ווייטער: „איך ליעב אויף די מענשען — ניט בלויז איינצעלנע, נאר יעדען איינעם. אָבער איך ליעב זיי מיט דעם בעוואוסטזיין פון עגאָיזם; איך ליעב זיי, ווייל די ליעבע מאכט מ י ך גליקליך; איך ליעב, ווייל עס איז נאטירליך פאר מיר צו ליעבען, ווייל עס בעפריעדיגט מיך".

פיעל אנדערש, אין גרונד גענומען, זאָגט אויך ניט דער אלטרו־איסט. ער בעהויפּטעט אויך ניט מעהר, ווי אז עס איז נ א ט י ר־ל י ך פאר'ן מענשען צו ליעבען דעם אנדערן, אז א מענש איז זיך מחיה מיט דעם אנדערנס גליק און פערגניגען און עס מאכט איהם אליין גליקליך. דער חילוק איז נאָר אין שטעלען דעם טראָפּ: דער עגאָיסט זאָגט, „איך ליעב זיי, ווייל די ליעבע מאכט מ י ך גליקליך"; דער אלטרואיסט זאָגט, „איך ליעב זיי, ווייל די ל י ע ב ע מאכט מיך גליקליך". שטירנער דערשמעקט גלייך אין דעם אונטערשטראָכענעם וואָרט „ליעבע" א הייליגקייט, א אידעאל, און פּאָלגליך א ג ע ב אָ ט, שטרייכט ער דעריבער אונטער דעם „מיך". די וויסענשאפטליכע פּאָזיציע — אויף וועלכער קראָפּאָט־קין, למשל, בעגרינדעט די אנארכיסטישע מאָראל — פערוואַרפט אינגאנצען די בעוואוסטזיניגע „מתן שכרו בצדו"־דערקלערונג און שטרייכט ניט אונטער, ניט די ליעבע, ניט דעם מיך, נאָר בעהויפּ־טעט: איך ליעב זיי, ווייל איך קאָן אנדערש ניט, ווייל עס איז נאטירליך פאר מיר צו ליעבען דורך א אונבעוואוסטזיניגען טריעב, וואָס שטאמט פון מיין מיטגעבוירענעם סאָציאלען אינסטינקט.

אין זיין אייפער צו צערברעכען אלע געצען און אויסראָטען אלע הייליגקייטען, אונטערשעצט שטירנער די וויכטיגקייט פון די פערהייליגטע אידעאלען פאר'ן מענשליכען פּאָרטשריט. דער מענשליכער פּאָרטשריט אַן און פאר זיך מעג איהם טאקע אלס עגאָיסט גאָר ניט אהרען; מען דארף אָבער ניט פערגעסען, אז מיין פּאָרטשריט אלס איינצעלנער הענגט זעהר פיעל אָב פון דעם אלגע־מיינעם פּאָרטשריט. זעלבסט־בעהויפּטונג איז געוויס די אַקס, ארום וועלכער עס דרעהט זיך דער ראָד פון פּראָגרעס, די איינגע־נוצען זיינען אָבער ניט די איינציגע קרעפטען, וואָס דרעהען דעם ראָד; די מאָטיווען פון ליעבע, פון גערעכטיגקייט און יושר האָ־בען א גרויסען חלק אין דער בעוועגונג פון געזעלשאפטליכען לעבען. נעהמט מען אָן, אז מאַכט בערעכטיגט צו אַלץ און „וואָס איך קאָן

ניט נעהמען מיט געוואלט, אויף דערויף האָב איך ניט קיין רעכט", רייסט מען דערמיט ארוים מיט'ן וואָרצעל דעם הויפּט־מאָטיוו פון יעדען אויפשטאנד איינצופיהרען פערבעסערונגען — דעם מאָטיוו פון דעם פערגוואלטיגטען געפיהל פון יושר. אויב רעכט איז ווירק־ליך נישט מעהר ווי מאכט, קאָן מיין האַרץ ניט אויפגעקאָכט ווערן פון קיין געוואלד־טהאט פון דעם מעכטיגען, און אלץ וואָס איך קאָן טהאָן, איז שטעלען מיין מאכט אנטקעגען זיינע. שטירנער זעהט ריכטיג איין די לאָגיק פון דער לאַגע און שרעקט זיך ניט אָב פון דער בעהויפּטונג: „דערמיט ווערט דערקלערט דער קריעג פון אלעמען אנטקעגען אלעמען"!

דער צוועק פון דעם עגאָיסט איז אָבער ניט דער שטענדיגער קריעג, נאָר די גלייכגעוויכט, וואָס מוז דערפון ארויסקומען. שטירנער געפינט די דאָזיגע גלייכגעוויכט אין דעם „פעראיין פון עגאָיסטען", אין וועלכע יעדער איינער גיט פרייוויליג אָב א טייל פון זיין פרייהייט, כדי צו געניסען די נוצען פון פעראייניגונג. ער מאכט די גאַנץ ריכטיגע בעמערקונג, אז פּונקט אזוי ווי די רייכע זיינען שולדיג, פאַר וואָס עס זיינען פאַראַן אָרימע, אזוי זיינען די אָרימע שולדיג, פאַר וואָס עס זיינען פאַראַן רייכע; און לאָזט אונז ציהען דעם שלוס, אַז די שוואכע קאָנען זיך פעראייניגען אנטקעגען דעם שטאַרקען און — מיר וואָלטען געזאָגט: פאָדערן זייער רעכט; שטירנער זאָגט: ארויסאיבען זייער מאכט. ער איז אויך רעוואָלוציאָנער גענוג צו בעהויפּטען, אז „די אָרימע ווערן פריי, און ווערן איינענטימער נאָר ווען זיי מאכען אַן אויפשטאנד, העבען זיך אויף און דערהויבען זיך". ער שטעלט אָבער ניט אויף קיין אידעאַל פון א צוקינפטיגער געזעלשאפט. ער זאָגט: „מען וועט פרעגען, וואָס וועט דאַן זיין, ווען די בעזיצלאָזע וועלען קריגען מוטה? וואָס פאַר א מין אויסגלייכונג וועט דאַן ווערן? — איהר קאָנט אזוי גוט פערלאַנגען פון מיר, איך זאָל אייך פאָראויסזאָגען דעם מזל פון א ניי־געבוירענעם קינד. וואָס א שקלאף וועט טהאָן, נאָכדעם ווי ער האָט צעבראָכען זיינע קייטען, דאָס מוז מען — אָבוואַרטען".

שטירנער'ס גרויסער פערדיענסט בעשטעהט דערהויפּט אין דעם, וואָס ער העלפט דעם מענשען צעברעכען אזויפיעל קייטען. און ווען אפילו מיר קאָנען מיט איהם ניט איינשטימען, אז יעדע

היילינקייט איז א קייט; ווען אפילו זיין שווערער האמער, מיט וועלכען ער שלאגט אזוי מעכטיג אויף אונזערע קייטען, רייסט אפטמאל אב אויך א שטיק לעבעדיג פלייש — ווען אפילו זיין מוטהיג פייפען אויף אלע אונזערע אידעאלען און היילינטימער גרילצט אונז אזוי שארף אין די אויערען — מוזען מיר דאך בע־טראכטען „דעם איינציגען און זיין אייגענטום" פאר איינעם פון די גייסטרייכסטע אויפקלערונגס־ווערק פון דער גאנצער וועלט־ליטע־ראטור, און דעם פערפאסער — פאר איינעם פון די גרויסע וואהל־טהעטער פון דער מענשהייט.

דר. י. א. מעריסאן.

---

אין דער איבערזעצונג פון'ם בוך האב איך געזוכט אויף ווי ווייט מעגליך ניט צו ענדערן דעם פערפאסער'ס אייגענארטיגען סטיל און האף, אז עס איז מיר געלונגען איבערצוגעבען אין אידיש די מעהרסטע פון זיינע ווארט־שפיעלען, מיט וועלכע ער בענוצט זיך אזוי אפט אין טעקסט.

אין איניגע שטעלען, וואו דער פערפאסער פאלעמיזירט מיט די פערטרעטער פון אנדערע ריכטונגען און גיט זיינע ערווידערונגען אויף זייערע ארגומענטען, האב איך מיר ערלויבט פונאנדערטיילען זייערע רייד פון זיינע דורך אבזאץ־שטריכען אין דער פארם פון א דיאלאג. אט די קליינע ענדערונג העלפט, אין מיין מיינונג, קלערער ארויסצוברענגען דעם זין פון ויכוח און שאפט אב א זאנסטיגע מעג־ליכקייט צו טומלען זיך אין פשט. אין אנדערע ערטער, וואו עס האט זיך געפאדערט א דערקלערונג פון אן אויסדרוק דורך א צו־געשטעלטען ווארט, האב איך אזוינע ווערטער איינגעשלאסען אין עקיגע קלאמערן [ ] צו בעצייכענען, אז זיי זיינען ניט דעם פער־פאסער'ס.

י. א. מ.

# דער איינציגער און זיין אייגענטום

# איך האָב מיין זאַך געשטעלט אויף גאָרנישט

אַלץ וואָס איהר ווילט נאָר, דאַרף זיין מיין זאַך ! קודם יערע גוטע זאַך, דאַן די זאַך, וואָס איז נוגע גאָט, די זאַך פון דער מענשהייט, פון וואַרהייט, פרייהייט, הומאַניטעט, גערעכטיגקייט; ווייטער קומען די אינטערעסען פון מיין פאָלק, מיין קיניג, מיין פאָטערלאַנד; ענדליך גאָר די אנגעלעגענהייטען פון גייסט, און טויזענד אַנדערע זאַכען. נאָר מ י י נ ע אינטערעסען דאַרפען קיינמאָל ניט זיין מיין זאַך. „פע, דער עגאָיסט, וואָס טראַכט נאָר וועגען זיך!"

לאָמיר דעריבער זיך צוקוקען, ווי זיי, פון וועמעס וועגען מיר דאַרפען אַרבייטען, זיין איבערגעגעבען און ווערן בעגייסטערט, בענעהען זיך אַליין מיט ז י י ע ר זאַך.

איהר ווייסט אַ סך גרינדליכע פּונקטען צו דערצעהלען וועגען גאָט; איהר האָט פאַר טויזענדער יאָהרען „אויסגעפאָרשט די טיעפענישען פון דער גאָטהייט" און אַריינגעקוקט איהר אין האַרצען, אַזוי אַז איהר קאָנט אונז אודאי זאָגען, ווי גאָט אַליין פיהרט אָן די „זאַך גאָט'ס", וועלכער מיר זיינען בערופען צו דיענען. און איהר פערבעהאַלט דאָך טאַקע ניט די מעשים פון דעם רבש"ע. איז; וואָס איז זיין זאַך? האָט ער פרעמדע אינטערעסען, ווי מען פאָדערט אַז מ י ר זאָלען עס האָבען, — האַלט ער די אינטערעסען פון דער וואַרהייט, פון ליעבע, פאַר זיינע אייגענע אינטערעסען? אייך ערגערט אַזאַ מיספערשטענדניס, און איהר גיט אונז צו פערשטעהן, אַז גאָט'ס אינטערעסען זיינען גאַנץ געוויס די אינטערעסען פון וואַרהייט און ליעבע, נאָר אַז די דאָזיגע אינטערעסען קאָנען ניט אָנגערופען ווערען פרעמדע צו איהם, ווייל גאָט איז דאָך אַליין די וואַרהייט און ליעבע. אייך ערגערט דער געדאַנק, אַז גאָט קאָן זיין גלייך צו אונז אָרימע ווערים, דערמיט וואָס ער וועט בעהעלפען אַ

פרעמדע זאך גלייך ווי זיין אייגענע. „זאל דען גאט זיך אננעהמען פאר דער ווארהייט, ווען ער אליין וואלט ניט געווען די ווארהייט“? ער זארגט נאר פאר זיין זאך, נאר אזוי ווי ער איז הכל אשר לכל (אלעס אין אלעמען), איז דעריבער אלעס זיין זאך. מיר אבער, מיר זיינען ניט אלעס אין אלעמען, און אונזער זאך איז גאר קליינ־ליך און ניכטסווירדיג; דעריבער מוזען מיר דיענען א העכערע זאך“. — עס איז קלאר, הייסט עס, אז גאט קימערט זיך נאר וועגען דאס זייניגע, בעשעפטיגט זיך נאר מיט זיך, דענקט נאר וועגען זיך, האט נאר זיך אין אויג, און וועה צו דעם, וואס איז איהם ניט וואוילגעפעלען. ער דיענט ניט קיין העכערען פון איהם, און בעפריע־דיגט נאר זיך. זיין זאך איז א — ריין עגאיסטישע זאך.

ווי האלט עס מיט דער מענשהייט, וועמעס אינטערעסען מיר דארפען בעטראכטען ווי אונזערע? איז איהר זאך אפשר אזוינס, וואס איז נוגע אנאנדערען? און דיענט אפשר די מענשהייט א העכערער זאך? ניין, די מענשהייט קוקט נאר אויף זיך; די מענשהייט וויל נאר פערהעלפען די מענשהייט; די אינטערעסען פון דער מענשהייט איז די מענשהייט גופא. כדי זי זאל קאנען זיך ענטוויקלען, לאזט זי פעלקער און איינצעלנע מענשען זיך ארויס־שלאגען פון די כחות, דיענענדיג צו איהר; און ווען זיי האבען שוין געלייסטעט, וואס די מענשהייט ברויכט, דאן ווארפט זי זיי ארויס אויס דאנקבארקייט אויפ'ן מיסטקאסטען פון דער געשיכטע. איז ניט די זאך פון דער מענשהייט א — ריין עגאיסטישע זאך?

איך האב גאר ניט נויטיג צו בעווייזען, אז יעדערער וואס וואלט ארויפווארפען אויף אונז זיין זאך, זארגט זיך נאר וועגען זיך, ניט וועגען אונז, טראכט נאר וועגען זיין טובה, ניט וועגען אונזערע. טהוט נאר א קוק אויף די איבעריגע. בעגעהרט דען די ווארהייט, די פרייהייט, די הומאניטעט, די גערעכטיגקייט עפעס אנדערעס, ווי נאר אז איהר זאלט ווערן ענטוזיאסטיש און זיי דיענען? זיי פיהלען זיך אלע אויסגעצייכענט גוט, ווען מען גיט זיך איבער צו זיי מיט לייב און לעבען. בעטראכט נאר דאס פאלק, וואס ווערט בעשיצט פון געטרייע פאטריאטען. די פאטריאטען פאלען אין דער בלוטיגער שלאכט, אדער אין דעם קאמף מיט הונגער און נויט; וואס אהרט דאס דעם פאלק? דאס פאלק ווערט, דורך דער בעמיסטיגונג פון זייערע טויטע קערפער, א „בליהענד פאלק“! די איינצעלנע זיינען

„פאר דער גרויסער זאך פונ'ם פאלק" געשטארבען, און דאס פאלק שיקט זיי צו עטליכע דאנק־ווערטער און — האט דעם פראפיט דערפון. דאס הייסט ביי מיר אן עגאיזם, וואס בעצאהלט זיך.

אבער קוקט נאר אן יענעם סולטאן, וואס זארגט מיט אזוי פיעל ליעבע פאר „די זייניגע". איז ער ניט די ריינע אונאייגענ־נוציגקייט אליין? און אפפערט ער זיך ניט אלעווייל פאר זיינע מענשען? יא, יא, פאר „זיינע". פרוביר נאר אמאל און שטעל זיך ארויס ניט ווי זיינער, נאר ווי דיינער: דו ווערסט דערפאר, וואס דו האסט זיך אוועקגעצויגען פון זיין עגאיזם, אריינוואנדערן אין תפיסה. דער סולטאן האט זיין זאך געשטעלט אויף גארנישט, ד. ה. נאר אויף זיך: ער איז זיך אלעס אין אלעמען, ער איז זיך דער איינציגער, און פערליידט קיינעם ניט, וואס האט די העזה ניט צו זיין איינער פון „זיינע".

און איהר ווילט ניט לערנען פון אט די גלענצענדע ביישפיע־לען, אז דעם עגאיסט געהט עס אמבעסטען? איך, פון מיין זייט, נעהם זיך אראב א מוסר השכל פון דעם און וויל, אנשטאט ווייטער צו דיענען אונאייגענגוציג יענעם גרויסען עגאיסט, בעסער אליין זיין דער עגאיסט.

גאט און די מענשהייט האבען זייער זאך געשטעלט אויף גארנישט, אויף קיין אנדער זאך ניט, נאר אויף זיך. לאמיך דעריבער מיין זאך פונקט אזוי שטעלען אויף זיך; איך בין, אזוי גוט ווי גאט, גארנישט אויסער איך, איך בין מיין אייגענער אלעס, איך בין פאר זיך דער איינציגער.

אויב גאט, אויב די מענשהייט, ווי איהר פערזיכערט, האט גענוג אנהאלט אין זיך, כדי צו קאנען זיין פאר זיך אלעס אין אלעמען, דאן שפיהר איך, אז מ י ר וועט א סך ווייניגער פעהלען פון דעם דאזיגען אינהאלט, און אז איך וועל זיך גאר ניט דארפען בעקלאגען וועגען מיין „פוסטקייט". איך בין ניט גארנישט אין דעם זין פון פוסטקייט, נאר דאס בעשאפענדע גארנישט, פון וועלכען איך אליין, אלס בעשאפער, שאף אלעס.

אוים זאל זיין דעריבער מיט יענער זאך, וועלכע איז ניט גאר איגגאנצען מיין זאך! איהר מיינט, אז מיין זאך מוז ווענינגסטענס זיין די „גוטע זאך", וואס מיר גוט, וואס שלעכט! איך בין דאך

זעלבסט מיין זאך, און איך בין ניט גוט, ניט שלעכט. ביידערליי האָט פאר מיר קיין זין ניט.

דאָס געטליכע איז גאָט'ס זאך, דאָס מענשליכע איז די זאך פון „דעם מענשען". מיין זאך איז ניט דאָס געטליכע און ניט דאָס מענשליכע, איז ניט דאָס אמת'ע, גוטע, גערעכטע, פרייע א. אז. וו. נאָר בלויז דאָס מ י י נ י ג ע, און זי איז ניט קיין אלגעמיינע, נאָר זי איז — א י י נ צ י ג, ווי איך בין איינציג.

איבער מיר איז פאר מיר ניטאָ גאָרנישט !

ערשטע אבטיילונג

# דער מענש

דער מענש איז דאָס העכסטע וועזען פאַר דעם מענשען, זאָגט פויערבאַך.

דער מענש איז ערשט איצטער אויסגעפונען געוואָרן, זאָגט ברונאָ בויער.

איז לאָמיר גענויער אַ קוק טאָן אויף אָט דעם העכסטען וועזען און אויף אָט דער נייער ערפינדונג.

I.

# אַ מענשענ'ס לעבען.

פון דעם אויגענבליק אָן, וואָס ער דערבליקט דאָס ליכט פון דער וועלט, זוכט דער מענש זיך ארויסצוגעפינען און זיך צו געווינען פון איהר ווירוואר, אין וועלכען ער ווערט אויף אַלע אופנים ארומגעשליידערט צוזאמען מיט אַלע אנדערע.

פון דער אנדער זייט ווידער וועהרט זיך אַלץ, וואָס קומט אין בעריהרונג מיט'ן קינד, אנטקעגען זיין אָנגריף, און שטעלט זיך איין פאר דעם אייגענעם קיום.

בכן, ווייל אַ יעדער בעשטעהט אויף דאָס זייניגע און קומט צוגלייך אין שטענדיגען צוזאמענשטויס מיט אנדערע, איז דער קאמפף פאר זעלבסטבעהויפּטונג אונפערמיידליך.

זיעגען אָדער פאלען — דער מזל פונ'ם קאמפף וויעגט זיך צווישען דיביידע פעלען. דער זיעגער ווערט דער האַרר, דער געפאלענער — דער אונטערטאַן: יענער ווענדט אָן די הויכקייט און די „רעכט פון הויכקייט", דער איז מקיים מיט עהרפאָרכט און רעספעקט די „פליכטען פון אונטערטאַנען".

אָבער ביידע בלייבען שונאים און ליעגען תמיד און לויערן: יעדערער לויערט אויף דעם אנדערענ'ס שוואכקייט, די קינדער אויף דער שוואכקייט פון די עלטערן און די עלטערן אויף דער שוואכקייט פון די קינדער (צ. ב. ש. זייער פחד); ענטוועדער דער שטעקען איז מנצח דעם מענשען, אָדער דער מענש איז מנצח דעם שטעקען.

אין קינדהייט נעהמט די בעפרייאונג אָן די ריכטונג פון וועלען צוקומען צום גרונד פון די זאכען אָדער „הינטער די זאכען": דעריבער זוכען מיר ארויס ביי אַלעמען זייער שוואכקייט, אויף וואָס קינדער האָבען, ווי עס איז בעקאַנט, אַ זיכערען אינסטינקט; דעריבער צעברעכען מיר גערן, נישטערן גערן דורך פערבאָרגענע ווינקלען,

גריבלען זיך אין דאס, וואס איז פערדעקט און פעררוקט אין א זייט, און פרובירען זיך אלץ צו טהאן. זיינען מיר איינמאל דערגאנגען וואס עס שטעקט הינטער דעם, דאן פיהלען מיר זיך זיכער; ווען מיר האבען צ. ב. ש. אויסגעפונען, אז די רוט איז צו־שוואך אנט־קעגען אונזער עקשנות, האבען מיר פאר איהר מעהר קיין מורא ניט, זיינען מיר, הייסט עס, „ארויסגעוואקסען פון איהר".

הינטער דער רוט, שטארקער פון איהר, שטעהט אונזער — עקשנות, אונזער עקשנות'דיגער מוט. ביסלעכווייז קומען מיר הינטער אלץ, וואס איז אונז פריהער געווען ניט־היימליך און אונ־זיכער, הינטער דער מאכט פון דער רוט, וועלכע האט אויף אונז געווארפען אן אונהיימליכע אימה, הינטער דעם פאטער'ס שטרענגע מיענע און דערגלייכען; און מיר געפינען הינטער אלץ אונזער — רוה (אטאראקסיע), ד. ה. די ניט־אויפגערעגטקייט, ניט־דערשראָ־קענקייט, אונזער געגענגעוואלט, איבערמאכט, אונבעצווינגבארקייט. פון דאס, וואס האט אין אונז פריהער ארויסגערופען פארכט און רעספעקט, ציהען מיר זיך ניט מעהר שרעקעדיג צוריק, זאנדערן מיר פאסען מוטה. הינטער אלץ געפינען מיר אונזער מוטה, אונזער העכערקייט; הינטער דעם שטרענגען בעפעהל פון די עלטערן און אויטאריטעטען שטעהט, נאך אלעם דעם, אונזער מוטי־גער ווילען צו טהאן ווי אונז געפעלט, אדער אונזער מעהר־ביטרע קלונקייט. און וואס מעהר מיר דערפיהלען זיך, אלץ קלענער שטעלט זיך ארויס דאס, וואס האט פריהער זיך געדוכט אזוי אונ־בעזיעגבאר. און וואס איז אייגענטליך אונזער ביטרעקייט, קלוג־קייט, מוטה, ווידערשטאנד? וואס איז עס דען, אויב ניט — גייסט!

א לענגערע צייט נאכאנאנד פערשפארען מיר אנצופיהרען א קאמף, וועלכער מאטערט אונז שפעטער אזוי פיעל אויס — דעם קאמף אנטקעגען דער פערנונפט. די שעהנסטע קינדער־יאהרען געהען פאראיבער, ניט איינזעהענדיג די נויט פון ארומ־שלאגען זיך מיט דער פערנונפט. מיר קימערען זיך גאר ניט וועגען איהר, מיר לאזען זיך מיט איהר ניט אריין, מיר נעהמען די פערנונפט ניט אן. דורך איבערצייגונג קאן מען אונז צו גארנישט ניט בעוועגען, און מיר בלייבען טויב צו אלע גוטע ארגומענטען,

פרינציפען א. ד. ג. פערקעהרט, אנטקעגען גוטע רייד, בעשטראַ־פונגען און דערגלייכען איז אונז שווער אויסצוהאַלטען.

דער דאָזיגער ביטערער לעבענס־קאַמף מיט דער פערנונפט טרעט ערשט אריין שפעטער און הויבט אָן א נייע פאַזע: אין די קינדער־יאָהרען טומלען מיר זיך, אָבער גריבלען זיך ניט פיעל.

גייסט הייסט די ערשטע זעלבסט־ענטדעקונג, די ערשטע ענטגעטערונג פון דאָס געטליכע, ד. ה. פון דאָס שרעקענדע, פון די רוחות, די „אויבערשטע מעכטע“. אונזער פרישען יוגענד־געפיהל, אָט דעם זעלבסט־געפיהל, קאָן קיין זאך מעהר ניט אימפּאָ־נירען: די וועלט שטעהט א דיסקרעדיטירטע, ווארים מיר זיינען איבער איהר, מיר זיינען גייסט.

ערשט איצטער זעהען מיר איין, אז מיר האָבען ביז אהער גאָר ניט געקוקט אויף דער וועלט מיט גייסט, נאָר געגלאָצט אויף איהר מיט די אויגען.

אונזערע ערשטע כחות איבען מיר אויף די נאַטור־קרעפטען. די עלטערן אימפּאָנירען אונז אלס א נאַטור־קראַפט; שפעטער זאָגען מיר: פאָטער און מוטער דאַרף מען פערלאָזען, אלע נאַטור־קרעפטען דאַרף מען בעטראַכטען ווי געפּלאַצטע. זיי זיינען בעזיעגט. פאַר דעם פערנינפטיגען, ד. ה. „גייסטיגען מענשען“ איז ניטאָ קיין פאמיליע אלס נאַטורקראַפט: עס בעוויייזט זיך אָן אָבזאָגען זיך פון עלטערן, ברידער א. אז. וו. ווען זיי ווערן „וויעדער געבוירן“ אלס גייסטיגע, פערנינפטיגע קרעפ־טען, זיינען זיי דורכאויס ניט מעהר דאָס, וואָס זיי זיינען פרי־הער געוועזן.

און ניט נאָר די עלטערן ווערן בעזיעגט פון דעם יונגען מענשען, זאָנדערן די מענשען איבערהויפּט: זיי זיינען ניט קיין הינדערנים פאַר איהם און קומען ניט מעהר אין בעטראַכט; ווארים איצטער הייסט עס: מען מוז מעהר געהאָרכען גאָט איידער דעם מענשען.

אלץ וואָס איז „ערדיש“ וויייכט אוועק אונטער אָט דעם הויכען שטאַנדפּונקט אין דער נישטיגער ווייטקייט, ווארים דער שטאַנד־פּונקט איז — דער הימלישער.

די האַלטונג איז איצט אינגאַנצען א פערקעהרטע: דער יונגערמאַן נעהמט אָן א גייסטיגע פּאָזיציע, בעת דער אינגעל,

וואָס האָט זיך נאָך ניט געפיהלט אַלס גייסט, איז אויפגעוואַקסען אין אַ גייסטלאָזען לערנען. דער יונגערמאַן זוכט ניט תופס צו זיין די זאַכען (צ. ב. ש. אריינגעהמען אין קאָפּ די פאַקטען פון דער געשיכטע) נאָר די געדאַנקען, וואָס ליעגען פערבאָרגען אין די זאַכען, ד. ה. דעם גייסט פון דער געשיכטע; דער איינגעלראַנגען פערשטעהט טאַקע די צוזאַמענהאַנגען, אָבער ניט די אידעען, דעם גייסט; דעריבער שנירעלט ער אָן למודים אויף למודים, ניט נעהמענדיג זיך דערצו על פי שכל און טעאָרעטיש, ד. ה. ניט זוכענדיג קיין אידעען.

האָט מען אין דער קינדהייט געמוזט בייקומען דעם ווידערשטאַנד פון די וועלט־געזעצען, שטויסט מען זיך איצטער אָן, אין אַלץ וואָס מען וויל טהאָן, אויף די טענות פון גייסט, פון דעם שכל, פון דעם אייגענעם געוויסען. „דאָס איז ניט פערנינפטיג, ניט־קריסטליך, ניט פּאַטריאָטיש" און דערגלייכען, שרייט אין אונז דאָס געוויסען, און — שרעקט אונז אָב דערפון. מיר האָבען קיין מורא ניט פאַר דער מאַכט פון די אוימענידען (די ראַכע־געטינס), ניט פאַר דעם צאָרן פון פּאָסעידאָן (דעם גייסט פון ים), ניט פאַר גאָט, ווי ווייט ער זאָל ניט זעהן דאָס פערבאָרגענע, ניט פאַר דעם פּאָטער׳ס שטראָף־רוט, נאָר — פאַר׳ן געוויסען.

מיר זיינען איצטער „פּאַרטאָן מיט אונזערע געדאַנקען" און פאָלגען אַזוי גוט זייערע געבאָט, ווי מיר האָבען פריהער געפאָלגט די עלטערנ׳ס, די מענשליכע געבאָט. אונזערע טהאַטען ווערן דירעקטירט לויט אונזערע געדאַנקען (אידעען, פאָרשטעלונגען, גלויבען), אַזוי ווי אין דער קינדהייט זיינען זיי דירעקטירט געוואָרן לויט די בעפעהלען פון די עלטערן.

אמת, אַלס קינדער האָבען מיר שוין אויך געדענקט, אָבער אונזערע געדאַנקען זיינען ניט געווען קיין רוחניות׳דיגע, אַבסטראַקטע, אַבסאָלוטע, ד. ה. בלויזע געדאַנקען, אַ הימעל פאַר זיך, אַ ריינע געדאַנקען־וועלט, לאָגישע געדאַנקען.

אין געגענטייל, דאָס זיינען נאָר געווען געדאַנקען, וואָס מיר האָבען פּאָרמירט וועגען אַ זאַך: מיר האָבען געדענקט, אַז די זאַך איז אַזוי אָדער אַזוי. אמת, מיר האָבען טאַקע געדענקט: די וועלט, וואָס מיר זעהען דאָ, האָט גאָט געמאַכט; אָבער מיר האָבען ניט געדענקט (דערפאָרשט) די „טיעפעניש פון דער גאָט־

הייט גופא". מיר האָבען טאַקע געדענקט: „דאָס איז דער אמת וועגען דער זאַך", אָבער מיר האָבען ניט געדענקט וועגען דער אמת'קייט אָדער דעם אמת גופא, און האָבען ניט פערבונדען אַלס איין זאַץ „גאָט איז די וואַרהייט". די „טיעפענישען פון דער גאָטהייט, וועלכע איז די וואַרהייט" האָבען מיר ניט אָנגעריהרט. אויף אַזעלכע ריין לאָגישע, ד. ה. טעאָלאָגישע פראַגען: „וואָס איז וואַהרהייט?" שטעלט זיך פּילאַטוס ניט אָב, הגם ער האַלט זיך פונדעסטוועגען ניט אָב אין אַן איינצעלפּאַל אויסצוגעפינען „וויפיעל אמת עס שטעקט אין דער זאַך", ד. ה. צי די זאַך איז אמת.

יעדער געדאַנק, וואָס איז געבונדען צו אַ זאַך, איז נאָך ניט בלויז אַ געדאַנק, אַן אבסאָלוטער געדאַנק. ענטדעקען אָדער דיענען דעם ריינעם געדאַנק — דאָס איז די לוסט פון דער יוגענד, און אַלע ליכט-געשטאַלטען פון דער געדאַנקען-וועלט, ווי וואַרהייט, פרייהייט, מענשענטום, דער מענש, א. אז. וו. בעלויכטען און בעגייסטערן די יוגענדליכע נשמה.

ווערט אָבער דער גייסט אָנדערקענט אַלס דער עיקר, אַזוי מאַכט עס שוין אַן אונטערשייד, צי דער גייסט איז אָרים אָדער רייך, און מען זוכט דעריבער צו ווערן רייך אין גייסט: דער גייסט וויל זיך אויסשפּרייטען, כדי צו גרינדען זיין קיניגרייך — אַ קיניגרייך, וואָס איז ניט פון דער וועלט, פון דער וועלט, וואָס איז אָקאָרשט בעזיעגט געוואָרן. אַזוי חשק'ט זיך איהם דאַן ווערן אַלעס אין אַלעמען, ד. ה. הגם איך בין גייסט, בין איך דאָך ניט קיין פּאָלקאָמענער גייסט, און מוז ערשט זוכען דעם פאָלקאָמענעם גייסט.

איך, וואָס האָב זיך אָקאָרשט געפונען אַלס גייסט, פערליער זיך דערמיט אָבער גלייך ווידער, וואָס איך בויג זיך פאַר דעם פאָלקאָמענעם גייסט ניט ווי פאַר מיין אייגענעם, נאָר ווי פאַר אַ יענערזייטיגען, און פיהל מיין אייגענע פּוסטקייט.

גאַנץ געוויס איז גייסט דער עיקר פון אַלץ, אָבער צי איז דען יעדער גייסט דער ריכטיגער גייסט? דער ריכטיגער און אמת'ער גייסט איז דער אידעאַל פון גייסט, דער „הייליגער גייסט". ער איז ניט מיין גייסט אָדער דיינער, נאָר געגנוי אַן — אידעאַלער, יענערזייטיגער; ער איז „גאָט". „גאָט איז גייסט". און אָט דער

יענערזייטיגער „פאטער אין הימעל גיט איהם צו די, וועלכע בעטען איהם“. (ברית חדשה, לוקאס, 11, 13.)

דער דערוואקסענער מענש שיידט זיך אב פון דעם יונגענמאן דערמיט, וואס ער נעהמט די וועלט ווי זי איז, אנשטאט צו זעהן אין איהר אומעטום פעהלערען און וועלען זי פערבעסערן, ד. ה. געשטאלטען זי לויט זיין אידעאל; אין איהם ווערט בעפעסטיגט די מיינונג, אז ער מוז זיך רעכענען מיט דער וועלט לויט זיינע אינטערעסען, ניט לויט זיינע אידעאלען.

כל זמן מען קען זיך נאר אלס גייסט, און מען זעהט דעם אייגענעם גאנצען ווערטה נאר אין זיין א גייסט (דעם יונגענמאן איז לייכט אוועקצוגעבען זיין לעבען, דאס „לייבליכע לעבען“, פאר א גארנישט, פאר דער קלענסטער עהרענבעליידיגונג), אזוי לאנג האט מען נאר געדאנקען, אידעען, וועלכע מען האפט צו קאנען אמאל פערווירקליכען, בעת מען וועט פאר זיך געפינען א קרייז פון טהעטיגקייט; עס הייסט, דערווייל האט מען נאר אידעאלען, ניט קיין אויסגעפיהרטע אידעען אדער געדאנקען.

ערשט יעמאלט, ווען מען האט זיך לייבליך ליעב געקראגען, און מען האט נחת פון זיך, פון לייב און לעבען — אזוי געפינט מען עס אבער נאר ביי א מאן אין רייפען עלטער — יעמאלט נאר האט מען א פערזענליכען אדער עגאיסטישען אינטערעס: ד. ה. ניט בלויז אן אינטערעס פון אונזער גייסט, נאר א טאטאלע בעפריעדיגונג, א בעפריעדיגונג פון דעם גאנצען מענשען, אן איי־גענננוציגען אינטערעס. פערגלייכט טאקע א דערוואקסענעם מענשען מיט א יונגען מאן און זעהט, צי ער, דער דערוואקסענער מענש, וועט אייך ניט פארקומען הארטער, ווניגער גרויסמוטיג און מעהר אייגעננוציג. איז ער דעריבער ערגער? איהר זאגט: ניין; ער איז נאר געווארען בעשטימטער; אדער ווי איהר רופט עס אן, „פראקטישער“. די הויפטזאך איז אבער דאס, וואס ער האלט זיך מעהר פאר דעם מיטעלפונקט, איידער דער יונגערמאן, וועלכער פאנטאזירט וועגען אנדערע, צ. ב. ש. וועגען גאט, פאטערלאנד א. ד. ג.

דעריבער צייגט דער דערוואקסענער מענש ארויס א צווייטע זעלבסט־ענטדעקונג. דער יונגערמאן האט זיך געפונען אלס גייסט און האט זיך ווידער פערלארען אין דעם אלגע־

מ י י נ ע ם גייסט, דעם פאָלקאָמענעם, הייליגען גייסט, אין דעם מענשען, די מענשהייט, קורץ — אין אלע אידעאלען; דער דער־וואקסענער מענש געפינט זיך אלס א ל י י ב ה א פ ט י ג ע ר גייסט.

קינדער האָבען נאָר געהאט נ י ט ־ ג י י ס ט י ג ע, ד. ה. געדאנקענלאָזע און אידעענלאָזע אינטערעסען; יונגעלייט — נאָר ג י י ס ט י ג ע אינטערעסען; דער דערוואקסענער מענש האָט לייבהאפטיגע, פערזענליכע, עגאָיסטישע אינטערעסען.

ווען דאָס קינד האָט ניט עפּעס אַ געגענשטאנד, מיט וואָס עס זאָל זיך קאָנען בעשעפטיגען, פיהלט עס לאנגווייליג: ווארים דאָס קינד ווייס נאָך ניט זיך צו בעשעפטיגען מיט ז י ך. פערקעהרט, דער יונגערמאַן ווארפט אוועק דעם געגענשטאנד אָן אַ זייט, ווייל פאר איהם האָבען ג ע ד א נ ק ע ן ארויסגעשפּראָצט פון דעם געגענשטאנד: ער בעשעפטיגט זיך מיט זיינע געדאנקען, זיינע טרוימען; ער בעשעפטיגט זיך גייסטיג, אָדער „זיין גייסט איז בעשעפטיגט“.

אַלץ וואָס איז ניט גייסטיג פאסט־אום דער יונגערמאַן אונטער דעם בזיון׳דיגען נאָמען „אויסערליכקייטען“. אויב ער האלט דאָך פון קליינליכע אויסערליכקייטען (ווי צ. ב. ש. פון שטודענטישע מנהגים און אנדערע פאָרמאַליטעטען), פאסירט עס נאָר ווייל ער ענטדעקט אין זיי ג י י ס ט, ד. ה. ווען זיי זיינען פאר איהם סימבאָלען.

אַזוי ווי איך געפין זיך הינטער די זאכען, און נעמליך אלס גייסט, אזוי מוז איך מיך שפּעטער געפינען אויך ה י נ ט ע ר ד י ג ע ד א נ ק ע ן, — אלס זייער בעשאפער און א י י ג ע נ ט י־מ ע ר. אין דער גייסטיגער־צייט זיינען מיר די געדאנקען געוואקסען איבער׳ן קאָפּ, הגם זיי זיינען געווען זיינע קינדער; ווי פיבער־פאַנטאַזיעס האָבען זיי געשוועבט ארום מיר און מיך צובראָכען — אַ שרעקליכע מאכט. די געדאנקען זיינען געוואָרן קערפּערליך פאר זיך אליין, זיינען געוואָרען געשפּענסטער, ווי גאָט, קייזער, פּאפּסט, פאָטערלאנד א. אז. וו. ווען איך צערשטער זייער קערפּער־ליכקייט, דאן נעהם איך זיי אריין צוריק אין מיין קערפּערליכקייט און זאָג: איך אליין בין נאָר קערפּערליך. איצט נעהם איך די וועלט אלס דאָס, וואָס זי איז פאר מיר, אלס מ י י נ ע, אלס מיין

איינענטום: איך בעציה אלעס אויף מיר. אויב אלס גייסט האב איך צוריקגעשטויסען די וועלט אין דער טיעפסטער פעראכטונג, שטוים איך איצטער, אלס אייגענטימער, די גייסטער אדער אידעען צוריק אין זייער „נישטיגקייט“. זיי האבען מעהר קיין מאכט ניט איבער מיר, ווי קיין „כח פון דער ערד“ האט ניט קיין מאכט איבער דעם גייסט.

דאס קינד איז געווען רעאליסטיש, אריינגעטאן אין די זאכען פון דער וועלט, ביז עס איז איהם בישלעכווייז געלונגען צוצוקומען הינטער די דאזיגע זאכען; דער יונגערמאן איז געווען אידעאליס־טיש, בעגייסטערט פון געדאנקען, ביז ער האט זיך ארויפגעארבייט צו דעם דערוואקסענעם מענשען, דעם עגאיסטישען, וועלכער בעגעהט זיך מיט די זאכען און געדאנקען לויט זיין הארצענ'ס־גלוסטען, און שטעלט אוועק זיינע פערזענליכע אינטערעסען העכער פון אלץ. ענדליך, דער אלטער מאן? — ווען איך וועל ווערן אן אלטער, וועט נאך זיין גענוג צייט צו רעדען וועגען דעם.

II

# מענשען פון דער אַלטער און נייער צייט

ווי אזוי יעדערער פון אונז האָט זיך ענטוויקעלט, וואָס ער האָט בעשטרעבט, דערגרייכט אָדער פערפעהלט, וועלכע צוועקען ער האָט אמאָל פערפאָלגט, און וועלכע פּלענער און וואונשען עס זיינען איהם איצטער צום הארצען; וועלכע ענדערונגען זיינע מיינונגען האָבען דורכגעמאַכט, וועלכע אויפטרייסלונגען זיינע פּרינציפּען האָבען ערפאהרען; קורץ, ווי ער איז איצט געוואָרן דאָס, וואָס ער איז נעכטען אָדער יאָהרען צוריק ניט געווען — דאָס ברייננט ער, מיט מעהר אָדער וועניגער לייכטקייט, וויעדער ארויס פון זיין זכרון, און דערפיהלט בעזונדערס לעבעדיג די פערענדערונגען, וואָס זיינען אין איהם אליין פאָרגעקומען, ווען ער האָט פאַר די אויגען די פאַנאַנדערוויקלונג פון אנאַנדערענ׳ס לעבען.

לאָמיר דעריבער אריינבליקען אין די טהעטיגקייטען, וועלכע אונזערע אורעלטערן האָבען אָנגעפיהרט.

## .1 די אַלטע.

אַזוי ווי דער מנהג האָט שוין איינמאָל אונזערע פאָר־קריסטליכע אורעלטערן א נאָמען געגעבען „די אַלטע", וועלען מיר זיי ניט אויפוואַרפען, אז לגבי אונז, ערפאהרענע מענשען, דארפען זיי איינענטליך הייסען די קינדער, און מיר וועלען ליעבער זיי ווייטער עהרען אַלס אונזערע גוטע אַלטע. ווי אַזוי אָבער איז דאָס געקומען, וואָס זיי זיינען פערעלטערט געוואָרן, און ווער האָט דאָס זיי געקאָנט פערשטופּען דורך זיין פרעטענדירטע נייקייט?

מיר קענען גאַנץ גוט דעם רעוואָלוציאָנערען איינפיהרער פון נייעס און דעם אָהן־דרך־ארץ׳דיגען יורש, וועלכער האָט אוועקגענומען די קדושה אפילו פון דעם שבת פון די עלטערן, כדי צו היילינען זיין זונטאָג, און האָט איבערגעריסען דעם לויף פון דער

צייט, כדי אַנצופאַנגען מיט זיך אַ נייע כראָנאָלאָגיע : מיר קענען איהם און ווייסען, אַז דאָס איז — דער קריסט. בלייבט ער אָבער אייביג יונג, און איז ער נאָך היינט דער נייער, אָדער ער וועט אויך פערעלטערט ווערן, ווי ער האָט פערעלטערט די „אַלטע“ ? —

די אַלטע האָבען דאָך זיכער אַליין צום לעבען געבראַכט דעם נייעם, וועלכער האָט זיי מקבר געווען. איז לאָמיר ארומקוקען אָט דעם געבורטס־אַקט.

„פאַר די אַלטע איז די וועלט געווען אַ וואַרהייט“, זאָגט פייערבאַך, אָבער ער פערגעסט צו מאַכען דעם וויכטיגען צוזאַץ : אַ וואַרהייט, וועלכע זיי האָבען געפּאָרשט, כדי הינטער איהר צו ענטדעקען אונוואַרהייט, און וועלכע זיי האָבען לסוף ווירקליך ענטדעקט. וואָס אָט די ווערטער פייערבאַך׳ס מיינען צו זאָגען, קאָן מען לייכט דערקענען, ווען מען שטעלט זיי אַוועק צוזאַמען מיט דעם קריסטליכען שפּרוך וועגען דער „אייטעלקייט און פערגענג־ליכקייט פון דער וועלט“. דען אַזוי ווי דער קריסט קאָן קיינמאָל ניט איינזעהן די אייטעלקייט פון דעם געטליכען וואָרט, נאָר גלויבט אין זיין אייביגער און ניט־אָנגרייפּבארער וואַרהייט, וועלכע מוז אַלץ מעהר טריאומפירען און אַלץ גלענצענדער ארויסקומען פאַר׳ן ליכט, וואָס מעהר מען פאָרשט איהרע טיעפענישען, — אַזוי האָבען די אַלטע פון זייער זייט געלעבט מיט דעם געפיהל, אַז די וועלט און די וועלטליכע פערהעלטעניסען (צ. ב. ש. די נאַטירליכע בלוט־פערבאַנדען) זיינען דער אמת, פאַר וועלכען זיי מוזען בויגען זייער אָהנמעכטיגען „איך“. גראָד דאָס, אויף וואָס די אַלטע האָבען געלעגט דעם גרעסטען ווערטה, ווערט פערוואָרפען פון די קריסטען אַלס אַ זאַך, וואָס האָט קיין ווערטה ניט, און דאָס, וואָס יענע האָבען אָנדערקענט פאַר אמת, בעצייכענען די אַלס אַ פוסטער ליגען : די הויכע בעדייטונג פון פאָטערלאַנד ווערט פערשוואונדען, און דער קריסט מוז זיך בעטראַכטען פאַר אַ „גר בארץ“ ;* די הייליגקייט פון דער קבורה, פון וועלכער עס איז ארויסגעקומען אַזאַ קונסטווערק ווי די אַנטיגאָנע פון סאָפאָקלעס, ווערט בעצייכענט ווי אַ נישטיגע זאַך („זאָלען די טויטע בעגראָבען זייערע טויטע“) ; די אונפערברעכליכע וואַרהייט פון די פאַמיליענבענדער ווערט

* העברעער, 11, 13.

בעטראכט אלס אן אונווארהייט, פון וועלכער מען דארף וואס גיכער לויז ווערן;* און אזוי איז אלץ.

ווען מען זעהט איצטער איין, אז געגענגעזעצטע זאכען האבען פארביידען געגאלטען פאר ווארהייט: איינעם דאס נאטירליכע, דעם אנדערן דאס גייסטיגע, איינעם די ערדישע זאכען און פערהעלטע־ניסען, דעם אנדערן די הימעלשע (דאס הימעלשע פאטערלאנד, „ירושלים דלעילא" א. אז. וו.) — בלייבט נאך אלץ צו בעטראכטען, ווי אזוי די נייע צייט און יענער קלארער געגענזאץ האבען געקאנט ארויסקומען פון דעם אלטערטום. אבער די אלטע האבען אליין געארבייט אויף דעם, זייער ווארהייט צו פערוואנדלען אין א ליגען.

לאמיר גלייך ארייננדרינגען אין תוך פון די גלענצענדסטע יאה־רען פון די אלטע, אין דעם פעריקלעשען יאהרהונדערט. די סאפיס־טישע קולטור האט זיך דאמאלסט אויסגעשפרייט, און גריכענלאנד האט זיך געמאכט א צייטפערטרייב פון דאס, וואס ביז אהער איז פאר איהר געוועזען אן אונגעהויערער ערנסט.

צו־לאנג זיינען די פאטערס פערקנעכטעט געוואָרן פון דער אונגעשטערטער מאכט פון דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, אז די יונגע זאלען ניט לערנען פון די ביטערע ערפאהרונגען צו ד ע ר־פ י ה ל ע ן ז י ך א ל י י ן. מיט א מוטיגער העזה רופען די סאפיסטען דעריבער אוים די אזהרה: „לאז זיך ניט פערבלאפען!" און זיי פערשפרייטען די אויפקלערענדע לעהרע: „געברויך אנט־קעגען אלץ דיין פערשטאנד, דיין שארפזין, דיין גייסט; מיט א גוטען און געאיבטען פערשטאנד קומט מען דורך די וועלט אמבעס־טען, מען פערשאפט זיך דעם בעסטען גורל, דאס אנגענעהמסטע ל ע ב ע ן". זיי דערקענען, הייסט עס, אין דעם ג י י ס ט דעם מענשענ'ס אמת'ע וואפען אנטקעגען דער וועלט. דעריבער האלטען זיי אזוי פיעל פון דער דיאלעקטישער פעהיגקייט, פון קענען רעדען, בעזיצען די קונסט פון דיספוטירען, א. אז. וו. זיי דערקלערן, אז מען קאן געברויכען דעם גייסט אנטקעגען אלץ; זיי שטעהען נאך אבער גאנץ ווייט פון דער הייליגקייט פון גייסט, דען ער גילט פאר זיי נאר אלס מ י ט ע ל, אלס וואפען, פונקט ווי רמאות און

* מארק, 10, 29.

עקשנות דיענען דעמזעלביגען צוועק פאר קינדער: זייער גייסט איז דער פ ע ר ש ט א נ ד, וואס לאזט זיך ניט אונטערקויפען.

היינט צו טאג וואלטען מיר דאס אנגערופען אן איינזייטיגע בילדונג פון פערשטאנד, און וואלטען צוגעלעגט די אזהרה: בילדעט ניט בלויז אייער פערשטאנד, זאנדערן אויך אייער הארץ. דאס אייגענע האט געטהאן סאקראטעס. ווארים אויב דאס הארץ וואלט ניט פריי געווארן פון זיינע נאטירליכע טריעבען, נאר וואלט געבליבען אנגעפילט מיט א העכסט צופעליגען אינהאלט; ווען עס וואלט געשטאנען אונטער דער מאכט פון די אויסערליכע זאכען, ווי א ניט־קריסטאליזירטע ב ע ג ע ה ר ל י כ ק י י ט, ד. ה. עס וואלט מעהר ניט געווען ווי א כלי פון די פערשיידענסטע ג ע ל ו ס־ ט ע ן — דאן וואלט אונפערמיידליך אויסגעקומען, אז דער פרייער פערשטאנד וואלט געמוזט דיענען דעם „שלעכטען הארץ“ און זיין בערייט צו רעכטפערטיגען אלץ, וואס דאס פערדארבענע הארץ בעגעהרט.

דארום זאגט סאקראטעס, אז עס איז ניט גענוג מען זאל אין אלע זאכען געברויכען דעם פערשטאנד, נאר די פראגע איז, פאר ו ו ע ל כ ע ר ז א ך מען שטרענגט איהם אן. מיר וואלטען איצטער־ זאגען: מען מוז דיענען די „גוטע זאך“. דיענען אבער די גוטע זאך הייסט — זיין מאראליש. דעריבער איז סאקראטעס דער גרינדער פון דער עטהיק.

דער פרינציפ פון דער סאפיסטישער לעהרע האט געוויס געמוזט פיהרען דערצו, אז דער אבהענגיגסטער און בלינדסטער שקלאף פון זיינע תאוות האט געקאנט זיין אן אויסגעצייכענטער סאפיסט, און מיט א שארפען פערשטאנד אויסטייטשען און צו־ שפיצען יעדע זאך צו גונסטען פון זיין פראסטען הארצען. ווארים צי איז דען פאראן עפעס א זאך, פאר וועלכער מען זאל ניט קאנען געפינען א „גוטען תירוץ“, אדער וואס מען זאל ניט קאנען מטהר זיין בק"ן טעמים?

דארום זאגט סאקראטעס: איהר מוזט האבען א ריין הארץ, אויב איהר ווילט מען זאל אכטען אייער קלוגקייט. פון דאנען אן הויבט זיך אן די צווייטע פעריאדע פון דער גריכישער גייסט־ בעפרייאונג, די פעריאדע פון טהרת הלב, ד י ר י י נ ק י י ט פ ו ן ה א ר צ ע ן. די ערשטע פעריאדע האט זיך אבגעשלאסען דורך די

סאָפּיסטען, דערמיט וואָס זיי האָבען פּראָקלאַמירט די אַלמעכטיג־קייט פון דעם פערשטאַנד. אָבער דאָס האַרץ איז געבליבען וועלטליך געזינט, אַ קנעכט פון דער וועלט, שטענדיג בעאיינדרוקט פון וועלטליכע פערלאַנגען. דאָס דאָזיגע פּראָסטע האַרץ האָט פון איצט אָן געמוזט קולטיווירט ווערען — די פּעריאָדע פון האַרץ־קולטור. ווי אַזוי אָבער זאָל דאָס האַרץ קולטיווירט ווערען? וואָס דער פערשטאַנד, וועלכער איז איין זייט פון גייסט, האָט געגרייכט — ד. ה. די פעהיגקייט פריי צו שפּיעלען זיך מיט יעדען ענין — דאָס שטעהט אויך פאַר דעם האַרצען: יעדער וועלטליכער אינטערעס מוז צו שאַנד ווערן פאַר איהם, אַזוי אַז צולעצט מוז די פאַמיליע, די געמיינדע, דאָס פאָטערלאַנד און דער־גלייכען אויפגעגעבען ווערן צוליעב דעם האַרצען, ד. ה. צוליעב דער זעליגקייט, דער זעליגקייט פון האַרצען.

די טעגליכע ערפאַהרונג בעווייזט, אַז דער פערשטאַנד האָט שוין לאַנג געקאָנט זיך האָבען אָבגעזאָגט פון אַ זאַך, בעת דאָס האַרץ שלאָגט נאָך פאַר דעם פיעלע יאָהרען. אַזוי איז אויך דער סאָפּיס־טישער פערשטאַנד אינגאַנצען געוואָרן דער האַרר איבער די הער־שענדע, אַלטע מעכטע, און זיי האָבען נאָר געמוזט פעריאָגט ווערן פון דעם האַרצען, וואו זיי האָבען נאָך אונבעלעסטיגט גערוהט, כדי זיי זאָלען ענדליך מעהר גאָר קיין חלק ניט האָבען אין דעם מענשען.

אָט דער קריעג ווערט אויפגעהויבען פון סאָקראַטעס, און ער דערגרייכט זיין פריעדען־שלום ערשט אין דעם טאָג פון דעם טויט פון דער אַלטער וועלט.

מיט סאָקראַטעס הויבט זיך אָן די בחינת הלב, און יעדער אינהאַלט פון האַרצען ווערט דורכגעזיפּט. די אַלטע האָבען אין זייערע לעצטע און גרעסטע אָנשטרענגונגען ארויסגעוואָרפען יעדען אינהאַלט פון האַרצען און האָבען עס ניט געלאָזען מעהר שלאָגען פאַר קיין זאַך ניט: דאָס איז געווען דער אויפטהו פון די סקעפּ־טיקער. דיזעלביגע טהרת הלב איז דערגרייכט געוואָרן אין דער סקעפּטישער צייט, וואָס עס איז געלונגען דעם פערשטאַנד אויפצו־שטעלען אין דער סאָפּיסטישער צייט.

די סאָפּיסטישע בילדונג האָט פּועל געווען, אַז דער פער־שטאַנד זאָל זיך פאַר גאָרנישט ניט אָבשטעלען, און די

סקעפּטישע — אַז דאָס האַרץ זאָל פון קיין זאַך ניט בעוועגט ווערן.

כל זמן דער מענש איז פערדרעהט אין די עסקים פון דער וועלט און איז פערנומען מיט איהר דורך געוויסע שייכות'ן — און דאָס איז ער ביז צום סוף פון אַלטערטום, ווייל זיין האַרץ האָט נאָך אַלץ צו קעמפען פאַר דער אונאַבהענגינקייט פון די וועלטליכע זאַכען — אַזוי לאַנג איז ער נאָך ניט גייסט; וואָרים דער גייסט איז קערפּערלאָז און האָט קיין שייכות ניט צו דער וועלט און קערפּערליכקייט: פאַר איהם עקזיסטירט ניט די וועלט, ניט קיינע נאַטירליכע בענדער, אחוץ נאָר דאָס גייסטיגע און די גייסטיגע בענדער. דעריבער האָט דער מענש אַפריהער געמוזט ווערן, ווי די סקעפּטישע קולטור שטעלט איהם פאָר, אַזוי איינגאַנצען פריי פון אַלע בעציהונגען, האָט געמוזט אַזוי לגמרי גאָרנישט אַכטען און ניט קימערן זיך, זיין אַזוי לחלוטין גלייכגילטיג צו דער וועלט, אַז איהם זאָל ניט אַהרען אפילו ווען זי ווערט איינגאַנצען חרב — איידער ער זאָל זיך קאָנען פיהלען ווערטהלאָז, ד. ה. אַלס גייסט. און אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער ריעזענאַרבייט פון די אַלטע, וואָס דער מענש קען זיך אַלס אַ ווענען אָהן שייכות'ן און אָהן אַ וועלט — אַלס גייסט.

ערשט איצטער, נאָכדעם ווי אַלע וועלטליכע דאגות האָבען איהם אָבגעלאָזט, איז ער זיך געוואָרן אַלעס אין אַלעמען, איז ער נאָר פאַר זיך, ד. ה. ער איז גייסט צוליעב דעם גייסט, אָדער דייטליכער געזאָגט: ער בעקימערט זיך נאָר וועגען דאָס גייסטיגע.

אין דער קריסטליכער שלאַנגען־קלוגהייט און טויבען־אונשולד זיינען די ביידע זייטען פון דער אַלטער גייסט־בעפרייאונג — פערשטאַנד און האַרץ — אַזוי פאָלשטענדיג געוואָרן, אַז זיי ערשיינען וויעדער יונג און ניי, און קיינע פון זיי לאָזט זיך מעהר ניט פערבלאָפען פון דאָס וועלטליכע און נאַטירליכע.

די אַלטע האָבען אַלזאָ זיך אויפגעהויבען צום גייסט און האָבען נעשטרעבט צו ווערן גייסטיג. אַ מענש אָבער, וועלכער וויל זיין טהעטיג אַלס גייסט, ווערט אַהיננעצויגען צו גאַנץ אַנדערע אויפגאַבען איידער די, וואָס ער האָט פריהער זיך נעקאָנט שטעלען, — צו אויפגאַבען, וועלכע גיבען ווירקליך עפּעס צו טהאָן דעם גייסט און ניט בלויז דעם זין אָדער שאַרפזין, וועלכער

שטרענגט זיך נאָר אָן צו ווערן דער הארר פון ז א כ ע ן. דער גייסט בעמיהט זיך דורכאויס נאָר ווענען דאָס גייסטיגע און אין אלץ זוכט ער אויס די „שפּורען פון גייסט“: פאר דעם גלויביגען גייסט „קומט אלץ פון גאָט“ און אלץ אינטערעסירט איהם נאָר אויף אזויפיעל, אויף וויפיעל עס ערקלערט איהם די דאָזיגע אָבשטאַמונג; דעם פילאָסאָפישען גייסט ערשיינט אלץ מיט דעם שטעמפּעל פון דער פערנונפט, און עס אינטערעסירט איהם נאָר אזוי ווייט, ווי ער קאָן דעריין ענטדעקען פערנונפט, ד. ה. א גייסטיגען אינהאלט.

ניט דעם גייסט, הייסט עס, וועלכער האָט לחלוטין ניט צו טהאָן מיט עפּעס וואָס איז ניט גייסטיג, מיט קיין ז.אך, נאָר אויסשליסליך מיט דעם תמצית, וואָס עקזיסטירט הינטער און איבער די זאכען, מיט די געדאנקען — ניט איהם האָבען די אלטע אָנגעשטרענגט, דען זיי האָבען איהם נאָך ניט געהאט; ניין, זיי האָבען ערשט נאָך זיך געראַנגעלט פאר איהם און געלעכצט נאָך איהם, און האָבען דעריבער איהם געשארפט אנטקעגען זייער מעכטיגסטען שונא, די וועלט פון די חושים. (וואָס אָבער וואָלט פאר זיי אייגענטליך ניט געוועזען חושים'דיג, ווען אפילו יעהאָווא און די היידנישע געטער זיינען נאָך גאַנץ ווייט געוועזען פון דעם בעגריף „גאָט איז גייסט“? ווען.אויף דעם אָרט פון דעם זינליכען פאָטערלאנד איז נאָך דאָס „הימעלשע“ ניט אריינגעטראָטען, א. אז. וו.?) זיי האָבען געשארפט אנטקעגען דער וועלט פון די חושים זייער זין, זייער שארפזין. נאָך היינט זיינען די אידען, אָט די אלט־קלוגע קינדער פון אלטערטום, ניט אוועק ווייטער פון אָט דעם פּונקט; און מיט דער גאנצער חריפות און שטארקייט פון דער חכמה און דעם פערשטאנד, וואָס ווערט מיט קנאפּער מיה דער הארר פון זאכען און צווינגט זיי איהם צו דיענען, קאָנען זיי ניט געפינען דעם ג י י ס ט, וועלכער האלט גאָרנישט ניט פון ז א כ ע ן.

דער קריסט האָט גייסטיגע אינטערעסען, ווייל ער ערלויבט זיך צו זיין א גייסטיגער מענש; דער איד פערשטעהט אפילו ניט די דאָזיגע אינטערעסען אין זייער ריינקייט, ווייל ער ערלויבט זיך ניט צו לעגען קיין שום ווערטה אויף זאכען. ער דערגרייכט ניט קיין ריינע גייסטיגקייט, א גייסטיגקייט,

ווי זי ווערט אויסגעדריקט רעליגיעז, צ. ב. ש. אין דעם גלויבען פון די קריסטען, וועלכער רעכטפערטיגט אלץ אליין, ד. ה. נאר אהן מעשים. זייער ניט־גייסטיגקייט טיילט די אידען אויף אייביג אב פון די קריסטען; ווארים דער גייסטינגער מענש איז אונפערשטענדליך פאר דעם גייסטלאזען, פונקט אזוי ווי דער גייסטלאזער איז פעראכטעט ביי דעם גייסטיגען. די אידען אבער האבען נאר דעם „גייסט פון דער וועלט“.

דער פארצייטיגער שארפזין און טיעפזין ליעגט אזוי ווייט פון דעם גייסט און דער גייסטיגקייט פון דער קריסטליכער וועלט, ווי די ערד איז ווייט פון הימעל.

דער וואס פיהלט זיך אלס פרייער גייסט, ווערט ניט געדריקט און האט ניט קיין אנגסטען פון די זאכען פון דער וועלט, ווייל ער אכטעט זיי ניט; טאמער שפיהרט מען נאך זייער לאסט, הייסט עס, אז מען איז נאך אזויפיעל בעשרענקט, אז מען לעגט אויף זיי א געוויסען געוויכט, און דערפון נעהמט זיך דאס, וואס דאס לעבען איז איינעם נאך ליעב. ביי ווענען דער עיקר פון אלץ איז זיך צו קענען און פיהרען אלס פרייער גייסט, דער פרעגט זיך ווייניג נאך, ווי טרויעריג עס וועט איהם געהן דערביי, און ער דענקט איבערהויפט ניט נאך, ווי אזוי ער זאל זיך איינארדנען, כדי צו לעבען א ריכטיג פרייען אדער גענוסרייכען לעבען. די אונבעקוועמליכקייטען פון דעם לעבען, וואס הענגט אב פון זאכען, שטערן איהם ניט, ווייל ער לעבט נאר גייסטיג און אויף גייסטיגע נאהרונג; אחוץ דעם אבער פרעסט ער, אדער שלינגט נאר ארונטער, כמעט גאר ניט וויסענדיג וואס ער טהוט, און ווען עס געהט איהם אוים וואס צו פרעסען, איז קערפערליך שטארבט ער טאקע, אלס גייסט אבער האלט ער זיך אונשטערבליך און מאכט־צו די אויגען אין א פייערליכער שטימונג אדער פערטיעפט אין א געדאנק. זיין לעבען איז בעשעפטיגונג מיט גייסטיגעס, איז — דענקען; דאס איבעריגע קימערט איהם ניט. מעג ער זיך בעשעפטיגען מיט גייסטיגעס, אויף וועלכען עס איז אופן, וואס ער קאן אדער ער וויל — אין פייערליכער שטימונג, אין בעטראכטונג אדער אין פילאסאפישער דערקענטנים — זיין טהאן איז אלעמאל א דענקען, און דארום האט דע־קארט, וועמען אט דאס איז ענדליך גאנץ קלאר געווארן, געקאנט אויפשטעלען דעם זאץ: „איך דענק, דאס

הייסט: — איך בין". מיין דענקען, מיינט עס דאָ, איז מיין זיין אָדער מיין לעבען; נאָר ווען איך לעב גייסטיג, לעב איך, נאָר אַלס גייסט בין איך ווירקליך, אָדער — איך בין דורך און דורך גייסט און מעהר גאָרנישט אחוץ גייסט. דער אומגליקליכער פּעטער שלעמיהל, וואָס האָט פערלאָרען זיין שאָטען, איז דער פּאָרטרעט פון דעם דאָזיגען מענשען, וואָס איז געוואָרען אַ גייסט: ווארים דעם גייסט'ס קערפּער האָט ניט קיין שאָטען. — פערקעהרט, ווי אַנדערש אַלץ איז ביי די פּארציייטיגע! ווי שטארק און מוטיג זיי האָבען זיך געמעגט פערהאַלטען אַנטקעגען דער געוואַלט פון זאַכען, האָבען זיי אָבער די געוואַלט גופא דאָך געמוזט אָנדערקענען, און מעהר האָבען זיי ניט געקאָנט פּועל'ן אחוץ וואָס זיי האָבען בעשיצט זייער לעבען אַנטקעגען איהר אַזוי גוט ווי מעגליך. שפּעט ערשט האָבען זיי אָנדערקענט, אַז זייער „אמת לעבען" איז ניט דאָס לעבען, וואָס ווערט געפיהרט אין קאַמף אַנטקעגען די זאַכען פון דער וועלט, זאָנדערן דאָס „גייסטיגע" לעבען, וואָס „קעהרט זיך אָב" פון די דאָזיגע זאַכען; און בעת זיי האָבען אָט דאָס איינגעזעהן, דאַן זיינען זיי געוואָרן — קריסטען, ד. ה. די „נייע" און די בענייערער אַנטקעגען די אַלטע. דאָס לעבען אָבער, וואָס האָט זיך אָבגעקעהרט פון די זאַכען, דאָס גייסטיגע לעבען, ציהט ניט מעהר קיין יניקה פון דער נאַטור, זאָנדערן עס „לעבט נור פון געדאַנקען" און איז דעריבער ניט מעהר „לעבען", נאָר — דענקען.

דאָך מוז מען אָבער ניט מיינען, אַז די אַלטע זיינען געווען גאָר אָהן געדאַנקען, אַזוי ווי מען קאָן זיך אויך ניט פאָרשטעלען דעם גייסטיגען מענשען, ער זאָל קאָנען זיין גאָר אָהן לעבען. ריכטיגער געזאָגט, האָבען זיי געהאַט זייערע געדאַנקען וועגען אַלץ, וועגען דער וועלט, דעם מענשען, די געטער א. אז. וו. און האָבען זיך ארויסגעוויזען שטאַרק טהעטיג אין דער ארבייט צו ברענגען דאָס אַלץ צום בעוואוסטזיין. דעם געדאַנקען אַליין אָבער האָבען זיי ניט געקענט, ווען אפילו זיי האָבען געדענקט וועגען אַלערליי זאַכען און „געפּלאָגט זיך מיט זייערע געדאַנקען". פערגלייכט מיט זיי דעם קריסטליכען שפּרוך: „מיינע געדאַנקען זיינען ניט אייערע געדאַנקען, און אַזוי פיעל ווי דער הימעל איז העכער פון דער ערד, אַזוי זיינען אויך מיינע געדאַנקען העכער פאַר

אייערע געראנקען", און עראינערט זיך אן דאס, וואס איז אויבען געזאגט געוואָרן וועגען אונזערע קינדער־געדאנקען.

איז וואס זוכט דאס אלטערטום? דעם אמת'ען ל ע ב ע נ ס־ ג ע נ ו ס, דעם גענוס פון ל ע ב ע ן! צום סוף וועט דערפון ארויסקומען דאס „אמת'ע לעבען".

דער גריכישער פאעט סימאָנידעס זינגט: „געזונדקייט איז די עדעלסטע מתנה פאר דעם שטערבליכען מענשען; דאס נעקסטע נאך דעם איז שעהנקייט; דאס דריטע איז רייכקייט, געשאפען אהן בעטרוג; דאס פערטע איז דער גענוס פון די געזעליגע פריידען אין דער געזעלשאפט פון יונגע פריינד". דאס זיינען אלין ל ע ב ע נ ס־ מ ת נ ו ת, לעבענס־פריידען. האט דיאָגענעס פון זינאָפּע געזוכט עפּעס אנדערש אויסער דעם אמת'ן לעבענס־גענוס, וועלכען ער האט געפונען אין דעם צושטאנד פון די מעגליך קלענסטע בערערפנישען? וואס אנדערש האט געזוכט אריסטיפּ, וועלכער האט איהם געפונען אין א פרעהליכען געמיט אונטער אלע אומשטענדען? זיי זוכען דעם פרעהליכען, ניט־בעטריבטען ל ע ב ע נ ס־ מ ו ט, די פ ר ע ה ל י כ ק י י ט, זיי זוכען הנאה צו האבען פון „ד ע ר וועלט".

די סטאָיקער ווילען פערווירקליכען דעם ח כ ם, דעם מענשען מיט ח כ מ ת ה ח י י ם, דעם מענשען וואס ו ו י י ס ו ו י צ ו ל ע ב ע ן, דאס מיינט — א קלוג לעבען. זיי געפינען איהם אין דער פעראכטונג פון דער וועלט, אין א לעבען אהן לעבענס־ענטוויקלונג, אהן אויסברייטונג, אהן פריינדליכע בעציהונגען מיט דער וועלט, ד. ה. אין א א י ז א ל י ר ט ע ן ל ע ב ע ן, אין דעם לעבען אלס לעבען, ניט אין דעם מיטלעבען: נאר דער סטאָיקער לעבט, אלעס אנדערע איז פאר איהם טויט. פערקעהרט, די עפּיקורעער פערלאנגען א בעוועגליך לעבען.

די פארצייטיגע, אזוי ווי זיי האבען געוואלט הנאה האבען פון דער וועלט, פערלאנגען א וו א ו י ל ל ע ב ע ן (די אידען בעזונדערס פערלאנגען א לאנג לעבען, געבענשט מיט קינדער און גיטער), איידעמאָניע (פערגעניגענדיג לעבען), א וואוילזיין אין די פערשיידענסטע פארמען. דעמאָקריט, צ. ב. ש. לויבט אלס אזוינס די „געמיט־רוה", אין וועלכער „עס לעבט זיך מילד־אנגענעהם, אהן פארכט און אהן אויפרעגונג".

ער מיינט, הייסט עס, אז מיט איהר, מיט דער געמיט־רוה, קומט ער אויס אמבעסטען, גרייט זיך צו דעם בעסטען גורל און מאכט אמבעסטען דורך די וועלט. אזוי ווי אבער ער קאן פון דער וועלט ניט לויז ווערן, און גראד מהמת דעם טעם, ווייל ער פער־ברייננט זיין גאנצע טהעטיגקייט אין דער בעמיהונג לויז צו ווערן פון איהר, ד. ה. אין דעם אבשטויסען פון דער וועלט (וואס דערצו איז דאך נויטיג, אז די אבגעשטויסענע און די וואס קאנען אבגעשטויסען ווערן זאלען בלייבען בעשטעהן, ווארים אז ניט וואלט דאך מעהר ניט געוועזן וואס אבצושטויסען): אזוי גרייכט ער העכסטענס א גאנץ גרויסען גראד פון בעפרייאונג, און אונטערשיידט זיך פון די וועניגער־בעפרייטע נאר לויט'ן ערך נאך. ווען ער זאל אפילו קומען צו אזא אבטויטונג פון דעם ערדישען זין, וואס לאזט־צו ניט מעהר ווי דעם איינטאניגען וויספערן פון דעם ווארט „בראהם", וועט ער זיך אלץ ניט אונטערשיידען אין עצם פון דעם זינליכען מענשען.

אפילו די סטאאישע האלטונג און די מענשען־טוגענד ווייזט נאר אן דערויף, אז מען מוז זיך דערהאלטען און זיך אוועקשטעלען אנטקעגען דער וועלט; און די עטיק פון די סטאאיקער (— זייער איינציגע וויסענשאפט, אזוי ווי זיי האבען גארנישט געוואוסט וואס צו זאגען וועגען דעם גייסט, אויסער ווי ער זאל זיך פער־האלטען צו דער וועלט, און וועגען דער נאטור (פיזיק) האבען זיי נאר געוואוסט, אז דער חכם מוז זיך אוועקשטעלען אנטקעגען איהר) איז ניט קיין לעהרע פון גייסט, נאר נישט מעהר, א לעהרע פון דער וועלט־אבשטויסונג און פון זעלבסטבעהויפטונג אנטקעגען דער וועלט. און אט די לעהרע בעשטעהט אין דער „אונאויפגע־רעגטקייט און געמיטליכקייט פון לעבען", ד. ה. אין דער אויסדריק־ליכסטער טוגענד פון די רוימער.

ווייטער איידער צו אט דער לעבענס־חכמה האבען עס אויך די רוימער ניט געבראכט (האראץ, ציצערא א. אז. וו.).

דאס לאזען זיך וואוילגעהן (הערדאנע) פון די עפיקורעער איז די אייגענע לעבענס־חכמה ווי פון די סטאאיקער, נאר ביטרער, בעטריגערישער. זיי לערנען נאר אנאנדער פערהאלטען זיך קעגען דער וועלט, זיי הייסען נאר אננעהמען א קלוגע האלטונג קעגען

דער וועלט: אבגענארט מוז די וועלט ווערן, ווארים זי איז מיין פיינד.

דאס אבברעכען מיט דער וועלט ווערט דורכגעפיהרט פאל־שטענדיג פון די סקעפטיקער. מיין גאנצע בעציהונג צו דער וועלט איז „ווערטהלאז און ווארהייטלאז". טימאן זאגט: „די עמפינדונגען און געדאנקען, וואס מיר שעפען פון דער וועלט, ענטהאלטען ניט קיין ווארהייט". „וואס איז ווארהייט?" רופט אויס פילאטוס. לויט פירהאנ'ס לעהרע איז די וועלט ניט גוט און ניט שלעכט, ניט שעהן און ניט מיאוס א. אז. וו. דאס זיינען נאר פרעדיקאטען, וועלכע איך גיב איהר. טימאן זאגט: „אין זיך אליין איז קיין זאך ניט גוט און ניט שלעכט, זאנדערן דער מענש דענקט נאר אזוי אדער אזוי"; אנטקעגען דער וועלט בלייבט נאר איבער די אטאראקסיע (די אונגעריהרטקייט) און אפאזיע (דאס שטום זיין — אדער מיט אנדערע ווערטער: די איזאלירטע איגערליכקייט). מען קאן מעהר אין דער וועלט „קיין ווארהייט ניט דערקענען"; די זאכען ווידערשפרעכען זיך, די געדאנקען וועגען די זאכען ענטהאלטען קיין אונטערשייד ניט (גוט און שלעכט זיינען אלץ איינס, אזוי אז וואס איינער רופט אן גוט, האלט אנאנדערער פאר שלעכט); דא איז א סוף צו דער דערקענטעניש פון דער „ווארהייט", און עס בלייבט נאר איבער דער מענש וואס האט ניט קיין דערקענטעניש, דער מענש, וועלכער געפינט גארנישט וואס צו דערקענען אין דער וועלט, און דער דאזיגער מענש לאזט די ווארהייט־לעדיגע וועלט פשוט שטעהן און קימערט זיך ניט וועגען איהר.

אט אזוי ווערט דאס אלטערטום פארטיג מיט דער וועלט פון זאכען, מיט דער וועלט־ארדנונג, מיט דער וועלט בכלל. צו דער וועלט־ארדנונג אדער צו די זאכען פון דער וועלט געהערט אבער ניט נאר די נאטור, נאר אלע שייכות'ן, אין וועלכע דער מענש געפינט זיך אוועקגעשטעלט דורך דער נאטור, צ. ב. ש. די פאמיליע, די געמיינדע, קורץ, די אזוי אנגערופענע „נאטירליכע בענדער". מיט דער וועלט פון גייסט פאנגט דאן אן דאס קריסטענטום. דער מענש, וועלכער שטעהט נאך בעוואפענט אנטקעגען דער וועלט, איז דער אלטער, דער היידע (צו וועלכען קלאס עס געהערט אויך דער איד אלס א ניט־קריסט); דער

מענש, וועמען קיין זאך בעוועגט ניט מעהר אחוץ זיין „לוסט פון הארצען“, זיין סימפאטיע, מיטגעפיהל, זיין — ג י י ס ט, איז דער נייער, דער קריסט.

אזוי ווי די אלטע האבען געארבייט פאר דעם נצחון איבער דער וועלט און האבען געשטרעבט אויסצולייזען דעם מענשען פון די שווערע ארומגעשטריקטע בענדער פון צוזאמענהאנג מיט א נ ד ע ר ע ז א כ ע ן, זיינען זיי לסוף אויך געקומען צו דער אויפלייזונג פון דעם שטאאט און צו געבען א פארצוג צו אלץ וואס איז פריוואט. געמיינדע, פאמיליע א. אז. וו. זיינען דאך אלס נאטירליכע שייכות׳ן לעסטיגע שטערונגען, וועלכע פערשמעלערן מיין ג י י ס ט י ג ע פ ר י י ה י י ט.

## 2. די נייע.

„איז יעמאנד אין קריסטוס, דאן איז ער א ניי בעשעפענים; דאס אלטע איז פערגאנגען; זעה, עס איז אלץ ניי געווארן“. (2. קארינט 5, 17.) אזוי ווי עס איז אויבען געזאגט געווארן: „פאר די אלטע איז די וועלט געוועזן א ווארהייט“, מוזען מיר דא זאגען: „פאר די נייע איז דער ג י י ס ט געוועזן א ווארהייט“, אבער ווי דארט אזוי דא מוזען מיר ניט אויסלאזען דעם צוזאץ: א ווארהייט, הינטער וועלכער זיי האבען געזוכט צו ענט־דעקען איהר אונווארהייט און זיי האבען זי לסוף ווירקליך ענט־דעקט.

אויך אין דעם קריסטענטום קאן מען בעווייזען אן עהנליכע ריכטונג ווי די, וואס דאס אלטערטום האט אנגענומען. ביז דער צייט, וועלכע האט פארגעברייט די רעפארמאציאן, איז דער פ ע ר־ ש ט א נ ד געהאלטען געווארן א געפאנגענער אונטער דער הער־שאפט פון די קריסטליכע דאגמען; אין דעם פאר־רעפארמאטא־רישען יאהרהונדערט אבער האט ער זיך ס א פ י ס ט י ש אויפ־געהויבען און האט געטריבען אן אפיקורסישען שפיעל מיט אלע עיקרים פון דער אמונה. געהייסען האט עס דאן, אפילו אין איטאליען און אין רוימישען הויף: ווען דאס הארץ בלייבט נאר קריסטליך געזינט, מעג דער פערשטאנד געניסען זיינע פערגעניגענס וויפיעל ער וויל.

א לענגערע צייט פאר דער רעפארמאציאן איז מען אזויפיעל

צוגעוועהנט געוועזן צו פּלפּול׳דיגע „מחליקות“, אז דער פּויפּסט און די מעהרסטע פון יענער צייט האָבען אין אָנפאַנג אפילו לוטהער׳ס ארויסטרעטען געהאלטען פאר א מחלקה צווישען גלחים. דער הומאניזם פערגלייכט זיך מיט דער סאָפיסטיק, און אזוי ווי אין דער צייט פון די סאָפיסטען איז דאָס גריכישע לעבען געשטאַנען אין דער העכסטער בליהונג (דאָס פּעריקלישע צייטאַלטער), אזוי איז דאָס גלענצענדסטע פאָרגעקומען אין דער צייט פון הומאניזם, אָדער ווי מען וואָלט עס אויך פיליכט געקאָנט זאָגען — אין דער צייט פון מאַכיאוועליזם (די ערפינדונג פון בוכדרוקעריי, די ענט־דעקונג פון אמעריקא, א. אז. וו.). אין דער דאָזיגער צייט איז דאָס הארץ נאָך גאַנץ ווייט געוועזן פון דעם פערלאַנג זיך אויסצו־לעדיגען פון דעם קריסטליכען אינהאלט.

אָבער די רעפאָרמאציאָן האָט ענדליך, אזוי ווי סאָקראטעס, געמאכט אפילו די הערצער ערנסט, און זינט דאן זיינען די הערצער אלץ מעהר — אונקריסטליכער געוואָרן. אזוי ווי מען האָט מיט לוטהער׳ן אָנגעהויבען זיך צו נעהמען די זאך צום הארצען, האָט אָט דער שריט פון דער רעפאָרמאציאָן געמוזט פיהרען דערצו, אז דאָס הארץ זאָל אויך ווערן דערלייכטערט פון דער שווערער לאַסט פון קריסטליכקייט. דאָס הארץ, ווערענדיג פון טאָג צו טאָג אונקריסטליכער, פערלירט דעם אינהאלט, מיט וועלכען עס בעשעפ־טיגט זיך, ביז עס בלייבט איהם מעהר גאָרנישט אויסער די פּוסטע הערצליכקייט, די גאַנץ אלגעמיינע מענשענליעבע, די ליעבע פון דעם מענשען [אין אבסטראַקט], דאָס פרייהייט־בעוואוסטזיין, דאָס „זעלבסטבעוואוסטזיין“.

ערשט דערמיט איז דאָס קריסטענטום פערענדיגט געוואָרן, ווייל עס איז געוואָרן נאַקעט, אָבגעשטאָרבען און אינהאלטס־פּוסט. איצט איז מעהר ניטאָ קיין אינהאלט, אנטקעגען וועלכען דאָס הארץ זאָל זיך ניט אויפשטעלען, סיידען עפּעס גנב׳עט זיך אריין אין איהם אונבעוואוסט אָדער אָהן „זעלבסטבעוואוסטזיין“. דאָס הארץ קריטיקירט צום טויט אלץ, וואָס וויל זיך אריינדרינגען, מיט אָהן־רחמנות׳דיגער אונבארמהערציג־קייט, און איז ניט פעהיג אויף קיין פריינדשאַפט, קיין ליעבע (אויסער, ווי געזאָגט, אונבעוואוסט אָדער דורך אן איבעראשונג). וואָס קאָן טאקע זיין אין דעם מענשען ליעב צו האָבען, אז זיי

ויינען אלע בכלל „עגאיסטען", אז קיינער פון זיי איז ניט ד ע ר מ ע נ ש אלס אזעלכער, ד. ה. קיינער איז ניט נ א ר ג י י ס ט? דער קריסט ליעבט נאר דעם גייסט; וואו וואלט מען אבער געקאנט געפינען איינעם, וואס איז ווירקליך נישט מעהר ווי גייסט?

ליעב האבען א קערפערליכען מענשען מיט הויט און האר, דאס וואלט דאך ניט געווען מעהר קיין „גייסטיגע" הערצליכקייט, דאס וואלט געווען א פעררעטה אנטקעגען דער „ריינער" הערצליכ־קייט, אנטקעגען דער „טעארעטישער אינטערעסע". ווארים מען דארף ח"ו ניט פארשטעלען די ריינע הערצליכקייט ווי יענע געמיט־ליכקייט, וואס דריקט יעדען איינעם פריינדליך די האנד; אין געגענטייל, די ריינע הערצליכקייט איז צו קיינעם ניט הערצליך, זי איז נאר טעארעטישע טיילנאהמע; עס הייסט נאר, נעהמען אנטייל אין מענשען אלס מענשען, ניט אלס פערזאן. די פערזאן איז איהר צו־ווידער, ווייל די פערזאן איז „עגאיסטיש", ווייל זי איז ניט דער „מענש", די אידעע. נאר פאר דער אידעע איז פאראן א טעארעטישע אינטערעסע. פאר דער ריינער הערצליכקייט אדער פאר דער ריינער טעאריע עקזיסטירען נאר די מענשען, כדי קריטי־קירט, אויסגעלאכט און ביז'ן העכסטען גראד פעראכטעט צו ווערן; זיי זיינען פאר איהר, ניט וועניגער ווי פאר דעם פאנאטישען גלח, בלויז „שמוץ" און נאך אזוינס „זויבערעס".

געטריבען ביז צו אט דעם העכסטען שפיץ פון אינטערעסען־לאזער הערצליכקייט, מוזען מיר ענדליך קלאר ווערן, אז דער גייסט, וואס נאר איהם אליין האט דער קריסט ליעב, איז גארנישט, אדער, אז דער גייסט — איז א ליגען.

דאס, וואס איז דא געזאגט געווארן קורץ, און איז נאך אודאי אונפערשטענדליך, וועט האפענטליך שפעטער ווערן קלערער.

לאמיר אויפנעהמען די ירושה, וואס די פארצייטיגע האבען איבערגעלאזט, און לאמיר אלס טהעטיגע ארבייטער מאכען דערפון אזויפיעל, וויפיעל — עס לאזט זיך דערפון מאכען! די וועלט ליעגט פעראכטעט פאר אונזערע פיס, טיעף אונטער אונז און אונטער אונזער הימעל, אין וועלכען איהרע מעכטיגע ארעמס גרייפען ניט מעהר אריין און איהר בערוישענדער אטעם קאן מעהר ניט אריינדרינגען. ווי פערפיהרעריש זי זאל זיך ניט בענעהמען, קאן זי נאר פערנארן אונזערע ח ו ש י ם; דעם גייסט — און מיר

זיינען דאַך וואָהרהאַפטיג ניט מעהר ווי גייסט — פערפיהרט זי ניט. איז דער גייסט איינמאָל דערקראָכען הינטער די זאכען, האָט ער זיך שוין אויך אַרויפגעקליבען איבער די זאכען און איז פריי געוואָרן פון זייערע קייטען, איז ניט מעהר אַ פערקנעכ־טעטער, איז אַ יענערזייטיגער, אַ פרייער. אַט אַזוי רעדט די „גייסטיגע פרייהייט".

דעם גייסט, וועלכער איז נאָך לאַנגע בעמיהונגען לויז געוואָרן פון דער וועלט, דעם וועלטלאָזען גייסט, נאָכדעם ווי ער האָט פערלאָרען די וועלט און דאָס וועלטליכע, בלייבט מעהר גאָרנישט איבער אויסער — דער גייסט און דאָס גייסטיגע.

אַזוי ווי אָבער ער האָט זיך דאָך נאָר דערווייטערט פון דער וועלט, און האָט זיך פון איהר פריי געמאַכט, ניט קאָנענדיג זי ווירקליך פערניכטען, בלייבט זי פאַר איהם אַ שטרויכ־לונג, וואָס לאָזט זיך ניט אָבדרוימען, אַ דיסקרעדיטירטע עקזיס־טענץ; און אַזוי ווי, פון דער אַנדער זייט, וויים ער ניט און אָנדערקענט ניט קיין זאַך אַחוץ גייסט און גייסטיגעס, מוז ער זיך תמיד אַרומטראָגען מיט דער תשוקה צו פערגייסטיגען די וועלט, ד. ה. אויסצולייזען זי פון „גלות". דעריבער טראָגט ער זיך אַרום ווי אַ יונגער בחור מיט פּלענער פון וועלט־דערלייזונג אָדער וועלט־פערבעסערונג.

די פאַרצייטיגע, ווי מיר האָבען געזעהן, האָבען געדיענט דאָס נאַטירליכע, דאָס וועלטליכע, די נאַטירליכע וועלט־אָרדנונג; זיי האָבען אָבער זיך שטענדיג געפרעגט, צי זיי קאָנען ניט אפשר זיך בעפרייען פון דעם דאָזיגען דיענסט. און דאַן, בעת זיי האָבען זיך צום טויט אויסגעמאַטערט מיט זייערע אַלץ־נייע אויפשטאַנד־פּראָבעס, איז אינמיטען פון זייערע לעצטע זיפצען, זיי געבוירען געוואָרען דער גאָט, דער „בעזיעגער פון דער וועלט". זייער גאַנצער טהאָן איז געווען מעהר גאָרנישט אויסער וועלט־חכמה — אַ טראַכטען, ווי אַזוי צוצוקומען הינטער דער וועלט און איבער איהר. און וואָס איז די חכמה פון די פיעלע דערנאָך־קומענדע יאָהרהונדערטען? הינטער וואָס האָבען די נייע געזוכט צוצוקומען? זיי האָבען מעהר ניט געזוכט צוצוקומען הינטער דער וועלט, דען דאָס האָבען שוין די אַלטע אויסגעפיהרט, נאָר הינטער דעם גאָט, וועלכען יענע האָבען זיי איבערגעלאָזט:

הינטער דעם גאָט, „וועלכער איז גייסט“, הינטער אַלץ, וואָס געהערט דעם גייסט, הינטער דאָס גייסטיגע. אָבער די טהעטיג־קייט פון גייסט, וועלכער „דערפאָרשט אפילו די טיעפעגישען פון דער גאָטהייט“, איז די טעאָלאָגיע. אויב די אַלטע האָבען מעהר גאָרנישט אויפצו־ווייזען אויסער וועלט־חכמה, האָבען די נייע קיינמאָל ניט געפיהרט ווייטער, און איצטער אויך ניט, ווי ביז צו דער טעאָלאָגיע. מיר וועלען שפּעטער זעהן, אַז אפילו די נייעסטע אויפשטאַנדען אנטקעגען גאָט זיינען מעהר גאָרנישט, ווי די העכסטע אָנשטרענגונגען פון דער „גאָטס־געלעהרטקייט“, ד. ה. זיי זיינען טעאָלאָגישע בונטען.

## §1. דער גייסט.

דאָס רייך פון די גייסטער איז אונגעהויער גרויס, גייסטיגעס איז פאַראַן אונענדליך פיעל: איז לאָמיר זיך צוקוקען און זעהן, וואָס אייגענטליך איז דער גייסט, אָט די ירושה, וואָס איז אונז געבליבען פון די אַלטע.

פון זייערע געבורט־וועהען איז ער אַרויסגעקומען, זיי אַליין אָבער האָבען זיך ניט געקאָנט אויסשפּרעכען אַלס גייסט: זיי האָבען איהם געקאָנט געבוירען, רעדען אָבער האָט ער געמוזט אַליין. דער „געבוירענער גאָט, דער מענשען־זוהן“ האָט ערשט אַרויסגעשפּראָכען דאָס וואָרט, אַז ער איז גייסט; ד. ה., אַז ער, דער גאָט, האָט מיט קיין זאַך פון דער ערד, מיט קיין ערדישער שייכות, ניט צו טהאָן, נאָר איינציג און אַליין מיט דעם גייסט און די גייסטיגע שייכות'ן.

איז אפשר מיין מוטה, וואָס קאָן ניט פערטיליגט ווערן פון אַלע קלעפּ פון דער וועלט, מיין אונבויגזאַמקייט, מיין להכעיס'־דיגער ווידערשטאַנד, שוין דערפאַר גייסט אין פולען זין פון וואָרט, ווייל די וועלט האָט אויף איהם קיין שליטה ניט? הערסטו, דאַן וואָלט ער דאָך נאָך געשטאַנען אין פיינדשאַפט מיט דער וועלט, און זיין גאַנצע טהעטיגקייט וואָלט זיך בעשרענקט נאָר אויף דעם, אַז ער זאָל ניט בעזיעגט ווערען פון איהר! ניין, כל זמן ער בעשעפ־טיגט זיך נאָך ניט מיט זיך אַליין, כל זמן ער האָט נאָך ניט צו טהאָן אויסשליסליך מיט זיין וועלט, מיט דער גייסטיגער, איז ער נאָך ניט קיין פרייער גייסט, זאָנדערן ער איז נאָר דער

„גייסט פון אַט דער וועלט“, א צוגעשמידטער צו איהר מיט קייטען. דער גייסט איז א פרייער גייסט, ד. ה.ווירקליך גייסט, ערשט אין זיינער אַן א י י ג ע נ ע ר וועלט; אין „ד ע ר וועלט“, אין דער ערדישער וועלט, איז ער א פרעמדער. נאָר אין א גייסטיגער וועלט איז דער גייסט ווירקליך גייסט, ווארים „אַט די“ וועלט פער־שטעהט איהם ניט און ווייסט ניט ווי איינצוהאַלטען ביי זיך „דאָס מערכען אויס דער פרעמד“.*

פון וואנען אָבער זאָל איהם אַט די גייסטיגע וועלט קומען? פון וואנען, אויב ניט פון איהם גופא! ער מוז זיך אַנטפּלעקען אין די ווערטער, וועלכע ער רעדט; די אַנטפּלעקונגען, אין וועלכע ער דעקט זיך אויף, דאָס איז ז י י ן וועלט. פּונקט ווי א פאַנטאַ־זיאָר לעבט נאָר אין די פאַנטאַסטישע בילדער, וועלכע ער אליין ברענגט ארויס, און האָט זיך זיין א י י ג ע נ ע וועלט; פּונקט ווי דער צודולטער שאַפט זיך זיין אייגענע חלומות־וועלט, אָהן וועלכער ער וואָלט ניט געקאָנט זיין קיין צודולטער — אַזוי מוז דער גייסט זיך בעשאַפען זיין גייסטער־וועלט, און איידער ער שאַפט זי, איז ער ניט קיין גייסט.

זיינע שעפּפונגען, אַלזאָ, מאַכען איהם פאַר א גייסט, און לויט דאָס געשאַפענע דערקענט מען איהם, דעם שעפער: אין זיי לעבט ער, זיי זיינען זיין וועלט.

איז וואָס איז דער ג י י ס ט? ער איז דער בעשאַפער פון א גייסטיגער וועלט! אויך ביי דיר און מיר דערקענט מען ערשט דאַן גייסט, ווען מען זעהט, אז מיר האָבען זיך אַנגעאייגענט עפּעס גייסטיגעס, ד. ה. געדאַנקען, וועלכע מיר האָבען געבראַכט צום לעבען אין אונז, ווען אפילו זיי זיינען אונז געגעבען געוואָרן פון דרויסען; ווארים כל זמן מיר זיינען געווען קינדער האָט מען אונז געקאָנט פאָרלעגען די בעלעהרענדסטע געדאַנקען, און מיר זאָלען ניט האָבען געוואָלט אָדער געקאָנט זיי ווידערבעשאַפען אין אונז. אַזוי אויך איז ער נאָר דאַן גייסט, ווען ער שאַפט גייסטי־געס: ער איז א ווירקליכקייט נאָר ווען ער איז אינאיינעם מיט דאָס גייסטיגע, וואָס ער האָט בעשאַפען.

* [„דאָס מערכען אויס דער פרעמד“ איז דער נאָמען פון שיללער'ס א געדיכט.]

אזוי ווי מיר דערקענען איהם, הייסט עס, אן זיינע ווערק. פרענט זיך, וועלכע זיינען די דאזינע ווערק? די ווערק אדער די קינדער פון דעם גייסט זיינען מעהר גארנישט אויסער — גייסטער.

ווען איך וואלט געהאט פאר מיר אידען, אידען געקנאטען פון עכטען טייג, וואלט איך אט דא געמוזט אויפהערן און לאזען זיי שטעהן פאר אט דער מיסטעריע, ווי זיי זיינען געבליבען שטעהן פאר איהר, אונגלויביג און אהן דערקענטניש, שוין כמעט צוויי טויזענד יאהר. אזוי ווי אבער דו, מיין ליעבער לעזער, ביזט ווענינגסטענס ניט קיין פולבלוטינגער איד — ווארים אזא איינער וואלט זיך אזוי ווייט ניט לאזען פעראירען — איז לאמיר נאך מיטמאכען א שטיק וועג צוזאמען, ביז דו ועסט אפשר אויך זיך אומקעהרען צו מיר מיט'ן רוקען, ווייל איך לאך דיר אין געזיכט.

ווען ווער עס איז וואלט דיר געזאגט, אז דו ביזט אינגאנצען גייסט, וואלסטו זיך אנגעכאפט ביים לייב און איהם ניט געגלויבט, נאר דו וואלסט געענטפערט: איך האב טאקע גייסט, איך עקזיסטיר אבער ניט בלויז אלס גייסט, נאר איך בין א לייביגער מענש. דו וואלסט נאך אלץ זיך אונטערשיידען פון דיין „גייסט". זאגט אבער וויעדער יענער: דיין שיקזאל איז אזעלכער, אז הגם איצטער דרעהסטו זיך נאך ארום אין די קייטען פון חומר, ועסטו אבער אמאל ווערן א „געבענשטער גייסט"; און ווי דו זאלסט זיך ניט פארשטעלען דאס צוקינפטיגע אויסזעהן פון דעם דאזיגען גייסט, אזויפיעל איז אבער זיכער, אז נאכ'ן טויט ועסטו ארפבציהען פון זיך דעם חומר און דאך וועסטו זיך, ד. ה. דיין גייסט, אנהאלטען לעולמי עולמים: בכן איז דיין גייסט אין דיר דאס אייביגע און אמת'ע, דער חומר איז נאר א וואוינונג דא אויף דער זייט, וועלכע דו קאנסט פערלאזען און אפשר פערבייטען אויף אנאנדערע.

איצטער גלויבסטו איהם! פאר איצטער ביזטו טאקע ניט בלויז גייסט, אבער ווען דו ועסט אמאל זיך מוזען ארויסקלייבען פון דיין שטערבליכען חומר, דאן וועסטו מוזען אויסקומען אהן איהם; איז דעריבער נויטיג, דו זאלסט זיך ארומזעהן און נעהמען בעצייטענס זארגען פאר דיין אייגענטליכען „איך". „וואס טויג עס דעם מענשען, ווען ער געווינט די גאנצע וועלט, אויב ער מהוט שאדען זיין נשמה!"

אָבער אָנגענומען אפילו, אז די ספיקות, וואָס זיינען ענט־שטאַנען אין פערלויף פון דער צייט אנטקעגען די לעהרען פון דער קריסטליכער אמונה, האָבען ביי דיר שוין לאַנג אוועקגערויבט דעם גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פון דיין גייסט, איין לעהרע האָסטו דאָך געלאָזט א ניט־אָנגעריהרטע, און אָן דער וואַרהייט האַלסטו זיך נאָך אַלץ פריי אָן, אז דער גייסט איז דיין בעסערער טייל, און אז דאָס גייסטיגע האָט גרעסערע תביעות צו דיר, איידער וועלכע עס איז אַנדערע זאַך. טראָץ דיין גאַנצען אַטעאיזם, שטימסטו איין אין דער שנאה צום ע ג אָ י ז ם מיט אַלע גלויבער אין אונשטערבליכקייט.

ווּעמען אָבער האַלסטו פאַר אַן עגאָיסט? אַ מענשען, וועל־כער אַנשטאָט צו לעבען פאַר אַן אידעע, ד. ה. פאַר עפּעס גייסטי־געס, און אָפּפערען דער אידעע זיינע פּערזענליכע נוצען, דיענט צו די לעצטע, ד. ה. צו זיינע אייגענע נוצען. אַ גוטער פּאַטריאָט צ. ב. ש. ברענגט זיינע קרבנות אויפ׳ן מזבח פון פּאָטערלאַנד; און אז דאָס פּאָטערלאַנד איז אַן אידעע, איז דאָך גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען, והראיה פאַר חיות, וואָס קאָנען ניט האָבען קיין גייסט און פאַר קינדער, וואָס האָבען נאָך ניט קיין גייסט, איז ניטאָ קיין פּאָטערלאַנד און ניטאָ קיין פּאַטריאָטיזם. אויב ווער עס איז פיהרט זיך ניט אויף ווי א גוטער פּאַטריאָט, ווייזט ער ארויס בנוגע דעם פּאָטערלאַנד זיין עגאָיזם. און אַזוי איז עס אויך אין פיעלע אַנדערע פעלען: ווער עס ציהט נוצען פאַר זיך אין דער מענשליכער געזעלשאַפט פון זיינס א פּריווילעגיע, דער זינדיגט עגאָיסטיש אַנטקעגען דער אידעע פון גלייכהייט; ווער עס איבט־אויס הערשאַפט, דעם טאַדעלט מען אַלס עגאָיסט אַנטקעגען דער אידעע פון פרייהייט, א. אַז. וו.

דארום פעראַכטסטו דעם עגאָיסט, ווייל ער שטופּט־אָב דאָס גייסטיגע פון וועגען דאָס פּערזענליכע, און זאָרגט פאַר זיך, ווען דו וואָלסט איהם גערן געזעהן טהאָן עפּעס צוליעב אַן אידעע. איהר אונטערשיידט זיך דעריין, וואָס דו מאַכסט דעם ג י י ס ט פאַר׳ן מיטעלפּונקט און ער מאַכט ז י ך פאַר׳ן מיטעלפּונקט; אָדער וואָס דו צוטיילסט דיין איך אין צווייען און דערהויבסט דיין „אייגענטליכען איך", דעם גייסט, אַלס הערשער איבער דער ווּעני־גער־ווערטהפולער העלפט, בעת ער וויל גאָר ניט וויסען פון אָט דער

צוטיילונג און פערפאָלגט די גייסטיגע און מאטעריעלע אינטערעסען אקוראט ווי איהם געלוסט זיך. דו מיינסט טאַקע נאָר אָנצופאַלען אויף יענע, וועלכע האָבען גאָרניט קיין גייסטיגע אינטערעסען, אין דער ווירקליכקייט אָבער שימפּפסטו אַלעמען, וועלכע בעטראַכטען ניט זייערע גייסטיגע אינטערעסען פאַר די „אמת׳ע און העכסטע“. דו געהסט אין דיין ראָלע אַלס ריטער פון דער שעהנהייט אַזוי ווייט, אַז דו בעהויפּטעסט, זי איז די איינציגע שעהנהייט אויף דער וועלט. דו לעבסט ניט פאַר דיר, זאָנדערן פאַר דיין גייסט און פאַר דאָס, וואָס איז דעם גייסט׳ס, ד. ה. אידעען.

אַזוי ווי דער גייסט איז נאָר דורכדעם גייסט, וואָס ער שאַפט גייסטיגעס, איז לאָמיר ארומקוקען זיין ערשטע שאַפונג. איינמאָל האָט ער אַרויסגעבראַכט די האָזיגע ערשטע, דאַן קומט שוין ווייטער אַ נאַטירליכע פאָרטפּלאַנצונג פון שאַפונגען, פּונקט ווי עס קומט־אויס לויט דער לעגענדע, אַז נאָר די ערשטע מענשען האָבען געדאַרפט בעשאַפען ווערן, די איבעריגע דורות האָבען זיך שוין פאָרטגעפּלאַנצט פון זיך אַליין. די ערשטע שאַפונג, ווידער, מוז אַרויסקומען „פון גאָרנישט“, ד. ה. דער גייסט האָט כדי זיי צו פערווירקליכען מעהר גאָרנישט אויסער זיך אַליין; אָדער ריכטי־גער, ער האָט נאָך אפילו זיך אַליין ניט, נאָר ער מוז זיך ערשט בעשאַפען: זיין ערשטע שאַפונג איז דעריבער ער אַליין, דער גייסט. ווי מיסטיש דאָס זאָל ניט קלינגען, דאָך מאַכען מיר עס דורך אַלס אַן אַלטעגליכע ערפאַהרונג. ביזטו דען פריהער אַ דענ־קענדער מענש איידער דו דענקסט? דורכדעם וואָס דו בעשאַפסט דעם ערשטען געדאַנק, בעשאַפסטו זיך דעם דענקענדען, וואָרים דו דענקסט ניט איידער דו דענקסט אַ געדאַנק, ד. ה. אייער דו האָסט אַ געדאַנק. מאַכט דיך דען ניט דיין זינגען ערשט פאַר אַ זינגער, דיין רעדען פאַר אַ רעדענדיגען מענשען? נו, איז אַזוי מאַכט דיך ערשט דיין אַרויסברענגען גייסטיגעס פאַר אַ גייסט.

פּונקט אָבער ווי דו אונטערשיידסט זיך פון׳ם דענקער, זינגער און רעדנער, אַזוי ניט ווענינער אונטערשיידסטו זיך פון דעם גייסט און פיהלסט גאַנץ גוט, אַז דו ביזט נאָך עפּעס אַנדערש אַחוץ גייסט. נישט מעהר, אַזוי ווי אין ענטוזיאַזם פון דענקען פערגעהט לייכט דעם דענקענדען „איך“ דאָס הערן און זעהן, אַזוי האָט דיך

ארומגעכאפּט דער גייסט־ענטוזיאזם און דו שטרעבסט מיט אַלע כחות איינגאַנצען צו ווערען גייסט, בטול צו ווערן אין דעם גייסט. דער גייסט איז דיין אידעאַל, דאָס ניט־דערגרייכטע, דאָס וואָס איז אויף יענער וועלט: גייסט הייסט דיין — גאָט, „גאָט איז גייסט".

דו ביזט אַ פאַנאַטיקער אַנטקעגען אַלץ וואָס איז ניט גייסט, און דעריבער ביזטו אַ פאַנאַטיקער נעגען זיך אליין, וואָס קאָן ניט לויז ווערן פון דאָס איבערגעבליבענע ניט־גייסטיגעס. אַנשטאָט צו זאָגען: „איך בין מעהר אלס גייסט", זאָגסטו מיט אַ צובראָכען האַרץ: „איך בין ווענינער אלס גייסט; פון דעם גייסט, דעם ריינעם גייסט, פון דעם גייסט וואָס איז כולו גייסט, פון איהם קאָן איך נאָר דענקען, אָבער איך בין עס ניט, און אַזוי ווי איך בין עס ניט, איז עס אַנאַנדערער, עקזיסטירט עס אַלס אַנאַנדערער, וועמען איך רוף־אָן גאָט".

עס ליעגט אין דער נאַטור פון דער זאַך, אַז דער גייסט, וואָס דאַרף עקזיסטירען אַלס ריינער גייסט, מוז זיין אַ יענער־וועלטינער; וואָרים וויבאַלד איך בין עס ניט, קאָן ער האָך נאָר זיין אויסער מיר, און אַזוי ווי אַ מענש בכלל פערשווינדט ניט לגמרי אין דעם בעגריף „גייסט", קאָן דער ריינער גייסט, דער גייסט אַלס אַזעלכער, נאָר זיין אויסערהאַלב דעם מענשען, נאָר אויף יענער זייט פון דער מענשען־וועלט, ניט פון דער ערד, נאָר פון הימעל.

נאָר פון אָט דעם צווייספּאַלט, אין וועלכען איך און דער גייסט געפינען זיך; נאָר ווייל איך און גייסט זיינען ניט נעמען פאַר איין און דיזעלבינע זאַך, זאָגדערן דאָס זיינען נעמען פאַר גאַנץ־פערשיידענע זאַכען; נאָר ווייל איך בין ניט גייסט און גייסט איז ניט איך: נאָר דערפון דערקלערט זיך אָן איבעריג מאָל די נויטווענדינקייט, וואָס דער גייסט וואוינט אויף יענער וועלט, ד. ה. ער איז גאָט.

דערפון אָבער קאָן מען אויך זעהן, ווי דורכאויס טעאָלאָגיש, ד. ה. גאָטגעלעהרט, עס איז די בעפרייאונג, וועלכע פייערבאַך בעמיהט זיך אונז צו געבען.* ער זאָגט נעמליך, אז מיר האָבען ניט פערשטאַנען אונזער איינענעם מהות און האָבען עס דעריבער

* אין זיין „וועזען דעס קריסטענטומס".

געזוכט אין יענער וועלט, איצט אָבער ווי מיר האָבען איינגעזעהן, אז גאָט איז נאָר אונזער איינגענטליכער עצם, מוזען מיר עס ווידער אָנדערקענען אלס אונזערעס און צוריקפיהרען פון יענער וועלט אין דער וועלט אריין. דעם גאָט, וואָס איז גייסט, רופט פייערבאך אָן „אונזער עצם“. קאָנען מיר דאָס דערלאָזען, אז „אונזער עצם“ זאָל געבראַכט ווערן אין א געגענזאַץ צו א ו נ ז, — אז מיר זאָלען צושפּאַלטען ווערן אויף אַן עצם'דיגען און ניט-עצם'דיגען „איך“? פערדרוקען מיר זיך דערמיט ניט ווידער צוריק אין דאָס טרויעריגע עלענד, וואו מיר פיהלען זיך פערטריבען פון זיך אליין?

וואָס געווינען מיר אָבער, ווען מיר נעהמען דאָס געטליכע, וואָס איז אויסער אונז, און פערזעצען עס מיט אמאָל לשם שנוי אין אונז? ז י י נ ע ן מ י ר דען דאָס, וואָס איז אין אונז? פונקט אזוי ווייניג ווי מיר זיינען דאָס, וואָס איז אויסער אונז. איך בין פונקט אזוי ווייניג מיין הארץ, ווי איך בין מיין הארצענס-געליעבטע, אָט די דאָזיגע, וואָס איז מיין „אנדער איך“. גראָד דערפאר ווייל מ י ר זיינען ניט דער גייסט, וואָס וואוינט אין אונז, האָבען מיר איהם דעריבער געמוזט פערזעצען אויסער אונז: ער איז ניט געווען מיר, איז ניט געווען איינס און דאָסזעלבע וואָס מיר, און דארום האָבען מיר וועגען איהם אלס עקזיסטירענדען אנדערש ניט געקאָנט דענקען, סיידען אויסער אונז, פון יענער זייט פון אונז, אין יענער וועלט.

מיט דעם כח פון פערצווייפלונג כאַפּט זיך פייערבאך אָן פאר דעם סך הכל'דיגען אינהאַלט פון קריסטענטום, ניט כדי איהם אוועקצו־וואַרפען, ניין, כדי איהם צוציהען צו זיך, כדי מיט א לעצטער אָנשטרענגונג ארויסשלעפּען איהם, דעם לאַנג־געווינשטען, אימער־ווייטגעבליבענעם, פון זיין הימעל און בעהאַלטען איהם אויף אייביג ביי זיך. איז דאָס ניט א גרייף פון דער לעצטער פערצווייפלונג, א גרייף אויף לעבען און טויט? און איז עס ניט אין דערזעלביגער צייט דאָס קריסטליכע בענקעניש און בעגעהרונג נאָך א יענער וועלט? דער מענשען־העלד וויל ניט אריינגעהן אין יענער וועלט, זאָנדערן אריינציהען יענע וועלט אין זיך און איהר צווינגען זי זאָל ווערן ד י וועלט! און שרייט דען ניט די גאנצע וועלט מיט מעהר אָדער ווייניגער בעוואוסטזיין, אז „די וועלט“

איז די הויפּטזאַך, און אַז דער הימעל מוז קומען אויף דער ערד און שוין דאָ פערווירקליכט ווערן?

לאָמיר אוועקשטעלען אינקורצען פייערבאַך׳ס טעאָלאָגישע אַנזיכט און אונזער ווידערשפּרוך איינע אַנקעגען די אַנדערע! „דער עצם פון מענשען איז דעם מענשען׳ס העכסטעס וועזען; די רעליגיאָן רופט אפילו אָן דאָס העכסטע וועזען גאָט און בעטראַכט עס פאַר אַן אָביעקטיווען וועזען, אין דער אמת׳ן אָבער איז עס נאָר דעם מענשען׳ס אייגענער עצם; און דעריבער קאָן מען עס רעכענען פאַר דעם ווענדפּונקט פון דער וועלטגעשיכטע, וואָס פון איצטער אָן דאַרף דעם מענשען ניט מעהר גאָט, זאָנדערן דער מענש ערשיינען אַלס גאָט“.*

אויף דעם דערווידערן מיר: „דאָס העכסטע וועזען איז גאַנץ געוויס דער עצם פון מענשען, אָבער טאַקע דערפאַר ווייל עס איז זיין עצם און ניט ער אליין, בלייבט עס גאַנץ עגאַל, צי מיר זעהען עס אויסער איהם און בעטראַכטען עס פאַר „גאָט“, צי מיר געפינען עס אין איהם און רופען עס אָן „עצם פון מענשען“, אָדער „דער מענש“. איך בין ניט גאָט און ניט דער מענש, ניט דער העכסטער עצם און ניט מיין עצם, און דעריבער איז עס אין תוך אַלץ איינס, צי איך דענק דער עצם איז אין מיר, אָדער אויסער מיר. יאָ, מיר דענקען טאַקע ווירקליך אַלעמאָל, אַז דאָס העכסטע וועזען איז אין ביידערליי יענעוועלטען, אין דער אינער־ליכער און אויסערליכער, צוגלייך: וואָרים דער „גייסט פון גאָט“ איז לויט דעם קריסטליכען בליק אויף „אונזער גייסט“ און „וואוינט אין אונז“.** ער וואוינט אין הימעל און וואוינט אין אונז; מיר, אָרימע ווערים, זיינען טאַקע נאָר זיין „דירה“, און ווען פייערבאַך צערשטערט נאָך יענעמ׳ס הימעלשע וואוינונג, און צווינגט איהם מיט האַק און פּאַק זיך אריבערצוקלייבען צו אונז, וועלען מיר, זיין ערדישע קוואַרטיר, ווערען צופיעל אָנגעפּילט.

דאָך נאָך אָט דעם אָבטרעטען פון ענין (וואָס אויב מיר

---

* פערגלייך צ. ב. ש. „וועזען דעם קריסטענטומס“, ז. 402.

** צ. ב. אין ברית חדשה: רוימער 8, 9; 1. קארינטהער 3, 10; יאָחאַן 20, 22 און אין פיעלע אנדערע שטעלען.

וואָלטען איבערהויפּט געמיינט צו געהן כסדר, וואָלטען מיר עס געראַפּט אָבלעגען פאַר די שפּעטיגערע בלעטלעך, כדי אויסצו־מיידען ווידערהאָלונגען), קעהרען מיר זיך אום צו דער ערשטער שאַפונג פון גייסט, צום גייסט גופא.

דער גייסט איז עפּעס אַנדערש איידער איך. דאָס דאָזיגע אַנדערע אָבער, וואָס איז עס?

## § 2. אונטער דער שליטה פון רוחות.

האָסטו שוין געזעהן אַ רוח? „ניין, איך ניט, אָבער מיין באָבע". זעהסטו, די אייגענע מעשה ווי מיט מיר: איך אַליין האָב אויך קיינע ניט געזעהן, אָבער ביי מיין באָבען פלעגען זיי זיך פּלאָנטערן צווישען די פיס, און האָבענדיג צוטרויען צו אונזער באָבע'ס עהרליכקייט, גלויבען מיר אין דער עקזיסטענץ פון רוחות.

אָבער צי דען האָבען מיר ניט געהאַט קיין זיידעס, און צי האָבען זיי ניט געקוועטשט מיט די פּלייצעס יעדעס מאָל, וואָס די באָבע פלעגט דערצעהלען וועגען איהרע רוחות? יאָ, דאָס זיינען געווען אונגלויביגע מענער, און זיי האָבען אונזער גוטער רעליגיאָן פיעל שאַדען געטאָן, די דאָזיגע אויפקלערער! מיר וועלען דאָס נאָך דערפיהלען! וואָס דען ליעגט אין גרונט פון דעם וואַרעמען גלויבען אין רוחות, אויב ניט דער גלויבען אין דער „עקזיסטענץ פון גייסטיגע וועזענס איבערהויפּט"? און הויבט ניט אָן אָט דער לעצטער גלויבען גופא זיך זינדיג צו שאָקלען, ווען מען דערלאָזט, אַז העזה'דיגע פערשטאַנד־מענשען זאָלען מעגען יענעם ערשטען גלויבען אויפרודערן? וואָס פאַר אַ שטויס דער גלויבען אין גאָט גופא האָט געליטען דורך דעם אָבלעגען אָהן אַ זייט פון דעם גלויבען אין גייסטער אָדער רוחות, דאָס האָבען די ראָמאַנטיקער זעהר גוט געפיהלט, און זיי האָבען געזוכט צו פערריכטען די שעדליכע פאָלגען, ניט נאָר דורך זייער פון־דאָס־ניי־אויפגעוועקטער פאַנטאַסטישער לעגענדרען־וועלט, נאָר לעצטענס ספּעציעל דורך דעם „אריינפיהרען פון אַ העכערער וועלט", דורך זייערע סאָמנאַבוליסטען, וואָהרזאָגערינס פון פּרעוואָרסט א. אז. וו. די גוטע גלויביגע און די קירכען־פּאַטערס האָבען ניט געזעהן, אַז מיט דעם אויפהערען גלויבען אין רוחות ווערט אונטערגעגראָבען

דער באַדען פון דער רעליגיאָן, און אז זי שוועבט פון ראַן אַן אין דער לופטען. ווער עס גלויבט ניט מעהר אין רוחות, דער דאַרף נאָר קאָנסעקווענט נעהן ווייטער אין זיין ניט־גלויבען, כדי איינצוזעהן, אז הינטער די זאַכען שטעקט איבערהויפּט ניט קיין בעזונדער וועזען, קיין רוח, אָדער — וואָס אויף א נאַיווען אופן גילט אפילו לויט דעם טייטש פון וואָרט פאר דערזעלבער בעדייטונג — קיין „גייסט“.

— „עס עקזיסטירען גייסטער!“ קוק זיך ארום אין דער וועלט און זאָג אליין, צי א גייסט בליקט ניט אויף דיר פון איבעראל. פון דער בלום, דער קליינער, דער ליעבליכער, רעדט צו דיר דער גייסט פון בעשעפער, וועלכער האָט זי אזוי וואונדערבאר פאָרמירט; די שטערען פערקינדיגען דעם גייסט, וועלכער האָט זיי איינגעאָרדענט; פון די בערג־שפּיצען וועהט ארונטער א גייסט פון ערהאַבענקייט; פון די וואסערן רוישט ארויף א גייסט פון בענקעניש, און — פון דעם מענשען רעדען מיליאָנען גייסטער. מעגען די בערג איינזינקען, די בלומען פערוועלקען, די שטערען־וועלט צוזאַמענפאלען, די מענשען אויסשטארבען — וואָס פאר א בעטרעף האָט דער אונטערגאַנג פון אָט די קערפּער, וועלכע מען קאָן זעהן בחוש? דער גייסט, דער „אינו נראה“, בלייבט אייביג!

— יאָ, א רוח טרייבט זיך ארום אין דער גאַנצער וועלט! נאָר א י ן איהר? ניין, זי אליין יאָגט ווי א רוח; זי איז אונהיימליך דורך און דורך, זי איז דער וואַנדלענדער דמיון־גוף פון א גייסט; זי איז א רוח. וואָס קאָן א געשפּענסט זיין אנדערש איידער א דמיונ'דיגער גוף, אָבער א ווירקליכער גייסט? הכלל, די וועלט איז „הבל“, איז „נישטיג“, איז נאָר א בלענדענדער „שיין“; איהר אמת איז נאָר דער גייסט אליין; זי איז דער דמיון־גוף פון א גייסט.

— קוק אין דער נאָהענט אָדער אין דער ווייט, איבעראל רינגעלט דיך ארום א רוחות'דיגע וועלט: דו האָסט תמיד „ערשיינונגען“ אָדער דמיונות. אלץ, וואָס דיר ערשיינט, איז נאָר דער שיין פון אן אינוועניגסטען גייסט, איז א רוח'דיגע „ערשיינונג“. די וועלט איז פאר דיר נאָר אן „ערשיינונגס־וועלט“, וואָס דער גייסט טרייבט זיך ארום הינטער איהר. דו „זעהסט גייסטער“.

— דענקסטו אפשר זיך צו פערגלייכען מיט די אלטע, וועלכע האבען אומעטום געטער געזעהן? געטער, מיין ליעבער נייער, זיינען ניט קיין גייסטער; געטער ערנידעריגען ניט די וועלט צו דער מדרגה פון א שיין, און פערגייסטיגען זי ניט. ביי דיר אבער איז די גאנצע וועלט פערגייסטיגט און איז געווארן א רעטזעל־האפטער רוח; דעריבער וואונדער זיך ניט, ווען דו געפינסט אין דיר אויך מעהר גארנישט אויסער א רוח. יאגט דען ניט דיין גייסט ווי א רוח אין דיין גוף, און איז דען ניט יענער אליין דאס אמת'ע און ווירקליכע, און דער נאר דאס „פערגענגליכע, נישטיגע", אדער א דמיון? זיינען מיר דען ניט אלע רוחות, אונהיימליכע וועזענס, וואס הארען אויף אן „ערלייזונג", ד. ה. — „גייסטער"?

זינט דער גייסט איז ערשיענען אין דער וועלט, זינט „דאס ווארט איז געווארן פלייש", פון יעמאלט אן איז די וועלט פער־גייסטיגט, פערכשופ'ט, געווארן א רוח.

— דו האסט גייסט, ווארים דו האסט געדאנקען.

— וואס זיינען דיינע געדאנקען?

— גייסטיגע וועזענס.

— וואס, ניט קיין זאכען?

— ניין, נאר דער גייסט פון זאכען, דער עיקר פון אלע זאכען, זייער תוך, זייער — אידעע.

— וואס דו דענקסט איז, הייסט עס, ניט בלויז דיין געדאנק?

— אין געגענטייל, עס איז דאס ווירקליכסטע, דאס אייגענט־ליך אמת'ע אויף דער וועלט: עס איז די ווארהייט אליין; ווען איך דענק נאר באמת, דענק איך די ווארהייט. געוויס קאן איך א טעות האבען בנוגע דער ווארהייט און ניט ד ע ר ק ע נ ע ן זי; ווען איך ד ע ר ק ע ן אבער באמת, דאן איז דער געגענשטאנד פון מיין דערקענטניס די ווארהייט.

— אזוי, דיין מחשבה איז הפנים אין אלע צייטען צו דערקע־נען די ווארהייט?

— די ווארהייט איז מיר הייליג. עס קאן גאנץ גוט פארקומען, איך זאל געפינען, אז א ווארהייט איז ניט פאלקאמען, און איך שטעל־אויף א בעסערע אויף איהר ארט, אבער די ו ו א ר ה י י ט [אלס אזעלכע] קאן איך ניט אבשאפען. אין דער ווארהייט

ג ל ו י ב איך, דארום גריבעל איך זיך אין איהר; העכער פאר איהר שטייגט קיין זאך ניט אריבער, זי איז אייביג.

— היליג, אייביג איז די ווארהייט; זי איז דאס הייליגע, דאס אייביגע. דו אבער, דו, וועלכער לאזט זיך פון דאס דאזיגע הייליגע אנפילען און פיהרען, ווערסט אליין געהייליגט. דערצו אויך איז דאס הייליגע ניט פאר דיינע חושים, און דו ענטדעקסט קיינמאל ניט אלס זינליכער מענש זיין שפור, נאר עס איז פאר דיין גלויבען, אדער נאך בעשטימטער, פאר דיין ג י י ס ט: ווארים עס איז דאך אליין א גייסטיגע זאך, א גייסט — עס איז גייסט פאר דעם גייסט.

דאס הייליגע לאזט זיך בשום אופן ניט אזוי לייכט בעזייטיגען, ווי דאס בעהויפטען היינטיגע צייטען פיעלע, וועלכע נעהמען שוין מעהר ניט אין מויל דאס דאזיגע „אונגעהעריגע" ווארט. ווען מען זידעלט מיך, זאל זיין אפילו נאר אין איין פרט, מיט'ן נאמען „עגאיסט", הייסט דאס, אז עס בלייבט נאך אלץ איבער דער געדאנק וועגען עפעס אנאנדער זאך, וועלכער איך דארף מעהרער דיענען איידער זיך אליין, און וואס מוז מיר זיין וויכטיגער פאר אלץ; קורץ, אן עפעס, אין וואס איך מוז זוכען מיין אמת'ע היילונג, א — „הייליגס". מעג דאס דאזיגע הייליגע אויסזעהן ווער ווייסט ווי מענשליך, מעג עס זיין דאס מענשליכע אליין, נעהמט עס אלץ פון איהם ניט אוועק די הייליגקייט, נאר עס מאכט העכסטענס פון עפעס אן איבערערדישע הייליגקייט אן ערדישע הייליגקייט, פון א געטליכער — א מענשליכע הייליגקייט.

הייליגעס עקזיסטירט נאר פאר דעם עגאיסט, וועלכער אנדערקענט ניט זיך אליין, פאר דעם נ י ט - פ ר י י ו ו י ל י ג ע ן ע ג א י ס ט, פאר דעם, וואס איז תמיד אויסען דאס זייניגע און האלט זיך דאך ניט פאר דאס העכסטע וועזען, וואס דיענט נאר זיך און מיינט שטענדיג אז ער דיענט א העכערן וועזען, וואס ווייס ניט פון קיין העכערע זאך פאר זיך און איז פונדעסטוועגען ענטוזיאסטיש וועגען העכערעס, קורץ — פאר דעם עגאיסט, וועלכער וואלט געוואלט ניט זיין קיין עגאיסט און דערנידעריגט זיך, ד. ה. ער בעקעמפפט זיין עגאיזם, אבער ער דערנידעריגט זיך אליין אין דערזעלביגער צייט נאר צוליעב דעם, כדי „דערהויבט צו ווערן",

ד. ה. כדי צו בעפריעדיגען זיין עגאָיזם. ווייל ער וואָלט געוואָלט אויפהערן זיין אַן עגאָיסט, זוכט ער אַרום אין הימעל און אויף דער ערד העכערע וועזענס, צו וועלכע ער זאָל קאָנגען דיענען און זיך אָפּפערן; וויפיעל אָבער ער זאָל זיך ניט טרייסלען און פּייני־גן, צום סוף טהוט ער דאָך אַלץ פון זיינטוועגען, און דער פּער־שאָלטענער עגאָיזם טרעט פון איהם ניט אָב. איך רוף איהם דעריבער דער אונפרייוויליגער עגאָיסט.

זיין מיה און זאָרג, וואָס ער וועגדט אָן לויז צו ווערן פון זיך אַליין, איז ניט מעהר ווי דער שלעכט־פערשטאַנענער טריעב פון זעלבסטאויפלייזונג. אויב דו ביזט געבונדען צו דיין פּער־גאַנגענער שטונדע, אויב דו מוזט פּלאַפּלען היינט, ווייל דו האָסט געסטערן געפּלאַפּעלט,* אויב דו קאָנסט זיך ניט ענדערן יעדען אויגענבליק — דאַן פיהלסטו זיך אין קייטען פערשקלאַפּט און פער'חלש'ט. דאַרום ווינקט צו דיר יעדע מינוט פון דיין לעבען א פרישע מינוט פון דער צוקונפט, און ענטוויקלענדיג זיך, ווערסטו לויז „פון דיר“, ד. ה. פון דעם פריהערדיגען דו. ווי דו ביזט אין יעדען מאָמענט, ביזטו דיין אייגען בעשעפּעניס, און דו דאַרפסט טאַקע אין דאָס דאָזיגע בעשעפּעניס זיך, דעם בעשעפּער, ניט פּער־לירען. דו ביזט גופא א העכער וועזען איידער דו ביזט, און דו איבערטרעפסט זיך אַליין. אָבער אַז ד ו ביזט עס דער, וואָס איז העכער ווי דו, ד. ה. אַז דו ביזט ניט בלויז א בעשעפעניס, זאָנדערן פּונקט אזוי אויך דיין בעשעפּער, אָט דאָס גראָד, אַלס אונפריי־וויליגער עגאָיסט, פערפעהלסטו איינצוזעהן, און דעריבער איז דאָס „העכערע וועזען“ דיר א — פּרעמדס. יעדעס העכערע וועזען, ווי וואַרהייט, מענשהייט א. אז. וו. איז א וועזען א י ב ע ר אונז.

פּרעמדקייט איז א כאַראַקטער־שטריך פון דאָס „הייליגע“. אין אַלעם הייליגע ליעגט עפּעס „אונהיימליכעס“, ד. ה. פּרעמדס, וואו מיר פיהלען ניט גאַנץ היימליך, ניט היימיש. וואָס מיר איז

* „ווי זיי קלינגען, די גלחים, ווי זיי מאַכען דאָס גאָר וויכטיג, מען זאָל קומען און נאָר פּלאַפּלען, פּונקט ווי נעכטען, אַזוי היינט. זידעלט מיר ניט די גלחים! אָה, זיי ווייסען וואָס דער מענש בעדאַרף: דען ווי גליקליך איז ער, ווען ער פּלאַפּעלט מאָרגען ווי היינט.“

[פון געטהע'ס ווענעציאַנער עפּיגראַמען.]

הייליג, דאָס איז מיר נ י ט א י י ג ע ן, און וואָלט מיר צ. ב. ש. דעם אנדערענ׳ס אייגענטום ניט געווען הייליג, וואָלט איך עס בעטראַכט ווי מ י י נ ס, וואָס איך וואָלט מיר ביי א גוטער געלעגענהייט געקאָנט נעהמען פאר זיך. אָדער פערקעהרט, אויב דאָס געזיכט פון כינעזישען קייזער איז פאר מיר הייליג, בלייבט עס פרעמד פאר מיין אויג, און איך פערמאַך עס, ווען דאָס געזיכט בעווייזט זיך.

פארוואָס איז א פעסטגעשטעלטע מאטעמאטישע ווארהייט, וועלכע קאָן אפילו אָנגערופען ווערן לויט דעם געוועהנליכען פערשטאנד פון וואָרט, אן אייביגע, ניט קיין — הייליגע? ווייל זי איז ניט קיין ענטפּלעקטע ווארהייט, אָדער ניט קיין ענטפּלעקונג פון א העכערן וועזען. אויב מען פערשטעהט אונטער די ענטפּלעקטע ווארהייטען נאָר די אזוי גערופענע רעליגיעזע ווארהייטען, האָט מען א גרויסען טעות, און מען פערפעהלט לגמרי צו דערקענען די ווייטקייט פון דעם בעגריף „העכערעס וועזען״. אַטעאיסטען מאכען צו שפּאָט דעם העכערען וועזען, וואָס ווערט אויך געעהרט אונטער דעם נאָמען דער „העכסטער״ אָדער „עטר סופרעם״ און צעטרעטען אין שטויב יעדען איינציגען „בעוויז פון זיין עקזיסטענץ״, ניט מערקענדיג, אז זיי אליין, פיהלענדיג א בעדערפניש אין א העכערן וועזען, פערניכטען דאָס אלטע, נאָר כדי צו געווינען פלאַץ פאר א נייעם.

איז אפשר ניט „דער מענש״ [אין אבסטראַקט] א העכערער וועזען איידער אַן איינצעלנער מענש? און מוזען ניט די ווארהייטען, רעכטען און אידעען, וועלכע בעקומען זיך פון דעם בעגריף פון איהם, געעהרט ווערן און — פאר הייליג געהאלטען ווערן אלס ענטפּלעקונגען פון אָט דעם בעגריף גופא? וואָרים ווען מיר זאָלען אפילו ווידער אָבשאפען א וועלכע עס איז ווארהייט, וואָס האָט געשיינט קלאָר צו זיין דורך אָט דעם בעגריף, וואָלט דאך דאָס בלויז ארויסגעוויזען א מיספערשטענדניס פון אונזער זייט, ניט שאָדענדיג אין קלענסטען פּרט דעם הייליגען בעגריף גופא, אָדער ניט אוועקנעהמענדיג די הייליגקייט פון יענע ווארהייטען, וועלכע מוזען „מיט רעכט״ בעטראַכט ווערן אלס זיינע ענטפּלעקונגען. ד ע ר מענש [אין אבסטראַקט] שטייגט־אריבער יעדען איינצעלנעם מענשען, און הגם ער איז „זיין וועזען״, איז ער פאַקטיש דאך

ניט זיין וועזען (וועלכער וואָלט, בעסער געזאָגט, געווען אזוי איינציג ווי ער, דער איינצעלנער גופא), נאָר אָן אלגעמיין און „העכערעס“ וועזען — פאר די אַטעאיסטען נאָר „דאָס העכסטע וועזען“. און אזוי ווי די געטליכע ענטפּלעקונגען ווערן ניט פון גאָט אליין מיט זיין איינענער האנר געשריבען, נאָר זיי ווערן פערעפענטליכט דורך די „געצייג פון אונזער הארר“, אזוי שרייבט אויך ניט דאָס נייע העכסטע וועזען אליין זיינע ענטפּלעקונגען, נאָר עס לאָזט זיי אונז ווערן בעקאנט דורך „אמת׳ע מענשען“. דאָס נייע וועזען ניט זיך נאָר ארוים פאַקטיש אין אַ גייסטינערע אויפפאַסונג איידער דער אַלטער גאָט, וואָרים דער אלטער איז נאָך פאָרגעשטעלט געוואָרען אין אַ מין קערפּערליכקייט אָדער געשטאַלט, בעת דער נייער ווערט געהאַלטען ראַגענען אין ניט־פערטונקעלטער גייסטינקייט און מען קלערט ניט אוים פאר איהם קיין בעזונדערן מאַטעריעלען גוף. מיט אַלעם דעם פעהלט איהם אויך ניט קיין קערפּערליכקייט, וועלכע נעהמט זאָגאר אָן אַ מעהר־פערפיהרערישע פאָרם, ווייל זי זעהט אויס נאַטירליכער און וועלטליכער, און בעשטעהט אין ניט ווענינער אלס אין יעדען קערפּערליכען מענשען, אָדער נאָר פּשוט אין דער „מענשהייט“ אָדער „אַלע מענשען“. די רוח׳דינקייט פון דעם גייסט אין אַ לפנים־גוף איז דורכדעם וויעדער אמאָל געוואָרען קאָמפּאַקט און פּאָפּולער.

הייליג איז אַלזאָ דאָס העכסטע וועזען און אַלץ, אין וואָס דאָס דאָזינע העכסטע וועזען ענטפּלעקט זיך, אָדער וועט זיך ענטפּלעקען; געהייליגט אָבער זיינען יענע, וועלכע אָנדערקענען דאָס דאָזינע העכסטע וועזען צוזאַמען מיט דאָס זייניגע, ד. ה. צוזאמען מיט זיינע ענטפּלעקונגען. דאָס הייליגע הייליגט וויעדער זיין פערעהרער, וועלכער ווערט דורך דעם קולט גופא אליין אַ היילינער, ווי עס ווערט אויך הייליג אַלץ וואָס ער טהוט: אַ היילינער גאַנג, אַ הייליג דענקען און טהאָן, דיכטען און טראַכטען א. אז. וו.

עס פערשטעהט זיך, אַז דער שטרייט וועגען וואָס עס ווערט פערעהרט אלס דאָס העכסטע וועזען קאָן נאָר דאַמאָלסט האָבען אַ בעדייטונג, כּל זמן אפילו די פערביטערסטע נעגנער זיינען איינער דעם אַנדערען מודה דעם הויפּטפּונקט — אַז עס איז פאַראַן אַ העכסטעס וועזען, וועמען מען דאַרף עהרען אָדער דיענען. זאָל אָבער איינער אַ שמייכעל טהאָן מיט אַ רחמנות־פּנים איבער דעם

גאַנצען קאַמף וועגען אַ העכסטען וועזען, אַ שטיינער ווי אַ קריסט שמייכעלט בעת דער מחליקה פון אַ שיאיט מיט אַ סוניט, אָדער פון אַ בראַהמין מיט אַ בודהיסט, דאַן האָט די השערה פון אַ העכסטען וועזען ביי איהם גאָר קיין ווערטה ניט, און דער קאַמף אויף דעם באַזיס איז פאַר איהם אַ נישטיגער שפּיעל. צי דאָס איז דער איין גאָט אָדער דער דרייאייניגער גאָט, דער לוטעראַנישער גאָט אָדער דער עטר סופרעם, אָדער גאָר ניט גאָט, נאָר „דער מענש" שטעלט פאַר דאָס העכסטע וועזען, מאַכט דורכאויס קיין אונטער־שייד ניט פאַר דעם, וועלכער לייקענט־אָב דאָס העכסטע וועזען גופא, וואָרים אין זיינע אויגען זיינען אַלע דיענער פון אַ העכסטען וועזען בכלל — פרומע לייט: דער פערביסענסטער אַטעאיסט ניט ווענינער איידער דער גלויביגסטער קריסט.

דאָס העכסטע וועזען שטעהט אַלזאָ אויבענאָן אין דאָס הייליגע, און דער גלויבען אין דעם דאָזיגען וועזען איז אונזער „הייליגער גלויבען".

## דער רוח.

מיט די געשפּענסטער קומען מיר אָן אין גייסטער־רייך, אין דעם רייך פון וועזענס.

דאָס וואָס רוח'ט אין אַלע וועלטען און טרייבט דאָרט אָן זיין מיסטעריעזען „אונבעגרייפליכען" וועזען, איז קיין אנדער זאַך ניט, נאָר טאַקע דער געהיימניספּולער רוח, וואָס מיר רופען־אָן דאָס העכסטע וועזען. און אָט דעם רוח צו דערגרונטעווען, צו בעגרייפען איהם, ענטדעקען אין איהם די ווירקליכ־קייט (צו בעווייזען די עקזיסטענץ פון גאָט) — אָט די אויפ־גאַבע האָבען די מענשען זיך געשטעלט פון טויזענדער יאָהרען. מיט דער שוידערליכער אונמעגליכקייט און ענדלאָזער ארבייט צו פערוואַנדלען דעם רוח אין אַ ניט־רוח, דאָס ניט־ווירקליכע אין אַ ווירקליכעס, דעם גייסט אין אַ גאַנצער קערפּערדינגער פּערזאָן — דערמיט האָבען זיי זיך אָבגעקוועלט זייער לעבען. הינטער דער עקזיסטירענדער וועלט האָבען זיי געזוכט דאָס „דינג אָן זיך", דאָס וועזען; הינטער דעם דינג האָבען זיי געזוכט דאָס אונדינג.

ווען מען קוקט־אריין אין דעם גרונד פון אַ זאַך, ד. ה. מען

זוכט נאָך איהר וועזען, ענטרעקט מען אָפּטמאָל אין איהר גאָר עפּעס אַנדערעס איידער דאָס וואָס זי שיינט צו זיין: אַ צוקערזיסע רעדע און אַ ליגנעריש הארץ, גרויסאַרטיגע ווערטער און אָרעמינקע געדאַנקען, א. אז. וו. דורכדעם וואָס מען הויבט ארויס דאָס וועזען, דעם תמצית, זעצט מען אַרונטער די פריהער ניט־דערקענטע ערשיינונג צו דער מדרגה פון אַ בלויזען שיין, פון אַ פערבלענדעניש. דאָס וועזען, דער תמצית פון דער וועלט, וואָס איז אַזוי אַנציהענד און הערליך, איז פאַר דעם, וועלכער קוקט־אַריין אין איהר גרונד, אַ — הבל הבלים: דער הבל הבלים איז — דאָס וועלט־וועזען (די מעשים פון דער וועלט). בכן, דער וואָס איז רעליגיעז, גיט זיך ניט אָב מיט דעם פאַלשען שיין, מיט די הבל־הבלים'דיגע ערשיינונגען, זאָנדערן ער קוקט אויף דעם תמצית, דעם וועזען, און אין דעם וועזען האָט ער — די וואַרהייט.

די וועזענס, וועלכע בעקומען זיך פון איינינע ערשיינונגען, זיינען די בייזע וועזענס, און פערקעהרט פון אַנדערע — די גוטע. דאָס וועזען (דער תמצית) פון דעם מענשליכען געמיטה, צ. ב. ש. איז די ליעבע; דאָס וועזען פון דעם מענשליכען ווילען איז דאָס גוטע, פון זיין דענקען — דאָס אמת'ע, א. אז. וו.

וואָס עס האָט צוערשט געגאָלטען פאַר עקזיסטענץ, ווי די וועלט און הערגלייכען, דאָס ווייזט זיך איצט ארויס אַלס אַ בלויזער שיין, און דאָס באמת עקזיסטירענדע איז גאָר דאָס וועזען, וואָס זיין רייך איז אָנגעפילט מיט געטער, גייסטער, טייוואָלים, ד. ה. מיט גוטע אָדער בייזע וועזענס. נאָר אָט די פערקעהרטע וועלט, די וועלט פון וועזענס, עקזיסטירט איצטער באמת. דאָס מענשליכע הארץ קאָן זיין אָהן ליעבע, אָבער זיין וועזען עקזיסטירט, ד. ה. גאָט, „וואָס איז ליעבע"; דאָס מענשליכע דענקען קאָן ארומבלאָנדזשען אין טעות'ן, אָבער זיין וועזען, די וואַרהייט, עקזיסטירט: „גאָט איז די וואַרהייט", א. אז. וו.

קענען און אָנדערקענען די וועזענס אַליין, און מעהר גאָר־ניט אויסער די וועזענס, דאָס איז רעליגיאָן: איהר רייך איז אַ רייך פון וועזענס, פון רוחות און געשפּענסטער.

דער פערלאַנג צו מאַכען מען זאָל קאָנען תופס זיין דעם רוח, אָדער צו רעאַליזירען דעם נאָן־סענס, האָט ארויסגעבראַכט אַ קערפּערדיגען געשפּענסט, אַ געשפּענסט אָדער אַ

גייסט מיט אווירקליכען קערפּער, א בעלייבטען געשפּענסט. ווי די שטאַרקסטע, געניאַלסטע קריסטען־מענשען האָבען זיך דאָס געמאַטערט, כדי צו קאָנען בעגרייפען אָט די געשפּענסטישע ערשיינונג! עס איז אָבער שטענדיג געבליבען דער ווידערשפּרוך פון די צוויי נאַטורען, דער געטליכער און דער מענשליכער, ד. ה. פון דער געשפּענסטישער און דער זינליכער: געבליבען איז דער וואונדערליכסטער רוח, א זאַך, וואָס איז קיין זאַך ניט. קיינמאָל האָט א געשפּענסט נאָך ניט פערשאַפט מעהר זעעלען־מאַטערניש, קיין שאַמאַן, וועלכער שטעכט זיין לייב ביז צו א ווילדער אויפרעגונג און נערווען־שניידענדע קראַמפען, כדי צו בעשווערען א געשפּענסט, קאָן ניט אריבערטראָגען אזוינע נשמה־ליידען, ווי קריסטען האָבען געליטען פון יענעם אונבעגרייפליכען געשפּענסט.

אין דערזעלבער צייט איז אָבער דורך קריסטוס ארויסגעקומען די ווארהייט פון דער זאַך פאַר'ן ליכט, אז דער אייגענטליכער גייסט אָדער דער אייגענטליכער געשפּענסט איז — דער מענש. דער קערפּערדיגער אָדער בעלייבטער גייסט איז אקוראַט טאַקע דער מענש: ער אליין איז דאָס שוידערליכע וועזען און אין דערזעלבער צייט דעם וועזען'ס ערשיינונג און עקזיסטענץ. פון דאנען אָן שוידערט דעם מענשען אייגענטליך ניט מעהר פאַר די געשפּענסטער פון דרויסען פון איהם, נאָר פאַר איהם אליין: ער דערשרעקט זיך פאַר זיך אליין. אין דער טיעפעניש פון זיין ברוסט וואוינט דער גייסט פון זינד; אפילו דער שוואַכסטער געדאַנק (און דער געדאַנק איז דאָך שוין אליין א גייסט) קאָן זיין א טייוועל, א. אז. וו. — דער געשפּענסט האָט ארויפגעצויגען אויף זיך א גוף, דער גאָט איז געוואָרען א מענש, אָבער דער מענש גופא איז איצט דער שוידערליכער רוח, וואָס ער זוכט איהם אויסצוגעפינען, ארויסצורופען, אויסצופאָרשען, ארויסברענגען אין דער ווירקליכקייט און מאַכען איהם רעדען: דער מענש איז — גייסט. דער גוף מעג אפילו פערדאַרט ווערען, אבי נאָר דער גייסט ווערט געראַטעוועט: אלץ ווענדט זיך אָן דעם גייסט, און דער איינציגער צוועק איז דאָס וואוילזיין פון גייסט אָדער „נשמה“. דער מענש איז צו זיך אליין געוואָרן א געשפּענסט, אן אונהיימליכער רוח, וועלכען עס ווערט אפילו אָנגעוויזען א בעשטימטער

פלאץ אין קערפער (די מחליקה וועגען דעם פלאץ פון דער נשמה, צי אין קאפ, א. אז. וו.).

דו ביזט ניט פאר מיר און איך בין ניט פאר דיר קיין העכערעס וועזען. פונדעסטוועגען קאן אין יעדען פון אונז ליעגען א העכערעס וועזען און ארויסרופען א געגענזייטיגע פערעהרונג. כדי גלייך צו נעהמען דאס העכסט אלגעמיינע, קאנען מיר זאגען, אז עס לעבט אין מיר און אין דיר דער מענש. ווען איך וואלט אין דיר ניט געזעהן דעם מענשען, פאר וואס וואלט איך געדארפט דיך אכטען? אודאי ביזטו ניט דער מענש און זיין אמת'ע און צוגע־פאסטע געשטאלט, נאר דו ביזט נישט מעהר ווי א שטערבליכער צודעק פון איהם, פון וועלכען ער קאן זיך אויסשיידען, ניט אויפ־הערענדיג אליין צו עקזיסטירען; פאר דערווייל אבער וואוינט דאך אין דיר דאס דאזיגע אלגעמיינע און העכערע וועזען (ווייל א גייסט, וואס קאן ניט פערגעהן, האט אין דיר אנגענומען א חומר וואס פערגעהט, אזוי אז אין דער ווירקליכקייט איז דיין געשטאלט נאר אן „אנגענומענע") און דו שטעלסט פאר מיר פאר א גייסט, וואס ערשיינט אין דיר, ניט זייענדיג געבונדען צו דיין גוף און צו דער בעשטימטער פארם פון ערשיינונג: ממילא — א רוח. דעריבער בעטראכט איך דיך ניט פאר א העכערען וועזען, נאר איך רעספעקטיר בלויז יענעם העכערען וועזען וואס „געהט" אין דיר ארום: „איך רעספעקטיר אין דיר דעם מענשען". די פארצייטיגע האבען אזא זאך ניט געזעהן אין זייערע שקלאפען, און דאס העכערע וועזען: „דער מענש" האט נאך ווייניג אבקלאנג געפונען. דערפאר האבען זיי איינער אין דעם אנדערען געזעהן רוחות פון אנאנדער סארט. דאס פאלק איז א העכערעס וועזען איידער אן איינצעלנער, און פונקט ווי דער מענש און דער מענשען־גייסט, איז עס א גייסט, וואס רוח'ט אין איינצעלנעם — דער פאלקסגייסט. דעריבער האבען זיי געעהרט אט דעם גייסט, און אויף וויפיעל דער איינצעלנער האט געדיענט אט דעם גייסט אדער אנאנדערען, וואס איז פערוואנדט צו איהם (ווי צ. ב. ש. דעם פאמיליען־גייסט א. אז. וו.), אויף אזוויפיעל האט ער, דער איינ־צעלנער, געקאנט האבען א בעדייטונג; נאר פון דעם העכערען וועזען'ס וועגען, פון דעם פאלק'ס וועגען, האט דאס „גליעד פון פאלק" געהאט א ווערטה. אזוי ווי דו ביזט אונז געהייליגט דורך

„דעם מענשען", וואָס רוה'ט אין דיר, אזוי איז מען אין יעדער ציים געוועזן געהייליגט דורך א וועלכען עס איז העכערן וועזען, ווי פאָלק, פאמיליע א. ד. ג. נאָר צוליעב א העכערן וועזענ'ס וועגען איז מען פון אייביג אָן געוועזן געהייליגט, נאָר אלס א רוח איז מען בעטראכט געוואָרן פאר א געהייליגטע, ד. ה. א געשיצטע און אָנדערקענטע פערזאָן. [דער אמת איז אָבער] ווען איך האלט דיך און פלעג דיך, ווייל איך האָב דיך ליעב, ווייל מיין הארץ געפינט אין דיר נאהרונג און מיין בעדערפניש געפינט אין דיר בעפריעדיגונג, פאסירט עס ניט צוליעב א העכערען וועזענ'ס וועגען, וואָס דו ביזט זיין געהייליגטער קערפער, ניט דערפאר ווייל איך דערבליק אין דיר א געשפענסט, ד. ה. א דערשיינענדען גייסט, נאָר אויס עגאָיסטישער לוסט: דו אליין מיט ד י י ן וועזען האָסט פאר מיר א ווערטה, וואָרים דיין וועזען איז ניט קיין העכע־רעס, עס איז ניט העכער און אלגעמיינער פאר דיר, עס איז איינציג ווי דו גופא, ווייל דו ביזט עס.

אָבער ניט בלויז דער מענש אליין, נאָר אלץ רוח'ט. דאָס העכערע וועזען, דער גייסט, וואָס געהט ארום אין אלץ, איז אין דערזעלביגער צייט צו גאָרנישט געבונדען, און — ערשיינט נאָר דעריין. געשפענסטער אין אלע ווינקלען!

אָט דאָ וואלט געוועזן דער אָרט צו לאָזען פערביימארשירען די רוח'דיגע גייסטער, ווען זיי זאָלען ניט מוזען שפעטער וויעדער פאָרקומען, כדי צו פערשווינדען אין אָנגעזיכט פון דעם עגאָיזם. דעריבער זאָלען נאָר אייניגע פון זיי דאָ אָנגערופען ווערען ביים נאָמען אלס ביישפיעל, כדי גלייך אריבערצוגעהן צום ענין פון אונזער פערהאלטען זיך צו זיי.

הייליג, צ. ב. ש., מעהר פון אלץ איז דער „הייליגער גייסט", הייליג איז די ווארהייט, הייליג דאָס רעכט, דאָס געזעץ, די גוטע זאך, די מאיעסטעט, די הייראט, די טובת־הכלל, די אָרדנונג, דאָס פאָטערלאנד, א. אז. וו., א. אז. וו.

## רעדער אין קאָפּ.

מענש, עס רוה'ט דיר אין קאָפּ; א שרייפעל איז ביי דיר דאָרט ניט אויף אָן אָרט! דו בילדעסט זיך איין גרויסע זאכען און מאָלסט דיר אויס א גאנצע געטער־וועלט, וואָס עקזיסטירט נאָר

פאר דיר, א רייך פון גייסטער, צו וועלכען דו ביזט בערופען, אן אידעאל, וואס ווינקט צו דיר. דו האסט אן „אידעע פיקס“!

דענק ניט אז איך מאך שפאס, אדער אז איך רעד בדרך משל, ווען איך בעטראכט אלע מענשען, וואס הענגען זיך אן אן דאס העכערע, — און אזוי ווי צו זיי געהערט די אונגעהויערע מעהר־צאהל — כמעט די גאנצע מענשענוועלט, — פאר עכטע מטורפים, משוגעים אין א דולהויז. ווארים וואס רופט מען אן אן „אידעע פיקס“? אן אידעע, וואס האט דעם מענשען אונטערטעניג געמאכט צו זיך. ווען איהר דערקענט, אז אזא אידעע פיקס איז א משוגעת, דאן פערשפארט איהר דעם שקלאף פון דער דאזיגער אידעע אין א משוגעים־הויז. אבער צי דען איז ניט די ווארהייט פון גלויבען, אין וועלכער מען טאר ניט צווייפלען, די מאיעסטעט צ. ב. ש. פון פאלק, וועלכע מען טאר ניט א שאקעל טהאן (ווער עס טהוט דאס, איז — א מאיעסטעט־פערברעכער), די טוגענד, אנטקעגען וועלכער דער צענזאר לאזט ניט דורך דאס מינדסטע ווערטעל, כדי די זיטליכקייט זאל קאנען ריין געהאלטען ווערן, א. אז. וו. — זיינען זיי דען ניט פיקסע אידעען? איז דען ניט די גאנצע נארישע שוואצעריי פון צ. ב. ש. דאס רוב פון אונזערע צייטונגען א פלאפלעריי פון מטורפים, וועלכע ליידען אויף דער אידעע פיקס פון זיטליכקייט, געזעצליכקייט, קריסטליכקייט און אז. וו.? און דוכט זיך עס ניט נאר דערפאר, אז זיי געהען ארום פריי, ווייל דאס דולהויז, אין וועלכען זיי וואנדלען ארום, פערנעהמט אזא גרויסען רוים? ריהרט נאר אן אזא משוגע׳נעם ביי זיין אידעע פיקס, און איהר וועט גלייך מוזען היטען אייער רוקען פון זיין פערבארגענעם איבערפאל. ווארים אט די גרויסע משוגעים זיינען אויך אין דעם פרט גלייך צו די אזוי גערופענע קליינע משוגעים, וואס זיי בעפאלען פערבארגענערהייט אויף דעם, וועלכער ריהרט אן זייער אידעע פיקס. אפריהער גנב׳ענען זיי ביי איהם אב די וואפען, זיי גנב׳ענען ביי איהם אוועק האס פרייע ווארט, און דערנאך ווארפען זיי זיך אויף איהם ארויף מיט די נעגעל. יעדער טאג דעקט איצט אויף די פייגהייט און נקמה־דורשט פון די דאזיגע מאניאקען, און דאס דומע פאלק בעגעגענט זייערע משוגע׳נע מאסרעגעלען מיט יובעל־געשרייען. מען מוז לעזען די טעגליכע בלעטער פון אט דער צייט און מען מוז הערן ווי די

פיליסטער רעדען, כדי צו בעקומען די שוידערליכע איבערצייגונג, אז מען איז איינגעשפארט מיט משוגעים אין איין הויז. — „דו זאלסט דיין ברודער ניט זידלען מיט'ן נאמען מטורף, זאנסט א. אז. וו.“ איך אבער שרעק זיך ניט פאר דער קללה און זאג: מיינע ברידער זיינען די גרעסטע מטורפים. סיי אן ארימער פערריקטער פון דולהויז איז בעהערשט פון דער משוגעת, אז ער איז גאט דער פאטער, דער קייזער פון יאפאן, דער היילינער גייסט א. אז. וו., סיי א בעליבתישער בירגער בילדעט זיך איין, אז עס איז זיין מיסיע צו זיין א גוטער קריסט, א גלויביגער פראטעסטאנט, א לאיאלער בירגער, א מאראלישער מענש א. אז. וו. — איז דאס איןביידע פעלען גלייך איין און דיזעלביגע „אידעע פיקס“. דער וואס האט קיינמאל ניט פרובירט און געוואגט ניט צו זיין קיין גוטער קריסט, קיין גלויביגער פראטעסטאנט, קיין טוגענדהאפטער מענש א. אז. וו., דער איז א *געכאפטער* און *פערכאפטער** פון דער גלויביגקייט, טוגענדהאפטינקייט א. אז. וו. פונקט אזוי ווי די סכאלאסטיקער האבען פילאסאפירט נאר *אין די גרעניצען* פון דעם גלויבען אין דער קירך; ווי דער פויפסט בענעדיקט דער פערצעהנטער האט געשריבען דיקע ביכער אין די *גרעניצען* פון דעם פויפסטישען אבערגלויבען, קיינמאל ניט שטעלענדיג דעם גלויבען אליין אין צווייפעל; ווי די שריפטשטעלער פילען־אן גאנצע בענדער וועגען דעם שטאאט, ניט שטעלענדיג די אידעע פיקס פון שטאאט גופא אין פראגע; ווי אונזערע צייטונגען זיינען אנגעפראפט מיט פאליטיק, ווייל זיי זיינען בענומען פון דעם וואהנזין, אז דער מענש איז נעשאפען נעוואָרען צו ווערען א „זאן פאליטיקאן“ (א פאליטישע חיה) — אזוי פיהרען אויך די אונטערטאנען א פוילען לעבען אין דעם אונטערטאנענטום, די טוגענדהאפטע מענשען אין דער טוגענד, די ליבעראלען אין מענשענטום א. אז. וו., קיינמאל ניט צולעגענדיג דעם שניידענדיגען מעסער פון קריטיק צו אט די אלע פיקסע אידעען זייערע. ניט צו ריהרען פון ארט, ווי די משוגעת פון דעם

---

* אין אריגינאל: „געפאנגען און בעפאנגען“, וואס מיינט ווערטליך: געפאנגען אין תפיסה און בעצוואונגען מיט א פאראורטייל אין מוח. — איבערזעצער.

געריהרטען, שטעהען זיי די דאָזיגע גערדאנקען אויף א פעסטען פוס, און ווער עס ווארפט אויף זיי צווייפעל, דער — גרייפט אָן דאָס הייליגע! יאָ, די „אידעע פיקס“, אָט דאָס איז דאָס אמת הייליגע!

בעגעגענען אונז אפשר בלויז פערכאפטע פון טייוועל, אָדער מיר טרעפען זיך אָן פונקט אזוי אָפט מיט געגענגעזעצטע פערכאפטע, וועלכע זיינען פערכאפט פון דאָס גוטע, פון דער טוגענד, זיטליכקייט, פון דעם געזעץ אָדער פון וועלכען עס איז „פרינציפ“? די טייוועלשע פערכאפונגען זיינען ניט די איינציגע. גאָט ווירקט אויף אונז און דער טייוועל ווירקט: יענע זיינען די ווירקונגען פון יוצר־טוב, די זיינען די ווירקונגען פון יוצר־הרע. פערכאפטע זיינען אין זייערע מיינונגען זעהר איינגעשפארט.

געפעלט אייך ניט דאָס וואָרט „פערכאפטקייט“, קאָנט איהר עס אָנרופען בענומענקייט; יאָ, אזוי ווי אייך בעזיצט דער גייסט און פון איהם קומען אלע „איינפלוסען“, קאָנט איהר עס אָנרופען — בעגייסטערונג און ענטוזיאזם. איך בין מוסיף דערצו, אז דער פאָלקאָמענער ענטוזיאזם — ווארים מען קאָן ניט בלייבען שטעהן ביי דעם פוילען און האלבען סאָרט — הייסט פאנאטיזם.

דער פאנאטיזם איז א היימישע זאך דוקא ביי די געבילדעטע; ווארים א מענש איז געבילדעט אזוי ווייט ווי ער אינטערעסירט זיך פאר דאָס גייסטיגע, און אקוראט דער אינטערעס אין גייסטיגעס, אויב עס איז נאָר א לעבעדיגער אינטערעס, איז און מוז זיין פאנאטיזם: עס איז א פאנאטישער אינטערעס אין דאָס הייליגע (פאנום). בעמערקט אונזערע ליבעראלען, קוקט אריין אין די זאקסישע פאטערלאנדס־בלעטער, הערט וואָס שלאָססער זאָגט:* האלבאך'ס חברותא האָט צוזאמענגעשטעלט א ווירקליכע קאָנספיראציע אנטקעגען דער טראדיציאָנעלער לעהרע און דעם בעשטעהענדען סיסטעם, און די מיטגליעדער פון דער דאָזיגער חברותא זיינען געווען פונקט אזוי פאנאטיש פאר זייער אונגלויבען ווי מאָנאכען און גלחים, יעזואיטען און פיעטיסטען, מעטאָדיסטען, מיסיאָן־ און ביבעל־געזעלשאפטען, פלעגען זיין פאר זייער מעכאַנישען גאָטעסדיענסט און אָרטאָדאָקסישען גלויבען.“

---

* „אכצעהנטעס יאָהרהונדערט“ 2, 519.

גיט נאָר אכטונג ווי עס פיהרט זיך אויף א „מאָראַלישער מענש“, וועלכער מיינט אָפט ביי היינטיגען טאָג, אז ער איז שוין פאַרטיג געוואָרן מיט גאָט, און פערוואַרפט דאָס קריסטענטום ווי א זאַך, וואָס האָט שוין אָבגעלעבט איהר צייט. ווען איהר פרעגט איהם, צי האָט ער ווען עס איז געצווייפעלט, אז דאָס צוזאַ־מענלעבען פון א ברודער מיט א שוועסטער איז א בלוט־שאַנדע, אז די מאָנאָגאַמיע איז די וואַרהייט פון דער עהע, אז די ליעבע צו עלטערן איז א הייליגע פליכט א. אז. וו. וועט איהם דורכנעהמען א מאָראַלישער שוידער פון דער פאָרשטעלונג, אז מען זאָל מעגען אָנריהרען א שוועסטער אויך ווי א ווייב, א. אז. וו. און פון וואַנען נעהמט זיך אָט דער שוידער? דערפון וייל ער גלויבט אין יענע מאָראַלע געבאָטען. דער דאָזיגער מאָראַלער גלויבען איז טיעף איינגעוואָרצעלט אין זיין ברוסט. וויפיעל ער זאָל זיך ניט קאָכען אויף די פרומע קריסטען, איז ער פונדעסטוועגען אליין געבליבען דורך־און־דורך א קריסט, ד. ה. — א מאָראַלישער קריסט. דאָס קריסטענטום האַלט איהם געפאַנגען אין דער פאָרם פון מאָראַל — געפאַנגען פון גלויבען. די מאָנאָגאַמיע מוז זיין עטוואָס הייליגעס, און איינער, וואָס לעבט אין ביגאַמיע, ווערט בעשטראָפט ווי א פערברעכער. דעריין זיינען איינפער־שטאַנען אלע די וואָס שרייען, אז די רעליגיאָן דאַרף זיך ניט אָנזעהן אין שטאַאט, און אז דער איד דאַרף זיין א גלייכער שטאַאטסבירגער ווי דער קריסט. איז אפשר ניט די בלוטשאַנדע און די מאָנאָגאַמיע א גלויבענס־דאָגמע? ריהרט עס נאָר אָן, וועט איהר אויסגעפינען ווי אָט דער מאָראַלישער מענש איז טאַקע אויך א גלויבענס־העלד, ניט ווייניגער פאַר א קרומ־מאַכער, ניט ווייניגער פאַר א פיליפ דעם צווייטען. די קעמ־פען פאַר דעם קירכענגלויבען, ער פאַר דעם שטאַאט־גלויבען אָדער פאַר די מאָראַלע געזעצען פון שטאַאט; צוליעב גלויבענס־דאָגמען פערדאַמען זייביידע דעם, וואָס פיהרט זיך אַנדערש ווי זייער גלויבען ערלויבט עס. דער קין־צייכען פון „פער־ברעכען“ ווערט אויף איהם אַרויפגעשטעמפעלט און ער מעג פער־שמאַכטען אין פערבעסערונגס־אנשטאַלטען און טורמעס. דער מאָראַלישער גלויבען איז פונקט אזוי פאַנאַטיש ווי דער רעליגיע־זער גלויבען! אָט דאָס רופט מען גלויבענס־פרייהייט, ווען א

ברודער מיט א שוועסטער ווערן אריינגעווארפען אין געפענגניש צוליעב א פערהעלטניש, פאר וועלכען זיי דארפען זיך נאר רעכענען מיט זייער „געוויסען". „אבער זיי גיבען דאך א שעדליכען ביישפיעל" ! יא, געווים, עס קאנען זיך נאך אנדערע אויך איינ־רעדען, אז דער שטאאט האט זיך ניט צו מישען אין זייער פער־העלטניש, און די „זיטען־ריינהייט" קאן דעריבער געהן צו־גרונד. אט אזוי זיינען די רעליגיעזע גלויבענס־העלדען קנאים פאר דעם „הייליגען גאט", און די מאראלע העלדען — פאר דאס „הייליגע גוטס". די קנאים פאר עפעס הייליגעס זעהען אפטמאל אויס גאר וועניג עהנליך איינע צו די אנדערע. ווי פערשיידען, דאכט זיך זיינען די שטרענגע ארטאדאקסען אדער אלט־גלויביגע פון די קעמפער פאר „ווארהייט, ליכט און רעכט", פון די פילאלעטען (ליעב־האבער פון אמת), פריינד פון ליכט, ראציאנאליסטען א. אז. וו., און דאך ווי לגמרי ניכטווירדיג איז דער חלוק צווישען זיי ! טהוט מען א טרייסעל איינצעלנע טראדיציאנעלע ווארהייטען (ווי צ. ב. ש. נסים, די אונבעגרענצטע מאכט פון קעניגליכע הערשער א. אז. וו.), טרייסלען די ראציאנאליסטען מיט, און נאר די אלט־גלויביגע יאמערן. גיט מען אבער א טרייסעל די ווארהייט גופא, דאן האט מען זיי ביידען גלייך, אלס גלויביגע, פאר געגענער. דאס אייגענע איז מיט די מאראליטעטען : די שטרענג־גלויביגע לאזען א האר ניט נאך, די קלערערע קעפ זיינען טאלעראנטער. דער אבער, וואס אטאקירט די מאראל גופא, האט מיט זיי ביידען צו טהאן. „ווארהייט, מאראל, רעכט, ליכט א. אז. וו." מוזען זיין און בלייבען „הייליג". דאס וואס פערדיענט געטאדעלט צו ווערן אין קריסטענטום, איז לויט דער מיינונג פון אט די אויפ־געקלערטע, דאס „אונקריסטליכע" ; דאס קריסטענטום אבער מוז פערבלייבען דאס „פעסטע", איהם אליין א טרייסעל טהאן איז זינדיג, איז אן „עבירה". אמת טאקע, דער אפיקורוס אין דעם ריינעם גלויבען איז שוין ניט מעהר אין סכנה פאר דעם אמאליגען צארן פון פערפאלגונג, דערפאר אבער פאלט איצט דער צארן נאך שווערער אויף דעם אפיקורוס אין דער ריינער מאראל.

---

אין פערלויף פון לעצטען יאהרהונדערט האט די פרומקייט געקריגען אזויפיעל קלעפ און האט אזוי אפט געמוזט הערן ווי

מען בעשימפּפט איהר „איבערמענשליכען וועזען“ מיט דעם נאָמען „אונמענשליכער“, אז מען קאָן זיך מעהר ניט פיהלען גערייצט אָנצופאַלען אויף איהר נאָך אמאָל. אָבער אין אמת׳ן זיינען אויפ׳ן קאמף־פלאַץ כמעט אלעמאָל ארויסגעטראָטען נאָר מאָראַלע גענגער, וועלכע האָבען געזוכט צו אטאקירען דאָס העכסטע וועזען — צו גונסטען פון אנאנדער העכסטען וועזען. אזוי זאָגט פּרודאָן גאַנץ אָפען: „דער מענש איז בעשטימט צו לעבען אָהן רעליגיאָן, אָבער דאָס מאָראַלישע געזעץ איז אייביג און אבסאָלוט. ווער קאָן זיך היינט דערוועגען אָנצוגרייפען די מאָראַל?“* די מאָראַלע מענ־שען האָבען אראָבגעשעפּט דאָס בעסטע פעט פון דער רעליגיאָן, האָבען אליין גענאָסען פון דעם, און איצט האָבען זיי אַן עסק פּטור צו ווערען פון דער סקראָפול, וואָס זיי האָבען דערפון געקרינגען. עס איז דעריבער גענוג ווען מיר ווייזען־אָן, ערשטענס, אז די רעליגיאָן איז ווייט נאָך ניט אָנגעגריפען געוואָרן אין איהר אינערליכסטען טייל, כל זמן מען ווארפט איהר נאָר פאָר איהר איבערמענשליכען וועזען; און צווייטענס, אז זי אפּעלירט אין לעצטער אינסטאַנץ אויסשליסליך צו דעם „גייסט“ אליין (וואָרים גאָט איז גייסט). דערמיט האָבען מיר שוין קלאָר אָנגעוויזען אויף איהר ענדליכער איינשטימונג מיט דער מאָראַל און קאָנען איבער־לאָזען זייערע הארטנעקיגע מחליקות אָן א זייט. עס האנדעלט זיך ביי זיי ביידען וועגען א העכסטען וועזען, און צי דאָס דאָזיגע העכסטע וועזען איז איבערמענשליך אָדער מענשליך, קאָן פאַר מיר אויסמאכען א קנאַפּען חילוק, וויבאלד עס איז יעדענפאלס א וועזען איבער מיר, עפּעס איבער דאָס מייניגע אין ביידע פעלען. אונזער שייכות צום מענשליכען וועזען אָדער צום „מענשען“, וועלכע האָט נאָר־וואָס ארונטערגעוואָרפען די שלאַנגען־הויט פון דער אלטער רעליגיאָן, וועט לסוף באלד ווידער טראָגען א רעלי־גיעזע שלאַנגען־הויט.

פייערבאַך לערנט אונז, אז „ווען מען דרעהט נאָר אום די ספּעקולאטיווע פילאָסאָפיע, ד. ה. מען מאכט דעם פּרעדיקאט פאר׳ן סוביעקט, און ממילא דעם סוביעקט פאר׳ן אָביעקט און פּרינציפּ, [צ. ב. ש. אָנשטאָט „גאָט איז די ווארהייט“, זאָגען מיר: „די

* „דע לאַ קרעאַסיאָן דע ל׳אָרדער“ עטצ. ז 36.

װארהײט איז גאָט״], האָט מען די ניט־פּערדעקטע, די ריינע, בלאַנקע װאַרהײט״.* דערמיט פערלירען מיר גאַנץ געווים דעם בעשרענקטען רעליגיעזען שטאַנדפּונקט; מיר פערלירען דעם „גאָט״, וועלכער איז נאָך דעם שטאַנדפּונקט דער סוביעקט. אָבער אַלס בייט קריגען מיר אַריין דערפאַר די אַנדער זייט פון דעם רעליגיעזען שטאַנדפּונקט, דעם מאָראַלישען שטאַנדפּונקט. מיר זאָגען צ. ב. ש. ניט מעהר: „גאָט איז די ליעבע״, נאָר „די ליעבע איז געטליך״. און ווען מיר שטעלען נאָך אוועק אַנשטאָט דעם פּרעדיקאַט „געטליך״ דאָס גלייכבעדייטענדע וואָרט „הייליג״, דאַן קעהרט זיך אום, לויט׳ן עצם פון דער זאַך, דאָס אַלטע אינגאַנצען ווידער צוריק. לויט דעם זאַץ נאָך וואָלט אויסקומען אַז די ליעבע איז דאָס גוטע אין מענשען, זיין געטליכקייט, דאָס וואָס מאַכט איהם עהרע, זיין אמת׳ע מענשליכקייט (זי, די ליעבע, „מאַכט איהם ערשט צום מענשען״, מאַכט ערשט אַ מענשען אויס איהם). גענויער גערעדט וואָלט עס אַזוי געוועזן: די ליעבע איז דאָס מענשליכע אין מענשען, און דאָס אונמענשליכע איז דער עגאָיסט, וואָס האָט ניט קיין ליעבע. אָבער אַלץ וואָס דאָס קריסטענטום און די ספּעקולאַטיווע פילאָסאָפיע מיט איהם (ד. ה. די טעאָלאָגיע) באָט אונז אָן אַלס דאָס גוטע און דאָס אַבסאָלוטע, איז פאַר דער אייגענהייט דוקא ניט דאָס גוטע (אָדער, וואָס עס מיינט אַלץ איינס, עס איז נאָר דאָס גוטע). פאָלגליך, ווען מיר דרעהען אום דעם פּרעדיקאַט און מאַכען פון איהם דעם סוביעקט, פערשטאַרקערן מיר נאָר דאָס קריסטליכע וועזען און מאַכען איהם נאָך דריקענדער (דען דער פּרעדיקאַט האַלט דאָך איין אין זיך דאָס וועזען). דער גאָט און דאָס געטליכע וואָלטען דאַן זיך נאָך ענגער פערפלאָכטען מיט מיר. פערטרייבען דעם גאָט פון זיין הימעל און אַוועקנעהמען ביי איהם די „טראַנסצענדענץ״, גיט נאָך ניט קיין רעכט צו בעהויפּטען, אַז מען האָט איהם אינגאַנצען בעזיעגט, אויב ער ווערט דערביי נאָר אַריינגעטריבען אין דעם מענשען׳ס ברוסט און ווערט בעשאָנקען מיט אַן אימאַנענץ; וואָס קאָן ניט פערטילינט ווערען. איצטער הייסט דאָס: דאָס געטליכע איז דאָס וואָרהאַפטיג מענשליכע!

* „אַנעקדאָטאַ״ 2, 64.

דיזעלביגע מענשען, וועלכע שטעלען זיך אנטקעגען דעם קריסטענטום אלס די גרונדלאגע פון דעם שטאאט, ד. ה. זיי זיינען געגנער פון דעם אזוי גערופענעם קריסטליכען שטאאט, ווערן ניט מיעד ווידערהאָלענדיג, אז „די מאָראל איז דער גרונדזייל פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען און פון דעם שטאאט". אזוי ווי די הער־שאפט פון דער מאָראל וואָלט ניט געווען א פאָלקאָמענע הערשאפט פון דאָס הייליגע, א „היעראַרכיע".

אזוי קאָנען מיר דאָ פערבייגעהענדיג דערמאָנען די ראציאָ־נאליסטישע ריכטונג, וועלכע איז ארויסגעקומען מיט דער בעהויפ־טונג אז דער „נאטירליכער פערשטאנד", די מענשליכע פערנונפט, איז אויך ביכולת צו דערקענען גאָט, — נאָכדעם ווי די טעאָלאָגען האָבען פון לאנג־אָן גע׳טענה׳ט, אז נאָר דער גלויבען איז ביכולת תופס צו זיין די ווארהייטען פון דער רעליגיאָן, אז גאָט ענטפלעקט זיך נאָר צו די גלויביגע א. אז. וו. דאָס הייסט אז נאָר דאָס הארץ, דאָס געפיהל, די גלויביגע פאנטאזיע איז רעליגיעז. מיינט האָם דען ניט, אז דער פערשטאנד מאָהנט זיין רעכט צו זיין דערזעלבער פאנטאזיאָר ווי די פאנטאזיע? אין אָט דעם זין האָט ריימארום געשריבען זיינע „פאָרנעהמסטע ווארהייטען דער נאטירליכען רעלי־גיאָן". עס האָט געמוזט קומען צו דעם געדאנק, אז דער גאנ־צער מענש מיט אלע זיינע פעהיגקייטען איז רעליגיעז; דאָס הארץ און דער געמיטה, דער פערשטאנד און די פערנונפט, דאָס פיהלען, וויסען און וועלען, קורץ, אלצדינג אין מענשען האָט זיך ארויסגעוויזען רעליגיעז. העגעל האָט בעוויזען, אז אפילו די פילאָסאָפיע איז רעליגיעז. און וואָס ווערט היינטיגען טאָג ניט אָנגערופען רעליגיאָן? די „רעליגיאָן דער ליעבע", די „רעליגיאָן דער פרייהייט", די „פּאָליטישע רעליגיאָן", קורץ, יעדער ענטו־זיאזם. און אזוי איז עס טאקע אין דער אמת׳ן.

נאָך היינט געברויכען מיר דאָס ראָמאנישע וואָרט „רעליגיאָן", וואָס דריקט אויס דעם בעגריף פון געבונדענקייט. מיר בלייבען גאנץ געוויס געבונדען, אויף ווי וויים די רעליגיאָן פערנעהמט אונזערע אינערליכע טיילען; איז אָבער דער גייסט אויך געבונ־דען? ניין, פערקעהרט, דער גייסט איז פריי, ער איז דער איינ־ציגער הארר, ער איז ניט אונזער גייסט, נאָר ער איז אבסאָלוט. דעריבער וואָלט די ריכטיגע, בעשטעטיגענדע איבערזעצונג פון וואָרט

רעליגיאָן געדאַרפט זיין — די „גייסט־פרייהייט“! ביי ווען דער גייסט איז פריי, דער איז אויפ׳ן זעלבען אופן רעליגיעז, ווי יענער, ביי וועמען די זינען (תאוות) האָבען אַ פרייען גאַנג, הייסט אַ זינליכער מענש (אַ בעל תאוה). יענעם בינדט דער גייסט, דעם בינדען די תאוות. די רעליגיאָן איז דעריבער בשייכות צו מיר געבונדענקייט, אָדער רעליגיאָ: איך בין געבונדען; בשייכות צום גייסט איז זי פרייהייט: דער גייסט איז פריי, אָדער ער האָט גייסט־פרייהייט. וואָס פאַר אַ מיאוס׳ן פסק מיר בעקומען, ווען מיר לאָזען די תאוות לויפען פריי און ניט־איינגעצוימט, דאָס ווייסען פיעלע פון ערפאַהרונג; אָבער אַז דער פרייער גייסט, די הערליכע גייסטיגקייט, דער ענטוזיאַזם פאַר גייסטיגע אינטערעסען, אָדער ווי דער דאָזיגער אוצר מעג ניט אָנגערופען ווערן אין די פערשיידענסטע ווענדונגען, — אַז ער שלעפּט אונז אריין נאָך אין אַן ערגערער צרה אפילו ווי די ווילדסטע אונאַנשטענדיגקייט, דאָס וויל מען ניט בעמערקען; און מען קאָן עס אויך ניט מערקען, ווען מען איז ניט בעוואוסטזיניג אַן עגאָיסט.

ריימאַרוס און אַלע, וועלכע האָבען געצייגט, אַז אונזער פערנונפט, אונזער הארץ א. אַז. וו. פיהרט אויך צו גאָט, האָבען דערמיט אַליין געצייגט, אַז מיר זיינען דורך־און־דורך געכאַפּטע פון רוח. די טעאָלאָגען האָבען זיי אמת טאַקע געערגערט, דערמיט וואָס זיי האָבען אָבגענומען ביי זיי די פּריווילעגיע פון רעליגיעזער עלית נשמה; אָבער פאַר דער רעליגיאָן, פאַר דער פרייהייט פון גייסט, האָבען זיי דורכדעם ערשט נאָך מעהר פּלאַץ. וואָרים ווען דער גייסט איז ניט מעהר בעשרענקט צו דעם געפיהל אָדער דעם גלויבען, נאָר ער געהערט זיך אַן אויך אַלס פערשטאַנד, פערנונפט און דענקען בכלל — ד. ה. ער מעג זיך בעטייליגען אין די גייסטיגע און הימלשע וואַרהייטען אויך אין דער פאָרם פון פערשטאַנד א. אַז. וו. — דאַן איז דער גאַנצער גייסט בעשעפטיגט נאָר מיט גייסטיגעס, ד. ה. מיט זיך, ממילא איז ער פריי. איצטער זיינען מיר אַזוי דורך־און־דורך רעליגיעז, אַז „געשוואָרענע“ פערדאַמען אונז צום טויט און יעדער פּאָליציי־דיענער זעצט אונז אריין אין צירקעל, אַלס גוטער קריסט, אין קראַפט פון זיין „אמת־שבועה“.

די מאָראַל האָט ערשט יעמאָלט געקאָנט אַריינטרעטען אין

א געגענזאץ צו דער פרומקייט, ווען דער צוקאָכטער האָט אַנט־קעגען אַליז, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א „בעפעהל“ (תקנות, געבאָטען א. אז. וו.), איז אַרויסגעטראָטען אין אַ אָפענעם רעוואָלט, און דער פערזענליכער „אבסאָלוטער הארר“ איז אויסגעלאכט און פערפאָלגט געוואָרען. פאָלגליך האָט די מאָראַל געקאָנט בעקומען איהר זעלבסטשטענדיגקייט נאָר דורך דעם ליבעראַליזם, וועלכער האָט זיך פערשאפט א וועלט־געשיכטליכע בעדייטונג אין זיין ערשטער פאָרם אַלס „בירגערטום“, און האָט אָבגעשוואכט די ספּעציפיש־רעליגיעזע געוואַלט (זעה „ליבעראַליזם“, אונטען). וואָרים דער פּרינציפּ פון דער מאָראַל, וואָס שטעהט אויף איהרע אייגענע פיס, און שלעפּט זיך ניט בלויז אַרום צוזאמען מיט דער פרומקייט, ליעגט ניט מעהר אין די געטליכע געבאָט, נאָר אין די געזעצען פון פערנונפט, פון וועלכע יענע געבאָטען מוזען אפריהער קריגען זייער בערעכטיגונג, איידער זיי קאָנען איבער־הויפּט נאָך בלייבען גילטיג. אין דעם געזעץ פון פערנונפט בעשטימט זיך דער מענש אויס זיך גופא, וואָרים „דער מענש“ איז פערנינפטיג, און יענע געזעצען קומען נויטיגערווייז ארויס אויס דעם „וועזען פון מענשען“. פרומקייט און מאָראַל אונטערשיידען זיך איינע פון דער אַנדערער דעריין, וואָס די ערשטע מאכט גאָט פאר׳ן געזעץ־געבער און די אַנדערע דעם מענשען.

שטעהענדיג אויף א געוויסען שטאנדפּונקט פון מאָראַל רעזאָ־נירט מען אונגעפעהר אזוי: ענטוועדער א מענשען טרייבען זיינע תאוות און פאָלגענדיג זיי איז ער אונמאָראַליש, אָדער עס טרייבט איהם די „גוטע זאך“, וועלכע הייסט, ווען עס ווערט אויפ־גענומען אין דעם ווילען, א מאָראַלישער סענטימענט (א סענטי־מענט און אַ איינגענומענקייט פאר דאָס, וואָס איז גוט), און דאמאָלסט פיהרט ער זיך אויף מאָראַליש. ווי קאָן מען אָבער, פון אָט דעם שטאנדפּונקט אויס, אָנרופען אונמאָראַליש צ. ב. ש. זאנד׳ס אקט אנטקעגען קאָטצעבוען? אונאייגענוציג אין דעם זין ווי מען פערשטעהט געוועהנליך דאָס וואָרט, איז דאָך דער דאָזיגער אקט געווים געוועזן, ניט וועניגער, ווי (צווישען אנדערע אזוינע) צ. ב. ש. די גניבות פון דעם הייליגען קריספּין, וואָס ער איז בעגאַנגען צו גונסטען פון די אָרימע. „ער האָט ניט געזאָלט בעגעהן קיין מאָרד, וואָרים עס שטעהט געשריבען: „לא

תרצח!" הייסט עס, דיענען דאָס גוטע, דעם וואוילזיין פון פאָלק, ווי זאַנד האָט וועניגסטענס געהאַט בכונה, אָדער דיענען דעם וואוילזיין פון די אָרימע, ווי קריספּין האָט עס געטהאָן, איז מאָראַליש; אָבער מאָרד און גניבה איז ניט מאָראַליש: דער צוועק איז מאָראַליש, די מיטלען זיינען ניט מאָראַליש. וואָרום? „ווייל מאָרד, מאָרדען אין געהיים, איז אַן אַבסאָלוט שלעכטע טהאַט". ווען די גערילאָס האָבען פערפיהרט די פיינד פון לאַנד אין די פעלזען־גראָבענס און האָבען זיי דערשאָסען, בעהאַלטענדיג זיך הינטער די בושען, איז דאָס אפשר ניט געווען קיין געהיים־מאָרד? לויט דעם פּרינציפּ פון מאָראַל, וואָס בעפעהלט צו דיענען דאָס גוטע, קאָנט איהר דאָך נאָר פרעגען, צי קאָן דער מאָרד גאָר קיינמאָל און אויף קיין פאַל ניט זיין אַ פערווירקליכונג פון גוטעס? און איהר וואָלט געמוזט אָנדערקענען אַזאַ מאָרד, וואָס איז יאָ אַ פערווירקליכונג פון גוטעס. איהר קאָנט זאַנד'ס טהאַט גאָר ניט פערדאַמען: די טהאַט איז געווען מאָראַליש, ווייל זי איז געטאָן געוואָרען אין דיענסט פון דאָס גוטע, ווייל זי איז געווען אונאייגענ־נוציג. זי איז געווען אַ שטראָף־אַקט, וואָס דער איינצעלנער האָט דורכגעפיהרט — אַ הינריכטונג, וואָס איז דורגעפיהרט געוואָרען מיט דער געפאַהר פון דעם אייגענעם לעבען. וואָס איז נאָך אַלעמען געווען דער צוועק פון זאַנד'ס טהאַט, אחוץ וואָס ער האָט געוואָלט אונטערדריקען שריפטען מיט ברוטאַלער געוואַלט? איז אייך דען ניט בעקאַנט דיזעלביגע האַנדלונג ווי אַ „געזעצליכע" און סאַנקציאָנירטע טהאַט? איז וואָס קאָן מען, לויט אייער פּרינציפּ פון מאָראַל, איינווענדען געגען דעם? —„דאָס איז אָבער געווען אַ ניט־געזעצליכע הינריכטונג". הייסט עס, דאָס אונמאָ־ראַלישע אין דעם איז געווען די אונגעזעצליכקייט, דאָס ניט פאָלגען דעם געזעץ? אויב אַזוי זיינט איהר מודה, אַז דאָס גוטע איז מעהר גאָרנישט ווי נאָר דאָס — געזעץ, און די מאָראַל איז מעהר גאָרנישט ווי נאָר האָס פאָלגען דעם געזעץ, די לאָיאַליטעט. אייער מאָראַל מוז אַלזאָ זינקען צו דער מדרגה פון לפנים'־דינער געזעצליכקייט, צו אָט אַזוט צבוע'צטווע פון פאָלגען דאָס געזעץ, מיט דעם אונטערשייד נאָר, וואָס זי איז טיראַנישער און אונערטרעגליכער איידער די אַמאָליגע רעליגיעזע צבוע'צטווע. וואָרים פאַר דער אַמאָליגער איז נאָר נויטיג געווען די טהאַט,

איהר אָבער פאָדערט אויף דעם געדאנק: מען מוז דאָס געזעץ, דעם סטאַטוט, טראָגען אין זיך, און וואָס מעהר מען איז געזעצליך געזינט, אַלץ מעהר מאָראַליש איז מען. אפילו דער לעצטער שפּוהר פון פרעהליכקייט פון דעם קאַטאָלישען לעבען מוז געהן צו־גרונד אין אַט דער פּראָטעסטאַנטישער געזעצליכקייט. אַט דאָ ענדליך איז די הערשאַפט פון געזעץ צום ערשטען מאָל פאָלשטענדיג געוואָרען. ניט „איך לעב, נאָר דאָס געזעץ לעבט אין מיר". עס איז שוין ווירקליך אַזוי ווייט געקומען, אז איך בין ניט מעהר ווי דאָס „געפעס פון זיין (דעם געזעץ'ס) הערליכקייט". „יעדער פּרייס טראָגט זיין וִשאַנדאַרם ביי זיך אין הארצען", זאָגט אַ הויכגעשטעלטער פּרייסישער אָפיציר.

פאַרוואָס האָבען געוויסע אָפּאָזיציעס ניט קיין ערפאָלג? די איינציגע אורזאַך איז, ווייל זיי ווילען ניט פערלאָזען דעם וועג פון דער מאָראַל אָדער געזעצליכקייט. דערפון נעהמט זיך די אונגעהויערע פאַלשקייט פון איבערגעבענקייט, ליעבע א. אז. וו., וועלכע איז אַזוי אָבשטויסענד, אַז עס קאָן יעדען טאָג די גאַל איבערקעהרן פון די דאָזיגע פעררדאָרבענע און היפּאָקריטישע בעציהונגען פון דער „געזעצליכער אָפּאָזיציע". אין מאָראַלע בעציהונגען, וואָס זיינען געבויט אויף ליעבע און טרייקייט, קאָן קיין צושפּאָלטענער, געגענגעזעצטער ווילען קיין פּלאַץ ניט האָבען. די שעהנע בעציהונגען ווערן געשטערט, ווען איינער וויל איין זאַך און דער אַנדערער די געגענגעזעצטע זאַך. אָבער לויט דער ביזאהעריגער פּראַקטיק און דעם אַלטען פאָראורטייל פון דער אָפּאָזיציע, מוזען פריהער פאַר אַלץ אויפגעהאַלטען ווערן די מאָראַלע בעציהונגען. וואָס בלייבט דאַן איבער פאַר דער אָפּאָזיציע צו טהאָן? אפשר פערלאַנגען אַ געוויסע פרייהייט, בעת דעם געליעבטען געפעלט בעסער ניט צו געבען? בשום אופן ניט! פערלאַנגען די פרייהייט טאָר זי ניט, זי מעג נאָר זיך ווינשען זי צו האָבען; זי מעג „פּעטיציאָנירען" וועגען דעם, מורמלען: „ביטע, ביטע!" וואָס וואָלט געקאָנט דערפון ארויסקומען, ווען די אָפּאָזיציע וואָלט ווירקליך געוואָלט, געוואָלט מיט דער גאַנצער ענערגיע פון ווילען? ניין, זי מוז זיך אָבזאָגען פון דעם ווילען, כדי צו לעבען פאַר דער ליעבע, זי מוז זיך אָבזאָגען פון דער פרייהייט צוליעב דער מאָראַל. זי טאָר קיינ־

מאָל ניט „נעהמען אין אנשפּרוך אלס א רעכט“, וואָס עס איז איהר ערלויבט נאָר „אויסצובעטלען אלס א טובה“. די ליעבע, איבער־געבענקייט א. אז. וו. פּאָדערט מיט א פעסטער בעשטימטקייט עס זאָל נאָר זיין איין ווילען, צו וועמען די אנדערע זאָלען זיך איבער־געבען, וועמען זיי זאָלען דיענען, פאָלגען און ליעבען. דער דאָזיגער ווילען מעג בעטראכט ווערן אלס פערנינפטיג אָדער ניט־פערנינפטיג — אין ביידע פעלען הייסט עס געהאנדעלט מאָראַ־ליש, ווען מען פאָלגט איהם, און גיט־מאָראַליש, ווען מען טרעט־אָב פון איהם. דער ווילען, וואָס קאָמאַנדירט מיט דער צענזור, קומט ביי פיעלע אויס ניט־פערנינפטיג; אָבער ווער עס לאָזט דורכ־געהן זיין בוך אין לאַנד פון דער צענזור אָהן איהר, דער האנדעלט אונמאָראַליש, און ווער עס לעגט פאָר זיין בוך צו דער צענזור, דער האנדעלט מאָראַליש. ווען איינער גיט־אויף זיין מאָראַלען אורטייל און מאכט זיך צ. ב. ש. א געהיימע דרוקעריי, מוז מען איהם אָנרופען אונמאָראַליש, און נאָך ניט־קלוג דערצו, אויב ער היט זיך ניט אויס מען זאָל איהם ניט כאַפּען; צי וועט אָבער אזא איינער טראַכטען, אז ער דאַרף האָבען א ווערדע אין די אויגען פון די „מאָראַלע“? אפשר! — אויב ער בילדעט זיך איין, אז ער דיענט דערמיט א „העכערער מאָראַל“.

דאָס שפּינוועבס פון דער היינטיגער היפּאָקריטסטווע הענגט אויף די ברעגען פון צוויי געביעטען, צווישען וועלכע אונזער צייט פליהט ווי א שפּין הין און צוריק און קלעפּט־אָן איהרע דינע פעדים פון נאַרעריי און זעלבסט־נאַרעריי. ניט קיין גענוג שטאַרקע צו קאָנען ענעריגיש און אָהן ספיקות דיענען דער מאָראַל, און אויך ניט קיין גענוג ענטשלאָסענע צו קאָנען אינגאַנצען זיך אָבגעבען דעם עגאָיזם, ציטערט זי צו, אין דעם שפּין־נעץ פון היפּאָקריט־סטווע, אמאָל צו איינעם, אמאָל צו דעם אנדערן, און זייענדיג געלעהמט דורך דער קללה פון האלבקייט, כאַפּט זי נאָר נאַרישע, עלענדע פליענעלעך. האָט מען שוין אמאָל געוואַגט אריינצוברענגען א פּרייען פאָרשלאַג, פערוואַסערט מען איהם גלייך ווידער מיט ליעבעספערזיכערונגען און — מען מאכט א היפּאָקריטישען אָנשטעל פון רעזיגנאַציאָן; האָט די אנדער זייט ווידער געהאַט די חוצפה אָבצו־שלאָגען דעם פרייען פאָרשלאָג אין נאָמען פון דער מאָראַלי־

שער פאָרערונג צו האָבען צוטרויען צו דער רעגירונג א. אז. וו., פערלירט זי אויך באלד דעם מאָראלישען מוטה און הויבט אָן פער־זיכערן מיט וואָס פאר א בעזונדערן פערגעניגען א. אז. וו. זי האָט זיך צוגעהערט צו די פרייע ווערטער: מען מאכט א היפּאָקריטי־שען אָנשטעל פון אָנדערקענונג. קורץ, מען וואָלט וועלען די ציג זאָל זיין גאנץ און דער וואָלף זאָל זיין זאט: מען וואָלט וועלען האָבען א פרייען ווילען, און מען וואָלט אויך ניט וועלען זיך אָבזאָגען פון די מאָראלע צוימען. — קומט נאָר, איהר ליבעראלען, זיך צוזאמען מיט אן אונטערטעניגען. איהר וועט פערזיסען יעדעס וואָרט פון פרייהייט מיט אן אָנבליק פון דעם לאָיאלסטען צוטרויען, און ער וועט בעקליידען זיין אונ־טערטעניגקייט (סערוויליזם) אין די שמייכלענדסטע פראזען פון פרייהייט. דערנאָך געהט איהר זיך פונאנדער, און יעדערער פון אייך דענקט זיך: אָה, איך קען דיך, דו פוקס! ער דערשמעקט אין אייך דעם טייוועל, אזוי גוט ווי איהר אין איהם דעם אלטען פינסטערן הערר גאָט.

א נערא (נירון קיסר) איז נאָר אין די אויגען פון די „גוטע" א „שלעכטער" מענש; אין מיינע אויגען איז ער נישט מעהר ווי א געבאָפּטער פון רוח, אויך אזוי ווי די גוטע. די גוטע זעהען אין איהם דעם גרעסטען באנדיט און געפינען פאר איהם אן אָרט אין גיהנום. אָבער פארוואָס האָט איהם קיינער נישט געהינדערט אין זיינע בייזוויליגקייטען? וואָרום האָט מען אזויפיעל געליטען פון איהם און געשוויגען? זיינען די געהאָרכ־זאמע רוימער, וואָס האָבען געלאָזט בינדען זייער ווילען פון אזא טיראן, אפשר געוועזן אויף איין האָר בעסער פאר איהם? אין אלטען רוים וואָלט מען געמאכט א סוף פון איהם אין איין אויגענ־בליק, מען וואָלט קיינמאָל ניט געוואָרן זיין שקלאף. אָבער די „גוטע" צווישען די רוימער פון זיין צייט האָבען אויפגעשטעלט אנטקעגען איהם נאָר מאָראלע פאָדערונגען, ניט זייער ווילען; זיי האָבען געזיפצט, וואָס זייער קיסר איז ניט איבערגעגעבען דער מאָראל אזוי ווי זיי: זיי אליין זיינען פערבליבען „מאָראלישע אונטערטאנען", ביז איינער האָט ענדליך געפונען דעם מוטה אוועק־צו־וואַרפען די „מאָראלישע געהאָרכזאמע אונטערטעניגקייט". און יעמאָלט האָבען דיזעלביגע „גוטע רוימער", וועלכע האָבען אלס

„געהארכזאמע אונטערטאנען“ אריבערגעטראגען די גאנצע שאנדע פון ווילענלאזיגקייט, צוגעיובעלט די פערברעכערישע, אונמאראלישע טהאט פון דעם רעבעל. וואו איז פריהער געווען ביי די „גוטע“ דער מוטה צו א רעוואלוציאן, וועלכען זיי האבען געלויבט נאכדעם ווי אנאנדערער האט איהם געפאסט? די גוטע האבען אט דעם מוטה ניט געקאנט האבען, ווארים א רעוואלוציאן, און ווער רעדט גאר א מיאטעוש, איז אלעמאל עטוואס „אונמאראלישעס“, אויף וואס מען קאן זיך נאר ענטשליסען, ווען מען הערט־אויף „גוט“ צו זיין, און ענטוועדער מען ווערט „שלעכט“, אדער — ניט גוט און ניט שלעכט. נערא איז ניט געווען ערגער איידער זיין צייט, אין וועלכער מען האט נאר געקאנט זיין איינס פון די ביידע, גוט אדער שלעכט. זיין צייט האט געמוזט אורטיילען וועגען איהם: ער איז שלעכט; און טאקע שלעכט אין העכסטען גראד, ניט גלאט א קונדס, נאר א רשע מרושע. אלע מאראלישע קאנען נאר אבגעבען אט דעם אורטייל וועגען איהם. אזוינע לומפען, ווי ער איז געווען, לעבען נאך היינט אויך (זעה צ. ב. ש. די מעמוארען פון דעם ריטער פאן לאנג) צווישען די מאראלישע. בעקוועם לעבט זיך גאנץ געוויס צווישען זיי ניט, ווארים מען איז א מינוט ניט זיכער מיט׳ן אייגענעם לעבען; לעבט מען אבער צווישען די מאראלישע אפשר בעקוועמער? מען איז ביי זיי פונקט אזוי ווייניג זיכער מיט׳ן לעבען, מיט דעם אונטערשייד נאר, וואס מען ווערט געהאנגען „אויף א גערעכטען אופן“; אבער נאך ווייניגער איז מען דא זיכער מיט דעם אייגענעם כבוד, און איידער דו זעהסט זיך ארום פערשווינדט דיר די נאציאנאל־קאקארדע פון היטעל. דער הארטער פויסט פון דער מאראל בעגעהט זיך גאר אונבארמהערציג מיט דעם עדעלען וועזען פון דעם עגאיזם.

„מען קאן דאך אבער יעדען לומפ ניט שטעלען אויף איין מדרגה מיט אן עהרליכען מאן!“ — אמת, אבער איהר, מאראלריכטער, טהוט דאס אפטער פאר יעדען אנדערן. און נאך מעהר ווי דאס: אן עהרליכען מאן, וועלכער רעדט אפען געגען דעם עקזיסטירענדען שטאאט, געגען די געהייליגטע אינסטיטוציעס א. אז. וו. זעצט איהר אריין אין טורמע ווי א פערברעכער, און א כיטרען לומפ נעטרויט איהר פארטפעלען און נאך וויכטיגערע

זאכען. אַלזאָ, אין דער פּראַקטיק האָט איהר מיר גאָר ניט וואָס פאָרצו־וואַרפען. „אָבער אין דער טעאָריע!" — נו, דאָ שטעל איך זיי ווירקליך ביידען אויף איין ליניע, אַלס צוויי געגענגעזעצטע פּאָליוסען, ד. ה. ביידען אויף דער ליניע פון מאָראַלען געזעץ. ביידע האָבען זיי אַ זין נאָר אין דער מאָראַלער וועלט, פּונקט אַזוי ווי אין דער פּאָר־קריסטליכער צייט האָט געהאַט אַ זין און אַ בעדייטונג צו רעדען וועגען אַ אידען, וואָס היט־אָב דאָס געזעץ, אָדער וואָס היט ניט אָב דאָס געזעץ, נאָר בנוגע צו דעם אידישען געזעץ; דאַגעגען ביי קריסטוס איז דער פּאַריסעער ניט בעסער געוועזען ווי די „זינדער און צאָל־בעאַמטע". אַזוי האָט אויך ביי דער אייגענהייט דער מאָראַלער פּאַריסעער דיזעלבע ווערדע, ווי דער אונמאָראַלער זינדיגער.

נעראָ איז דורך זיין משוגעת געוואָרן זעהר אונבעקוועם. אָבער אַ מענש, וואָס בעזיצט אייגענהייט, וועט ניט אַוועקשטעלען אַנטקעגען איהם אויף אַ נאַרישען אופן דאָס „הייליגע", כדי צו קלאָגען, פּאָר וואָס דער טיראַן אַכטעט ניט דאָס הייליגע: ער וועט אַנטקעגענשטעלען זיין ווילען. ווי אָפט אָבער האַלט מען פּאָר די הייליגקייט פון די ניט־בערויבליכע מענשענרעכט פּאָר די פיינד פון די דאָזיגע רעכט! און ווי אָפט זוכט מען זיי צו בעווייזען און דעמאָנסטרירען, אַז אַ וועלכע עס איז פּרייהייט איז אַ „הייליגעס מענשענרעכט"! די וואָס טהוען דאָס, זיינען ווערטה מען זאָל זיי אויסלאַכען (ווי דאָס פּאַסירט זיי טאַקע), דאָך אָבער אין דער ווירקליכקייט נעהמען זיי אייגענטליך אָן, ווען אפילו אונבעוואוסט־זיניג, דעם ריכטיגען וועג, וואָס פיהרט צום ציעל. זיי פיהלען, אַז ווען די מעהרצאָהל וועט איינמאָל געוואונען ווערן פּאָר דער דאָזיגער פרייהייט, וועט זי אויך ווערלען די פרייהייט, און וועט דאַן נעהמען וואָס זי ווייל האָבען. די הייליגקייט פון דער פרייהייט און אַלע מעגליכע ראיות פּאָר דער דאָזיגער הייליגקייט וועלען קיינמאָל ניט פערשאַפען די פרייהייט: דאָס לאַמענטירען און פּעטיציאָנירען צייגט נאָר ארויס דעם בעטלער.

דער מאָראַלער מענש איז נויטיגערוויז שמאָלקעפּיג אין דעם, וואָס ער קען ניט קיין אַנדער פיינד אויסער דעם „אונמאָראַלען". „ווער עס איז ניט מאָראַליש איז אונמאָראַליש!" און בכן פערדאָרבען, מבוזה א. אז. וו. דעריבער קאָן דער מאָראַלישער קיינמאָל

ניט פערשטעהן דעם עגאָיסט. איז ניט דאָס צוזאמענלעבען פון ניט־פערהייראטע אן אונמאָראלישע טהאט? דער מאָראלישער מעג זיך דרעהען ווי ער וויל, ביי דעם אויסשפּרוך מוז ער בלייבען; עמיליא גאלאָטי האָט פאר אָט דער מאָראלער וואַרהייט אָבגעגעבען איהר לעבען. און עס איז אמת, עס איז אן אונמאָראלישע טהאט. אַן עהרליך מיידעל מעג זיצען ביז'ן גרויען צאָפּ; א מאַן א בעל־מדות מעג פערברענגען זיין צייט צו בעקעמפען זיינע נאטור־טריבען, אפשר וועט ער פועל'ן זיי צו דערשטיקען; ער קאָן זיך לאָזען קאסטרירען פון דער טוגענד'ס וועגען, ווי דער הייליגער אָריגענעס האָט עס געטאָן פון גאָט'ס וועגען: ער עהרט דורכדעם די הייליגע עהע, די הייליגע ריינקייט, ווי א זאך וואָס טאָר ניט פערלעצט ווערן. דאָס איז — מאָראליש. אונריינקייט קאָן קיינמאָל ניט ווערען א מאָראלישע טהאט. דער מאָראלישער קאָן אפשר אור־טיילען מיט גרויס איינזעהעניש און ענטשולדיגען דעם, וואס איז בעגאַנגען אן אונריינקייט, עס בלייבט אָבער אלץ אן עבירה, א זינד נעגען א מאָראלען געבאָט, א פלעק וואָס קאָן ניט אָבגעווישט ווערן. ווי די ריינקייט האָט אמאָל געהערט צו דער שבועה פון דעם מאָנאכען־אָרדען, אזוי געהערט זי איצט צום מאָראלישען אויפפיהר. ריינקייט איז — א גוטס. — פערקעהרט פאר דעם עגאָיסט איז אפילו די ריינקייט ניט קיין גוטס; ער קאָן אויס־קומען אָהן איהר, די גאַנצע זאך אהרט איהם גאָרנישט. וואָס פאר א שלום ציהט דערפון דער מאָראלישער? אָט דעם שלום, וואָס ער שטעלט אריין דעם עגאָיסט אין דעם איינציגען קלאָס מענשען, וועלכער עקזיסטירט פאר איהם אחוץ דעם מאָראלישען קלאָס: אין דעם קלאָס פון די — אונמאָראלישע. ער קאָן ניט אנדערש, ער מוז האלטען דעם עגאָיסט, בנוגע צו אלץ וואו יענער אבטעט ניט די מאָראל, פאר אונמאָראליש. ווען ער וואָלט איהם אזוי ניט געהאלטען, וואָלט ער דערמיט אליין שוין געוואָרען א בוגד צו דער מאָראל, און גאָר אליין ניט איינזעהענדיג דאָס, וואָלט ער שוין מעהר קיין באמת מאָראלישער מענש ניט געווען. מען דאַרף זיך ניט לאָזען פערפיהרן פון אזוינע ערשיינונגען, וועלכע געהערן היינטיגען טאָג געוויס ניט מעהר צו די זעלטענהייטען, נאָר מען מוז בעטראכטען, אז דער וואָס איז נאָר וויפיעל־ניט־איז מוחל אויף דעם כבוד פון דער מאָראל, קאָן פונקט אזוי ווייניג גערעכענט

ווערן צווישען די באמת מאָראַלישע, ווי לעסינג, וועלכער האָט פערגליכען די קריסטליכע רעליגיע אזוי גוט ווי די מחמד'אנישע און די אידישע צו א „נאָכגעמאַכטען רינג“, האָט זיך געקאָנט רעכענען פאר א פרומען קריסט. עס טרעפט אָפט אז מענשען שטעהען א סך ווייטער אין זייער מאָראל, איידער זיי נעטרויען זיך דאָס מודה צו זיין. פאר סאָקראַטעס, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער בילדונג־שטופע פון מאָראַליטעט, וואָלט עס געוועזען אַן אונמאָראַלע טהאט, צו פאָלגען קריטאָ'ס פערפיהרערישע רעד און ענטלויפען פון דער תפיסה; די איינציגע מאָראַלישע זאַך איז געוועזען — צו בלייבען. דאָס איז אָבער געוועזען אזוי, נאָר דער־פאר, ווייל סאָקראַטעס איז געוועזען — א מאָראַלישער מענש. פערקעהרט, די „מאָראַללאָזע, גאָטלעסטערנדע“ מענער פון דער רעוואָלוציאָן האָבען געשוואָרן טרייקייט צו לודוויג דעם 16טען, און האָבען פונדעסטוועגען ארויסגעגעבען דעם דעקרעט איהם ארונטערצוזעצען, און אפילו איהם צו טויטען; אָבער דער אקט איז געוועזען אַן אונמאָראַלישער, און די מאָראַלע לייט וועלען אויפ־שוידערן פון איהם ביז אין אַלע אייביגקייטען.

---

דאָס אַלץ האָט מעהר אָדער ווייניגער צו טהאָן מיט דער „בירגערליכער מאָראַל“, אויף וועלכע די פרייערע קוקען ארונטער מיט פעראַכטונג. זי, ווי די בירגערליכקייט בכלל, איהר היימישער באָדען, איז נאָך צו־ווייניג אָבגערוקט פון דעם רעליגיעזען הימעל, און האָט זיך נאָך צו־ווייניג בעפרייט פון זיין מאַכט. דעריבער האָט זי, אָהן קריטיק און אָהן ווייטערדיגער איבערלעגונג, איבער־געפלאַנצט די הימעלשע געזעצען אויף איהר באָדען, אנשטאָט ארויסצוברענגען אייגענע און זעלבסטשטענדיגע לעהרען. גאַנץ אנדערש בענעהמט זיך די מאָראל, ווען זי גרייכט צום בעוואוסט־זיין פון איהר ווערדע און דערהעבט איהר פרינציפ, דאָס וועזען פון מענשען, אָדער „דעם מענשען“, צו דעם איינציגען מאסגעב־בענדען פרינציפ. די, וועלכע האָבען זיך ארויפגעארבייט צו אזא ענטשיידענעם בעוואוסטזיין, ברעכען איננאַנצען אָב זייער פערבינ־דונג מיט דער רעליגיאָן, וועמעס גאָט קאָן מעהר קיין פּלאַץ ניט האָבען לעבען זייער „מענשען“. און פונקט ווי זיי בויערן דורך די שטאַאט־שיף גופא (זעה ווייטער), אזוי צוברעקלען זיי אויך די

מאַראַל, וועלכע קאָן נאָר געדייהען אין דעם שטאַאַט. וואָלטען זיי געוועזען קאָנסעקוועטנט, האָבען זיי אפילו ניט געדאַרפט זיך בענוצען מיט דעם וואָרט. וואָרים האָס, וואָס אָט די „קריטישע“ רופען אָן מאָראַל, אונטערשיידט זיך זעהר שטאַרק פון דער אַזויגערופענער „בירגערליכער אָדער פּאָליטישער מאָראַל“, און מוז דעם שטאַאַט־בירגער פאָרקומען ווי אַן „אונזיניגע הפקרות“. אין גרונד אָבער האָט די קריטישע מאָראַל נאָר דעם יתרון פון „ריינקייט פון פּרינ־ציפּ“, וועלכער האָט זיך בעפרייט פון דער פעראונרייניגונג פון דער רעליגיאָן און האָט געגרייכט, אין דער געלייטערטער און בעשטימטער פאָרם, אַן אוניווערזעלע מאַכט אַלס „מענשליכקייט“. דעריבער דאַרף מען זיך ניט וואונדערן, וואָס דער נאָמען מאָראַל ווערט אויפגעהאַלטען לעבען די אַנדערע, ווי פרייהייט, הומאַניטעט, זעלבסטבעוואוסטזיין א. אז. וו. און איז עפּעס נאָר צוגעפּוצט מיט דעם צולעג „פרייע“ מאָראַל — אַקוראַט ווי דער שטאַאַט, וואָס ווערט בעשימפּט אַלס דער בירגערליכער שטאַאַט, ווערט ווידער אויפגעלעבט אַלס „פרייער שטאַאַט“, אָדער אויב מיר געהען נאָך ווייטער, אַלס „פרייע געזעלשאַפט“.

ווייל אָט די מאָראַל, וואָס איז פערפאָלקאָמט געוואָרן אַלס מענשליכקייט, איז זיך אינגאַנצען פונאַנדערגעגאַנגען מיט דער רעליגיאָן, פון וועלכער זי איז געשיכטליך אַרויסגעקומען, שטערט איהר קיין זאַך ניט צו ווערן אַ רעליגיאָן אויף אייגענער רעכענונג. וואָרים צווישען רעליגיאָן און מאָראַל הערשט אַן אונטערשייד נאָר אַזוי לאַנג, ווי אונזערע בעציהונגען צו דער מענשען־וועלט ווערן גערעגעלט און געהייליגט דורך אונזער פערהעלטעניש צו אַן איבער־מענשליכען וועזען, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, אַזוי לאַנג ווי אונזערע טהואונגען זיינען טהואונגען „פון גאָט׳ס וועגען“. ווען עס קומט אָבער דערצו, אַז „פאַר דעם מענשען איז דער מענש דאָס העכסטע וועזען“, יעמאָלט פערשווינדט יענער אונטערשייד, און די מאָראַל, וואָס ווערט אַרויסגעהויבען פון איהר נידעריגער מדרגה, פערענדיגט זיך אין — אַ רעליגיאָן. וואָרים דאַן שטייגט אַרויף דאָס העכערע וועזען, אויף אַן אַבסאָלוטער הויך, און מיר פערהאַלטען זיך צו איהם ווי צו דעם העכסטען וועזען, ד. ה. רעליגיעז. מאָראַל און פרומקייט זיינען איצט גלייכבעדייטענדע ווערטער ווי אין

אַנפאַנג פון קריסטענטום, און נאָר דערפאַר, ווייל דאָס העכסטע וועזען איז געוואָרן אן אנדערער, הייסט איצט א הייליגער אויפ־פיהר ניט מעהר א „הייליגער", נאָר א „מענשליכער". האָט די מאָראַל געזיעגט, טרעט אריין א פאָלשטענדיגער איבערבייט פון בעלי־בתים.

נאָך דער פערניכטונג פון גלויבען, דענקט פייערבאַך אריינ־צופאָהרען אין דעם כלומר'שט זיכערען האַפען פון ליעבע. „דאָס ערשטע און העכסטע געזעץ מוז זיין די ליעבע פון מענשען צום מענשען. „האָמאָ האָמיני דעאוס עסט" — (דער מענש איז פאר'ן מענשען א גאָט) — דאָס איז דער העכסטער פראַקטישער גרונדזאַץ — דאָס איז דער ווענדפּונקט פון דער וועלטגעשיכטע".* אייגענטליך אָבער איז נאָר געענדערט געוואָרן דער גאָט, דער „דעאוס", די ליעבע איז געבליבען: דאָרטען ליעבע צום איבער־מענשליכען גאָט, דאָ ליעבע צום מענשליכען גאָט, צום „האָמאָ" אלס „דעאוס". אַלזאָ, דער מענש איז מיר — הייליג. און אַלץ וואָס איז „באמת מענשליך" איז מיר — הייליג! „די עהע איז דורך זיך גופא הייליג. און אזוי איז עס מיט אַלע מאָראַלע פער־העלטניסען. הייליג איז און זאָל דיר זיין די פריינדשאַפט, הייליג דאָס אייגענטום, הייליג די עהע, הייליג דאָס וואוילזיין פון יעדען מענשען, אָבער הייליג אן־און־פיר־זיך זעלבסט".** האָבען מיר דאָ ניט וויעדער דעם גלח? ווער איז זיין גאָט? דער מענש! וואָס איז דאָס געטליכע? דאָס מענשליכע! אָט אזוי האָט זיך ווירקליך דער פּרעדיקאַט נאָר פערוואַנדעלט אין דעם סוביעקט, און אַנשטאָט דעם זאַץ „גאָט איז די ליעבע", הייסט עס „די ליעבע איז געטליך", אנשטאָט „גאָט איז מענש געוואָרן" — „דער מענש איז גאָט געוואָרן", א. אז. וו. עס איז אייגענטליך נאָר א נייע — רעליגיאָן. „אַלע מאָראַלע שייכות'ן זיינען דאָ נאָר עטהישע, זיי ווערן נאָר דאָ קולטיווירט מיט א מאָראַלען זין, וואו זיי גילטען דורך זיך אליין (אָהן רעליגיעזער הייליגונג דורך דער ברכה פון גלח) אלס רעליגיעזע". פייערבאַך'ס זאַץ: די טעאָלאָגיע איז אנטראָפּאָלאָגיע הייסט נאָר

* „וועזען דעם קריסטענטומס", 2טע אויפלאַגע, ז. 402.
** דאָרט, ז. 403.

„די רעליגיאָן מוז זיין אַן עטהיק, די עטהיק אַליין איז רעליגיאָן".

פייערבאך'ס אויפטהו איז בכלל נאָר אַן איבערשטעלונג פון סוביעקט און פּרעדיקאַט, מיט אַ יתרון פאַר דעם לעצטען. אַזוי ווי אָבער ער אַליין זאָגט: די ליעבע איז ניט צוליעב דעם היילינ (און האָט קיינמאָל צוליעב דעם ניט געגאָלטען דעם מענשען פאַר היילינ), ווייל זי איז אַ פּרעדיקאַט פון גאָט, נאָר זי איז אַ פּרע־דיקאַט פון גאָט, ווייל זי איז דורך זיך און פאַר זיך אַליין געטליך", — האָט ער דאָך געקאָנט איינזעהן, אַז עס מוז אָנגעהויבען ווערן אַ קאַמף אַנטקעגען די פּרעדיקאַטען גופא, אַנטקעגען די ליעבע און אַלע היילינקייטען. ווי אַזוי האָט ער געקאָנט האָפען אָבצו־ווענדען די מענשען פון גאָט, ווען ער האָט זיי איבערגעלאָזט דאָס געטליכע? און אויב גאָט אַליין איז פאַר זיי, ווי פייערבאך זאָגט, קיינמאָל ניט געווען די הויפּטזאך, נאָר זיינע פּרעדיקאַטען זיינען געווען דער עיקר, האָט ער דאָך אַלענפאַלס געקאָנט לאָזען די פליטערלעך (ד. ה. דעם גאָט) נאָך לענגער, וויבאַלד אַז די פּופּע (ד. ה. די ליעבע), דער אייגענטליכער קערן איז געבליבען. ער גיט אויך צו, אַז „פאַר איהם האַנדעלט זיך דאָ נאָר װעגען דער פערניכטונג פון אַן אילוזיע",* דאָך דענקט ער, אַז זי, די אילוזיע, „האָט געווירקט אויף די מענשען העכסט פערדערבליך, וואָרים אפילו די ליעבע, וועלכע איז בעצם דער אמת'סטער, אינערליכסטער געפיהל, איז געוואָרן דורך דער רעליגיעזיטעט אַ פערשטעלטער און אילוזאָרישער געפיהל, מחמת די רעליגיעזע ליעבע ליעבט דעם מענשען נאָר פון גאָט'ס וועגען, הייסט עס, דעם מענשען נאָר לפנים און אין אמת'ן ליעבט זי גאָר גאָט אַליין". איז אָבער די מאָראַלישע ליעבע אַנדערש? ליעבט זי דעם מענשען, אָט דעם מענשען פון אָט דעם מענ־שענ'ס וועגען, אָדער פון דער מאָראַל'ס וועגען, פון דעם מענשענ'ס וועגען בכלל, וואָס עס הייסט — וואָרים דער מענש פאַר'ן מענשען איז גאָט — פון גאָט'ס וועגען?

---

די רעדער אין קאָפּ האָבען נאָך אַ גאַנצע מאַסע פאָרמעלע זייטען, און עס קאָן זיין ניצליך אָנצודייטען אויף איינינע פון זיי. אַזוי געפינען מיר, אַז די זעלבסטפערלייקענונג

---

* דאָרט אויבען, ז. 408.

איז גלייך ביי דעם היילינען ווי ביי דעם אונהייליגען, ביי דעם ריינעם ווי ביי דעם אונריינעם. דער אונריינער פערלייקענט אלע „בעסערע געפיהלען“, יעדע שאנדע, אפילו די נאטירליכע פארכטזאמקייט, און פאלגט נאר די תאוה, וואס בעהערשט איהם. דער ריינער פערלייקענט זיין נאטירליכע בעציהונג צו דער וועלט („פערלייקענט די וועלט“) און פאלגט נאר דעם „פערלאנג“, וואס בעהערשט איהם. געטריבען פון געלד־דארשט, פערלייקענט דער גייציגער אלע תביעות פון געוויסען, יעדען עהרען־געפיהל, יעדע ערעלקייט און יעדען מיטלייד; ער טרייבט־אוועק פון זיך אלע אויסרעכענונגען: די תאוה שלעפט איהם אוועק. דאס אייגענע בעגעהט דער היילינער. ער מאכט זיך צום „שפאט פון דער וועלט“, ער איז הארטהערציג און „שטרענג־גערעכט“; ווארים איהם שלעפט אוועק דער פערלאנג. אזוי ווי דער אונהייליגער פערלייקענט זיך זעלבסט פון וועגען מאמאן, אזוי פערלייקענט זיך דער היילינער פון וועגען גאט און זיינע געטליכע געזעצען. מיר לעבען איצט אין אזא צייט, ווען די אונפערשעמט־קייט פון די הייליגע ווערט אויפגעדעקט און פיהלט זיך מיט יעדען טאג מעהר, און איז דורכדעם געצוואונגען אליין יעדען טאג זיך אלץ מעהר אבצודעקען און זיך נאקעט צו שטעלען. שטייגט ניט לאנג אריבער די אונפערשעמטקייט און דומהייט פון די ארגומענ־טען, מיט וועלכע מען זוכט צו שטערן דעם „פארטשריט פון דער צייט“, יעדע מאס און יעדע ערוואארטונג? אבער דאס האט געמוזט קומען. די זעלבסטפערלייקענער מוזען אלס הייליגע אננעהמען דעמזעלביגען דרך ווי אלס אונהייליגע, און אזוי ווי די פערזינקען אלץ ווייטער און ווייטער אין דער פולסטער מאס פון זעלבסט־פערלייקענענדער געמיינהייט און נידערינקייט, אזוי מוזען יענע ארויפשטייגען צו דער אונעהרענהאפטעסטער ערהאבענ־קייט. דער מאמאן פון דער ערד און דער גאט פון הימעל פאדערן ביידע פונקט דעמזעלביגען גראד פון — זעלבסטפערלייקענונג. דער נידעריגער ווי דער נעהויבענער גארען נאך א „גוטס“, יענער נאך דאס מאטעריעלע, דער נאך דאס איידעלע, נאך דעם אזוי גערופענעם „העכסטען גוט“, און ביידע צום סוף זיינען ווידער ממלא איינע די אנדערע דעריין, וואס דער „מאטעריעל גזאנענער“ איז אלץ מקריב פאר אן אידעעלען שיין, פאר זיין אייטעל־

ק י י ט, און דער „גײסטיג גנזאַנגער" — פאַר אַ מאַטעריעלען גענוס, דעם וואויל־לעבען.

די וואָס רעדען צום מענשען וועגען דער וויכטיגקייט פון „אונ־אייגעננוציגקייט", מיינען אַז זיי זאָגען אַרויס וועך ווייסט וואָס. וואָס פערשטעהען זיי אייגענטליך אונטער דעם? אודאי עפּעס עהנליכעס ווי אונטער „זעלבסטפערלייקענונג". ווער איז אָבער דער דאָזיגער „זעלבסט", וואָס דאַרף פערלייקענט ווערן און קיין נוצען ניט האָבען? עס זעהט אויס אַז ד ו דאַרפסט דאָס זיין דער זעלבסט. און פון וועמעס נוצען וועגען רעקאָמענדירט מען דאָס דיר די אונאייגעננוציגע זעלבסטפערלייקענונג? ווידעראַמאָל פון ד י י ן נוצען און טובה וועגען; עס הייסט: דו פער־שאַפסט זיך דיינע „אמת'ע נוצען" דורך אונאייגעננוציגקייט.

ד י ר זאָלסטו נוצען, און דאָך זאָלסטו ד י י ן נוצען ניט זוכען.

די וואוילטהעטער פון די מענשען האַלט מען פאַר אונאייגעננוציג — אַ פראַנקע, וועלכער האָט געגרינדעט דאָס וויַיזענהויז, אַן אָ'קאָנעלל, וועלכער האָט אונערמידליך געאַרבייט פאַר זיין אירלאַנדיש פאָלק; אָבער אַזוי האַלט מען אויך דעם פ אַ נ אַ ט י ק ע ר, וועלכער, ווי דער הייליגער באָניפאַציוס, ריזי־קירט זיין לעבען פאַר די בעקעהרונג פון די היידען, אָדער ווי ראָבעספּיער אָפּפערט אַלעס צו דער טוגענד, ווי קערנער שטאַרבט פאַר גאָט, קיניג און פאָטערלאַנד. דעריבער טאַקע זוכען אָ'קאָנעלל'ס געגנער אויסצוטראַכטען אויף איהם עפּעס אַן אַקט פון אייגעננוציגקייט אָדער פון גייציגקייט (דער אָ'קאָנעלל־פאָנד האָט זיי פון אויבענאויף געגעבען אַ גרונד דערצו); וואָרים ווען עס געלינגט זיי צו וואַרפען אַ חשד אויף זיין „אונאייגעננוציגקייט" דאַן קאָנען זיי לייכט אָבריַיסען זיינע אָנהענגער פון איהם.

וואָס אָבער האָבען זיי דערמיט געקאָנט בעוויַיזען? אַז אָ'קאָנעלל האָט געאַרבייט פאַר אַנאַנדער צ ו ו ע ק איידער דעם אָנגעגעבענעם. אָבער סיי ער בעצוועקט אַ געלד־נוצען, סיי די בעפרייאונג פון פאָלק, איין זאַך איז דאָך זיכער, אַז אין יעדען פאַל האָט ער געשטרעבט צו אַ צוועק. איינעננוץ דאָ ווי דאָרטען, מיט דעם אונטערשייד נאָר, וואָס זיין נאַציאָנאַלער אייגעננוץ וואָלט

אויך געווען א טובה פאר אנדערע, ד. ה. אן אלגע־מיין נוצליכער.

מיינט עס אפשר אז די אונאייגעננוציגקייט איז אן אילוזיע און אין ערגעץ ניט בנמצא? ניין, אדרבא, עס איז ניטא קיין מעהר געוועהנליכע זאך איידער זי! זי איז אפילו געווארן, וואס מען מעג אנרופען א מאָדע־ארטיקעל אין דער ציוויליזירטער וועלט, אן ארטיקעל, וועלכען מען האלט פאר אזוי אונבעדינגט־נויטיג, אז ווען ער קאסט צופיעל אין סאָלידען שטאָף, פוצט מען זיך אויס לכל הפחות מיט זיין נאָכגעמאכטען גלאַנץ, און מען פערשטעלט זיך אין איהם. וואו הויבט זיך אָן די אונאייגעננוציגקייט? אַקוראַט דאָ וואו א צוועק הערט אויף צו זיין אונזער צוועק און אונזער אייגענטום, מיט וועלכען מיר קאָנען אלס אייגענטימער שאלטען און וואלטען ווי מיר ווילען; דאָרט, וואו ער ווערט א פיקסער צוועק אָדער א — פיקסע אידעע; וואו ער פאנגט אָן אונז צו בעגייסטערן, ענטוזיאזמירן, פאנטאזירן; קורץ, וואו ער ווערט אונזערע א דאָגמע און — א בעל־הבית איבער אונז. מען איז ניט אונאייגעננוציג, כל זמן מען האלט דעם צוועק אין דער אייגענער מאכט; מען ווערט אונאייגעננוציג ערשט אויף דער מדרגה פון „אָט דאָ שטעה איך, אנדערש קאָן איך ניט טהאָן" [ווי לוטהער האָט געזאָגט] — דער הויפט־שפּרוך פון אלע בעזעסענע (פערכאפּטע פון רוח); מען ווערט אונאייגעננוציג, בעת מען פערפאָלגט א הייליגען צוועק מיט דעם ריכטיגען הייליגען אייפער. —

איך בין ניט אונאייגעננוציג, כל זמן דער צוועק בלייבט מיין אייגענער, און אנשטאָט זיך אָבצוגעבען ווי א בלינדער מיטעל פון זיין דורכפיהרונג, לאָז איך איהם צו יעדער צייט, אזוי צו זאָגען, בלייבען אָן אָפענע פראגע. מיין אייפער מוז דערפון ניט ווערן שוואכער איידער דער אייפער פון דעם גרעסטען פאנאטיקער, אָבער אנטקעגען דעם צוועק בלייב איך אין דערזעלביגער צייט אייז־קאלט, אונגלויביג און זיין אייביגער שונא; איך בלייב זיין ריכטער, ווייל איך בין זיין אייגענטימער.

די אונאייגעננוציגקייט צעוואקסט זיך ווילד, וואו זי געפינט נאָר א באָדען פון בעזעסענקייט, אלץ איינס סיי אין די גערטנער פון טייוועל, סיי אין די גערטנער פון א גוטען גייסט: דאָרטען

וואקסען ארויס פון דעם זינד, נארישקייט א. אז. וו.; דאָ — עניוות, איבערגעבענקייט א. אז. וו.

וואו איהר זאָלט ניט ווענדען אייער בליק, וועט איהר אומעטום בעגעגענען קרבנות פון זעלבסטפערלייקענונג. דאָ אנטקעגען מיר זיצט א מיידעל, וואָס האָט אפשר שוין זייט צעהן יאָהר געבראכט בלוטיגע קרבנות צו איהר נשמה. איבער איהר רייצענדען געשטאלט בויגט זיך א טויט־מיעדער קאָפּ, און בלייכע באַקען פערראטען די לאנגזאמע פערבלוטונג פון איהר יוגענד. אָרים קינד, ווי אָפט האָבען די ליידענשאפטען געמוזט אַנקלאַפּען אין דיין הארצען און די רייכע יוגענד־קרעפטען געפאָדערט זייער רעכט! ווען דיין קאָפּ האָט זיך געגראָבען אין די ווייכע קישענס, ווי האָט די אויפ־וואכענדע נאטור געצוקט דורך דיינע גליעדער, ווי האָט דאָס בלוט געשפאנט אין דיינע אָדערן און די פייערדיגע פאנטאזיעס געגאָסען דעם גלאנץ פון תאוה אין דיינע אויגען! אָבער דאַן האָט זיך דיר בעוויזען דער געשפענסט פון דיין זעעל און איהר זעליגקייט. דו האָסט זיך דערשראָקען; דיינע הענד האָבען זיך צונויפגעלעגט, דיין געפייניגט אויג האָט געווענדט דעם בליק נאָך אויבען: דו האָסט — תפלה געטאָן. די שטורמס פון דער נאטור זיינען פער־שטומט געוואָרן, א שטילקייט האָט זיך אויסגעשפרייט איבער דעם ים פון דיינע בעגעהרען. לאנגזאם האָבען זיך די מאטע אויגען־לעדלעך ארונטערגעלאָזט אויף דעם אויסגעלאָשענעם לעבען אונטער זיי; פון די זאפט־פולע גליעדער איז אונבעמערקט אוועק די שפאנונג; אין הארצען זיינען אויסגעטריקענט געוואָרן די לארעמדיגע כוואליעס; די צונויפגעלעגטע הענד זיינען געלעגען שווער, אָהן כחות אויף דעם ווידערשטאנדלאָזען בוזים; א שוואַ־כער, לעצטער „אך“ האָט זיך נאָך ארויסגעזיפצט, און — די נ ש מ ה איז געוואָרן רוהיג. דו ביזט איינגעשלאָפען, אויפצו־וואכען אויף מאָרגען צו א נייעם קאמף און צו א נייער — תפלה. די געוואוינהייט פון זעלבסט־ענטזאגונג קיהלט איצט אָב די היץ פון דיין פערלאנג, און די רויזען פון דיין יוגענד ווערען בלאס — אין דער בלייכזוכט פון דיין זעליגקייט. די נשמה איז געראטעוועט, דער קערפער מוז פערדארען! אָה, לאאיז, אָה נינאָן, ווי גוט האָט איהר געטאָן, וואָס איהר האָט פערשפּאָט די דאָזיגע בלייכע

טוגענד! איין פרייע לעבע־מיידעל שטייגט אריבער טויזענד אין צניעות גרוי־געוואָרענע בתולות!

די אידעע פיקס קאָן אויך אויפגעפאַסט ווערן אַלס „גרונד־זאַץ, פּרינציפּ, שטאַנדפּונקט" א. ד. ג. כּדי צו בעוועגען די ערד, האָט אַרכימעדעס פערלאַנגט אַ שטאַנדפּונקט אויסערהאַלב פון איהר. אָט דעם שטאַנדפּונקט האָבען די מענשען נאָכאַנאַנד געזוכט, און יעדערער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן איהם, אַזוי גוט ווי ער האָט געקאָנט. אָט דער פרעמדער שטאַנדפּונקט איז די וועלט פון גייסט, פון אידעען, געדאַנקען, בעגריפען, וועזענס און אז. וו.; דאָס איז דער הימעל. דער הימעל איז דער שטאַנדפּונקט, פון וועלכען די ערד ווערט בעוועגט, די ערדישע אויפטהואונגען ווערן בעטראַכט און — פער'מיאוס'ט. פערזיכערן זיך מיט דעם הימעל, פעסט און אויף אייביג אריינצונעהמען דעם הימעלשען שטאַנדפּונקט — ווי שמערצליך און אונערמיעדליך האָט די מענש־הייט דערפאַר געקעמפט!

דאָס קריסטענטום האָט בעצוועקט אויסצולייזען אונז פון דער נאַטור־בעשטימונג (ד. ה. פון דער בעשטימונג הורך דער נאַטור), פון די בעגעהרען אַלס אַנטרייבענדע קרעפטען; עס האָט, הייסט עס, געוואָלט, אַז דער מענש זאָל זיך ניט לאָזען בעשטימען פון זיינע בעגעהרען. דאָס שליסט ניט איין דעם געדאַנק, ער זאָל ניט האָבען קיינע בעגעהרען, זאָנדערן די בעגעהרען זאָלען איהם ניט האָבען, זיי זאָלען ניט ווערן פיקס, אונקאָנטראָלירבאַר, ניט־אויפלייזבאַר. נו, אפשר וואָלטען מיר געקאָנט דאָס אייגענע, וואָס דאָס קריסטענטום (די רעליגיאָן) האָט געפּלאַנעוועט אַנטקעגען די בעגעהרען, אָנווענדען אויף זיין אייגענער פאָרשריפט, אַז דער גייסט (געדאַנקען, פאָרשטעלונגען, אידעען, גלויבען א. אז. וו.) זאָל אונז בעשטימען — ד. ה., אפשר וואָלטען מיר געקאָנט פער־לאַנגען, אַז אויך דער גייסט אָדער די פאָרשטעלונג, די אידעע, זאָל אונז ניט בעשטימען, זאָל ניט מוזען ווערען פאַר אונז פיקס, ניט־אָנגרייפבאַר אָדער „הייליג"? דאָס וואָלט דאַן געפיהרט צו דער אויפלייזונג פון גייסט, צו דער אויפלייזונג פון אַלע געדאַנקען, פון אַלע פאָרשטעלונגען. אַזוי ווי עס האָט דאָרטען געהייסען: מיר מעגען טאַקע האָבען בעגעהרען, אָבער די בעגעהרען זאָלען אונז ניט האָבען, אַזוי וואָלט עס האָ

נעהייסען: מיר זאָלען טאקע האָבען גייסט, אָבער דער גייסט זאָל אונז ניט האָבען. אויב עס שיינט, אז אָט דער לעצטער אויסדרוק האָט ניט קיין רעכטען זין, דאַרף מען נאָר גערענקען צ. ב. ש. אז גאָר ביי פיעלע מענשען ווערט פון א געדאנק א גרונדזאַץ, צו וועלכען דער מענש פאַלט אריין אין געפאַנגענשאַפט, אזוי אז ניט ער האָט דעם גרונדזאַץ, נאָר דער גרונדזאַץ האָט ניכער איהם. און מיט דעם גרונדזאַץ האָט ער ווידער א „פעסטען שטאַנדפּונקט". די לעהרען פון דעם קאַטעכיזם ווערן אונזערע גרונדזאַצען איידער מיר זעהען זיך אַרום, און זיי לאָזען זיך שוין ניט מעהר פערוואַרפען. זייער געדאַנק, אָדער דער גייסט, קריגט א זעלבסטהערשענדע מאַכט, און מען הערט זיך מעהר ניט צו צו קיין פּראָטעסט פון דעם „פליש". פונדעסטוועגען אָבער קאָן איך נאָר דורך דאָס „פליש" צוברעכען די טיראַניי פון גייסט; דען נאָר ווען א מענש הערט זיך צו אינגאַנצען, און נאָר ווען ער הערט אָדער פערנעהמט זיך אינגאַנצען, איז ער א פערנעהמענדער אָדער פערנינפטיגער מענש. דער קריסט פערנעהמט ניט דאָס יאָמער פון זיין געקנעכטעטער נאַטור, נאָר ער לעבט אין „אונטערטעניגקייט"; דעריבער איז ער ניט מתרעם נעגען דעם אונרעכט וואָס פּאַסירט צו זיין פּערזאָן: ער האַלט זיך בעפריעדיגט מיט דער פּרייהייט פון גייסט". פיהרט אָבער דער חומר, דאָס פליש, אמאָל דאָס וואָרט, און אויב דער טאָן איז „ליידענשאַפטליך", „אונאַנשטענדיג", „ניט־גוטמיינענד", „בייזוויליג" א. אז. וו. (ווי ער קאָן אייגענטליך אַנדערש ניט זיין), דאַן מיינט ער, אז ער הערט דעם טייוועל'ס שטימען, שטימען אַנטקעגען דעם גייסט (וואָרים אַנשטענדיגקייט, ליידענשאַפטלאָזיגקייט, גוטהאַרציגקייט א. ד. ג. איז — גייסט), און זיין צאָרן ברענט אויף זיי מיט רעכט: ער וואָלט ניט קאָנען זיין קיין קריסט, ווען ער זאָל זיי ווילען דולדען. ער געהאָרכט נאָר די מאָראַל און פּאַטשט דער אונמאָראַליטעט אין פּנים, ער געהאָרכט נאָר די געזעצליכקייט און פערשטיקט דאָס געזעצלאָזע וואָרט. דער גייסט פון מאָראַליטעט און געזעצליכקייט האָט איהם געפאַנגען — א שטרענגער, האַרטער בעל־הבית. זיי רופען דאָס די „הערשאַפט פון גייסט" — דאָס איז אויך דער שטאַנדפּונקט פון דעם גייסט.

און ווענען אייגענטליך ווילען די געוועהנליכע ליבעראַלע

הערדען פריי מאכען? נאך וועמעס פרייהייט שרייען און לעכצען זיי? נאך דער פרייהייט פון ג ײ י ס ט! פון גייסט, פון דער מאראל, געזעצליכקייט, פרומקייט, גאָטספאָרכטיגקייט א. אז. וו. דאָס ווילען אויך די אנטי־ליבעראַלע הערדען, און דער גאַנצער שטרייט צווישעןביידען דרעהט זיך ארום א פראגע פון נוצען — צי די לעצטע זאָלען אליין האָבען דאָס וואָרט, אָדער די ערשטע זאָלען אויך בעקומען א „נענוס פון דיזעלבינע נוצען". דער ג ײ י ס ט בלייבט פאר זיי ביידען דער אבסאָלוטער בעל־הבית, און זיי רייסען זיך ארום נאָר וועגען דעם פונקט, ווער עס זאָל איינ־נעהמען דעם היעראַרכישען טראָן, וואָס פאַסט פאר דעם „שטאַט־האַלטער פון רבש"ע". דער בעסטער טייל פון דער געשיכטע איז, וואָס מען קאָן רוהיג צוקוקען זייערע מעשים און זיין זיכער, אז אָט די ווילדע חיות פון דער געשיכטע וועלען זיך איינע די אנדערע צעררייסען אויף שטיקער, ווי די חיות פון דער נאַטור; זייערע פערפוילטע נבילות וועלען בעמיסטיגען דעם באָדען פאר — אונזערע פרוכטען.

מכח נאָך איינינע אנדערע „רעדער אין קאָפּ", ווי צ. ב. ש. פון בערוף, פון ווארהאפטיגקייט, פון ליעבע א. אז. וו. וועלען מיר שפּעטער נאָך וויעדער האָבען וואָס צו זאָגען.

---

ווען מיר רעדען וועגען אייגענעס אין גענענזאַץ צו דאָס, וואָס ווערט אונז אריינגעגעבען, האָט קיין האַפּט ניט דער ארגומענט אנטקעגען דעם, אז מיר קאָנען איבערהויפּט ניט האָבען קיין פער־איינצעלטע זאַכען, אז אלץ קומט צו אונז אין דעם צוזאַמענהאַנג פון דער וועלט, ד. ה. דורך דעם איינדרוק פון דאָס, וואָס איז ארום אונז, און בכן, ווי עפּעס וואָס ווערט אונז א ר י י נ ג ע ג ע ב ע ן; ווארים עס איז דאָך געווים א גרויסער חילוק צווישען די געפיהלען און געדאַנקען, וועלכע ווערן אין מיר א נ ג ע ר ע ג ט דורך אנדערע זאַכען, און די וואָס ווערן מיר דירעקט ג ע ג ע ב ע ן. גאָט, אונשטערבליכקייט, פרייהייט, מענשליכקייט א. אז. וו. ווערן אונז פון קינדהייט אָן אריינגעפּרעגט אלס געדאַנקען און געפיהלען, וועלכע בעוועגען שטאַרקער אָדער שוואַכער אונזער אינערן וועזען, און אָדער זיי בעהערשען אונז אונבעוואוסטזיניג, אָדער זיי קאָנען זיך ביי רייכערע נאַטורען ענטוויקלען אין סיסטעמען און קונסט־

ווערק; זיי זיינען אָבער קיינמאָל ניט קיין אָנגערעגטע, זאָנדערן א ר י י נ ג ע ג ע ב ע נ ע געפיהלען, ווייל מיר גלויבען אין זיי און מוזען זיך אָן זיי האלטען. „אז עס איז דאָ אן אבסאָלוט און מיר מוזען דעם דאָזיגען אבסאָלוט אויפנעהמען, פיהלען און דענקען, איז געשטאנען פעסט ווי א גלויבען ביי אלע די, וועלכע האָבען פערוועגדט די גאנצע קראַפט פון זייער גייסט דאָס צו דערקענען און קלאָרצושטעלען. דאָס ג ע פ י ה ל פאַר דעם אבסאָלוט בעווייזט זיך דאָ ווי אן אריינגעגעבען געפיהל, און אלע ענטוויק־לונגען, וועלכע ער קאָן שפּעטער דערגרייכען, זיינען נאָר ענטפלע־קונגען פון איהם אליין. אַזוי איז ביי קלאָפּשטאָק צ. ב. ש. דאָס רעליגיעזע געפיהל געווען אן אריינגעגעבענעס, וואָס האָט אין דער „מעססיאדע" נאָר געפונען א קינסטלערישען אויסדרוק. וואָלט פערקעהרט די רעליגיאָן, וואָס ער האָט געפונען א פאַרטיגע, געווען פאַר איהם נאָר אן אָנרעגונג צו געפיהלען און געדאנקען, און וואָלט ער געוואוסט ווי צו נעהמען איינגאנצען אן א י י ג ע נ ע שטעלונג צו דעם, דאן וואָלט זיך בעקומען אנשטאָט א רעליגיעזער בעגייס־טערונג, אן אויפלייזונג און א פערצעהרונג פון דער רעליגיאָן. דעריבער האָט ער אויף דער עלטער נאָר פאָרטגעזעצט זיינע קינ־דישע געפיהלען, וואָס ער האָט אריינגענומען אין די קינדער־יאָהרען, און האָט פערשווענדעט די קרעפטען פון זיין מאנהייט אין אויסצאצקען זיינע קינדערייען.

דער אונטערשייד איז אלזאָ, צי די געפיהלען ווערען מיר אריינגעגעבען, צי זיי זיינען נאָר אָנגערעגט. די לעצטע, ד. ה. די אָנגערעגטע, זיינען אייגענע, עגאָיסטישע, ווייל זיי זיינען מיר ניט אריינגעפּרעגט געוואָרן, ניט פאָרגעזאָגט געוואָרן און ניט ארויפ־געדרונגען געוואָרן אלס ג ע פ י ה ל ע ן; צו די ערשטע אָבער, די אריינגעגעבענע, זאָטעל איך מיך אָן, איך ערציה זיי אין מיר ווי א ירושה, קולטיוויר זיי און בין פון זיי ב ע ז ע ס ע ן. ווער האָט ניט מעהר אָדער ווייניגער בעוואוסטזיניג געמערקט, אז אונזער גאנצע ערציהונג איז נאָר בערעכענט צו שאַפען אין אונז געפיהלען, ד. ה. א ר י י נ ג ע ב ע ן זיי אין אונז, אנשטאָט איבערצולאָזען די שאַפונג פון געפיהלען צו אונז אליין, וואָס עס זאָל פון זיי דערנאָך ניט ווערן? הערען מיר גאָט'ס נאָמען, מוזען מיר פיהלען גאָטספאָרכטיגקייט; הערען מיר דעם נאָמען פון דער

פירסטליכער מאַיעסטעט, מוזען מיר עס אויפנעהמען מיט יראת הכבוד, אַבשיי און אונטערטעניגקייט; הערען מיר דעם נאָמען פון דער מאָראל, מוזען מיר מיינען, אז מיר הערען עפּעס אזוינס, וואָס טאָר ניט אָנגעריהרט ווערן; הערען מיר וועגען דעם „ניט גוטען" אָדער די „ניט גוטע", מוזען מיר שוידערן א. אז. וו. די הויפּט־געוויכט ווערט געלעגט אויף אָט די געפיהלען, און ווער עס וואָלט פערנעהמען צ. ב. ש. די מעשים פון די שלעכטע מיט צופריעדענקייט, דער וואָלט געמוזט „בעשטראָפט און ערצויגען" ווערן מיט ריטער. אָט אזוי פול אָנגעשטאָפּט מיט אריינגע־געבענע געפיהלען, קומען מיר אָן צום גרעניץ פון פער־אנטוואָרטליכען עלטער און מיר ווערן „ערקלערט מינדיג". אונזער אויסשטאַטונג בעשטעהט פון „ערהויבענדע געפיהלען, ערהאבענע געדאַנקען, בעגייסטערענדע גרונדזאַצען, אייביגע פּרינציפּען" און אז. וו. די יונגע זיינען דאַן מינדיג, ווען זיי פּלאַפּלען ווי די אַלטע; מען טרייבט זיי דורכצוגעהן די שוהל, כדי זיי זאָלען זיך אויס־לערנען די אַלטע נגונים, און ווען זיי קענען זיי אויף אויסוועניג, דערקלערט מען זיי פאַר מינדיג.

מיר טאָרען ניט פיהלען ביי יעדער זאַך און יעדען נאָמען, וואָס קומט אונז פאָר, דאָס וואָס מיר וואָלטען געוואָלט און געקאָנט פיהלען. מיר טאָרען צ. ב. ש. ביי דעם נאָמען גאָט ניט דענקען עפּעס לעכערליכעס, ניט פיהלען עפּעס וואָס איז ניט אכטונגספול, נאָר עס ווערט אונז פאָרגעשריבען און אריינגעגעבען וואָס און ווי מיר זאָלען דערביי פיהלען און דענקען.

דאָס איז דער זין פון פערזאָרגען נשמות: מיין נשמה אָדער מיין גייסט זאָל זיין געשטימט ווי אנדערע געפינען עס פאַר רעכט, ניט ווי איך אליין וואָלט עס געוואָלט. וויפיעל מיה דאָס קאָסט אמאָל, לכל הפחות ווען מען הערט דערמאָנענדיג א געוויסען נאָמען, צו זיכערן זיך ענדליך אָן אייגען געפיהל, און לאַכען אייגעם אין געזיכט, בעת ער דערוואַרט מיר זאָלען ביי זיינע רעד מאַכען א פרום פנים און אָן ערנסטע מינע! דאָס אריינגעגעבענע איז אונז פרעמד, איז אונז ניט אייגען און דארום איז עס „הייליג", און עס איז א שווערע ארבייט אראָבצו־ווארפען פון זיך די „הייליגע מורא פאַר דעם".

היינטיגען טאָג הערט מען אויך ווידער לויבענדיג די „ערנסט־

קייט" — די „ערנסטקייט ביי הויכוויכטיגע ענינים און פערהאנד־לונגען", די „דייטשע ערנסטקייט" א. אז. וו. אט דער סארט ערנסטקייט צייגט דייטליך אן ווי אלט און מיושב'דיג די משוגעת און בעזעסענהייט איז געווארן. ווארים עס גיט ניט קיין ערנס־טערע זאך, ווי א משוגע'נער בעת ער קומט צום צענטראלען פונקט פון זיין משוגעת: פון צו־גרויסען אייפער פערשטעהט ער דאן מעהר קיין שפאס ניט (זעה משוגעים־הייזער).

## § 3. די היערארכיע.

די היסטארישע בעטראכטונג וועגען אונזער מאנגאלענטום, וועלכע איך וויל עפיזאריש דא אריינברענגען, גיב איך ניט מיט קיין אנשפרוך אויף גרינדליכקייט, אדער אפילו נאר אויף אנגענוי־מענער ריכטיגקייט, נאר פשוט דערפאר ווייל מיר דוכט זיך, אז עס וועט דייטליכער מאכען דאס ווייטערדיגע.

די וועלטגעשיכטע, וואס איהר געשטאלטונג געהערט אייגענט־ליך איינגאנצען צו דער קאווקאזישער ראסע, האט ווי עס שיינט דורכגעמאכט ביז איצט צוויי קאווקאזישע צייט־אלטערס. אין דעם ערשטען פון זיי האבען מיר געדארפט ארויסארבייטען און אראב־ארבייטען פון זיך אונזער איינגעבוירענע נ ע ג ע ר ה א פ ט י ג־ ק י י ט; אין דעם צווייטען צייטאלטער איז געקומען די מ א נ־ ג א ל ע נ ה א פ ט י ג ק י י ט (דאס כינעזענטום), פון וועלכער עס מוז אויך מיט שרעקען געמאכט ווערן א סוף. די נעגערהאפטיג־קייט שטעלט פאר דאס א ל ט ע ר ט ו ם, די צייט פון אבהענ־גיגקייט פון ז א כ ע ן (פון געוויסע צייכענס, ווי האס פליהען פון פויגעל, פון א נים טהאן, פון דונער און בליץ, פון דעם רוישען פון הייליגע בוימער א. אז. וו.); די מאנגאלענהאפטיגקייט שטעלט פאר די צייט פון אבהענגיגקייט פון געדאנקען, די ק ר י ס ט ל י כ ע צייט. פאר דער צוקונפט ווערן געהאלטען די ווערטער: „איך בין דער איינענטימער פון דער וועלט פון זאכען, און איך בין דער אייגענטימער פון דער וועלט פון גייסט".

אין דעם נעגערהאפטען צייטאלטער קומען פאר די מלחמה־צוגען פון זעסאסטרים און די וויכטיגקייט פון עגיפטען און צפון־אפריקא בכלל. דעם מאנגאלענהאפטען צייטאלטער געהערן די

מלחמה־צוגען פון די הונען און מאָנגאָלען, ביז ארויף צו די רוסען.

דער ווערטה פון מיין איך קאָן בשום אופן ניט שטעהן הויך, אזוי לאנג ווי דער הארטער דימענט פון דעם ניט־איך („גאָט", „די וועלט") שטעהט אזוי געוואלטיג הויך אין פרייז. דער ניט־איך איז נאָך צו־הארט און ניט־בעצווינגליך, איך זאָל איהם קאָנען פערצעהרען און אריינציהען אין זיך; די מענשען קאָנען בלויז ארומקריכען מיט אויסערגעוועהנליכער בעשעפטיגקייט אויף אָט דער אונבעווענליכער מאסע, ד. ה. אויף אָט דער סובסטאנץ, ווי פאראזיטישע חיה'לעך אויף א קערפער, פון וועמעס זאפטען זיי ציהען נאהרונג, אָבער זיי קאָנען איהם דורכ־דעם ניט פערצעהרען. עס איז די בעשעפטיגקייט פון אומגעציפער, די פלייסיגקייט פון מאָנגאָלען. ביי די כינעזער צ. ב. ש. בלייבט אלץ ביים אלטען, קיין „וועזענטליכע" אָדער „סובסטאנציעלע" זאך ליעגט ניט אונטער דער מעגליכקייט פון א פערענדערונג; דערפאר ארבייטען זיי אלץ ריהרעווידיגער אויף דאָס בעשטענדיגע, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דאָס „אלטע", פון די „אורעלטערן" א. אז. וו.

דעריבער איז יעדע פערענדערונג אין אונזער מאָנגאָלישען צייטאלטער בלויז געווען א רעפאָרמאטאָרישע אָדער אויסבעסער־רענדע, ניט קיין דעסטרוקטיווע אָדער פערצעהרענדע און פערניכ־טענדע. די סובסטאנץ, דער אָביעקט בלייבט. אַלע אונזערע בעמיהונגען זיינען נאָר געווען די טהעטיגקייט פון מילבען און דאָס שפרינגען פון פלייה, זשאָנגלער־קונצען אויף דער אונבעווענליכער שטריק פון דעם אָביעקטיוו, שקלאפען־ארבייט אונטער דער הערר־שאפט פון דאָס אונפערענדערליכע אָדער „אייביגע". די כינעזער זיינען געוויס דאָס פאָזיטיווסטע פאָלק, וויל זיי זיינען איינגאנצען פערגראָבען אין פאָרשריפטען און רעגעלען; אָבער דאָס קריסטליכע צייטאלטער איז אויך ניט ארויסגעקראָכען פון דאָס פאָזיטיווע, ד. ה. פון דער „בעגרעניצטער פרייהייט", פון דער פרייהייט „אינערהאלב געוויסע גרעניצען". אויף דער פאָרנע־שריטענסטער שטופע פון בילדונג פערדיענט די דאָזיגע טהעטיגקייט דעם נאָמען „וויסענשאפטליכע", ד. ה. דאָס ארבייטען אויף השערות, וועלכע מען קאָן פון אָרט ניט ריהרען, אויף היפאָ־טעזען, וואָס קאָנען ניט אומגעוואָרפען ווערן.

אין איהר ערשטער און אונפערשטענדליכסטער פאָרם בעווייזט

זיך די מאָראַל אַלס געוועגהייט. פיהרען זיך לויט די זיטען און מנהגים פון דעם אייגענעם לאַנד, הייסט דאַן זיין מאָראַליש. אַ ריינע מאָראַלישע אויפפיהרונג, אַ לויטערע, ניט־געפעלשטע מאָראַל ווערט דעריבער פּראַקטיצירט אויפ'ן פשוט'־סטען אופן אין כינאַ: מען בלייבט ביי די אַלטע מנהגים און זיטען, און מען האַסט ווי אַ פערברעכען וואָס איז חייב מיתה יעטוועדען נייעם איינפיהר. דען דער נייער איינפיהר איז דער טויט־פיינד פון דער געוועגהייט, פון דאָס אַלטע, פון דאָס פּערמאַנענטע. עס איז אין דער אמת'ן גאָר קיין ספק ניט, אַז דורך געוועגהייט פערזיכערט זיך דער מענש אַנטקעגען דער צודרינגליכקייט פון די זאַכען, פון דער וועלט, און בויט זיך אויף אַן אייגענע וועלט, וואָס אין איהר אַליין איז ער צו־הויז און פיהלט זיך היימיש, ד. ה. ער בויט זיך אויף אַ הימעל. דער הימעל האָט דאָך באמת קיין אַנדער זין ניט אחוץ דעם, וואָס ער איז דעם מענשענ'ס אייגענטליכע היים, וואו קיין פרעמדע זאַך בעשטימט איהם ניט און בעהערשט איהם ניט, וואו קיין איינפלוס פון דער ערד פערפרעמדעט איהם אַליין ניט; קורץ, וואו די פּסולת פון דער ערד איז אַראָבגעוואָרפען, און עס איז אַ סוף צו דעם קאַמף אַנטקעגען דער וועלט, וואו קיין זאַך, הייסט עס, ווערט איהם ניט ענטזאַגט. דער הימעל איז דער סוף פון אַלע ענטזאַגונ־גען, ער איז דער פרייער גענוס. דאָרטען זאָגט זיך מעהר דער מענש אין קיין זאַך ניט אָב, ווייל קיין זאַך איז איהם שוין ניט מעהר פרעמד און פיינדליך. די געוועגהייט איז אָבער אַ „צווייטע נאַטור", וועלכע מאַכט דעם מענשען לויז און בעפרייט איהם פון זיין ערשטער און אורשפּרינגליכער נאַטירליכקייט, דורכ־דעם וואָס זי זיכערט איהם אַנטקעגען איהר יעדע צופעליגקייט. די אויסגעבילדעטע געוועגהייט פון די כינעזער האָט געזאָרגט פאַר אַלע פאָרפאַלען און האָט פאַר אַלץ „פאָראויסגעזעהן"; וואָס עס זאָל ניט פאָרקומען, דער כינעזער ווייס אַלעמאָל ווי ער דאַרף זיך פערהאַלטען, און האָט ניט נויטיג צו בעשטימען זיין אויפפיהר דאַמאָלסט ווען די אומשטענדען פאָדערן עס: קיין ניט־פאָראויס־געזעהענער פאַל וואַרפט איהם ניט אַראָב פון דעם הימעל פון זיין רוה. דער מאָראַליש־איינגעוועהנטער און איינגעלעבטער כינעזער

ווערט ניט איבערראשט און צורודערט: ער פערהאַלט זיך אַנט־קעגען אַלץ גלייכגילטיג, ד. ה. מיט אַ גלייכען מוטה אָדער געמיטה, ווייל זיין געמיטה, וואָס איז געשיצט דורך דער פּאַרזיכט פון זיינע טראַדיציאָנעלע מנהגים, פערלירט ניט די גלייכגעוויכט. די מענש־הייט דעריבער שטייגט אַרויף אויפ'ן ערשטען טרעפּ פון דער לייטער פון ציוויליזאַציע און קולטור דורך געוועגהייט, און וויבאַלד זי בעגרייפט, אַז אַרויפקלעטערנדיג צו דער קולטור, דערקלעטערט זי צוגלייך צום הימעל, דעם רייך פון קולטור אָדער פון דער צווייטער נאַטור, דאַן שטייגט זי ווירקליך אַרויף אויף דעם ערשטען טרעפּ פון דעם — הימעל־לייטער.

אויב דאָס מאָנגאָלענטום האָט פעסטגעשטעלט די עקזיסטענץ פון גייסטיגע וועזענס, האָט געשאַפען אַ וועלט פון גייסטער, אַ הימעל, האָבען די קאַווקאַזער טויזענדער יאָהרען זיך געראַנגעלט מיט די דאָזיגע גייסטיגע וועזענס, כדי צו דערגעהן זייער גרונד. וואָס דען האָבען זיי געטאָן, אחוץ געבויט אויף דעם מאָנגאָלישען גרונד? זיי האָבען ניט געבויט אויף זאמד, נאָר אין דער לופט; זיי האָבען זיך געראַנגעלט מיט דעם מאָנגאָליזם, געשטורעמט דעם מאָנגאָלישען הימעל, דעם „טהיאַן". ווען וועלען זיי ענדליך פער־ניכטען דעם דאָזיגען הימעל? ווען וועלען זיי ענדליך ווערן ווירקליכע קאַווקאַזער און זיך אַליין געפינען? ווען וועט די „אונשטערבליכקייט דער זעעלע", וועלכע מיינט אין דער לעצטער צייט, אַז זי בעפעסטיגט זיך אַלץ מעהר, דערמיט וואָס זי שטעלט זיך פאַר אַלס „אונשטערבליכקייט פון גייסט", — ווען וועט זי ענדליך זיך אומבייטען אויף די שטערבליכקייט פון גייסט?

די מענשען האָבען דורך דעם פלייסיגען קאַמף פון דער מאָנ־גאָלישער ראַסע אויפגעבויט אַ הימעל, בעת די אָבשטאַמענדע פון דער קאַווקאַזישער ראַסע — כל זמן זיי האָבען אין זייער מאָנגאָ־לישען כאַראַקטער נאָך צו טהאָן מיט'ן הימעל — האָבען זיך גענו־מען פאַר דער נעגענגעזעצטער אויפגאַבע, די אויפגאַבע צו שטורעמען יענעם הימעל פון מנהגים: זיי האָבען אָנגענומען די הימעל־שטורמענדע טהעטיגקייט. אונטערצוגראָבען אַלע מענש־ליכע תקנות, כדי אויף דעם אָבגערוימטען פּלאַץ צו שאַפען נייע און בעסערע; חרוב צו מאַכען אַלע מנהגים, כדי איינצופיהרען אויף

זייער אָרט אַלץ נייע און בעסערע מנהגים, א. אז. וו. — אויף דעם האָט זיך בעשרענקט זייער ארבייט. איז זי אָבער שוין קלאָר און ווירקליך דאָס, וואָס זי טראַכט צו זיין, און דערגרייכט זי איהר לעצטען ציעל? ניין, אין אָט דעם שאַפען „בעסערעס“, איז זי אַנגעשטעקט מיט דעם מאָנגאָלענטום. זי שטורעמט דעם הימעל, נאָר כדי ווידער צו מאַכען אַ הימעל, זי וואַרפט אַנידער אַן אַלטע מאַכט, נאָר כדי צו לעגיטימירען אַ נייע מאַכט, זי — פערבעסערט נאָר. פונדעסטוועגען איז דער ציעלפּונקט, ווי אָפט ער זאָל ניט פערשווינדען אויס'ן אויג ביי יעדען נייען פּרוב, די ווירקליכע און פאַלשטענדיגע צערשטערונג פון דעם הימעל, די מנהגים א. אז. וו. — קורץ, די צערשטערונג פון דעם מענשען, וואָס קאָן זיך נאָר בעשיצען אַנטקעגען דער וועלט, די צערשטערונג פון דער איזאָלירונג אָדער איינערליכקייט פון דעם מענשען. דורך דעם הימעל פון דער קולטור זוכט זיך דער מענש צו איזאָלירען פון דער וועלט, צו ברעכען איהר פיינדליכע מאַכט. אָבער אָט די איזאָלירונג פון הימעל מוז אויך געבראָכען ווערן, און דער אמת'ר סוף פון דעם הימעל־שטורמען איז דער — הימעל־חורבן, די פערניכטונג פון הימעל. דאָס פערבעסערען און רעפאָרמירען איז דער מאָנגאָליזם פון דעם קאַוקאַזיער, ווייל דורכ־דעם שטעלט ער ווידער אויף, וואָס עס איז שוין פריהער געוועזן, נעמליך: אַ פאָרשריפט, אַן אַלגעמיינהייט, אַ הימעל. ער טראָגט אין הארצען אַן אייביגע שנאה צום הימעל, און דאָך בויט ער טעגליך נייע הימלען. אָנטורעמענדיג אַ הימעל אויף אַ הימעל, צודריקט ער נאָר איינעם דורך דעם אַנדערן: דער הימעל פון די אידען צערשטערט דעם הימעל פון די גריכען, דער קריסטליכער הימעל צערשטערט דעם אידישען, דער פּראָטעסטאַנטישער דעם קאַטאָלישען, א. אז. וו. — ווען די הימעל־שטורמענדע מענשען פון קאַוקאַזישען בלוט וואַרפען אַרונטער זייער מאָנגאָלען־הויט, דאַן וועלען זיי דעם געמיטה־מענשען בעגראָבען אונטער די חורבות פון דער שרעקליכער געמיטה־וועלט, דעם איזאָלירטען מענשען אונטער זיין איזאָלירטער וועלט, דעם פערהימעלטען מענשען אונטער זיין הימעל. און דער הימעל איז דאָס רייך פון גייסטער, דאָס רייך פון דער פרייהייט פון גייסט.

דאָס הימעל־רייך, דאָס רייך פון גייסטער און געשפּענסטער,

האָט געפונען זיין ריכטיגען אָרט אין דער ספּעקולאַטיווער פילאָ־סאָפיע. דאָ האָט עס געהייסען דאָס רייך פון געדאַנקען, בעגריפען און אידעען: דער הימעל איז בעזעצט פון געדאַנקען און אידעען, און דאָס דאָזיגע „רייך פון גייסטער“ איז דאַן די אמת'ע ווירק־ליכקייט.

צו וועלען ערווערבען פרייהייט פאַר'ן גייסט איז מאָנ־גאָליזם; גייסט־פרייהייט איז מאָנגאָלישע פרייהייט, געמיטה־פרייהייט, מאָראַלישע, זיטליכע פרייהייט, א. אז. וו.

מען נעהמט געוועהנליך דאָס וואָרט זיטליכקייט אין דעם זין, ווי עס וואָלט געהאַט דיזעלביגע בעדייטונג וואָס זעלבסטשטענדיג־קייט און זעלבסטבעשטימונג. אָט דער זין ליעגט אָבער ניט אין דעם וואָרט, און דער קאַווקאַזער האָט זיך זיכער ארויסגעוויזען פאַר זעלבסטשטענדיג טראָץ זיין מאָנגאָלישער זיטליכקייט. דער מאָנגאָלישער הימעל אָדער די מאָראַל איז געבליבען די שטאַרקע פעסטונג, און נאָר דורכדעם, וואָס ער האָט די דאָזיגע פעסטונג אָהן אַן אויפהער געשטורעמט, האָט זיך דער קאַווקאַזער ארויסגע־וויזען מאָראַליש. ווען ער וואָלט מיט דער מאָראַל גאָר ניט געהאַט וואָס צו טהאָן, ווען ער וואָלט אין איהר ניט געפונען זיין אונבע־צווינגליכען שטענדיגען שונא, וואָלט די שייכות צו מאָראַל אויפ־געהערט צו עקזיסטירען, און בכן וואָלט די מאָראַל אויפגעהערט. דאָס, אלזאָ, וואָס זיין זעלבסטשטענדיגקייט איז אַ מאָראַלישע, איז אקוראַט טאַקע דאָס מאָנגאָלישע אין איהר, איז אַ צייכען, אַז אין דער האָזיגער זעלבסטשטענדיגקייט איז ער ניט געקומען צו זיך אליין. די „מאָראַלע זעלבסטטהעטיגקייט“ שטימט איינגאַנצען מיט דער „רעליגיעזער און אָרטאָדאָקסישער פילאָסאָפיע“, מיט דער „קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנארכיע“ מיט דעם „קריסטליכען שטאַאַט“, מיט דער „פרייהייט אין געוויסע גרעניצען“, מיט דער „בעשרענק־טער פּרעסע־פרייהייט“, אָדער כדי דאָס אויסצודריקען אין איין בילד — עס איז געגליכען צו אַ העלד, וואָס איז צוגעבונדען צו אַ קראַנקען־בעט.

ערשט דאַמאָלסט האָט דער מענש ווירקליך גובר געווען דעם שאַמאַניזם און זיינע רוחות, ווען ער בעזיצט די קראַפט צו פער־וואַרפען ניט נאָר דעם גלויבען אין רוחות, נאָר אויך דעם גלויבען

אין גייסט, ניט נאָר דעם גייסטער־גלויבען, נאָר אויך דעם גייסט־גלויבען.

דער וואָס גלויבט אין אַ רוח איז ניט מעהר משער דאָס „אריינדרינגען פון אַ העכערער וועלט“, איידער דער וואָס גלויבט אין דעם גייסט, און ביידע זוכען הינטער דער זינליכער וועלט אַן איבערזינליכע; קורץ, זיי שאַפען אַ נ אַ נ ד ע ר וועלט און גלויבען אין איהר. די דאָזיגע אַנדערע וועלט, דער פּראָדוקט פון זייער גייסט, איז אַ גייסטיגע וועלט: דען זייערע חושים פאַסען ניט אום און ווייסען ניט פון אַנאַנדערער, אונזינליכער וועלט, נאָר זייער גייסט לעבט דעריין. פון אָט דעם מאָנגאָלישען גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון גייסטיגע וועזענס איז ניט שווער צו דערגעהן צו דעם פונקט, אַז דעם מענשענ׳ס גייסט איז אויך זיין א י י ג ע נ־ ט ל י כ ע ס ו ו ע ז ע ן, און אַז נאָר אויף דאָס אַליין, אויף דעם „וואוילזיין פון זיין נשמה“ דאַרף אַוועקגעלעגט ווערן די גאַנצע זאָרג. דערמיט ווערט געזיכערט די ווירקונג אויפ׳ן גייסט, דער אַזויגערופענער „מאָראַלישער איינפלוס“.

עס איז קלאָר דערפון, אַז דער מאָנגאָליזם איז די פאָלקאָמענע רעכטלאָזיגקייט פון דער זינליכקייט, אַז ער שטעלט פאַר אונזינ־ליכקייט און אונ־נאַטור, און אַז די זינד און דאָס בעוואוסטזיין פון זינד זיינען געווען אונזער מאָנגאָלישע פּלאָג פאַר טויזענדער יאָהרען לאַנג.

ווער וועט אָבער אויך דעם גייסט אויפלייזען און מאַכען צו נ י ש ט ? דערזעלביגער וואָס וועט בעווייזען דורך דעם גייסט, אַז די נאַטור איז נ י ש ט י ג, ענדליך און פערגענגליך, דער אַליין קאָן אויך דעם גייסט אַרונטערזעצען צו דערזעלביגער נישטיגקייט. איך קאָן דאָס; יעדערער פון אייך, וואָס געוועלטיגט און שאַפט ווי אַ ניט־בעגרעניצטער „איך“ קאָן דאָס; דאָס קאָן, מיט איין וואָרט, דער — ע ג אָ י ס ט.

---

אין אָנגעזיכט פון דאָס הייליגע פערלירט מען יעדען מאַכט־געפיהל און דעם גאַנצען מוטה; מען פערהאַלט זיך אַנטקעגען דעם אַ ה נ מ ע כ ט י ג און ד ע מ ו ט י ג (עניוות׳דיג). און דאָך איז קיין זאַך ניט הייליג דורך זיך, נאָר דורכדעם וואָס איך רוף עס

הייליג, דורך מיין שפרוך, מיין אורטייל, מיין בוינגען די קניע, קורץ, דורך מיין — געוויסען.

הייליג איז אלץ, צו וואס דער עגאיסט טאר ניט נאהענט צוקומען, וואס ער טאר ניט אנריהרען, וואס איז אויסערהאלב זיין מאכט, ד. ה. וואס איז איבער איהם. הייליג, מיט איין ווארט, איז יעדע געוויסען־זאך, דען די ווערטער: „דאס איז פאר מיר א זאך פון געוויסען", מיינט אקוראט: „דאס האלט איך הייליג".

פאר קליינע קינדער, ווי פאר חיות, עקזיסטירט ניט קיין הייליגעס, ווייל כדי צו מאכען פלאץ פאר אזא פארשטעלונג, מוז מען שוין אזוי ווייט האבען געקומען צו פערשטאנד, אז מען זאל שוין קאנען מאכען חילוקים צווישען „גוט און שלעכט, בערעכטיגט און ניט־בערעכטיגט" א. אז. וו.; נאר ביי אזא גראד פון דענקען אדער פון פערשטענדיגקייט — דער איינענטליכער שטאנדפונקט פון רעליגיאן — קאן אנשטאט די נאטירליכע פארכט ארויפ־קומען די אוננאטירליכע (ד. ה. די, וואס ווערט ארויסגעבראכט ערשט דורכ'ן דענקען) עהרפארכט, די „הייליגע שרעק". דערפון נעהמט זיך, וואס מען האלט עפעס, וואס איז דרויסען פון זיך, פאר מעכטיגער, גרעסער, בערעכטיגטער, בעסער א. אז. וו., ד. ה. וואס מען אנדערקענט די מאכט פון א פרעמדען, ניט וואס מען פיהלט עס בלויז, נאר אויסדריקליך וואס מען אנדערקענט עס, ד. ה. מען לאזט עס צו, מען גיט נאך, מען גיט זיך איבער, מען לאזט זיך בינדען (איבערגעבענקייט, עניוות, אונטערווארפענקייט, אונ־טערטעניגקייט א. אז. וו.). דא רוח'ט די גאנצע געשפענסטער־מחנה פון די „קריסטליכע טוגענדען".

אלץ, פאר וואס איהר האט רעספעקט און פיהלט א יראת הכבוד, פערדיענט דעם נאמען פון עפעס הייליגעס; איהר זאגט טאקע אליין, איהר וואלט געפיהלט א „הייליגען שרעק" דאס אנצו־ריהרען. און איהר גיט־צו דעמזעלבען קאליר אפילו צו דאס אונ־הייליגע (תליה, פערברעכען א. אז. וו.). עס גרוילט אייך זיך אנצו־ריהרען אן דעם. עס ליעגט אין דעם עפעס אונהיימליכעס, ד. ה. עפעס וואס איז ניט היימיש אדער ניט־איינענעס.

„ווען פאר'ן מענשען וואלט ניט געווען עפעס־וואס הייליג, וואלט דאך טהיר און טויער געווען אפען פאר זיין מוטהווילען און

ניט־איינגעצוימטער פערזענליכקייט !" פארכט מאכט דעם אנפאנג, און מען קאן זיך מאכען שרעקליך פאר דעם ווילדעסטען מענשען: הייסט עס שוין איין באריער אנטקעגען זיין חוצפה. אבער אין דער פארכט בלייבט נאך אימער דער פערזוך זיך צו בעפרייען פון דעם, פאר וועמען מען האט מורא, דורך רמאות, בעטרוג, א שפיצעל א. אז. וו. אין דער עהרפארכט דאגעגען איז עס גאנץ אנדערש. דא איז ניט נאר וואס מען פארכט פאר דעם, נאר מען עהרט עס אויך: די זאך פאר וואס מען האט מורא איז דא געווארן אן אינערליכע מאכט, פון וועלכער איך קאן מיך ניט מעהר צוריק־ציהען; איך עהר עס, איך בין פון דעם געפאנגען, איך בין צוגעטאן צו דעם און געהער צו דעם: דורך דעם כבוד וואס איך גיב עס אב, בין איך פאלשטענדיג אין זיין מאכט און פרוביר אפילו גאר ניט זיך צו בעפרייען. איצט הענג איך אן דעם מיט דער גאנצער קראפט פון גלויבען, איך ג ל ו י ב. איך און די זאך, פאר וואס איך האב מורא, זיינען איינס: „ניט איך לעב, נאר די רעספעק־טירטע זאך לעבט אין מיר!"

ווייל דער גייסט, דאס אונענדליכע, לאזט ניט צו צו קיין ענדע, איז ער דעריבער אונפערענדערליך: ער האט מורא פאר'ן ש ט א ר ב ע ן, ער קאן זיין ליעבען יעזוס'ל ניט אבלאזען, זיין געבלענדעטע אויג קאן מעהר ניט דערקענען די גרויסקייט פון דער ענדליכקייט; דער געגענשטאנד פון מורא, וואס איז געשטיגען ביז צו פערעהרונג, טאר ניט מעהר אנגעריהרט ווערן; די עהר־פארכט ווערט פעראייביגט, דער רעספעקט ווערט פערגעטערט. דער מענש איז איצטער שוין ניט מעהר א שאפענדער, נאר א ל ע ר נ ע ר (בעזיצט וויסען, פארשט א. אז. וו.), ד. ה. ער איז בעשעפטיגט מיט א פעסטען ג ע ג ע נ ש ט א נ ד, זיך פערטיע־פענדיג אין איהם, אהן א צוריקקעהר צו זיך אליין. די שייכות צו דעם דאזיגען געגענשטאנד איז א שייכות פון וויסען, פון דער־גרונטעוועען און בעגרינדען א. אז. וו., ניט פון אן אויפלייזונג (פון אבשאפען א. אז. וו.). „דער מענש מוז זיין רעליגיעז", דאס איז אן אנגענומענע זאך; דעריבער בעשעפטיגט מען זיך נאר מיט דער שאלה, ווי אזוי דאס צו דערגרייכען, וואס איז דער ריכטיגער זין פון דער רעליגיעזיטעט, א. אז. וו. גאנץ אנדערש איז עס, ווען מען שטעלט די אקסיאמע גופא אין פראגע און מען ציהט זי

אריין אין אַ צווייפעל, ווען זי מעג אפילו דורכדעם צו־גרונד געהן.
— די מאָראַל איז אויך אָט אזא הייליגע פאָרשטעלונג: מאָראַליש מוז מען זיין, מען דאַרף נאָר אויסגעפינען ווי דאָס צו זיין, דעם ריכטיגען וועג. מען וואגט ניט די מאָראַל גופא שטעלען אין פראגע, צי זי איז ניט אליין אַן אילוזיע: זי בלייבט ערהאבען איבער אלע צווייפלען, זי איז ניט פערענדערליך. און אזוי געהט עס ווייטער מיט דעם הייליגען, אַ שטופּע נאָך אַ שטופּע, פון דעם „קדש" ביז צו דעם „קדשי קדשים".

די מענשען ווערן אָפּטמאָל איינגעטיילט אין צוויי קלאַסען, אין געבילדעטע און אונגעבילדעטע. די ערשטע, אין דעם ערך וויפיעל זיי זיינען ווערטה געווען צו טראָגען דעם נאָמען געבילדעטע, האָבען זיך בעשעפטיגט מיט געדאַנקען, מיט דעם גייסט, און ווייל זיי זיינען געווען (אין דער נאָך־קריסטליכער צייט, וואָס איהר פּרינציפּ איז אקוראט דער געדאַנק) די הערשער, האָבען זיי געפאָדערט אַן אונטערטעניגען רעספּעקט פאַר די געדאַנ־קען, וואָס זיינען פון זיי אָנדערקענט געוואָרן. שטאַאַט, קייזער, קירך, גאָט, מאָראַל, אָרדנונג א. אז. וו. זיינען אזעלכע געדאַנקען אָדער גייסטער, וועלכע עקזיסטירען נאָר פאַר דעם גייסט. אַ פּשוט'ער בעל חי, אַ טיער, קימערט זיך וועגען אָט די אלע זאכען אזוי וועניג ווי אַ קינד. אָבער די אונגעבילדעטע זיינען ווירקליך נישט מעהר ווי קינדער, און דער וואָס זאָרגט נאָר פאַר זיינע לעבענס־בעדערפענישען, איז גלייכגילטיג צו יענע גייסטער; אזוי ווי אָבער ער איז שוואך אנטקעגען זיי, פאַלט ער אַרונטער אונטער זייער מאַכט און ווערט בעהערשט פון — געדאַנקען. אָט דאָס איז דער זין פון דער היעראַרכיע.

**היעראַרכיע איז געדאַנקען־הערשאַפט, הערשאַפט פון גייסט!**

היעראַרכיש זיינען מיר ביז אויף היינטיגען טאָג, אונטער־דריקט פון די, וועלכע שטיצען זיך אויף געדאַנקען. געדאַנקען זיינען דאָס הייליגע.

שטענדיג אָבער שטויסען זיך אָן ביידע איינע אָן די אַנדערע, דער געבילדעטער אָן דעם אונגעבילדעטען, און פערקעהרט; און דאָס איז ניט בלויז אַ צוזאַמענשטויס פון צווייערליי מענשען, נאָר

אין איין־און־דעמזעלביגען מענשען. ווארים קיין געבילדעטער איז ניט אזוי געבילדעט, אז ער זאל ניט געפינען א גענוס אויך פון זאכען, און אין דעם זין זיין אונגעבילדעט; און קיין אונגעבילדעטער איז ניט אינגאנצען אהן געדאנקען. ביי העגעל'ן זעהט מען עס ענדליך קלאר ארויס, וואס פאר א בענקעניש אפילו דער געבילדעטסטער האט נאך זאכען, און וואס פאר אן עקעל ער פיהלט צו יעדער „פוסטער טעאריע". נאך איהם מוז די ווירקליכקייט, די וועלט פון זאכען, גאר אינגאנצען פאסען צו דעם געדאנק, און קיין בעגריף דארף ניט זיין אהן א רעאליטעט. דאס האט העגעל'ס סיסטעם פערשאפט דעם נאמען דאס העכסט אביעקטיווע, אזוי ווי אין איהם וואלטען „געדאנק" און „זאך" געפייערט זייער פעראייניגונג. אבער דאס איז איינפאך געווען די שטארקסטע געוואלטזאמקייט פון דענקען, זיין העכסטע דעספאטיע און אליינהערשאפט, דער טריאומף פון גייסט און מיט איהם דער טריאומף פון דער פילאסאפיע. עפעס העכערעס ווי דאס, קאן די פילאסאפיע שוין מעהר ניט לייסטען, ווארים איהר העכסטעס איז די אלגעוועלטיגקייט פון גייסט, די אלמעכטיגקייט פון גייסט.*

די גייסטליכע מענשען האבען זיך עפעס אריינגענומען אין קאפ, וואס מוז פערווירקליכט ווערן. זיי האבען בעגריפען פון ליעבע, גוטסקייט און דערגלייכען, וועלכע זיי וואלטען וועלען זעהן פערווירקליכט; דעריבער ווילען זיי אויפבויען אויף דער ערד א קיניגרייך פון ליעבע, וואו קיינער זאל ניט האנדלען מעהר אוים אייגעננוץ, נאר „אוים ליעבע". די ליעבע זאל הערשען. ווי קאן מען אנדערש אנרופען דאס, וואס זיי האבען זיך אריינגענומען אין קאפ, אויב ניט — אידעע פיקס? עס „רוח'ט האך ביי זיי אין קאפ". דער אכזריות'דיגסטער רוח איז „דער מענש". געדענקט דעם שפריכווארט: „דער וועג צום גיהנום איז אויסגעפלאסטערט מיט גוטע כונות". די כונה צו

* רוססא, די פילאנטראפען און אנדערע האבען געקוקט מיט פיינדשאפט אויף בילדונג און אינטעליגענץ; זיי האבען אבער ניט איינגעזעהן, אז דאס דאזיגע שטעקט אין אלע קריסטען־מענשען, און האבען נאר אטאקירט די געלעהרטע און פערפיינערטע בילדונג.

פערווירקליכען די מענשהייט אינגאנצען אין זיך, צו ווערן אינ־
גאנצען מענש, געהערט צו דערזעלביגער קאטעגאריע: צו דעם
מין געהערען אויך די כונות צו ווערן גוט, עדעל, ליעבליך א. אז. וו.

אין דעם זעקסטען העפט פון די „דענקווירדיגקייטען“ זייט 7,
זאגט ברונא בויער: „יענער בירגערקלאס, וועלכער האט געזאלט
בעקומען אזא שרעקליכע וויכטיגקייט פאר דער מאדערנער געשיכטע,
איז ניט פעהיג אויף קיין אויפאפפערענדע האנדלונג, אויף קיין
בעגייסטערונג פאר אן אידעע, אויף קיין ערהעבונג: ער גיט זיך
ניט אב פאר גארנישט, אחוץ פאר די אינטערעסען פון זיין מיטעל־
מעסיגקייט, ד. ה. ער בלייבט אלעמאל בעשרענקט אויף זיך אליין
און איז לסוף גובר נאר דורך זיין מאסענהאפטיגקייט, דורך וועלכער
ער האט פערשטאנען אויסצומאטערן די אנשטרענגונגען פון דער
ליידענשאפט, דער בעגייסטערונג און דער קאנסעקווענץ, — דורך
זיין אויבערפלעך, אין וועלכער ער זויגט אריין א טייל פון די
נייע אידעען“. און אויף זייט 6: „ער האט אויסגענוצט פאר
זיך אליין די רעוואלוציאנערע אידעען, פאר וועלכע ניט ער, נאר
די אונאייגענצוציגע אדער ליידענשאפטליכע מענשר האבען זיך
אויפגעאפפערט; ער האט דעם גייסט פערוואנדעלט אין געלד. —
פערשטעהט זיך, נאכדעם ווי ער האט אוועקגענומען פון יענע
אידעען דעם שפיץ, די קאנסעקווענץ, דעם צערשטערענדען און
פאנאטישען ערנסט אנטקעגען דעם גאנצען עגאיזם“. אט די מענ־
שען זיינען, הייסט עס, ניט אויפאפפערענד, ניט בעגייסטערט, ניט
אידעאליסטיש, ניט קאנסעקווענט, ניט קיין ענטוזיאסטען; זיי
זיינען אין געוועהנליכען זין עגאיסטען, אייגענצוציגע, וואס קלערן
נאר וועגען זייער טובה, ניכטערע, אויסגערעכענטע א. אז. וו.

ווער איז דען „אויפאפפערענד“? אין א פאלשטענדיגען זין
איז דאס דאך דער, וואס גיט אוועק אלץ צוליעב איין זאך,
איין צוועק, איין ווילען, איין ליידענשאפט, א. אז. וו. איז ניט
אויפאפפערענד דער פערליעבטער, וועלכער פערלאזט פאטער און
מוטער, בעשטעהט אויף אלע ליידען און געפאהרען, כדי צו קומען
צו זיין ציעל? אדער דער אמביציעזער מענש, וואס אפפערט
מיט אלע בעגעהרען, פערלאנגען און בעפריעדיגונגען צו זיין איינ־
ציגער ליידענשאפט? אדער דער געלד־גייץ, וואס זאגט זיך אב
פון אלץ, כדי אנצוקלייבען אוצרות? אדער דער פערגעניגען־זוכער

אַ. אז. וו. ? יערען פון די בעהערשט איין ליידענשאַפט, צו וועל־
כער ער ברעננט אַלע איבעריגע ליידענשאַפטען פאַר אַ קרבן.

און זיינען אפשר אַט די אויפאָפּפערענדע ניט אייגעננוציג,
ניט קיין עגאָיסטען? אַזוי ווי זיי האָבען נאָר איין הערשענדע
ליידענשאַפט, זאָרגען זיי נאָר פאַר איין בעפריעדיגונג, אָבער דערי־
בער טאַקע אויך מיט אַלץ מעהר חשק; זיי ווערן אין איהר אינ־
גאַנצען ארייננגעטאָן. זייער גאַנצע טהעטיגקייט איז עגאָיסטיש;
עס איז אָבער אַן איינזייטיגער, ניט־אויפגעשלאָסענער, ענגער
עגאָיזם: עס איז בעזעסענהייט (פערכאַפּט פון רוח).

— „דאָס זיינען דאָך קליינליכע ליידענשאַפטען, פון וועלכע,
פערקעהרט, דער מענש דאַרף זיך ניט לאָזען פערקנעכטען. פאַר
אַ גרויסער אידעע, פאַר אַ גרויסער זאַך, מוז דער מענש ברענגען
קרבנות!" אַ „גרויסע אידעע", אַ „גוטע זאַך", כדומה למשל קידוש
השם, צוליעב וואָס אונצעהליגע מענשען האָבען זיך ממית געווען;
דאָס קריסטענטום, וואָס האָט געפונען זיינע בערייטוויליגע מאַר־
טירער; די הייליגע קאַטוילישע קירך, וואָס האָט גיעריג זיך
געבראַכט קרבנות פון אונגלויבער; די פרייהייט און גלייכהייט,
וועמען די בלוטיגע גילאָטינען האָבען געדיענט.

ווער עס לעבט פאַר אַ גרויסער אידעע, אַ גוטער זאַך, אַ
לעהרע, אַ סיסטעם, אַ דערהויבענעם בערוף, דער טאָר ניט דער־
לאָזען אין זיך קיינע עולם־הזה'דיגע תאוות, קיינע אייגעננוציגע
אינטערעסען. דאָ האָבען מיר דעם ג ל ח ' ש ע ן בעגריף, אָדער
ווי מען קאָן דאָס אויך אָנרופען לויט זיין פעדאַגאָגישער ווירק־
זאַמקייט — דעם בעגריף פון רבי'שאַפט; וואָרים די אידעאַלען
שפּיעלען די ראָלע פון רביים איבער אונז. דעם גלח'ס בערוף איז
ספּעציעל צו לעבען און אַרבייטען פאַר דער אידעע, פאַר דער אמת'ר
גוטער זאַך. דעריבער פיהלט דאָס פאָלק, ווי ווענינ עס שטעהט
איהם אָן ארויסצוצייגען אַ וועלטליכע גאוה, צו בעגעהרען אַ וואויל־
לעבען, מיטצומאַכען פערגעניגענס ווי טאַנצען און שפּיעלען, קורץ,
צו האָבען וועלכע עס איז אַנדערע אויסער „הייליגע אינטערעסען".
דערפון נעהמט זיך אויך געוויס, פאַר וואָס די לעהרער קריגען
אַזוינע קאַרגע שכירות, ווייל זיי דאַרפען זיך פיהלען גענוג בעלוינט
דורך דער הייליגקייט פון זייער בערוף און דאַרפען זיך ענטזאַגען פון
אַנדערע גענוסען.

עס איז אפילו פאראן א רייסטער פון הייליגע אידעען, פון וועלכע דער מענש דארף זיך אויסקלייבען איינע אָדער מעהרערע אלס זיין בערוף. פאמיליע, פאָטערלאנד, וויסענשאפט א. ד. ג. — זיי אלע קאָנען אין מיר געפינען א טרייען דיענער.

דאָ שטויסען מיר זיך אָן אויף דער אוראלטער משוגעת פון דער וועלט, וועלכע האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט אויסצוקומען אָהן דעם פאפענטום. לעבען און ארבייטען פאר אַן אידעע — אָט דאָס איז דעם מענשען׳ס בערוף, און זיין מענשליכער ווערטה ווערט געמאָסטען לויט דער טרייקייט, מיט וועלכער ער דערפילט זיין חוב.

אָט דאָס איז די הערשאפט פון דער אידעע, אָדער דער קלע־ריקאליזם. ראָבעספיער צ. ב. ש., סט. זשיסט א. אז. וו. זיינען געוועזען דורך און דורך גלחים, בעגייסטערט פון דער אידעע, ענטוזי־אסטען, קאָנסעקווענטע אינסטרומענטען פון דער דאָזיגער אידעע, אידעאלע מענשען. אַזוי רופט אויס סט. זשיסט אין זיינע א רעדע: „עס גיט עטוואָס שרעקליכעס אין דער הייליגער ליעבע צום פאָטערלאנד; זי קוקט אויף קיין זאַך ניט, זי אָפּפערט אלץ צו די עפענטליכע אינטערעסען, אָהן רחמנות, אָהן מורא, אָהן מענשליכער אכטונג. זי ווארפט מאנליוס אין אָבגרונד; זי אָפּפערט איהרע פריוואט־נייגונגען; זי פיהרט רעגולוס קיין קארטהאגא; זי ווארפט א רוימער אין תהום; זי זעצט אריין מאראט, אלס קרבן פון זיין איבערגעבענקייט, אין פאנטהעאָן“.

געגענאיבער אָט די פערטרעטער פון אידעאל אָדער הייליגע אינטערעסען שטעהט אָבער א וועלט פון אונצעהליגע „פערזענ־ליכע“, וואָכעדיגע אינטערעסען. קיין אידעע, קיין סיסטעם, קיין הייליגע זאַך איז ניט אַזוי גרויס, אז זי זאָל ניט אריבערגעוועגט ווערן אָדער מאָדיפיצירט ווערן פון אָט די פערזענליכע אינטערע־סען. ווען אפילו זיי ווערן אנטשוויגען אויף א ווייל, ווי אין די צייטען פון טומעל און פאנאטיזם, קומען זיי ווידער באלד ארויף פון אויבען דורך „דעם געזונדען חוש פון פאָלק“. יענע אידעען זיעגען פאָלקאָמען ערשט דאַן, ווען זיי זיינען ניט מעהר פיינדליך צו די פערזענליכע אינטערעסען, ד. ה. ווען זיי בעפריעדיגען דעם עגאָיזם.

דער מאַן, וואָס שרייט אויס, אָט דאָ איצטער, פאַר מיין

פענסטער, געגרויבערטע הערינג צום פערקויפען, האָט א פערזענ־
ליכען אינטערעס אויסצובערענגען א סך פון זיין סחורה; און ווען
זיין ווייב אָדער אימיצער אנדערש ווינשט איהם א גוטען אָבזאַץ,
בלייבט עס אַלץ איינס א פערזענליכער אינטערעס. זאָל אָבער
פּאַסירען, אז א גנב האָט איהם בערויבט פון זיין קאָרב מיט
הערינג, דאַן וואָלט עס גלייך געוואָרן דער אינטערעס פון פיעלע,
פון דער גאַנצער שטאָדט, פון גאַנצען לאַנד, אָדער מיט איין וואָרט,
פון אַלעמען וועלכע האסען די מלאכה פון גנב׳ענען: אַן אינטערעס,
וואָס דערביי שפּיעלט שוין די פּערזאָן פון דעם הערינג־הענדלער
גאָר קיין ראָלע ניט, און אַנשטאָט איהר טרעט ארויס אין פאָרדער־
גרונד די קאַטעגאָריע „בע׳גנב׳עטער“. אָבער אפילו דאָ וואָלט מען
עס נאָך אַלץ געקאָנט צופיהרען צו א פערזענליכען אינטערעס,
מחמת יעדער בעטייליגטער וואָלט געקאָנט טראַכטען, אז ער מוז
דערפאַר נעהמען א חלק אין דער בעשטראָפונג פון דעם גנב, ווייל
זאָנסט וואָלט דאָס ניט־בעשטראָפטע גנב׳ענען געוואָרן אַן אַלגע־
מיינע זאַך, און זיין אייגענטום וואָלט אויך דערביי געקאָנט ליידען.
אָבער ביי פיעלע לאָזט זיך אַזא אויסרעכענונג שווערליך אָננעהמען,
און גיכער וועט מען הערען דעם געשריי: דער גנב איז א „פער־
ברעכער“. דאָ האָבען מיר שוין אַן אורטייל, אין דעם וואָס דעם
גנב׳ס טהאַט קריגט איהר אויסדרוק אין דעם בעגריף „פערברעכען“.
איצטער שטעהט די זאַך אַזוי: ווען אפילו א פערברעכען ברענגט
ניט דעם קלענסטען שאָדען ניט מיר, ניט קיינעם פון די, אין וועלכע
איך אינטערעסיר מיך, וועל איך פונדעסטוועגען אַלץ א ו י ס פ נ ע־
ב ר א כ ט ו ו ע ר ן אַנטקעגען דעם. וואָרום? ווייל איך בין
בעגייסטערט פאַר דער מ אָ ר א ל, איך בין פול פון דער א י ד ע ע
פון דער מאָראַל; דאָס וואָס איז פיינדליך צו איהר, האָב פער־
פאָלג איך. ווייל גניבה קומט ביי איהם אוים אַזוי אָבשייליך גאָר
אָהן א שום פראַגע, דעריבער מיינט צ. ב. ש. פּרודאָן, אַז מיט זיין
אוועקשטעלען דעם זאַץ: „אייגענטום איז גניבה“, האָט ער שוין
גענוג כאַראַקטעריזירט דאָס אייגענטום. אין דעם גלח׳שען זין
איז גניבה אַלעמאָל א פ ע ר ב ר ע כ ע ן, אָדער ווענינגסטענס
אַן עולה.

אָט דאָ הערט אויף דער פּערזענליכער אינטערעס. די דאָזיגע
בעשטימטע פּערזאָן, וואָס האָט אוועקגע׳גנב׳עט דעם קאָרב, איז

פאר מיין פערזאָן גאַנץ גלייכגילטיג; איך נעהם נאָר אן אינטע־רעס אין דעם גנב, אין אַט דעם בעגריף, פון וועלכען יענע פערזאָן שטעלט פאָר דעם עקזעמפּלאַר. דער גנב און דער מענש זיינען אין מיין מוח אונפעראייננבארע הפכים, וואָרים מען איז ניט באמת מענש, ווען מען איז א גנב; מען פעראומווירדיגט אין זיך דעם מ ע נ ש ע ן אָדער די „מענשהייט", ווען מען גנב'עט. אַזוי ווי מען הערט־אויף צו נעהמען א פערזענליכען אנטייל, פאַלט מען אריין אין דעם פ י ל א נ ט ר א פּ י ז ם, די מענשענפריינדליכקייט, וועלכע ווערט געוועהנליך פאַלש אויסגעטייטשט אַזוי ווי זי וואָלט געווען א ליעבע צו ד ע ם מענשען, צו יעדען איינצעלנעם, בעת זי איז מעהר גאַרנישט ווי א ליעבע צו מענשען, צו דעם אבסטראק־טען בעגריף, דעם רוח. דער פילאנטראָפּ שליסט ניט איין אין זיין הארצען די מענשען בפרט, נאָר דעם מענשען בכלל. אמת טאַקע ער קימערט זיך פאַר יערען איינצעלנעם, אָבער נאָר דערפאַר, ווייל ער וואָלט וועלען זעהן, אז זיין געליעבטער אידעאַל זאָל אומעטום פערווירקליכט ווערן.

אַלזאָ, וועגען זאָרגען פאר מיר, דיר, אונז, איז דאָ קיין רעד ניטאָ: דאָס וואָלט געווען א פערזענליכער אינטערעס און וואָלט געהערט צום קאַפּיטעל „וועלטליכע ליעבע". דער פילאנטראָפּיזם איז א הימעלשע, גייסטיגע, א — גלח'שע ליעבע. „דער מענש" אין אונז מוז אויפגעריכט ווערען, ווען אפילו מיר אָרימע טייוואָלים זאָלען דערביי צו־גרונד געהן. דאָס איז דערזעלביגער גלח'שער פּרינציפּ, ווי דער בעריהמטער „פיאַט יוסטיציא, פּערעאַט מונדוס" (גערעכטיגקייט זאָל געשעהן, מעג אפילו די וועלט אונטערגעהן): מענש און גערעכטיגקייט זיינען אידעען, געשפּענסטער, צוליעב וועמען אַלץ ווערט געאָפּפערט; דעריבער זיינען די גלח'שע גייסטער די „אויפאָפּפערנדע".

דער וואָס איז ענטוזיאסטיש פערליעבט אין „דעם מענשען", דער לאָזט ארויס פון חשבון, אויף ווי וויים זיין ענטוזיאזם גרייכט, די פערזאָנען, און שוועבט־ארום אין אן אידעאַלען, הייליגען אינטערעס. „דער מענש" איז דאָך ניט קיין פערזאָן, נאָר אן אידעאַל, א רוח.

צו „דעם מענשען" קאָנען געהערן און גערעכענט ווערן די

העכסט־פערשיידענע זאכען. געפינט מען אז די הויפטזאך, וואָס פאָדערט זיך פונ׳ם מענשען, איז פרומקייט, וואקסט־אויס דער רעליגיעזער קלעריקאליזם; זעהט מען איין די הויפט פאָדערונג אין דער מאָראל, העבט דער מאָראלער קלעריקאליזם אויף דעם קאָפּ. די גלח׳שע גייסטער פון אונזער צייט וואָלטען דעריבער פון יעדער זאך מאכען א „רעליגיאָן", א „רעליגיאָן פון פרייהייט, א רעליגיאָן פון גלייכהייט" א. אז. וו.; אלע אידעען ווערן ביי זיי א „הייליגע זאך", צ. ב. ש. אפילו דאָס שטאאט־בירגערטום, די פּאָליטיק, די עפענטליכקייט. פּרעס־פרייהייט, געריכט פון געשוואָרענע א. אז. וו.

איז וואָס הייסט אין אָט דעם זין „אונאייגעננוציגקייט"? עס הייסט, מען זאָל נאָר האָבען אן אידעאלען אינטערעס, לגבי וועלכען קיין חשיבות פון א פּערזאָן האָט קיין בעטרעף ניט!

אַנטקעגען דעם שטעלט זיך אויף דער שטייפער קאָפּ פון דעם וועלטליכען מענשען; ער איז אָבער טויזענדער יאָהרען לאנג אלעמאָל בעזיעגט געוואָרן, וועניגסטענס אויף אזויפיעל, אז ער האָט געמוזט בויגען זיין ווידערשפּעניגדיגען נאקען און „פערעהרען די העכערע מאכט": דער קלעריקאליזם האָט איהם אנידער־געדריקט. האָט אמאָל דער וועלטליכער עגאָיסט אָבגעשאָקעלט פון זיך א העכערע מאכט, צ. ב. ש. דעם געזעץ פון אלטען טעסטא־מענט, דעם רוימישען פּויפּסט א. אז. וו., איז גלייך געוואָרן איבער איהם א זיעבען מאָל העכערע מאכט, צ. ב. ש. דער גלויבען אויפ׳ן אָרט פון געזעץ, די פערוואנדלונג פון אלע פּשוט׳ע מענשען אין גייסטליכע אויפ׳ן אָרט פון א בעשרענקטער גלח׳שער קערפּער־שאפט, א. אז. וו. עס איז איהם געגאנגען ווי יענעם מיט׳ן דבוק, וואָס בעת ער האָט געמיינט, אז ער האָט זיך בעפרייט פון איין שד, זיינען אין איהם אַריינגעקראָכען זיעבען אנדערע.

אין דער פריהער־געבראכטער ציטאטע (פון ברונאָ בויער) ווערט אָבגעלייקענט, אז דער בירגער־קלאָס בעזיצט וועלכע עס איז אידעאליטעט א. אז. וו. עס איז זיכער, אז ער האָט מאכינירט אנטקעגען די אידעאלע קאָנסעקווענץ, מיט וועלכע ראָבעספּיער האָט געוואָלט אויספיהרען דעם פּרינציפּ. דער אינסטינקט פון זיינע אינטערעסען האָט איהם געזאָגט, אז אָט די קאָנסעקווענץ האָט צו־וועניג הארמאָנירט מיט דאָס, וואָס ער האָט געזוכט צו

קריגען, און אז דאָס וואָלט געהייסען האַנדלען געגען זיך אַליין, ווען ער וואָלט אונטערשטיצט די פּרינציפּיעלע בעגייסטערונג. האָט ער דען זיך געזאָלט בענעהמען אַזוי אונאייגעננוציג, צו לאָזען פאַלען אַלע זיינע צוועקען, כדי צו פיהרען צום טריאומף א טרו־קענע טעאָריע? עס פערשטעהט זיך, די גלחים געפעלט עס זעהר, ווען מענשען געהאָרכען זייער אויפרוף: „וואַרף אַלץ אַוועק און געה מיר נאָך“, אָדער „פערקויף אַלץ וואָס דו האָסט און גיעב עס אַוועק די אָרימעלייט, כדי דו זאָלסט האָבען אוצרות אין הימעל, און קום און געה נאָך מיר“. אייניגע אויסגעשפּראָכענע אידעאַ־ליסטען געהאָרכען אָט דעם אויפרוף; די מייסטע אָבער האַנדלען ווי אַנאַניאַס און סאַפּפירא, דערמיט וואָס זיי פיהלען זיך האַלב־גלח'יש אָדער רעליגיעז און האַלב־וועלטליך, דיענענדיג אי גאָט, אי מאַמאָן.

איך פערדענק ניט דעם בירגער־קלאַס, פאַר וואָס ער האָט ניט געוואָלט לאָזען ראָבעספּיער'ן פערניכטען זיינע צוועקען, ד. ה. פאַר וואָס ער האָט זיך אָנגעפרעגט ביי זיין עגאָיזם אויף וויפיעל ער מעג די רעוואָלוציאָנערע אידעע זיך לאָזען צושפּיעלען. אָבער יענע וואָלט מען יאָ געקאָנט פערדענקען (אויב פערדענקען האָט דאָ איבערהויפּט א פּלאַץ), וועלכע האָבען זיך געלאָזט בערויבען פון זייערע אייגענע אינטערעסען דורך די אינטערעסען פון דעם בירגער־קלאַס. היתכן אָבער, אז זיי וועלען פריהער אָדער שפּע־טער זיך אויך ניט אויסלערנען צו פערשטעהן וואָס איז בעסער פאַר זיי? אויגוסט בעקער זאָגט:* „כדי צו געווינען די פּראָ־דוצירער (די פּראָלעטאַריער), איז בשום אופן ניט גענוג אָבצולייי־קענען די טראַדיציאָנעלע רעכט־בעגריפען. די לייט קימערען זיך ליידער וועניג וועגען דעם טעאָרעטישען נצחון פון דער אידעע. מען מוז זיי בעווייזען בעשיינפּערליך, ווי דער דאָזיגער נצחון קאָן פּראַקטיש אויסגענוצט ווערן פאַר'ן לעבען“. און אויף זייט 32 זאָגט ער: „איהר מוזט די לייט פאַקען ביי זייערע ווירקליכע אינ־טערעסען, ווען איהר ווילט אויף זיי ווירקען“. גלייך נאָכדעם בעווייזט ער, ווי עס פערשפּרייט זיך שוין צווישען אונזערע פּויערים א רעכט ביסעל אונמאָראַליטעט, ווייל זיי פערפאָלגען ליעבער

* „פּאָלקספילאָזאָפיע אונזערער טאָגע“, ז. 22.

זייערע ווירקליכע אינטערעסען איידער די געבאָט פון דער מאָראל.

ווייל די רעוואָלוציאָנערע גלחים אָדער רביים האָבען געדיענט דעם מענשען [אין אבסטראקט], דעריבער האָבען זיי איבערגעשניטען די העלזער פון די מענשען [אין קאָנקרעט]. די רעוואָלוציאָנערע פשוט'ע מענשען אָדער פּראָסטאַקעס האָבען אפשר אויך ניט געפּיהלט קיין גרעסערן עקעל צו העלזער־שניידען איידער די רביים, זיי האָבען זיך אָבער ווייניגער געקימערט וועגען די מענשען־רעכט, ד. ה. די רעכט פון מענשען [אין אבסטראקט] איידער וועגען זייערע אייגענע רעכט.

ווי קומט עס אָבער דאָך, וואָס דער עגאָיזם פון די, וועלכע האַלטען פון דעם פּערזענליכען אינטערעס, און פרעגען זיך אין אַלע צייטען ביי איהם אָן, ווערט כסדר אַלעמאָל בעזיעגט פון דעם גלח'שען אָדער רבי'שען (ד. ה. דעם אידעאַלען) אינטערעס? זייער פּערזאָן קומט ביי זיי אַליין פאָר צו־קליין, צו־אונבעדייטענד — און אזוי איז עס טאקע אין פאַקט — אז זיי זאָלען אַלץ נעהמען אין אָנשפּרוך און קאָנען פאָלשטענדיג דורכזעצען זייער ווילען. א זיכערן צייכען דערפון קאָן מען זעהן אין דעם, וואס זיי צוטיילען זיך אַליין אין צוויי פּערזאָנען, אַן אייביגע און א דערווייליגע, און יעדעס מאָל זאָרגען זיי נאָר ענטוועדער פאַר איינער אָדער פאַר דער אַנדערער: אום זונטאָג פאַר דער אייביגער, אין דערוואָכען פאַר דער צייטווייליגער; ביים דאַוונען פאַר יענער, ביי דער ארבייט פאַר דער. זיי האָבען דעם גלח אין זיך, דערפאַר קאָנען זיי פון איהם ניט פּטור ווערען, און זיי הערען זיך אַליין אָבגעפּרעדיגט אינוועניג אין הארצען אַלע זונטאָג.

ווי האָבען די מענשען זיך געבראָכען דעם קאָפּ און געמאַטערט זיך צו געפינען אַן ערקלערונג פאַר אָט די דואליסטישע וועזענס! אַן אידעע נאָך אַן אידעע איז געקומען, א פּרינציפּ נאָך א פּרינציפּ, א סיסטעם נאָך א סיסטעם, און קיינעם איז ניט געלונגען צו פערשטיקען אויף לאַנג אָט דעם ווידערשפּרוך פון דעם „וועלטליכען" מענשען, פון דעם אַזויגערופענעם „עגאָיסט". צי בעווייזט דאָס ניט, אז אַלע יענע אידעען זיינען געווען צו־שוואַך איינצונעהמען מיין גאַנצען ווילען און איהם צופריעדענשטעלען? זיי זיינען געווען און געבליבען פיינדליך צו מיר, ווען אפילו די פיינדשאַפט איז א לענגערע צייט געלעגען פערדעקט. וועט עס

מיט דער אייגענהייט אויך אזוי זיין? איז זי אויך נאָר א פערמיטלונגס־פּראָבע? צו וועלכען פּרינציפּ איך האָב מיך ניט געווענדעט, דהיינו צו דעם פּרינציפּ פון דער פערנונפט, האָב איך מיך אַלעמאָל פון איהם געמוזט אָבווענדען. צי דען קאָן איך תמיד זיין פערנינפטיג, אין אַלץ איינאָרדנען מיין לעבען לויט דער פערנונפט? איך קאָן גאַנץ גוט שטרעבען צו דער פערנינפטיגקייט, איך קאָן זי ליעבען, פּונקט אזוי ווי גאָט און יעדע אנדער אידעע. איך קאָן זיין א פילאָסאָף, א ליעב־האָבער פון חכמה, ווי איך האָב ליעב גאָט. אָבער וואָס איך ליעב, צו וואָס איך שטרעב, דאָס איז נאָר אין מיין אידעע, אין מיין פאָרשטעלונג, אין מיין געדאנק: עס איז אין מיין הארצען, אין מיין קאָפּ, עס איז אין מיר ווי דאָס הארץ איז אין מיר, עס איז אָבער ניט איך, איך בין עס ניט.

צו דער טהעטיגקייט פון גלח'שע גייסטער געהערט ספּעציעל דאָס, וואָס מען רופט אָפּט „מאָראַלישער איינפלוס.

דער מאָראַלישער איינפלוס הויבט זיך אָן דאָ וואו די עניוות פאנגט אָן, יאָ, ער איז קיין אנדער זאך ניט ווי נאָר די דאָזיגע עניוות גופא — דאָס ברעכען און בויגען דעם מוטה ביז צו דער דעמוטה (עניוות). ווען איך שריי אוים צו איינעם, ביים שפּאַלטען א פעלזענשטיין, ער זאָל אָוועקגעהן פון דאָרטען, איב איך אויף איהם ניט אוים קיין מאָראַלישען איינפלוס דורך דער דאָזיגער פאָדערונג; ווען איך זאָג דעם קינד, דו וועסט הונגערן אויב דו ווילסט ניט עסען וואָס מען דערלאנגט צום טיש, איז דאָס ניט קיין מאָראַלישער איינפלוס. זאָג איך איהם אָבער: דו זאָלסט זאָגען דיינע געבעט, אָבגעבען עהרע די עלטערן, רעספּעקטירען דעם קרייץ, זאָגען די ווארהייט א. אז. וו., וואָרים דאָס געהערט צום מענשען און עס איז דער בערוף פון מענשען, אָדער גאָר, דאָס איז גאָט'ם ווילען, דאַן איז דער מאָראַלישער איינפלוס פאַרטיג: א מענש דאַרף זיך דאָ בויגען פאר דעם בערוף פון מענשען, ער דאַרף פאָלגען, ווערען ביי זיך אַראָבגעפאַלען; ער דאַרף אויפגעבען זיין ווילען אנטקעגען א פרעמדען ווילען, וואָס ווערט אויפגעשטעלט ווי א רעגעל און א געזעץ; ער דאַרף זיך ערני־דעריגען פאר א העכערן, ד. ה. זעלבסטערנידעריגונג. „דער וואָס ערנידעריגט זיך אַליין, וועט דערהויבט ווערען". יאָ,

יאָ, קינדער מוז מען בעצייטענס מדריך זיין אין פרומקייט, גאָטס־פאָרכטיגקייט און עהרענהאפטיגקייט; א גוט־ערצויגענער מענש איז דער, אין וועמען מען האָט „גוטע פרינציפּען" אריינגעבראַכט און איינגעפיהרט, ווי דורך א לייקע אריינגעגאָסען, אין קאָפּ אריינ־געהאַקט און גוט אריינגעפּרעדיגט.

קוועטשט מען אויף דעם מיט די פּלייצעס, הויבען גלייך אָן די „גוטע" צו ברעכען די הענד אין פערצווייפלונג און שרייען: „אָבער אום גאָטעס ווילען, ווען מען זאָל די קינדער ניט געבען קיין גוטע לעהרען, וועלען זיי דאָך גלייך מיט'ן קאָפּ אריינפאלען אין גרוב פון זינד און וועלען ווערן נישטיגע שקצים!" שטילער, איהר פּראָפעטען פון שלעכטס. נישטיגע אין אייער זין וועלען זיי טאקע געווים ווערן; אָבער אייער זין איז גראָד א זעהר נישטי־גער זין. די שקאָצישע יונגען וועלען זיך שוין מעהר ניט לאָזען אריינשוואַצען און אריינ'טענה'ן פון אייך, זיי וועלען קיין מיט־געפיהל ניט האָבען פאר אלע נארישקייטען, פאר וועלכע איהר קאָכט זיך און טומעלט זיך זינט מענשענ'ס געדענקען: זיי וועלען אָבשאפען דאָס ירושה־רעכט, ד. ה. זיי וועלען ניט ירשה'נען אייערע דומהייטען, ווי איהר האָט זיי געירשה'ט פון אייערע פאָטערס: זיי פערטיליגען די ירושה־זינד. ווען איהר בעפעהלט זיי: בויגט זיך פאר דעם העכסטען — וועלען זיי אייך ענטפערן: אויב ער וויל אונז בויגען, זאָל ער אליין קומען און דאָס טהאָן; וועניגסטענס מיט'ן אייגענעם ווילען וועלען מיר זיך ניט בויגען. און אויב איהר וועט זיי סטראשען מיט זיין צאָרן און זיין שטראָף, וועט עס זיי אהרען, ווי ווען איהר וואָלט זיי געסטראשעט מיט שדים. און אויב עס געלינגט אייך ניט מעהר אָנצויאָגען אויף זיי א מורא פאר שדים, דאן איז א סוף צו דער שדים־הערשאפט, און ניטאָ מעהר — קיין גלויבען אין די באָבע־מעשיות.

און זיינען עס ניט ווידער אמאָל גראָד די ליבעראלען, וועלכע בעשטעהען אזוי שטארק אויף א גוטער ערציהונג און א פערבעסע־רונג פון דעם ערציהונג־סיסטעם? ווארים ווי אזוי וואָלט זייער ליבעראליזם, זייער „פרייהייט אין די גרעניצען פון געזעץ" טאקע געקאָנט צושטאנד קומען אָהן דיסציפּלין? אויב זיי ערציהען ניט צו גאָטספאָרכטיגקייט, פאָדערן זיי דערפאר וואָס שטרענגער מענשענפאָרכט, ד. ה. פאָרכט פאר דעם מענשען,

און וועקען דורך דער דיסציפּלין די „בעגייסטערונג פאר דעם וואר־האפטיגען מענשליכען בערוף.“

---

אַ לאנגע צייט איז פערגאנגען, אין וועלכער מענשען האָבען זיך צופריעדענגעשטעלט מיט דער איינבילדונג, אז זיי האָבען די וואַרהייט, קיינמאָל ניט איבערטראכטענדיג, צי מען מוז ניט אפשר אליין זיין וואהר, כדי צו בעזיצען די ווארהייט. די דאָזיגע צייט איז געווען דער מיטעלאלטער. מען האָט געדענקט, אז מיט דעם פּשוט'ען בעוואוסטזיין, דעם בעוואוסטזיין פון זאכען — ד. ה. מיט דעם בעוואוסטזיין, וואָס האָט אַ חוש נאָר פאר זאכען אָדער פאר עפּעס מגושם'דיגס און זינליכעס — קאָן מען תופס זיין דאָס, וואָס האָט ניט צו טהאָן מיט זאכען און וואָס מען קאָן ניט בעגרייפען מיט די חושים. פּונקט ווי מען שטרענגט־אָן דאָס אויג צו דערזעהן עפּעס פון ווייטען, אָדער ווי מען איבט מיט גרויס מיה די האנד ביז זי קריגט גענוג פעהיגקייט אין די פינגער צו דריקען קינסטלעריש־ריכטיג אויף די קלאוויש, אזוי האָט מען זיך אליין אויף אלערליי אופנים געפּייניגט, כדי צו ווערן פעהיג איינגאנצען אויפצונעהמען אין זיך דאָס איבערזינליכע (וואָס איז למעלה מן החושים). אָבער וואָס מען האָט געפּייניגט איז דאָך נאָר געווען דער זינליכער מענש, דאָס פּשוט'ע בעוואוסטזיין, דאָס אַזויגערופענע ענדליכע אָדער געגענשטענדליכע דענקען. אַזוי ווי אָבער דאָס דאָזיגע דענקען, דער דאָזיגער פערשטאנד, וועלכען לוטהער האָט פערשפּאָט אונטער'ן נאָמען פערנונפט, איז ניט בכח תופס צו זיין דאָס געטליכע, האָט זיין פּייניגונג פּונקט אזוי פיעל בייגעטראָגען צו בעגרייפען די ווארהייט, ווי ווען איינער וואָלט יאָהר־איין יאָהר־אויס געאיבט זיינע פיס צום טאנצען און דער־ווארט, אז אויף דעם אופן וועלען זיי זיך ענדליך אויסלערנען צו שפּיעלען אויף אַ פליים. — ערשט לוטהער, מיט וועמען עס ענדיגט זיך דער מיטעלאלטער, האָט בעגריפען, אז דער מענש גופא מוז ווערן אַן אנדערער, אויב ער וויל אויפפאסען די ווארהייט, ד. ה. ער מוז זיין פּונקט אזוי וואהר ווי די ווארהייט אליין. נאָר דער, וואָס האָט שוין די ווארהייט אין דעם גלויבען, נאָר דער וואָס גלויבט אין דער ווארהייט, קאָן זי פערנעהמען; ד. ה. נאָר דער גלויביגער געפינט זי צוגענגליך און קאָן דערגרונטעווען איהרע

טיעפּעניִשען. נאָר דער דאָזיגער אָרגאַן פון מענשען, וואָס האָט איבערהויפּט בכח צו בלאָזען פון די לונגען, קאָן אויסלערנען זיך אויך צו בלאָזען אויף א פלייט, און נאָר דער דאָזיגער מענש קאָן אויפנעהמען די ווארהייט, וואָס האָט דעם ריכטיגען אָרגאַן פאַר איהר. דער וואָס איז אימשטאַנד צו דענקען נאָר דאָס, וואָס איז זינליך, געגענשטאַנדליך, און נוגע צו זאַכען, דער שטעלט זיך פאַר אויך אין דער ווארהייט נאָר דאָס, וואָס איז נוגע צו זאַכען. די ווארהייט איז אָבער גייסט, לגמרי ניט זינליכעס, איז זי דעריבער נאָר פאַר דעם „העכערן בעוואוסטזיין“, ניט פאַר דעם „ערדישען חוש“.

לויט דעם נאָך קומט אַרויס די דערקענטניש, אַז די ווארהייט, ווייל זי איז אַ געדאַנק, איז נאָר פאַר דעם דענקענדען מענשען. און דאָס הייסט, אַז דער מענש מוז פון איצט אָן אָננעהמען אַ גאַנץ אַנדערן שטאַנדפּונקט, נעמליך דעם הימעלשען, גלויביגען, וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט, אָדער דעם שטאַנדפּונקט פון דענקען לגבי זיין געגענשטאַנד, דעם — געדאַנק, דעם שטאַנדפּונקט פון גייסט לגבי דעם גייסט. אַלזאָ: נאָר דער גלייכער דערקענט דעם גלייכען! „דו ביזט גליך צו דעם גייסט, וועלכען דו בעגרייפסט“ (געטהע אין „פאַוסט“).

אַזוי ווי דער פּראָטעסטאַנטיזם האָט איינגעשפּאַלטען די מיטעלאַלטערליכע היעראַרכיע, האָט מען געקאָנט פאַסען אַ מיינונג, אַז די היעראַרכיע בכלל איז דורך איהם געבראָכען געוואָרן, און אינגאַנצען פערזעהן, אַז ער איז אַקוראַט געווען אַ רעפאָרמאַציאָן, הייסט עס — אַן אויפפרישונג פון דער פערעלטערטער היעראַרכיע. די מיטעלאַלטערליכע איז געווען אַ שוואַכליכע היעראַרכיע, וואָרים זי האָט געמוזט לאָזען אָנגעהן פריי לעבען זיך יעדע מעגליכע באַרבאַריי פון וואָכעדיגען לעבען, און גראָד די רעפאָרמאַציאָן האָט ערשט בעפעסטיגט די קראַפט פון דער היעראַרכיע. ברונאָ בויער מיינט:* „אַזוי ווי די רעפאָרמאַציאָן איז הויפּטזעכליך געווען די אַבסטראַקטע פונאַנדעררייסונג פון דעם רעליגיעזען פּרינציפּ פון קונסט, שטאַאַט און וויסענשאַפט, — זיין בעפרייאונג, הייסט עס, פון יענע מעכטען, מיט וועלכע ער איז געווען פערבונדען אין

* „אַנעקדאָטאַ“, B. 152.

דעם אלטערטום פון דער קירך און אין דער היעראַרכיע פון מיטעל־אלטער, — אזוי זיינען אויך די טעאָלאָגישע און קירכליכע ריב־טונגען, וועלכע זיינען ארויסגעשפּרונגען פון דער רעפאָרמאַציאָן, בלויז די קאָנסעקוועטנע דורכפיהרונג פון דער דאָזיגער אבסטראַ־קציע, וואָס האָט בעפרייט דעם רעליגיעזען פּרינציפּ פון די אנדערע מעכטען פון דער מענשהייט". איך זעה דאָס ריכטיגע דוקא אין דעם געגענטייל און מיין, אז די גייסטער־הערשאַפט אָדער די גייסט־פרייהייט (וואָס בעדייט איין־און־דיזעלבע זאַך) איז פריהער קיינמאָל גאָר ניט געוועזן אזוי אומפאסענד און אלמעכטיג, וואָרים אנשטאָט אָבצורייסען דעם רעליגיעזען פּרינציפּ פון קונסט, שטאַאט און וויסענשאַפט, האָט די איצטיגע גייסטער־הערשאַפט אדרבא גאָר אינגאַנצען אריבערגעטראָגען די קונסט, שטאַאט און וויסענ־שאַפט פון דער וועלטליכקייט אין דעם „רייך פון גייסט" אריין און האָט זיי געמאַכט רעליגיעז.

מען שטעלט גאַנץ ריכטיג אוועק לוטהער'ן מיט דעקאַרט'ן צוזאַמען אין זייערע שפּרוכען: „דער וואָס גלויבט, איז א גאָט" און „איך דענק, ממילא בין איך" (קאָגיטאָ, ערגאָ סום). דעם מענשענ'ס הימעל איז דאָס ד ע נ ק ע ן, דער גייסט. אַלץ קאָן אוועקגעריסען ווערען פון איהם, נאָר ניט דאָס דענקען, ניט דער גלויבען. ב ע ש ט י מ ט ע גלויבענס, ווי דער גלויבען אין צעאוס, אַסטאַרטאַ, יעהאָוואַ, אללאַה א. אז. וו. קאָנען צערשטערט ווערען, דער גלויבען אליין אָבער איז ניט צערשטערבאַר. אין דענקען איז פרייהייט. וואָס איך האָב נויטיג און נאָך וואָס איך שמאַכט, ווערט מיר מעהר ניט צוגעטיילט, ניט דורך גאָט'ס חסד, ניט דורך די יונגפרוי מאַריאַ, ניט דורך די גוטע בעטער, די הייליגע, אָדער דורך די לויז־מאַכענדע און בינדענדע קירך, נאָר איך פערשאַף עס מיר אליין. קורץ, מיין זיין (דער סום) איז א לעבען אין הימעל פון דענקען, פון גייסט, א ק אָ ג י ט אַ ר ע. איך אליין אָבער בין נישט מעהר ווי גייסט — אלס דענקענדער (נאָך דעקאַרט), אלס גלויביגער (נאָך לוטהער). מיין קערפער, דאָס בין איך ניט; מיין פלייש מעג ליידען פון געלוסטען אָדער פיין. איך בין ניט מיין פלייש, נאָר א י ך בין ג י י ס ט, נישט מעהר ווי גייסט.

אָט דער געדאַנק ציהט זיך דורך די רעפאָרמאַציאָנס־געשיכטע ביז אויף היינטיגען טאָג.

ערשט די נייערע פילאָסאָפיע, נאָך דעקאַרט'ן, האָט זיך ערנסט גענומען צו ברענגען דאָס קריסטענטום צו א פאָלשטענדי־גער ווירקזאַמקייט, דורכדעם וואָס זי האָט דערהויבען דאָס „וויסענ־שאַפטליכע בעוואוסטזיין" צו דעם איינציג־אמת'ן און גילטיגען. דעריבער הויבט זי אָן מיט דעם אבסאָלוטען צווייפעל — דוביטאַרע —, מיט דעם צופיצלען פונ'ם געוועהנליכען בעוואוסט־זיין, מיט דעם אָבקעהרען זיך פון אַלץ, וואָס ווערט ניט לעגיטימירט דורך דעם „גייסט", דורך דעם „דענקען". גאָרנישט איז איהר די נאַטור, גאָרנישט די מיינונג פון מענשען, זייערע מענשען־פּרינציפּען, און זי רוהט ניט ביז זי ברענגט אַריין פערנונפט אין אַלץ און קאָן זאָגען: „דאָס ווירקליכע איז דאָס פערנינפטיגע און נאָר דאָס פערנינפטיגע איז דאָס ווירקליכע". אַזוי האָט זי ענדליך געפיהרט דעם גייסט, די פערנונפט, צום זיעג, און אַלץ איז גייסט, ווייל אַלץ איז פערנינפטיג; די גאַנצע נאַטור, אַזוי גוט ווי אפילו די פערקעהרטעסטע מיינונגען פון די מענשען, ענטהאַלטען פער־נונפט, וואָרים „אַלץ מוז דאָך דיענען צום בעסטען", דאָס הייסט, מוז פיהרען צום נצחון פון דער פערנונפט.

דעקאַרט'ס „דוביטאַרע" (צווייפעל) ענטהאַלט די פּאָזיטיוו־סטע בעהויפּטונג, אַז נאָר דאָס „קאָגיטאַרע", דאָס דענקען, דער גייסט — איז. אַ פאָלקאָמענער בראָך מיט דעם „געוועהנליכען" בעוואוסטזיין, וואָס שרייבט־צו ווירקליכקייט צו די אונפער־נינפטיגע זאַכען! נאָר דאָס פערנינפטיגע איז, נאָר דער גייסט איז! אָט דאָס איז דער פּרינציפּ פון דער נייערער פילאָ־סאָפיע, פון דאָס עכט־קריסטליכע. דעקאַרט האָט שוין שאַרף אונ־טערשיידעט דעם קערפּער פון דעם גייסט, און עס איז „דער גייסט, וואָס בויט זיך דעם קערפּער", זאָגט געטהע.

אָבער אָט די קריסטליכע פילאָסאָפיע גופא, קאָן דאָך ניט לויז ווערען פון דאָס פערנינפטיגע, און זי שטרעמט דעריבער אנטקעגען דאָס „בלויז סוביעקטיווע", אנטקעגען די „איינפעלע, צופעליגקייטען, מוטהווילען" א. אַז. וו. וואָס זי וויל איז, אַז דאָס „געטליכע" זאָל זיך אין אַלץ ארויסזעהן, און יעדעס בעוואוסטזיין זאָל ווערען א וויסען פון דאָס געטליכע, און דער מענש זאָל איבעראַל זעהן גאָט; אָבער וואו גאָט, דאָרט איז גראָד אַלעמאָל אויך דער טייוועל.

טאקע צוליעב דעם קאָן מען ניט אָנרופען מיט'ן נאָמען פילאָסאָף דעם, וואָס האָט אפילו אָפענע אויגען פאר די זאכען פון דער וועלט, וואָס האָט א קלאָרען און ניט־פערבלענדעטען בליק, א ריכטיגען אורטייל איבער דער וועלט, נאָר אָבער וואָס זעהט אין דער וועלט נישט מעהר ווי די וועלט, אין געגענשטאנדען נישט מעהר ווי געגענשטאנדען, קורץ, וואָס זעהט אַלץ פּראָזאיש, ווי עס איז. נאָר דער אליין איז א פילאָסאָף, וועלכער זעהט, צייגט־אָן אָדער בעווייזט אין דער וועלט דעם הימעל, אין דאָס ערדישע דאָס איבערערדישע, אין דאָס וועלטליכע דאָס — געטליכע. דער ערשטער מעג זיין ווער ווייסט ווי פערשטענדיג, בלייבט דאָך אזוי: —

> וואָס קיין פערשטאַנד פון די פערשטענדיגע זעהט,
> דאָס טהוט אין פשטות אַ קינדערשער געמיטה.*

אָט דער קינדערשער געמיטה, דאָס דאָזיגע אויג פאר דאָס געטליכע, מאכט ערשט דעם פילאָסאָף. יענער האָט נאָר א „געוועהנליכען" בעוואוסטזיין, דער אָבער, וואָס וויים דאָס געטליכע און וויים עס ווי צו זאָגען, דער האָט א „וויסענשאפטליך" בעוואוסטזיין. מחמת דעם טעם האָט מען פערטריבען בעקאָן'ען פון דעם רייך פון די פילאָסאָפען. און עס שיינט גאנץ זיכער, אז דאָס וואָס מען רופט די ענגלישע פילאָסאָפיע, איז ווייטער ניט געגאנגען, ווי ביז צו די ענטדעקונג פון די אזוי גערופענע קלאָרע קעפּ, וו עס זיינען געוועזן בעקאָן און יום. די ענגלישע האָבען ניט געוואוסט ווי צו דערהויבען די פשטות פון דעם קינדערשען געמיטה ביז צו א פילאָ־סאָפישער בעדייטונג; זיי האָבען ניט געוואוסט ווי צו מאכען פון קינדערשע געמיטהען — פילאָסאָפען. דאָס מיינט אזוי צו זאָגען: זייער פילאָסאָפיע איז ניט בכח געוועזן צו ווערען טעאָלאָגיש אָדער טעאָלאָגיע, אָבער די פילאָסאָפיע קאָן דאָך נאָר אלס טעאָלאָגיע זיך ווירקליך אויסלעבען, זיך פאָלשטענדיג מאכען. דאָס מלחמה־פעלד פון איהר קאמף אויף לעבען און טויט איז אין דער טעאָלאָגיע. בעקאָן האָט זיך ניט געקימערט וועגען טעאָלאָגישע פראגען און קארדינאלע פונקטען.

דער געגענשטאנד פון דער דערקענטנים איז דאָס לעבען. דאָס

* [שיללער, „די וואָרטע דעס גלויבענס".]

דייטשע דענקען, מעהר איידער דאָס דענקען פון אנדערע זוכט צוצוקומען צו די אָנפאַנגען און קוואַל־פּונקטען פון לעבען, און זעהט דאָס לעבען ערשט אין דער דערקענטניס. דעקארט'ס „קאָגיטאָ ערגאָ סום" האָט דעם זין: מען לעבט נאָר, ווען מען דענקט. דענקענדעס לעבען הייסט: „גייסטיגעס לעבען"! נאָר דער גייסט לעבט, זיין לעבען איז דאָס אמת'ע לעבען. אַזוי אויך אין דער נאַטור זיינען נאָר די „אייביגע געזעצען", דער גייסט אָדער די פערנונפט פון דער נאַטור, דאָס אמת'ע לעבען פון דער נאַטור. נאָר דער געדאַנק לעבט אין מענשען, ווי אין דער נאַטור; יעדע אנדער זאַך איז טויט! די געשיכטע פון גייסט האָט געמוזט קומען צו אָט דער אבסטראַקציע, צו דעם לעבען פון אַלגעמיינהייטען אָדער לעבענסלאָזע זאַכען. עס לעבט נאָר גאָט אַליין, וועלכער איז גייסט. עס לעבט מעהר גאָרנישט אויסער דער געשפּענסט.

ווי קאָן מען וועלען בעהויפּטען, אז די מאָדערנע פילאָסאָפיע, אָדער די מאָדערנע צייט, האָט געפיהרט צו פרייהייט, אויב זי האָט אונז ניט בעפרייט פון דער געוואַלט פון דער געגענשטאנדליכקייט? בין איך דען פריי פון דעם דעספּאָט, ווען אפילו איך שרעק זיך ניט פאר איהם פערזענליך, אויב איך האָב אָבער מורא פאר יעדער פערלעצונג פון דער פרומער פערעהרונג, וואָס איך האָב זיך איינגעבילדעט, אז איך בין איהם שולדיג? דאָס אייגענע איז אויך בנוגע דער מאָדערנער צייט. זי האָט נאָר פערביטען די עקזיס־טירענדע אָביעקטען, דעם ווירקליכען געוועלטיגער א. אז. וו. אויף פאָרגעשטעלטע, ד. ה. אויף בעגריפען, פאר וועלכע דער אַלטער רעספּעקט האָט זיך ניט נאָר ניט פערלאָרען, נאָר אפילו פערגרעסערט אין אינטענסיוויטעט. אויב די נייע צייט ערלויבט זיך א שפּאָס צו טהאָן פון דער אַמאָליגער גראָב־רעאַליס־טישער פאָרשטעלונג פון גאָט און דעם טייוועל, שענקט זי דערפאר איצטער אַלץ מעהר אויפמערקזאַמקייט צו זייערע בעגריפען. „פון דעם שלעכטען זיינען זיי לויז געוואָרען, דאָס שלעכטע איז געבלי־בען". אַזוי ווי מען האָט זיך איינמאָל ענטשלאָסען מעהר זיך ניט צו לאָזען אימפּאָנירען פון דאָס, וואָס עקזיסטירט און וואָס מען קאָן אָנגרייפען מיט די הענד, האָט מען זיך ניט אָבגעשראָקען צו רעוואָלטירען אנטקעגנען דעם בעשטעהענדען שטאַאט און פערוואַר־פען די בעשטעהענדע געזעצען; אָבער זינדיגען געגען דעם

ב ע ג ר י ף פון שטאאט, זיך ניט אונטערצו־ווארפען דעם ב ע ג ר י ף פון געזעץ, ווער וואָלט דאָס געוואגט? אַזוי איז מען געבליבען א „שטאאט־בירגער“ און א „געזעצליכער“ לאָיאלער מענש; יאָ, מען האלט זיך נאָך אלץ מעהר געזעצליך, וואָס מעהר ראציאָנאליסטיש מען האָט אָבגעשאפט דעם פאָריגען פעהלערהאפטיגען געזעץ, כדי צו דיענען דעם „גייסט פון געזעץ“. אין אלעם דעם האָבען די אָביעקטען געקריגען נאָר אנאנדער געשטאלט, זיי זיינען אָבער פערבליבען אין זייער אויבערמאכט און אויבער־הויכקייט; קורץ, מען איז נאָך געבליבען שטעקען אין געהאָרכזאמקייט און בעזעסענ־קייט, מען האָט געלעבט אין דער ר ע פ ל ע ק ס י אָ ן און געהאט א געגענשטאנד, אויף וועלכען מען האָט רעפלעקטירט, וועמען מען האָט רעספעקטירט, און פאר וועמען מען האָט געפיהלט עהרפאָרכט און פאָרכט. מען האָט מעהר נישט געטאָן ווי פערביטען די ז א כ ע ן אויף פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג ע ן פון די זאכען, אויף געדאנקען און בעגריפען, און די אָבהענגיגקייט איז געוואָרען אלץ מעהר אינערליך און וועניגער מעגליך אויפצולייזען. אַזוי צ. ב. ש. איז עס ניט שווער צו עמאנציפירען זיך פון די געבאָטען פון די עלטערן, צו פערווארפען די מוסר־רעד פון דעם פעטער און דער מוהמע, די בקשות פון דעם ברודער און דער שוועסטער; אָבער אָט די אָבגע־זאָגטע געהאָרכזאמקייט פאָהרט איינעם אריין לייכט אין געוויסען, און וואָס וועניגער מען גיט אפילו נאָך די איינצעלנע פאָרערונגען, ווייל מען זעהט־איין ראציאָנאליסטיש, מיט'ן אייגענעם שכל, אז זיי זיינען ניט פערנינפטיג, אלץ מעהר געוויסענהאפטיג האלט מען פעסט די איבערגעבענהייט צו עלטערן, די פאמיליען־ליעבע, און אלץ שווערער איז עס זיך מוחל צו זיין א פערזינדיגונג אנטקעגען דער פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג, וואָס מען האָט זיך געמאכט פון דער פאמיליען־ליעבע און דער איבערגעבענהייטס־פליכט. ווערענדיג אויסגעלייזט פון דער אָבהענגיגקייט פון דער עקזיסטירענדער פאמי־ליע, פאלט מען אריין אין די בינדענדע אָבהענגיגקייט פון דעם פאמיליען־בעגריף: מען ווערט בעהערשט פון דעם פאמיליען־גייסט. די פאמיליע, וואָס בעשטעהט פון אברהם און שרה און אז. וו., וועמעס הערשאפט איז געוואָרען מאכטלאָז, ווערט נאָר פעראינערליכט, דערמיט וואָס זי בלייבט־איבער אלס „פאמיליע“ בכלל, אויף וועלכע מען ווענדעט אקוראט אָן דעם אלטען שפרוך:

„גאָט מוז מען מעהר פאָלגען איידער דעם מענשען“, וואָס אין דעם פאַל איז די בעדייטונג דערפון: „איך קאָן טאַקע זיך ניט צופּאַסען צו אייערע אונזיניגע פאָדערונגען, אָבער אלס „פאַמיליע“ בלייבט איהר דאָך דער געגענשטאַנד פון מיין ליעבע און זאָרג“; וואָרים די „פאַמיליע“ איז אַ היילינגער בעגריף, וועלכען דער איינצעלנער טאָר קיינמאָל ניט בעליידיגען. —און אָט די פאַמיליע, וואָס איז פּעראינערליכט און ענטזינט געוואָרן אלס אַ געדאַנק, אַ פּארשטעלונג, גילט איצטער אלס דאָס „היילינגע“, וועמעס דעספּאָטיע איז צעהן מאָל אזוי שווער, ווייל זי מאַכט אַ טומעל אין מיין געוויסען. די דאָזיגע דעספּאָטיע קאָן נאָר דאַן געבראָכען ווערן, ווען אפילו די פאָרגעשטעלטע פאַמיליע ווערט פאַר מיר אַ ג אָ ר נ י ש ט. די קריסטליכע פסוקים: „ווייב, וואָס האָב איך מיט דיר צו טהאָן?“,* „איך בין געקומען דעם מענשען אויפרייצען קעגען זיין פאָטער און די טאָכטער קעגען איהר מוטער“** און אנדערע, זיינען בעגלייט מיט אַן אָנווייזונג אויף דער הימעלשער אָדער אייגענטליכער פאַמיליע, און זיי בעטייטען נישט מעהר, ווי די פאָדערונג פון דעם שטאַאט, אז אין פאַל פון אַ צוזאַמענשטויס צווישען איהם און דער פאַמיליע, זאָלען מיר געהאָרכען ז י י נ ע געבאָטען.

דאס אייגענע ווי מיט דער פאַמיליע, אזוי האלט עס מיט דער מאָראַליטעט. פון מאָראַל־געבאָט זאָגען זיך איינינגע אָב, פון דער פאָרשטעלונג „מאָראַליטעט“ — זעהר שווער. די מאָראַליטעט איז די „אידעע“ פון דער מאָראַל, איהר גייסטיגע מאַכט, איהר מאַכט איבער דעם געוויסען; פערקעהרט, די מאָראַל איז צו־מאַטעריעל צו קענען בעהערשען דעם גייסט, און דעם „גייסטיגען“ מענשען; דעם אזוינערופענעם אונאָבהענגיגען, דעם „פריי־גייסט“, בינדט זי ניט.

דער פּראָטעסטאַנט מעג מאַכען וואָס פאַר אַן אָנשטעל ער וויל, די „היילינגע שריפט“, „גאָט'ס וואָרט“ בלייבט איהם דאָך היילינג. ווען דאָס איז פאַר איהם ניט מעהר „היילינג“, האָט ער אויפגעהערט צו זיין — אַ פּראָטעסטאַנט. און דערמיט בלייבט איהם אָבער אויך היילינג, וואָס אין דער דאָזיגער שריפט ווערט

* יאָהאַן, 2, 4.
** מאָטהיוס, 10, 35.

„געהייסען", די פון גאָט בעשטימטע אויטאָריטעטען א. אז. וו. אָט די זאַכען בלייבען פאַר איהם עפּעס, וואָס לייזט זיך ניט אויף, צו וואָס מען טאָר זיך ניט צוריהרען, „למעלה פון אַלע ספיקות"; און אַזוי ווי דער צ ו ו י י פ ע ל, וועלכער ווערט אין דער פּראַקטיק אַן א ו י פ ט ר י י ס ל ו נ ג, איז דעם מענשען׳ס אייגענסטע זאַך, בלייבען דעריבער די דאָזיגע זאַכען „למעלה" פון איהם גופא. ווער עס קאָן זיך דערפון ניט לויז־רייסען, דער וועט — ג ל ו י ב ע ן; וואָרים אין דעריין גלויבען הייסט אָן דעריין ג ע ב ו נ ד ע ן זיין. דורכדעם וואָס אין דעם פּראָטעסטאַנטיזם איז דער ג ל ו י ב ע ן געוואָרען אַן אינערליכער, איז אויך די קנעכטשאַפט געוואָרען אַן אינערליכע: מען האָט די דאָזיגע הייליגקייטען אין זיך אַריינגענומען, זיי פערפלאָכטען מיט דעם אייגענעם גאַנצען דיכטען און טראַכטען, זיי געמאַכט פאַר אַ „זאַך פון געוויסען", אַ „הייליגע פליכט" אויפגעבויט זיך פון זיי. דעריבער איז דעם פּראָטעסטאַנט הייליג דאָס, פון וואָס ער קאָן ניט לויז־קומען, און די ג ע ו ו י ס ע נ ה א פ ט י ג ק י י ט בעצייכענט קלערער ווי אַלץ זיין כאַראַקטער.

דער פּראָטעסטאַנטיזם האָט פאַקטיש געמאַכט דעם מענשען גלייך צו אַ „געהיימען פּאָליציי־שטאַאַט". דער געוויסען, וואָס איז שפּיאָן און לויערער, וואַכט איבער יעדער בעוועגונג פון גייסט, און יעדע טהאַט און יעדער געדאַנק איז ביי איהם אַ „זאַך פון געוויסען", ד. ה. אַ פּאָליציי־זאַך. אין אָט דער צוריסענקייט פון דעם מענשען אין צוויי טיילען, אין „נאַטור־טריעב" און „געוויסען" (דער אינוועניגסטער עולם און די אינוועניגסטע פּאָליציי) בעשטעהט דער עצם פון פּראָטעסטאַנט. די פערנונפט פון דער ביבעל (אַנשטאָט דער קאַטוילישער „פערנונפט פון דער קירך") גילט ביי איהם פאַר הייליג, און דאָס דאָזיגע געפיהל און בעוואוסטזיין, אַז דאָס ביבעל־וואָרט איז הייליג, הייסט — געוויסען. די הייליגקייט ווערט דערמיט אָט אַזוי „אַריינגעזעצט" איינעם אין געוויסען. אויב מען בעפרייט זיך ניט פון געוויסען, פון דעם בעוואוסטזיין פון דאָס הייליגע, קאָן מען נאָך אפשר האַנדלען ניט־געוויסענהאַפטיג, אָבער קיינמאָל ניט געוויסענלאָז.

דער קאַטאָליק פיהלט זיך בעפריעדיגט ווען ער איז מקיים דעם ב ע פ ע ה ל; דער פּראָטעסטאַנט האַנדעלט לויט זיין „בעסטען וויסען און געוויסען". דער קאַטאָליק איז נאָר אַ פּשוט׳ער בשר

ודם, דער פּראָטעסטאַנט איז אַליין אַ גייסטליכער. אָט דאָס איז דער פאָרטשריט איבער דעם מיטעלאַלטער און צוגלייך אויך דער פלוך פון דער רעפאָרמאַציאָנס־פּעריאָדע — וואָס דאָס גייסטליכע איז געוואָרען פאָלשטענדיג.

איז די יעזואיטישע מאָראַל־פילאָסאָפיע געווען עפּעס אַנדערש איידער אַ פאָרטזעצונג פון דעם פערקויף פון אינדולגענציעס (פדיון פאַר דעם אויסקויף פון זינד)? דער איינציגער אונטערשייד איז נאָר, וואָס דער, וועלכער איז בעפרייט געוואָרען פון דעם לאַסט פון זיינע זינד, האָט איצטער געקריגען אַן איינזיכט אין דעם פערגעבען פון זינד און האָט זיך איבערצייגט, ווי זיינע זינד זיינען ווירקליך אַוועקגענומען געוואָרען פון איהם, וואָרים אין דעם אָדער יענעם בעשטימטען פאַל (קאַזואיסטען) איז גאָר קיין זינד ניט דאָס, וואָס ער איז בעגאַנגען. דער פערקויף פון אינדולגענציעס האָט אַלע עבירות און חטאים מותר געמאַכט, און געמאַכט שווייגען יעדען מורמעל פון געוויסען. אַלע זינליכע תאוות מעגען געוועלטיגען, אויב מען האָט זיי נאָר אָבגעקויפט פון דער קירך. אָט די בעגינסטיגונג פון זינליכע תאוות איז פאָרטגעזעצט געוואָרען פון די יעזואיטען, בעת די שטרענגע בעלי־מדות, די פינסטערע, פאַנאַטישע בעלי־תשובה׳ניקעס, געמיטה־צובראָכענע, תהלים־זאָגענדע פּראָטעסטאַנטען — על כל פנים אַלס די אמת׳ע פערפאָל־קאָמער פון קריסטענטום — האָבען אָנדערקענט נאָר דעם גייסטיגען און גייסטליכען מענשען אַליין. דער קאַטאָליציזם, און ספּעציעל די יעזואיטען, האָבען אויף דעם אופן געהאָלפען דעם עגאָיזם; זיי האָבען אפילו אין דעם פּראָטעסטאַנטיזם אַליין געפונען אונ־פּרייוויליגע און אונבעוואוסטזיניגע אָנהענגער, און האָבען אונז געראַטעוועט פון אַ פערקריפּלונג און אונטערגאַנג פון דער זינ־ליכקייט. אין דער זעלבער צייט האָט דער פּראָטעסטאַנטיזם אויסגעשפּרייט זיין הערשאַפט אַלץ ווייטער און ווייטער, און אַזוי ווי דאָס יעזואיטישע שטעלט פאַר לעבען איהם, דעם „געטליכען“, נאָר דאָס „טייפעלשע“, וואָס לאָזט זיך ניט אָבזונדערן פון דאָס געטליכע, קאָן דעריבער דאָס געטליכע זיך אין ערגעץ ניט ארויס־שטעלען אַליין, נאָר מוז צוזעהן, ווי אין פראַנקרייך צ. ב. ש., זיעגט ענדליך דער פיליסטערטום פון דעם פּראָטעסטאַנטיזם מיט דעם גייסט פון אויבען.

דעם פראָטעסטאַנטיזם פלעגט מען מאכען דעם קאָמפּלימענט, וואָס ער האָט דאָס וועלטליכע וויעדער אַוועקגעשטעלט אויף אַן עהרענהאַפטען פוס, צ. ב. ש. די עהע, דעם שטאַאט, א. אז. וו. איהם אָבער איז גראָד דאָס וועלטליכע אלס וועלטליכעס, האָס עולם־הזה'דיגע, נאָך פיעל גלייכגילטיגער איידער דעם קאַטאָליציזם. דער קאַטאָליק לאָזט די וועלט בעשטעהן און האָט אפילו חשק הנאה צו האָבען פון איהרע גענוסען, בעת דער פערנינפטיגער, קאָנזעקווענטער פראָטעסטאַנט וואָלט גאָר איינגאַנצען פערניכטען דאָס וועלטליכע, איינפאַך דורכדעם, וואָס ער היילִיגט עס. אַזוי איז פון דער עהע אַוועקגענומען געוואָרען די נאַטירליכקייט, ווייל זי איז געוואָרען הייליג — ניט אין דעם זין פון דעם קאַטאָלישען סאַקראַמענט, וואו זי בעקומט איהר קדושה פון דער קירך, וואָס דאָס צייגט דאָך, אַז אין גרונד איז זי ניט הייליג, נאָר אין דעם זין, וואָס זי איז לכתחלה הייליג דורך זיך אליין, א הייליג פערהעלטנים. דאָס גלייכען דער שטאַאט א. אז. וו. פריהער האָט דער פויפּסט געגעבען דעם שטאַאט און די פירשטען די היילִיגקייט און זיין ברכה; איצט איז דער שטאַאט פון זיך אליין הייליג, די מאַיעסטעט איז הייליג און בעדאַרף ניט דעם גלח'ס ברכה. איבערהויפּט איז די נאַטור־אָרדנונג אָדער דאָס נאַטור־רעכט געהייליגט געוואָרען אלס „גאָט'ס אָרדנונג". דעריבער הייסט עס צ. ב. ש. אין דער אויגסבורגער קאָנפעסיאָן ארטיקעל 11: „אַזוי בלייבען מיר איצטער ביי דעם שפּרוך, ווי די יוריסקאָנסולען האָבען קלוג און ריכטיג געזאָגט: אַז מאַן און ווייב זאָלען זיין ביינאַנד איז א נאַטירליך רעכט. היינט אַז עס איז א נאַטירליך רעכט, איז דאָס גאָט'ס אָרדנונג, בכן אין דער נאַטור געפּלאַנצט און ממילא אויף געטליך רעכט". און איז דאָס אפשר מעהר איידער אַן אויפגעקלערטער פּראָטעסטאַנטיזם, ווען פייערבאַך האַלט די מאָראַלע פערהעלטניסען פאַר הייליג, זאָל אפילו זיין ניט אלס גאָט'ס אָרדנונג, אָבער דערפאַר צוליעב דעם גייסט, וואָס ליעגט אין זייער עצם? ער שרייבט:* „אָבער די עהע — נאַטירליך אלס פרייער בונד פון ליעבע — איז הייליג דורך זיך אליין, דורך דער נאַטור פון דער פערבינדונג, וואָס

* „וועזען דעם קריסטענטומס", ז. 403.

ווערט דאָ געשלאָסען. נאָר די עהע איז א רעליגיעזע, די איז אן אמת׳ע, וועלכע שטימט מיט דעם עצם פון דער עהע, די ליעבע. און אזוי איז עס מיט אלע מאָראלע פערהעלטניסען. זיי זיינען נאָר דאָרט מאָראלישע, נאָר דאָרט ווערען זיי קולטי־ווירט מיט א מאָראלישען זין, ווען זיי גילטען אלס רעליגיעזע דורך זיך אליין. אמת׳ע פריינדשאַפט איז נאָר דאָרט, וואו די גרעניצען פון דער פריינדשאַפט ווערען אָבגעהיט מיט א רעליגיעזער געוויסענהאַפטיגקייט, מיט וועלכער דער גלויביגער היט אָב די עהרווירדיגקייט פון זיין גאָט. הייליג איז און זאָל דיר זיין די פריינדשאַפט, הייליג דאָס אייגענטום, הייליג די עהע, הייליג דאָס וואוילזיין פון יעדען מענשען, אָבער הייליג אן און פאר זיך אליין".

דאָס איז א זעהר וועזענטליכער פונקט. אין דעם קאַטאָלי־ציזם קאָן דאָס וועלטליכע טאַקע ווערן א דבר שבקדושה אדער געהייליגט, אָבער אָהן דער דאָזיגער פריעסטערליכער ברכה איז דאָס ניט הייליג; פערקעהרט אין דעם פּראָטעסטאַנטיזם זיינען די וועלטליכע פערהעלטניסען הייליג דורך זיך אליין, זיי זיינען הייליג דורך זייער בלויזער עקזיסטענץ. דער יעזואיטישער פּרינציפּ: „דער צוועק הייליגט די מיטלען" שטימט גענוי מיט דער קדושה, דורך וועלכער זאכען ווערען פערהייליגט. פאַר זיך אליין איז קיין מיטעל ניט הייליג, ניט אונהייליג, זאָנדערן זיין בעציהונג צו דער קירך, זיינע נוצען פאַר דער קירך, הייליגט דעם מיטעל. הרג׳ענען א קעניג איז אָנגעגעבען געוואָרען אלס אזא מיטעל; אויב עס איז געטאָן געוואָרען אין די אינטערעסען פון דער קירך, קאָן מען זיכער זיין, אז די טהאַט וועט קריגען איהר פערהייליגונג, ווען אפילו ניט אָפען אויסגעשפּראָכען. ביי דעם פּראָטעסטאַנט איז די מאַיעסטעט הייליג, ביי דעם קאַטאָליק איז זי נאָר דאַן הייליג, ווען זי איז אריינגעפיהרט געוואָרען לקדושה דורך דעם אויבערפּריעסטער, און אויך נאָר דערפאַר, ווייל דער פּויפּסט האָט איהר איינגעטיילט די דאָזיגע הייליגקייט איינמאָל פאַר אלע־מאָל, אויב אפילו ניט דורך א ספּעציעלען אקט. וואָלט ער זיין קדושה צוריקגעצויגען, דאַן וואָלט דער קעניג געבליבען פאַר דעם קאַטאָליק נישט מעהר ווי „א וועלט־מענש אָדער א פּשוט׳ער בשר ודם", א ניט־קיין־פערהייליגטער.

אויב דער פּראָטעסטאַנט זוכט אין דאָס זינליכע גופא צו ענטדעקען אַ היילינקייט, כדי ער זאָל זיך קאָנען בעהעפטען נאָר מיט דאָס וואָס איז הייליג, שטרעבט גיכער דער קאַטאָליק צו פערטרייבען פון זיך דאָס זינליכע אין אַ בעזונדער געביעט, וואו עס האָט זיך אַ ווערטה פאַר זיך, ווי אַנדערע טיילען פון דער נאַטור. די קאַטאָלישע קירכע האָט אָבגעשאַפט די וועלטליכע עהע פון איהר הייליגען שטאַנד און האָט איהרע מענשען אָבגעצויגען פון דער וועלטליכער פאַמיליע; די פּראָטעסטאַנטישע קירך האָט די עהע און דעם פאַמיליען־באַנד דערקלערט פאַר הייליג, און דעריבער ניט אונפאַסיג פאַר איהרע גייסטליכע.

אַ יעזואיט מעג ווי אַ גוטער קאַטאָליק הייליגען אַלעס. ער דאַרף נאָר צ. ב. ש. זיך זאָגען: איך אַלס פּריעסטער בין נויטיג פאַר דער קירך, איך קאָן איהר אָבער דיענען מיט מעהר אייפער, ווען איך בערוהיג מיינע געלוסטען ווי געהעריג איז; דעריבער וויל איך פערפיהרען אָט דאָס מיידעל, לאָזען פערגיפטען יענעם פריינד מיינעם א. אז. וו. מיין צוועק איז הייליג, ווייל עס איז אַ פּריעסטער׳ס צוועק, פאָלגליך הייליגט ער דעם מיטעל. וואָרים סוף כל סוף ווערט עס דאָך געטאָן צום נוצען פון דער קירך. פאַרוואָס זאָל דער קאַטאָלישער גלח זיך אָבשרעקען צו דערלאַנגען דעם קייזער היינריך דעם זיעבעטען דאָס פערגיפטעטע הייליג־ברויט — צום וואוילזיין פון דער קירך?

די עכט־קירכליכע פּראָטעסטאַנטען האָבען געטאַדעלט יעדען „אונשולדיג פערגעניגען“, ווייל נאָר דאָס הייליגע, דאָס גייסטיגע קאָן זיין אונשולדיג. אין וואָס זיי האָבען ניט געקאָנט נאָכווייזען דעם הייליגען גייסט, האָבען די פּראָטעסטאַנטען געמוזט פערוואַרפען: טענץ, טעאַטער, פּוץ (צ. ב. ש. אין דער קירך) און דערגלייכען.

אין פערגלייך מיט אָט דעם פּוריטאַנישען קאַלוויניזם איז דער לוטעראַניזם ווידער מעהר אויף דעם רעליגיעזען, ד. ה. גייסטיגען וועג — ער איז ראַדיקאַלער. דער ערשטער שליסט מיט אַמאָל אויס אַ מענגע זאַכען אַלס זינליכע און וועלטליכע, און **פּוריפיצירט** די קירך; דער לוטעראַניזם דאַגעגען זוכט וואו נאָר מעגליך אַריינצוברענגען אין אַלע זאַכען **גייסט**, צו דערקענען אין אַלץ דעם הייליגען גייסט אַלס וועזען, און אויף דעם

אופן צו הייליגען אלץ, וואס איז וועלטליך. („איינען קום אין עהרען קאנן ניעמאנד וועהרען". דער גייסט פון עהע הייליגט איהם.) דעריבער איז עס געלונגען דעם לוטהעראנער העגעל (ער האט זיך אין ערגעץ א שטעלע דערקלערט דאפיר: „ער וויל א לוטהעראנער בלייבען") פאלשטענדיג דורכצופיהרען דעם בעגריף אומעטום. אין אלץ איז פערנונפט, ד. ה. הייליגער גייסט, אדער — „דאס ווירקליכע איז פערנינפטיג". דען דאס ווירקליכע איז פאקטיש אלץ, היות ווי אין יעדער זאך, אפילו אין א ליגען, קאן אויפגעדעקט ווערען די ווארהייט: עס איז ניטא קיין אבסאלוטער ליגען, קיין אבסאלוטע שלעכטס, און דערגלייכען.

גרויסע „גייסט-ווערק" זיינען געשאפען געווארען כמעט נאר פון פראטעסטאנטען, אזוי ווי זיי אליין זיינען געווען די אמת'ע תלמידים און דורכפיהרער פון גייסט.

---

ווי וועניג זאכען א מענש האט בכח צו קאנטראלירען! ער מוז די זון לאזען געהן איהר וועג, דעם ים טרייבען זיינע וואלען, די בערג קריכען צום הימעל. אזוי שטעהט ער מאכטלאז אנטקעגען דאס אונקאנטראלירבארע. קאן ער זיך וועהרען פון דעם איינדרוק, אז ער איז אונמעכטיג אנטקעגען אט דער ריעזענהאפטיגער וועלט? זי איז א פעסט געזעץ, צו וועלכען ער מוז זיך אונטערווארפען, זי בעשטימט זיין שיקזאל. צו וואס האט די פאר-קריסטליכע מענשהייט געשטרעבט? זי האט געשטרעבט צו בעפרייען זיך פון דעם ארייגשטורעמען פון מזל, פון שיקזאל, ניט צו לאזען זיך ענדערן פון זיי. די סטאיקער האבען דאס דערגרייכט אין דער אפאטהיע, ד. ה. דורכדעם וואס זיי האבען זיך דערקלערט גלייכגילטיג צו די אנגריפען פון דער נאטור, און האבען ניט דערלאזט זיי זאלען האבען א ווירקונג אויף זיי. האראץ זאגט ארויס דעם בעריהמטען שפרוך „ניל אדמי-ראריי" (פון גארנישט נתפעל ווערן), וואס פערקינדיגט אויפ'ן זעלביגען אופן די גלייכגילטיגקייט צו דעם אנדערן, צו דער וועלט: זי זאל אויף אונז ניט מאכען קיין ווירקונג, ניט ארויסרופען אונזער ערשטוינען. און יענע ווערטער זיינע: „אימפאווידום פעריענט רואינאע" דריקט אויס דיזעלביגע אונאב-געשראקענקייט, ווי דער מזמור 46 פון תהלים, פסוק 3:

„מיר האָבען קיין מורא ניט, ווען אפילו די וועלט זאָל אונטערגעהן" (על כן לא נירא בהמיר ארץ). אין אָט דעם אלעם ווערט געעפענט א טיר פאר דעם קריסטליכען געדאנק, אז די וועלט איז הבל — פאר דער קריסטליכער וועלט־פעראכטונג.

דער געלאסענער, אונערשיטערליכער גייסט פון דעם „קלוגען מענשען", מיט וועלכען די אלטע וועלט האָט זיך מכין געווען צו איהר סוף, האָט איצט דערפיהלט אַן אינערליכע ערשיטערונג, אקעגען וועלכער קיין אטאראקסיע (ליידענשאפטלאָזיגקייט), קיין סטאָישער מוטה האָט איהם ניט געקאָנט שיצען. דער גייסט, וואָס איז געזיכערט פון אלע איינפלוסען פון דער וועלט, וואָס איז ניט עמפינדליך צו איהרע קלעפּ און שטעהט העכער פאר איהרע אַנגריפען, וואָס בעוואונדערט גאָרנישט, וואָס קאָן ניט דורך קיין חורבן פון דער וועלט ארויסגעבראכט ווערען פון געדולד — ער האָט וויעדער אָנגעהויבען צו זידען אָהן אַן אָבהאַלט, ווייל גאַזען (גייסטער) האָבען זיך ענטוויקעלט אין זיין איינענעם אינוועניג, און נאָכדעם ווי דער מעכאנישער שטויס, וואָס קומט פון דרויסען, איז געוואָרען אונווירקזאם, האָבען די כעמישע שפּאַנונגען, וואָס רעגען אויף פון אינוועניג, אָנגעהויבען צו טרייבען זייער וואונדערבארען שפּיעל.

פאקטיש ענדיגט זיך די אלטע געשיכטע דערמיט, וואָס איך האָב אויסגעקעמפט מיין אייגענטום פון דער וועלט. „אלע זאכען זיינען מיר איבערגעגעבען געוואָרען פון מיין פאָטער". (מאטיוס 11, 27.) זי, די וועלט, האָט אויפגעהערט צו זיין פאר מיר איבערמעכטיג, ניט־צוגענגליך, הייליג, א. אז. וו.; זי איז „ענטגעטערט"; איך בעהאנדעל זי איינגאנצען ווי מיר געפעלט, אזוי אז ווען איך וואָלט נאָר געוועלט, וואָלט איך געקאָנט אויסאיבען אויף איהר אלע וואונדער־קרעפטען, ד. ה. די מאכט פון גייסט. איך וואָלט איבערגעקעהרט בערג, וואָלט בעפוילען די מוילבער־בוימער זיי זאָלען זיך אליין אויסרייסען און פערזעצען זיך אין ים (לוקאס, 17, 6), און וואָלט אלעס מעגליכע, ד. ה. דענקבארע געקאָנט טהאָן: „אלע זאכען זיינען מעגליך פאר דעם, וואָס גלויבט" (מארק, 9, 23). איך בין דער הארר פון דער וועלט, די „הערליכקייט" איז מיינע. די וועלט איז געוואָרען פּראָזאיש, וואָרים דאָס געטליכע איז פון איהר פערשוואונדען:

זי איז מיין אייגענטום, מיט וועלכען איך קאָן שאַלטען און וואַלטען ווי מיר (ד. ה. דעם גייסט) געפעלט.

ווען איך האָב מיך אזוי ווייט דערהויבען, צו זיין דער אייגענטימער פון דער וועלט, דאמאָלסט האָט דער עגאָיזם געוואונען זיין ערשטען פאָלשטענדיגען זיעג: ער האָט מנצח געווען די וועלט, איז וועלטלאָז געוואָרען, און האָט בעהאַלטען די ערווערבונג פון אַ לאַנגען וועלטאַלטער אונטער שלאָס און ריעגעל.

דאָס ערשטע אייגענטום, די ערשטע „העררליכקייט“ איז ערוואָרבען געוואָרן!

אָבער דער הארר פון דער וועלט איז נאָך ניט דער הארר פון זיינע געדאַנקען, פון זיינע געפיהלען, פון זיין ווילען: ער איז ניט דער הארר און אייגענטימער פון גייסט, וואָרים דער גייסט איז נאָך הייליג — דער „הייליגער גייסט“ — און דער „וועלטלאָזער“ קריסט האָט ניט בכח צו ווערן „גאָטלאָז“. אויב דער אוראַלטער קאַמף איז געווען אַ קאַמף געגען דער וועלט, איז דער מיטעלאַלטערליכער (דער קריסטליכער) אַ קאַמף געגען זיך, דעם גייסט; יענער איז געווען אַ קאַמף געגען דער דרויסען־וועלט, דער — אנטקעגען דער אינערליכער וועלט. דער מיטעלאַלטערליכער מענש איז דער מענש, וואס זיין בליק איז „אין זיך געקעהרט“, דער זינענדער, זיני־גער מענש.

די גאַנצע חכמה פון די פאַרצייטיגע איז וועלט־חכמה, די גאַנצע חכמה פון די נייע איז למודי ה׳, טעאָלאָגיע.

די היידען (דארונטער אויך די אידען) זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט דער וועלט; אָבער איצט איז די זאַך פאַרטיג צו ווערען אויך מיט זיך, מיט דעם גייסט, ד. ה. ווערען גייסטלאָז אָדער גאָטלאָז.

כמעט צוויי טויזענד יאָהר אז מיר ארבייטען דערויף, אונטער־טעניג צו מאַכען דעם הייליגען גייסט צו אונז, און ביסלעכווייז האָבען מיר אויסגעריסען איין שטיק הייליגקייט נאָך דעם אנדערן און זיי געטראָטען אונטער די פיס; אָבער דער ריעזיגער געגנער דערהויבט זיך אַלעמאָל פון דאָס ניי אונטער אַ פערענדערטער געשטאַלט און אַנאַנדער נאָמען. דער גייסט איז נאָך ניט ענט־געטערט, ענטהייליגט, נאָך ניט געמאַכט פאַר אוים קדוש. אמת, ער

פלאַטערט שוין פון לאַנג־אַן ניט מעהר ווי א טויב איבער אונזערע קעפּ; אמת, ער בעגליקט שוין ניט מעהר בלויז זיינע הייליגע, נאָר ער לאָזט זיך כאַפּען אפילו פון פּראָסטע בשר ודם׳ס א. אז. וו. אָבער אלס גאָט פון דער מענשהייט, אלס מענשענגייסט, ד. ה. אלס גייסט פון דעם מענשען, בלייבט ער מיר און דיר נאָך אלץ א פרעמדער גייסט, נאָך אלץ ווייט פון צו ווערען אונזער אונבעשרענקטעס אייגענטום, מיט וועלכען מיר קאָנען שאַלטען און וואַלטען ווי אונז געפעלט. פונדעסטוועגען האָט איין זאַך זיכער פּאַסירט און האָט קלאָר אָנגעפיהרט דעם גאַנג פון דער נאָכקריסטליכער געשיכטע: די האַזיגע זאַך איז געווען, דאָס שטרעבען דעם הייליגען גייסט מענשליכער צו מאַכען און צו דערנעהנטערן איהם צו די מענשען אָדער די מענשען צו איהם. דערפון איז עס געקומען, וואָס ער האָט לסוף געקאָנט אויפגעפאַסט ווערען אלס דער „גייסט פון דער מענשהייט“, און האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען אונטער די פערשיידענע אויסדריקען, ווי די „אידעע פון דער מענשהייט“, „מענשענטום“, „הומאַניטעט“, „אלגעמיינע מענשענליעבע“ א. אז. וו. מעהר אָנציהענד, מעהר פאַמיליאַר און מעהר צוגעננגליך.

וואָלט מען ניט געקאָנט מיינען, אז איצט קאָן יעדערער בעזי־צען דעם הייליגען גייסט, אויפנעהמען אין זיך די „אידעע פון דער מענשהייט“, ברענגען דאָס מענשענטום צו א געשטאַלט און אַן עקזיסטענץ אין זיך?

ניין, דער גייסט איז נאָך אָנגעקליידט אין זיין הייליגקייט און לאָזט נאָך אלץ ניט צוטרעטען צו זיך; מיר קאָנען צו איהם ניט דערלאַנגען, ער איז ניט אונזער אייגענטום; וואָרים דער גייסט פון דער מענשהייט איז ניט מיין גייסט. מיין אידעאַל קאָן ער זיין, און אלס געדאַנק רוף איך איהם אָן מיינער: דער געדאַנק פון דער מענשהייט איז מיין אייגענטום, און איך בעווייז דאָס גענוג דורכדעם, וואָס איך שטעל איהם אויף אינ־גאַנצען אין מיין זין און גיב איהם היינט אזא פּנים, מאָרגען אַנאַנ־דערן; מיר שטעלען זיך איהם פאָר אויף די פערשיידענסטע אופנים. ער איז אָבער אין דערזעלביגער צייט ווי א בעשרענקטע ירושה, וועלכע איך קאָן ניט געברויכען און פון וועלכער איך קאָן זיך אויך ניט אָבזאָגען.

צווישען פיעלערליי אומגעשטאלטונגען איז פון דעם הייליגען גייסט מיט דער צייט געוואָרען די „אבסאָלוטע אידעע“, וועלכע איז ווידער צופאלען אין די פערשיידענע אידעען פון מענשענליעבע, פערנינפטיגקייט, בירגער־טוגענד א. אז. וו.

קאָן איך דען אָבער אָנרופען די אידעע מיין אייגענטום, ווען זי איז די אידעע פון דער מענשהייט? און קאָן איך דען האלטען, אז דער גייסט איז בעזיעגט, ווען איך דאַרף איהם דיענען און „מיך אָפּפערן“ צו איהם? דאָס אלטערטום האָט ביי זיין ענד ערשט דאן געוואונען זיין אייגענטום פון דער וועלט, ווען עס האָט געבראָכען איהר אויבערמאכט און „געטליכקייט“, ווען עס האָט דערקענט איהר אָהנמאכט און „אייטעלקייט“.

דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם גייסט. ווען איך האָב איהם אראָבגעזעצט צו דער מדרגה פון א רוח און זיין מאכט איבער מיר צו דעם ווערטה פון א צודרעהטען מוח, דאַן ווערט ער בעטראַכט אוים קדוש, איז ענטהייליגט, ענטגעטערט, און דאַן געברויך איך איהם ווי מען געברויכט די נאטור, אָהן איינזעהעניש, ווי איינעם געפעלט.

די „נאַטור פון דער זאך“, דער „בעגריף פון דער שייכות“ דאַרף מיך פיהרען אין דער בעהאנדלונג פון דער זאך אָדער ביים שליסען די שייכות. אַזוי ווי א בעגריף פון א זאך עקזיסטירט פאַר זיך אליין און איז ניט פיעל מעהר דער בעגריף, וואָס מען מאכט זיך פון דער זאך! אַזוי ווי א שייכות, אין וועלכער מיר טרעטען אריין, וואָלט ניט געוואָרן, דורך דער איינציגקייט פון די, וואָס טרעטען אין איהר אריין, אליין איינציג! אַזוי ווי זי וואָלט אָבגעהאנגען פון דעם, ווי אַנדערע בעצייכענען זי! אַזוי באלד אָבער ווי מען האָט אָבגעטיילט דאָס „וועזען פון מענשען“ פון דעם ווירקליכען מענשען און מען האָט דעם לעצטען געאורטיילט לויט דעם ערשטען נאָך, אַזוי האָט מען אויך זיין האנדלונג אָבגעטיילט פון איהם אליין און זי אָבגעשאַצט לויט דעם „מענשליכען ווערטה“ נאָך. בעגריפען דאַרפען אומעטום ענטשיידען, בעגריפען דאַרפען רעגולירען דאָס לעבען, בעגריפען דאַרפען הערשען. דאָס איז די רעליגיעזע וועלט, וועלכער העגעל האָט געגעבען א סיסטעמאטישען אויסדרוק, דורכדעם וואָס ער האָט אריינגעבראַכט א מעטאָדע אין דעם אונזין און האָט די בעגריף־פּרינציפּען פער־

ענדיגט אין א רונדער, פעסט־בעגרינדעטער דאָגמאטיק. אַליז ווערט אַבגעציםבעלט לויט בעגריפען, און דער ווירקליכער מענש, ד. ה. איך, ווער געצוואונגען צו לעבען לויט אָט די בעגריף־געזעצען. קאָן עס דען געבען אַן ערגערע געזעץ־הערשאפט, און האָט דען ניט דאָס קריסטענטום גלייך אין אָנהויב מודה געווען, אז ער וויל נאָר די געזעץ־הערשאפט פון דעם יודענטום נאָך שארפער אָנציהען? („ניט איין בוכשטאב פון געזעץ זאָל פערלאָרן געהן!").

דער ליבעראליזם האָט נאָר איינגעפיהרט אנדערע בעגריפען, דהינו אנשטאָט די געטליכע — מענשליכע, אנשטאָט די קירכ־ליכע — שטאאטליכע, אנשטאָט די גלויביגע — וויסענשאפטליכע, אָדער בכלל גערעדט, אנשטאָט „רויהע דאָגמען" און פרינציפען — ווירקליכע בעגריפען און אייביגע געזעצען.

איצטער הערשט אין דער וועלט מעהר גאָרנישט אויסער דער גייסט. אַן אונצעהליגע מענגע בעגריפען טומלען זיך ארום אין די קעפּ, און וואָס טהוען די פּראָגרעסיסטען? זיי לייקע־נען די בעגריפען, כדי צו ברענגען אויף זייער אָרט נייע! זיי זאָגען: איהר מאכט זיך א פאלשען בעגריף פון רעכט, פון שטאאט, פון מענשען, פון דער פרייהייט, פון דער װארהייט, פון דער עהע א. אז. וו.; פיעל ריכטיגער איז גאָר דער בעגריף פון רעכט א. אז. וו., וועלכען מיר שטעלען איצט אויף. אָט אזוי געהט דאָס בעגריף־טומלעניש פאָרווערטס.

די וועלטגעשיכטע איז זיך בעגאנגען מיט אונז שרעקליך, און דער גייסט האָט בעקומען אַן אַלמעכטיגע געוואַלט. דו מוזט אכטען מיינע מיזעראבלע שיך, וועלכע וואָלטען געקאָנט בעשיצען דיינע נאקעטע פיס, מיין זאַלץ, מיט וועלכען דיינע קארטאָפעל קאָנען האָבען א טעם, און מיין פערפוצטע קארעטע, וואָס אויב דו וואָלסט זי פערמאָגט, וואָלסטו זיך בעפרייט פון אַלע נויטען מיט אמאָל: דו טאָרסט אָבער ניט אויסשטרעקען דיין האנד נאָך דעם. דער מענש דאַרף אָנדערקענען די ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג־ק י י ט פון אָט די אַלע און נאָך אַנדערע אונצעהליגע זאכען; ער דאַרף זיי בעטראכטען ווי עפּעס, וואָס מען קאָן ניט אָנגרייפען און צו וואָס מען טאָר ניט צו־נאָהענט צוקומען, וואָס דאַרף געהאַלטען ווערען ווייט פון איהם. ער מוז עס אכטען, רעספּעקטירען; וועה צו איהם, ווען ער שטרעקט אויס מיט בעגעהר זיינע פינגער נאָך

דעם: מיר רופען דאָס „האָבען לאַנגע הענד“!

ווי בעטלעריש ווענינ איז פאַר אונז געבליבען, יאָ, אייגענט־ליך, ווי ווירקליך גאָרנישט! אַלץ איז אַוועקגערויבט געוואָרען, מיר טאָרען זיך ניט דערוועגען אויף וואָס א האָר איז ווערטה, ווען מען גיט עס אונז ניט: מיר לעבען נאָר מיט דעם חסד פון דעם געבער. דו מוזט ניט אויפהעבען א שפּילקע פון דער ערד, סיידען דו האָסט געקריגען די ערלויבניש אז דו מעגסט. און פון ווענען געקריגען די ערלויבניש? פון דעם רעספּעקט! נאָר יעמאָלט, ווען ער לאָזט זי דיר איבער אַלס אייגענטום, נאָר ווען דו קאָנסט זי אַלס אייגענטום רעספּעקטירען, נאָר דאַן מאָגסטו זי נעהמען. היינט ווידער, זאָלסט קיין געדאַנק ניט פאַסען, קיין זילבע ניט אַרויסרעדען, קיין האַנדלונג ניט בעגעהן, וועלכע האָט איהר בערעכטיגונג געפונען אין דיר אַליין, אַנשטאָט זי צו בעקומען פון דער מאָראַל אָדער פון דער פערנונפט אָדער פון דער מענשהייט. גליקליכע אוננעצוואוננענקייט פון דעם בעגעהרליכען מענשען, ווי אונבאַרמהערציג מען האָט געזוכט דיך צו שלאַכטען אויפ'ן מזבח פון געצוואוננענקייט!

אַרום דעם מזבח אָבער בויט זיך דער געוועלב פון א קירך, און איהרע מויערן רוקען זיך אַלץ ווייטער און ווייטער אַרויס. וואָס די דאָזיגע מויערן שליסען איין, איז — הייליג. דו קאָנסט ניט מעהר אהין דערלאַנגען, קאָנסט עס ניט מעהר אָנריהרען. אויס־שרייענדיג פון נאָגענדען הונגער, דרעהסטו זיך אום אַרום די דאָזינע מויערן אויפצוזוכען דאָס ביסעל אונהייליגע, און וואָס ווייטער ווערן אַלץ ברייטער די קרייזען פון דיין אַרומגעהן. באַלד וועט די דאָזיגע קירך אַרומשפּאַנען די גאַנצע ערד, און דו ווערסט אַרויס־געטריבען ביז צום אויסערסטען ראַנד; נאָך איין טריט, און די וועלט פון הייליגעס האָט געזיעגט: דו זינקסט אַרונטער אין דעם אָבגרונד. דערום מוטהיג זיך, כל זמן עס איז נאָך צייט; בלאָנדזשע ניט אַרום מעהרער אויפ'ן אָבגעגראַזטען פעלד פון האָס אונהייליגע, דערוועג זיך א שפּרונג צו טהאָן און רייס זיך אַריין דורך די טויערן אין הייליגען אָרט גופא. ווען דו פערצעהרסט דאָס הייליגע, דאַן האָסטו עס געמאַכט פאַר דיין אייגענס! פערדייה דעם לחם הפּנים, ווערסטו דאַן פּטור פון איהם!

# III

# די פרייע

אזוי ווי די אַלטע און די נייע זיינען אויבען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין צוויי אָבטיילונגען, קאָן עס אויסזעהן, אז די פרייע וועלען דאָ בעשריבען ווערן אין א דריטער אָבטיילונג, אַלס א זעלבסטשטענדיגע און אָבגעזונדערטע קאַטעגאָריע. איז דאָס ניט אזוי. די פרייע זיינען נאָר די נייערע און נייעסטע צווישען די „נייע", און ווערן דאָ געבראַכט אין א בעזונדער אָבטיילונג בלויז דערפאַר, ווייל זיי געהערן צו דער געגענוואַרט, און דאס געגענ־ווערטיגע נעהמט אונזער אויפמערקזאַמקייט אין אַנשפּרוך מעהר פאַר אַלץ. איך גיב די „פרייע" בלויז אַלס איבערזעצונג פון די „ליבעראַלע", און וואָס איז נוגע דעם בעגריף פון פרייהייט, ווי בכלל די פיעלע אנדערע זאַכען, וואָס מען קאָן ניט אויסמיידען צו דערמאָנען איידער זיי זיינען דערקלערט געוואָרן, מוז איך אָבשי־קען צו דאָס שפּעטיגערע.

## § 1. דער פּאָליטישער ליבעראַליזם.

נאָכדעם ווי דער בעכער פון דער אזויגערופענער אבסאָלוטער מאָנאַרכיע איז אויסגעלעדיגט געוואָרן אזוי גוט ווי ביז דעם אָבזאַץ פון דעק, איז מען אין אכצעהנטען יאָהרהונדערט שוין צו־גוט קלאָר געוואָרן, אז דער געטראַנק האָט ניט קיין מענשליכען טעם, אזוי אז צו נאָך א כוס'ע האָט מען שוין גאָר קיין לוסט ניט געהאַט. אַזוי ווי אונזערע טאַטעס זיינען נאָך אַלעמען דאָך געוועזען „מענשען", האָבען זיי ענדליך פערלאַנגט, מען זאָל זיי אויך האַלטען פאַר מענשען.

ווער עס זעהט אין אונז עפּעס אנדערש איידער מענשען, אין דעם וועלען מיר אויך ניט זעהן קיין מענשען, נאָר אַן אונמענשען, און וועלען איהם בעגעגענען ווי אַן אונמענשען; פערקעהרט, ווער עס אָנדערקענט אונז פאַר מענשען, און בעשיצט אונז פון דער

געפאהר אונמענשליך בעהאנדעלט צו ווערן, דעם וועלען מיר אבגעבען כבוד ווי אונזער אמת'ן בעשיצער און בעשירמער.

לאמיר דעריבער זיך האלטען צוזאמען און בעשיצען איינער אין דעם אנדערן דעם מענשען. מיר וועלען דאן אין אונזער צוזאמענהאלט געפינען דעם נויטיגען שוץ, און וועלען אין אונז, די צוזאמענהאלטענדע, האבען א געמיינשאפט פון אזוינע, וואס קענען זייער מענשווערדע און האלטען זיך צוזאמען אלס „מענשען“. אונזער צוזאמענהאלט איז דער שטאאט, מיר די צוזאמענהאלטענדע זיינען די נאציאן.

אין אונזער צוזאמען־זיין אלס נאציאן אדער שטאאט זיינען מיר נאר מענשען. ווי מיר בענעהמען זיך זאנסט אלס איינצעלנע, און אונטער דער שליטה פון וועלכע אונאייגעננוציגע אימפולסען מיר מעגען ניט ארונטערפאלען, געהערט עס לגמרי צו אונזער פריוואטלעבען; אונזער עפענטליך־ אדער שטאאט־לעבען איז א ריין מענשליך לעבען. וואס עס שטעקט אין אונז אונמענשליכעס אדער „עגאיסטישעס“, דאס פאלט ארונטער צו דער מדרגה פון „פריוואטזאך“, און מיר שיידען גענוי אב דעם שטאאט פון דער „בירגערליכער געזעלשאפט“, אין וועלכער דער „עגאיזם“ געפינט זיין ארט.

דער ריכטיגער מענש איז די נאציאן, דער איינצעלנער אבער איז שטענדיג אן עגאיסט. דעריבער ווארפט אראב פון זיך אייער איינצעלקייט אדער פעראיינצעלונג, אין וועלכער עס לעבט די עגאיסטישע אונגלייכהייט און די מחליקות, און גיט זיך אב בקדושה איינגאנצען דעם ריכטיגען מענשען, דער נאציאן אדער דעם שטאאט. דאמאלסט וועט איהר זיין בבחינת מענשען און האבען אלץ, וואס איז דעם מענשען'ס. דער שטאאט, דער ריכטיגער מענש, וועט אייך בערעכטיגען צו דאס, וואס איז זיינס, און וועט אייך געבען די „מענשענרעכט“: דער מענש גיט אייך זיינע רעכט!

אט אזוי קלינגט די רעדע פון דעם בירגערטום.

דער בירגערטום איז מעהר גארנישט ווי דער געדאנק, אז דער שטאאט איז דער כל וכל, דער ריכטיגער מענש, און אז די מענשענווערדע פון דעם איינצעלנעם בעשטעהט אין זיין א שטאאט־בירגער. צו זיין א גוטער בירגער — דעריין זוכט ער זיין העכסטע עהרע; איבער דעם וויים ער ניט פון קיין העכערעס, אויסער,

העכסטענס, די פארצייטיגע גרעסטע זאך — זיין א גוטער קריסט.

דאס בירגערטום האט זיך ענטוויקעלט אין קאמף אנטקעגען די פריווילעגירטע קלאסען, פון וועלכע ער איז קאוואליערייש בעהאנדעלט געווארען אלס דער „דריטער שטאנד“ און צוזאמענגעוואָרפען געווארען אינאיינעם מיט דער „קאנאליע“. מען האט, הייסט עס, ביז דאן אין שטאאט „אנגעזעהן די אונגלייכע פערזאן“. דער זוהן פון אן ארעליגען פלעגט אויסגעקליבען ווערן פאר די עמטער, צו וועלכע דער אנגעזעהענסטער בירגער האט אומזיסט געשטרעבט א. אז. וו. אנטקעגען דעם האט דאס בירגערליכע געפיהל רעוואלטירט. עס זאל מעהר ניט זיין קיינע אויסצייכענונגען, קיינע פריווילעגיעס פאר פערזאנען, קיינע קלאסען־אונטערשיידען! אלע זיינען גלייך! קיינע בעזונדערע אינטערעסען זאלען מעהר ניט אנגעהן, נאר אלגעמיינע אינטערעסען. דער שטאאט זאל זיין א געמיינשאפט פון פרייע און גלייכע מענשען, און יעדערער זאל זיך אבגעבען „לטובת הכלל“; ער זאל זיך אויפלייזען אין דעם שטאאט, ער זאל דעם שטאאט מאכען פאר זיין צוועק און אידעאל. שטאאט! שטאאט! האט געקלונגען דער אלגעמיינער געשריי, און מען האט זיך גענומען זוכען די „ריכטיגע שטאאט־פערפאסונג“, די בעסטע קאנסטיטוציע, דעם שטאאט, הייסט עס, אין זיין בעסטער אויפפאסונג. דער שטאאט־געדאנק האט זיך אריינגעצויגען אין אלע הערצער און געוועקט בעגייסטערונג; צו דיענען איהם, אט דעם וועלטליכען גאט, איז געווארן דער נייער גאטעסדיענסט און קולט. די ריכטיגע פאליטישע עפאכע איז אנגעקומען. דיענען דעם שטאאט אדער דער נאציאן איז געווארן דער העכסטער אידעאל, די שטאאט־אינטערעסען — די העכסטע אינטערעסען, שטאאט־דיענסט (צו וואס עס איז אויף קיין פאל ניט נויטיג צו זיין דוקא א בעאמטער) — די העכסטע עהרע.

אט אזוי זיינען די בעזונדערע אינטערעסען און פערזענליכקייטען פעריאגט געווארן און די אויפאפפערונג פאר דעם שטאאט איז געווארן דאס צייכען־וואָרט. זיך מוז מען אויפגעבען און לעבען נאר פאר'ן שטאאט. מען מוז האנדלען „אונאינטערעסירט“; מען מוז ניט וועלען ברענגען זיך נוצען, נאר דעם שטאאט. דורכדעם אי ער געווארן די ריכטיגע פערזאן, פאר וועלכע די

איינצעלנע פערזענליכקייט פערשווינדט: ניט איך לעב, נאָר ער לעבט אין מיר. אין פערגלייך דעריבער מיט דער פריהערדיגער זעלבסטזוכט, איז דאָס די אונאייגעננוציגקייט און אונפּערזענ־ליכקייט אליין. פאר אָט דעם גאָט — דעם שטאאט — איז פערשוואונדען געווארן יעדער עגאָאיזם, און פאר איהם זיינען אלע גלייך געווען: זיי זיינען געווען אָהן אלע אונטערשיידען — מענשען, מעהר גאָרנישט אחוץ מענשען.

די רעוואָלוציע האָט זיך פונאַנדערגעברענט אויף דעם צינד־שטאָף פון אייגענטום. די רעגירונג האָט זיך גענויטיגט אין געלד. איצט האָט זי געזאָלט פער'אמת'ן דעם פרינציפּ, אז זי איז אבסאָלוט, און פאָלגליך די הארנטע פון גאַנצען אייגענטום, די איינציגע אייגענטימערין; זי האָט געזאָלט איהר געלד, וואָס האָט זיך געפונען אין בעזיץ אָבער ניט אין אייגענטום פון די אונטערטאַנען, אוועקנעהמען פאר זיך. אַנשטאָט דעם רופט זי איין די גענעראל־שטאַאטען, כדי זיי זאָלען איהר דאָס דאָזיגע געלד בעוויליגען. די מורא פאר דער פאָלשטענדיגער קאָנזעקווענץ האָט צערשטערט די אילוזיע פון אַן אבסאָלו־טער רעגירונג; ווער עס מוז עפּעס זיך לאָזען „בעוויליגען", דער קאָן ניט בעטראַכט ווערן אלס אבסאָלוט. די אונטערטאַנען האָבען דערזעהן, אז זיי זיינען דיווירקליכע אייגענטי־מער, און אז דאָס איז זייער געלד, וואָס מען פאָדערט. די ביזאהעריגע אונטערטאַנען זיינען געקומען צום בעוואוסטזיין אז זיי זיינען אייגענטימער. ביילי שילדערט עס אין עטליכע ווערטער: „אויב איהר האָט, אָהן מיין צושטימונג, קיין דעה ניט צו זאָגען אויף מיין אייגענטום, וויפיעל ווייניגער דעה קאָנט איהר האָבען אויף מיין פערזאָן, אויף אַלץ וואָס איז נוגע מיין גייסטיגער און געזעלשאַפטליכער לאַגע! דאָס איז אַלץ מיין אייגענטום, אזוי גוט ווי דאָס שטיק לאַנד, וואָס איך בעאַקער: און איך האָב אַ רעכט, אַן אינטערעסע, אליין צו מאַכען די געזעצען". ביילי'ס ווערטער קלינגען גאַנץ זיכער, אזוי ווי יעדערער וואָלט איצט געווען אַן אייגענטימער. אָבער אנשטאָט דער רעגירונג, אנשטאָט דעם קעניג איז גאָר איצט געווארן די אייגענטימערין און די הארנטע — די נאַציאָן. פון איצט אָן און וויטער הייסט דער אידעאַל — „פאָלקספרייהייט", אַ „פריי פאָלק" א. אז. וו.

שוין דעם 8טען יולי, 1789, האָט די דערקלערונג פון בישאָף פון אוטון און פון באַררער צערשטערט די איינבילדונג, אַז יעדער איינצעלנער האָט עפּעס אַ בעדייטונג אין דער געזעצגעבונג; זי האָט געצייגט די פאָלשטענדיגע מאַכטלאָזיגקייט פון די וועהלער: די מאַיאָריטעט פון די רעפּרעזענטאַנטען איז געוואָרן דער בעל־הבית. ווען דעם 9טען יולי איז פאָרגעטראָגען געוואָרן דער פּלאַן וועגען דער איינטיילונג פון דער ארבייט אויף דער קאָנסטיטוציע, האָט מיראַבאָ בעמערקט: „די רעגירונג האָט נאָר מאַכט, ניט קיין רעכט; נאָר אין פאָלק געפינט זיך דער קוואַל פון אַלע רעכט". דעם 16טען יולי האָט דערזעלביגער מיראַבאָ אויסגערופען: „איז ניט דאָס פאָלק דער קוואַל פון יעדער מאַכט?" הייסט עס, דער קוואַל פון אַלע רעכט און דער קוואַל פון יעדער — מאַכט! אגב אורחא בעמערקט, זעהט מען דאָ קלאָר דעם אינהאַלט פון „רעכט": עס איז די — מאַכט. „ווער עס האָט די מאַכט, דער האָט דאָס רעכט".

די בורזשואַזיע איז דער יורש פון די פּריווילעגירטע קלאַסען. דער פאַקט איז, אַז די רעכטען פון די באַראָנען, וואָס זיינען פון זיי אַוועקגענומען געוואָרן אַלס „אוזורפּאַציאָנען [מיט אונרעכט געהאַלטענע פּריווילעגיעס], זיינען נאָר אריבערגעטראָגען געוואָרן אויף דער בורזשואַזיע. דען די בורזשואַזיע האָט איצט געהייסען די „נאַציאָן". „אין די הענד פון דער נאַציאָן" זיינען צוריקגעגעבען געוואָרן אַלע פאָררעכטען. דורכדעם האָבען זיי אויפגעהערט צו זיין „פאָררעכטען"; זיי זיינען געוואָרען „רעכטען". פון איצט אָן האָט די נאַציאָן געפאָדערט מעשר, צוואַנג־אַרבייט; זי האָט גע'ירשנ'ט דאָס העררן־געריכט, די יאַגד־גערעכטיגקייט, די — לייבאייגענע. די נאַכט פון 4טען אויגוסט איז געווען די טויט־נאַכט פון פּריווילעגיעס אָדער „פאָררעכט" (שטעדט, געמיינדען, מאַגיסטראַטען זיינען אויך געווען פּריווילעגירט, פערזאָרגט מיט פאָררעכט און העררן־רעכט) און האָט זיך געענדיגט מיט דעם נייען מאָרגען פון „רעכטען", פון „שטאַאַט־רעכט", פון די „רעכט פון דער נאַציאָן".

דער מאָנאַרך אין דער פּערזאָן פון דעם „קעניגליכען העררן" איז געווען אַ גאָרנישט לגבי אָט דעם נייעם מאָנאַרך, די „סואווע־רענע נאַציאָן". אָט די מאָנאַרכיע איז געווען טויזענד מאָל שאַר־

פער, שטרענגער און קאָנזעקווענטער. אַנטקעגען דעם נייעם מאָנאַרך איז מעהר גאָר ניט געווען קיין רעכט און קיין פּריווילעגיע; ווי בעשרענקט זעהט אויס אין פערגלייך דער „אבסאָלוטער קעניג" פון דעם אַלטען רעזשים! די רעוואָלוציע האָט פּועל געווען צו פערוואַנדלען די בעשרענקטע מאָנאַרכיע אין אַן אבסאָלוטע מאָנארכיע. פון איצט אָן איז יעדעס רעכט, וואָס ווערט ניט געגעבען פון אָט דעם מאָנאַרך, א „העזה"; יעדע פּריווילעגיע אָבער, וואָס ער טיילט אויס, א „רעכט". די צייט האָט פערלאַנגט אַן אבסאָלוטען קעניגטום, אַן אבסאָלוטע מאָנארכיע, דעריבער איז געפאַלען דאָס דאָזיגע אַזוי גערופענע אבסאָלוטע קעניגטום, וואָס האָט אַזוי ווייניג פערשטאַנען צו זיין אבסאָלוט, אַז עס איז געבליבען בעשרענקט דורך טויזענדער קליינע הערען.

נאָך וואָס מען האָט טויזענדער יאָהרען געבענקט און געשטרעבט, נעמליך צו געפינען אַזאַ אבסאָלוטען הארר, נעבען וועלכען עס עקזיסטירען ניט מעהר קיינע אַנדערע הערען און הארעלעך צו פערקירצען זיין מאַכט, — אָט דאָס האָט די בור־זשואַזיע ארויסגעבראַכט. זי האָט אַנטפּלעקט דעם הארר, וואָס נאָר ער אַליין טיילט־אויס „רעכט־טיטולען" און וואָס אָהן זיין הסכמה איז קיין זאַך ניט בערעכטיגט. „אַזוי וויסען מיר איצטער, אַז א געץ איז גאָרנישט און, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער גאָט אויף דער וועלט אויסער דער איינציגער" (1. קאָרינ־טהער 8, 4).

אַנטקעגען דאָס רעכט [בכלל] קאָן מען ניט מעהר ארויסטרע־טען מיט דער בעהויפּטונג, אַז עס איז „אַן אונרעכט", ווי מען קאָן עס זאָגען אַנטקעגען איין רעכט. מען קאָן נאָר זאָגען, אַז עס איז אַן אונזין, אַן אילוזיע. רופט מען דאָס אונרעכט, מוז מען דאָך אנטקעגענשטעלען איין אַנדער רעכט, מיט וועלכען דאָס צו מעסטען. פערוואַרפט מען וויעדער דאָס רעכט אַלס אַזעלכעס, דאָס רעכט אַן און פאַר זיך, גאָר אינגאַנצען, פערוואַרפט מען דער־מיט אויך דעם בעגריף פון אונרעכט און מען לייזט־אויף דעם גאַנצען רעכט־בעגריף (צו וועלכען עס געהערט אויך דער אונרעכט־בעגריף).

וואָס הייסט עס, מיר געניסען אַלע די „גלייכהייט פון פּאָלי־

טישע רעכט"? נאָר דאָס, אז דער שטאאט נעהמט מיין פּערזאָן גאָרניט אין אָנבעטראַכט, אז איך בין פאר איהם, ווי יעדער אנדע־רער, נישט מעהר ווי א מענש, און האָב פאר איהם קיין אנדערע אימפּאָנירענדע בעדייטונג ניט. איך אימפּאָניר איהם ניט אלס אדעליגער, אלס א זוהן פון אן אדעלמאַן, אָדער גאָר אלס א יורש פון א בעאמטען, וואָס זיין אמט געהערט מיר בירושה, (ווי אין מיטעלאַלטער די גראַפשאַפטען א. אז. וו. און שפּעטער אונטער דעם אבסאָלוטען קעניגטום, וואו עס קומען פאָר ערבליכע עמטער). איצטער האָט דער שטאאט אן אונצעהליגע מאסע רעכטען צו פערטיילען, צ. ב. ש. דאָס רעכט צו פיהרען א באַטאַליאָן, א פּאָלק א. אז. וו., דאָס רעכט צו האַלטען לעקציעס אין אן אוניווערזיטעט א. אז. וו. ער האָט זיי צו פערטיילען, ווייל זיי זיינען זיינע, ד. ה. שטאאט־רעכט אָדער „פּאָליטישע" רעכט. דערביי איז איהם גאַנץ עגאַל צו וועמען ער פערטיילט זיי, אויב נאָר דער וואָס בעקומט זיי ערפילט די פליכטען, וואָס ווערן געשאַפען פון די דאָזיגע געגעבענע רעכט. מיר זיינען איהם אַלע רעכט און — גלייך, איינער איז ניט ווערטה מעהר אָדער ווייניגער ווי דער אנדערער. מיר איז אלץ איינס ווער עס בעקומט די קאָמאַנדע איבער דער ארמעע, זאָגט דער סואווערענער שטאאט, בתנאי אויב ער פערשטעהט נאָר די זאַך ווי געהעריג איז. „גלייכהייט פון פּאָליטישע רעכט" האָט לויט דעם נאָך דעם זין, אז יעדער איינער קאָן זיך ערווערבען יעדעס רעכט, וואָס דער שטאאט האָט אַוועקצוגעבען, כל זמן ער דערפילט נאָר די בעדינגונגען, וואָס זיינען דערמיט פערבונדען — בעדינ־גונגען, וועלכע מען דאַרף זוכען אין דער נאַטור פון יעדען בעזונדער רעכט, ניט אין א פּאָרליעבע פאר דער פּערזאָן (פּערזאָנא גראַטא). די נאַטור פון דעם רעכט צו ווערן אן אָפיציר צ. ב. ש. פּאָדערט מען זאָל האָבען נעזונדע גליעדער און בעזיצען א געוויסע מאָס פון די נויטיגע קענטעניש, אָבער עס איז ניט קיין בעדינגונג צו זיין א געבוירענער אדעליגער; וואָלט, פערקעהרט, א פּראָסטער בירגער ניט געקאָנט אזא אמט דערגרייכען, ווען ער איז אפילו דער פעהיג־סטער, דאַן וואָלט עקזיסטירט אן אונגלייכהייט פון די פּאָליטישע רעכט. צווישען די היינטיגע שטאאטען האָט איינער דורכגע־פיהרט דעם דאָזיגען גרונד־פּרינציפּ פון גלייכהייט מעהר, אנאנדע־רער ווייניגער.

די קלאסען־מאָנארכיע (אזוי וויל איך אָנרופען דאָס אבסאָלוטע קעניגטום, די צייט פון די קעניגע פאר דער רעוואָלוציע) האָט געהאַלטען דעם איינצעלנעם אין אָבהענגיגקייט פון לויטער קליינע מאָנארכיען. דאָס זיינען געווען גענאָסענשאפטען (חברות) ווי די צעכען (גילדעס), דער אדעל־קלאָס, דער פריעסטער־קלאָס, דער בירגער־קלאָס, די שטעדט, געמיינדען א. אז. וו. אומעטום האָט דער איינצעלנער זיך געמוזט בעטראכטען ווי א גליעד פון אזא מין געזעלשאפט, און זיין געהאָרכזאם איהר גייסט, דעם „עספרי דע קאָר", אָהן בעדינגונגען, פונקט ווי ער דארף זיין געהאָרכזאם זיין מאָנארך. מעהר ווי דער איינציגער אדעליגער צ. ב. ש. האלט זיך אליין, מוז איהם זיין וויכטיג זיין פאמיליע און די עהרע פון זיין שטאם. נאָר דורך דער פערמיטלונג פון זיין קאָרפּאָראציע, פון זיין שטאנד, האָט זיך דער איינצעלנער בעצויגען אויף דער גרעסערער קאָרפּאָראציע, דעם שטאאט; פונקט ווי אין דעם קאטאָ־ליציזם פערמיטעלט זיך דער איינצעלנער מיט זיין גאָט נאָר דורך דעם פריעסטער. דער דריטער שטאנד האָט צו דעם אלעם געמאכט א סוף, דערמיט וואָס ער האָט בעוויזען דעם מוטה צו נעגירען זיך אלס שטאנד. ער האָט ביי זיך בעשלאָסען מעהר ניט צו זיין און צו הייסען א שטאנד, א קלאס, נעבען אנדערע קלאסען, זאָנדערן צו דערקלערן און פעראלגעמיינערן זיך אלס די „נאציאָן". דורכדעם האָט ער בעשאפען א פיעל פאָלקאָמענערע און אבסאָלוטערע מאָנארכיע, און דער גאנצער פריהער־הערשענדער פּרינציפּ פון קלאסען, דער פּרינציפּ פון קליינע מאָנאר־כיען אינמיטען פון דער גרויסער מאָנארכיע, איז געגאנגען צו־גרונד. מען קאָן דעריבער ניט זאָגען, אז די רעוואָלוציע איז געווען געריכ־טעט אנטקעגען די ביידע ערשטע פריווילעגירטע קלאסען, זאָנדערן זי האָט געטראָפען איבערהויפּט די קליינע קלאסען־מאָנארכיען. ווען אָבער די קלאסען און זייער דעספּאָטיע זיינען געבראָכען געוואָרן (דער קעניג איז דאָך אויך נאָר געווען א קלאסען־קעניג, ניט קיין בירגער־קעניג), זיינען איבערגעבליבען די איינצעלנע, וואָס זיינען בעפרייט געוואָרן פון דער קלאסען־אונגלייכהייט. זאָלען זיי איצט זיין אָהן א שטאנד, פון „ראנד און באנד ארוים", מעהר ניט געבונדען דורך קיין שטאנד (סטאטוס), אָהן אן אלגעמיינעם באנד? ניין, דער דריטער שטאנד האָט זיך דאָך נאָר דעריבער

דערקלערט אלס נאציאָן, כדי ניט צו בלייבען א שטאנד נעבען אנדערע שטאנדען, נאָר כדי צו ווערן דער איינציגער שטאנד. אָט דער איינציגער שטאנד איז די נאציאָן, דער „שטאאט“ (סטאטוס). וואָס איז איצטער געוואָרן פון דעם איינ־צעלנעם ? אַ פּאָליטישער פּראָטעסטאנט, וואָרים ער איז אריינ־געטראָטען אין אַן אונמיטעלבארער פערבינדונג מיט זיין גאָט, דעם שטאאט. ער איז מעהר ניט געווען אלס אדעליגער אין דער מאָנארכיע פון די אדעליגע, אלס האנדווערקער אין דער צעך־מאָנארכיע, נאָר ער, ווי אלע אנדערע, האָבען געקענט און אָנדער־קענט בלויז — איין האר ר, דעם שטאאט, און אלס זיינע דיענער האָבען זיי אלע צוזאמען בעקומען דעם עהרן־טיטול „בירגער“.

די בורזשואזיע איז דער אדעל פון פערדיענסט; איהר מאָטאָ איז: „דעם פערדיענסט געהערט די קרוין“. זי האָט געקעמפּט אנטקעגען דעם „פוילען“ אדעל, וואָרים נאָך איהר נאָך, (נאָך דער פלייסיגער, נאָך דעם אדעל דורך פלייס און פערדיענסט), איז פריי ניט דער „געבוירענער“ [ד. ה. דורך דעם רעכט פון געבורט], און אויך ניט איך בין פריי, נאָר דער „פערדיענסטפו־לער“, דער עהרליכער דיענער (פון זיין קעניג; פון דעם שטאאט; פון דעם פאָלק אין די קאָנסטיטוציאָנעלע שטאאטען). דורך דיענען ערווערבט מען פרייהייט, ד. ה. מען ערווערבט זיך „פערדיענסטען“, אפילו ווען מען דיענט — מאַמאָן. מען מוז זיך פערדיענט מאכען פאר דעם שטאאט, ד. ה. פאר דעם פרינציפּ פון שטאאט, פאר זיין מאָראלען גייסט. ווער עס דיענט אָט דעם גייסט פון שטאאט, מעג ער לעבען אין וועלכען צווייג פון אינדוסטריע ער וויל, איז א גוטער בירגער. אין זיינע אויגען טרייבען די „אינאָוואטאָרס“ א „קונסט, וואָס גיט קיין ברויט ניט“. נאָר דער „קרעמער“ איז „פּראקטיש“, — און דער וואָס יאָגט זיך נאָך א שטעלע פון א בעאמטען, איז אזוי גוט א קרעמער־גייסט, ווי דער, וועלכער זוכט אָבצולעקען א ביינדעל אין מסחר, אָדער צו מאכען זיך ניצליך אויף אנאנדער אופן פאר זיך און פאר אנדערע.

אויב אָבער די פערדיענסטפולע רעכענען זיך אלס די פרייע (וואָרים, וויפיעל פעהלט דעם זאטען בירגער, דעם געטרייען בעאמ־טען פון דער דאָזיגער פרייהייט, נאָך וועלכער זיין הארץ געלוסט ?),

דאַן זיינען די „דיענער" די — פרייע. דער געהאָרכזאַמער דיענער איז דער פרייער מענש! וואָס פאַר אַן אומגעלומפערטער אונזין! פונדעסטוועגען איז דאָס דער זין פון דער בורזשואזיע, און איהר דיכטער געטהע, ווי איהר פילאָסאָף העגעל, האָבען פערשטאַנען צו פערהערליכען דעם סוביעקט'ס אָבהענגיגקייט פון דעם אָביעקט, די געהאָרכזאַמקייט צו דער אָביעקטיווער וועלט א. אז. וו. ווער עס דיענט נאָר דער זאַך, „גיט זיך איהר אינגאַנצען אָב", דער האָט די אמת'ע פרייהייט. און ביי די דענקענדע האָט די זאַך געהייסען — די פ ע ר נ ו נ פ ט, זי, וועלכע גלייך ווי דער שטאַאט און די קירך, גיט אַלגעמיינע געזעצען און שמידט דעם איינצעלנעם מענשען אין קייטען דורך דעם ג ע ד א נ ק פ ו ן ד ע ר מ ע נ ש־ ה י י ט. זי בעשטימט וואָס איז „אמת", און לויט דעם מוז מען זיך דערנאָך פיהרען. ניטאָ קיין „פערנינפטיגערע" מענשען אַלס די עהרליכע דיענער, וועלכע ווערן לכתחילה, אַלס דיענער פון שטאַאט, אָנגערופען גוטע בירגער.

מעגסט זיין שטיינרייך אָדער בלוטאָרעם — דאָס לאָזט איבער דער שטאַאט פונ'ם בירגערטום צו דיין גוטען ווילען; דו זאָלסט אָבער נאָר האָבען „גוטע מחשבות". דאָס פערלאַנגט ער פון דיר און האַלט עס פאַר זיין דרינגענדסטע אויפגאַבע צו זעהן, אַז אַלע זאָלען זיי האָבען. דעריבער וועט ער דיך היטען פון „אָנרעדעני־ שען", דורכדעם וואָס ער האַלט אין צוים די וואָס האָבען שלעכטע מחשבות, און פערשטיקט זייערע אויפרייצענדע געדאַנקען דורך צענזור־שטרייכען אָדער פרעסע־שטראָפען און ארעסטען. פון דער אַנדער זייט מאַכט ער די לייט מיט „גוטע מחשבות" פאַר די צענזאָרען, און זוכט אויף אַלע אופנים, אַז די „גוט ־ דענקענדע" און „גוט־מיינענדע" זאָלען אויף דיר אויסאיבען אַ מ אָ ר א ל י־ ש ע ן א י י נ פ ל ו ס. אויב ער האָט דיך געמאַכט טויב פאַר די שלעכטע אָנרעדענישען, דערפאַר עפענט ער דיר אַלץ פלייסיגער די אויערן פאַר די גוטע איינרעדענישען.

מיט דער צייט פון דער בורזשואזיע פאַנגט זיך אָן די צייט פון דעם ל י ב ע ר א ל י ז ם. אומעטום וויל מען עס זאָל איינגע־ פיהרט ווערן דאָס „פערנינפטיגע", דאָס „צייטמעסיגע" א. אז. וו. די פאָלגענדע דעפיניציאָן פון דעם ליבעראַליזם, וואָס ווערט געגעבען מיט דער כונה איהם צו עהרען, כאַראַקטעריזירט איהם פאָלשטענ־

דינ: „דער ליבעראליזם איז נישט מעהר, ווי די פערנונפט־דערקענטניס אנגעווענדעט אויף אונזערע בעשטעהענדע פערהעלט־ניסען".* זיין ציעל איז א „פערנינפטיגע ארדנונג", א „מאראַ־לישע איינפיהרונג", א „בעשרענקטע פרייהייט", ניט די אנארכיע, די געזעצלאזיגקייט, די אייגענהייט. ווען עס הערשט אבער די פערנונפט, דאן געהט צו־גרונד די פ ע ר ז א ן. די קונסט האט שוין פון לאנג אן ניט נאר אנדערקענט דאס העסליכע, נאר האט עס אפילו בעטראכט אלס נויטווענדיג פאר איהר עקזיסטענץ און האט עס אריינגענומען אין זיך: זי דארף האבען דעם רשע א. אז. וו. אויך אויפ'ן רעליגיעזען געביעט געהען די עקסטרעמסטע ליבעראלען אזוי ווייט, אז זיי װאלטען װעלען, מען זאל אפילו דעם העכסט רעליגיע־זען מענשען בעטראכטען פאר א שטאאט־בירגער, ד. ה. דעם רעלי־גיעזען רשע; זיי ווילען מעהר ניט וויסען פון משפט'ן אפיקורסים. אבער אנטקעגען דעם „פערנינפטיגען געזעץ" טאר קיינער זיך ניט אויפהעבען, און טאמער פאלגט ער ניט, דראהט איהם די שווערסטע שטראף. מען וויל ניט א פרייע בעוועגונג און א פערווירקליכונג פון דער פערזאן אדער פון מיר, נאר א פערווירקליכונג פון דער פערנונפט, ד. ה. א פערנונפט־הערשאפט, א הערשאפט. די ליבע־ראלען זיינען ק נ א י ם, ניט דוקא פאר דעם גלויבען, פאר גאט א. אז. וו., אבער גאנץ געוויס פאר דער פ ע ר נ ו נ פ ט, זייער הארענטע. זיי פערטראגען ניט קיין אונארטינקייט, און ממילא קיין זעלבסטענטוויקלונג און זעלבסטבעשטימונג: זיי שפיעלען די ראלע פון אפעקונעס, אזוי גוט ווי די אבסאלוטע הערשער.

„פאליטישע פרייהייט" — וואס דארפען מיר פערשטעהן אונטער דעם? אפשר דעם איינצעלנעם'ס פרייהייט פ ו ן ד ע ם שטאאט און זיינע געזעצען? ניין, אין געגענטייל די ג ע ב ו נ ־ ד ע נ ק י י ט פון דעם איינצעלנעם אין דעם שטאאט און צו די געזעצען פון שטאאט. פארוואס אבער הייסט עס „פרייהייט"? ווייל מען איז ניט מעהר אבגעטיילט פון דעם שטאאט דורך צווישען־פערזאנען, נאר מען שטעהט אין א דירעקטער און אונמי־טעלבארער בעציהונג צו איהם, ווייל מען איז — א שטאאט־בירגער, ניט קיינעמס אונטערטאן, אפילו ניט פון דעם קעניג אלס פערזאן,

*) „איינאונדצוואנציג באגען", ז. 12.

נאָר אין זיין אייגענשאַפט אַלס דער „אויבער־קאָפּ פון שטאַאט“. די פּאָליטישע פרייהייט — אָט די גרונדלעהרע פון דעם ליבעראַליזם — איז נישט מעהר ווי אַ צווייטע פאַזע פון דעם פּראָטעסטאַנטיזם און לויפט גאַנץ פּאַראַלעל מיט דער „רעליגיעזער פרייהייט“.* אָדער מעג מען אפשר אונטער רעליגיעזע פרייהייט פערשטעהן אַ פ ר י י ה י י ט פ ו ן דער רעליגיאָן? אַלץ יאָ, נאָר דאָס ניט. דערמיט ווערט נאָר געזאָגט, פרייהייט פון צווישען־פּערזאָנען, די פרייהייט פון די פערמיטלערישע גלחים, די אָבשאַפונג פון דעם חילוק צווישען „כלי־קודש“ און פּשוט'ע מענשען, ממילא — דאָס דירעקטע און אונמיטעלבאַרע פערהעלטנים צו דער רעליגיאָן אָדער צו גאָט. אָננעהמענדיג נאָר, אַז מען האָט אַ רעליגיאָן, קאָן מען געניסען רעליגיאָנס־פרייהייט; רעליגיאָנספרייהייט הייסט ניט רעליגיאָנסלאָזיגקייט, נאָר די אינערליכקייט פון גלויבען, דער ניט־פערמיטעלטער פערקעהר מיט גאָט. דער וואָס איז „רעליגיעז פריי“, פאַר דעם איז די רעליגיאָן אַ דבר שבלב, אַ האַרץ־זאַך, זי איז איהם זיין א י י ג ע נ ע ז א ך, אַ „הייליגער ערנסט“. אַזוי איז אויך דעם „פּאָליטיש פרייען“ דער שטאַאט אַ הייליגער ערנסט; ער איז זיין האַרץ־זאַך, זיין הויפּטזאַך, זיין אייגענע זאַך.

פּאָליטישע פרייהייט בעדייט, אַז די „פּאָליס“, דער שטאַאט איז פריי; רעליגיעזע פרייהייט בעדייטעט, אַז די רעליגיאָן איז פריי, אַזוי ווי געוויסענס־פרייהייט מיינט, אַז דאָס געוויסען איז פריי: הייסט עס, ניט איך בין פריי פון דעם שטאַאט, פון דער רעליגיאָן, פון דעם געוויסען, אָדער איך בין לויז פון זיי. זי בעדייט ניט מ י י ן פרייהייט, נאָר די פרייהייט פון אַ מאַכט וואָס בעהערשט און בעצווינגט מיך; זי בעדייט, אַז איינער פון מיינע ד ע ס פּ אָ ט ע ן, ווי שטאַאט, רעליגיאָן, געוויסען, איז פריי: שטאַאט, רעליגיאָן, געוויסען — אָט די דעספּאָטען — מאַכען מיך פאַר אַ שקלאַף, און ז י י ע ר פרייהייט איז מ י י ן שקלאַפעריי. אַז זיי האַלטען זיך דערביי אָן דעם פּרינציפּ „דער צוועק הייליגט די מיטלען“, פערשטעהט זיך פון זיך אַליין. אויב דאָס וואוילזיין

* לואי בלאַן זאָגט (געשיכטע פון 19טען י. ה. 1, ז. 138) וועגען דער צייט פון דער רעסטאַוראַציאָן: „דער פּראָטעסטאַנטיזם איז געוועזען דער פונדאַמענט פון די געדאַנקען און מנהגים“.

פון שטאַאַט איז אַ צוועק, דאַן איז דער קריעג אַ געהייליגט מיטעל; אויב די גערעכטיגקייט איז דעם שטאַאַט'ס צוועק, דאַן איז טויטען אַ מענשען אַ געהייליגט מיטעל און הייסט מיט זיין הייליגען נאָמען „הינריכטונג" א. אז. וו. דער הייליגער שטאַאַט הייליגט אַלץ, וואָס איז ניצליך פאַר איהם.

די „אינדיווידועלע פרייהייט", וואָס דער בירגערליכער ליבע־ראַליזם וואַכט איבער איהר אַזוי אייפערזיכטיג, בעדייט אויף קיין פאַל ניט די פאָלקאָמען־פרייע זעלבסטבעשטימונג, דורך וועלכער די האַנדלונגען ווערן גאַר אינגאַנצען מ י י נ ע; עס בעדייט נאָר אונאָבהענגיגקייט פון פ ע ר ז אָ נ ע ן. אינדיווידועל פריי איז דער, וואָס איז ניט פעראַנטוואָרטליך צו קיין מ ע נ ש ע ן ניט. אויפ־געפאַסט אין אָט דעם זין — און אַנדערש טאָר מען עס ניט פער־שטעהן — איז ניט נאָר דער הערשער אינדיווידועל פריי, ד. ה. אונפעראַנטוואָרטליך אַנטקעגען מענשען („פאַר גאָט" האַלט ער זיך דאָך יאָ פעראַנטוואָרטליך), נאָר אַלע, וועלכע „זיינען פעראַנטוואָרטליך בלויז צו דעם געזעץ". אָט די אַרט פרייהייט איז געוואונען געוואָרן דורך דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג פון דעם יאָהרהונדערט, ד. ה. די אונאָבהענגיגקייט פון יענעמס ווילען, פון דעם ט ע ל ע נ אָ ט ר פ ל ע ז י ר (אַזוי איז אונזער פערגעניגען). דעריבער האָט דער קאָנסטיטוציאָנעלער קעניג אַליין געמוזט אויסגעטאָן ווערן פון יעדער פערזענליכקייט, בערויבט ווערן פון יעדען אינדיווידועלען בעשלוס, כדי אַלס פער־זאָן, אַלס א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע ר מ ע נ ש ניט צו פערלעצען די „אינדיווידועלע פרייהייט" פון אַנדערע מענשען. דער פ ע ר־ז ע נ ל י כ ע ר ה ע ר ש ע ר־ו ו י ל ע ן איז ביי דעם קאָנסטיטו־ציאָנעלען קעניג פערשוואונדען; די אבסאָלוטע קעניגע וועהרען זיך טאַקע אַנטקעגען דעם מיט אַ ריכטיגען געפיהל. פונדעסטוועגען ווילען גראַד אָט די זיין אין בעסטען זין „קריסטליכע פירסטען". דערצו מוזען זיי אָבער ווערן אַ ר י י ן־ג י י ס ט י ג ע מאַכט, וואָרים דער קריסט איז דאָך נאָר אַן אונטערטאַן פון דעם ג י י ס ט („גאָט איז גייסט"). קאָנזעקווענט שטעלט־פאַר די ריין־גייסטיגע מאַכט נאָר דער קאָנסטיטוציאָנעלער קעניג — ער, וואָס שטעהט אָהן אַ וועלכער עס איז פערזענליכער בעדייטונג, פערגייסטיגט ביז צו אַזאַ גראַד, אַז ער קאָן גילטען פאַר אַ פאָלקאָמענעם אונהיימ־

ליכען „גייסט“, פאר אן א י ד ע ע. דער קאנסטיטוציאנעלער קעניג איז דער אמת'ער ק ר י ס ט ל י כ ע ר קעניג, די עכטע קאנזעקווענץ פון דעם קריסטליכען פרינציפ. אין דער קאנסטיטוציאנעלער מאנארכיע האט די אינדיווידועלע הערשאפט, ד. ה. דער הערשער מיט א ווירקליכען ו ו י ל ע ן, געפונען זיין סוף; דעריבער געוועלטיגט דא די א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע פ ר י י ה י י ט, די אונאבהענגיגקייט פון יעדען אינדיווידועלען בעפעהל־געבער, פון יעדען, וואס קאן מיר בעפעהלען מיט א „טעל ע נאטר פלעזיר“. זי איז דאס אבגעענדיגטע ק ר י ס ט ל י כ ע שטאאט־לעבען, א פערגייסטיגט לעבען.

די בורזשואזיע בענעהמט זיך דורך און דורך ל י ב ע ר א ל. יעדער פערזענליכער אריינדרינגען אין דעם אנדערענ'ס ספערע עמפערט דעם בירגערליכען זין: דערזעהט דער בירגער, אז איינער איז אבהענגיג פון דעם קאפריז, דעם פערגעניגען, דעם ווילען פון א מענשען אלס איינצעלנעם (ד. ה. ניט אלס איינעם, וואס איז אויטאריזירט דורך א „העכערער מאכט“), שטעלט ער גלייך ארויס זיין ליבעראליזם און שרייט איבער דעם „מוטהווילען“. מיט איין ווארט, דער בירגער האלט פעסט זיין פרייהייט פון דאס, וואס מען רופט ב ע פ ע ה ל: „מיר האט קיינער גארנישט צו — בעפעהלען!“ א ב ע פ ע ה ל האט דעם זין, אז דאס, וואס איך זאל, איז דער ווילען פון אנאנדער מענשען, בעת, דאגעגען, ג ע ז ע ץ דריקט ניט אויס א פערזענליכע מאכט פון אנאנדערן. די פרייהייט פון דעם בירגערטום איז די פרייהייט אדער אונאבהענגיגקייט פון דעם ווילען פון אנאנדער פערזאן, עס איז די אזוי גערופענע פערזענליכע אדער אינדיווידועלע פרייהייט; ווארים פערזענליך פריי זיין הייסט נאר אזוי פריי זיין, אז קיין אנדער פערזאן האט ניט וואס צו זאגען איבער מיין פערזאן, אדער אז דאס, וואס איך מעג אדער טאר ניט, זאל ניט אבהענגען פון דער פערזענליכער בעשטימונג פון אנאנדערן. די פרעס־פרייהייט צ. ב. ש. איז אט אזא פרייהייט פון דעם ליבעראליזם, וועלכער בעקעמפט נאר דעם צוואנג פון דער צענזור אלס א צוואנג פון א פערזענליכען מוטהווילען, זאנסט אבער צייגט זיך דער ליבעראליזם ארויס זעהר שטארק געניינגט און וויליג צו טיראניזירען דורך די „פרעס־געזעצען“, ד. ה. די בירגערליכע ליבעראלען ווילען שרייב־פרייהייט

פאר זיך; ווארים אזוי ווי זיי זיינען דאך געזעצליך, וועלען זיי דורך זייערע שריפטען פון דעם געזעץ ניט ליידען. נאר ליבעראלע זאכען, ד. ה. נאר געזעצליכעס שטאף זאל מעגען געדרוקט ווערן, אנדערע זאכען דראהען די „פרעס־געזעצען" מיט „פרעס־שטראפען". וויבאלד מען זעהט אז די פערזענליכע פרייהייט איז געזיכערט, מערקט מען גאר ניט, ווי די שרייענדסטע אונפרייהייט הויבט אן הערשען, ווען עס קומט צו בעהאנדלען עפעס א נייע פראגע. ווארים פון דעם בעפעהל איז מען טאקע לויז, און „קיינער האט אונז גאר ניט וואס צו בעפעהלען", אבער דערפאר איז מען אלץ מעהר אונטערווארפען געווארן דעם — געזעץ. מען ווערט איצטער פערקנעכטעט לויט די ריכטיגע געזעצליכע פארמען.

אין בירגער־שטאאט זיינען נאר פאראן „פרייע לייט", וועלכע ווערן געצוואונגען צו טהאן טויזענדערליי זאכען (צ. ב. ש. אבגעבען כבוד, זיך בעקענען צו א גלויבען א. ד. ג.). וואס מאכט עס אבער אוים? עס צווינגט דאך זיי נאר דער שטאאט, דאס געזעץ — ניט א וועלכער עס איז מענש!

וואס מיינט די בורזשואזיע דערמיט, וואס זי צארנט אנטקעגען יעדען פערזענליכען בעפעהל, ד. ה. אנטקעגען יעדען בעפעהל, וואס איז ניט בעגרינדעט אויף דער „זאך", דער „פערנונפט" און אז. וו.? זי קעמפט נאר אין אינטערעסען פון דער „זאך" אנטקעגען דער הערשאפט פון פערזאנען! דעם גייסט'ס זאך איז אבער דאס פערנינפטיגע, דאס גוטע, דאס געזעצליכע א. אז. וו.; דאס איז די „גוטע זאך". די בורזשואזיע וויל אן אונפערזענליכען הערשער.

היינט ווייטער, אויב דאס איז דער פרינציפ, אז נאר די זאך זאל הערשען איבער'ן מענשען — נעמליך, די זאך פון דער מאראל, די זאך פון געזעצליכקייט א. אז. וו. — דאן טאר אויך ניט דערלאזט ווערן צו קיינערליי פערזענליכע אבקירצונג פון איינעם דורך דעם אנדערן (ווי פריהער צ. ב. ש. האט דער פראסטער בירגער ניט געהאט קיין צוטריט צו די ארעלס־עמטער, דער ארעליגער צום בירגערליכען האנדווערק א. אז. וו.): ד. ה. עס מוז זיין פרייע קאנקורענץ. נאר דורך דער זאך קאן איינער דעם אנדערן אבקירצען (דער רייכער צ. ב. ש. קירצט אב דעם ארימאן דורך דאס געלד, וואס איז א זאך), אלס פערזאן — ניט. פון איצט אן

גילט נאָר איין הערשאפט, די הערשאפט פון שטאאט; פער־זענליך איז קיינער ניט מעהר קיין הארר איבער דעם אנדערן. פון געבוירען־טאָג אָן געהערן די קינדער צום שטאאט, און צו די עלטערן נאָר אין נאָמען פון שטאאט, וועלכער ערלויבט ניט צ. ב. ש. קיין קינדער־מאָרד, פאָדערט מען זאָל זיי טויפען א. אז. וו.

אויסערדעם אָבער האָבען פאר'ן שטאאט אלע זיינע קינדער א גלייכען בעטרעף („בירגערליכע אָדער פּאָליטישע גלייכהייט") און זיי מעגען אליין אכטונג געבען ווי דורכצוקומען איינער מיט'ן אנדערן: זיי מעגען קאָנקורירען.

פרייע קאָנקורענץ מיינט קיין אנדער זאך ניט, ווי נאָר אז יעדערער קאָן אויפטרעטען אנטקעגען דעם אנדערן, זיך ארויס־שטעלען, קעמפּען. אָנטקעגען דעם האָט זיך נאטירליך איינגע־שפּארט די פעאָדאלע פּארטיי, אזוי ווי איהר עקזיסטענץ הענגט אָב פון דעם ניט־קאָנקורירען. די קאמפען אין פראנקרייך'ס רעסטאָו־ראציאָנסצייט האָבען קיין אנדער אינהאלט ניט געהאט אחוץ דעם, וואס די בורזשואזיע האָט זיך געראנגעלט פאר פרייער קאָנקורענץ, און די פעאָדאלען האָבען געזוכט צוריק־איינצופיהרען די איינגע־צוימטקייט פון די ארבייטער־צעכען.

נו, די פרייע קאָנקורענץ האָט געזיעגט און געמוזט זיעגען אנטקעגען די צעכען־איינגעצוימטקייט. (זעה אונטען די ווייטער־דיגע בעשפּרעכונג וועגען דעם.)

אויב די רעוואָלוציע האָט זיך געענדיגט אין א רעאקציע, האָט עס נאָר בעוויזען וואָס די רעוואָלוציע איז אייגענטליך געוועזען. וואָרים יעדעס שטרעבען לאָזט זיך אויס אין א רעאקציע בעת דאָס שטרעבען קומט צו דער בעזינונג, און עס שטורעמט פאָרווערטס אין דער אורשפּרינגליכער טהעטיגקייט נאָר כל זמן עס איז א בערוישונג, אן „אונבעזאָנענקייט". „בעזאָנענקייט" וועט אלעמאָל זיין דער לאָזונג פון דער רעאקציע, ווייל די בעזאָנענקייט שטעלט אוועק גרעניצען און בעפרייט דאָס, וואָס מען האָט ווירקליך געוואָלט, ד. ה. דעם פּרינציפּ, פון דער אָנפאנגליכער „ניט־איינגעצוימטקייט" און „ניט־בעגרעניצטקייט". ווילדע בחורים, גאוה'דיג־אָנגעבלאָזענע סטודענטען, וועלכע קוקען ניט אויף קיינע אויסרעכענונגען, זיינען אייגענטליך פיליס־טער, וואָרים ביי זיי, ווי ביי די פיליסטער, בילדען די אויסרעכע־

נוגגען דעם אינהאַלט פון זייער האַנדלען, נישטמעהר וואָס זיי אַלס עזות־פּנים׳ער שטעלען זיך אַנטקעגען די אויסרעכענונגען און פערהאַלטען זיך צו זיי נעגאַטיוו, בעת שפּעטער, אַלס פיליסטער, גיבען זיי זיך אונטער צו די אויסרעכענונגען און פערהאַלטען זיך צו זיי פּאָזיטיוו. אין ביידע פעלען דרעהט זיך זייער גאַנצער טהאָן און דענקען אַרום די „אויסרעכענונגען", אָבער דער פיליסטער איז לגבי דעם בחור ר ע אַ ק צ י אָ נ ע ר; ער איז דער ווילדער חברה־מאַן, וואָס איז געקומען צו דער בעזינונג, אַזוי ווי יענער איז דער נאָך־ניט־בעזאָנענער פיליסטער. די אַלטעגליכע ערפאַהרונג בעשטעטיגט די וואַרהייט פון אָט דער אומוואַנדלונג און צייגט, ווי די שרייער עלטערן זיך אויס אין פיליסטער.

אַזוי בעווייזט אויך די אַזויגערופענע רעאַקציע אין דייטשלאַנד, ווי זי איז נאָר געוועזן די ב ע ז אָ נ ע נ ע פאָרטזעצונג פון דעם קריעגערישען פריידענס־געשריי פון דער פרייהייט.

די רעוואָלוציע איז ניט געוועזן געריכטעט אַנטקעגען דאָס ב ע ש ט ע ה ע נ ד ע ב כ ל ל, נאָר אַנטקעגען אָ ט ד א ס׳ ב ע ש ט ע ה ע נ ד ע ב פ ר ט, אַנטקעגען איין ב ע ש ט י מ ט ע ן בעשטאַנד. זי האָט אָבגעשאַפט אָ ט ד ע ם הערשער, ניט דעם הערשער ב כ ל ל — פערקעהרט, די פראַנצויזען זיינען אונדערבאַרמליך בעהערשט געוואָרן. זי האָט אויסגעהרג׳עט די אַלטע זינדיגע הערשער, האָט אָבער געוואָלט די גוטע הערשער געבען אַ געזיכערטע עקזיסטענץ, ד. ה. זי האָט נאָר אַריינגעזעצט די טוגענד אויף דעם אָרט פון זינדיגקייט. (זינדיגקייט און טוגענד אונטערשיידען זיך פון זייער זייט וויעדער נישטמעהר, ווי דער ווילדער בחור פון דעם פיליסטער, א. אז. וו.)

דער רעוואָלוציאָנס־פּרינציפּ איז געבליבען ביז אויף היינטיגען טאָג צו קעמפען נאָר אַנטקעגען ד ע ם אָדער י ע נ ע ם בעשטעהענדען פרט, ד. ה. צו זיין ר ע פ אָ ר מ א ט אָ ר י ש. וויפיעל עס זאָל ניט ווערן א ו י ס ג ע ב ע ס ע ר ט, ווי שטאַרק דער „בעזאָנענער פאָרטשריט" זאָל ניט אָנגעהאַלטען ווערן: תמיד ווערט רק אַ נייער האַרר אַרויפגעזעצט אויף דעם אָרט פון דעם אַלטען, און דאָס איינוואַרפען איז אַן — אויפבויען. עס בלייבט אַלץ ביי דעם אונטערשייד צווישען דעם יונגען פיליסטער און דעם אַלטען. די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבען אויף אַ קרעמערשען אופן מיט

דעם אויפשטאנד פון דריטען שטאנד, דעם מיטעלקלאס, און קרע־מעריש ווערט זי אויסגערונגען. פריי איז ניט געוואָרן דער איינצעלנער מענש — און נאָר ער אליין איז דער מענש — זאָנדערן עס איז פריי געוואָרען דער בירגער, דער „סיטואיען", דער פאָליטישער מענש, וועלכער איז טאקע דעריבער ניט דער מענש, נאָר אן עקזעמפלאר פון דעם מענש־ליכען מין, און ספּעציעלער נאָך — אן עקזעמפלאר פון דעם ביר־גערליכען מין, א פרייער בירגער.

אין דער רעוואָלוציע האָט ניט דער איינצעלנער געהאנדעלט וועלטגעשיכטליך, נאָר א פאָלק: די נאציאָן, די סואווערענע נאציאָן, האָט אלץ געוואָלט דורכפיהרען. אן איינ־געבילדעטער „איך", אן אידעע, ווי דאָס איז די נאציאָן, איז ארויסגעקומען דער טהוער, ד. ה. די איינצעלנע האָבען זיך אָבגע־געבען ווי ווערקצייג צו אָט דער אידעע און האָבען געהאנדעלט ווי „בירגער".

דאָס בירגערטום האָט זיין מאכט און צוגלייך אויך זיינע גרעניצען אין דעם גרונד־געזעץ פון שטאאט, אין א כארטע (פאטענט), אין א רעכטליכען (געזעצליכען) אָדער „גערעכטען" פירסט, וועלכער פיהרט זיך אויף אליין און הערשט איבער אנדערע לויט „פערנינפטיגע געזעצען" — קורץ, אין דער געזעצליכקייט. די פעריאָדע פון דער בורזשואזיע ווערט בעהערשט פון דעם ענגלישען גייסט פון געזעצליכקייט. א פערזאמלונג פון פּראָווינציעלע שטאנדען לאָזט צ. ב. ש. קיינמאָל ניט ארויס פון זכרון, אז איהר אויטאָריטעט גרייכט נאָר אזוי און אזוי ווייט, און אז זי איז איבערהויפּט איינבערופען געוואָרן דורך א חסד, און קאָן דורך אן אום־חן ווידער ארויסגעוואָרפען ווערן. זי דערמאָנט זיך תמיד אליין איהר — בערוף. מען קאָן געוויס ניט לייקענען, אז מיין פאָטער האָט מיך געבוירען, איינמאָל אָבער אז איך בין שוין געבוירען געווארן, גהען מיך א ברעקעל ניט אן זיינע אָבזיכטען, וואָס ער האָט בעת מעשה געהאט, און צו וואָס ער זאָל מיך ניט געמענט האָבען בערופען, איך טהו, וואָס איך וויל אליין. דעריבער האָט אויך גאנץ ריכטיג אָנדערקענט אן איינבערופענע שטאנדען־פערזאמלונג — די פראנצויזישע, אין אָנפאנג פון דער רעוואָלוציע — אז זי איז אונאָבהענגיג פון דעם איינבערופער. זי

האָט עקזיסטירט, און עס וואָלט געוועזן נאַריש, ווען זי זאָל זיך ניט האָבען בענוצט מיט דעם רעכט פון עקזיסטענץ, נאָר געהאַלטען זיך אָבהענגיג, ווי פון דעם פאָטער. דער איינבערופענער דאַרף ניט מעהר פרעגען: וואָס האָט דער איינבערופער געוואָלט, ווען ער האָט מיך געשאַפען? — נאָר: וואָס וויל איך, נאָכדעם ווי איך בין איינמאָל געקומען פאָלגענדיג דעם רוף? ניט דער איינבערופער, ניט די קאָנסטיטוענטען, ניט די כאַרטע, נאָך וועלכער די פערזאַמלונג איז אריינגערופען געווארן, — גאָרנישט וועט פאַר איהם זיין א הייליגע מאַכט, וואס מען טאָר ניט אָנריהרן. ער איז אויטאָריזירט אויף אַלץ, וואָס שטעהט אין זיין מאַכט; ער וועט ניט אָנדערקענען קיין בעשרענקטע „אויטאָריזירונג“, ער וועט ניט וועלען זיין לאָיאַל. דאָס וואָלט געווען, אויב מען וואָלט איבערהויפּט עפּעס געקאָנט דערוואַרטען פון אסיפות, א פאָלקאָמען עגאָיסטישע אסיפה, וואָס איז ניט אָנגעבונדען אָן קיין נאָפּעל־שנור און קוקט ניט אויף קיינע אויסרעכענונגען. אָבער אסיפות זיינען שטענדיג געטריי און איבערגעבען, און דעריבער דאַרף מען זיך ניט וואונדערן, ווען מען געפינט אין זיי אַזויפיעל האַלב־וועגס־ אָדער ניט־ענטשלאָסענעם, ד. ה. היפּאָקריטישען, „עגאָיזם“.

— די מיטגליעדער פון די שטאַנדען מוזען בלייבען אין די גרעניצען, וואס זיינען אָנגעצייכענט געווארן פאַר זיי דורך דער כאַרטע, דורך דעם קעניג׳ס ווילען און דערגלייכען. אויב זיי ווילען דאָס ניט, אָדער קאָנען דאָס ניט, איז זאָלען זיי „ארויסטרעטען“. וועלכער פליכט־געטרייער מענש וואָלט געקאָנט אנדערש האַנדלען, וואָלט געקאָנט אַוועקשטעלען זיך, זיין איבערצייגונג און זיין ווילען אויפ׳ן ערשטען פּלאַן? ווער וואָלט געקאָנט זיין אַזוי אונמאָראַליש צו וועלען זיך ארויסשטעלען, אפילו ווען די גאַנצע קערפּערשאַפט און אַלץ זאָל איבער דעם געהן צו־גרונד? מען מוז זיך געניי האַלטען אין די גרעניצען פון דער בעקומענער אויטאָריטעט; אין די גרעניצען פון דער מאַכט וואָס מען האָט, מוז מען דאָך סיי ווי סיי בלייבען, וואָרים קיינער קאָן דאָך ניט מעהר וויפיעל ער קאָן. „די מאַכט, אָדער ריכטיגער, מיין אונמאַכט זאָל זיין מיין איינציגע גרעניץ, אויטאָריזירונגען אָבער זיינען נאָר בינדענדע פּרינציפּען? אָט אַזאַ אַלץ־אומשטירצענדע

אַנזיכט זאָל איך אַננעהמען? ניין, איך בין אַ — געזעצליכער בירגער!"

די בורזשואזיע האַלט פון אַ מאָראַל, וועלכע איז אויפ'ן ענגסטען אופן צוזאַמענגעבונדען מיט איהר אייגענעם עצם. די ערשטע פאָדערונג פון דער דאָזיגער מאָראַל איז, מען זאָל האָבען אַ סאָלידען געשעפט אָדער אַן עהרליכע מלאכה אין האַנד, און מען זאָל פיהרען אַ מאָראַלישען לעבען. ניט־מאָראַליש איז ביי איהר דער שווינדלער, די נואַפ'טע, דער גנב, דער רויבער און מערדער, דער שולער, דער אונפערמעגליכער מענש אָהן אַ שטעלע, דער לייכט־זיניגער. דער בראַווער בירגער בעצייכענט די שטימונג אַנטקעגען די דאָזיגע „אונמאָראַלע" מענשען אַלס זיין „טיעפסטע ענטריס־טונג". אַט די אַלע מענשען פעהלט די איינגעזעסענקייט, דער סאָלידער כאַראַקטער פון אַ געשעפט, אַ סאָליד, בכבוד לעבען, אַ זיכערע הכנסה א. אז. וו.; קורץ, אַזוי ווי זייער עקזיסטענץ רוהט ניט אויף אַ זיכערן באַזיס, געהערן זיי צו די געפעהרליכע „אינדיווידומען" אָדער „אָבגעזונדערטע מענשען", צום געפעהר־ליכען פּראָלעטאַריאַט. זיי זיינען „איינצעלנע שרייער", וועלכע קאָנען ניט געבען קיינע „גאַראַנטיען" און האָבען „גאָר־נישט צו פערלירען", בכן גאָרנישט צו ריזיקירען. שליסען אַ פאַמיליען־באַנד צ. ב. ש. בינדט צו דעם מענשען: דער וואָס איז געבונדען, ניט אַן ערבות, מען קאָן איהם האַלטען; דאָס גאַסען־מיידעל דאַגעגען איז ניט. דער שולער שטעלט אַלץ אין קאָן, ער רואינירט זיך און אַנדערע; — קיין גאַראַנטיע. מען וואָלט געקאָנט צוזאַמענפאַסען די אַלע, וואָס קומען פאַר דעם בירגער פערדעכטיג, פיינדליך און געפעהרליך, אונטער דעם נאָמען „וואַגאַבונדען"; איהם איז יעדע וואַגאַבונדישע פאָרם פון לעבען צו־ווידער. וואָרים עס זיינען פאַראַן אויך גייסטיגע וואַגאַבונדען, פאַר וועמען דער בירושה־בעקומענער וואוין־פּלאַץ פון זייערע עלטערן קומט־פאַר צו־ענג און צופיעל־געדריקט, זיי זאָלען ווייטער זיך קאָנען בענוגענען מיט דעם בעשרענקטען פּלאַץ: אַנשטאָט צו האַלטען זיך אין די גרעניצען פון אַ געמעסיגטען אַרט דענקען און אַננעהמען פאַר תורת משה דאָס, וואָס גיט טויזענדער מענשען טרויסט און בערוהיגונג, שפּרינגען זיי אַריבער אַלע גרעניצען פון דער טראַדיציע און ווילדעווען מיט זייער עזות'דיגער קריטיק און

ניט איינגעצוימטער מאַניאַ פון בעצווייפלונג, — אַט די עקסטראַ־וואַגאַנטע וואַגאַבונדען. זיי שטעלען־צונויף דעם קלאַס אונבע־שטענדיגע, אונרוהיגע, פּערענדערליכע, ד. ה. פּראָלעטאַריער, און הייסען, ווען זייער ניט־מיושב׳דיגער כאַראַקטער לאָזט זיך הערען, „אונרוהיגע קעפּ".

אַט אזא ווייטען זין האָט דער אַזוינער׳פענער פּראָלעטאַריאַט אָדער דער פּאָופּעריזם. וואָס פאַר אַ גרויסער טעות דאָס וואָלט געווען, ווען מען וואָלט געגלויבט דער בורזשואַזיע, אַז זי פער־לאַנגט מיט איהרע בעסטע קרעפטען אַבצושאַפען אָרימקייט (דעם פּאָופּעריזם)! אין געגענטייל, דער גוטער בירגער העלפט זיך מיט דער זעלטען־טרייסטליכער איבערצייגונג, אַז „די גיטער פון גליק זיינען אַ דאַנק דעם אויבערשטענ׳ם קלוגען בעשלוס שוין איינמאָל ניט־גלייך פערטיילט געוואָרן און וועלען אויף אייביג אַזוי בלייבען. דער דלות, וואָס רינגעלט איהם ארום אויף אַלע גאַסען, שטערט דעם אמת׳ן בירגער אין קיין זאַך ניט, אַחוץ וואָס ער פּטר׳ט זיך אָב פון איהם העכסטענס מיט אַ צוגעוואָרפענער נדבה, אָדער וואָס ער פערשאַפט אַן „עהרליכען און ברויכבאַרען" בחור ארבייט און עסען. אַלץ מעהר אָבער פיהלט ער דערפאַר געשטערט אין זיין רוהיגען גענוס דורך דעם „אונצופריעדענעם" דלות, וואָס „זוכט איינצופיהרען נייעס", דורך יענע קבצנים, וואָס פערהאַלטען זיך ניט מעהר שטיל און דולדען, נאָר וואָס ווערן אונרוהיג און הויבען אָן צו ווילדעווען. אַרעסטירט דעם וואַגאַבונד, זעצט אריין דעם בונטאָווטשיק אין דער פינסטערער טורמע! ער וויל „ארויסרופען אונצופריעדענהייט אין שטאַאַט און אויפרייצען אַנט־קעגען די בעשטעהענדע אינסטיטוציעס" — שטייניגט איהם, שטייניגט איהם!

גראָד אָבער פון די דאָזיגע אונצופריעדענע קומען ארויס אונ־געפעהר די פאָלגענדע געדאַנקען: פאַר די „גוטע בירגער" קאָן עס זיין גאַנץ עגאַל ווער עס בעשיצט ניט זיי און זייערע פּרינצי־פּען, צי אַן אַבסאָלוטער קעניג, צי אַ קאָנסטיטוציאָנעלער, צי אַ רעפּובליק א. אַז. וו., כל זמן זיי ווערען נאָר בעשיצט. און וואָס איז זייער פּרינציפּ, וועמעס בעשיצער זיי האָבען אַלעמאָל „ליעב"? דער פּרינציפּ פון ארבייט איז דאָס ניט; דער פּרינציפּ פון געבורט אויך ניט. עס איז אָבער דער פּרינציפּ פון מיטעלמעסיג־

קייט, פון דעם גאָלדענעם מיטען: אביסעל געבורט און אביסעל אַרבייט, ד. ה. אַ בעזיץ וואָס טראָגט צינזען. בעזיץ מיינט דאָ דאָס פעסטע, דאָס געגעבענע, גע'ירשנ'טע (געבורט); דאָס צינזען־טראָגען הייסט די טרחה, וואָס מען דאַרף אויף דעם אָנווענדען (אַרבייט); בכן — אַרבייטענדער קאַפּיטאַל. נאָר ניט צופיעל, קיין אולטראַ, קיין ראַדיקאַליזם! געבורטס־רעכט — אודאי, אָבער נאָר גע'ירשנ'טער בעזיץ; אַרבייט — אודאי, אָבער וועניג, אָדער קיין אייגענע גאָר ניט, נאָר די אַרבייט פון דעם קאַפּיטאַל און פון די — אונטערטעניגע אַרבייטער.

ווען אַ צייט ליעגט געפאַנגען אין אַ טעות, ציהען אַלעמאָל איינגיע נוצען פון דעם טעות, בעת די איבעריגע האָבען דערפון שאָדען. אין מיטעלאַלטער איז דער טעות געווען אַלגעמיין פער־שפּרייט צווישען די קריסטען, אַז די קירך מוז האָבען די גאַנצע מאַכט אָדער די אויבערהערשאַפט אויף דער ערד; די היעראַרכען האָבען ניט וועניגער געגלויבט אין דער דאָזיגער „וואַרהייט" איידער די לאַיען (עולמ'שע מענשען) און זיינעןביידע געווען פער'כשופ'ט פון דעמזעלביגען טעות. נאָר אָבער די היעראַרכען האָבען דורך דעם טעות געהאַט די נוצען פון דער מאַכט, די לאַיען — דעם שאָדען פון דער אונטערטעניגקייט. ווי זאָגט אָבער אַ גלייכוווערטעל: „פון שאָדען ווערט מען קלוג", זיינען די לאַיען ענדליך קלוג געוואָרן און האָבען מעהר ניט געגלויבט אין דער מיטעלאַלטערליכער „וואַרהייט". — דיזעלביגע שייכות געפינט זיך צווישען דער בורזשואַזיע און דעם אַרבייטער־קלאַס. בירגער און אַרבייטער גלויבען אין דער „וואַרהייט" פון געלד; די וואָס בעזיצען עס ניט, גלויבען אין דעם ניט וועניגער ווי די וואָס בעזי־צען עס יאָ: אַלזאָ, די לאַיען אַזוי גוט ווי די פּריעסטער.

„געלד רעגירט די וועלט" איז דער גרונד־טאָן פון דער ביר־גערליכער עפּאָכע. אַ בעזיצלאָזער אַדעליגער און אַ בעזיצלאָזער אַרבייטער האָבען אַלס „הונגערליידער" פּאָליטיש קיין בעדייטונג ניט: געבורט און אַרבייט טהוען גאָרנישט, נאָר געלד גילט. די בעזיצענדע הערשען, דער שטאַאַט אָבער ערציהט זיינע „דיענער" פון די בעזיצלאָזע, און לפי ערך וואָס זיי דאַרפען אין זיין נאָמען הערשען (רעגירען), גיט ער זיי געלד (געהאַלט).

איך בעקום אַלעס פון דעם שטאַאַט. האָב איך עפּעס אָהן

דער בעוויליגונג פון שטאַאט? וואָס איך האָב אָהן איהם, דאָס נעהמט ער ביי מיר אוועק, אזוי גיך ווי ער נעפינט אוים, אז מיר פעהלט דערצו דער „געזעצליכער טיטול". האָב איך דען ניט אַלץ דורך זיין גנאָד, זיין בעוויליגונג?

אויף דערויף אַליין, אויף דעם געזעצליכען טיטול, שטיצט זיך די בורזשואזיע. דער בירגער איז, וואָס ער איז, דורך דער בעשיצונג פון שטאַאט, דורך די גנאָד פון דעם שטאַאט. ער וואָלט געמוזט מורא האָבען, אז ער וועט אַלץ פערלירען, ווען די מאַכט פון שטאַאט וואָלט געבראָכען געוואָרן.

ווי שטעהט עס אָבער מיט דעם, וואָס האָט גאָרנישט צו פערלירען, ווי שטעהט עס מיט דעם פראָלעטאריער? אַזוי ווי ער האָט גאָרנישט צו פערלירען, דאַרף ער דאָך פאַר זיין „גאָרנישט" ניט האָבען די שטאַאט-בעשיצונג. ער קאָן אדרבא געווינען, ווען די האָזיגע בעשיצונג פון שטאַאט ווערט אָבגעצויגען פון די בעשיצטע.

דעריבער וועט דער, וואָס האָט גאָרנישט, בעטראַכטען דעם שטאַאט אַלס א שוץ-מאַכט פאַר דעם בעזיצענדען — א מאַכט, וואָס גיט יענעם פריווילעגיעס און איהם, פערקעהרט, זויגט זי נאָר אוים. דער שטאַאט איז א — בירגער-שטאַאט, ער איז דער סטאַטוס (שטאַנד) פון בירגערטום. ער בעשיצט ניט דעם מענשען לויט זיין ארבייט נאָך, נאָר לויט זיין געהאָרכזאמקייט („לאָיאַליטעט"), דאָס הייסט, לויט נאָך דעם נאָך, צי ער געניסט און פערוואַלטעט די רעכט, וואָס דער שטאַאט האָט איהם אַנגעטרויט, אין איינשטימונג מיט דעם ווילען, ד. ה. די געזעצען פון דעם שטאַאט.

אונטער דעם רעזשים פון דער בורזשואזיע פאַלען די ארבייטער שטענדיג אריין אין די הענד פון די בעזיצענדע, ד. ה. פון די, וועלכע האָבען אין זייער רשות א וועלכען עס איז טייל פון די שטאַאט-גיטער (און אַלץ וואָס איז בעזיצבאַר, איז א טייל פון די גיטער פון שטאַאט, געהערט צו דעם שטאַאט, און ווערט נאָר געגעבען דעם איינצעלנעם אין לעהן [צו געברויכען פאַר געוויסע דיענסטלייסטונג]) און ספּעציעל אין די הענד פון די, וואָס האָבען געלד און לאַנד — די קאַפּיטאַליסטען. דער ארבייטער קאָן ניט רעאַליזירען פאַר זיין ארבייט נאָכ'ן ערך פון דעם ווערטה, וואָס

עס האָט פאר דעם, וואָס געברויכט עס. „די ארבייט ווערט שלעכט בעצאָהלט!" דעם גרעסטען געווינס דערפון האָט דער קאפיטאליסט. — גוט און מעהר ווי גוט ווערן בעצאָהלט די ארבייטען פון יענע, וועלכע פערגרעסערען דעם גלאנץ און די הערשאפט פון שטאאט, די ארבייט פון די הויכע שטאאט־דיענער. דער שטאאט בעצאָהלט גוט, כדי זיינע „גוטע בירגער", די בעזיצענדע, זאָלען אָהן געפאהר קאָנען בעצאָהלען שלעכט. ער קריגט זיינע דיענער, פון וועלכע ער שטעלט צונויף פאר די „גוטע בירגער" א בעשיצונגס־מאכט, א „פאָליציי" (צו דער פאָליציי געהערן די סאָלדאטען, אלערליי בעאמטע, ווי צ. ב. ש. פון יוסטיץ, ערציהונג א. אז. וו., קורץ, די גאנצע „שטאאט־מאשין") — בעצאָהלענדיג גוט, און די „גוטע בירגער" גיבען איהם גערן הויכע שטייערן, כדי זיי זאָלען קאָנען צאָהלען זייערע ארבייטער אלץ א נידעריגערן לוין.

אָבער דער ארבייטער־קלאס, דערפאר וואָס ער ווערט ניט געשיצט אלס אזעלכער ווי ער איז בעצם (וואָרים זיי געניסען ניט די בעשיצונג פון שטאאט אלס ארבייטער, נאָר אלס זיינע אונטערטאנען האָבען זיי אויך א חלק גענוס פון דער פאָליציי, כלומרשט א פראָטעקציע פון געזעץ) — דער ארבייטער־קלאס בלייבט א מאכט, וואָס איז פיינדליך צו דעם שטאאט, דעם דאָזיגען שטאאט פון די בעזיצענדע, אָט דעם „בירגער־קעניגטום". זיין פרינציפ, די ארבייט, ווערט ניט אָנדערקענט לויט זיין ווערטה: ער ווערט בערויבט, ער ווערט א קריעג־רויב פאר די בעזיצענדע, פאר זיינע פיינד.

די ארבייטער האָבען די אונגעהייערסטע מאכט אין די הענד, און ווען זיי וועלען אמאָל ווערן רעכט בעוואוסטזיניג פון דער דאָזיגער מאכט און וועלען זי געברויכען, דאן קאָן קיין זאך זיי ניט שטעהן אין וועג; זיי דארפען נאָר אָבשטעלען די ארבייט, בעטראכטען די ארבייטס־פראָדוקטען ווי זייער אייגענס און געניסען עס. דאָס איז דער זין פון די ארבייטער־אונרוהען, וואָס קומען דאָ און דאָרט פאָר.

דער שטאאט האלט זיך אויף דער — שקלאפעריי פון דער ארבייט. ווערט די ארבייט פריי, איז דער שטאאט פערלאָרן.

## § 2. דער סאָציאַלער ליבעראַליזם.

— מיר זיינען פרייגעבוירענע מענשען, און וואו מיר זאָלען ניט א בליק טהאָן, זעהען מיר זיך געמאכט פאר דיענער פון עגאָיסטען! זאָלען מיר דעריבער אויך ווערן עגאָיסטען? גאָט בעוואהר, מיר וועלען בעסער מאכען, עס זאָלען גאָר קיין עגאָיסטען ניט קאָנען זיין! מיר וועלען זיי אַלעמען מאכען פאר „שלעפּער“, מיר ווילען אַלע זאָלען גאָרנישט האָבען, כדי „אַלע“ זאָלען האָבען.

אַזוי זאָגען די סאָציאַלע.

— ווער איז אָט די פּערזאָן, וואָס איהר רופט אָן „אַלע“?

— דאָס איז די „געזעלשאַפט“

— איז זי דען אָבער קערפּערהאַפטיג?

— מיר זיינען איהר קערפּער!

— איהר? איהר זייט דאָך אַליין ניט קיין קערפּער; דו, טאקע, ביזט קערפּערהאַפטיג, דו אויך, און דו אויך, אָבער איהר צוזאַמען זייט נור אַזויפיעל קערפּערס, ניט א קערפּער. פּונקט ווי די „נאַציאָן“ פון די פּאָליטיקער, אַזוי קומט אויס, אַז זי איז נישט מעהר ווי א „גייסט“, וואָס דער גוף אויף איהם איז נאָר אָן איינבילדונג.

די פרייהייט פונ'ם מענשען איז אין פּאָליטישען ליבעראַליזם די פרייהייט פון פּערזאָנען, פרייהייט פון פּערזענליכער הערשאַפט, פון דעם האַרר: די זיכערונג פון יעדער איינצעלנער פּערזאָן אַנטקעגען אַנדערע פּערזאָנען — פּערזענליכע פרייהייט.

קיינער האָט גאָרנישט צו בעפעהלען; דאָס געזעץ אַליין בעפעהלט.

אָבער אויב אפילו די פּערזאָנען זיינען געוואָרן גלייך, איז דער בעזיץ ניט געוואָרן גלייך. און דאָך דאַרף דער אָרימער האָבען דעם רייכען, דער רייכער דעם אָרימען: יענער דעם רייכענ'ס געלד, דער דעם אָרימאַנ'ס ארבייט. אַלזאָ, קיינער דאַרף ניט דעם אַנדערן אַלס פּערזאָן, אָבער ער דאַרף איהם אַלס געבער, דאָס הייסט, אַלס איינעם, וואָס האָט עפּעס צו געבען, אַלס האָבער אָדער בעזיצער. אַלזאָ, וואָס ער האָט, דאָס מאכט דעם מאַן. און אין דעם האָבען אָדער אין דעם „האָב“ זיינען די לייט ניט גלייך.

בכן, פיהרט אויס דער סאָציאַלער ליבעראַליזם, מוז קיינער ניט האָבען, אקוראַט ווי לויט דעם פּאָליטישען ליבעראַליזם דאַרף קיינער ניט בעפעהלען; ד. ה. אַזוי ווי דאָ האָט דער שטאַאַט אַליין בעקומען דעם בעפעהל, אַזוי אויך בעקומט די געזעלשאַפט אַליין דעם האָב.

דערמיט טאַקע, וואָס דער שטאַאַט בעשיצט יעדען איינעמס פּערזאָן און אייגענטום אַנטקעגען דעם אַנדערען, טיילט ער זיי פונאַנדער: יעדער איינער איז זיין טייל פאַר זיך און האָט זיין טייל פאַר זיך. וועמען עס איז גענוג וואָס ער איז און האָט, דער געפינט אַזאַ צושטאַנד גאַנץ צופריעדענשטעלענד; ווער אָבער עס וואָלט געוואָלט זיין און האָבען מעהר, זוכט אַרום אַט דעם מעהר און געפינט עס אין דער מאַכט פון אַנדערע פּערזאָנען. דאָ קומט ער אָן אויף אַ ווידערשפּרוך: אַלס פּערזאָן שטעהט קיינער ניט נידעריגער פאַר דעם אַנדערן, און דאָך האָט איין פּערזאָן, וואָס דער אַנדערער האָט ניט, נאָר וואָלט וועלען האָבען. וויבאַלד אַזוי, ציהט ער דערפון דעם שלום, איז דאָך איין פּערזאָן מעהר פאַר דעם אַנדערן, וואָרים יענע פּערזאָן האָט וואָס זי דאַרף, און די האָט עס ניט, יענער איז אַ רייכער און דער אַן אָרימאַן.

זאָלען מיר, פרעגט ער זיך ווייטער, ווידער לאָזען אויפלעבען דאָס, וואָס מיר האָבען מיט רעכט בעגראָבען — זאָלען מיר אַט די אונגלייכהייט פון פּערזאָנען, וואָס איז אויף אַן אומוועג ווידער אַרויסגעבראַכט געוואָרען, לאָזען בלייבען? ניין, אין געגענטייל, מיר מוזען דערפיהרן ביז'ן רעכטען סוף, דאָס וואָס איז אויסגעפיהרט געוואָרן נאָר אויף העלפט. אונזער פרייהייט פון אַנאַנדערנ'ס פּערזאָן פעהלט נאָך די פרייהייט פון דאָס, אויף וואָס דעם אַנדערנ'ס פּערזאָן האָט אַ דעה, פון דאָס וואָס זי האָט אין איהר פּערזענליכער מאַכט — קורץ, פון דעם „פּערזענליכען אייגענטום“. לאָמיר דעריבער אָבשאַפען דאָס פּערזענליכע אייגענטום. זאָל קיינער גאָרנישט ניט האָבען, זאָל יעדער זיין אַ — שלעפּער. זאָל דאָס אייגענטום זיין אונפּערזענליך, זאָל עס געהערען דער — געזעלשאַפט.

פאַר דעם העכסטען געוועלטיגער, דעם איין־איינציד

גען בעפעהלגעבער, זיינען מיר געווארן אלע גלייך, גלייכע פערזאָנען — ד. ה. נולען.

פאר דעם העכסטען אייגענטימער וועלען מיר אלע ווערן גלייכע — שלעפער. איצטער איז נאָך איינער אין דעם אנדערנ'ס אָבשאצונג א „שלעפער", א „האבע־ניכטס"; דאן אָבער וועט אָט די אָבשאצונג אויפהערן, מיר וועלען אלע צוזאמען ווערן שלעפער, און אלס דער קאָלעקטיוו פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט וועלען מיר זיך קאָנען אָנרופען דאָס „שלעפער־געזינדעל".

ווען דער פראָלעטאריער וועט ווירקליך האָבען געגרינדעט זיין נעפּלאַנירטע „געזעלשאפט", אין וועלכער דער חילוק צווישען רייך און אָרים זאָל ווערן בעזייטיגט, דאן וועט ער זיין א שלעפער, ווארים ער וועט דאן פיהלען, אז א שלעפער זיין האָט עפּעס א בעטרעף און וועט נאָך קאָנען דערהויבען דעם נאָמען „שלעפער" צו א בכבוד'ן טיטול, אזוי גוט ווי די רעוואָלוציע האָט דערהויבען צו אזא עהרע דאָס וואָרט „בירגער". שלעפער איז זיין אידעאל; מיר מוזען אלע ווערן שלעפערס.

דאָס איז, אין די אינטערעסען פון דער „מענשליכקייט", די צווייטע בערויבונג פון דאָס „פערזענליכע". פאר דעם איינצעלנעם לאָזט מען ניט איבער, ניט קיין בעפעהל, ניט קיין אייגענטום. יענעם האָט צוגענומען דער שטאאט, דעם נעהמט־צו די געזעלשאפט.

דערפאר ווייל אין דער געזעלשאפט לאָזען זיך פיהלען די העכסט דריקענדע איבלען, דענקען, דערהויפּט די געדריקטע, — ד. ה. די גליעדער פון די אונטערסטע שיכטען פון דער געזעלשאפט — אז די שולד ליענט אין דער געזעלשאפט, און מאכען עס פאר זייער אויפגאבע צו ענטדעקען די ריכטיגע געזעלשאפט. עס איז וויעדער אמאָל די אלטע געשיכטע, וואָס מען זוכט אפריהער די שולד אין יעדער אנדער זאך, נאָר ניט אין זיך אליין, דהינו אין שטאאט, אין דער גייציגקייט פון די רייכע א. אז. וו., בעת עס איז גראָד צו פערדאנקען אונזער שולד, וואָס די דאָזיגע איבלען עקזיסטירען.

דער געראנקען־גאנג און די שלוסען פון דעם קאָמוניזם זעהען אויס זעהר איינפאך. ווי די לאגע איז היינט, ד. ה. אונטער די

איצטיגע שטאאט־פערהעלטניסען, שטעהען אייניגע, און זיי זיינען די מעהרצאָהל, אין אן אונגגינסטיגער לאגע לגבי אנדערע, וואָס זיינען די מינדערצאָהל. ביי דעם צושטאנד געפינען זיך די לעצטע אין א וואוילשטאנד און די ערשטע אין א נויט־שטאנד. דעריבער מוז דער איצטיגער צושטאנד, דאָס איז שטאאט (סטאטוס ־ שטאנד) אָבגעשאפט ווערן. און וואָס זאָל זיין אויף זיין אָרט? אַנשטאָט דעם פעראיינצעלטען וואוילשטאנד — אן אלגעמיינער וואוילשטאנד, א וואויל־שטאנד פאר אלעמען.

דורך דער רעוואָלוציע איז די בורזשואזיע געוואָרן אלמעכטיג, און אלע אונגלייכהייטען זיינען אָבגעשאפט געוואָרן, דורכדעם וואס יעדערער איז דערהויבען אדער דערנידעריגט געווארן צו דער ווערדע פון א בירגער: דער געמיינער מענש איז דערהויבען געוואָרן, דער אדעליגער — דערנידעריגט; דער דריטער שטאנד איז געוואָרן דער איינציגער שטאנד, דער שטאנד פון — שטאאט־בירגער. קומט דער קאָמוניזם און טענה'ט: ניט אין דעריין בעשטעהט אונזער ווערדע און אונזער וועזען, וואָס מיר זיינען אלע גלייכע קינדער פונ'ם שטאאט, אונזער מוטער, אלע געבוירען מיט דעמזעלביגען אַנשפרוך אויף איהר ליעבע און איהר שוץ; נאָר אין דעריין, וואָס מיר זיינען דאָ אלע איינער פאר דעם אנדערן. אָט דאָס איז אונזער גלייכהייט, אָדער אין דעריין זיינען מיר גלייך, וואָס איך, אזוי גוט ווי דו און איהר אלע, יעדער איינער פאר דעם אנדערן, זיינען טהעטיג אָדער „ארביי־טען„ — הייסט עס, דעריין וואָס יעדערער פון אונז איז אן ארבייטער. אונז איז ניט וויכטיג, וואָס מיר זיינען פאר'ן שטאאט, ד. ה. וואָס מיר זיינען בירגער; דער פונקט איז ניט אונזער בירגערטום, נאָר דאָס, וואָס מיר זיינען איינער פאר'ן אנדערן, וואָס יעדערער פון אונז עקזיסטירט נאָר דורך דעם אנדערן, און אין דעם וואָס ער זאָרגט פאר מיינע בעדערפ־פעניסען, זעהט ער צוגלייך זיינע אייגענע בעדערפעניסען בעפריע־דיגט דורך מיר. ער ארבייט צ. ב. ש. פאר מיין קליידונג (שניידער), איך — פאר זיינע פערגעניגען־בעדערפעניסען (קאָמעדיען־שרייבער, שטריק־טענצער א. אז. וו.), ער פאר מיין נאהרונג (פערמער און ז. וו.), איך פאר זיין בעלעהרונג (וויסענשאפטסמאן א. אז. וו.).

אַלזאָ, דאָס אַרבּייטערטום איז אונזער ווערדע און אונזער — גלייכהייט.

וואָסערע נוצען ברענגט אונז דאָס בירגערטום? לאַסטען! און ווי הויך שאַצט מען אונזער ארבייט? אַזוי נידעריג ווי מעגליך! די ארבייט איז אָבער אונזער איינציגער ווערטה; וואָס מיר זיינען אַרבּייטער, דאָס איז אונזער גרעסטע מעלה, דאָס איז אונזער בעדייטונג אין דער וועלט, און דעריבער מוז האָס טאַקע ווערן אונזער חשיבות און עס מוז קומען דערצו, אַז מען זאָל עס האַלטען פאַר אַ חשיבות. וואָס קאָנט איהר אַנטקעגען שטעלען? אויך דאָך נישט מעהר ווי — אַרבייט. נאָר פאַר ארבייט, אָדער פאַר עפּעס, וואָס איהר טהוט פאַר אונז, זיינען מיר אייך שולדיג אַ פערגיטיגונג, ניט בלויז פאַר אייער עקזיסטענץ; אויך ניט פאַר דאָס, וואָס איהר זייט פאַר אייך, נאָר פאַר דאָס, וואָס איהר זייט פאַר אונז. צוליעב וואָס האָט איהר אויף אונז תביעות? אפשר צוליעב אייער וואוילגעבוירענקייט אין אז. וו.? ניין, נאָר דערפאַר וואָס איהר טהוט פאַר אונז עפּעס, וואָס מיר ווינשען אָדער וואָס איז ניצליך. איז זאָל עס טאַקע אַזוי זיין: מיר ווילען זיין ווערטה פאַר אייך נאָר אַזוויפיעל, וויפיעל מיר לייסטען פאַר אייך; אָבער מיר ווילען פון אייך אויך נאָר האַלטען אויפ'ן זעלביגען אופן. די לייסטונגען בעשטימען דעם ווערטה, ד. ה. אַזוינע לייסטונגען, וואָס זיינען אונז עפּעס ווערטה, אַלזאָ, איינע פאַר די אַנדערע — אַרבייט, די אַרבייט לטובת הכלל. זאָל יעדערער זיין אין דעם אנדערנ'ס אויגען אַן אַרבייטער. ווער עס טהוט אויף עפּעס אַ ניצליכע זאַך, דער שטעהט פאַר קיינעם ניט נידעריגער, אָדער — אַלע אַרבייטער (ארבייטער, פערשטעהט זיך, אין דעם זין פון „אַלגעמיין־ניצליכע", ד. ה. קאָמוניסטישע אַרבייטער) זיינען גלייך. אָבער אַזוי ווי דער ארבייטער איז ווערטה זיין לוין, מוז אויך דער לוין זיין גלייך.

כל זמן דאָס גלויבען איז געווען גענוג צופריעדענצושטעלען דעם מענשענ'ס עהרע און ווערדע, האָט מען גאָרנישט ניט געקאָנט איינווענדען אַנטקעגען קיין ארבייט, ווי אָנשטרענגענד זי האָט ניט געמעגט זיין, אויב זי האָט נאָר ניט געשטערט דעם מענשען אין דעם גלויבען. איצט אָבער, ווען יעדערער דאַרף זיך אויסבילדען

צו ווערן א מענש, איז צווינגען א מענשען צו טהאָן מאשין־מעסיגע ארבייט די אייגענע זאך, ווי האַלטען איהם אין שקלאַפעריי. ווען א פאבריק־ארבייטער מוז הארעווען ביז טויט־מידיגקייט צוועלף און מעהר שטונדען א טאָג, הייסט עס, אז מען לאָזט איהם ניט ווערן קיין מענש. יעדע ארבייט מוז האָבען דעם צוועק, דער מענש זאָל ווערן בעפריעדיגט. דעריבער מוז ער אויך ווערן א מייס־טער אין דער ארבייט, ד. ה. ער מוז זי קאָנען שאפען אלס א גאנצע זאך. דער וואָס זעצט נאָר ארויף די קעפּלעך אין א פאבריק פון שפּילקעס, אָדער ציהט נאָר דעם דראָט א. אז. וו., דער ארבייט, אזוי צו זאָגען, מעכאניש, ווי א מאשין; ער בלייבט א פּאָרטאטש, ווערט ניט קיין מייסטער: זיין ארבייט קאָן איהם ניט בעפריע־דיגען, זי קאָן איהם נאָר אויסמאטערן. זיין ארבייט איז, פאר זיך גענומען, גאָרנישט, זי האָט אין זיך קיין צוועק ניט, זי איז פאר זיך ניט קיין פערטיגע זאך: ער דערלאנגט נאָר אַן אנדערן צום האנד, און ווערט פון יענעם בענוצט (עקספּלואטירט). פאר אָט אזא ארבייטער, וואָס איז אין דיענסט ביי אנאנדערן, איז ניטאָ קיין גענוס פון א געבילדעטען גייסט, העכסטענס גראָבע פערגעניגענס: די בילדונג איז דאָך פאר איהם פערשלאָסען. כדי צו זיין א גוטער קריסט, ברויכט מען נאָר צו גלויבען, און דאָס קאָן מען טהאָן אונטער די געדריקטעסטע פערהעלטעניסען. דעריבער זאָרגען די קריסטליך־געזאָנענע נאָר פאר דער פרומקייט פון די געדריקטע ארבייטער, פאר זייער געדולד, אונטערוואָרפענקייט א. אז. וו. די אונטערדריקטע קלאסען האָבען געקאָנט אריבערטראָגען זייער גאנצען עלענד נאָר אזוי לאנג, ווי זיי זיינען געווען קריסטען: וואָרים דאָס קריסטענטום לאָזט זייער מורמלען און זייער אויפשטאנד ניט אויפוואקסען. איצטער איז שוין ניט גענוג איינצושטילען די בעגעהרען, איצט פאָדערט מען זייער זעטיגונג. די בורזשואזיע האָט אליין פערקינדיגט דאָס עוואנגעליום פון וועלט־גענוס, פון מאטעריעלען גענוס, און וואונדערט זיך נאָך, וואָס אָט די לעהרע געפינט אָנהענגער צווישען אונז קבצנים; זי האָט געצייגט, אז ניט „גלויבען און ארמוט מאכען זעליג", נאָר בילדונג און בעזיץ מאכען זעליג: דאָס בעגרייפען מיר פּראָלעטאריער אויך.

די בורזשואזיע האָט בעפרייט פון דעם בעפעהל און דעם

מוטווילען פון איינצעלנע. עס איז אָבער נאָך איבערנעבליבען דער מוטווילען, וואָס קומט פון געוויסע פּערהעלטעניסען און וואָס קאָן אָנגערופען ווערן די צופעליגקייט פון אומשטענדען; עס איז איבערגעבליבען דער גליקליכער צופאל, דער מזל און די „מזל־דיגע".

ווען עס געהט־אונטער צ. ב. ש. א געוויסער אינדוסטריע־צווייג און טויזענדער ארבייטער בלייבען אָהן ברויט, זעהט מען גאַנץ ריכ־טיג איין, אז עס איז ניט די שולד פון די איינצעלנע, נאָר אז „די צרה ליעגט אין די אומשטענדען". איז לאָמיר ענדערן די אומ־שטענדען, אָבער טאַקע אזוי גרינדליך ענדערן, אז זייער צופעלינ־קייט זאָל ווערן אונמעגליך און עס זאָל ווערן א געזעץ! לאָמיר ניט זיין לענגער קיין שקלאַפען פון צופאל! לאָמיר שאפען א נייע אָרדנונג, וואָס וועט מאכען א סוף פון די שוואנקונגען. אָט די אָרדנונג זאָל דאַן זיין הייליג!

פריהער האָט מען געמוזט מפצה זיין די האררען, כדי צו קומען צו עפּעס; נאָך דער רעוואָלוציע האָט עס געהייסען: פּרוב דיין מזל! גליק־יאָגעניש אָדער אזארט־שפּיעלען, דערויף איז אוועקגעגאַנגען דאָס בירגערליכע לעבען. דאַן, צוגלייך מיט דעם איז געקומען די פּאָדערונג, אז דער, וואָס האָט שוין עפּעס דערגרייכט, זאָל דאָס לייכטזיניג ניט שטעלען ווידער אין קאָן.

א מאָדנער און האָך העכסט־נאַטירליכער ווידערשפּרוך. די קאָנקורענץ, אין וועלכער דאָס גאַנצע בירגערליכע און פּאָליטישע לעבען וויקעלט זיך פונאנדער, איז דורך און דורך א גליק־שפּיעל — פון די בערזען־ספּעקולאַציעס ביז צו דעם לויפען נאָך עמטער, דעם יאָגען זיך נאָך קונדען, דעם זוכען ארבייט, שטרעבען צו דערהויבונג און אָרדענס, דעם שאכערן פון דעם קליינליכען הענדלער א. אז. וו.. ווען עס געלינגט ארויסצוזעצען און אריבערבאָטען די קאָנקורענטען, הייסט עס געטאָן דעם „מזל'דיגען וואָרף"; וואָרים דאָס אליין נעהמט מען שוין אָן פאַר א גליק, וואָס דער זיעגער האָט אזא פעהיגקייט (ווען אפילו ער אליין האָט זי מיט גרויס מיה און זאָרג ענטוויקעלט), אנטקעגען וועלכער די אנדערע קאָנען זיך ניט שטע־לען; אלזאָ, א גליק, וואָס עס זיינען ניטאָ קיין פעהיגערע. און דיזעלביגע מענשען, וואָס פערברענגען טעגליך זייער לעבען אין דעם גליק־שפּיעל, ניט זעהענדיג אין דעם קיין בייז, פאלען אריין אין א

העכסט מאָראַלישער ענטריסטונג, ווען זייער אייגענער פּרינציפּ טרעט אַרויס אין אַ נאַקעטער פאָרם און „ברענגט אומגליקען“ אַלס — אַ ז אַ ר ט ־ ש פּ י ע ל ע ן. דער אַזאַרט־שפּיעל, פערשטעהט איהר מיך, איז אַ צו־דייטליכע, צו־אָפּענע קאָנקורענץ, און ווי יעדע ענטשיידענע נאַקעטקייט, פערלעצט זי דעם עהרענהאַפטען שאַנד־געפיהל.

די סאָציאַלע ליבעראַלען ווילען אָבשטעלען אָט די אַרבייט פון דעם צופאַל, און ווילען בויען אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די מענ־שען זיינען ניט מעהר אָבהענגיג פון מ ז ל, נאָר זיינען פריי.

אויף דעם נאַטירליכסטען אופן דריקט זיך דאָס דאָזיגע שטרעבען קודם אויס אַלס אַ שנאה פון די „אומגליקליכע“ אַנטקעג־נען די „גליקליכע“, ד. ה. פון די, פאַר וועמען דאָס גליק האָט ווייניג אָדער גאָרנישט געטאָן, אַנטקעגען יענע, פאַר וועמען עס האָט אַלץ געטאָן.

אייגענטליך אָבער איז די דאָזיגע קנאה־שנאה געריכטעט ניט אַנטקעגען די גליקליכע, נאָר אַנטקעגען דעם ג ל י ק — אָט דעם פוילען פלעק פון בירגערטום.

אַזוי ווי די קאָמוניסטען דערקלערן, אַז די פרייע טהעטיגקייט איז ערשט דער עצם פון מענשען, בעדאַרפען זיי, ווי יעדע וואָכע־דיגע נאַטור, האָבען אַ שבת, ווי יעדע מאַטעריעלע שטרעבונג — אַ גאָט: זיי בעדאַרפען אַן עלית־נשמה און אַן עונג־נפש לעבען זייער גייסטלאָזער „אַרבייט“.

וואָס דער קאָמוניסט דערזעהט אין דיר דעם מענשען, דעם ברודער, דאָס איז נאָר די שבת'דיגע זייט פון דעם קאָמוניזם. לויט דער וואָכעדיגער זייט קוקט ער אויף דיר בשום אופן ניט איינפאַך ווי אויף אַ מענשען, נאָר ווי אויף אַ מענשליכען אַרבייטער אָדער אַן אַרבייטענדען מענשען. דער ליבעראַלער פּרינציפּ שטעקט אין דעם ערשטען בליק, אין דעם צווייטען איז פערבאָרגען די אונ־ליבעראַליטעט. וואָלסטו געווען אַ „פוילענצער“, וואָלט ער, אמת טאַקע, ניט פערפעהלט צו זעהן אין דיר דעם מענשען, אָבער אַלס אַ „פוילען מענשען“ וואָלט ער געשטרעבט איהם צו רייניגען פון דער פוילקייט און דיך צו בעקעהרן צו דעם ג ל ו י ב ע ן, אַז אַרבייטען איז דעם מענשענ'ס „בעשטימונג און בערוף“.

דעריבער צייגט ער אַ צווייאיגען פנים: מיט איינעם גיט

ער אכטונג, אז דער גייסטיגער מענש זאָל בעפריעדיגט ווערן, מיט דעם אנדערן קוקט ער זיך ארום צו געפינען מיטלען פאר דעם מאטעריעלען אָדער גשמיות'דיגען מענשען. ער גיט דעם מענשען א צווייפאכיגע שטעלע, איינע פון מאטעריעלע געווינסען און איינע פון גייסטיגע.

די בורזשואזיע האָט פריי געשטעלט די גייסטיגע און מאטעריעלע גיטער און יעדען געגעבען די ברירה צו שטרעבען נאָך דעם, אויב ער וויל.

דער קאָמוניזם פערשאפט יעדערן די דאָזיגע גיטער בפועל ממש, דרינגט זיי ארויף אויף איהם און צווינגט איהם זיי צו דער־ווערבען. ער נעהמט עס גאנץ ערנסט, אז ווייבאלד נאָר די גייסטיגע און מאטעריעלע גיטער מאכען אונז פאר מענשען, מוזען מיר אָהן טענות דערווערבען די דאָזיגע גיטער, כדי צו זיין מענשען. די בורזשואזיע האָט דעם דערווערב געמאכט פריי, דער קאָמוניזם צווינגט צו דעם דערווערב און אָנדערקענט נאָר דעם דערווער־בער, דעם וואָס בעטרייבט א געווערב. עס איז ניט גענוג, וואָס דאָס געווערב איז פריי, דו מוזט זיך טאקע נעהמען פאר איהם.

פאר דער קריטיק בלייבט נאָר איבער צו בעווייזען, אז דער דערווערב פון אָט די גיטער מאכט אונז נאָך בשום אופן ניט פאר מענשען.

מיט דעם ליבעראלען געבאָט, אז יעדערער מוז מאכען פון זיך א מענשען, אָדער אז יעדערער מוז זיך מאכען צום מענשען, איז געווען פאָראויסגעזעצט די נויטווענדיגקייט, אז יעדער איינער מוז געווינען צייט פאר דער דאָזיגער ארבייט פון מענשלען זיך, ד. ה. אז עס דארף פאר יעדען איינעם זיין מעגליך צו ארבייטען אויף זיך.

די בורזשואזיע האָט געדענקט, אז זי האָט געפונען דעם מיטעל דערצו, ווען זי האָט אלץ וואָס איז מענשליך איבערגעגעבען דער קאָנקורענץ, און האָט דעם איינצעלנעם געגעבען א רעכט צו יעדער מענשליכער זאך. „יעדערער מעג שטרעבען נאָך אלץ!“

דער סאָציאלער ליבעראליזם געפינט איין, אז מיט דעם „מעגען“ אליין איז די זאך נאָך ניט פערענטפערט; ווייל מעגען הייסט נאָר, אז עס איז קיינעם ניט פערבאָטען, אבער ניט אז עס

איז מ ע ג ל י ך פאר יעדען איינעם. ער מאכט דעריבער די בעהויפטונג, אז די בורזשואזיע איז נאָר ליבעראל מיט'ן מויל און אויף ווערטער, אבער אין דער טהאט איז זי העכסט אונ־ליבעראל. ער פון זיין זייט וויל אונז געבען די מ י ט ל ע ן גופא צו קאָנען ארבייטען אויף זיך.

דורך דעם פרינציפ פון ארבייט ווערט גאנץ געוויס דער פרינציפ פון גליק אָדער פון קאָנקורענץ איבערטראָפען. אין דער־זעלביגער צייט אָבער האלט זיך דער ארבייטער, אין זיין בעוואוסט־זיין אז דער עיקר אין איהם איז „דער ארבייטער“, דערוייטערט פון דעם עגאָיזם, און אונטערוואַרפט זיך צו דער אויבערמאכט פון אַן ארבייטער־געזעלשאפט, פונקט ווי דער בירגער האָט זיך מיט געטרייקייט פעסטגעהאַלטען אָן דעם קאָנקורענץ־שטאאט. דער שעהנער חלום פון א „סאָציאל־פליכט“ ווערט נאָך ווייטער גע'חלומ'ט. מען מיינט ווידער, אז די געזעלשאפט ג י ט אונז, וואָס מיר דארפען, און מיר זיינען איהר דעריבער פ ע ר פ ל י כ־ ט ע ט, מיר זיינען איהר אלעס שולדיג.* מען האלט נאָך אלץ אין וועלען ד י ע נ ע ן דעם „העכסטען געבער פון אל דאָס גוטס“. אַז די געזעלשאפט איז בכלל ניט קיין „איך“, וואָס קאָן געבען, בעוויליגען אָדער שענקען, נאָר נישטמעהר ווי אַן אינסטרומענט אָדער א מיטעל, פון וועלכען מיר קאָנען ציהען נוצען; אז מיר האָבען ניט קיינע געזעלשאפטליכע התחיבות'ן, נאָר בלויז אינטע־רעסען, וואָס די געזעלשאפט דארף אונז דיענען זיי צו קאָנען פער־פאָלגען; אז מיר זיינען דער געזעלשאפט ניט שולדיג קיינע אָפּפער, נאָר אויב מיר אָפּפערן עפּעס, אָפּפערן מיר דאָס צו אונז אליין — וועגען דעם דענקען ניט די סאָציאלע, ווייל אלס ליבע־ראלען זיצען זיי געפאנגען אין דעם רעליגיעזען פרינציפ און טראכ־טען מיט גרויס אייפער וועגען א הייליגער געזעלשאפט, אזא ווי דער שטאאט איז דאָס געווען ביז אהער!

די געזעלשאפט, פון וועלכער מיר בעקומען אלץ, איז א נייע

* פרודאָן („קרעאַסיאָן דע ל'אָרדער“) רופט אויס צ. ב. ש. (ז. 44): „אין דער אינדוסטריע ווי אין דער וויסענשאפט איז די פערעפענטליכונג פון אן ערפינדונג די ערשטע און ה י י ל י ג ס ט ע פ ו ן א ל ע פ ל י כ ט ע ן!“

האַרנטע, אַ נייער רוח, אַ נייער „העכסטעס וועזען“, וועלכע „נעהמט אונז אין דיענסט און פליכט“!

אַ גענויערע אָבשאַצונג פון דעם פּאָליטישען, ווי פון דעם סאָציאַלען ליבעראַליזם, קאָן ערשט געפינען פלאַץ שפּעטער־הין. דערווייליגע געהען מיר אַריבער, זיי צו שטעלען פאַר׳ן געריכט פון דעם הומאַנעם אָדער קריטישען ליבעראַליזם.

## § 3. דער הומאַנער ליבעראַליזם.

אַזוי ווי דער ליבעראַליזם פערפאָלשטענדיגט זיך אין דעם זיך־קריטיזירענדען, „קריטישען“ ליבעראַליזם, — אין וועלכען דער קריטיקער בלייבט אַ ליבעראַל און געהט ניט ווייטער איידער דעם פּרינציפּ פון ליבעראַליזם, דעם מענשען — דעריבער מעג ער ספּעציעל אָנגערופען ווערן נאָכ׳ן מענשען און הייסען דער „הומאַנער“.

דער אַרבייטער רעכענט זיך פאַר דעם מאַטעריעלסטען און העכסטען עגאָאיסטישען מענשען. ער טהוט גאָרנישט פאַר דער מענשהייט, טהוט אַלץ פאַר זיך, פאַר זיין אייגענעם וואוילזיין.

דאָס בירגערטום, וואָס האָט דערקלערט דעם מענשען אַלס פריי נאָר אין פּרט פון זיין געבורט, האָט איהם אין אַלעם איבעריגען געמוזט איבערלאָזען אין די נעגעל פון דעם אונמענשען (דעם עגאָאיסט). דעריבער האָט דער עגאָאיזם אונטער דעם רעזשים פון פּאָליטישען ליבעראַליזם אַ זעהר גרויס פעלד פאַר פרייער בענוצונג.

אַזוי ווי דער בירגער בענוצט דעם שטאַאט, אַזוי וועט דער אַרבייטער בענוצען די געזעלשאַפט פאַר זיינע עגאָאיסטישע צוועקען. דו האָסט דאָך נאָר אַן עגאָאיסטישען צוועק, דיין וואויל־זיין! ווארפט דער הומאַנער ליבעראַליזם פאָר דעם סאָציאַלען. נעהם אָן אַ ריין מענשליכען אינטערעס, דאַן וועל איך זיין דיין חבר. „דערצו דאַרף מען אָבער האָבען אַ שטאַרקערן, מעהר אומפּאַסענדען בעוואוסטזיין איידער אַן אַרבייטער־בעוואוסט־זיין“. „דער אַרבייטער מאַכט גאָרנישט, דערום האָט ער גאָר־נישט: ער מאַכט אָבער גאָרנישט דערפאַר, ווייל זיין אַרבייט איז

שטענדיג אַזעלכע, וואָס בלייבט אינדיווידועל, וואָס איז בערעכענט אויף זיינע אייגענסטע בעדערפעניסען, און אַרבייט פון איין טאָג אויף דעם אַנדערן".* להיפּך צו דעם וואָלט מען געקאָנט בעמערקען: גוטענבערג'ס אַרבייט איז ניט געבליבען אינדיווידועל, זי האָט געבוירען אונצעהליגע קינדער און לעבט נאָך היינט; זי איז געווען בערעכענט אויף די בעדערפעניסען פון דער מענשהייט, און איז געווען אַן אייביגע אַרבייט, וואָס געהט ניט פערלאָרן.

דאָס הומאַנע בעוואוסטזיין פעראַכטעט דעם בירגער־בעוואוסטזיין, אַזוי גוט ווי דעם אַרבייטער־בעוואוסטזיין: וואָרים דער בירגער איז „ענטריסטעט" נאָר אויף דעם וואַגאַבונד (אויף די, וואָס האָבען ניט „קיין בעשטימטע בעשעפטיגונג") און אויף זיין „אונמאָראַלישקייט"; דעם אַרבייטער „עמפּערט" דער פוילענצער (דער לעדיגגעהער) און זיינע „אונמאָראַלישע" פּרינציפּען, וויל זיי זיינען פּאַראַזיטישע און אונגעזעלשאַפטליכע. אויף דעם ענטפערט־אָב דער הומאַנער: די אונגעזעצטקייט פון פיעלע מענשען איז נאָר דיין פּראָדוקט, פיליסטער! וואָס דו, פּראָלעטאַריער, אָבער שלאָגסט פאָר, אַז אַלע זאָלען שלעפּען די טאַטשקע און דו ווילסט אַז דאָס פּלאָגען זיך ביי לאַנגווייליגער אַרבייט זאָל ווערן אַלגעמיין, דאָס שטעקט נאָך אין דיר פון דער צייט, וואָס דו האָסט געלעבט ווי אַ פּאַק־עזעל. אמת, דורכדעם וואָס אַלע וועלען זיך גלייך מוזען פּלאָגען, ווילסטו דאָס פּלאָגען זיך גופא לייכטער מאַכען, אָבער דאָס איז דאָך נאָר אויס דעם גרונד, כדי אַלע גלייך זאָלען האָבען פרייע צייט. אָבער וואָס זאָלען זיי אָנהויבען טהאָן מיט זייער פרייער צייט? וואָס טהוט דיין „געזעלשאַפט", כדי אַז אָט די פרייע צייט זאָל פערבראַכט ווערן מענשליך? זי מוז די געוואונענע פרייע צייט ווידער איבערלאָזען צו דעם עגאָיסטישען גוטען ווילען, און דערזעלביגער געווינס, וואָס דיין געזעלשאַפט העלפט שאַפען, פאַלט אַריין צו דעם עגאָיסט, פונקט ווי דער געווינס פון בירגערטום, דאָס ניט האָבען קיינע איבערהאַררען איבערן מענשען, האָט ניט געקאָנט אָנגעפילט ווערן פון שטאַאַט מיט אַ מענשליכען אינהאַלט, און איז דעריבער איבערגעלאָזט געוואָרן צו דעם מוטווילען.

* ברונאָ בויער, אַלגעמיינע ליטעראַטור־צייטונג, ב. 18.

אודאי איז נויטיג, אז דער מענש זאל זיין הארן־לאז, אבער דעריבער זאל אויך דער עגאיסט ניט ווערן װיעדער דער הארר איבער דעם מענשען, נאר דער מענש זאל זיין דער הארר איבער דעם עגאיסט. אודאי מוז דער מענש האבען פרייע צייט, אבער אויב דער עגאיסט מאכט נוצען דערפון, געהט עס פערלארן פאר דעם מענשען; דעריבער מוזט איהר געבען דער פרייער צייט א מענשליכע בעדייטונג. אבער איהר ארבייטער אונטערנעהמט אפילו אייער ארבייט דורך אן עגאיסטישען טריעב, ווייל איהר ווילט עסען, טרינקען, לעבען; ווי אזוי וועט איהר ביי פרייער צייט זיין ווענינער עגאיסטען? איהר ארבייט נאר דערפאר, ווייל נאך דער אבגעטאנענער ארבייט איז גוט צו פערברענגען (פוילענצען), און מיט וואס איהר וועט אנפילען אייער פרייע צייט, דאס ווערט איבערגעלאזט דעם צופאל.

וויל מען אבער, אז פאר׳ן עגאיזם זאל יעדע טהיר פערריגעלט ווערן, מוז מען שטרעבען צו א פאלשטענדיג „ניט־פעראינטערע־סירטער" טהעטיגקייט, צו א גענצליכער ניט־פעראינטערעסירטקייט. דאס אליין איז מענשליך, ווייל נאר דער מענש איז ניט־פעראינטע־רעסירט, דער עגאיסט איז אלעמאל פעראינטערעסירט.

ווען מיר לאזען די אונפעראינטערעסירטקייט א ווײלע צו־רוה, דאן פרעגען מיר: ווילסטו אין קיין זאך ניט נעהמען קיין אינטע־רעס, פאר קיין זאך ניט זיין בעגייסטערט, ניט פאר דער פרייהייט, ניט פאר דער מענשהייט א. אז. וו.? „אה, יא, האס איז אבער ניט קיין עגאיסטישער אינטערעס, ניט קיין פעראינטערעסירטקייט, נאר א מענשליכער, ד. ה. א טעארעטישער אינטערעס, אן אינטערעס ניט פאר איין איינצעלנעם אדער פאר די איינצעלנע („אלע"), נאר פאר דער א י ד ע, פאר ד ע ם מ ע נ ש ע ן!"

און דו מערקסט ניט, אז דו ביזט אויך נאר בעגייסטערט פאר ד י י ן אידעע, פאר ד י י ן פרייהייט־אידעע?

און ווייטער, מערקסטו ניט, אז דיין ניט־פעראינטערעסירטקייט איז ווידער, ווי די רעליגיעזע ניט־פעראינטערעסירטקייט, א הימעלשע פעראינטערעסירטקייט? צו די נוצען פון די איינצעלנע פערהאלסטו זיך זיכער גאנץ קאלט, און אין אבסטראקט וואלסטו געקאנט אויסרופען: פ י א ט ע ל י ב ע ר ט א ס, פ ע ר ע א ט

מ ו נ ד ו ס (פרייהייט זאָל זיין, די וועלט מעג אונטערגעהן). דו זאָרגסט אויך ניט פאַר דעם מאָרגענדיגען טאָג, און האָסט איבער־הויפּט ניט קיין ערנסטע זאָרג פאַר די בעדערפעני‌שען פון דעם איינצעלנעם, ניט פאַר דיין אייגענעם וואוילזיין, ניט פאַר דעם וואוילזיין פון אַנדערע; אָבער דו מאַכסט זיך פון אַלעם דעם גאָר־נישט ד'רויס, ווייל דו ביזט אַ — טרוימער.

וועט אפשר דער הומאַנער זיין אַזוי ליבעראַל צו דערקלערן יעדע מענשען־מעגליכע זאַך פאַר מ ע נ ש ל י ך? אין געגענ־טייל! אמת, ער טיילט ניט דעם פיליסטער'ס מאָראַלישען פאָר־אורטייל וועגען דער גאַסען־פרוי, אָבער „וואָס אַט אַזאַ פרוי מאַכט פון איהר קערפּער אַ מאַשין צו פערדיענען געלד",* דאָס מאַכט איהר אַלס מענשען פערעכטליך צו איהם. ער אורטיילט: די גאַסען־פרוי איז ניט קיין מענש; אָדער: אויף וויפיעל אַ פרוי איז אַ הור, אויף אַזוי־פיעל איז זי אונמענשליך, ענטמענשט. ווייטער: דער איד, דער קריסט, דער פּריווילעגירטער, דער טעאָ־לאָג א. אַז. וו. איז ניט קיין מענש; אַזוי ווייט ווי דו ביזט אַ איד, אַ קריסט א. אַז. וו. ביזטו ניט קיין מענש. ווידער אַמאָל דער בעפעהלערישער פּאָסטולאַט: וואַרף אַראָב פון זיך יעדע בעזונ־דערקייט, קריטיקיר האָס אַוועק! זיי ניט איד, קריסט אַ אַז. וו., נאָר זיי מענש, נישט מעהר ווי מענש! שטעל אויף אַלס דאָס וויכטיגסטע דיין מ ע נ ש ל י כ ק י י ט אַנטקעגען יעדער בעשרענ־קענדער בעצייכענונג; מאַך זיך דורך איהר צום מענשען, און פ ר י י פון יענע גרעניצען; מאַך זיך פריי פאַר אַ „פרייען מענ־שען", ד. ה. דערקען די מענשליכקייט אַלס דיין ו ו ע ז ע ן, וואָס בעשטימט אַלעס.

איך זאָג: אמת טאַקע, דו ביזט מעהר איידער איד, מעהר איידער קריסט א. אַז. וו., אָבער דו ביזט אויך מעהר איידער מענש. דאָס זיינען אַלץ אידעען, דו אָבער ביזט קערפּערדיג. מיינסטו דען, אַז דו וועסט ווען עס איז קאָנען ווערן אַ „מענש אַלס אַזעל־כער"? מיינסטו, אַז די דורות, וואָס וועלען קומען נאָך אונז, וועלען ניט געפינען קיין פאָראורטיילען און בעגרענצונגען אָבצו־שאַפען, וועלכע מיר האָבען מיט אונזערע כחות ניט געקאָנט דער־

* ליט. צייטונג, ב. 26.

גרייכען? אָדער גלויבסטו אפשר, אז אין דיין 40סטען אָדער 50סטען יאָהר ביזטו שוין אזוי ווייט געקומען, אז די וויטערע יאָהרען וועלען גאָרנישט האָבען וואָס אָבצושאפען אין דיר, און אז דו ביזט שוין א מענש? די מענשען פון די קומענדע דורות וועלען נאָך אויסקעמפען אזוינע פרייהייטען, וואָס מיר איצטער פיהלען אפילו ניט, אז זיי פעהלען אונז. צו וואָס דארפסטו יענע שפּע־טיגערע פרייהייט? אויב דו ווילסט פון זיך גאָרנישט האַלטען איידער דו ביזט מענש געוואָרן, דאן מוזטו וואַרטען עד „סוף כל הדורות", ביז דעם טאָג, ווען דער מענש אָדער די מענשהייט וועט האָבען דערגרייכט די פאָלקאָמענהייט. אַזוי ווי אָבער דו וועסט דאָך זיכער אפריהער שטאַרבען, איז וואו בלייבט דער פרייז פון דיין זיעג?

דעריבער דרעה בעסער די זאַך אום און זאָג זיך: איך בין מענש! איך דארף ניט דעם מענשען ערשט אין מיר אויפשטעל־לען, וואָרים ער געהערט מיר שוין, אזוי גוט ווי אַלע מיינע איינגע־שאַפטען.

ווי קאָן מען אָבער, פרעגט דער קריטיקער, זיין צוגלייך איד און מענש? ערשטענס, ענטפער איך, קאָן מען איבערהויפּט ניט זיין, ניט איד, ניט מענש, אויב דער „מען" און איד אָדער מענש זאָל בעדייטען דיזעלבע זאַך; „מען" כאַפּט אַלעמאָל ארום פיעל ווייטער איידער יענע בעצייכענונגען, און ווי אידיש „יאנקעל" זאָל ניט זיין, קאָן ער אַלץ ניט זיין נאָר איד, נישט מעהר אַלס איד, שוין דערפאַר אַליין, ווייל ער איז אָט דער איד. צוויי־טענס, קאָן מען טאַקע אַלס איד ניט זיין מענש, אויב מענש זיין הייסט, ניט זיין עטוואָס ספּעציעל. דריטענס אָבער — און דאָס איז דער הויפּט־פּונקט — קאָן איך אַלס איד אינגאַנצען זיין נאָר דאָס, וואָס איך — קאָן זיין. פון שמואל (הנביא) אָדער פון משה (רבינו) און אנדערע דערוואַרט איהר קוים, אז זיי זאָלען זיך האָבען דערהויבען איבער דעם יודענטום, ווען אפילו איהר מוזט זאָגען, אז זיי זיינען נאָך ניט געוועזען קיין „מענשען". זיי זיינען אקוראַט געוועזען, וואָס זיי האָבען געקאָנט זיין. איז מיט די היינ־טיגע אידען די זאַך אַנדערש? צי דערפאַר, וואָס איהר האָט ענט־דעקט די אידעע פון דער מענשהייט, פאָלגט דערפון, אז יעדער איד קאָן זיך צו איהר בעקעהרען? אויב ער קאָן, פערפעהלט ער ניט

דאָס צו טהאָן, און אויב ער פערפעהלט עס, מסתמא — קאָן ער עס ניט. וואָס געהט איהם אָן אייער אויפפאָדערונג? וואָס בעטרעפט דער רוף מענש צו זיין, וואָס איהר אדרעסירט צו איהם? —

---

אין דער „מענשליכער געזעלשאַפט“, וועלכע דער הומאַנער פערשפּרעכט, דאַרף איבערהויפּט ניט געפינען קיין אַנדערקענונג דאָס, וואָס דער אָדער יענער האָט „ספּעציעלעס“; גאָרנישט דאַרף האָבען א ווערטה, וואָס עס טראָגט דעם כאַראַקטער פון עטוואָס „פּריוואַטעס“. אויף אָט דעם אופן רונדעט זיך אינגאַנצען אויס דער קרייז פון דעם ליבעראַליזם, וועלכער געפינט זיין פּרינציפּ פון גוטס אין דעם מענשען און אין דער מענשליכער פרייהייט, זיין פּרינציפּ פון שלעכטס אין דעם עגאָאיסט און אין אַלץ וואס עס איז פּריוואַט; אין דעם ערשטען זיין גאָט, אין דעם אנדערן זיין טייוועל. און אויב די ספּעציעלע אָדער פּריוואַטע פּערזאָן האָט אין דעם „שטאַאט“ פערלאָרן איהר ווערטה (קיינע פּערזענליכע פּריווילעגיעס), אויב אין דער ארבייטער־ אָדער שלעפּער־געזעלשאַפט ווערט דאָס בעזונדערע (פּריוואַטע) אייגענטום מעהר ניט אָנדער־קענט, וועט אין דער „מענשליכער געזעלשאַפט“ אַלץ וואָס איז ספּעציעל און פּריוואַט גאָר ניט גענומען ווערן אין בעטראַכט. און ווען די „ריינע קריטיק“ וועט האָבען געענדיגט איהר שווערע ארבייט, דאַמאָלסט וועט מען וויסען וואָס מען דאַרף בעטראַכטען פאַר פּריוואַט, און וואָס מען מוז „אין דעם דורכדרינגענדען געפיהל פון דער אייגענער ניכטיגקייט“ — לאָזען בלייבען.

ווייל דער הומאַנער ליבעראַליזם בענוגענט זיך ניט מיט שטאַאט און געזעלשאַפט, דעריבער נעגירט ער זיי ביידען און אין דערזעלבינער צייט האַלט ער זיי אויף. אַזוי קומט איינמאָל אויס, אַז די אויפגאַבע פון דער צייט איז „ניט קיין פּאָליטישע, נאָר א סאָציאַלע“, און דערנאָך ווידער פערשפּרעכט מען פאַר דער צוקונפט דעם „פרייען שטאַאט“. אין דער אמת'ן איז די „מענשליכע געזעלשאַפט“ טאַקע ביידע זאַכען: דער אַלגעמיינסטער שטאַאט און די אַלגעמיינסטע געזעלשאַפט. נאָר אנטקעגען דעם בעשרענק־טען שטאַאט ווערט בעהויפּטעט, אַז ער מאַכט א צו־גרויסען רעש וועגען די גייסטיגע פּריוואַט־אינטערעסען (צ. ב. ש. וועגען די

מענשענ'ס רעליגיעזען גלויבען), און נאָר אנטקעגען דער בעשרענקטער געזעלשאפט, אז זי מאכט צופיעל ווענען פון די מאטעריעלע פריוואט־אינטערעסען. ביידע דארפען לאָזען די פריוואט־אינטערעסען צו די פריוואט־לייט, און אלס מענשליכע געזעלשאפט דארף זי זיך קימערן בלויז וועגען די אלגעמיין מענשליכע אינטערעסען.

בעת די פּאָליטיקער האָבען געמיינט אָבצושאפען דעם איינענעם ווילען — אייגענווילען אָדער מוטווילען — האָבען זיי ניט בעמערקט, אז דורך דעם אייגענטום האָט דער אייגענווילען בעקומען א זיכערן ענטרינונגס־פּלאַץ.

בעת די סאָציאַליסטען נעהמען דאָס אייגענטום אויך אוועק, בעטראַכטען זיי ניט, אז דאָס אייגענטום פערזיכערט זיך א קיום אין דער אייגענהייט. איז דען בלויז געלד און גוטס אן אייגענטום, אָדער איז יעדע מיינונג א „מיין", אן אייגענעס?

בכן מוז יעדע מיינונג אָבגעשאפט ווערן אָדער מוז געמאכט ווערן אונפערזענליך. די פערזאָן האָט קיין רעכט ניט אויף קיין מיינונג, נאָר אזוי ווי דער אייגענווילען איז אריבערגעטראָגען געוואָרן אויפ'ן שטאאט, אזוי ווי דאָס אייגענטום איז אריבערגעטראָגען געוואָרן אויף דער געזעלשאפט, אזוי אויך מוז די מיינונג אריבערגעטראָגען ווערן אויף עפּעס אלגעמיינעס, אויף „דעם מענשען" [בכלל] און דורכדעם ווערן אן אלגעמיין־מענשליכע מיינונג.

אויב די מיינונג בלייבט, דאַן האָב איך מיין גאָט (גאָט איז דאָך נאָר אלס „מיין גאָט", עס איז מיין מיינונג אָדער מיין „גלויבען") הייסט עס, מיין גלויבען, מיין רעליגיאָן, מיינע געדאנקען, מיינע אידעאַלען. דעריבער מוז ענטשטעהן אן אלגעמיין־מענשליכער גלויבען, דער „פאנאטיזם פון פרייהייט". דאָס וואָלט טאקע געווען א גלויבען, וואָס שטימט מיט דעם „וועזען פון מענשען", און אזוי ווי נאָר „דער מענש" איז פערנינפטיג (איך און דו קאָנען זיין זעהר אונפערנינפטיג!), וואָלט דאָס געווען א פערנינפטיגער גלויבען.

אַזוי ווי אייגענווילען און אייגענטום ווערן מאכטלאָז, אזוי מוז די אייגענהייט אָדער דער עגאָיזם בכלל ווערן מאכטלאָז.

אין אָט דער העכסטער ענטוויקלונג פון „פרייען מענשען" ווערט דער עגאָיזם, די אייגענהייט, פּרינציפּיעל בעקעמפט, און

אזוינע נידעריגע צוועקען, ווי דאָס סאָציאַלע „וואוילזיין“ פון די סאָציאַליסטען א. אַז. וו. פערשווינדען לגבי דער דערהויבענער „אידעע פון דער מענשהייט“. אַלץ, וואָס איז ניט אַן „אַלגעמיין מענשליכס“, איז עטוואָס אָבגעזונדערטעס, בעפריעדיגט נאָר אייניגע אָדער איינעם, און אויב עס בעפריעדיגט אפילו אַלעמען, בעפריע־דיגט עס זיי נאָר אַלס איינצעלנע, ניט אַלס מענשען, און דעריבער הייסט עס „עגאָיסטישעס“.

פאַר די סאָציאַליסטען איז נאָך דאָס וואוילזיין דאָס העכסטע ציעל, אַזוי ווי פאַר די פּאָליטישע ליבעראַלען איז די פרייע קאָנקורענץ געוועזען די ריכטיגע זאַך; איצטער איז דאָס וואוילזיין אויך פריי, און ווער עס וויל, קאָן זיך עס פער־שאפען, אַזוי ווי ווער עס האָט געוואָלט זיך בעטייליגען אין דער קאָנקורענץ, האָט עס געקאָנט טהאָן.

אָבער כדי צו בעטייליגען זיך אין דער קאָנקורענץ, דאַרפט איהר נאָר זיין בירגער, כדי צו נעהמען אַנטייל אין וואוילזיין, דאַרפט איהר נאָר זיין אַרבייטער. דיביידע האָבען נאָך ניט דיזעלבע בעדייטונג ווי „מענש“. דעם מענשען איז ערשט דאַן „באמת וואויל“, ווען ער איז אויך „גייסטיג פריי“! וואָרים דער מענש איז גייסט, דעריבער מוזען אַלע מעכטע, וואָס זיינען איהם, דעם גייסט, פרעמד — אַלע איבערמענשליכע, הימעלשע, אונמענש־ליכע מעכטע — אַנידערגעוואָרפען ווערן, און דער נאָמען „מענש“ מוז זיין העכער איידער אַלע נעמען.

אָט אַזוי קעהרט זיך ווידער אום ביים סוף פון דער נייע־צייט (די צייט פון די נייע) אַלס הויפּטזאַך דאָס, וואָס איז אין איהר אָנהויב געוועזען די הויפּטזאַך: די „גייסטיגע פרייהייט“.

דעם קאָמוניסט בפרט זאָגט דער הומאַנער ליבעראַל: אויב די געזעלשאַפט שרייבט דיר פאָר דיין טהעטיגקייט, איז זי אמת טאַקע פריי פון דעם איינפלוס פון די איינצעלנע, ד. ה. פון די עגאָיסטען; פונדעסטוועגען מוז עס נאָך אַלץ ניט זיין קיין ריין מענשליכע טהעטיגקייט, און דו ביזט נאָך אַלץ ניט קיין פאָלשטענדיגער אָרגאַן פון דער מענשהייט. וועלכע טהעטיגקייט די געזעלשאַפט זאָל פון דיר ניט פאָדערן, בלייבט עס דאָך אַלץ אַ צופעליגע זאַך: זי קאָן דיך אָנשטעלען ביים בויען אַ טעמפּעל א. ד. ג., אָדער ווען אפילו דאָס ניט, קאָנסטו דאָך פון דיין אייגע־

נעם טריעב זיין טהעטיג פאר א נאַרישקייט, הייסט עס, פאר אן אונמענשליכקייט; יאָ, נאָך מעהר, דו ארבייטסט ווירקליך נאָר כדי זיך צו דערנעהרן, בכלל כדי צו לעבען, פון דעם ליעבען לעבען׳ס וועגען, ניט צוליעב דער פערהערליכונג פון דער מענשהייט. פאָלגליך ווערט ערשט דעמאָלט די פרייע טהעטיגקייט ערדייכט, ווען דו מאַכסט זיך פריי פון אַלע נאַרישקייטען, פון אַלעס וואָס איז ניט מענשליך, ד. ה. עגאָיסטיש (וואָס געהערט נאָר דעם איינ־צעלנעם, ניט דעם מענשען אין דעם איינצעלנעם), ווען דו טרייבסט אוועק אַלע פאַלשע געדאַנקען וואָס פערדונקלען דעם מענשען אָדער די מענשהייט־אידעע — קורץ, ווען דו ביזט ניט נאָר ניט געשטערט אין דיין טהעטיגקייט, נאָר ווען דער אינהאַלט פון דיין טהעטיגקייט איז דורכאויס מענשליכעס און דו לעבסט און ווירקסט נאָר פאר דער מענשהייט. דאָס איז אָבער ניט דער פאַל כל זמן דאָס ציעל פון דיין שטרעבען איז בלויז דיין און אַלעמענס וואוילזיין; וואָס דו טהוסט פאר דער שלעפּער־געזעלשאַפט איז נאָך גאָרנישט געטאָן פאר דער „מענשליכער געזעלשאַפט“.

דאָס ארבייטען אַליין מאַכט דיך ניט צום מענשען, ווייל דאָס סתם ארבייטען איז ניט אן עיקר נאָר א פאָרם און זיין געגענשטאַנד איז צופעליג; דער הויפּט פּונקט איז ווער דו, וואָס ארבייטסט, ביזט. דו קאָנסט ארבייטען בכלל אויס אן עגאָיסטישען (מאַטעריע־לען) טריעב, בלויז כדי זיך צו פערשאַפען נאַהרונג א. ד. ג.: עס מוז אָבער זיין אן ארבייט, וואָס העלפט דער מענשהייט, וואָס איז ברעכענט צו ברענגען איהר וואוילזיין, וואָס דיענט דער געשיכטלי־כער, ד. ה. דער מענשליכער ענטוויקלונג; קורץ, עס מוז זיין א הומאַנע ארבייט. דאָס שליסט איין צוויי זאַכען, ערשטענס אז די ארבייט זאָל זיין לטובה פון דער מענשהייט, און צווייטענס, אז זי זאָל ארויסקומען פון א „מענשען“. דאָס ערשטע קאָן זיין דער פאַל ביי יעדער ארבייט, וואָרים אפילו די ארבייט פון דער נאַטור, צ. ב. ש. פון חיות, קאָן בענוצט ווערן פון דער מענשהייט צו טרייבען דעם פאָרטשריט פון דער וויסענשאַפט א. אז. וו. דאָס צווייטע פאָדערט, אז דער ארבייטענדער זאָל וויסען דעם מענשלי־כען צוועק פון זיין ארבייט, און אזוי ווי ער קאָן האָבען אזא בעוואוסטזיין נאָר ווען ער ווייס זיך אַלס מענש, איז

דעריבער די ענטשיידענדע בעדינגונג — דאָס ז ע ל ב ס ט־ב ע ו ו א ו ס ט ז י י ן.

געוויס איז שוין פיעל געוואונען, ווען דו הערסט אויף צו זיין א „שטיק־ארבייטער"*, אָבער דערמיט קריגסטו נאָר אן איבער־בליק איבער דאָס גאַנצע פון דיין ארבייט און בעקומסט א בעוואוסטזיין פון דער ארבייט, וואס דאָס איז נאָך גאַנץ ווייט אָבגע־רוקט פון א זעלבסטבעוואוסטזיין, פון א בעוואוסטזיין איבער דעם אמת'ן „זעלבסט" אָדער דעם „וועזען" פון מענשען. דעם ארביי־טער בלייבט נאָך איבער דער פערלאַנג נאָך א „העכערן בעוואוסט־זיין", וועלכען ער בעפריעדיגט אין א רוה־צייט, ווייל די ארבייטס־טהעטיגקייט האָט ניט בכח דעם פערלאַנג צו שטילען. דעריבער שטעהט דאָס לעדיג־געהן ביי דער זייט פון זיין ארבייט, און ער פיהלט זיך געצוואונגען אין איין אָטעם צו דערקלערן, אז אי דאָס ארבייטען, אי דאָס פויילענצען זיינען מענשליך; נאָך מעהר, אפילו צוצושרייבען די ריכטיגע דערהויבונג צו דעם פויילענצער, דעם צייט־פערברענגער. ער ארבייט נאָר, כדי פון דער ארבייט לויז צו ווערן: ער וויל נאָר דערפאַר פריי מאַכען די ארבייט, כדי פון דער ארבייט פריי צו ווערן.

קורץ, זיין ארבייט האָט ניט קיין בעפריעדיגענדען מהות, ווייל זי איז נאָר ארויפגעלעגט אויף איהם דורך דער געזעלשאַפט, ווייל זי איז נאָר א ציעל־ארבייט, אַן אויפגאַבע, א בערוף; און פער־קעהרט, זיין געזעלשאַפט בעפריעדיגט ניט, ווייל זי גיט נאָר ארבייט.

די ארבייט וואָלט איהם אַלס מענשען געדאַרפט בעפריעדי־גען, אנשטאָט דעם בעפריעדיגט זי די געזעלשאַפט; די געזעלשאַפט האָט איהם בעדאַרפט בעהאַנדלען ווי א מענשען, און זי בעהאַנדעלט איהם ווי — א לומפּיגען ארבייטער אָדער ווי אַן ארבייטענדען שלעפּער.

אַרבייט און געזעלשאַפט זיינען איהם ניצליך, ניט ווי ער בעדאַרף זיי אַלס מענש, נאָר ווי ער דאַרף זיי אַלס „עגאָיסט".

אָט דאָס איז די שטעלונג פון דער קריטיק אנטקעגען דאָס ארבייטערטום. זי ווייזט אָן אויף דעם גייסט, זי פיהרט דעם

* ד. ה. דער וואָס אַרבייט ניט אויס אַליין אַ גאַנצע זאַך, נאָר טהוט בלויז איין שטיק, אַ טייל פון א זאַך. — איבערזעצ.

קאמף פון „גייסט מיט דער מאסע"* און דערקלערט די קאָמוניס־טישע ארבייט אלס גייסטלויזע מאסענארבייט. אזוי ווי די מאסען האָבען די ארבייט ניט גערן, ווילען זיי די ארבייט לייכט מאכען פאר זיך. אין דער ליטעראטור, וואָס ווערט היינטיגע צייטען צוגע־שטעלט מאסענווייז, רופט ארויס דער דאָזיגער שרעק פאר ארבייט די בעקאנטע אויבערפלעכליכקייט, וועלכע שטופט פון זיך אָב „די מיה פון פאָרשונג".**

דעריבער זאָגט דער הומאנער ליבעראליזם: איהר ווילט די ארבייט; זעהר גוט, מיר ווילען זי אויך, אבער מיר ווילען זי אין דער פולסטער מאָס. מיר ווילען זי, ניט כדי צו געווינען פרייע צייט, נאָר כדי אין איהר אליין צו געפינען די גאנצע צופריעדענ־שטעלונג. מיר ווילען די ארבייט, ווייל זי איז אונזער זעלבסט־ענטוויקלונג.

אָבער דאן מוז די ארבייט אויך זיין צוגעפאסט צו דעם צוועק! דעם מענשען עהרט נאָר די מענשליכע, די זעלבסטבעוואוסטע ארבייט; בלויז די ארבייט, וועלכע האָט ניט קיין עגאָאיסטישע כונה, נאָר האָט דעם מענשען צום צוועק און איז דעם מענשענ'ס זעלבסט־ענטפאלטונג; אזוי אז מען זאָל מוזען זאָגען: לאבאָראָ ערגאָ סום, איך ארבייט, ד. ה. איך בין מענש. דער הומאנער ליבעראל וויל די ארבייט פון גייסט, וועלכע ארבייט אויס אלע מאטעריאלען; דעם גייסט, וואָס לאָזט ניט קיין זאך אין רוה אָדער אין זיין עקזיסטירענדען צושטאנד, וואָס בערוהיגט זיך ניט ביי גאָרנישט, וואָס לייזט אלץ אויף, וואָס קריטיקירט פון דאָס ניי יעדען געוואונענעם רעזולטאט. אָט דער אומרוהיגער גייסט איז דער אמת'ער ארבייטער, ער פערטיליגט די פאָראורטיילען, צערשמעטערט די גרעניצען און די בעגרעניצטקייטען, און דערהעבט דעם מענשען איבער אלץ, וואָס וואָלט איהם בעהערשען; בעת דער קאָמוניסט ארבייט נאָר פאר זיך, און ניט אמאָל פריי, נאָר אויס נויט — קורץ, ער שטעלט פאר א צוואנגס־ארבייטער.

דער ארבייטער פון אָט דעם טיפ איז ניט „עגאָאיסטיש", ווייל ער ארבייט ניט פאר איינצעלנע, ניט פאר זיך און ניט פאר אנדערע

* ליט. 63, 5, 24.

** ליה. 63, 5. דאָרט גופא.

איינצעלנע, ממילא ניט פאר פריוואטע מענשען, נאָר פאר דער מענשהייט און פאר איהר פאָרטשריט; ער לינדערט ניט איינצעלנע שמערצען, זאָרגט ניט פאר איינצעלנע בעדערפענישען, נאָר ער שאפט אָב די גרעניצען, אין וועלכע די מענשהייט איז איינגעצוימט, ער צוטרייבט די פאָראורטיילען, וועלכע בעהערשען א גאנצע עפּאָכע, ער בעזיעגט די שטרויכלונגען, וועלכע פערצוימען אלעמען דעם וועג, ער בעזייטיגט די טעות'ן אין וועלכע די מענשען פערפלאָנטערן זיך, ער ענטדעקט וואַרהייטען, וועלכע ווערן אויס־געפונען דורך איהם פאר אלעמען און פאר אלע צייטען; קורץ, ער לעבט און ארבייט פאר דער מענשהייט.

איז ערשטענס אָבער, וויים דער ענטדעקער פון א גרויסער וואַרהייט גאַנץ גוט, אז זי קאָן זיין ניצליך פאר אנדערע מענשען, און אזוי ווי צוריקהאלטען זיך, ניט־פערגינענדיג, פערשאפּט ניט קיין געגוס, גיט ער זי ארוים. אָבער ווען ער האָט אפילו דאָס בעוואוסטזיין, אז זיין מיטטיילונג האָט דעם העכסטען ווערטה פאר אנדערע, האָט ער דאָך די וואַרהייט אויף קיין פאל ניט געזוכט און געפונען פון וועגען די אנדערע, נאָר פון זיינטוועגען, ווייל עס האָט איהם אליין געצויגען דערצו, ווייל די טונקעלקייט און די רעיונות האָבען איהם ניט געלאָזט רוהען, ביז ער האָט לויט זיינע בעסטע קרעפטען זיך פערשאפט ליכט און אויפקלערונג.

ער ארבייט, אלזאָ, פון זיינטוועגען, פאר דער בעפריעדיגונג פון זיין בעדערפעניש. וואָס ער ברענגט דערמיט נוצען אויך פאר אַנדערע, אפילו אויך פאר די קומענדע דורות, דאָס נעהמט פון זיין ארבייט ניט אוועק דעם עגאָיסטישען כאראקטער.

און צווייטענס, וויבאלד אז ער ארבייט אויך נאָר פון זיינט־וועגען, איז פאר וואָס זאָל זיין טהאָט אָנגערופען ווערן מענשליך, און די ארבייט פון אנדערע אונמענשליך, ד. ה. עגאָיסטיש? אפשר דערפאר, ווייל דאָס בוך, דאָס בילד, די סימפּאָניע א. אז. וו. איז די ארבייט פון זיין גאנצען וועזען, ווייל ער האָט דערביי געטאָן דאָס בעסטע וואָס ער קאָן, ער האָט זיך אינגאנצען אריינגעלעגט אין דעם, און מען קאָן איהם דורכדעם אינגאנצען דערקענען, בעת די ארבייט פון א האַנדווערקער שפּיעגעלט נאָר אָב דעם האנדווער־קער, ד. ה. די געניטקייט אין דער ארבייט, ניט דעם מענ־שען? אין זיינע דיכטונגען האָבען מיר דעם גאנצען שיללער,

אָבער אין אזויפיעל און אזויפיעל הונדערט אויוועגס האָבען מיר פאר אונז נאָר דעם אויוועגןֿמאכער, ניט „דעם מענשען“.

מיינט עס דען אָבער מעהר איידער צו זאָגען: אין אָט דעם ווערק זעהט איהר מ י ך אזוי פאָלשטענדיג ווי מעגליך, אין דעם אנדערן — נאָר מיין געניטקייט? איז דאָס ניט ווידער אמאָל מיין „איך“, ווען די טהאט דריקט אויס? און איז דען ניט מעהר עגאָיסטיש ז י ך אנצובאָטען דער וועלט אין א ווערק, ז י ך אויסצואַרבייטען און געשטאלטען, איידער צו בלייבען פערשטעקט הינטער זיין ארבייט? דו זאָגסט גאַנץ ריכטיג, דו ענטפּלעקסט דעם מענשען. אָבער דער מענש וועמען דו ענטפּלעקסט, דאָס ביזט ד ו; דו ענטפּלעקסט נאָר זיך, אמת, מיט דעם אונטערשייד פון דעם האנדווערקער, וואָס ער פערשטעהט ניט, ווי אזוי זיך צונויפצופּרעסען אין איין ארבייט, נאָר ער מוז, כדי זיין מהות זאָל דערקענט ווערן, אויפגעזוכט ווערן אין זיינע איבעריגע לעבענסבעציהונגען, און וואָס דיין בעדערפעניש, דורך דער בעפריעדיגונג פון וועלכער דאָס דאָזיגע ווערק איז צושטאנד געקומען, איז געוועזן א — טעאָרעטישע בעדערפעניש.

אָבער דו וועסט דערויף ענטפערן, אז דו ענטפּלעקסט א גאַנץ אנדערן, א ווירדיגערן, העכערן, א גרעסערן מענשען, א מענשען, וואָס איז מעהר מענש איידער יענער אנדערער. איך וועל אָננעהמען, אז דו טהוסט אויף דאָס מעגליכסטע, וואָס א מענש קאָן אויפטהאָן, אז דו פיהרסט דורך, וואָס איז קיין אנדער מענשען ניט געלונגען דורכצופיהרען. אין וואָס בעשטעהט דאַן דיין גרויסקייט? גראָד דעריין, וואָס דו ביזט מעהר איידער אנדערע מענשען (די „מאסע“), ביזט מעהר איידער מ ע נ ש ע ן זיינען געוועהנליך, מעהר איידער „געוועהנליכע מענשען“: גראָד אין דיין ערהאבענקייט איבער דעם מענשען. דו צייכענסט זיך ניט אויס לגבי אנדערע מענשען דערמיט, וואָס דו ביזט א מענש, נאָר דערמיט, וואָס דו ביזט אן „איינציגער“ מענש. דו צייגסט טאקע וואָס א מענש קאָן לייסטען, אָבער דערפאר, וואָס דו, א מענש, לייסטעסט דאָס, הייסט נאָך בשום אופן ניט, אז אנדערע, אויך מענשען, קאָנען דאָס אויך לייסטען: דו האָסט עס נאָר אויפגעטאָן אלס איינציגער מענש און ביזט דעריין איינציג.

ניט דער „מענש“ מאכט אויס דיין גרויקייט, נאָר דו שאפסט

זי, ווייל דו ביזט מעהר איידער מענש און מעכטיגער איידער אנדערע — מענשען.

מען מיינט, אז קיינער קאָן ניט זיין מעהר איידער א „מענש“. פיעל ריכטיגער איז, אז קיינער קאָן ניט זיין וועניגער!

מען מיינט ווייטער, אז וואָסערע השלמות איך זאָל ניט דער־גרייכען, מאכט עס אלץ בעסער דעם „מענשען“. אמת, אויף וויפיעל איך בלייב צו יעדער צייט א מענש, אָדער, ווי שיללער — א שוואב, ווי קאַנט — א פרייס, ווי גוסטאַוו אַדאָלף — א קורצ־זיכטיגער, אויף אזוויפיעל קאָן איך ווערן דורך מיינע מעלות גאַנץ בעשטימט א בעקאַנטער מענש, א בעריהמטער שוואב, פרייס אָדער קורצזיכטיגער. אָבער דערמיט, וואָס איך ווער בעריהמט דורך מיינע מעלות, האלט עס ניט פיעל בעסער ווי מיט פריעדריך דעם גרויסען׳ס שטעקען, וואָס איז בעריהמט געוואָרען צוליעב פריעדריך׳ן.

אַנשטאָט דעם פסוק „תנו כבוד לה׳“, זאָגט דער מאָדערנער: „גיט דעם מענשען די עהרע“. איך אָבער דענק צו האלטען די עהרע פאר זיך.

אין דעם וואָס די קריטיק פאָדערט אויף דעם מענשען צו זיין מענשליך, גיט זי ארויס די נויטיגע בעדינגונג פון געזעלשאַפט־ליכקייט; וואָרים מען איז געזעלשאַפטליך נאָר אלס מענש צווישען מענשען. דערמיט מאכט זי בעקאַנט איהר סאָציאלען ציועק, די איינפיהרונג פון דער „מענשליכער געזעלשאַפט“.

צווישען די סאָציאלע טעאָריען איז קיין פראגע ניט, אז די קריטיק איז די פאָלקאָמענסטע, ווייל זי פערוואַרפט און נעהמט אוועק יעדען ווערטה פון אלץ, וואָס זונדערט אָב דעם מענשען פון מענשען: זי פערוואַרפט אלע פאָררעכטען ביז אפילו צום פאָר־רעכט פון גלויבען. דער ליעבע־פרינציפּ פון קריסטענטום, דער אמת׳ער סאָציאלער פרינציפּ, דערגרייכט אין איהר ביז צו זיין ריינסטער ערפילונג. זי איז די לעצטע מעגליכע פּראָבע אוועקצו־נעהמען פון מענשען זייער אָבגעזונדערטקייט און זייערע אָבשטוי־סענדע קרעפטען: א קאמף אנטקעגען דעם עגאָאיזם אין זיין איינ־פאכסטער און דריבער אין זיין שטרענגסטער פאָרם, אין דער פאָרם פון איינציגקייט און אָבגעזונדערטקייט גופא.

— „ווי קאָנט איהר לעבען אַן אמת־געזעלשאפטליכען לעבען,

כל זמן עס עקזיסטירט נאָך אפילו נישט מעהר ווי איין אָבגעזונ־דערטקייט צווישען אייך?"

איך פרעג פערקעהרט: ווי אזוי קאָנט איהר זיין באמת איינציג, כל זמן עס עקזיסטירט נאָך אפילו נישט מעהר ווי איין צוזאמענהאנג צווישען אייך? העננט איהר צוזאמען, קאָנט איהר זיך ניט אָבטיילען איינע פון די אנדערע; אויב אייך בינדט צוזאמען איין „באנד", זייט איהר נאָר ז א ל ב ע נ א נ ד עפּעס, און צוועלף אייערע מאכען א דוצען, אייערע טויזענדער מאכען א פאָלק, אייערע מיליאָנען — די מענשהייט.

— „נאָר ווען איהר זייט מענשליך קאָנט איהר לעבען איינע מיט די אנדערע אלס מענשען, פונקט ווי איהר קאָנט זיך איינע די אנדערע פערשטעהן אלס פּאטריאָטען, נאָר ווען איהר זייט פּאטריאָטיש!"

זעהר גוט; דאַן ענטפער איך: נאָר ווען איהר זייט איינציג, קאָנט איהר פערקעהרען איינע מיט די אנדערע אלס אזוינע, ווי איהר זייט אין דער ווירקליכקייט.

גראָד דער שארפסטער קריטיקער ווערט אָם שווערסטען געטראָפען פון דעם פלוך פון זיין פּרינציפּ. דערמיט וואָס ער ווארפט אראָב פון זיך איין אָבגעזונדערטקייט נאָך דער אנדערער, וואָס ער שאָקעלט אָב די קירכליכקייט, דעם פּאטריאָטיזם א. אז. וו. לייזט ער אויף איין באנד נאָך דעם אנדערן און זונדערט זיך אָב פון דעם קירכליכען, פון דעם פּאטריאָט א. אז. וו., ביז צום סוף, ווען אלע בענדער זיינען צוריסען, שטעהט ער — גאַנץ אליין. גראָד ער מוז אויסשליסען אלעמען, וואָס האָבען וויפיעל־ניט־איז אויס־שליסליכעס אָדער פּריוואטעס, און וואָס קאָן אָם ענדע זיין מעהר אויסשליסליך איידער די אָבגעזונדערטע, איינציגע פּערזאָן גופא!

אָדער מיינט ער אפשר, אז די לאַגע וואָלט געווען א בעסערע, ווען א ל ע וואָלטען געוואָרן „מענשען" און אויפגעגעבען די אויסשליסליכקייט? אָבער פונקט דערפאר ווייל „אלע" בעטייט „יעדער איינצעלנער", האלט זיך דאָ אויף דער שארפסטער ווידער־שפּרוך, וואָרים דער „איינצעלנער" איז דאָך די אויסשליסליכקייט גופא. אָבער דער הומאנער ליבעראל דערלאָזט ניט אין דעם איינ־צעלנעם גאָרנישט פּריוואטעס אָדער אויסשליסליכעס, קיין פּריוואַ־טען געדאנק, קיין פּריוואטע נארישקייט; אויב ער קריטיקירט

פון איהם אלץ אוועק, מחמת זיין שנאה צו דאס פריוואטע איז אן אבסאלוטע און פאנאטישע; אויב ער וויס ניט פון קיין טאלע־ראנץ צו דאס וואס איז פריוואט, ווייל אלץ וואס איז פריוואט איז אונמענשליך — קאן ער אבער דאך די פריוואטפערזאן גופא ניט אוועק־קריטיקירען, ווארים די הארטקייט פון דער איינצעלנער פערזאן קאן ביישטעהן זיין קריטיק, און ער מוז זיך בענוגענען דער־מיט, וואס ער דערקלערט אט די פערזאן פאר א „פריוואט־פערזאן", און לאזט איהר אין דער ווירקליכקייט וויעדער איבער אלץ וואס איז פריוואט.

וואס וועט טהאן די געזעלשאפט, וועלכע קימערט זיך ניט מעהר וועגען קיין זאך, וואס איז פריוואט? מאכען דאס פריוואטע אונמעגליך? ניין, נאר זי וועט עס „שטעלען אויף א נידעריגער מדרגה אונטער די געזעלשאפט־אינטערעסען, און וועט צ. ב. ש. איבערלאזען פאר דעם פריוואט־ווילען איינצופיהרען אזויפיעל פייערטעג וויפיעל עס וויל, בתנאי אויב עס קומט נאר ניט אין א צוזאמענשטויס מיט די אלגעמיינע אינטערעסען"*. אלץ וואס איז פריוואט ווערט געלאזט פריי, ד. ה. עס האט פאר דער געזעלשאפט קיין אינטערעס ניט.

„דורך זייער אבצוימען זיך פון דער וויסענשאפט האבען די קירך און די רעליגיעזיטעט בעוויזען, אז זיי זיינען פערבליבען וואס זיי זיינען אלעמאל געוועזן, —א ריינע פריוואט אנגעלעגנהייט; נאר זיי האבען עס געהאלטען פערבארגען אונטער אנאנדער ליכט, ווען זיי האבען זיך ארויסגעגעבען פאר דעם באזיס און דער נויטי־גער בעגרינדונג פון שטאאט. אפילו דאן, ווען זיי זיינען געוועזן צונויפגעבונדען מיט דעם שטאאט און האבען איהם געמאכט פאר א קריסטליכען, איז דער דאזיגער פערבאנד נאר געוועזן א בעוויז, אז דער שטאאט האט נאך ניט געהאט ענטוויקעלט זיין אלגעמיינע פאליטישע אידעע, אז ער האט נאר געהאלטען אין איינפיהרען פריוואט־רעכטען — — זיי זיינען נאר געוועזן דער העכסטער אויס־דרוק פון דעם פאקט, אז דער שטאאט איז א פריוואט־זאך און האט נאר צו טהאן מיט פריוואטזאכען. ווען דער שטאאט וועט ענדליך האבען דעם מוטה און די קראפט צו ערפילען זיין אלגעמיינע

* ברונא בויער: יודענפראגע, ז. 66.

בעשטימונג און זיין פריי; ווען ער וועט אלזא אויך זיין אימשטאנד צו געבען די בעזונדערע אינטערעסען און די פריוואט־אנגעלעגענהייטען זייער ריכטיגע פאזיציע — דאן וועלען רעליגיאן און קירך זיין פריי, ווי זיי זיינען עס ביז אהער נאך קיינמאל ניט געוועזען. זיי וועלען זיין איבערגעלאזט צו זיך אליין אלס די ריינסטע פריוואט־אנגעלעגענהייט און די בעפריעדיגונג פון א ריין־פערזענליכער בעדערפעניש, און יעדער איינצעלנער, יעדע געמיינדע און יעדע קירכענגעמיינשאפט וועלען קאנען זארגען פאר דער זעליגקייט פון דער נשמה, ווי זיי ווילען און וועלכען אופן זיי האלטען עם פאר נויטיג. יעדערער וועט זארגען פאר דער זעליגקייט פון זיין נשמה אזוי ווייט ווי דאס איז פאר איהם א פערזענליכע בעדערפעניש, און ער וועט אננעהמען פאר א נשמה־פערזארגער און בעצאהלען דערפאר דעם, וואס וועט זיך איהם אויסווייזען, אז ער וועט אמבעסטען קאנען גאראנטירען די בעפריעדיגונג פון זיין בעדערפעניש. די וויסענשאפט וועט ענדליך גאר אינגאנצען ניט האבען וואס צו טהאן דערמיט."*

וואס־זשע אבער וועט זיין? מוז דען נעהמען א סוף צום געזעלשאפטליכען לעבען? מוז דען פערשווינדען יעדער געזעלשאפטליכער פערקעהר, יעדע פערברידערונג, אלץ וואס ווערט געשאפען דורך דעם פרינציפ פון ליעבע אדער געזעלשאפטליכקייט?

אזוי ווי עס וועט ניט אלעמאל איינער זוכען דעם אנדערן, ווייל ער *בעדארף* איהם; אזוי ווי עס וועט ניט אלעמאל איינער זיך צופאסען צו דעם אנדערן, ווען ער וועט איהם *בעדארפען*! דער אונטערשייד איז אבער דער, וואס דאמאלסט איז ווירקליך דער איינצעלנער מיט דעם איינצעלנעם *פעראייניגט*, בעת פריהער איז ער מיט זיי דורך א באנד געוועזען *פערבונדען*. דעם זוהן און דעם פאטער, איידער דער זוהן איז געווארן מינדיג, שליסט צוזאמען א באנד, נאכדעם קאנען זיי זיך צוזאמענקומען זעלבסטשטענדיג; איידער דעם זוהנ'ס מינדיגקייט האבען זיי *געהערט* צוזאמען אלס פאמיליען־מיטגליעדער (זיי זיינען געוועזען די „העריגע" ** פון דער פאמיליע), נאך איהר פעראייניגען

* ברונא בויער: „די גוטע זאכע דער פרייהייט", ז. 63—62.

** „העריגע" מיינט אויך „לייבאייגענע", „פאנשציזניקעס", וואס געהערן צום פריץ. — דער איבערז.

זיי זיך אַלס עגאָיסטען; זוהנשאַפט און פאַטערשאַפט בלייבען, אָבער זוהן און פאָטער בינדען זיך ניט מעהר אָן דעם.

די לעצטע פּריווילעגיע איז באמת דער „מענש"; דערמיט זיינען אַלע פּריווילעגירט אָדער אָנגעטיילט. וואָרים ווי ברונאָ בויער זאָגט אַליין: „די פּריווילעגיע בלייבט, ווען זי איז אפילו אויס־געשפּרייט אויף אַלעמען". *

אָט אַזוי מאַכט דורך דער ליבעראַליזם די פאָלגענדע גלגולים:

ערשטענס: דער איינצעלנער איז ניט דער מענש, דעריבער האָט זיין איינצעלנע פּערזענליכקייט קיין בעטרעף ניט: עס גילט ניט קיין פּערזענליכער ווילען, קיין מוטווילען, קיין בעפעהל אָדער אָנווייז!

צווייטענס: דער איינצעלנער האָט גאָרנישט מענשלי־כעס, דעריבער איז קיין מיין און דיין אָדער אייגענטום ניט גילטיג.

דריטענס: היות ווי דער איינצעלנער איז ניט מענש און ניט ער האָט מענשליכעס, דאַרף ער איבערהויפּט ניט זיין, דאַרף ער אַלס עגאָיסט פּערניכטעט ווערן מיט זיין גאַנצען עגאָיסטישען האָק און פּאַק דורך דער קריטיק, כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר דעם מענ־שען, „דעם ערשט איצט געפונענעם מענשען".

הגם אָבער דער איינצעלנער איז ניט מענש, איז האָך דער מענש פאַראַן אין דעם איינצעלנעם, און האָט, ווי יעדער רוח און יעדע געטליכקייט, אין איהם זיין עקזיסטענץ. דעריבער גיט־צו דער פּאָליטישער ליבעראַליזם דעם איינצעלנעם אַלץ וואָס איהם קומט אַלס „מענשען פון געבורט", אַלס געבוירענעם מענשען, צווישען וועלכע עס ווערן אריינגערעכענט פרייהייט פון געוויסען, בעזיץ א. אז. וו. — קורץ, די מענשענרעכט. דער סאָציאַליזם גיט דעם איינצעלנעם וואָס איהם קומט אַלס טהעטיגען מענשען, אַלס „ארבייטענדען" מענשען. ענדליך דער הומאַנער ליבעראַליזם גיט דעם איינצעלנעם וואָס איהם קומט אַלס „מענש", ד. ה. אַלץ וואָס געהערט דער מענשהייט. עס קומט אויס, אז דער איינציגער האָט גאָרנישט, די מענשהייט אַלעס; און מען פּרעדיגט איהם גאַנץ קלאָר די נויטווענדיגקייט אין דער פולסטער מאָס פון קריסט־

* ברונאָ בויער: „יודענפראַגע", ז. 60.

ליכער „ווידערגעבורט“: ווער אַ ניי בעשעפּעניס, ווער אַ „מענש“!

דאָס קלינגט אזוי, אַז עס דערמאָנט אונז אפילו אָן דעם סוף פון דער תפלה „פאָטער אונזער“. דעם מענשען געהערט די הערשאַפט (די קראַפט אָדער דינאַמיס); דעריבער טאָר ניט זיין קיין איינצעלנער הארר, זאָנדערן דער מענש איז דער הארר פון דעם איינצעלנעם; — דעם מענשען׳ס איז די קעניגרייך, ד. ה. די וועלט, דעריבער זאָל דער איינצעלנער ניט זיין קיין אייגענ־טימער, זאָנדערן דער מענש („אַלע“) בעפעהלט איבער דער וועלט אַלס אייגענטום; — דעם מענשען דאַרפען אַלע אָבגעבען כבוד, פערהערליכונג אָדער „הערליכקייט“ (דאָקסא), וואָרים דער מענש אָדער די מענשהייט איז דעם איינצעלנעמ׳ס צוועק, פאַר וועמען ער ארבייט, דענקט און לעבט, און צוליעב איהר פערהערליכונג מוז ער ווערן „מענש“.

ביז אהער האָבען די מענשען אַלעמאָל געשטרעבט אויסצו־געפינען אַ חברותא, אין וועלכער זייערע אונגלייכהייטען אין אנדערע פּרטים זאָל דאָ ניט האָבען קיין ממשות; זיי האָבען געשטרעבט נאָך אויסגלייכונג, ד. ה. נאָך גלייכהייט, און געוואָלט אַלע זאָלען טראָגען איין היטעל, וואָס עס מיינט ניט ווייניגער, ווי אַז זיי האָבען אַלע געזוכט איין הארר, איין באַנד, איין גלויבען („מיר גלויבען אַלע אין איין גאָט“). פאַר מענשען קאָן ניט געבען עטוואָס מעהר געמיינשאַפטליכעס אָדער גלייכערעס איידער דער מענש אַליין, און דער דראַנג נאָך ליעבע האָט אין דער דאָזיגער חברותא געפונען זיין בעפריעדיגונג: ער האָט ניט גערוהט ביז ער האָט איינגעפיהרט אָט די לעצטע אויסגלייכונג, האָט אויסגעגליכען אַלע אונגלייכקייטען און האָט דעם „מענשען“ ארויפגעלעגט אויף דעם מענשען׳ס ברוסט. גראָד אָבער איז אין דער דאָזיגער חברותא די צופּוילטקייט און דער חורבן געוואָרן העכסט בולט. אין אַ בעשרענקטערע געמיינשאַפט איז נאָך דער פראַנצויז געשטאַנען אנטקעגען דעם דייטשען, דער קריסט אנטקעגען דעם מאַהאָמע־דאַנער א. אז. וו. איצט אָבער שטעהט דער מענש [אין אבסטראַקט] אנטקעגען די מענשען [בפועל], אָדער, אַזוי ווי די מענשען זיינען ניט דער מענש, שטעהט דער מענש אנטקעגען דעם אונמענשען.

נאָך דעם זאַץ: „גאָט איז געוואָרן מענש“ קומט איצט דער אַנדער זאַץ: „דער מענש איז געוואָרן איך“. דאָס איז דער מ ע נ ש ל י כ ע ר א י ך. מיר אָבער קעהרן אום דעם פּסוק און זאָגען: איך האָב מיך ניט געקאָנט געפינען, כל זמן איך האָב מיך ניט געזוכט אַלס מענשען. איצט אָבער אַז עס ציינט זיך אַרויס, אַז דער מענש טראַכט צו ווערן איך און צו געווינען אין מיר אַ קערפּערליכקייט, מערק איך מיר גוט, אַז נאָך אַלעם דעם הענגט אַלץ אָב פון מיר, און דער מענש אָהן מיר איז פערלאָרן. איך וויל אָבער ניט זיך אָבגעבען צו ווערן דער ארון פון אָט דעם קדשי־קדשים, און איך וועל מעהר ניט פרעגען צי איך בין מענש אָדער אונמענש אין דאָס, וואָס איך נעהם זיך טהאָן: זאָל מיר נאָר דער דאָזיגער ג י י ס ט ניט קריכען אויפ׳ן קאָפּ.

דער הומאַנער ליבעראַליזם נעהמט זיך פאַר דער ארבייט גאַנץ ראַדיקאַל. ווען דו ווילסט זיין אָדער האָבען אפילו נאָר אין איין פּונקט עטוואָס בעזונדערעס; ווען דו ווילסט האַלטען פאַר זיך אפילו נאָר איין פאָררעכט איבער אַנדערע, אפילו נאָר איין רעכט נעהמען אין אַנשפּרוך, וואָס איז ניט אַן „אַלגעמיין מענשען־רעכט“, דאַן ביזטו אַן עגאָאיסט.

גאַנץ גוט! איך וויל ניט האָבען אָדער זיין גאָרנישט בעזונ־דערעס איבער אַנדערע, איך וויל ניט מאַכען קיין אַנשפּרוך אויף קיין פאָררעכט אַנטקעגען זיי — איך וויל זיך אָבער אויך ניט מעס־טען מיט אַנדערע, און וויל איבערהויפּט ניט האָבען קיין ר ע כ ט. איך וויל אַלץ זיין און אַלץ האָבען, וואָס איך ק אָ ן זיין און האָבען. צי אַנדערע האָבען אויך עפּעס ע ה נ ל י כ ע ס, וואָס קימערט דאָס מיך? דאָס גלייכע, דאָס זעלבינע קאָנען זיי ניט זיין און ניט האָבען. איך טהו זיי ניט קיין שאָדען, אזוי ווי איך טהו דעם פעלזען ניט קיין שאָדען, דערמיט וואָס איך האָב אַ יתרון איבער איהם אין פּרט פון בעוועגונג. ווען זיי וואָלטען עס ג ע ק אָ נ ט ה אָ ב ע ן, וואָלטען זיי עס געהאַט.

דער שפּיץ פון דער פאָדערונג ניט צו בעזיצען פּריוויליגיעס, איז ניט צו טהאָן אַנדערע מענשען קיין שאָדען; זיך ענטזאַגען פון יעדען פאָרצוג, איז די שטרענגסטע ע נ ט ז אַ ג ו נ ג ס־טעאָריע. מען טאָר זיך ניט האַלטען פאַר עטוואָס בעזונדערס, ווי צ. ב. ש. פאַר אַ איד אָדער אַ קריסט. נו, גוט, איך האַלט זיך ניט

פאַר עטוואָס בעזונדערס, נאָר פאַר א י י נ צ י ג. איך האָב געווים ע ה נ ל י כ ק י י ט מיט אנדערע; דאָס האָט אָבער נאָר א בעדייטונג פאַר דער טעאָרעטישער פערגלייכונג אָדער בעטראַכטונג; פּאַקטיש בין איך אונפערגלייכליך, איינציג. מיין פלייש איז ניט זייער פלייש, מיין גייסט איז ניט זייער גייסט. אויב איהר נעהמט זיי אריין אין דעם שם הכולל „פלייש", „גייסט", טהוען דאָס אייערע ג ע ד א נ ק ע ן, וועלכע האָבען גאָר ניט צו שאַפען מיט מ י י ן פלייש, מיט מ י י ן גייסט, און וועניגער פאַר אַלץ קאָנען זיי זאָגען א דעה, אָנבינדען א „בערוף" אויף מיינע גדאנקען.

איך וויל ניט אָנדערקענען און רעספּעקטירען אין דיר, ניט דעם אייגענטימער, ניט דעם קבצן, און אפילו ניט דעם מענשען, נאָר איך וויל דיך פ ע ר ב ר ו י כ ע ן. אין דעם זאַלץ געפין איך, אז עס בע'טעם'ט מיר די שפּייז, דעריבער לאָז איך עס צונעהן; אין דעם פיש דערקען איך א נאַהרונגסמיטעל, דעריבער עס איך איהם; אין דיר ענטדעק איך די פעהיגקייט צו דערפרעהען מיין לעבען, דעריבער קלייב איך דיך אויס פאַר א חבר. אָדער, אין זאַלץ שטודיר איך די קריסטאַליזאַציע, אין פיש די אַנימאַליטעט, אין דיר — די מענשען א. אז. וו. מיר ביזטו נאָר, וואָס דו ביזט פאַר מיר, און דאָס איז — מיין אָביעקט; און וויבאַלד מ י י ן אָביעקט, הייסט עס מיין אייגענטום.

אין דעם הומאַנעם ליבעראַליזם ווערט די שלעפערשאַפט פאָלשטענדיג. מיר מוזען צוערשט ארונטערקומען צו דעם נידעריגסטען שלעפערשען און קבצנ'ישען צושטאַנד, אויב מיר ווילען דערגרייכען די א י י ג ע נ ה י י ט, וואָרים מיר מוזען זיך אויסטאָן פון אַלעם פרעמדס. קיין מעהר שלעפערשע זאַך איז דאכט זיך ניטאָ איידער דער נאַקעטער — מענש.

דאָך איז עס נאָך מעהר איידער שלעפערשאַפט, ווען איך וואַרף אַוועק אפילו דעם מענשען, ווייל איך פיהל, אז ער איז מיר אויך פרעמד, און אז איך טאָר זיך גאָרנישט איינבילדען וועגען דעם. דאָס איז שוין ניט מעהר בלויז שלעפערשאַפט: ווען אפילו די לעצטע שמאַטע איז אראָבגעפאַלען, דאַן האָבען מיר דאָ די ווירקליכע נאַקעטקייט, די ענטבלויזונג פון אַלץ, וואָס איז פרעמד. דער שלעפער האָט די שלעפערשאַפט גופא אויסגעטאָן און האָט דערמיט אויפגעהערט צו זיין, וואָס ער איז געוועזן, א שלעפער.

איך בין ניט מעהר קיין שלעפער, נאָר איך בין געוועזן א שלעפער.

ביז היינטיגען טאָג האָט די מחלוקה דעריבער ניט געקאָנט קומען צו קיין אויסברוך, ווייל אייגענטליך איז דאָס נאָר א שטרייט צווישען די מאָדערנע און די פערעלטערטע ליבעראַלען — א שטרייט צווישען די, וועלכע פערשטעהען די „פרייהייט" אין א קליינער מאָס און די, וואָס ווילען א „פולע מאָס" פון פרייהייט, ד. ה. פון די געמעסיגטע און די מאָסלאָזע. אַלעם דרעהט זיך ארום דער פראגע: ווי פריי מוז דער מענש זיין? אַז דער מענש מוז זיין פריי, אין דעם גלויבען אלע; דעריבער זיינען אויך אלע ליבעראל. וואָס טהוט מען אָבער מיט דעם אונמענשען, וועלכער שטעקט דאָך אין יעדען איינצעלנעם? ווי קאָן מען אויספיהרען, אז מען זאָל ניט צוגלייך מיט דעם מענשען אויך לאָזען פריי דעם אונמענשען?

דער ליבעראַליזם בכלל האָט איין טויטפיינד, איין געגענזאַץ, וועלכען ער קאָן ניט בייקומען, ווי גאָט דעם טייוועל: ביי דער זייט פון דעם מענשען שטעהט דער אונמענש, דער איינצעלנער, דער עגאָיסט. דער שטאַאט, די געזעלשאַפט, די מענשהייט האָבען אויף אָט דעם טייוועל קיין שליטה ניט.

דער הומאַנער ליבעראַליזם האָט זיך גענומען די אויפגאַבע צו צייגען די אַנדערע ליבעראַלען, אַז זיי שטרעבען נאָך אַלץ ניט צו „פרייהייט".

אויב די אַנדערע ליבעראַלען האָבען געזעהן נאָר א פעראיינ־צעלטען עגאָיזם, און זיינען אין גרעסטען טייל געוועזן בלינד, האָט דער ראַדיקאַלער ליבעראַליזם אנטקעגען זיך א „מאַסען עגאָיזם", און וואַרפט צונויף אַלעמען, וועלכע קוקען ניט אויף דער זאַך פון דער פרייהייט, ווי אויף זייער אייגענער זאַך, אונטער דעם איין נאָמען, „די מאַסע"; אַזוי אַז איצטער שטעהען מענש און אונ־מענש שטרענג אָבגעטיילט אַלס פיינד איינער אַנטקעגען דעם אַנדערען: די „מאַסע" און די „קריטיק"*. דאָס איז די „פרייע מענשליכע קריטיק", ווי זי ווערט אַנגערופען (יודענפראַגע, ז. 114),

* ליט. צייטונג, V, 23, דערצו V, 12.

אין געגענזאַץ צו דער רויהער קריטיק, צ. ב. ש. דער רעליגיעזער קריטיק.

די קריטיק דריקט אויס די האָפנונג, אַז זי וועט זיעגען איבער דער גאַנצער מאַסע און וועט איהר „אויסשטעלען אַן אַלגעמיינע אַרמוטס־צייגנים“ [וועט בעווייזען איהר ניכטיגקייט]*. זי וויל, הייסט עס, פערבלייבען ענדליך גערעכט און פאַרשטעלען אַלע שטרייטיגקייטען פון די „מוטלאָזע און פחדנים“ אַלס אַן עגאָאיס־טישע איינגעשפאַרטקייט (רעכטהאַבעריי), אַ קליינליכ־קייט און אַ געמיינקייט. אָבער זייערע רייסערייען פערלירען זייער בעדייטונג און די קליינליכע מחליקות ווערן אויפגעגעבען, מחמת זיי זעהען אין דער קריטיק דאָס אָנקומען פון זייער געמיינזאַמען שונא. [זי שרייט צו זיי:] „איהר זייט אַלע עגאָאיסטען, איינער ניט בעסער פאַר'ן אַנדערן!“ איצטער שטעהען אָט די „עגאָאיס־טען“ צוזאַמען אַנטקעגען דער קריטיק.

זיינען זיי ווירקליך עגאָאיסטען? ניין, זיי קעמפען אַנטקעגען דער קריטיק נאָר דערפאַר, ווייל זי בעשולדיגט זיי אין עגאָאיזם; זיי האַלטען דוקא גאָר ניט פון דעם עגאָאיזם. פאָלגליך שטעהען די קריטיק און די מאַסען אויף דעמזעלביגען באָזיס: ביידע קעמפען אַנטקעגען דעם עגאָאיזם, ביידע וואַרפען איהם אָב פון זיך און יעדערער וואַרפט איהם אַרויף אויף דעם אַנדערן.

די קריטיק און די מאַסע פערפאָלגען דעמזעלביגען ציעל — צו ווערן פריי פון עגאָאיזם — און רייסען זיך נאָר אַרום וועגען דעם, ווער פון זיי קומט אַם נעהנטסטען צום ציעל, אָדער האָט איהם שוין גאָר דערגרייכט.

די אידען, די קריסטען, די אַבסאָלוטיסטען, די פינסטערלינגע און די ליכט־און־אויפקלערונג־מענשען, פאָליטיקער, קאָמוניסטען — קורץ, אַלע שטויסען אָב פון זיך דעם פאָרוואורף פון עגאָאיזם; און אַזוי ווי די קריטיק מאַכט זיי אָט דעם פאָרוואורף אין קלאָרע דבורים און אין ברייטסטען זין, רעכטפערטיגען זיי זיך אַלע אַנטקעגען דער דאָזיגער בעשולדיגונג און בעקעמפען — דעם עגאָאיזם, דעמזעלביגען שונא, מיט וועלכען די קריטיק פיהרט־אָן אַ קריעג.

---

* ליט. ציטונג, V, 15.

ביידע, אי די קריטיק, אי די מאסע, זיינען עגאָיסטען־פיינד, און ביידע זוכען זיך צו בעפרייען פון דעם עגאָיזם, סיי דורכדעם וואָס זיי רייניגען אָדער רייניוואַשען זיך, סיי דורכדעם וואָס זיי שרייבען איהם צו דער געגען־פּאַרטיי.

דער קריטיקער איז דער אמת'ער „וואָרטפיהרער פון דער מאסע", וועלכער גיט איהר דעם „איינפאַכען בעגריף און די שפּראַך" פון עגאָיזם, בעת די פריהערדיגע וואָרטפיהרער, פון וועלכע עס ווערט אָבגעלאַכט אין „ליטעראַטור צייטונג", 24 V, זיינען נאָר געוועזען פּאַרטאַטשעס. ער, דער קריטיקער, איז איהר פיהרער און פעלדהערר אין דעם פרייהייטס־קריעג געגען דעם עגאָיזם; אַנטקעגען וואָס ער קעמפּט, אַנטקעגען דעם קעמפּט זי אויך. ער איז אָבער אין דערזעלביגער צייט אויך איהר פיינד, נאָר ניט דער פיינד וואָס געהט אַנטקעגען איהר, נאָר דער פריינדליכער פיינד, וואָס שטעהט מיט דער קנוט הינטער די ווייכהערציגע, כדי אריינצוצווינגען אין זיי מוטה.

דער געגענזאַץ פון דער קריטיק און די מאסע רעדוצירט זיך דורכדעם צו דעם פאָלגענדען דיאַלאָג:

— איהר זייט עגאָיסטען!

— ניין, מיר זיינען ניט קיין עגאָיסטען!

— איך וועל עס אייך בעווייזען.

— וועסטו הערן אונזער רעכטפערטיגונג!

לאָמיר־זשע זיי אָננעהמען אי פאַר דאָס וואָס זיי גיבען זיך אַרויס, פאַר ניט־עגאָיסטען, אי פאַר דאָס, וואָס זיי רופען־אָן איינער דעם אַנדערן, פאַר עגאָיסטען. זיי זיינען יאָ און ניט עגאָיסטען.

די קריטיק זאָגט אייגענטליך: דו מוזט דיין „איך" אַזוי לגמרי בעפרייען פון אַלע קייטען, אַז ער זאָל ווערן אַ מענשלי־כער „איך". איך זאָג: בעפריי דו זיך אַזוי וויים ווי דו קאָנסט, וועסטו דיינס האָבען אָבגעטאָן; וואָרים ניט יעדערער האָט דעם מזל דורכצוברעכען אַלע קייטען, אָדער קלערער געזאָגט: ניט יעדערן איז דאָס אַ קייט, וואָס איז אַ קייט פאַר דעם אַנדערן. בכן, מיה זיך ניט אַזוי וועגען אַנדערע מענשען'ס קייטען; עס איז גענוג ווען דו צוברעכסט דיינע. ווען אין ווען עס איז געלונגען אפילו נאָר איין קייט צו צוברעכען פאַר אַלע מענ־

שען? לויפען דען ניט ארום אונצעהליגע מענשען, היינט ווי אין אלע צייטען, מיט אלע „קייטען פון דער מענשהייט“? דער וואס צורייסט איינע פון זיינע קייטען, קאן דערמיט האבען געצייגט א וועג און א מיטעל פאר אנדערע; די ארבייט פון צורייסען זיינע קייטען איז זייער זאך. און קיינער טהוט טאקע ניט עפעס אנדערש. טענה'ן צו די לייט, זיי זאלען איינגאנצען ווערן מענשען, מיינט זיי אויפפאדערן זיי זאלען צוברעכען אלע מענש־ליכע קייטען, אלע בעגרעניצונגען — דאס איז אונמעגליך, ווייל דער מענש [בכלל] האט ניט קיינע בעגרענצונגען. איך האב אפילו בעגרענצונגען, אבער מיך געהען נאר אן מיינע בעגרענצונגען, און נאר זיי קאן איך בייקומען. א מענשלי־כער „איך“ קאן איך ניט ווערן, ווייל איך בין אקוראט איך און ניט בלויז מענש.

דאך לאמיר נאכזעהן, אויב די קריטיק האט אונז ניט עפעס־וואס געלערנט, וואס מיר קאנען אריינגעהמען אין קאפ. איך בין ניט פריי, אויב איך האב וועלכע עס איז אינטערעסען? איך בין ניט מענש, אויב איך בין פעראינטערעסירט אין עפעס? נו, הגם עס איז מיר א קנאפער חלוק צי איך בין פריי אדער מענש, דאך וויל איך ניט דורכלאזען אונבענוצט קיין געלעגענהייט זיך ארויסצו־ווייזען אהער דורכצוזעצען מיין „איך“. די קריטיק באט מיר אן אזא געלעגענהייט דורך דער לעהרע, אז ווען עפעס אין מיר ווערט פעסטגעזעצט און איך קאן עס ניט אויפלייזען [לויז ווערן פון דעם], ווער איך א געפאנגענער און א קנעכט פון דער דאזינער זאך, ד. ה. איך ווער א בעזעסענער (א פערכאפטער). אן אינטע־רעסע, זאל זיין פאר וואס עס וויל זיך, אויב איך קאן פון איהר ניט לויז ווערן, האט אין מיר געפאקט א שקלאף, און זי איז ניט מעהר מיין אייגענטום, נאר איך בין איהר אייגענטום. לאמיר דעריבער אננעהמען די עצה פון דער קריטיק, ניט צו דערלאזען קיין טייל פון אונזער אייגענטום קרינגען א חזקה, און לאמיר זיך פיהלען גוט נאר אין דעם — אויפלייזען, אין דעם לויז ווערן דערפון.

אויב די קריטיק זאגט: דו ביזט נאר דאן מענש, ווען דו קריטיקירסט און לייזסט־אויף אהן אויפהער! זאגען מיר: מענש בין איך סיי ווי סיי, און איך בין איך סיי ווי סיי; דעריבער וויל

איך נאָר זאָרגען צו זיכערן צו זיכערן מיר מיין אייגענטום, און כדי דאָס צו זיכערן, נעהם איך עס צו יעדער צייט צוריק אין מיר, פערניכט אין איהם יעדע שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיגקייט און פערשלינג עס, איידער עס האָט בכח זיך צו פיקסירען און ווערן אַן „אידעע פיקס“ אָדער א „מאניא“.

דאָס טהו איך אָבער ניט צוליעב מיין „מענשליכען בערוף“, נאָר ווייל איך בערוף זיך דערצו. איך מאַך ניט קיין אָנשטעל אויפצולייזען אַלץ, וואָס איז מעגליך פאַר א מענשען אויפצולייזען, און אזוי לאַנג ווי איך בין צ. ב. ש. נאָך קיין צעהן יאָהר ניט אַלט, קריטיקיר איך ניט דעם אונזין פון די צעהן געבאָט, בין אָבער אַלץ איינס מענש, און האנדעל גראַד דריין מענשליך, וואָס איך לאָז זיי נאָך ניט קריטיקירט. קורץ, איך האָב ניט קיין בערוף און פאָלג ניט קיין בערוף, אפילו ניט בערוף מענש צו זיין.

מיינט דאָס, אז איך פערוואַרף וואָס דער ליבעראַליזם האָט דורך זיינע פערשיידענע אָנשטרענגונגען אויסגעקעמפט? זאָל די שעה ניט טרעפען, אז עפּעס, וואָס איז אויסגעקעמפט געוואָרן, זאָל פערלאָרן געהן! נישט מעהר, נאָכדעם ווי דורך דעם ליבעראַ־ליזם איז „דער מענש“ פריי געוואָרן, ווענד איך מיין בליק ווידער צוריק אויף מיר און בין זיך אָפען מודה: וואָס דער מענש שיינט צו האָבען געוואונען, דאָס האָב איך נאָר געוואונען.

דער מענש איז פריי, ווען „דער מענש איז פאַר׳ן מענשען דאָס העכסטע וועזען“. הייסט עס, עס געהערט צו דער פאָלשטענדיג־קייט פון דעם ליבעראַליזם, אז יעדעס אַנדערע העכסטע וועזען זאָל ווערן פערניכטעט, די טעאָלאָגיע זאָל אומגעוואָרפען ווערן דורך דער אַנטראָפּאָלאָגיע, גאָט און זיינע גנאַד זאָלען אויסגעלאַכט ווערן, און דער „אַטעאיזם“ זאָל ווערן אַלגעמיין.

דער עגאָיזם פון אייגענטום האָט פערלאָרען זיין לעצטע שטיצע, ווען אפילו דער „מיין גאָט“ איז געוואָרן זינלאָז; וואָרים גאָט עקזיסטירט נאָר, אזוי לאַנג ווי עס ליעגט איהם אַם הארצען דעם איינצעלנעמ׳ס וואוילזיין, פּונקט ווי דער איינצעלנער זוכט זיין וואוילזיין אין איהם.

דער פּאָליטישער ליבעראַליזם האָט אָבגעשאַפט די אונגלייכ־הייט צווישען די הארען און די דיענער; ער האָט געמאַכט די מענשען ה א ר ר נ ל אָ ז, אַנאַרכיש. דער האַרר איז אָבגע־

טיילט געוואָרן פון דעם איינצעלנעם, דעם „עגאָיסט“, כדי צו ווערן אַ געשעפענסט: דאָס געזעץ אָדער דער שטאַאט. דער סאָציאַלער ליבעראַליזם האָט אָבגעשאַפט די אונגלייכהייט פון בעזיץ, פון די אָרימע און רייכע, און מאַכט מענשען בעזיצלאָז אָדער אייגענטומלאָז. דאָס אייגענטום ווערט אָבגעצווינגען פון דעם איינצעלנעם און איבערגעגעבענטפערט דער געשעפענסטישער געזעל־שאַפט. דער הומאַנער ליבעראַליזם מאַכט מענשען גאָטלאָז, אַטעאיסטיש. דעריבער מוז דער גאָט פון דעם איינצעלנעם, „מיין גאָט“, אָבגעשאַפט ווערן. נו, איז טאַקע אמת, אַז הארנלאָזיגקייט איז אין דערזעלבער צייט דיענסטלאָזיגקייט, בעזיצלאָזיגקייט איז צוגלייך זאָרגלאָזיגקייט, און גאָטלאָזיגקייט איז צוגלייך פאָראור־טייללאָזיגקייט, וואָרים מיט דעם הארר פאַלט אַוועק דער דיענער, מיט דעם בעזיץ — די זאָרג וועגען איהם, מיט דעם פעסט־איינגע־וואָרצעלטען גאָט — דער פאָראורטייל. אַזוי ווי אָבער דער הארר לעבט ווידער אויף אַלס שטאַאט, בעווייזט זיך ווידער דער דיענער אַלס אונטערטאַן; אַזוי ווי דער בעזיץ געהט־איבער אין געזעל־שאַפטס־אייגענטום, ווערט די זאָרג געבוירען פון דאָס ניי אַלס ארבייט; און אַזוי ווי דער גאָט ווערט אַ פאָראורטייל אַלס מענש, שטעהט־אויף אַ נייער גלויבען, דער גלויבען אין דער מענשהייט אָדער אין פרייהייט. אַנשטאָט דעם גאָט פון איינצעלנעם ווערט איצט דערהויבען דער גאָט פון אַלעמען, ד. ה. „דער מענש“: עס איז דאָך אונזער העכסטע זאַך מענש צו זיין“. אַזוי ווי אָבער קיינער קאָן דאָך אינגאַנצען ניט ווערן דאָס, וואָס די אידעע „מענש“ ענטהאַלט, בלייבט דער מענש פאַר דעם איינצעלנעם אַן ערהאַבענע „יענע וועלט“, אַ ניט־דערגרייכטעס העכסטעס וועזען, אַ גאָט. אין דערזעלביגער צייט אָבער איז האָס דער „אמת’ער גאָט“, ווייל ער איז אונז פאָלקאָם אָנגעמאָסטען, ער איז נעמליך אונזער אייגענער „זעלבסט“: ער איז מיר זעלבסט, אָבער אָבגעטיילט פון אונז און אויפגעהויבען איבער אונז.

---

אָנמערקונג:

דעם פאָריגען איבערבליק איבער דער „פרייער מענשליכער קריטיק“, ווי אויך דאָס, וואָס אין נאָך אנדערע שטעלען בעציהט זיך אויף די שריפטען פון דער דאָזיגער ריכטונג, האָב איך אָנגע־

צייכענט שטיקלעכוויז גלייך נאָך דעם ערשיינען פון די בעטרע־פענדע ביכער, און האָב דאָ ניט פיעל מעהר געטאָן ווי נאָר, וואָס איך האָב צונויפגעבראכט די פראגמענטען. די קריטיק אָבער שפּאַנט אָהן אויפהער פאָרווערטס, און דעריבער איז עס געוואָרן נויטווענדיג, אז איך זאָל איצט, נאָכדעם ווי מיין בוך איז געענ־דיגט, נאָך אמאָל זיך נעהמען פאר איהם און אריינשטעלען אָט די שלוס־אָנמערקונג.

איך האָב פאר מיר דאָס נייעסטע, דאָס אכטע העפט פון דער „אלגעמיינער ליטעראטור־צייטונג" פון ברונאָ בויער.

אויבענאָן שטעהט דאָ וויעדער „די אלגעמיינע אינטערעסען פון דער געזעלשאפט". אָבער די קריטיק האָט זיך איבערגעלעגט און האָט די האָזיגע „געזעלשאפט" אזוי דעפינירט, אז מען זאָל זי קאָנען אָבזונדערן פון אנאנדער פאָרם, מיט וועלכער זי פלעגט פריהער פערוועקסעלט ווערן. דער שטאאט, וואָס איז אין די פריהערע שטעלען נאָך געפייערט געוואָרן אלס „פרייער שטאאט", ווערט אינגאנצען אויפגעגעבען, ווייל ער קאָן בשום אופן ניט ערפילען די אויפגאבע פון דער „מענשליכער געזעלשאפט". די קרי־טיק האָט אין 1842 זיך „געפיהלט געצוואונגען פאר איין אויגענ־בליק צו אידענטיפיצירען דאָס פּאָליטישע און דאָס מענשליכע וועזען"; איצט אָבער האָט זי געפונען, אז דער שטאאט, אפילו אלס „פרייער שטאאט", איז ניט די מענשליכע געזעלשאפט, אָדער ווי זי וואָלט פונקט אזוי גוט געקאָנט זאָגען, אז דאָס פאָלק איז ניט „דער מענש". מיר האָבען געזעהן, ווי זי איז פארטיג געוואָרן מיט דער טעאָלאָגיע און האָט קלאָר בעוויזען, אז לגבי דעם מענשען פאַלט דער גאָט ארונטער; מיר זעהען זי איצטער ווערנדיג קלאָר אויפ'ן זעלביגען אופן בנוגע דער פּאָליטיק און בעווייזענדיג, אז לגבי דעם מענשען פאַלען ארונטער די פעלקער און נאציאָנאליטע־טען. מיר זעהען אלזאָ, ווי זי פארטיגט זיך אָב מיט דער קירך און דעם שטאאט, דורכדעם וואָס זי דערקלערט זיי ביידען פאר אונמענשליך, און מיר וועלען עס זעהן — וואָרים זי פעררעדט זיך שוין כמעט וועגען דעם — ווי זי קאָן אויך ברענגען דעם בעוויז, אז אויך די „מאסע", וועלכע זי אליין רופט נאָך אָן א „גייסטיג וועזען", ערשיינט ווערטהלאָז לגבי דעם מענשען. און אין דער אמת'ן, ווי זאָלען טאקע די קלענערע „גייסטיגע וועזענס" זיך קאָנען

האלטען אין געזיכט פון דעם העכסטען גייסט! דער מענש וואַרפט אַניעדער די פאַלשע געצען.

וואָס דער קריטיקער האָט בדעה צו טהאָן איצטער, איז צו בעטראַכטען די „מאסע“, וועלכע ער וועט אוועקשטעלען קעגנ־איבער „דעם מענשען“, כדי פון דעם שטאַנדפּונקט אויס זי צו בעקעמפען. „וואָס איז איצט דער געגענשטאַנד פון דער קריטיק?“ — „די מאַסע, אַ גייסטיג וועזען!“ איהר וועט דער קריטיקער „לערנען צו דערקענען“ און אויסגעפינען, אַז זי שטעהט מיט דעם מענשען אין אַ ווידערשפּרוך; ער וועט בעווייזען, אַז זי איז אונמענשליך, און דער בעוויז וועט איהם פּונקט אַזוי גוט געלינגען, ווי די פריהערדיגע בעווייזען, צו איבערציינגען, אַז דאָס געטליכע און דאָס נאַציאָנאַלע, אָדער דאָס קירכליכע און שטאַאטליכע, איז דאָס אונמענשליכע.

די מאַסע ווערט דעפינירט אַלס „דער העכסט בעדייטענדער פּראָדוקט פון דער רעוואָלוציע, אַלס דער אָבגענאַרטער המון, וועלכען די אילוזיעס פון דער פּאָליטישער אויפקלערונג, און בכלל פון דער גאַנצער אויפקלערונג פון 18טען יאָהרהונדערט, האָבען אַריינגעוואָרפען אין אַן אונענדליך שלעכטער שטימונג“. די רעוואָלוציע האָט דורך איהר רעזולטאַט איינינגע בעפריעדיגט און אַנדערע געלאָזט אונבעפריעדיגט; דער בעפריעדיגטער טייל איז דאָס ביר־גערטום (בורזשואַזיע, פיליסטער א. אז. וו.), דער אונבעפריעדיג־טער טייל איז — די מאַסע. געהערט ניט דער קריטיקער, וואָס האָט זיך געשטעלט אין אַזאַ פּאָזיציע, אַליין צו דער „מאַסע“?

אָבער די אונבעפריעדיגטע געפינען זיך נאָך אין אַ גרויסער אונקלאָרקייט און זייער אונצופריעדענהייט דריקט זיך דערוויילע אויס אין אַן „אונענדליך שלעכטער שטימונג“. איבער דעם וויל איצט דער פּונקט־אַזוי־אונבעפריעדיגטער קריטיקער ווערן דער בעל־הבית; ער קאָן ניט וועלען און דערגרייכען מעהר איידער ארויס־צוברענגען דאָס דאָזיגע „גייסטיגע וועזען“, די מאַסע, פון איהר שלעכטער שטימונג, און „העבען“ די, וואָס זיינען נאָר שלעכט געשטימט, ד. ה. געבען זיי די ריכטיגע שטעלונג צו יענע רעזול־טאַטען פון דער רעוואָלוציע, וועלכע מען דאַרף בייקומען; — ער קאָן ווערן דער קאָפּ פון דער מאַסע, זייער בעשטימטער וואָרט־פיהרער. דעריבער וויל ער טאַקע „אָבשאַפען דעם טיעפען גראָבען,

וואָס שיידט איהם אָב פון דעם המון". פון די, וועלכע „ווילען אויפהעבען די נידעריגע פאָלקסמאסען", אונטערשיידט ער זיך דורכדעם, וואָס ער וויל ניט בלויז זיי, נאָר זיך אליין אויך אויס־לייזען פון דער שלעכטער שטימונג.

על כל פנים אָבער נאַרט איהם זיין בעוואוסטזיין טאקע ניט אָב, ווען ער האלט די מאסע פאר דעם „נאטירליכען געגנער פון דער טעאָריע" און זעהט פאראויס, אז „וואָס מעהר די דאָזיגע טעאָריע וועט זיך ענטוויקלען, אלץ מעהר וועט זי מאכען די מאסע קאָמפאקט". וואָרים דער קריטיקער קאָן מיט זיין פ אָ ר א ו י ס־ז ע צ ו נ ג, דעם מענשען, ניט אויפקלערן די מאסע און ניט בעפריעדיגען זי. אויב זי איז לגבי דעם בירגערטום נישט מעהר ווי א „נידעריגער פאָלקס קלאס", א פּאָליטיש אונבעדייטענדע מאסע, מוז זי לגבי „דעם מענשען" נאָך מעהר זיין בלויז א „מאסע", א מענשליך אונבעדייטענדע מאסע, ניין, אן אונמענשליכע מאסע, אָדער א המון פון אונמענשען.

דער קריטיקער ראמט אויס אלעס מענשליכעס, און ארויס־געהענדיג פון דער פאראויסזעצונג (השערה), אז דאָס מענשליכע איז דאָס וואהרע, ארבייט ער אנטקעגען זיך אליין, דורכדעם וואָס ער בעקעמפט דאָס מענשליכע אומעטום, וואו עס איז ביז אהער געפונען געוואָרן. ער בעווייזט נאָר, אז דאָס מענשליכע געפינט זיך אין ערגעץ ניט אחוץ אין זיין קאָפּ, דאָס אונמענשליכע אָבער קאָן מען געפינען אומעטום. דאָס אונמענשליכע איז דאָס ווירק־ליכע, דאָס אומעטום־פאראנענע, און דערמיט וואָס דער קריטיקער בעווייזט, אז דאָס דאָזיגע איז „ניט מענשליך", זאָגט ער בלויז דייטליך ארויס דעם גאנץ איבעריגען זאץ, אז דאָס איז אקוראט דאָס אונמענשליכע.

ווי איז אָבער, ווען דאָס אונמענשליכע, אָבקעהרענדיג זיך מיט אן ענטשלאָסענעם מוטה פון זיך אליין, דרעהט זיך אויס מיט'ן רוקען אויך צו דעם אונרוה־שאפענדען קריטיקער און לאָזט איהם שטעהן, ניט געריהרט און ניט פיהלענדיג זיך געטראָפען פון זיינע טענות? „דו רופסט מיך אָן דאָס אונמענשליכע", וואָלט ער געקאָנט איהם זאָגען, „און איך ב י ן ע ס ווירקליך — פאר דיר; אָבער איך בין עס נאָר, ווייל דו ברענגסט מיך אין געגענזאץ צו דאָס מענשליכע, און איך האָב נאָר אזוי לאַנג זיך געקאָנט פער־

אכטען, כל זמן איך האָב זיך געלאָזט פער׳כשופ׳ן אין אָט דעם גענענזאַץ. איך האָב פערדיענט צו ווערן פעראכטעט, ווייל איך האָב געזוכט מיין „בעסערן איך״ פון דרויסען פון מיר; איך בין געווען דאָס אונמענשליכע, ווייל איך האָב געטרוימט פון דאָס „מענשליכע״. איך בין געווען געגליכען צו די פרומאקעס, וועלכע הונגערן נאָך זייער „אמת׳ן איך״ און בלייבען תמיד „אָרימע בעלי עבירות״. איך האָב געדענקט וועגען זיך נאָר אין פערגלייך צו אנאנדערן; קורץ, איך בין ניט געווען דער „הכל אשר לכל״, איך בין ניט געווען — איינציג. איצט אָבער הער איך אויף צו האלטען זיך אליין פאר דאָס אונמענשליכע, איך הער אויף זיך צו מעסטען און לאָזען זיך מעסטען מיט מענשען, איך הער אויף אנצודערקענען עפּעס איבער מיך, און לכן — זיי געזונד, הומאנער קריטיקער! איך בין נאָר געווען דאָס אונמענשליכע, איצט בין איך שוין ניט מעהר, נאָר איך בין דאָס איינציגע, יאָ, דיר אויף להכעים — דאָס עגאָיסטישע, אָבער ניט דאָס עגאָיסטישע, ווי דאָס לאָזט זיך מעסטען מיט דאָס מענשליכע, הומאנע און אונאייגענ־נוציגע, נאָר דאָס עגאָיסטישע אלס דאָס — איינציגע״.

נאָך אויף איין זאַץ פון דעמזעלבען העפט מוזען מיר זיך האָ אָבשטעלען. „די קריטיק שטעלט ניט אויף קיינע דאָגמען, און וויל מעהר גאָרנישט אחוץ בעקאַנט ווערן מיט די פאַקטען״.

דער קריטיקער שרעקט זיך צו ווערן דאָגמאַטיש אָדער אויפ־צושטעלען דאָגמען. נאַטירליך, ער וואָלט דאָך דאדורך געוואָרן דער היפך פון א קריטיקער, — א דאָגמאַטיקער; ער וואָלט געוואָרן פונקט אזוי שלעכט, ווי ער איז איצטער אלס קריטיקער גוט, אָדער ער וואָלט פון אן אונאייגעננוציגען געוואָרן אן עגאָיסט א. אז. וו. „נאָר קיין דאָגמאַ!״ דאָס איז זיין — דאָגמאַ. דען דער קריטיקער בלייבט שטעהן אויף איין באָדען מיט׳ן דאָגמאַ־טיקער — אויפ׳ן באָדען פון געדאַנקען. גלייך ווי דער לעצטער, געהט ער תמיד אַרויס פון א געדאנק, נאָר ער אונטער־שיידט זיך פון איהם אין דעם, וואָס ער הערט ניט אויף צו האלטען דעם הויפּט־געדאנק אין דעם פּראָצעס פון דענקען, און לאָזט איהם אויף דעם אופן ניט ווערן סטאביל. ער האלט נאָר פון דעם דענק־פּראָצעס אנטקעגען דער דענק־גלויביגקייט, פון דעם פאָרטשריט אין דענקען אנטקעגען דעם שטילשטאנד אין

איהם. פאר דער קריטיק איז קיין געדאנק ניט זיכער, חיות ווי זי, די קריטיק, איז אליין דאס דענקען אדער דער דענקענדער גייסט.

דעריבער זאג איך עס נאך אמאל, אז די רעליגיעזע וועלט — און זי איז דאך אקוראט די וועלט פון געדאנקען — גרייכט איהר פאלשטענדיגקייט אין דער קריטיק, וואו דאס דענקען גרייפט אריבער איבער יעדען געדאנק, און קיין געדאנק טאר זיך ניט „עגאיסטיש" פעסטזעצען. וואו וואלט געבליבען די „ריינקייט פון דער קריטיק", די ריינקייט פון דענקען, ווען אפילו נאר איין געדאנק וואלט זיך אבגעצויגען פון דעם דענק־פראצעס? דערפון דער־קלערט זיך, וואס דער קריטיקער מאכט שוין דא און דארט אביסעל חוזק אפילו פון דעם געדאנק פון מענשען, פון דער מענשהייט און הומאניטעט, ווארים ער דערשפיהרט, אז דא דערנעהנטערט זיך א געדאנק צו א דאגמאטישער פעסטקייט. דאך אבער קאן ער דעם דאזיגען געדאנק אפריהער ניט אויפלייזען, איידער ער האט געפו־נען — א העכערן, אין וועלכען יענער צוגעהט; ווארים ער בעוועגט זיך דאך נאר — אין געדאנקען. אט דער העכערער געדאנק קאן אויסגעדריקט ווערן אלס דער געדאנק פון דער דענק־בעוועגונג אדער פון דעם דענק־פראצעס גופא, ד. ה. אלס דער געדאנק פון דענקען אדער פון דער קריטיק.

די דענק־פרייהייט איז דורכדעם פאקטיש פאלקאם געווארן, די פרייהייט פון גייסט פייערט איהר טריאומף: דען די איינ־צעלנע, די „עגאיסטישע", געדאנקען האבען פערלארען זייער דאג־מאטישע געוואלטטהעטיגקייט. עס איז מעהר גארנישט געבליבען אחוץ די — דאגמא פון פרייען דענקען אדער פון דער קריטיק.

אנטקעגען אלץ, וואס געהערט צו דער וועלט פון דענקען, האט די קריטיק דאס רעכט, ד. ה. זי האט די מאכט: זי איז די זיעגערין. די קריטיק, און נאר די קריטיק „שטעהט אויף דער הויך פון דער צייט". פון שטאנדפונקט פון געדאנק איז ניטא קיין מאכט, וואס זאל קאנען אריבערוועגען איהר מאכט, און עס איז א פערגעניגען צו זעהן, ווי לייכט און שפיעלענדיג אט דער עקדיש פערשלינגט אלע אנדערע געדאנקען־ווערים. יעדער ווארעם דרעהט זיך טאקע און לאזט זיך ניט, אבער זי צערייבט איהם אין אלע „דריידלעך".

איך בין נישט קיין געגנער פון דער קריטיק, ד. ה. איך בין

ניט קיין דאָגמאַטיקער און פיהל זיך ניט געטראָפען פון די צייהן פון דעם קריטיקער, מיט וועלכע ער צערייסט דעם דאָגמאַטיקער אויף שטיקלעך. וואָלט איך געווען א „דאָגמאַטיקער", וואָלט איך אויפגעשטעלט אויבענאָן א דאָגמאַ, ד. ה. א געדאַנק, אַן אידעע, א פּרינציפּ, און וואָלט עס פערענדיגט אַלס „סיסטעמאַטיקער", דערמיט וואָס איך וואָלט עס אויסגעשפּונען אין א סיסטעם, ד. ה. אין א געדאַנקענבוי. פערקעהרט, וואָלט איך געווען א קריטיקער, ד. ה. א געגנער פון דעם דאָגמאַטיקער, וואָלט איך געפיהרט דעם קאַמף פון פרייען דענקען אַנטקעגען דעם פערקנעכטענדען געדאַנק, איך וואָלט פערטיידיגט דאָס דענקען אַנטקעגען דאָס געדענקטע. איך בין אָבער ניט דער העלדישער פערטיידיגער פון א געדאַנק און ניט דער פערטיידיגער פון דעם דענקען, וואָרים „איך", פון וועמען איך געה אַרויס, בין ניט קיין געדאַנק, און בעשטעהט ניט פון דענקען. אָבשלאָגענדיג זיך אָן מיר, דעם בן בלי שם (דעם אונ־נענבאַרען), ווערט צופּיצעלט דאָס רייך פון געדאַנקען, פון דענקען און פון גייסט.

די קריטיק איז דער קאַמף פון דעם בעזעסענעם (דעם פערכּאַפּטען פון רוח) אַנטקעגען דער בעזעסענקייט אַלס אַזעלכע, אַנט־קעגען אַלע בעזעסענקייטען: א קאַמף וואָס איז בעגרינדעט אין דעם בעוואוסטזיין, אַז בעזעסענקייט, אָדער ווי דער קריטיקער רופט דאָס אָן, רעליגיעזע און טעאָלאָגישע בליקען, איז אומעטום פאַראַנען. ער ווייס, אַז מען פערהאַלט זיך רעליגיעז אָדער גלויביג ניט נאָר אין בעצוג צו גאָט, נאָר פּונקט אַזוי אויך אין בעצוג צו אַנדערע אידעען, ווי רעכט, שטאַאַט, געזעץ א. אַז. וו., דאָס הייסט, ער דערקענט די בעזעסענקייט אין אַלע ערטער. אַזוי וויל ער אויפלייזען די געדאַנקען דורך דעם דענקען; איך זאָג אָבער, נאָר די געדאַנקענלאָזיגקייט איז מיך מציל פון די געדאַנקען. ניט דאָס דענקען, נאָר מיין געדאַנקענלאָזיגקייט, אָדער איך, דער אונ־דענקבאַרער, דער אונבעגרייפליכער, בעפריי זיך פון דער בעזעסענקייט.

איין קעהר טהוט פאַר מיר די אַרבייט פון דעם זאָרגליכסטען דענקען, איין ריהר מיט די גליעדער שאָקעלט אַראָב דעם פּיין פון די געדאַנקען, איין שפּרינג־אויף שליידערט אַראָב פון מיין ברוסט דעם אַלפּען־באַרג פון דער רעליגיעזער וועלט, איין מונטערער

פּ־פּ־יו וואַרפט־אַראָב יאָהרען־לאַנגע לאַסטען. אָבער די אונגע־הויערע בעדייטונג פון דעם גערענקענלאָזען פרייד־געשריי האָט אין דער לאַנגער נאַכט פון דענקען און גלויבען ניט געקאָנט דערקענט ווערן.

— „וואָס פאַר אַן אומגעלומפּערטקייט און לייכטזיניגקייט צו וועלען לייזען די שווערסטע פּראָבלעמען, אָבצופאַרטיגען די אומפּאַסענדסטע אויפגאַבען, דורך אַן אָ ב ב ר ע כ ע ן!“

— אָבער האָסטו דען אויפגאַבען, ווען דו שטעלסט זיך זיי ניט? כל זמן דו שטעלסט זיי, וועסטו זיי ניט אָבלאָזען, און איך האָב אודאי גאָרנישט דאַגעגען, ווען דו דענקסט און שאַפסט דענ־קענדיג טויזענדער געדאַנקען. אָבער דו, וועלכער האָט די אויפ־גאַבען זיך געשטעלט, פאַר וואָס זאָלסטו זיי ניט קאָנען ווידער אומוואַרפען? מוזטו זיין געבונדען צו די דאָזיגע אויפגאַבען, און מוזען זיי דען ווערן אבסאָלוטע אויפגאַבען?

צו ברענגען נאָר איין פאַל: די רעגירונג איז פעראַכטעט געוואָרן, פאַרוואָס זי האָט אָנגענומען געוואַלטמיטלען אנטקעגען געדאַנקען, פאַרוואָס זי האָט אנטקעגען דער־פּרעסע זיך בענוצט מיט דער פּאָליציי־מאַכט פון דער צענזור, און פון אַ ליטעראַרישען קאַמף האָט זי געמאַכט אַ פּערזענליכען קאַמף. פּונקט ווי עס וואָלט זיך טאַקע נישט מעהר געהאַנדעלט ווי וועגען געדאַנקען! און פּונקט ווי אַנטקעגען געדאַנקען מוז מען זיך האַלטען אונאייגעננוציג, זיך־פערלייקענענדיג און זיך־אָפּפערנדיג! גרייפען דען ניט אָן יענע געדאַנקען די רעגירער גופא, און רופען זיי דען ניט אויף דעם אופן ארויס דעם עגאָיזם? און שטעלען דען די דענקענדע ניט אויף אַ ר ע ל י ג י ע ז ע פאָדערונג צו די אָנגעגריפענע צו פערעהרען די מאַכט פון דענקען, פון אידעען? עס קומט אויס, אַז זיי דאַרפען פרייוויליג און פאַר־ליעב־אָננעהמענדיג זיך אליין בעגראָבען, ווייל די געטליכע מאַכט פון דענקען, די מינערוואַ, קעמפט אויף דער זייט פון זייערע פיינד. דאָס וואָלט דאָך געווען אַן אקט פון בעזעסענקייט, אַ רעליגיעזער קרבן. גאַנץ געוויס שטעקען די רעגירענדע גופא אין רעליגיעזען פאָראורטייל און פאָלגען דער לייטענדער מאַכט פון אַן אידעע אָדער אַ גלויבען; זיי זיינען אָבער אין דערזעלביגער צייט ניט אָנדערקענטע עגאָיסטען, און גראַד אנטקעגען די פיינד ברעכט־אויס זייער צוריקגעהאַלטענער

עגאָיזם: פערכאַפּטע אין זייער גלויבען, זיינען זיי אין דערזועלבינגער צייט ניט פערכאַפּט *פון דעם* גלויבען פון די געגנער, ד. ה. אַנטקעגען די געגנער זיינען זיי עגאָיסטען. ווייל מען זיי יאָ מאַכען אַ פאָרוואורף, קאָן עס נאָר זיין דער אומגעקעהרטער, דאָס הייסט, אַז זיי זיינען פערכאַפּט פון זייערע אייגענע אידעען.

„אַנטקעגען געדאַנקען טאָר ניט אויפטרעטען קיין עגאָיסטישע געוואַלט, קיין פּאָליציי־געוואַלט א. ד. ג.“ אַזוי גלויבען די דענקען־גלויביגע. אָבער דאָס דענקען און זיינע געדאַנקען זיינען באַר מיר ניט הייליג, און איך וועהר זיך אויך אַנטקעגען זיי *פאַר מיינע ביינער*. דאָס קאָן זיין אַ ניט־פערנינפטיגער וועהרען זיך; אויב אָבער איך בין פערפליכטעט צו דער פערנונפט, דאַן מוז איך, ווי אברהם, אָפּפערן צו איהר דאָס ליעבסטע.

אין דעם רייך פון דענקען, וואָס איז אַ הימעל־רייך, אַזוי גוט ווי דאָס רייך פון גלויבען, איז יעדער איינער גאַנץ בעשטימט אומגערעכט, וועלכער געברויכט *געדאַנקענלאָזע* געוואַלט; פּונקט ווי יעדער איז אומגערעכט, וועלכער פיהרט זיך אויף ניט־ליעבליך אין דעם רייך פון ליעבע, אָדער ווי איינער, וואָס הגם ער איז אַ קריסט און לעבט אַלזאָ אין רייך פון ליעבע, האַנדעלט פּתדעסטוועגען ניט־קריסטליך: ער איז אין אָט די רייכען, צו וועלכע ער מיינט אַז ער געהערט, אָבער קומט אין דערזעלבער צייט ניט נאָך זייערע געזעצען, ער איז אַ „זינדיגער“ אָדער אַן „עגאָיסט“. עד קאָן פון זיך אַראָבוואַרפען די הערשאַפט פון אָט די רייכען, נאָר ווען ער ווערט אַנטקעגען זיי אַ *פערברעכער*.

דאָ איז אויך ־יער רעזולטאַט אָט דאָס, אַז דער קאַמף פון די דענקענדע אַנטקעגען דער רעגירונג איז טאַקע גערעכט, ד. ה. ער האָט די מאַכט, אויף אַזוי וייט, אויף וויפיעל ער ווערט געפיהרט אַנטקעגען איהרע געדאַנקען (די רעגירונג פערשטומט און קאָן ליטעראַריש אַ וואָרט ניט אָבענטפערן); דאַגעגען איז ער אומגערעכט, ד. ה. אָהנמעכטיג, אויף וויפיעל ער איז ניט בכח אַרויסצופיהרען אויפ׳ן פעלד עפּעס אַנדערש אחוץ געדאַנקען אַנטקעגען אַ פּערזענליכער מאַכט (די עגאָיסטישע מאַכט פערשטאָפּט דעם דענקענדען דאָס מויל). דער טעאָרעטישער קאַמף קאָן ניט פערענדיגען דעם זיעג, און די הייליגע מאַכט פון געדאַנק פאַלט אונטער דער געוואַלט פון דעם עגאָיזם. נאָר דער עגאָיסטישער קאַמף, דער

קאמף פון עגאָיסטען אויף ביידע זייטען, ברענגט אַלץ אַרויס קלאָר. אַט דער לעצטער פונקט, מאַכען דאָס דענקען גופא פאַר אַ זאַך פון עגאָיסטישען גוטען ווילען, פאַר אַ זאַך פון דעם איינציגען, פאַר עטוואָס, וואָס איז געגליכען צו אַ פשוט׳ער זאַך פון צייט־פערטרייב אָדער צו עפּעס אַ ליעבהאָבעריי, און אַוועקצונעהמען פון איהם די בעדייטונג „צו זיין די לעצטע ענטשיידענדע מאַכט״; אַט די אַרונטערזעצונג און ענטהייליגונג פון דענקען, אַט די גלייכ־שטעלונג פון דעם גערדאַנקענלאָזען און גערדאַנקענפולען „איך״, אַט די אומגעלומפּערטע אָבער ווירקליכע „גלייכהייט״ — דאָס קאָן די קריטיק ניט אַרויסברענגען, ווייל זי איז אַליין נאָר די פריעסטערין פון דענקען און זעהט גאָרנישט אַריבער דעם דענקען אחוץ — דעם מבול.

די קריטיק בעהויפּטעט צ. ב. ש. אפילו, אַז פרייע קריטיק מעג זיעגען איבער דעם שטאַאַט, אָבער אין דערזעלביגער צייט וועהרט זי זיך אַנטקעגען דעם פאָרוואורף, וואָס ווערט איהר געמאַכט פון דער שטאַאַט־רעגירונג, אַז זי איז „מוטהווילען און העזה״; זי מיינט, אַלזאָ, אַז „מוטהווילען און העזה״ דאַרפען ניט זיעגען, נאָר זי מעג יאָ. ריכטיגער איז אָבער גראָד פערקעהרט: דער שטאַאַט קאָן בעזיעגט ווערן נאָר פון אַ העזה׳דיגען מוטהווילען.

כדי דערמיט אָבצושליסען, קאָן עס איצט שוין זיין קלאָר, אַז דער קריטיקער האָט אין זיין נייער ווענדונג זיך אַליין ניט איבער־געביטען, נאָר נישט מעהר ער האָט „פערריכט אַ טעות״, „קלערער געמאַכט אַן ענין״, און ווען ער רעדט וועגען דעם, אַז „די קריטיק קריטיקירט זיך אַליין״, זאָגט ער צופיעל: זי, אָדער בעסער געזאָגט, ער האָט נאָר קריטיקירט איהר טעות און אויסגעלייטערט איהר פון איהרע „ווידערשפּרוכען״. אויב ער האָט געוואָלט קרי־טיקירען די קריטיק, האָט ער צוערשט זיך גערדאַרפט צוקוקען, צי איהרע פאָראויסזעצונגען האָבען עפּעס אַ ווערטה.

איך פון מיין זייט געה אַרויס פון דער פאָראויסזעצונג, וואָס איך זעץ מיך פאָראויס; אָבער מיין פאָראויסזעצונג בענוגענט זיך ניט צו ווערן פאָלקאָמען, ווי „דער מענש, וואָס ראַנגעלט זיך פאַר זיין פאָלקאָמענהייט״, נאָר זי דיענט מיר בלויז דערצו, צו געניסען איהר און פערצעהרן. איך טהו מעהר גאָרנישט נאָר איך פערצעהר מיין פאָראויסזעצונג, און עקזיסטיר נאָר פערצעהרנדיג

זי. אָבער די דאָזיגע פּאַראויסזעצונג איז דעריבער גאָר קיין פאַר־
אויסזעצונג ניט; וואָרים ווייבאַלד איך בין דער איינציגער, ווייס
איך גאָרנישט פון דער צווייאיגקייט פון א פּאַראויסזעצענדען און
א פּאַראויסגעזעצטען „איך" (פון אַן אונפאָלקאָמענעם און א פאָל־
קאָמענעם „איך" אָדער מענשען), נאָר דאָס, וואָס איך פערצעהר
מיך, הייסט נאָר, אַז איך בין. איך זעץ מיך ניט פּאַראויס, ווייל
איבערהויפּט זעץ איך מיך אָדער שאַף זיך ערשט אין יעדען אויגענ־
בליק, און נאָר דורכדעם בין איך אַן „איך", וואָס איך בין ניט פּאַר־
אויסגעזעצט, נאָר געזעצט, און ווידערראום נאָר אין דעם מאָמענט
געזעצט, ווען איך זעץ מיך, ד. ה. איך בין דער בעשאַפער און דאָס
בעשעפענים אינאיינעם.

אויב די ביזאהעריגע פּאַראויסזעצונגען מוזען צוגעהן אין א
פאָלשטענדיגער אויפלייזונג, מוזען זיי ניט אויפגעלייזט ווערן
ווידער אין א העכערער פּאַראויסזעצונג, ד. ה. אין א געדאנק,
אָדער אין דעם דענקען גופא, אין דער קריטיק. וואָרים יענע
אויפלייזונג מוז דאָך מ י ר צוניץ קומען, אַז ניט געהערט זי נאָר
אין דער רייה פון די אונצעהליגע אויפלייזונגען, וועלכע האָבען צו
גונסטען פון אנדערע (צ. ב. ש. פון דעם מענשען, פון גאָט, פון
שטאאט, פון דער ריינער מאָראל א. אז. וו.) אַלטע וואהרהייטען
דערקלערט פאר אונוואהרהייטען און האָבען אָבגעשאפט לאנג־
געהאָדעוועטע פּאַראויסזעצונגען.

# צווייטע אָבטיילונג

# איך

ביי דעם אַריינגאַנג פון דער נייער צייט שטעהט דער „גאָט־מענש“. וועט ביי איהר אַרויסגאַנג נאָר דער גאָט אין דעם גאָט־מענשען פערשווינדען? און קאָן דער גאָט־מענש ווירקליך שטאַרבען, ווען נאָר דער גאָט אין איהם שטאַרבט? וועגען אָט דער פראַגע האָט מען ניט געדענקט, און מען האָט געמיינט, אַז מען איז שוין פאַרטיג דערמיט, ווען מען האָט דאָס ווערק פון דער אויפקלערונג, די איבערווינדונג פון גאָט, געבראַכט אין אונזער צייט צו אַ זיעגרייכען ענד. מען האָט ניט געמערקט, אַז דער מענש האָט געטויט דעם גאָט, כדי — צו ווערן דער „איין־איינציגער גאָט פון אויבען“. די יענעוועלט פון דרויסען פון אונז איז טאַקע אָבגערוימט, און די גרויסע אונטערנעהמונג פון די אויפקלערער איז דורכגעפיהרט; אָבער די יענעוועלט אין אונז איז געוואָרן אַ נייער הימעל, און רופט אונז אַרויס צו אַ נייעם הימעל־שטורמען: דער גאָט האָט געמוזט מאַכען פּלאַץ, אָבער ניט פאַר אונז, נאָר פאַר — דעם „מענשען“. ווי קאָנט איהר גלויבען, אַז דער גאָט־מענש איז געשטאָרבען, איידער עס איז געשטאָרבען אין איהם אויסער דעם גאָט אויך דער מענש?

I

## די אייגענהייט

„לעכצט ניט דער גייסט נאָך פרייהייט?" — אַך, ניט אליין מיין גייסט, מיין קערפּער לעכצט אויך יעדע שעה נאָך דעם! ווען מיין נאָז, שטעהענדיג לעבען דער שמעקעדיגער קיך פון פּאלאַץ, דערצעהלט מיין גומען פון די געשמאַקע געריכטען, וואָס ווערען דאָרט צוגעגרייט, פּיהלט ער, ביים טרוקענעם ברויט, אַ שרעקליכען שמאַכטען; ווען מיינע אויגען דערצעהלען דעם צובראָכענעם רוקען וועגען דעם ווייכען פּוך, אויף וועלכען עס ליעגט זיך אַזוי פיעל בעקוועמער, איידער אויף דעם הארטען שטרוי־זאַק, כאַפּט איהם אָן אַ פערביסענער כעס; ווען — אָבער לאָמיר וועגען די שמערצען מעהר ניט רעדען. —און דאָס רופסטו אַ בענקען נאָך פרייהייט? פון וואָס ווילסטו דען פריי ווערען? פון דיין ברויט־סקאָרינקע און דעם שטרוי־געלעגער? נעהם און וואַרף עס אַוועק! — דערפון אָבער ווערסטו הפּנים ניט געהאָלפען; דו ווילסט בעסער האָבען די פרייהייט צו געניסען טהייערע מאכלים און ווייכע בעטען. זאָלען מענשען דיר געבען אָט די פרייהייט, — זאָלען זיי עס דיר ערלויבען? דו האָפסט ניט אויף דעם פון זייער מענשענ־ליעבע, ווייל דו ווייסט, אַז זיי אַלע דענקען ווי —דו: פון מויל אין בוזים איז נעהענטער! איז ווי אַזוי ווילסטו קומען צו דעם געניס פון יענע מאכלים און בעטען? געוויס דאָך ניט אַנדערש, סיידען דו מאַכסט זיי פאַר דיין אייגענטום!

ווען דו בעטראַכסט זיך גוט, ווילסטו ניט די פּרייהייט צו האָבען אָט די אַלע שעהנע זאַכען, וואָרים מיט דער פרייהייט דערצו האָסטו זיי נאָך אַלץ ניט; דו ווילסט זיי ווירקליך האָבען, ווילסט זיי אָנרופען דיינס און בעזיצען זיי אַלס דיין אייגענטום. וואָס טויג דיר טאַקע אַ פרייהייט, אויב זי ברענגט גאָרנישט איין? און ווען דו ווערסט פון אַלץ פריי, האָסטו דאָך ערשט גאָרנישט; וואָרים די פרייהייט איז פּוסט, האָט ניט קיין

אינהאלט. ווער עס ווייס ניט ווי זיך צו בענוצען מיט איהר, פאר דעם האָט זי קיין ווערטה ניט, אָט די אונגיצליכע ערלויבניש; אָבער ווי אזוי איך בענוץ זי, דאָס הענגט אָב פון מיין אייגענהייט.

איך האָב אנטקעגען דער פרייהייט גאָרנישט ניט איינצו־ווענדען, אָבער איך ווינש דיר מעהר איידער פרייהייט; דו מוזט ניט נאָר ל ו י ז ו ו ע ר ע ן פון דאָס, וואָס דו ווילסט ניט, דו מוזט אויך ה אָ ב ע ן וואָס דו ווילסט; דו מוזט ניט נאָר זיין א „פרייער", נאָר דו מוזט אויך זיין אַן „א י י ג נ ע ר" [אַן אייגענ־טימער].

פריי — פון וואָס? אָה, וואָס קאָן מען פון זיך ניט אָבשאָק־לען! דעם יאָך פון לייבאייגענשאפט, פון דער אויבערהערשאפט, פון דער אריסטאָקראַטיע און פון פירסטען, די הערשאפט פון בעגעהרען און ליידענשאפטען; יאָ, אפילו די הערשאפט פון אייגע־נעם ווילען, פון דעם פער'עקשנ'טען ווילען, וואָרים די פאָלקאָ־מענסטע זעלבסטפערלייקענונג איז דאָך מעהר גאָרנישט ווי פריי־הייט — ד. ה. די פרייהייט פון דער זעלבסט־בעשטימונג, פון דעם אייגענעם זעלבסט; און דאָס רייסען זיך נאָך פרייהייט, ווי נאָך עפּעס אַן אבסאָלוטעס, וואָס איז ווערטה יעדען פרייז, האָט אונז בערויבט פון דער אייגענהייט: עס האָט בעשאפען די זעלבסט־פערלייקענונג. אין דערזעלבער צייט, וואָס פרייער איך ווער, אַלץ מעהר צוואַנג קלייבט זיך אָן פאר מיינע אויגען, אַלץ מעהר אונ־מעכטיג פיהל איך זיך. דער אונפרייער זוהן פון דער ווילדערניש פיהלט נאָך גאָרנישט די אַלע בעשרענקונגען, וואָס צוימען־איין דעם געבילדעטען מענשען: ער האַלט זיך פרייער פאר דעם געבילדעטען. אין דעמזעלבען ערך וואָס איך קעמף מיר אויס פרייהייט, שאַף איך מיר נייע גרעניצען און נייע אויפגאַבען: האָב איך ערפונדען דעם אייזענבאַהן, פיהל איך מיך ווידער שוואַך, ווייל איך קאָן נאָך ניט, ווי די פויגלען, דורכזעגלען די לופט; און האָב איך געלייזט איין פּראָבלעם, וואָס האָט געמאַטערט מיין גייסט, דערוואַרטען מיך שוין אַנדערע אָהן א צאָהל, וואָס זייער רעטזעל־האַפטיגקייט שטערט מיין פּאָרטשריט, פערפינסטערט מיין פרייען בליק און מאַכט מיר שמערצליך פיהלען די בעשרענקונגען פון מיין פ ר י י ה י י ט. „איצטער אַז איהר זייט פריי געוואָרען פון דער

זינד, זייט איהר געוואָרן קנעכט פון דער גערעכטיגקייט".*
די רעפּובליקאַנער מיט זייער ברייטער פרייהייט — ווערן זיי ניט קנעכט פון געזעץ? ווי די אמת'ע קריסטענהערצער האָבען עס אין אַלע צייטען געגאַרט „פריי צו ווערן", ווי זיי האָבען דאָס געשמאַכט אויסגעלייזט צו ווערן פון „די בענדער פון דעם לעבען אויף דער וועלט"! זיי האָבען אויסגעקוקט אויף דעם לאַנד פון פרייהייט („ירושלים דלעילא, זי איז די פרייע, זי איז אונזער אַלעמענס מוטער". גאַל. 4, 26).

פריי זיין פון עפּעס — הייסט נאָר לעדיג אָדער לויז זיין. „ער איז פריי פון קאָפּוועהטאָג" איז גלייך ווי מען זאָגט: ער איז לויז פון דעם. „ער איז פריי פון אָט דעם פּאָראורטייל" איז גלייך ווי מען זאָגט: ער האָט עס קיינמאָל ניט געהאַט, אָדער ער איז דערפון לויז געוואָרן. אין דעם „לויז" פערענדיגען מיר די פרייהייט, וואָס דאָס קריסטענטום רעקאָמענדירט: זינדלויז, גאָטלויז, זיטענלויז א. אז. וו.

פרייהייט איז די לעהרע פון קריסטענטום. „איהר, ליעבע ברידער, זייט גערופען צו פרייהיים". ** „אַזוי רעדט און אַזוי טהוט, ווי די וואָס דארפען גע'משפּט ווערן דורכ'ן געזעץ פון פרייהייט".***

מוזען מיר אפשר אויפגעבען די פרייהייט, ווייל זי גיט זיך ארויס פאַר אַ קריסטליכען אידעאַל? ניין, קיין זאַך דאַרף ניט פערלאָרן געהן, די פרייהייט אויך ניט; אָבער זי מוז ווערן אונזער אייגענס, און דאָס קאָן זי ניט ווערן אין דער פאָרם פון פרייהייט.

וואָס פאַר אַן אונטערשייד צווישען פרייהייט און אייגענהייט! פון גאָר אַ סך זאכען קאָן מען לויז ווערן, פון אַלץ ווערט מען דאָך ניט לויז. אינערליך קאָן מען זיין פריי, אפילו ווען מען געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון שקלאַפעריי, הגם ווידער נאָר פון פיעלעס, ניט פון אַלעס; אָבער פון דעם בעל־הבית' בייטש, פון זיין הערשערישען קאַפּריז א. אז. וו. ווערט מען אלס שקלאַף ניט פריי. „פרייהייט לעבט נאָר אין דעם רייך פון חלומות"! דאַגעגען אייגענהייט, דאָס איז מיין גאַנצעס וועזען

* רוימער, 6, 18.
** ג. פעטרי, 2, 16.
*** דזשיימס, 2, 12.

און עקזיסטענץ, דאָס בין איך אַליין. פריי בין איך פון דאָס, פון וואָס איך בין לויז, אַן אייגענטימער בין איך פון דאָס, וואָס איך האָב אין מיין מאַכט, אָדער וואָס איך קאָנטראָליר. מיין אייגענער בין איך צו יעדער צייט און אונטער אַלע אומשטענדען, ווען איך פערשטעה מיך צו האָבען און וואַרף מיך ניט אַוועק אויף אַנדערע. דאָס פריי זיין קאָן איך ניט וואַרהאַפטיג וועלען, ווייל איך קאָן עס ניט מאַכען, ניט שאַפען: איך קאָן דאָס נאָר ווינשען און וועגען דעם — טראַכטען, וואָרים עס בלייבט אַן אידעאַל, אַ רוח. די קייטען פון דער ווירקליכקייט שניידען יעדען אויגענבליק די שאַרפסטע שראַמען אין מיין פלייש. אָבער מיין אייגענער בלייב איך. אַ פערקויפטער אַלס קנעכט צו אַ בעל־הבית, דענק איך נאָר וועגען זיך און מיין טובה; זיינע קלעפ טרעפען מיך טאַקע: איך בין פון זיי ניט פריי; אָבער איך פערלייד זיי נאָר פון מיין טובה וועגען, אפשר כדי איהם אָבצונאַרען דורך דעם אויסזעהן פון מיין געדולד, אָדער כדי ניט אַרויסצורופען נאָך ערגערס דורך ווידערשפעניגקייט. אַזוי ווי אָבער איך האַלט זיך און מיין אייגעננוצען שטענדיג פאַר די אויגען, כאַפ איך פאַר די טשופרינעס די ערשטע, בעסטע געלעגענהייט צו צוטרעטען דעם שקלאַפענהאַלטער אין שטויב. וואָס איך ווער דאַמאָלסט פריי פון איהם און זיין בייטש, דאָס איז נאָר דער פועל יוצא פון מיין פריהערדיגען עגאָיזם. מען קאָן דאָ אפשר זאָגען, אַז איך בין אין דעם צושטאַנד פון שקלאַפעריי אויך פריי געוועזען, דהיינו „אין זיך“ אָדער „אינערליך“. אָבער „אין זיך פריי“ איז ניט „ווירקליך פריי“ און „אינערליך“ איז ניט „אויסערליך. פערקעהרט, אַן אייגענער, מיין אייגענער, בין איך געוועזען גאָר אינגאַנצען, אינערליך און אויסערליך. אונטער דער הערשאַפט פון אַ גרויזאַמען בעל־הבית איז מיין לייב ניט „פריי“ פון די יסורים און שמיץ; דאָס זיינען אָבער מיינע ביינער, וועלכע קרעכצען אונטער דער מאַטערניש, מיינע פיבערן צוקען אונטער די שלעג, און איך קרעכץ, ווייל מיין לייב קרעכצט. וואָס איך זיפץ און ציטער־אויף בעווייזט, אַז איך בין נאָך ביי זיך, אַז איך בין נאָך מיין אייגענער. מיין פוס איז ניט „פריי“ פון דעם בעל־הבית׳ שטעקען, עס איז אָבער מיין פוס און קאָן

ניט אָבגעריסען ווערן פון מיר. ער מעג מיר אויסרייסען דעם פוס — קוק זיך אָבער צו אויב ער האָט נאָך מיין פוס! גאָרנישט האלט ער אין האנד אחוץ דעם — פגר פון מיין פוס, וועלכער איז אזוי ווענינ מיין פוס, ווי א טויטער הונד איז נאָך אלץ א הונד: א הונד האָט א קלאַפּענד הארץ, א זאָגענאַנטער טויטער הונד האָט ניט קיין קלאַפּענד הארץ, און איז דעריבער מעהר קיין הונד ניט.

אויב מען מיינט, אז א שקלאַף קאָן דאָך זיין אינערליך פריי, זאָגט מען דערמיט פּאקטיש נאָר די פשוט'סטע ווארהייט, וואָס קיינער בעשטרייט ניט. ווארים ווער קאָן טאקע בעהויפּטען, אז א וועלכער עס איז מענש איז ל ג מ ר י אָהן פרייהייט? ווען איך בין אן אויגען־דיענער,* קאָן איך דען דעריבער ניט זיין פריי פון א מאסע זאכען, צ. ב. ש. פון דעם גלויבען אין צעאוס, פון דעם בעגעהר צו האָבען א גרויסען נאָמען א. ד. ג.? ווארום, אלזאָ, זאָל א געשמיסענער שקלאַף אויך ניט קאָנען זיין אינערליך פריי פון אונקריסטליכע געפיהלען, פון שנאה צום פיינד א. אז. וו.? ער איז דאן „קריסטליך פריי", איז לויז פון דאָס אונקריסטליכע; איז ער אָבער אבסאָלוט פריי, פון אלץ פריי, צ. ב. ש. פון דער קריסטליכער משוגעת, אָדער פון קערפּערליכען שמערץ, א. אז. וו.?

דערווייל שיינט דאָס אלץ מעהר געזאָגט אנטקעגען דעם נאָמען איידער אנטקעגען דער זאך. איז אָבער א נאָמען א גלייכגילטיגע זאך? און האָט ניט שטענדיג א וואָרט, א שיבולת, די מענשען בעגייסטערט און — צום נארען געמאכט? צווישען דער פרייהייט און דער אייגענהייט ליעגט אָבער א טיעפערער אָבגרונד איידער א פשוט'ער חילוק אין ווערטער.

די גאנצע וועלט פערלאַנגט פרייהייט, אלע גארן איהר רייך זאָל אָנקומען. אָ, בעצויבערנדער שעהנער טרוים פון א בליהענ־דען „קעניגרייך פון פרייהייט", פון א „פרייען מענשליכען מין"! ווער האָט אָט דעם טרוים ניט געטרוימט? די מענשען זאָלען פריי ווערן, גאנץ פריי, פון יעדען צוואַנג פריי!

— אָזוי, פון יעדען צוואַנג? ווירקליך פון יעדערן? זאָלען זיי זיך א ל י י ן אויך קיינמאָל מעהר ניט אָנטהאָן קיין צוואַנג? — „אָך, ניין, דאָס יאָ, דאָס איז דאָך גאָרניט קיין צוואַנג!"

* וואָס שטעהט אונטער דעם בעל־הבית' אויפזיכט. — איב.

— נו, איז זאָלען זיי דאָך פריי ווערן פון דעם רעליגיעזען גלויבען, פון די שטרענגע פליכטען פון דער מאָראַל, פון דער אונ־דערבארמליכקייט פון געזעץ, פון —

— „וואָס פאר א שרעקליך מיספערשטענדניש!“

— נו, גוט, פון וואָס זאָלען זיי דען פריי ווערן און פון וואָס ניט?

דער ליעבליכער טרוים איז צורונען געוואָרן; דערוואכטע, רייבט מען די האַלב־פערשלאָפענע אויגען און מען קוקט־אָן דעם פראַזאישען בעל־מקשן. „פון וואָס זאָלען די מענשען פריי ווערן“? — פון דער בלינדער גלויביגקייט, רופט זיך אָן איינער. פטור נו, שרייט אנאנדערער, אלע גלויבענס זיינען בלינדע גלויביגקייט; זיי מוזען פריי ווערן פון אלע גלויבענס. ניין, ניין, אום גאָטעס ווילען — צושרייט זיך דער ערשטער ווידער — ווארפט ניט אוועק פון זיך יעדען גלויבען, וואָרים די מאכט פון דער ברוטאלי־טעט וועט זיך אריינרייסען. מיר מוזען, לאָזט זיך הערן א דריטער, האָבען א רעפובליק און פריי ווערן — פון אלע קאָמאנדירענדע הארען. דאָס וועט גאָר ניט העלפען, זאָגט א פיערטער; מיר'ן נאָר קריגען דאַן א נייעם הארר, א „הערשענדע מאיאָריטעט“; לאָמיר זיך בעסער בעפרייען פון דער שרעקליכער אונגלייכהייט. — אָה, אונגליקליכע גלייכהייט, איך הער שוין ווידער דיין פלעבעאישען קול! ווי שעהן האָב איך אָקאָרשט איצטער נאָך געטרוימט פון א גן־עדן פון פ ר י י ה י י ט, און וואָס פאר א — פרעכהייט און ניט־איינגעהאלטענקייט העבט איצט אויף איהר ווילדען געשריי! אַזוי קלאָגט זיך דער ערשטער, און שפרינגט־אויף צו כאפען דעם שווערד אנטקעגען דער „פרייהייט אָהן מאָס“. באלד הערן מיר מעהר גאָרנישט אחוץ די שווערדען־קלאפעריי פון די ניט־נעאייניגטע פרייהייטס־טרוימער.

דער פרייהייט־דראנג האָט זיך אלעמאָל אויסגעדריקט אין דעם פערלאַנג צו איין ב ע ש ט י מ ט ע ר פרייהייט, צ. ב. ש. צו גלויבענס־פרייהייט; ד. ה. דער גלויביגער מענש האָט געוואָלט ווערן פריי און אונאָבהענגיג; פון וואָס? אפשר פון גלויבען? ניין! נאָר פון די גלויבענס־אינקוויזיטאָרען. אַזוי איצטער „פאָליטישע אָדער בירגערליכע“ פרייהייט. דער בירגער וויל ווערן פריי, ניט פון בירגערטום, נאָר פון דער הערשאפט פון בעאמטע,

פון דעם מוטווילען פון די קעניגען א. ד. ג. פירסט מעטערניך האָט אמאָל געזאָגט, אז ער האָט „געפונען א וועג, וואָס איז צוגע־פאסט אויף אימער און אייביג צו פיהרען אויפ'ן דרך פון עכטער פרייהייט". דער גראף פאָן פרעוואנס איז גראָד ענטלאָפען פון פראנקרייך, בעת דאָס לאנד האָט זיך גענומען איינפיהרען דאָס „רייך דער פרייהייט", און ער האָט געזאָגט: „מיין געפאנגענ־שאפט איז מיר געוואָרן אונערטרעגליך, איך האָב געהאָט נאָר איין ליידענשאפט: דעם פערלאנג צו — פרייהייט; איך האָב נאָר וועגען איהר געטראכט".

דער דראנג צו א בעשטימטער פרייהייט שליסט שטענ־דיג איין די אבזיכט אויף א נייער הערשאפט, ווי עס איז געוועזען דער פאל מיט דער [פראנצויזישער] רעוואָלוציע, וועלכע האָט אפילו „געקאָנט געבען איהרע פערטיידיגער דעם דערהויבענ־דען געפיהל, אז זיי קעמפפען פאר פרייהייט", אין דער אמת'ן אָבער, אזוי ווי מען האָט געארבייט נאָר פאר א בעשטימטער פרייהייט, האָט זיך אויסגעלאָזט א נייע הערשאפט, די „הערשאפט פון געזעץ".

פרייהייט ווילט איהר אלע; איהר ווילט די פרייהייט. איז פארוואָס דינגט איהר זיך וועגען א מעהר אָדער ווענינער? די פרייהייט קאָן נאָר די גאנצע פרייהייט זיין; איין שטיק פרייהייט איז ניט די פרייהייט. איהר זייט פערצווייפעלט און גלויבט ניט, אז מען קאָן געווינען די גאנצע פרייהייט, די פרייהייט פון אלץ; יאָ, איהר האלט עס נאָר פאר א משוגעת אפילו דאָס צו וועלען? — נו, איז הערט אויף נאָכצויאָגען א שאָטען און פערווענדעט אייער מיה אויף עטוואָס בעסערעס, איידער אויף דאָס, וואָס — קאָן ניט דערגרייכט ווערן.

— „יאָ, עס איז אָבער ניטאָ קיין בעסערע זאך איידער די פרייהייט!"

— וואָס האָט איהר דען, ווען איהר האָט די פרייהייט, איך מיין די פאָלקאָמענע פרייהייט — וואָרים וועגען אייערע ברעקלעך פרייהייט, א שטיקעל אויף אמאָל, וויל איך דאָ ניט רעדען—? איהר זייט דאן לויז פון אלץ, פון אלץ, וואָס עס זשענירט אייך, און עס איז דאך כמעט ניטאָ א זאך, וואָס זאָל אייך ניט האָבען איין מאָל אין לעבען זשענירט אָדער אונבעקוועם געמאכט.

און פון וועמעס וועגען וואָלט איהר עס געוואָלט לויז ווערן? אוּדאי דאָך פון אייערטוועגען, דערפאַר ווייל עס איז אייך אין וועג! וואָלט אייך אָבער עפּעס ניט געווען אונבעקוועם, נאָר אדרבא גאַנץ אַנגענעהם, צ. ב. ש. דער אפילו מילדער אָבער דאָך אונווידערשטעהליך געביטערישער בליק פון אייער געליעבטער — דאַן וואָלט איהר ניט געוואָלט דערפון לויז און פריי ווערן. ווארום ניט? ווידער אמאָל פון אייערט־וועגען! אַלזאָ, זיך נעהמט איהר פאַר א מאָס און א ריכטער איבער אַלץ. איהר לאָזט גערן די פרייהייט געהן, ווען די אונ־פרייהייט, דער „זיסער ליעבעס־דיענסט" איז אייך אַנגע־נעהם; און איהר נעהמט אייך אייער פרייהייט ביי דער געלעגענ־הייט ווידער, ווען זי הויבט אָן אייך בעסער צו געפעלען — בתנאי, פערשטעהט זיך, — א פונקט, וועגען וועלכען דאָ קומט ניט צו רעד — אויב איהר האָט קיין מורא ניט פאַר אזא „רעפּיעל אָוו דהי יוניאָן" (מבטל מאַכען די פעראייניגונג) מחמת אַנדערע (אַן ערך רעליגיעזע) גרונדען.

איז פאַרוואָס ווילט איהר ניט פאַסען דעם מוטה ווירקליך צו מאַכען זיך גאָר אינגאַנצען פאַר דעם מיטעלפונקט און די הויפּטזאַך? ווארום רייסען זיך נאָך דער פרייהייט, אייער חלום? זייט איהר אייער חלום? פרעגט זיך ניט אָן צוערשט ביי אייערע חלומות, ביי אייערע פאָרשטעלונגען, ביי אייערע געדאַנקען, וואָרים דאָס איז אַלץ „פוסטע טעאָריע". פרעגט זיך און פרעגט אויף זיך — דאָס איז פּראַקטיש, און איהר ווילט דאָך גערן זיין „פּראַקטיש". אָבער דאָ הערט זיך איינער צו, וואָס זיין גאָט (פערשטעהט זיך, וואָס ער דענקט זיך אונטער דעם נאָמען גאָט, דאָס איז זיין גאָט) וועט דערצו זאָגען, אַנאַנדערער — וואָס זיין מאָראַלער געפיהל, זיין געוויסען, זיין פליכט־געפיהל, וועט פון דעם האַלטען, און א דריטער רעכענט זיך איבער, וואָס לייט וועלען דערפון דענקען. און ווען יעדער איינער האָט זיך אָט אזוי אָנגע־פרעגט ביי זיין העררגאָט (לויט זיינען פונקט אזא גוטער, ניין, נאָך א מעהר־קאָמפּאַקטער הערר גאָט, איידער דער יענערוועלטיגער און איינגעבילדעטער: וואָקס פּאָפּולי, וואָקס דעי) דאַן אָרדענט ער זיך איין לויט דעם ווילען פון זיין הארדן און הערט זיך שוין מעהר

גאָרניט צו צו וואָס ער אליין וואָלט געדן געוואָלט זאָגען און בעשליסען.

דעריבער ווענדעט זיך בעסער צו זיך איידער צו אייערע געטער אָדער געצען. ברענגט ארויס פון זיך, וואָס איז דאָ אין אייך, ברענגט עס ארויס פאר'ן ליכט פון טאָג, ברענגט זיך צו אַן ענטפּלעקונג.

אַ בילד פון דעם, ווי איינער האנדעלט נאָר אויס זיך און פרעגט מעהר נאָך גאָרנישט, האָבען די קריסטען פאָרגעשטעלט אין „גאָט". ער האנדעלט „ווי עס געפעלט איהם". און דער נארישער מענש, וועלכער האָט פּונקט אזוי געקאָנט טהאָן, ער דאַרף אנשטאָט דעם האנדלען ווי עס „געפעלט גאָט". — זאָגט מען, אז גאָט פיהרט זיך אויף נאָך אייביגע געזעצען, איז פּאַסט דאָס אויף מיר אויך, ווארים איך קאָן אויך ניט ארויסקריכען פון מיין הויט, נאָר איך האָב מיין געזעץ אין מיין גאנצער נאַטור, ד. ה. אין מיר.

אָבער מען דאַרף אייך נאָר דערמאָנען אָן אייך אליין, כדי אייך גלייך צו ברענגען ביז צו פערצוויי פלונג. „וואָס בין איך?" פרעגט זיך יעדערער פון אייך. אַן אָבגרונד פון ניט־געדעגעלטע און געזעצלאָזע טריעבען, בעגעהרען, פערלאַנגען און ליידענשאַפ־טען, אַ כאָאָס אָהן ליכט, אָהן אַ לייטענדען שטערן! ווי אזוי זאָל איך בעקומען אַ ריכטיגען ענטפער, ווען איך בערוף זיך אויף זיך אליין, ניט נעהמענדיג אין אָנבעטראַכט גאָט'ס געבאָט אָדער די פליכטען, וואָס די מאָראַל שרייבט פאָר, ניט אַכטענדיג די שטים פון דער פערנונפט, וועלכע האָט אין לויף פון דער געשיכטע, נאָך ביטערע ערפאַהרונגען, דערהויבען דאָס בעסטע און פערנינפ־טיגסטע צו אַ געזעץ? מיין ליידענשאַפט וועט מיך גראָד ראָטען צו טהאָן דאָס אונזיניגסטע. — אָט אזוי האַלט יעדערער זיך אליין פאַר אַ טייוועל; ווארים אויב ער וואָלט זיך געהאַלטען — אויף אזוי ווייט ווי ער קימערט זיך ניט וועגען רעליגיאָן א. אז. וו. — נאָר פאַר אַ חיה, וואָלט ער לייכט אויסגעפונען, אז די חיה, וואָס געהאָרכט נאָר איהרע טריעבען (אזוי צו זאָגען, איהר ראַטה), ראָטה זיך ניט און בעגעהט ניט דאָס אונזיניגסטע, נאָר מאַכט דוקא זעהר ריכטיגע שריט. נישטמעהר די געוואוינהייט פון דעם רעליגיעזען אַרט דענקען האָט אזוי צרה'דיג פערקרימט אונזער גייסט, אז מיר דערשרעקען זיך פאַר זיך אליין אין אונזער נאַקעטקייט

און נאטירליכקייט; זי האט אונז אזוי דערנידעריגט, אז מיר האלטען זיך פאר פערדארבענע פון דער נאטור, פאר געבוירענע טייוואלים. עס פערשטעהט זיך, איך פאלט גלייך איין, אז אייער בערוף פאדערט פון אייך צו טהאן דאס „גוטע", דאס מאראלישע, דאס גערעכטע. אבער ווען איהר פרעגט זיך, וואס איהר האט צו טהאן, איז ווי אזוי קאן די ריכטיגע שטים ארויסקלינגען פון אייך, די שטים, וואס זאל אנצייגען דעם וועג פון דאס גוטע, גערעכטע, אמת׳ע א. אז. וו.? ווי שטימט גאט און „בליעל"?

וואס אבער וואלט איהר געטראכט, ווען איינער זאל אייך ענטפערן: די מעשיות אז מען דארף געהארכען גאט, דעם געוויסען, די פליכטען, די געזעצען א. אז. וו. זיינען שמאכטעס, מיט וועלכע מען האט אייך אנגעשטאפט א פולען קאפ און הארץ און אייך משוגע געמאכט? און ווען ער וואלט אייך געפרעגט, פון וואנען ווייסט איהר דאס אזוי זיכער, אז די שטים פון דער נאטור איז א פערפיהרערין? און ווען ער וואלט אייך גאר צוגעמוטהע אומצו־דרעהען די זאך און האלטען גראד פערקעהרט די שטים פון גאט און פון געוויסען פאר דעם טייוועל׳ס ארבייט? עס זיינען פאראן אזוינע אפיקורסים; ווי וועט איהר מיט זיי פארטיג ווערן? אויף אייערע גלחים, עלטערן און אזוי גוטע מענשען קאנט איהר זיך ניט בערופען, ווארים אקוראט אט די ווערן דאך בעצייכענט פון יענע אלס אייערע פערפיהרער, אלס די ריכטיגע יוגענד־פערפיה־רער און יוגענד־פערדארבער, וועלכע זעען פלייסיג איין די ווילדע קרייטיכער פון זעלבסטפעראכטונג און גאט־פערעהרונג, וועלכע פערבלאטיגען די יונגע הערצער און פערדומען די יונגע קעפ.

יענע מענשען אבער געהען ווייטער און פרעגען: פון וועמעס וועגען קימערט איהר זיך אום גאט׳ס און אנדערע געבאט? איהר מיינט דאך ניט צו זאגען, אז דאס ווערט געטהאן בלויז אויס געפעליגקייט צו גאט? ניין, איהר טהוט עס ווידער אמאל — פון אייערטוועגען. אלזא, דא אויך זייט איהר די הויפטזאך, און יעדערער מוז זיך זאגען: איך בין מיר אלעס און איך טהו אלעס פון מיינטוועגען. וואלט אייך אמאל קלאר ווערן, אז גאט, די געבאט א. אז. וו. טהוען אייך נאר שאדען, אז זיי בערויבען און רואינירען אייך — אודאי וואלט איהר זיי דאן אוועקגעווארפען פון זיך, פונקט ווי די קריסטען האבען אמאל

פערדאַמט דעם אַפּאָללאָ אָדער די מינערוואַ, אָדער די גנעצענ־דיענערישע מאָראַל. אמת טאַקע זיי האָבען אוועקגעשטעלט אויף יענעם פּלאַץ דעם קריסטוס און דערנאָך די מאַריאַ, ווי אויך די קריסטליכע מאָראַל; אָבער דאָס האָבען זיי אויך געטאָן פון דער טובה וועגען פון זייער נשמה, הייסט עס אויך עגאָיזם אָדער אייגענהייט.

און אָט דער עגאָיזם איז דאָס געווען, אָט די אייגענהייט, דורך וועלכער זיי זיינען לויז און פריי געוואָרן פון דער אַלטער געטער־וועלט. די אייגענהייט האָט בעשאַפען אַ נייע פרייהייט; ווארים די אייגענהייט איז די בעשאַפעריין פון אַלץ, אַזוי ווי עס ווערט שוין פון לאַנג בעטראַכט, אז די גניאַ־ליטעט (אַ בעשטימטע אייגענהייט), וועלכע איז שטענדיג אָריגי־נאַליטעט, איז די בעשאַפערין פון אַלע נייע פּראָדוקציאָנען פון דער וועלטגעשיכטע.

אויב איהר ווילט יאָ אַמאָל אויפריכטען „די פרייהייט" מיט אייער שטרעבען, דאַן לאָזט ניט אויס קיינע פון איהרע פאָדערונגען. ווער זאָל דאַן פריי ווערן? דו, איך, מיר. פון וואָס פריי ווערן? פון אַלץ, וואָס איז ניט דו, ניט איך, ניט מיר. הייסט עס, איך בין דאָס קערנדעל, וואָס דאַרף דערלייזט ווערן פון אַלע צודעקען און — בעפרייט ווערן פון אַלע שאָלען, וואָס מאַכען איהם ענג. וואָס בלייבט איבער, ווען איך בין בעפרייט געוואָרן פון אַלץ, וואָס איך בין ניט? נאָר איך און נישט מעהר איידער איך. אָט דעם איך אליין אָבער האָט די פרייהייט גאָרניט וואָס אָנצובאָטען. וואָס עס זאָל ווייטער געשעהן, נאָכדעם ווי איך בין פריי געוואָרן, וועגען דעם שווייגט די פרייהייט — אַזוי ווי אונזערע רעגירונגען לאָזען דעם אַרעסטאַנט, וואָס איז אָבגעזעסען זיין צייט, פּשוט געהן, און שליידערן איהם אַרויס אין פערלאָזענקייט.

היינט אויב מען שטרעבט נאָך פרייהייט נאָר צוליעב דעם איך, איז וואָרום ניט אויסקלייבען דעם איך גופא אַלס דעם אָנהויב, מיטען און סוף? בין איך ניט ווערטה מעהר איידער די פרייהייט? בין איך ניט דער, וואָס האָט מיך פריי געמאַכט? בין איך ניט צוערשט? איך בין דאָך אפילו ווען ניט פריי, אפילו ווען אין טויזענד קייטען געבונדען; און איך בין ניט ווי די פרייהייט ערשט אַ צוקינפטיגער, וואָס איז בנמצא נאָר אין האָפ־

נונג; איך בין אפילו אלס דער פערוואָרפענסטער פון אלע שקלאַ־
פען — אַן איצטיגער, אַ געגענוווערטיגער.

דענקט דאָס גוט איבער און בעשליסט זיך, צי איהר ווילט
אַרויפשטעלען אויף אייער פאָהן דעם חלום פון „פרייהייט“, אָדער
דעם ענטשלוס פון „עגאָיזם“, פון דער „אייגענהייט“. די פריי־
הייט וועקט אייער גרימצאָרן אַנטקעגען אַלץ וואָס איהר זייט ניט;
דער עגאָיזם רופט אייך צו דער פ ר י י ד איבער אייך אַליין, צו
דעם זעלבסט־גענוס. די „פרייהייט“ איז און בלייבט אַ ב ע נ ק ע־
נ י ש, אַ ראָמאַנטישער טרויער־קלאַנג, אַ קריסטליכע האָפנונג
אויף עולם־הבא און צוקונפט; די „אייגענהייט“ איז אַ ווירק־
ליכקייט, וואָס בעזייטיגט פ ו ן ז י ך א ל י י ן אַקוראַט אַזוי־
פיעל אונפרייהייט, וויפיעל עס פערשפּאַרט אייך מיט שטערונגען
דעם אייגענעם וועג. פון דאָס וואָס אייך שטערט ניט, וועט איהר
ניט וועלען זיך אָבזאָגען, און ווען עס הויבט אייך אָן שטערן, ווייסט
איהר דאָך, אַז „איהר מוזט בעסער ז י ך א ל י י ן געהאָרכען,
איידער די מענשען“.

די פרייהייט לערנט נאָר: מאַכט זיך לויז, וואַרפט אַראָב פון
זיך אַלץ וואָס בעלעסטיגט; זי לערנט אייך ניט ווער איהר אַליין
זייט. לויז, לויז! אַזוי קלינגט איהר לאָזונג, ווען איהר, פאָלגענ־
דיג מיט גרויס חשק איהר רוף, ווערט אפילו פון זיך אַליין לויז.
איהר „פערלייקענט זיך זעלבסט“. די אייגענהייט אָבער רופט
אייך צוריק צו זיך אַליין, זי זאָגט: „קום צו זיך!“ אונטער דעם
שילד פון דער פרייהייט ווערט איהר לויז פון אַ סך זאַכען, אָבער
עס קומט עפּעס נייעס, וואָס קוועטשט אייך ווידער: „פון
דעם שלעכטען זייט איהר פּטור געוואָרן, דאָס שלעכטע איז געבלי־
בען“. אַלס א י י ג ע נ ע זייט איהר ווירקליך פון אַלץ לויז,
און וואָס עס קלעפּט צו אייך, דאָס ה אָ ט א י ה ר אָ נ ג ע־
נ ו מ ע ן, דאָס איז אייער בחירה און אייער גוטער ווילען. דער
א י י ג ע נ ע ר איז דער ג ע ב ו י ר ע נ ע ר פ ר י י ע ר, דער
פרייער פון צו־הויז; דער פרייער דאַנעגען איז נאָר אַ פרייהייט־
קראַנקער, אַ טרוימער און אַ שוועמער.

דער אייגענער איז א ו ר ש פּ ר י נ ג ל י ך פ ר י י, ווייל ער
אָנדערקענט גאָרנישט אויסער זיך; ער דאַרף זיך ניט ערשט
בעפרייען, ווייל ער פערוואַרפט לכתחלה אַלץ אויסער זיך, ווייל ער

שעצט מעהר גאַרנישט אויסער זיך, האלט קיין זאַך ניט העכער; קורץ, ווייל ער געהט אַרויס פון זיך און „קומט צו זיך". שוין אין דער קינדהייט, ווען ער איז בעצוואונגען פונ'ם געפיהל פון רעס־פעקט, אַרבייט ער פונדעסטוועגען זיך „צו בעפרייען" פון דעם דאָזיגען צוואַנג. די אייגענהייט אַרבייט אין דעם קליינעם עגאָיסט און פערשאַפט איהם די בעגעהרטע — פרייהייט.

טויזענדער יאָהרען פון ציוויליזאַציע האָבען פערטונקעלט אין אייך דאָס בעוואוסטזיין פון האָס, וואָס איהר זייט; האָבען אייך געמאַכט גלויבען, אַז איהר זייט ניט קיין עגאָיסטען, נאָר אַז איהר זייט בערופען צו זיין אידעאַליסטען („גוטע מענשען"). שאָקעלט דאָס אָב! זוכט ניט די פרייהייט, וועלכע נעהמט אייך אַקוראַט אַוועק פון זיך אַליין, אין דער „זעלבסט־פערלייקענונג". נאָר זוכט זיך אַליין, ווערט עגאָיסטען, זאָל יעדערער פון אייך ווערן אַן אַלמעכטיגער „איך". אָדער דייטליכער גערעדט: דערקענט נאָר זיך ווידער, דערקענט נאָר וואָס איהר זייט אין דער ווירקליכקייט, און לאָזט געהן אייערע היפּאָקריטישע בעשטרעבונגען, אייער נאַרישע מאַניאַ, צו זיין עפּעס אַנדערש איידער דאָס וואָס איהר זייט. איך רוף זיי היפּאָקריטיש, ווייל אָט די אַלע טויזענדער יאָהרען זייט איהר אין גרונד דאָך געבליבען עגאָיסטען, אָבער שלאָפעדיגע, זיך אַליין אָבנאַרענדיגע, משוגע'נע עגאָיסטען, איהר זעלבסט־פּייניגער! קיין רעליגיאָן האָט קיינמאָל נאָך ניט געקאָנט אויסקומען אָהן פערשפּרעכונגען און „הבטחות", סיי אויף אַ יענער־וועלט, סיי אויף דער וועלט („למען יאריכון ימיך" א. אז. וו.); וואָרים געלדזיכטיג איז דער מענש, און „אומזאָנסט" טהוט ער גאַרנישט. אַי, וואָס איז מכח „טהאָן גוטעס לשם גוטעס גופא", אָהן אויסזיכטען אויף בעלוינונג? יאָ, אַזוי ווי דאָ אויך וואָלט ניט געלעגען די בעלוינונג אין דער בעפריעדיגונג, וואָס דאָס פערשאַפט! אַלזאָ, אפילו די רעליגיאָן איז געבויט אויף אונזער עגאָיזם, און זי — עקספּלואַטירט איהם; אויסגערעכענט ווי זי איז אויף אונזערע בעגעהרען, דער־שטיקט זי אַ סך אַנדערע צוליעב איינעם. אויף דעם אופן בעקומט זיך די ערשיינונג פון דעם אָבגענאַרטען עגאָיזם: איך בעפריעדיג ניט זיך, נאָר איינעם פון מיינע בעגעהרען, צ. ב. ש. דעם טריעב פון גליקזעליגקייט. די רעליגיאָן פערשפּרעכט מיך

דאָס — „העכסטע גוטס"; כדי דאָס צו געווינען, קוק איך ניט מעהר אויף מיינע אנדערע בעגעהרען און זעטיג זיי ניט. — אַלע אייערע מעשים און פּיהרונגען זיינען אַ ניט־צוגעגעבע־נער, בעהאַלטענער, פערדעקטער און פערשטעקטער עגאָיזם. אָבער ווייל דאָס איז אַן עגאָיזם, אין וועלכען איהר ווילט זיך ניט מודה זיין, וועלכען איהר פערבעהאַלט פון זיך אַליין, הייסט עס ניט קיין קלאָרער און אָפּענער, און בכן אַן אונבעוואוסטער עגאָיזם, דעריבער איז ער ניט קיין עגאָיזם, נאָר קנעכטשאַפט, דיענסט, זעלבסט־פערלייקענונג. איהר זייט יאָ און זייט ניט קיין עגאָיסטען, דערמיט וואָס איהר פערלייקענט דעם עגאָיזם. וואו עס דוכט זיך מעהר ווי אַלץ, אַז איהר זייט עס, דאָרט האָט איהר אויף דעם וואָרט „עגאָיסט" — געבראַכט עקעל און פעראַכטונג.

איך זיכער מיר מיין פרייהייט קעגען דער וועלט אין דעם ערך, אויף וויפיעל איך מאַך מיר די וועלט פאַר מיין אייגענס, ד. ה. אויף וויפיעל איך „געווין זי און נעהם זי איין" פאַר מיר, זאָל עס זיין דורך וועלכער געוואַלד עס וויל זיך, דורך איבעררעדען, בעטען, דורך קאַטעגאָרישע פאָדערונגען, און אפילו דורך צביעות, בעטרוג א. אז. וו.; וואָרים די מיטלען, וועלכע איך געברויך דערצו, ווענדען זיך אָן דעם, וואָס איך בין. אויב איך בין שוואַך, האָב איך נאָר שוואַכע מיטלען, ווי די אָקאָרשט דערמאָנטע, וועלכע זיינען פונ־דעסטוועגען פאַר אַ היבשען טייל פון דער וועלט גוט גענוג. אגב, בעטרוג, צביעות, ליגען זעהען אויס ערגער ווי זיי זיינען. ווער האָט ניט אָבגענאַרט די פּאָליציי, דעם געזעץ? ווער האָט ניט, בעגעגענענדיג דעם פּאָליציי־בעאַמטען, שנעל ארויפגעצויגען די מיענע פון בכבוד'ער לאָיאַליטעט, כדי צו פערבאָרגען דורך דעם עפּעס אַ בעגאַנגענע אונגעזעצליכקייט א. אז. וו.? ווער עס האָט דאָס גיט געטאָן, האָט איינפאַך זיך געלאָזט מען זאָל איהם אָנטהאָן געוואַלט: ער איז געוועזן אַ שוועכלינג אויס — געוויסענ־האַפטיגקייט. מיין פרייהייט, געפּין איך, ווערט פערקלענערט שוין דורכדעם, וואָס איך קאָן ניט דורכזעצען מיין ווילען אויף אַנאַנדערען (סיי דער אַנדערער האָט ניט קיין ווילען, ווי צ. ב. ש. אַ פעלזען, סיי אַזוינער וואָס האָט אַ ווילען, ווי אַ רעגירונג, אַן איינצעלנער א. אז. וו.); מיין אייגענהייט פערלייקען איך, ווען איך גיב זיך אַליין אויף, אין אָנגעזיכט פון אַנאַנדערען, ד. ה. איך גיב נאָך, האַלט

זיך אָב, גיב זיך אונטער, הייסט עס — דורך לאָיאַליטעט, דורך אונטערגעבען זיך. ווארים עס איז איין זאַך, ווען איך גיב־אויף מיין פריהערדיגען פלאַן, ווייל ער האָט ניט געפיהרט צום ציעל, איך קעהר זיך אָב, הייסט עס, פון אַ פאַלשען וועג; און עס איז אַנאַנדער זאַך, ווען איך גיב זיך אָב אַלס געפאַנגענער. איך געה אַרום דעם פעלזען, וואָס שטעהט מיר אין וועג, אַזוי לאַנג ביז איך האָב גענוג פּולווער צו צושמעטערן איהם; די געזעצען פון אַ פאָלק געה איך אַרום, ביז איך האָב אָנגעקליבען גענוג כחות זיי איינצו־וואַרפען. ווייל איך קאָן ניט אַ נעהם טהאָן די לבנה, מוז זי מיר דען דעריבער זיין „הייליג", אַן עשתרות? וואָלט איך נאָר געקאָנט, וואָלט איך שוין ריכטיג אַ נעהם געטהאָן, און זאָל איך נאָר געפינען אַ מיטעל אַרויפצוקומען צו דיר, וועסטו מיך ניט שרעקען! דו אונבעגרייפליכער, דו וועסט מיר בלייבען אונבעגרייפליך נאָר אַזוי לאַנג, ביז איך וועל מיר האָבען דערוואָרבען די מאַכט פון בעגרייפען, און וועל דיך אָנרופען מיין אייגענס; איך גיב זיך ניט אָב פאַר דיר, נאָר איך וואַרט־אָב מיין צייט. אויב איך שווייג איצטער, ווען איך קאָן דיר גאָרנישט טהאָן, וועל איך עס דיר אָבער געדענקען!

שטאַרקע מענשען האָבען עס אַלעמאָל אַזוי געטאָן. ווען די „לאָיאַלע" האָבען דערהויבען אַן אונבעצוואונגענע מאַכט אַלס זייער הארר און האָבען זיך געבוקט פאַר איהר; ווען זיי האָבען פערלאַנגט, אַז אַלע זאָלען זיך בוקען צו איהר — איז דאַן געקומען אָט אַזאַ נאַטור־מענש, וועלכער האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען, און האָט אַרונטערגעיאָגט די פערהערליכטע מאַכט פון איהר ניט־צוגענגליכען אָלימפּ. ער האָט אויסגעשריען זיין „שמש בגבעון דום" צו דער לויפענדער זון, און האָט געמאַכט די ערד זאָל זיך דרעהען; די לאָיאַלע האָבען זיך ניט געקאָנט העלפען. ער האָט אַרויפגעלעגט זיין האַק אויף די הייליגע אייכען־בוימער, און די „לאָיאַלע" זיינען ערשטוינט געווען, וואָס קיין פייער פון הימעל האָט איהם ניט פערברענט; ער האָט אַרונטערגעוואָרפען דעם פויפּסט פון זיין פּעטער־שטוהל, און די „לאָיאַלע" האָבען ניט געוואוסט, ווי דאָס צו הינדערן. ער רייסט אַרונטער די ווירטשאַפט פון „גאָטעסגנאַדען". און די „לאָיאַלע" קרעכצען אומזיסט, ביז זיי פערשטומען ענדליך אינגאַנצען.

מיין פרייהייט ווערט ערשט דאן פאלקאם, ווען זי איז — מיין מאכט; דורך איהר אבער הער איך אויף צו זיין בלויז א פרייער און ווער אן אייגענטימער. פארוואס איז די פרייהייט פון די פעלקער א „פוסט ווארט"? ווייל די פעלקער האבען ניט קיין מאכט! מיט איין הויך פון א לעבעדיגען „איך" בלאז איך אוועק די פעלקער — זאל עס זיין דער הויך פון א נערא (נירון קיסר), פון א כינעזישען קייזער, אדער פון אן ארימען שרייבער. פארוואס שמאכטען אומזיסט נאך פרייהייט די ד...* לעגיסלאַ־טיווע קאמערן, און די מיניסטארען שרייען אויף זיי דערפאר, ווי דער רבי אויף חדר־אינגלעך? ווייל זיי זיינען ניט קיין מעכטיגע! די מאכט איז א שעהנע זאך און קומט צוניץ פאר פערשיידענע צוועקען; דען „מען געהט א סך ווייטער מיט איין האנדפול מאכט, איידער מיט א פולען זאק רעכט". איהר גארט נאך דער פרייהייט? איהר שוטים! ווען איהר נעהמט זיך די מאכט, קומט שוין די פרייהייט פון זיך אליין. זעהט, ווער עס האט די מאכט, דער „שטעהט איבער דעם געזעץ". ווי שמעקט אייך אט די אויסזיכט, איהר געזעצליבע לייט? אך, איהר האט אבער ניט קיין געשמאק!

דער געשריי נאך „פרייהייט" קלינגט הויך ארום און ארום. צי פיהלט מען און ווייס מען אבער, וואס א געשענקטע אדער געזעצליך־ערלויבטע פרייהייט מוז בעדייטען? מען זעהט עס ניט איין אין פולען זין פון ווארט, אז פרייהייט איז בעצם — זעלבסט־בעפרייאונג, ד. ה. אז איך קאן נאר האבען אזויפיעל פרייהייט, וויפיעל איך פערשאף מיר דורך מיין אייגענהייט. וואס נוצט עס די שעפסען, וואס קיינער פערקירצט זיי ניט די רעדע־פרייהייט? זיי בלייבען ביים מעקען. גיט איינעם, וואס איז אינערליך א מחמר'אנער, א איד אדער א קריסט, די ערלויבנים צו רעדען וואס ער וויל: מעהר ווי זיין זינגלאזען קוואטש וועט ער דאך ניט זאגען. פערקעהרט, ווען געוויסע פערזאנען רויבען ביי אייך די פרייהייט צו רעדען און הערען, פערשטעהען זיי זיך גאנץ ריכטיג אויף זייער צייטווייליגען פארטייל, ווארים איהר וואלט אפשר געקאנט עפעס

* דאס מיינט, פערשטעהט זיך די ד י י ט ש ע. דער פערפאסער האט געמוזט שרייבען פערשטעלטערהייט צוליעב דער צענזור. — איבערז.

זאַגען און הערן, דורך וואָס יענע געוויסע פערזאָנען וואָלטען פער־לאָרען זייער קרעדיט.

אויב זיי גיבען אייך פונדעסטוועגען פרייהייט, זיינען זיי איינ־פאַכע שווינדלער, וועלכע גיבען מעהר איידער זיי האָבען. זיי גיבען אייך דאַן גאָרנישט פון זייער אייגענס, נאָר גע'גנב'עטע סחורה: זיי גיבען אייך אייער אייגענע פרייהייט, די פרייהייט, וועלכע איהר מוזט זיך אליין נעהמען; און זיי גיבען עס אייך, נאָר כדי איהר זאָלט זי אליין ניט נעהמען און אחוץ דעם ניט אָנקלאָגען די גנבים און בעטריגער. די רמאים ווייסען גאַנץ גוט, אז די געגעבענע (געזעצליך ערלויבטע) פרייהייט איז אין גרונד גאָר קיין פרייהייט ניט, וואָרים נאָר די פרייהייט, וואָס מען נעהמט זיך, די עגאָיסטישע פרייהייט, הייסט עס, שיפט זיך מיט פולע זעגלען. געשענקטע פרייהייט שטעלט באַלד אָב די זעגלען, אזוי גיך ווי עס קומט א שטורם אָדער — א שטילקייט: זי מוז אלע מאָל — אַנגעבלאָזען ווערן לייכט און מיטעלמעסיג.

דאָ ליעגט דער אונטערשייד צווישען זעלבסטבעפרייאונג און עמאַנציפאַציע (פריישפרעכען, פריילאָזען). די וואָס שטעהען היינ־טיגען טאָג „אין דער אָפּאָזיציע" לעכצען און שרייען מען זאָל זיי „פריילאָזען". די קעניגע דארפען דערקלערן זייערע פעלקער פאַר „מינדיג" (דערוואקסען), ד. ה. זיי עמאַנציפירען! פיהרט זיך אויף ווי דערוואקסענע, וועט איהר עס זיין אָהן זייער דערקלערונג, און אויב איהר פיהרט זיך ניט אויף אזוי, דאַן זייט איהר עס ניט ווערטה און וועט אויך דורך זייער מינדיג־דערקלערונג קיינמאָל ניט ווערן מינדיג. די מינדיגע גריעכען האָבען אַרויסגעיאָגט זייערע טיראַנען, און דער מינדיגער זוהן מאַכט זיך אונאָבהענגיג פון פאָטער. ווען יענע וואָלטען געוואַרט ביז זייערע טיראַנען וועלען זיי גנעדיגסט בעוויליגען די מינדיגקייט, וואָלטען זיי געקאָנט לאַנג וואַרטען. דעם זוהן וואָס וויל ניט ווערן מינדיג, וואַרפט א פערשטענדיגער פאָטער אַרויס פון הויז און האַלט דאָס הויז פאַר זיך; א מצוה אויף דעם לאָקש.

דער וואָס האָט גענעבענע פרייהייט, איז נישט מעהר ווי א פרייגעלאָזענער קנעכט, א ליבערטינוס, א הונט וואָס שלעפט מיט א שטיק קייט; ער איז אַן אונפרייער אָנגעטאָן אין דעם מאַנטעל פון פרייהייט, ווי דער עזעל אין אַ לייבען־פעל. עמאַנצי־

פירטע אידען זיינען דורכדעם אין זיך גופא א האָר ניט בעסער געוואָרן, זייער לאַגע אַלס אידען איז נאָר פערלייכטערט געוואָרן, — הגם דער וואָס פערלייכטערט זייער צושטאַנד, איז על כל פנים מעהר איידער אַ קריסטליכער קריסט, וואָרים אזא איינער קאָן עס ניט טהאָן און בלייבען דערביי קאָנזעקווענט. אָבער עמאַנציפּירטער איד אָדער ניט־עמאַנציפּירטער: אַ איד בלייבט אַ איד; דער וואָס איז ניט אַ זעלבסט־בעפרייטער, איז אַקוראַט אַן — עמאַנציפּירטער. דער פּראָטעסטאַנטישער שטאַאט קאָן גאַנץ זיכער געבען די קאַטאָליקען פרייהייט (עמאַנציפּירען זיי); ווייל אָבער זיי מאַכען זיך ניט אַליין פריי, בלייבען זיי טאַקע — קאַטאָליקען.

וועגען אייגעננוץ און אייגעננוציגקייט איז שוין אויבען גערעדט געוואָרן. די פריינד פון פרייהייט ווערן אויפגעבראַכט אנטקעגען דער אייגעננוץ, ווייל אין זייער רעליגיעזען פרייהייט־שטרעבען קאָנען זיי זיך פון דער ערהאַבענער „זעלבסט־פערלייקענונג" — ניט בעפרייען. דער צאָרן פון דעם ליבעראַל פאַלט אויף דעם עגאָאיזם, ווייל דער עגאָאיסט מיהט זיך קיינמאָל ניט פאַר אַ זאַך פון דער זאַך'ס וועגען, נאָר פון זיינטוועגען: די זאַך מוז איהם דיענען. עגאָאיסטיש איז, ניט צוצושרייבען קיין זאַך אַן אייגענעם אָדער „אַבסאָלוטען" ווערטה, נאָר צו זוכען איהר ווערטה אין מיר. דאָס שטודירען לשם קאַריערע האָט מען אָפט צוגערעכענט צו די העסליכסטע צייכענס פון עגאָאיסטישער האַנדלונג, ווייל דאָס בעווייזט די שענדליכסטע פּראָפאַנירונג פון דער וויסענשאַפט; אָבער צו וואָס איז די וויסענשאַפט, אויב ניט פערברויכט צו ווערן? ווען איינער וויים ניט, ווי צו בענוצען זי אויף עטוואָס בעסערס איידער אויף ברויט־פערדיענען, איז טאַקע זיין עגאָאיזם אפילו אַ קליינליכער, ווייל די מאַכט פון אזא עגאָאיסט איז אַ בעשרענקטע, אָבער נאָר אַ געבאַפּטער קאָן טאַדלען אין דעם דאָס עגאָאיסטישע און די פּראָפאַנירונג פון דער וויסענשאַפט.

דעריבער ווייל דאָס קריסטענטום, וואָס קאָן ניט דעם איינצעלנעם לאָזען גילטען אַלס אַן איינציגען, האָט איהם נאָר געקאָנט בעטראַכטען אַלס אַן אָבהענגיגען — דאָס קריסטענטום איז אייגענטליך געוועזען נישט מעהר ווי אַ סאָציאַלע טעאָריע, אַ לעהרע פון צוזאַמענלעבען, און דערצו נאָך אזוי גוט פון דעם מענשען מיט גאָט, ווי פון מענשען מיט מענשען — דעריבער האָט

געמוזט אלץ, וואָס איז „אייגענעס“, קריגען ביי איהם די ערגסטע רעפּוטאציע: אייגעננוץ, אייגענזין, אייגענער ווילען, אייגענהייט, אייגענליעבע א. אז. וו. דער קריסטליכער בליק אויף זאכען האָט איבערהויפּט ביסלעכווייז איבערגעשטעמפּעלט עהרליכע ווערטער אין אונעהרליכע; פאַרוואָס זאָל מען די ווערטער ווידער ניט אָבגעבען זייער עהרע? אזוי צ. ב. ש. דאָס וואָרט „שימפּף“ מיינט אין דעם אלטען זין דאָס אייגענע וואָס „לצנות“, פאַר דעם קריסטליכען ערנסט איז אָבער פון דעם צייט־פּערטרייב געוואָרן א בזיון,* וואָרים ער פערשטעהט ניט קיין שפּאַס. „פרעך“ האָט פריהער בעטייט קיהן, טאַפּפער; „פרעפעל“, האָט נאָר געמיינט דרייסטקייט. עס איז' אויך בעקאַנט, ווי קרום מען האָט א לאַנגע צייט געקוקט אויף דעם וואָרט „פערנונפט“.

אונזער שפּראַך האָט זיך אָט אזוי גאַנץ שטאַרק אויפגעבויט אויף דעם קריסטליכען שטאַנדפּונקט, און דאָס אלגעמיינע בעוואוסטזיין איז נאָך צו־קריסטליך, מען זאָל קאָנען זיך ניט אָבשרעקען פאַר אלץ, וואָס איז ניט־קריסטליך, ווי פאַר עפּעס אונפאָלקאָמענעם אָדער שלעכטס. דעריבער האַלט עס אויך שלעכט מיט דעם אייגעננוץ.

אייגעננוץ אין קריסטליכען זין הייסט אומגעפעהר אזוי: איך קוק נאָר אויף דעם, צי עפּעס נוצט מיר אלס זינליכען מענשען. איז דען אָבער די זינליכקייט מיין גאַנצע אייגענהייט? בין איך דען ביי זיך אליין (ביי מיין פולען זינען) ווען איך בין אינגאַנצען אָבגעגעבען צו דער זינליכקייט? פאָלג איך זיך אליין, מיין אייגענער בעשטימונג, ווען איך פאָלג דער זינליכקייט? איך בין נאָר דאַן מיין *אייגענער*, ווען ניט די זינליכקייט, און פונקט אזוי ווייניג אנאַנדערער (גאָט, מענשען, אויטאָריטעט, געזעץ, שטאַאט, קירך א. אז. וו.) האַלטען מיך אין זייער געוואַלט, נאָר איך האַלט זיך אליין; וואָס עס נוצט מיר, דעם זעלבסט־איינגענטימער אָדער זיך זעלבסט־אָנגעהעריגען, דאָס זוכט *מיין אייגעננוץ*.

אויסער דעם זעהט מען, אז מען איז יעדען אויגענבליק

---

* אין טעקסט שטעהט דאָס וואָרט „ענטבעהרונג“ (מאַנגעל, נויט); דאָס מוז אָבער זיין, ווי דער ענגלישער איבערזעצער הערר ביואינגטאָן, מיינט, אַ טעות הדפוס, אַנשטאָט דעם וואָרט „ענטעהרונג“, וועלכען איך זעץ איבער אלס „בזיון“. „מאַנגעל“ האָט דאָ קיין זין ניט. — איבערז.

געצוואונגען צו גלויבען אין דעם שטענדיג געלעסטערטען אייגענ־נוץ, ווי אין אַ מאַכט, וואָס געוועלטיגט איבער אַלץ. אין דער זיצונג פון 10טען פעברואר, 1844, האָט וועלקער ארגומענטירט אויף דעם פאָרשלאַג וועגען דער אַבהענגיגקייט פון די ריכטער, און האָט אין אַן אויספיהרליכער רעדע קלאָרגעשטעלט, אַז ריכטער, וועלכע מען קאָן אראָבזעצען, אָבזאָגען, איבערזעצען און האַלטען אין פענסיע — קורץ, אַזוינע מיטגליעדער פון אַ געריכטסהויף, וואָס קאָנען אויף בלויז אַן אדמיניסטראַטיווען אופן ווערן בעשע־דיגט און געשטעלט אין געפאַהר — האָבען ניט קיין צופערלעסיג־קייט און פערלירען יעדע אַכטונג און צוטרויען ביים פאָלק. דער גאַנצער ריכטערשטאַנד, רופט וועלקער אויס, איז דעמאָראַליזירט דורך אָט דער אַבהענגיגקייט! אין טרוקענע ווערטער מיינט דאָס ניט אַנדערש, ווי אַז די ריכטער געפינען, עס לוינט זיך זיי בעסער צו פסק׳ענען ווי די מיניסטאָרען פערלאַנגען, איידער ווי דאָס געזעץ פאָדערט. וואָס קאָן מען טהאָן דערצו? אפשר לעגען די ריכטער אַם האַרצען די שאַנדע פון זייער פערקויפליכקייט, און פיהלען אַ צוטרויען, אַז זיי וועלען נעהמען זייערע מעשים אַם האַרצען און פון דאַן אָן און ווייטער שעצען די גערעכטיגקייט העכער איידער זייער אייגעננוץ? ניין, צו אַזאַ ראָמאַנטישער פערטרויליכקייט שוועבט דאָס פאָלק ניט אַרויף, וואָרים עס פיהלט, אַז דער אייגענ־נוץ איז מעכטיגער איידער יעדער אַנדער מאָטיוו. דעריבער מעגען דיזעלבע פערזאָנען פערבלייבען ריכטער ווי זיי זיינען געוועזן, ווי שטאַרק מען זאָל זיך ניט האָבען איבערצייגט, אַז זיי האָבען געהאַנ־דעלט ווי עגאָיסטען; נאָר וואָס דען? זיי דאַרפען מעהר ניט געפי־נען זייער אייגעננוץ אין דער פערקויפליכקייט פון דעם רעכט, נאָר זיי דאַרפען זיין אַזוי אונאָבהענגיג פון דער רעגירונג, אַז זייער זאַך, „זייער גוט־פערשטאַנענע אינטערעסע“, זאָל דורך זייער אָבגעבען אַ ריכטיגען פסק ניט געשטעלט ווערן אין שאָטען, נאָר אדרבא זאָל געזיכערט זיין מיט אַן אַנגענעהמער פעראייניגונג פון אַ גוטען געהאַלט צוזאַמען מיט אַכטונג צווישען די בירגער.

הייסט עס, וועלקער און די בירגער פון באַדען פיהלען זיך געזיכערט ערשט דאַן, ווען זיי קאָנען רעכענען אויף דעם אייגענ־נוץ. איז וואָס זאָל מען זיך טראַכטען וועגען די אונצעהליגע פראַ־

זען פון אייגעננוציגקייט, וואָס שיטען זיך זאָנסט פון זייערע מיילער?

צו אַ זאַך, וואָס איך בעטרייב אייגעננוציג, האָב איך אַנאַנדערע שייכות ווי צו אַ זאַך, וואָס איך דיען אונאייגעננוציג. מען קאָן פאַר דעם אָנגעבען דעם פאָלגענדען דערקען־צייכען: אנטקעגען דער לעצטער קאָן איך זיך פערזינדיגען אָדער בעגעהן אַ זינד, די ערשטע קאָן איך נאָר אַוועק׳פּטר׳ן, אָבשטויסען פון מיר, פערלירען זי, — ד. ה. בעגעהן אַן אונפאָרזיכטיגקייט. די האַנדעלס־פרייהייט ווערט בעטראַכט אויף אָט דיביידע אופנים, דערמיט וואָס מען האַלט זיי טיילווייז פאַר אַ פרייהייט, וועלכע קאָן אונטער געוויסע אומשטענדען געגעבען אָדער אַוועקגענומען ווערן, און טיילווייז פאַר אַזאַ, וועלכען מען דאַרף האַלטען היילעג אונטער אַלע אומשטענדען.

ווען אַ געוויסע זאַך אהרט מיך ניט אַן און פאַר זיך, און איך בעגעהר זי ניט צוליעב איהר אַליין, פערלאַנג איך זי נאָר ווי אַ מיטעל צו אַ צוועק, פאַר איהר ניצליכקייט, צוליעב אַנאַנדער צוועק, ווי צ. ב. ש. אָיסטערס פאַר זייער געשמאַק. וועט דען ניט דיענען דעם עגאָיסט יעדע זאַך, אַלס מיטעל, פון וואָס ער איז אַליין דער לעצטער צוועק? און פאַר וואָס זאָל ער בעשיצען אַ זאַך, וואָס דיענט איהם צו גאָרנישט, צ. ב. ש. דער פראָלעטאַריער — דעם שטאַאַט?

די אייגענהייט שליסט איין אין זיך אַלץ, וואָס איז אייגענס, און ברענגט וויעדער צו עהרע, וואָס די קריסטליכע שפּראַך האָט פערואומעהרט. די אייגענהייט האָט אָבער ניט קיין פרעמדען מאַס־שטאַב, און איז איבערהויפּט ניט קיין אידעע, ווי די פרייהייט, מאָראַליטעט, מענשליכקייט א. ד. ג.: זי איז נאָר אַ בעשרייבונג פון דעם — אייגענטימער.

## II

# דער אייגענטימער

איך — קום איך צו זיך און צו דאָס מייניגע דורך דעם ליבע־ראַליזם?

וועמען האַלט דער ליבעראַלער פאַר זיין גלייכען? דעם מענשען! דו זיי נאָר א מענש — און דאָס ביזטו דאָך — ראַן רופט דיך דער ליבעראַלער זיין ברודער. ער פרעגט זיך זעהר ווענינ נאָך וועגען דיינע פריוואַט־מיינונגען און פריוואַט־נאַרישקייטען, אויב ער קאָן נאָר אין דיר דערבליקען דעם „מענשען“.

אַזוי ווי אָבער ער אַכטעט זעהר ווענינ וואָס דו ביזט פריוואַט (בתורת יחיד), — ריכטיגער געזאָגט, ווען ער האַלט זיך שטרענג ביי זיין פּרינציפּ, לעגט ער גאָר קיין געוויכט ניט אויף דעם, — זעהט ער אין דיר נאָר דאָס, וואָס דו ביזט גענעראַטים (בתורת מין האנושי). מיט אַנדערע ווערטער: ער זעהט אין דיר ניט ד י ך, נאָר דעם מין, ניט יאַנקלען אָדער שמערלען, נאָר דעם מענשען, ניט דעםווירקליכען אָדער איינציגען, נאָר דיין וועזען אָדער דיין בעגריף, ניט דעם גשמיות׳דיגען מענשען, נאָר דעם ג ײ י ס ט.

אַלס יאַנקעל וואָלסטו ניט געווען זיין גלייכען, וואָרים ער איז שמעריל, איז דאָך ניט יאַנקעל; אַלס מענש ביזטו דאָס זעלבע, וואָס ער איז. און היות ווי דו אַלס יאַנקעל עקזיסטירט פאַר איהם אַזוי גוט ווי גאָרנישט (ד. ה. אזוי ווייט ווי ער איז א ליבעראַלער און ניט אויף אַן אונבעוואוסטען אופן אַן עגאָיסט), האָט ער זיך די „ברודער־ליעבע“ באמת זעהר לייכט געמאַכט: ער ליעבט ניט אין דיר יאַנקלען, פון וועמען ער ווייס גאָרנישט און וויל נישט ווי־סען, נאָר דעם מענשען.

אין מיר און דיר מעהר גאָרנישט צו זעהן אויסער „מענשען“, — דאָס הייסט טרייבען ביז צום לעצטען שפּיץ די קריסטליכע אָנשויאונג, לויט וועלכער איינער איז פאַר דעם אַנדערן נישט מעהר ווי א ב ע ג ר י ף (צ. ב. ש. א מענש, וואָס איז בערופען צו זעלינקייט א. אז. וו.).

דאָס אייגענטליכע קריסטענטום נעהמט אונז צונויף אונטער נאָך אַ ווענינער־אַלגעמיינעם בעגריף: דאָ זיינען מיר „גאָט'ס קינדער" און „געטריבען דורך גאָט'ס גייסט".* ניט אַלע פונ־דעסטוועגען קאָנען זיך בעריהמען, אַז זיי זיינען גאָט'ס קינדער, נאָר „דערזעלביגער גייסט, וואָס זאָגט עדות צו אונזער גייסט, אַז מיר זיינען גאָט'ס קינדער, ענטפּלעקט צו אייך וועלכע קינדער עס זיינען דעם טייוועל'ס.** פאָלגליך, כדי צו זיין גאָט'ס קינד, טאָר אַ מענש ניט זיין דעם טייוועל'ס אַ קינד; הייסט עס, אַז געוויסע מענשען קאָנען זיך ניט רעכענען פאַר גאָט'ס קינדער. דאַגעגען, כדי צו זיין מענשענקינדער, ד. ה. מענשען, דאַרפען מיר נאָר געהערן צו דעם מענשען־מין, מיר דאַרפען נאָר זיין עקזעמפּ־לאַרען פון דעם דאָזיגען מין. וואָס איך בין אַלס אָט דער „איך", געהט דיר אַלס גוטען ליבעראַל נישט אָן, נאָר עס איז מיין פּרי־וואַט־זאַך אַליין; עס איז גענוג, וואָס מיר זיינען ביידע קינדער פון איין און דערזעלביגער מוטער, ד. ה. פון דעם מענשען־מין: אַלס מענשענקינד בין איך דיין גלייכען.

איז וואָס בין איך דיר? אפשר אָט דער גשמיות'דיגער איך, ווי איך שטעה און געה? אָה, ניין, נאָר ניט דאָס. דער דאָזיגער גשמיות'דיגער איך מיט זיינע געדאַנקען, בעשלוסען און ליידענ־שאַפטען איז אין דיינע אויגען אַ „פּריוואַט־זאַך", וועלכע געהט דיר גאָרנישט אָן, איז אַ זאַך „פאַר זיך". אַלס אַ „זאַך פאַר דיר" עקזיסטירט נאָר מיין בעגריף, דער בעגריף פון מיין מין, נאָר דער מענש, דער, וואָס וואָלט פּונקט אַזוי גוט ווי ער הייסט יאַנקעל, געקאָנט זיין חיים אָדער יאָסעל. דו זעהסט אין מיר ניט מיך, דעם גשמיות'דיגען, נאָר עפּעס אַ ניט־ווירקליכס, דעם רוח, ד. ה. אַ מענשען.

אין דעם משך פון די קריסטליכע יאָהרהונדערטען האָבען מיר די פערשיידענסטע מענשען דערקלערט אַלס „אונזער גלייכען", אָבער יעדעס מאָל אין דעם ערך פון יענעם גייסט, וואָס מיר האָבען פון זיי דערוואַרט — צ. ב. ש. יעדען מענשען, אין וועמען מען קאָן משער זיין, אַז ער האָט דעם גייסט פון דער בעדערפטיג־

* רוימער 8, 14.
** פערגלייך: יאָהאַן 3, 10 מיט רוימער 8, 14.

קייט רעראליזירט צו ווערן; דאַן שפּעטער יעדען מענשען, וואָס האָט דעם גייסט פון גערעכטיגקייט, ענדליך יעדען מענשען, וואָס ציינט ארוים אַ מענשליכען גייסט און אַ מענשליכען פּנים. אָט אַזוי האָט זיך געענדערט דער גרונד־פּרינציפּ פון „גלייכהייט".

אויפפאַסענדיג אָט אַזוי די גלייכהייט אַלס גלייכהייט פון מענשליכען גייסט, האָט מען על כל פּנים ענטדעקט אַ גלייכהייט, וואָס שליסט איין אַלע מענשען; וואָרים ווער האָט געקאָנט לייקענען, אַז מיר מענשען האָבען אַ מענשליכען גייסט, ד. ה. אַז מיר האָבען ניט קיין אַנדער גייסט אויסער אַ מענשליכען!

אָבער זיינען מיר איצטער דעריבער ווייטער איידער אין אָנפאַנג פון קריסטענטום? דאַמאָלסט האָבען מיר געזאָלט האָבען אַ געטליכען גייסט, איצטער אַ מענשליכען; אויב אָבער דער געטליכער גייסט האָט אונז ניט אויסגעשעפּט, איז ווי אַזוי זאָל דער מענשליכער אינגאַנצען אויסדריקען דאָס, וואָס מיר זיינען? פייערבאַך, צ. ב. ש. מיינט, אַז דערמיט, וואָס ער פערמענשליכט דאָס געטליכע, האָט ער אויסגעפונען די וואָר־הייט. ניין, אויב גאָט האָט אונז געמאַכט יסורים, איז דער מענש אים שטאַנד נאָך שמערצליכער אונז צו דריקען. דער קיצור הדבר איז: דאָס וואָס מיר זיינען מענשען, איז די קלענסטע זאַך וועגען אונז, דאָס האָט נאָר אַ בעדייטונג אויף ווי ווייט עס איז איינע פון אונזערע אייגענשאַפטען, ד. ה. אויף וויפיעל עס איז אונ־זער אייגענטום. געוויס, צווישען אַנדערע זאַכען בין איך אויך אַ מענש, ווי איך בין צ. ב. ש. אַ בעל חי,־אַ חיה, הייסט עס, אָדער אַן אייראָפּעער, אַ בערלינער א. ד. ג.; אָבער ווער עס וויל מיך נאָר אַכטען אַלס מענשען אָדער אַלס בערלינער, וואָלט מיר געגעבען אַזאַ אַכטונג, וועלכע איז מיר זעהר גלייכגילטיג. און פאַרוואָס? ווייל ער אַכטעט נאָר איינע פון מיינע אייגענשאַפטען, ניט מיך.

עס איז פּונקט אַזוי אויך מיט דעם גייסט. אַ קריסטליכער גייסט, אַ גערעכטער גייסט און נאָך אַזאַ מין גייסט, קאָן גאַנץ גוט זיין מיינע אַן ערוואָרבענע אייגענשאַפט, ד. ה. מיין אייגענטום, אָבער איך בין ניט אָט דער גייסט: ער איז מיינער, ניט איך זיינער.

מיר האָבען דעריבער אין דעם ליבעראַליזם נאָר די פאָרט־זעצונג פון דער אַלטער קריסטליכער גרינגשעצונג פון דעם „איך", פון דעם גשמיות'דיגען יאַנקלען. אַנשטאָט מיך צו נעהמען ווי איך בין, קוקט מען נאָר אויף מיין אייגענטום, אויף מיינע אייגענשאַפ־טען, און מען שליסט מיט מיר אָן עהע־בונד, נאָר צוליעב — מיין פערמעגען; עס קומט אויס, ווי מען הייראַט וואָס איך האָב, ניט וואָס איך בין. דער קריסט האַלט זיך אָן מיין גייסט, דער ליבעראַל — אָן מיין מענשליכקייט.

אָבער אויב דער גייסט, וועלכען מען בעטראַכט ניט אַלס דאָס א י י ג ע נ ט ו ם פון דעם גשמיות'דיגען איך, נאָר אַלס דעם אייגענטליכען איך גופא, איז אַ געשפענסט, דאַן איז אויך דער מענש, וועלכער ווערט ניט אָנדערקענט אַלס מיין אייגענשאַפט, נאָר אַלס דער אייגענטליכער איך, נישט מעהר ווי אַ רוח, אַ געדאַנק, אַ בעגריף.

דעריבער דרעהט זיך אויך דער ליבעראַלער ארום אין דעם־זעלביגען קרייז, ווי דער קריסט. דו ביזט אַ מענש, ווייל דער גייסט דער מענשהייט, ד. ה. דער מענש [בכלל], וואוינט אין דיר, אַזוי ווי, ווען קריסטוס' גייסט וואוינט אין דיר, ביזטו אַ קריסט; אָבער היות ווי ער וואוינט אין דיר אַלס צווייטער איך, ווען אפילו אַלס דיין אייגענטליכער אָדער „בעסערער" איך, בלייבט ער דיר יענערוועלטיג, און דו מוזט שטרעבען אינגאַנצען צו ווערן מענש. אַ שטרעבען, וואָס איז פונקט אַזוי פרוכטלאָז, ווי דאָס שטרעבען פון דעם קריסט צו ווערן אינגאַנצען אַ זעליגער גייסט!

איצטער, נאָכדעם ווי דער ליבעראַליזם האָט פּראָקלאַמירט דעם מענשען, קאָן מען עס אָפען אַרויסזאָגען, אַז דערמיט איז נאָר דורכגעפיהרט געוואָרן די לעצטע קאָנזעקווענץ פון דעם קריסטענ־טום, און אַז דאָס קריסטענטום האָט באמת זיך לכתחלה ניט געשטעלט קיין אַנדער אויפגאַבע ווי צו רעאַליזירען ד ע ם מ ע נ ־ ש ע ן, דעם „אמת'ן מענשען". דערפון קומט אַרויס די אילוזיע, אַז דאָס קריסטענטום שרייבט־צו אַן אונענדליכען ווערטה צו דעם א י ך (ווי צ. ב. ש. אין דער לעהרע פון אומשטערבליכקייט, אין דער זאָרג פאַר דער נשמה א. אַז. וו.). ניין, אָט דעם ווערטה טיילט ער אַיין נאָר „ד ע ם מ ע נ ש ע ן" אַליין. נאָר „דער מענש" איז אומשטערבליך, און נאָר ווייל איך בין אַ מענש, בין

איך אויך אונשטערבליך. אין פאקט האָט דאָס קריסטענטום געמוזט לערנען, אז קיינער געהט ניט פערלאָרן, פונקט ווי דער ליבעראליזם שטעלט אויך אלעמען גלייך אלס מענשען; אָבער יענע אייביג־קייט, פונקט ווי די גלייכהייט, איז נוגע נאָר דעם מענשען אין מיר, ניט מיך. נאָר אלס דער טרעגער און דער בעל אכסניה פון „מענשען“ שטארב איך ניט, א שטייגער ווי דער „קעניג שטארבט ניט“. לודוויג שטארבט, אָבער דער קעניג בלייבט; איך שטארב, אָבער מיין גייסט, דער „מענש“, בלייבט. כדי אינגאנצען צו אידענטיפיצירען מיך מיט דעם „מענשען“, האָט מען ערפונדען און אויפגעשטעלט די פאָדערונג, אז איך מוז ווערן א „ווירקליכער גאטונגס־וועזען“.*

די מענשליכע רעליגיאָן איז נאָר די לעצטע מעטאמאָרפאָזע פון דער קריסטליכער רעליגיאָן. וואָרים א רעליגיאָן איז דער ליבעראליזם דערפאר, וואָס ער טיילט אָב מיין וועזען פון מיר, און שטעלט איהם איבער מיר; ווייל ער דערהויבט „דעם מענ־שען“ אין דערזעלבער מאָס, ווי וועלכע עס איז אנדער רעליגיאָן דערהויבט איהר גאָט אָדער איהרע געצען; ווייל ער מאכט פון דאָס מייניגע עפּעס א יענערוועלטיגס, ווייל ער מאכט איבערהויפּט פון דאָס מייניגע, פון מיינע אייגענשאפטען און מיין אייגענטום, עפּעס א פרעמדס, נעמליך א „וועזען“; קורץ, ווייל ער שטעלט מיך אונטער דעם „מענשען“ און שאפט פאר מיר דורכדעם א „בערוף“. אָבער דער ליבעראליזם דערקלערט זיך אלס רעליגיאָן אויך לויט דער פאָרם נאָך, ווען ער פאָדערט פאר דעם דאָזיגען העכסטען וועזען, דעם מענשען, א גלויבענס־אייפער, „א גלויבען, וועלכער וועט ענדליך אויך בעווייזען אמאָל א פייערדיגען אייפער, אן אייפער, וואָס וועט ניט קאָנען בעזיעגט ווערן“. ** היות אָבער ווי דער ליבעראליזם איז א מענשליכע רעליגיאָן, פערהאלט זיך דער רבי פון דעם ליבעראליזם טאָלעראנט צו די רביים פון יעדער אנדער רעליגיאָן (קאטאָלישע, אידישע א. אז. וו.), פונקט ווי פריעדריך דער גרויסער האָט זיך פערהאלטען צו יעדען איינעם,

* צ. ב. ש. מארקס אין די „דייטש־פראנצויזישע יאָהר־ביכער“, ז. 197.

** ברונאָ בויער: „יודענפראגע“, ז. 61.

וואס האט ערפילט זיינע פליכטען אלס אונטערטאן, קיין חילוק צו וועלכער פארם פון זעליג־ווערן ער מעג ניט זיין געניינט. אט די רעליגיאן דארף איצט דערהויבען ווערן צו דער מדרגה פון אן אלגעמיין־אנגענומענער, און מוז אבגעזונדערט ווערן פון אלע איבעריגע, ווי פון בלויזע „פריוואט־נארישקייטען“, אנטקעגען וועלכע מען דארף איבעריגענס, מחמת זיי האבען קיין ממשות ניט, זיך פערהאלטען העכסט ליבעראל.

מען קאן זי אנרופען די שטאאטס־רעליגיאן, די רעליגיאן פון „פרייען שטאאט“, ניט אין דעם ביזאהעריגען זין, ווי איינע וואס איז בעפארצוגט אדער פריווילעגירט פון דעם שטאאט, נאר אלס די רעליגיאן, וועלכע דער „פרייער שטאאט“ איז ניט נאר בערעכטיגט, נאר גענויטיגט צו פאדערן פון יעדען איינעם, כיי ער איז פריוואטים א איד, א קריסט, אדער וואר־עס־איז. זי טהוט פאר דעם שטאאט פונקט דיזעלביגע דיענסטען, ווי די פיעטעט (די איבערגעבענקייט) פאר דער פאמיליע. כדי די פאמיליע זאל אין איהר בעשטאנד אנדערקענט און אויפגעהאלטען ווערן פון יעדען פון איהרע מיטגליעדער, מוז איהם די בלוט־פערבינדונג זיין הייליג, און זיין געפיהל פאר איהר מוז זיין א געפיהל פון פיעטעט און רעספעקט צו דעם בלוט־באנד, דורך וועלכען יעדער בלוט־פערוואנדטער ווערט פאר איהם א געהייליגטע פערזאן. אזוי אויך מוז פאר יעדען גליעד פון דער שטאאט־געמיינדע די דאזיגע געמיינדע זיין הייליג, און דער בעגריף, וועלכער איז דער העכסטער פאר'ן שטאאט, מוז אויפ'ן זעלביגען אופן זיין אויך דער העכסטער פאר איהם.

וועלכער בעגריף איז אבער דער העכסטער פאר'ן שטאאט? גאנץ געוויס דער בעגריף צו זיין א ווירקליך־מענשליכע געזעל־שאפט, א געזעלשאפט, אין וועלכער יעדערער, וואס איז ווירקליך א מענש, ד. ה. ניט קיין אונמענש, זאל קאנען בעקומען אן אויפנאהמע אלס מיטגליעד. די טאלעראנץ פון א שטאאט מעג געהן ווער ווייסט ווי ווייט, אבער אנטקעגען אן אונמענשען און אנטקעגען דאס אונמענשליכע הערט זי אויף. און דאך איז אט דער „אונמענש“ א מענש, דאך איז דאס אונמענשליכע גופא עטוואס מענשליכעס, יא, עפעס וואס איז מעגליך נאר אין א מענשען, ניט אין קיין חיה, ד. ה. עס איז עטוואס „מענשען־מעגליכעס“. אבער

הגם יעדער אונמענש איז א מענש, דאך שליסט איהם דער שטאאט אויס, ד. ה. ער זעצט איהם אריין (אין תפיסה), אדער פערוואנדעלט איהם פון א שטאאט־חבר אין א געפענגנים־חבר (לויט דעם קאמוניזם — אין א משוגעים־הויז־ אדער קראנקען־הויז־גענאסע).

צו זאגען אין טרוקענע ווערטער, וואס אן אונמענש איז, איז ניט בעזונדערס שווער: דאס איז א מענש, וואס ענטשפּרעכט ניט דעם בעגריף „מענש“, אקוראט ווי דאס אונמענשליכע איז א מענשליכעס, וואס שטימט ניט מיט דעם בעגריף פון מענשליכעם. די לאגיק רופט דאס אן „אורטייל, וואס ווידערשפּרעכט זיך אליין“. וואלט מען געמעגט ארויסזאגען אזא אורטייל, אז איינער קאן זיין א מענש, ניט זייענדיג קיין מענש, אויב מען וואלט ניט געהאלטען פון דער היפּאטעזע, אז דער בעגריף פון מענשען קאן זיין אבגעזונדערט פון זיין עקזיסטענץ, אז דאס וועזען קאן זיין אבגעזונדערט פון דער ערשיינונג? מען זאגט: דער און דער ערשיינט אפילו אלס מענש, ער איז אבער ניט קיין מענש.

אט דעם „זעלבסט־ווידערשפּרעכענדען אורטייל“ האבען די מענשען ארויסגעגעבען א לאנגע רייה פון יאהרהונדערטען נאכאנאנד! יא, נאך מעהר ווי דאס, אין אט דער לאנגער צייט זיינען נאר געווען — אונמענשען. וועלכער איינצעלנער האט נעקאנט האבען ענטשפּראכען זיין בעגריף? דאס קריסטענטום קען נאר איין מענשען, און אט דער איינער — קריסטוס — איז אין דערזעלבינגער צייט אן אונמענש אין פערקעהרטען זין, ד. ה. אן איבערמענשליכער מענש, א „גאט“. א ווירקליכער מענש איז נאר — דער אונמענש.

מענשען, וואס זיינען קיין מענשען ניט — וואס קאנען זיי זיין אנדערש ווי געשפּענסטער? יעדער ווירקליכער מענש, ווייל ער ענטשפּרעכט ניט דעם בעגריף „מענש“, אדער ווייל ער איז ניט קיין „גאטונגס־מענש“, איז א רוח. בלייב איך דען אבער אן אונמענש אפילו דאן, ווען איך ברענג ארונטער דעם מענשען (וועלכער איז געשטאנען איבער מיך און איז פאר מיר געבליבען א יענערוועלטינגער, אלס מיין אידעאל, מיין אויפגאבע, מיין וועזען אדער בעגריף) צו מיינער אן אייגענשאפט, וואס איז מיר אייגען און מיטגעבארען, אזוי אז דער מענש איז מעהר גארנישט אויסער מיין מענשליכקייט, מיין מענשליכע עקזיסטענץ, און אלץ

וואס איך טהו איז טאקע דריבער מענשליך, ווייל א י ך טהו עס, אבער ניט דריבער ווייל עס ענטשפרעכט דעם בעגריף „מענש“? איך בין ווירקליך דער מענש און אונמענש אינאיינעם; ווארים איך בין מענש און בין צוגלייך מעהר איידער מענש, ד. ה. איך בין דער „איך“ פון אט דער בלויזער אייגענשאפט מיינער.

עס האט געמוזט ענדליך קומען דערצו, אז מען האט אונז ניט מעהר אויפגעפאדערט צו זיין בלויז קריסטען, נאר צו ווערן מענשען. ווארים הגם מיר האבען אפילו קיין קריסטען קיינמאל ווירקליך ניט געקאנט ווערן, נאר מיר זיינען אייביג געבליבען „ארימע בעלי־עבירות“ (דער קריסט איז אויך געווען א ניט־דערגרייכבארער אידעאל), האך איז דער ווידערשפרוך פון דעם ניט געקומען אזוי קלאר פאר'ן בעוואוסטזיין, און די אילוזיע איז געווען לייכטער איידער איצטער, ווען אונז, וואס מיר זיינען מענשען און האנדלען מענשליך — און קאנען גאר ניט אנדערש זיין און אנדערש האנדלען — ווען אונז ווערט געשטעלט די פאדערונג: מיר זאלען זיין מענשען, „ווירקליכע מענשען“.

אונזערע היינטיגע שטאאטען, אזוי ווי עס קלעפט זיך נאך צו זיי פון זייער קירכליכער מוטער אלערהאנד זאכען, לעגען ארויף אויף זייערע אנגעהעריגע פערשיידענע פערפליכטונגען (צ. ב. ש. קירכליכע רעליגיעזיטעט), וועלכע געהען זיי, די שטאאטען, אייגענטליך גארנישט אן; אבער דאך, אין כלל גענומען, פערלייקענען זיי זייער בעדייטונג ניט, ווארים זיי ווילען מען זאל זיי בעטראכטען פאר מ ע נ ש ל י כ ע ג ע ז ע ל ש א פ ט ע ן, אין וועלכע דער מענש קאן זיין א מיטגליעד אלס מענש, ווען ער איז אפילו ווניגער פריווילעגירט איידער אנדערע מיטגליעדער. די מייסטע שטאאטען לאזען־צו אנהענגער פון יעדער רעליגיעזער סעקטע און נעהמען־אויף מענשען אהן אונטערשייד פון ראסע און נאציאן: אידען, טערקען, מאהרען א. אז. וו. קאנען ווערן פראנצויזישע בירגער. דער שטאאט, הייסט עס, ביים אויפנעהמען א בירגער קוקט נאר צי ער איז א מ ע נ ש. די קירך, אלס א געזעלשאפט פון גלויביגע, האט ניט געקאנט אויפנעהמען אין איהר שויס יעדען מענשען; דער שטאאט אלס א געזעלשאפט פון מענשען קאן עס יא. ווען אבער דער שטאאט האט אינגאנצען דורכגעפיהרט זיין פרינציפ, — ניט משער צו זיין אין זיינע אנגעהעריגע מעהר גארנישט, אחוץ

אז זיי זיינען מענשען (ביז איצט זיינען אפילו די נארד־אמעריקאנער שטאאטען משער אין זייערע אנגעהעריגע, אז זיי האבען רעליגיאן, וועניגסטענס די רעליגיאן פון עהרליכקייט און רעספעקטאביליטעט), דאן האט ער זיך אליין אויסגעגראבען זיין קבר. בעת ער שטעלט זיך פאר, אז ער בעזיצט אין זיינע בירגער לויטער מענשען, זיינען זיי דערווייל געווארן לויטער עגאיסטען, און יעדערער פון זיי בענוצט איהם, דעם שטאאט, לויט זיינע עגאיסטישע קרעפטען און צוועקען. קומענדיג אין קאנפליקט מיט די עגאיסטען, גערהט די „מענשליכע געזעלשאפט" צו־גרונד; ווארים זיי בעציהען זיך ניט מעהר איינע צו די אנדערע אלס מענשען, נאר זיי טרע־טען ארויס ווי א איך אנטקעגען א „דו" און אן „איהר", וואס זיינען אינגאנצען פערשיידען פון מיר און געגנעריש צו מיר.

ווען דער שטאאט מוז רעכענען אויף אונזער מענשליכקייט, איז עס דאסזעלבע ווי מען וואלט זאגען: ער מוז רעכענען אויף אונזער מאראליטעט. זעהן איינער אין דעם אנדערן דעם מענשען און האנדלען איינער געגענאיבער דעם אנדערן ווי מענשען, דאס רופט מען אן א מאראלישע אויפפיהרונג. דאס איז אויפ'ן האר דיזעלביגע זאך ווי די „גייסטיגע ליעבע" פון קריסטענ־טום. אויב איך זעה אין דיר דעם מענשען, ווי איך זעה דעם מענ־שען, און מעהר גארנישט ווי דעם מענשען, אין מיר, דאן זארג איך פאר דיר אקוראט ווי איך וואלט זארגען פאר מיר, ווארים מיר ביידע שטעלען דאך פאר נישט מעהר ווי דעם מאטעמאטישען זאץ: ווען „א" איז גלייך צו „ג" און „ב" איז גלייך צו „ג", איז פאלגליך „א" גלייך צו „ב"; ד. ה. איך בין מעהר גארנישט ווי א מענש און דו ביזט מעהר גארנישט ווי א מענש, פאלגליך זיינען איך און דו דאס זעלביגע. די מאראל פערטראגט זיך ניט מיט דעם עגאיזם, ווייל זי לאזט ניט מיך גילטען, נאר דעם מענשען אין מיר. אויב אבער דער שטאאט איז א געזעלשאפט פון מענשען, ניט א פעראיין פון „איך'ן", וואס יעדער איינער האט זיך אין אויג, דאן קאן ער זיך אהן דער מאראל ניט האלטען און מוז בעשטעהן אויף דער מאראל.

דעריבער זיינען מיר ביידע, דער שטאאט און איך, שונאים. מיר, דעם עגאיסט, ליעגט ניט דאס וואוילזיין פון דער „מענשלי־כער געזעלשאפט" אם הארצען; איך אפפער איהר גארנישט, איך

בענוץ זי נאָר. כדי אָבער זי צו קאָנען פאָלשטענדיג בענוצען, פערוואַנדעל איך זי בעסער אין מיין אייגענטום און אין מיינעם א געשאַף, ד. ה. איך פערניכט זי און בוי אויף איהר אָרט דעם פ ע ר־ א י י ן פ ו ן ע ג א י ס ט ע ן.

אַזוי אויך ווייזט דער שטאַאַט ארויס זיין פיינדשאַפט צו מיר, דורכדעם וואָס ער פאָדערט איך זאָל זיין א מענש — א פאָדערונג, וואָס לאָזט־צו די השערה, אז איך קאָן אויך ניט זיין א מענש און קאָן פאר איהם גילטען ווי אן „אונמענש": דאָס זיין א מענש לעגט ער אויף מיר ארויף ווי א פ ל י כ ט. ווייטער פערלאַנגט ער, איך זאָל נישט טהאָן קיין זאַך, אויף וואָס ע ר קאָן זיך ניט האַל־ טען; ז י י ן ק י ו ם, הייסט עס, דארף פאר מיר זיין הייליג. דאן טאָר איך ניט זיין קיין עגאָיסט, נאָר א „רעספּעקטאַבעלער איש תמים", ד. ה. א מאָראלישער מענש. קורץ, לגבי איהם און זיין קיום מוז איך זיין פול מיט רעספּעקט און ניט האָבען קיין מאַכט — און אזוי ווייטער.

אָט אזא שטאַאַט, וואָס עקזיסטירט נאָך באמת ניט, נאָר דארף ערשט בעשאַפען ווערן, איז דער אידעאל פון דעם אָנקומענדען ליבעראַליזם. עס דארף ענטשטעהן א וואָהרהאַפטיגע „מענשען־ געזעלשאַפט", אין וועלכער יעדער „מענש" געפינט א פּלאַץ. דער ליבעראַליזם וויל רעאַליזירען „דעם מענשען", ד. ה. שאַפען איהם א וועלט, און דאָס וועט זיין די מ ע נ ש ל י כ ע וועלט, אָדער די אַלגעמיינע (קאָמוניסטישע) מענשען־געזעלשאַפט. מען האָט געזאָגט: „די קירך האָט נאָר דעם גייסט געקאָנט נעהמען אין בעטראַכט, דער שטאַאַט דארף דעם גאַנצען מענשען נעהמען אין בעטראַכט. * אָבער איז דען „דער מענש" ניט „גייסט"? דער קערן פון שטאַאַט איז דאָך „דער מענש", די דאָזיגע אונווירקליכ־ קייט, און ער, דער שטאַאַט, גופא איז דאָך נאָר א „מענשען־ געזעלשאַפט". די וועלט, וואָס דער גלויביגער (גלויביגער גייסט) שאַפט, הייסט קירך, די וועלט, וואָס דער מענש (מענשליכער אָדער הומאַנער גייסט) שאַפט, הייסט שטאַאַט. דאָס איז אָבער ניט מ י י ן וועלט. איך טהו קיינמאָל נישט עטוואָס מ ע נ ש ל י־ כ ע ס אין אבסטראַקט, נאָר אַלעמאָל א י י ג ע נ ע ס, ד. ה.

* העסס, „טריאַרכיע", ז. 76.

מ י י ן מענשליכע טהאט איז פערשיידען פון יעדער אנדערער מענשליכער טהאט, און נאר דורך אט דער פערשיידענהייט איז זי א ווירקליכע טהאט, וואס געהערט צו מיר. דאס מענשליכע אין איהר איז אן אבסטראקציע, און אלס אזוינס — גייסט, ד. ה. אן אבסטראהירטעס וועזען.

ברונא בויער מאכט די בעהויפּטונג (צ. ב. ש. אין „יורענ־שטאאט“, ז. 84), אז די ווארהייט פון דער קריטיק איז די לעצטע, פאקטיש פון קריסטענטום גופא געזוכטע, ווארהייט — נעמליך „דער מענש“. ער זאגט: „די געשיכטע פון דער קריסטליכער וועלט איז די געשיכטע פון דעם העכסטען ווארהייטס־קאמף, ווארים אין איהר — און נאר אין איהר! — האנדעלט זיך מכח דער ענט־דעקונג פון דער לעצטער אדער דער ערשטער ווארהייט — פון דעם מענשען און דער פרייהייט“.

זעהר גוט, לאמיר אננעהמען אט די מציאה, און לאמיר נעהמען ד ע ם מ ע נ ש ע ן אלס דעם ענדליך־געפונענעם רעזול־טאט פון דער קריסטליכער געשיכטע און בכלל פון דעם רעליגיעזען אדער אידעאלען שטרעבען פון מענשען. ווער איז, אלזא, דער מענש? א י ך בין עס! ד ע ר מענש, דאס ענדציעל און רעזול־טאט פון קריסטענטום איז אלס א י ך דער אנהויב און רויה־מאטעריאל פון דער נייער געשיכטע, א געשיכטע פון גענוס נאך דער געשיכטע פון אויפאפּפערונגען, א געשיכטע ניט פון דעם מענשען אדער פון דער מענשהייט, נאר — פ ו ן מ י ר. דער מענש גילט אלס דאס אלגעמיינע. גוט, איך און דאס עגאיסטישע זיינען דאס ווירקליך־אלגעמיינע, היות ווי יעדערער איז אן עגאיסט און איז פאר זיך פון דער העכסטער וויכטיגקייט. דאס אידישע איז ניט קיין ריין־עגאיסטישע, ווייל דער איד איז זיך מקריב צו יהוה, דאס קריסטליכע איז עס ניט, ווייל דער קריסט לעבט פון גאט'ס גנאד און אונטערווארפט ז י ך צו איהם. אלס איד ווי אלס קריסט בעפריעדיגט א מענש נאר געוויסע בעדערפעניסען זיינע, נאר איין געוויסע בעדערפעניש, ניט ז י ך: עס איז א ה א ל ב ע ר עגאיזם, ווייל עס איז אן עגאיזם פון א האלבען מענשען, פון איינעם וואס איז האלב ער, האלב איד, אדער האלב זיין אייגענטימער, האלב א שקלאף. דעריבער אויך שליסען זיך אויס דער איד און דער קריסט איינע די אנדערע אלעמאל אויף

העלפט, ד. ה. אַלס מענשען דערקענען זיי זיך אָן, אַלס שקלאַפען שליסען זיי זיך אויס, ווייל זיי זיינען קנעכט פון צוויי פערשיידענע הערען. ווען זיי וואָלטען געקאָנט זיין פאָלקאָמענע עגאָיסטען, וואָלטען זיי זיך אינגאַנצען אויסגעשלאָסען און דעסטאָ פעסטער זיך געהאַלטען צוזאַמען. זייער שאַנדע איז ניט, וואָס זיי שליסען זיך אויס איינע די אַנדערע, נאָר וואָס דאָס פּאַסירט נאָר אַנוֹה האַלב. ברונאָ בויער, פערקעהרט, מיינט, אַז אידען און קריסטען קאָנען ערשט דאַן בעטראַכטען און בעהאַנדלען איינע די אַנדערע אַלס „מענשען“, ווען זיי גיבען אויף דאָס בעזונדערע וועזען, וואָס טיילט זיי פונאַנדער און פערפליכטעט זיי צו זיין אייביג אָבגעזונדערט, ווען זיי אָנדערקענען דאָס אַלגעמיינע וועזען פון „מענשען“ און בעטראַכטען עס אַלס זייער „אמת וועזען“.

לויט זיין פאָרשטעלונג ליעגט דער פעהלער פון די אידען ווי פון די קריסטען אין דעריין, וואָס זיי ווילען זיין און האָבען עטוואָס „אָבגעזונדערטעס“, אַנשטאָט צו זיין נאָר מענשען און שטרעבען נאָר נאָך מענשליכעס, נאָך די „אַלגעמיינע מענשענרעכט“. ער מיינט, אַז זייער גרונד־טעות בעשטעהט אין דעם גלויבען, אַז זיי זיינען „פּריווילעגירט“, בעזיצען „פאָררעכטען“, און בכלל אין דעם גלויבען אין פ אָ ר ר ע כ ט. אין געגענזאַץ צו דעם האַלט ער זיי פאָר דאָס אַלגעמיינע מענשענרעכט. יאָ, דאָס מענשענרעכט! —

ד ע ר מענש איז ד ע ר מ ע נ ש ב כ ל ל און אין דעם זין יעדערער, ווער עס איז אַ מענש. בכן דאַרף יעדערער האָבען די אייביגע מענשענרעכט, און זיי געניסען, לויט דער מיינונג פון די קאָמוניסטען אין דער פאָלקאָמענער „דעמאָקראַטיע“, אָדער ווי דאָס דאַרף ריכטיג הייסען — אַנטראָפּאָ־קראַטיע. אָבער נאָר א י ך האָב אַלץ, וואָס איך — שאַף זיך איין; אַלס מענש האָב איך גאָרנישט. מען וואָלט יעדען מענשען לאָזען האָבען אַל דאָס גוטס, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט דעם טיטול „מענש“. איך אָבער שטעל דעם טראָפּ אויף מ י ר, ניט דערויף, וואָס איך בין מ ע נ ש.

דער מענש איז עפּעס נאָר אַלס מ י י ן א י י ג ע נ ש אַ פ ט (אייגענטום), אַזוי ווי די מענליכקייט אָדער ווייבליכקייט. די אַמאָליגע האָבען עס געהאַלטען פאַר אַן אידעאַל צו זיין אין פולען זין אַ מאַן; זייער טוגענד איז „ו ו י ר ט ו ס“ און „אַ ר ע ט ע“,

ד. ה. מענליכקייט. וואָס דאַרף מען דענקען ווענען אַ ווייב, וואָס וואָלט געוואָלט זיין נאָר אַ פאָלקאָמענע „ווייב“? דאָס גיט זיך ניט יעדערער איין, און איינינע וואָלטען דערמיט זיך געשטעלט אַן אונדערגרייכבארען ציעל. ווייבליך אָבער איז זי יעדענפאלס, פון נאטור; די ווייבליכקייט איז איהר אייגענשאפט, און קיין „עכטע ווייבליכקייט“ דארף זי ניט. איך בין אַ מענש, פונקט אזוי ווי די ערד איז אַ שטערן. פונקט ווי עס וואָלט געווען לעכערליך צו שטעלען דער ערד די אויפגאבע, זי זאָל זיין אַ „ריכטיגער שטערן“, אזוי איז לעכערליך אָנצוהענגען אויף מיר דעם בערוף, צו זיין אַ „ריכטיגער מענש“.

ווען פיכטע זאָגט: „דער איך איז אַלץ“, האַרמאָנירט עס, דאכט זיך, פאָלקאָם מיט מיינע בעהויפּטונגען. אָבער ניט דער איך איז אַלץ, נאָר דער איך צערשטערט אַלץ, און נאָר דער זיך גופא־אויפלייזענדער איך, דער קיינמאָל ניט־זייענדער איך, דער — ענדליכער איך איז ווירקליך איך.* פיכטע רעדט פון דעם „אבסאָלוטען“ איך, איך אָבער רעד פון מיר, דעם פערגענג־ליכען איך.

ווי נאטירליך איז, דאכט זיך, די השערה, אז מענש און איך בעטייטען דאָסזעלבע, און דאָך זעהט מען צ. ב. ש. ביי פייערבאך, אז דער אויסדרוק „מענש“ דארף בעצייכענען דעם אבסאָלוטען איך, דעם מין, ניט דעם פערגענגליכען, איינצעלנעם איך. עגאָיזם און מענשליכקייט (הומאניטעט) האָבען געדארפט בעטייטען די אייגענע זאך, אָבער נאָך פייערבאך'ן נאָך קאָן דער איינצעלנער (דאָס אינדיווידום) „זיך דערהויבען נאָר איבער די גרעניצען פון זיין אינדיווידואליטעט, אָבער ניט איבער די געזעצען, די פּאָזיטיווע וועזען־בעשטימונגען פון זיין מין“**. אָבער דער מין איז גאָרנישט, און ווען דער איינצעלנער הויבט זיך אויף איבער די גרעניצען פון זיין אינדיווידואליטעט, דאַן הייסט עס אקוראַט ער זעלבסט אַלס איינצעלנער; ער עקזיסטירט נאָר אין דעם, וואָס ער דערהויבט זיך, ער עקזיסטירט נאָר אין דעם, וואָס ער בלייבט

* „ניט זייענדער“ מיינט, וואָס האָט ניט קיין אייביגען קיום; „ענדליכער“ מיינט, וואָס האָט אַן ענד, וואָס איז ניט אונענדליך. — איב.

** „וועזען דעם קריסטענטום“, צווייטע אויפלאַגע, ז. 401.

ניט וואָס ער איז; ווען ניט דאָס, וואָלט ער געווען א פּארטיגער, טויט. דער מענש (אין כּלל) איז נאָר אן אידעאַל; דער מין איז נאָר א געדאַנק־זאַך. אַ מענש זיין הייסט ניט דערפילען דעם אידעאַל פון דעם מענשען (אין כּלל), נאָר פאָרשטעלען זיך, דעם איינצעלנעם. מיין אויפגאַבע דאַרף ניט זיין ווי אזוי איך רעאַליזיר דאָס אַלגעמיין־מענשליכע, נאָר ווי אזוי איך שטעל זיך אַליין צופריעדען. איך בין מיין מין, איך בין אָהן נאָרמען, אָהן געזעצען, אָהן אַ מוסטער א. ד. ג. מעגליך, אַז איך קאָן זעהר ווייניג מאַכען פון זיך; אָבער אָט דאָס ווייניגע איז אַלעס, און עס איז בעסער איידער דאָס, וואָס איך לאָז פון זיך מאַכען דורך דער מאַכט פון אַנדערע, דורך דער ערציהונג פון מנהג, רעליגיאָן, געזעץ, שטאַאַט א. אַ. וו. עס איז בעסער — אויב מען זאָל שוין רעדען וועגען בעסער — צו זיין א צולאָזען קינד איידער קלוג ניט נאָך די יאָהרען, בעסער אַן איינגעשפּאַרטער, איידער א מענש, וואָס גיט נאָך אין אַלץ. דער צולאָזענער און דער איינגע־שפּאַרטער געפינען זיך נאָך אויפ׳ן וועג אויסצובילדען זיך נאָך זייער אייגענעם ווילען; דער קלוגער ניט־נאָך די יאָהרען און דער נאָכגעביגער ווערן בעשטימט דורך דעם „מין", דורך די אַלגעמיינע פאָדערונגען א. אַז. וו. — דער מין איז פאַר זיי געזעץ. יעדער פון זיי ווערט דורכדעם בעשטימט: וואָרים וואָס אַנדערש איז איהם דער מין אחוץ זיין „בעשטימונג", זיין „בערוף"? צי איך קוק אויף דער „מענשהייט", דעם מין, כּדי צו שטרעבען צו דעם אידעאַל, צי אויף גאָט און קריסטוס מיט דעמזעלבען שטרעבען — ווי קאָן דעריין זיין א וועזענטליכער חילוק? העכסטענס איז דאָס ערשטע מעהר קאָלירלאָז איידער דאָס אַנדערע. ווי דער איינצעלנער איז די גאַנצע נאַטור, אזוי איז ער אויך דער גאַנצער מין.

אַלץ וואָס איך טהו, דענק א. אַז. וו. — קורץ, מיין אויסדרוק און מיין ענטפּלעקונג — איז גאַנץ געוויס בעדינגט דורך דאָס, וואָס איך בין. דער איד צ. ב. ש. קאָן נאָר אזוי און אזוי וועלען, קאָן נאָר אזוי „זיך אַרויסגעבען"; דער קריסט קאָן זיך נאָר קריסט־ליך אַרויסגעבען און ענטפּלעקען א. אַז. וו. ווען עס וואָלט מעגליך געווען, אַז דו זאָלסט קאָנען זיין נאָר א איד אָדער א קריסט, וואָלסטו געוויס אַרויסגעבראַכט נאָר אידישעס אָדער קריסטליכעס; עס איז אָבער ניט מעגליך: אין דיין שטרענגסטען אייפּפיהר

בלייבסטו דאָך אַן עגאָיסט, א בעל עבירה אנטקעגען יענעם בעגריף, ד. ה. דו ביזט ניט—איד. איז אזוי ווי דאָס עגאָיסטישע זעהט זיך אַלעמאָל דורך, האָט מען געזוכט א פאָלקאָמענעם בעגריף, וואָס זאָל ווירקליך איינגאנצען אויסדריקען וואָס דו ביזט — אזא בעגריף, וואָס היות ער איז דיין אמת'ע נאטור, זאָל ענטהאַלטען אַלע געזעצען פון דיין טהעטיגקייט. דאָס פאָלקאָמענסטע פון דער ארט האָט מען געגרייכט אין דעם „מענשען". אַלס איד ביזטו צו־ווענינ און דאָס אידישע איז ניט דיין אויפגאבע; זיין א גריעך, א דייטש איז ניט גענוג. אָבער זיי א — מענש, דאן ביזטו אַלעס; דאָס מענשליכע זאָלסטו בעטראַכטען אַלס דיין בערוף.

איצטער ווייס איך, וואָס איך האָב צו טהאָן, און דער נייער קאטעכיזם קאָן שוין פערפאַסט ווערן. דער סוביעקט ווערט ווידער אונטערוואָרפען צום פּרעדיקאַט, דער איינצעלנער צו אַן אַלגעמיי־נעם; די הערשאַפט איז ווידער געזיכערט צו א א י ד ע ע און דער פונדאַמענט איז געלעגט פאַר א נייער ר ע ל י ג י א ן. דאָס איז א טריט פאָרווערטס אויפ'ן רעליגיעזען, און ספּעציעל אויפ'ן קריסטליכען געביט, קיין טריט ניט ווייטער איבער דעם.

דער טריט איבער דעם ארויס פיהרט צו עפּעס, וואָס ל אָ ז ט זיך ניט ארויסזאָגען. די אָרימע שפּראַך האָט פאַר מיר קיין וואָרט ניט, און „דאָס וואָרט", דער לאָגאָס, איז פאַר מיר א „פּשוט וואָרט".

מען זוכט מיין וועזען. אויב עס איז ניט דער איד, דער דייטש א. אז. וו., מוז עס דאָך זיין — דער מענש. „דער מענש איז מיין וועזען".

איך בין מיר צו־ווידער און אָבשטויסענד; מיר גרוילט און עקעלט פאַר מיר, איך בין פאַר מיר אַליין א גרויל, אָדער איך בין קיינמאָל ניט גענוג פאַר מיר אַליין און טהו קיינמאָל ניט פאַר מיר גענוג. פון אזוינע געפיהלען שטאַמט די זעלבסט־אויפלייזונג אָדער די זעלבסט־קריטיק. די רעליגיעזיטעט באַנגט אָן מיט דער זעלבסט־פערלייקענונג און שליסט מיט דער אָבגעענדיגטער קריטיק.

איך בין געבאַפּט און וויל לויז ווערן פון דעם שלעכטען גייסט. ווי זאָל איך עס אָנהויבען? איך בעגעה אָהן מורא די זינד, וועלכע דער קריסט האַלט פאַר דער גרעסטער, די זינד און די לעסטערונג אנטקעגען דעם הייליגען גייסט. „ווער עס לעסטערט דעם הייליגען

גייסט, דער האָט אייביג קיין פערגעבונג ניט, נאָר איז שולדיג פאר דעם אייביגען געריכט"*. איך וויל ניט קיין פערגעבונג און האָב קיין מורא ניט פאר דעם אייביגען געריכט.

דער מענש איז דער לעצטער שלעכטער גייסט אָדער רוח, דער העכסט פערפיהרערישער אָדער פערטרויטעסטער, דער שלויעס־טער ליגנער מיט אַן עהרליכער מיענע, דער פאָטער פון ליגענס.

דערמיט וואָס דער עגאָיסט שטעלט זיך אנטקעגען די פאָדע־רונגען און בעגריפען פון דער געגענוואַרט, פיהרט ער אונדער־בארמליך דורך די טיעפסטע — ע נ ט ה י י ל י ג ו נ ג. קיין זאַך איז פאר איהם ניט הייליג!

עס וואָלט געווען נאריש צו בעהויפטען, אז עס איז גאָר ניטאָ קיין מאכט איבער מיינע. נאָר וואָס דען? מיין שטעלונג קעגענ־איבער דער דאָזיגער מאכט וועט זיין דורכאויס אַנאַנדערע, איידער די שטעלונג איז געווען אין דעם רעליגיעזען צייטאַלטער: איך וועל זיין דער פ י י נ ד פון יעדער העכערער מאכט, בעת די רעליגיאָן לערנט אונז צו האַלטען די העכערע מאכט פאר אונזער פריינד און צו בעגעהן זיך עניוות'דיג קעגען איהר.

דער ע נ ט ה י י ל י ג ע ר שטרענגט אָן זיין כח אנטקעגען יעדער ג אָ ט ס פ אָ ר כ ט י ג ק י י ט, וואָרים די גאָטספאָרכטיג־קייט וואָלט בעשטימען זיין פיהרונג אין אַלץ, וואָס ער וואָלט לאָזען בעשטעהן אַלס הייליג. סיי דער גאָט, סיי דער מענש איבט אויס די הייליגע מאכט אין דעם גאָט־מענשען — סיי, הייסט עס, עטוואָס ווערט געהאַלטען הייליג פון גאָט'ס וועגען, סיי פון מענשענ'ס וועגען (הומאַניטעט), — דאָס ענדערט ניט די גאָטספאָרכטיגקייט. וואָרים דער מענש ווערט פונקט אזוי גוט פערעהרט אַלס „דאָס העכסטע וועזען", ווי דער גאָט, אויף דעם ספעציעל רעליגיעזען שטאנדפונקט, פערלאַנגט אַלס העכסטעס וועזען אונזער פאָרכט און עהרפאָרכט, אוןביידע אימפאָנירען אונז.

די גאָטספאָרכטיגקייט אין אייגענטליכען זין האָט שוין לאַנג געקראָגען א שטארקען קלאַפּ, און אַ מעהר אָדער וועניגער בעוואוסט־זיניגער „אַטעאיזם", וואָס לאָזט זיך אויסערליך דערקענען דורך אַ ווייט־פערשפרייטער „אונקירכליכקייט", איז ניט־ווילענדיג געוואָרן

* מאַרק, 3, 29.

די מאָדע. אָבער וואָס מען האָט אָבגענומען פון גאָט, האָט מען צוגעלעגט צום מענשען, און די מאַכט פון הומאַניטעט האָט זיך פערגרעסערט אין דעמזעלבען גראַד, אויף וויפיעל די פרומקייט האָט פערלאָרען אין געוויכט: „דער מענש" איז דער היינטיגער גאָט, און אויפ'ן אָרט פון דער אַלטער גאָטספאָרכטיגקייט איז אריינגעטרעטען די מענשענפאָרכטיגקייט.

אָבער אזוי ווי דער מענש שטעלט נאָר פאָר אַנאַנדער העכסטען וועזען, איז פאַקטיש מעהר ווי א מעטאמאָרפאָזע אין דעם העכסטען וועזען ניט פאָרגעקומען, און די מענשענפאָרכטיגקייט איז נישט מעהר ווי א פערענדערטע געשטאַלט פון דער גאָטספאָרכטיגקייט.

אונזערע אטעאיסטען זיינען פרומע לייט.

אויב אין די אזוי גערופענע פעאָדאַלע צייטען האָבען מיר יעדע זאַך געהאַלטען אין א לעהן־אָבמאַך פון גאָט, געפינט זיך איצטער אין דער ליבעראַלער פעריאָדע דיזעלביגע לעהן־פערהעלטנים מיט דעם מענשען. גאָט איז געוועזן דער האַרר, איצט איז דער מענש דער האַרר; גאָט איז געוועזן דער פערמיטלער, איצט איז דאָס דער מענש; גאָט איז געוועזן דער גייסט, איצט איז דאָס דער מענש. אין אָט דער דרייפאַכער בעציהונג האָט די פעאָדאַלע פער־העלטנים דורכגעמאַכט אַן אומגעשטאַלטונג. ערשטענס האַלטען מיר איצט אין א לעהן־אָבמאַך פון דעם אַלמעכטיגען מענשען אונזער מ א כ ט, וועלכע הייסט ניט, אזוי ווי זי קומט פון א העכערן, מאַכט אָדער געוואַלט, נאָר „רעכט": דאָס „מענשענרעכט". צווייטענס האַלטען מיר אין א לעהן־אָבמאַך פון איהם אונזער וועלט־שטעלונג, וואָרים ער, דער פערמיטלער, פערמיטעלט אונזער פ ע ר־ק ע ה ר מיט אַנדערע, וועלכער מוז דעריבער ניט זיין אַנדערש איידער „מענשליך". לעצטענס האַלטען מיר אין א לעהן־אָבמאַך פון איהם ז י ך א ל י י ן, ד. ה. אונזער אייגענעם ווערטה אָדער אַלץ וואָס מיר זיינען ווערטה, וואָרים מיר זיינען דאָך גאָרנישט ווערטה, ווען ע ר וואוינט ניט אין אונז און וואו אָדער ווען מיר זיינען ניט „מענשליך". די מאַכט איז דעם מענשען'ס, די וועלט איז דעם מענשען'ס, איך בין דעם מענשען'ס.

ווי איז אָבער, ווען מיר איז ניט פערוועהרט צו דערקלערן ז י ך אַלס דער בערעכטיגער, דער פערמיטלער און דער אייגענער איך? דאַן קלינגט עס אָט אזוי:

מיין מאַכט א י ז מיין אייגענטום.
מיין מאַכט ג י ט מיר אייגענטום.
מיין מאַכט ב י ן איך אַליין און בין דורך איהר מיין אייגענטום.

## 1. מיין מאַכט.

דאָס רעכט איז דער גייסט פון דער געזעלשאַפט. אויב די געזעלשאַפט האָט אַ ווילען, איז אָט דער ווילען טאַקע דאָס רעכט: זי עקזיסטירט נאָר דורך דאָס רעכט. היות אָבער ווי זי האָט אַ קיום נאָר דורכדעם, וואָס זי איבט אויס אַ הערשאַפט איבער די איינצעלנע, איז דאָס רעכט איהר הערשער־ווילען. אַריסטאָטעל זאָגט, גערעכטיגקייט איז דער נוצען פון דער געזעלשאַפט.

יעדעס עקזיסטירענדע רעכט איז — פרעמדעס רעכט, איז אַ רעכט, וואָס מען „גיט" מיר, מען „טהוט מיר מיין רעכט". וואָלט איך דען אָבער דעריבער געהאַט רעכט, ווען אפילו די גאַנצע וועלט וואָלט מיר געגעבען רעכט? און דאָך, וואָס איז דאָס רעכט, וואָס איך בעקום אין דעם שטאַאַט, אין דער געזעלשאַפט, אויב ניט אַ רעכט פון פרעמדע? ווען אַ נאַר גיט מיר רעכט, האָב איך קנאַפּ־וואָס צוטרויען צו מיין רעכט; איך בין איהם מוחל זיין רעכט־געבען. אָבער אפילו ווען אַ קלוגער גיט מיר רעכט, מאַכט מיר דאָס נאָך אַלץ ניט גערעכט. צי א י ך האָב רעכט, איז אינגאַנצען אָבהענגיג פון דעם רעכטגעבען פון דעם נאַרען, ווי פון דעם קלוגען.

פונדעסטוועגען האָבען מיר ביז איצטער געגלויבט צו האָבען אַזאַ רעכט. מיר האָבען געזוכט דאָס רעכט און געווענדעט זיך פאַר דעם צוועק צום געריכט. צו וועלכען? צו אַ קעניגליכען, אַ פויפּסטליכען, אַ פאָלקס־געריכט א. אַז. וו. קאָן אַ סולטאַנישעס געריכט אַרויסגעבען אַנאַנדער רעכט איידער דעם, וואָס דער סולטאַן האָט געהייסען עס זאָל זיין רעכט? קאָן איך האָבען רעכט, ווען איך זוך אַ רעכט, וואָס שטימט ניט מיט דעם סולטאַנ'ס רעכט? קאָן דאָס געריכט מיר בעווילינגען אַלס אַ רעכט דעם הויך־פעררעטה

צ. ב. ש., ווייבאַלד אַז נאָך דעם סולטאַנ'ס זין איז דאָס ניט קיין רעכט? קאָן עס אַלס צענזור־גערוכט מיר געבען די פרייע אויסערונג פון מיינונגען אַלס אַ רעכט, ווייבאַלד דער סולטאַן וויל פון אַט דעם רעכט מ י י נ ע ם גאָרנישט וויסען? וואָס, אַלזאָ, זוך איך ביי אַט דעם גערוכט? איך זוך סולטאַנישעס רעכט, ניט מ י י ן רעכט; איך זוך — פ ר ע מ ד ע ס רעכט. כּל זמן דאָס דאָזיגע פרעמדע רעכט שטימט איין מיט מיינעם, געפין איך, פערשטעהט זיך, ביי איהם אויך מיין רעכט.

דער שטאַאַט דערלאָזט ניט, מען זאָל זיך רייסען איינער מיט'ן אַנדערן ווי מאַן צו מאַן; ער איז דאַגעגען דעם ד ו ע ל. אפילו אָן איינפאַכע געשלעג, צו וועלכער קיינער פון די שלעגער רופט ניט די פּאָליציי, ווערט בעשטראָפט, סיידען עס איז ניט אָן „איך“ מיט אַ „דו“ וואָס ברעכען זיך די ביינער, נאָר דער ה ו י פּ ט פ ו ן פ אַ מ י ל י ע למשל ברעכט אָן די ביינער אַ קינד: די פ אַ מ י־ ל י ע, און אין איהר נאָמען, דער פאָטער, איז בערעכטיגט, איך אַלס איינציגער בין ניט בערעכטיגט.

די „פאָסישע צייטונג“ גיט אונז אַ בילד פון דעם „רעכט־ שטאַאַט“. דאָרט מוז אַלעס ווערן ענטשיידען דורך דעם ריכטער און אַ ג ע ר י כ ט. דאָס אָבער־צענזור־גערוכט גילט איהר פאַר אַ „געריכט“ וואו „דאָס רעכט ווערט דערקלערט“. וואָס פאַר אַ רעכט? דאָס רעכט פון דער צענזור. כּדי אָנצוערקענען די רעכט־ פּסקים פון יענעם גערוכט פאַר רעכט, מוז מען די צענזור האַלטען פאַר רעכט. מען מיינט פונדעסטוועגען, אַז דאָס דאָזיגע גערוכט גיט אַ בעשיצונג. יאָ, אַ בעשיצונג אַנטקעגען דעם טעות פון אַן איינצעלנעם צענזאָר: עס בעשיצט נאָר דעם צענזור־געזעצגעבער אַנטקעגען אַ פאַלשער אויסטייטשונג פון זיין ווילען, אַנטקעגען די שרייבער אָבער מאַכט דאָס גערוכט זיין געזעץ נאָך פעסטער דורך די „הייליגע מאַכט פון דעם רעכט“. וועגען דער פראַגע, צי איך האָב רעכט אָדער ניט, איז קיין אַנדער ריכטער ניטאָ אויסער מיך אַליין. אַנדערע קאָנען וועגען דעם נאָר אורטיילען און ריכטען, צי זיי בעשטעטיגען מיין רעכט, און צי עס עקזיסטירט אויך פאַר זיי אַלס רעכט.

לאָמיר דערווייל אויפפאַסען די זאַך נאָך אַנדערש. איך מוז דאָס סולטאַנישע רעכט פערעהרען אין דעם סולטאַנאַט, דאָס פאָלקס־

רעכט אין רעפובליקען, דאס קאנאנישע רעכט אין קאטוילישער געמיינדע א. אז. וו. איך מוז זיך אונטערווארפען צו אט די רעכטען, איך מוז זיי האלטען פאר הייליג. א „רעכט זין" און א „רעכטליכער זין" פון אזא ארט שטעקט די מענשען אזויפיעל אין קאפ, אז די העכסט־רעוואלוציאנערע מענשען פון אונזער צייט ווילען אונז אונטערווארפען אונטער א נייעם „הייליגען רעכט", דעם „רעכט פון געזעלשאפט", דעם „רעכט פון דער מענשהייט", דעם „רעכט פון אלעמען" א. ד. ג. דאס רעכט פון „אלעמען" מוז געהן אפריהער איידער מיין רעכט. אלס אלעמענס רעכט וועט עס טאקע זיין מיין רעכט אויך, אזוי ווי איך געהער צו זיי מיט אלעמען גלייך; אבער דאס, וואס עס איז צוגלייך אנדערע מענשען'ס רעכט אדער אפילו אלע אנדערע מענשען'ס, בעוועגט מיך ניט אויפצוהאלטען דאס רעכט. ניט אלס אלעמענס רעכט וועל איך עס פערטיידיגען, נאר אלס מיין רעכט, און זאל יעדער אנדערער אכטונג געבען אליין אויך אזוי צו טהאן. דאס רעכט פון אלעמען (צ. ב. ש. צו עסען) איז א רעכט פון יעדען איינצעלנעם. ווען יעדער איינער האלט אונפערקירצט דאס דאזיגע רעכט פאר זיך, איבען עס שוין ממילא אוים אלע; זאל ער אבער דאך ניט זארגען פאר אלעמען, זאל ער ניט אייפערן אזוי שטארק פאר דעם אלס אלעמענס א רעכט.

די סאציאל־רעפארמער אבער פרעדיגען אונז א „געזעלשאפטס־רעכט". דא ווערט דער איינצעלנער דער שקלאף פון דער געזעלשאפט, און האט נאר רעכט, ווען די געזעלשאפט גיט איהם רעכט, ד. ה. ווען ער לעבט לויט די געזעצען פון דער געזעלשאפט, ווען ער איז — לאיאל. סיי איך בין לאיאל אין א דעספאטיע, סיי אין א וויטלינג'שע „געזעלשאפט", איז עס דיזעלבע רעכטלאזיגקייט, אויף ווי ווייט איך האב אין דיביידע פעלען ניט מיין רעכט, נאר פרעמדעס רעכט.

בנוגע דעם רעכט פרעגט מען שטענדיג: „ווער אדער וואס גיט מיר דאס רעכט דערצו"? דער ענטפער איז: גאט, די ליעבע, די פערנונפט, די נאטור, די הומאניטעט א. אז. וו. ניין, נאר דיין געוואלט, דיין מאכט גיט דיר דאס רעכט (דיין פערנונפט צ. ב. ש. קאן דיר עס געבען).

דער קאמוניזם, וואס נעהמט אן, אז די מענשען „האבען פון

דער נאטור גלייכע רעכט", ווידערשפּרעכט אזוי ווייט זיין אייגענעם פּרינציפּ, ביז עס לאָזט זיך אויס, אז פון דער נאטור האָבען מענשען גאָר קיין רעכט ניט. וואָרים ער וויל צ. ב. ש. ניט אָנדערקענען, אז די עלטערן האָבען „פון נאטור" רעכט געגען די קינדער, אָדער פערקעהרט, די קינדער געגען די עלטערן: ער שאפט־אָב די פאמיליע. די נאטור גיט די עלטערן, די ברידער און שוועסטער גאָר קיין רעכט ניט. איבערהויפּט איז אָט דער גאנצער רעוואָלוציאָנערער אָדער באבעפישער* פּרינציפּ געבויט אויף א רעליגיעזער, ד. ה. פאלשער אָנשויאונג. ווער, אויב ניט דער וואָס שטעהט אויף דעם רעליגיעזען שטאנדפּונקט, קאָן זיך נאָכפרעגען אויף „רעכט"? איז ניט „דאָס רעכט" א רעליגיעזער בעגריף, ד. ה. עטוואָס הייליגעס? „ר ע כ ט ס ג ל י י כ ה י י ט", ווי די רעוואָלוציע האָט עס אוועקגעשטעלט, איז דאָך נאָר אנאנדער פאָרם פאר די „קריסטליכע גלייכהייט", די „גלייכהייט פון די ברידער, גאָט'ס קינדער, די קריסטען א. אז. וו.": קורץ, פּ ר א ט ע ר נ י ט ע. יערע און אלע טענות וועגען רעכט פערדיענען מען זאָל זיי אָבשמייסען מיט שיללער'ס ווערטער:

„יאָהרענלאנג שוין בעדיען איך מיך מיט מיין נאָז צום ריעכען;
האָב איך דען ווירקליך אויף איהר אויך אַן אויפוויזליכען רעכט?"

בעת די רעוואָלוציע האָט געשטעמפּעלט די גלייכהייט אלס א „רעכט" איז זי אוועקגעפלויגען אין רעליגיעזען געביט, אין דעם געגענד פון דאָס הייליגע, פון דעם אידעאל. דערפון נעהמט זיך זינט דעמאָלט דער קאמף פאר די „הייליגע, ניט־אוועקרויבליכע מענשען־רעכט". אַנטקעגען דאָס „אייביגע מענשענרעכט" ווערט אוועקגעשטעלט גאנץ נאטירליך און גלייכבערעכטיגט דאָס „וואוילערוואָרבענע רעכט פון דאָס בעשטעהענדע": רעכט אנטקעגען רעכט, און איינס ווערט נאטירליך פערשריען פון דעם אנדערן אלס „אונרעכט". דאָס איז דער ר ע כ ט ־ ש ט ר י י ט זינט דער רעוואָלוציע.

איהר ווילט אנטקעגען די אנדערע „זיין אין רעכט". דאָס קאָנט איהר ניט; אנטקעגען זיי בלייבט איהר אייביג „אין אונרעכט"; וואָרים זיי וואָלטען דאָך אייערע געגנער ניט געווען, אויב

* זעה „די קאָמוניסטען אין דער שווייץ", קאָמיטע בעריכט, ז. 3.

זיי וואָלטען אויך ניט געווען אין „זייער רעכט“: זיי וועלען אייך שטענדיג „געבען אונרעכט“. אָבער אייער רעכט איז אַנטקעגען דעם רעכט פון די אַנדערע אַ העכערעס, גרעסערעס, מעכטיגערעס רעכט — ניט אַזוי? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! אייער רעכט איז ניט מעכטיגער, אויב איהר זייט ניט מעכטיגער. האָבען כינעזישע אונטערטאַנען אַ רעכט אויף פרייהייט? נעהמט און שענקט זיי דאָס רעכט, און קוקט זיך דאַן צו, וואָס פאַר אַ גרויסען טעות איהר האָט געהאַט: ווייל זיי ווייסען ניט ווי די פרייהייט צו בענוצען, האָבען זיי דעריבער קיין רעכט ניט אויף דעם; אָדער דייטליכער, ווייל זיי האָבען ניט די פרייהייט, האָבען זיי טאַקע ניט דאָס רעכט דערצו. קינדער האָבען ניט קיין רעכט אויף מינדיגקייט, ווייל זיי זיינען ניט מינדיג, ד. ה. ווייל זיי זיינען קינדער. פעלקער, וועלכע לאָזען זיך האַלטען אין אונמינדיגקייט, האָבען קיין רעכט ניט אויף מינדיגקייט; ווען זיי וואָלטען אויפגעהערט צו זיין אונמינדיג, וואָלטען זיי ערשט דעמאָלט געהאַט דאָס רעכט צו זיין מינדיג. דאָס מיינט קיין אַנדער זאַך ניט ווי נאָר: אויף וואָס דו האָסט די מאַכט צו זיין, אויף דאָס האָסטו דאָס רעכט. איך פיהר אַרויס יעדעס רעכט און יעדע בערעכטיגונג פון מיר; איך בין צו אַלץ בערעכטיגט, צו וואָס איך בין מעכטיג. איך בין בערעכטיגט אַראָבצו־וואַרפען צעאוס, יעהאָוואַ א. אַז. וו., ווען איך קאָן עס טהאָן; ווען איך קאָן דאָס ניט טהאָן, וועלען אָט די געטער שטענדיג בלייבען אַנטקעגען מיר אין רעכט און אין מאַכט, און איך וועל מורא האָבען אין אָהנמעכטיגער „גאָטספאָרכטיגקייט“ פאַר זייער רעכט און זייער מאַכט; איך וועל היטען זייער געבאָט, און אין אַלץ וואָס איך טהו נאָך זייער רעכט, וועל איך גלויבען, אַז איך טהו רעכט, אַ שטייגער ווי די רוסישע סטראַזשניקעס ביים גרעניץ האַלטען זיך בערעכטיגט צו שיסען אויף טויט די פערדעכטיגע פערזאָנען וואָס ענטלויפען, ווייל זיי מאָרדען „על פי העכערע אויטאָריטעט“, ד. ה. „מיט רעכט“. איך אָבער בין דורך מיר בערעכטיגט צו מאָרדען, ווען איך פערבאָט מיר דאָס ניט אַליין, ווען איך אַליין שרעק זיך ניט פאַר דעם מאָרד ווי פאַר אַן אונרעכט. אָט די אָנשויאונג ליעגט אין גרונד פון שאַמיססאָ'ס געדיכט „דער טהאַל פון מאָרד“, וואו דער גרייזגרויער אינדיאַנישער מע־דער צווינגט דעם ווייסען מענשען, וועמעס

מיטברידער ער האָט געהרג'עט, אַרויסצוציינען איהם עהרפּאָרכט. איך בין גאָר ניט בערעכטיגט צו דאָס, וואָס איך טהו ניט מיט אַ פרייען מוטה, ד. ה. צו וואָס א י ך בערעכטיג זיך ניט.

א י ך בעשליס צי דאָס איז אין מ י ר די ר ע כ ט ע זאַך; א ו י ס ע ר מיר איז ניטאָ קיין רעכט. אויב עס איז מ י ר רעכט, איז דאָס רעכט. מעגליך, אַז צוליעב דעם אַליין איז דאָס נאָך ניט רעכט פאַר די איבעריגע; דאָס איז זייער זאָרג, ניט מיינע: זיי מעגען זיך וועהרן. און ווען אפילו עפּעס־וואָס וואָלט פאַר דער גאַנצער וועלט ניט רעכט געווען, אָבער מיר וואָלט עס רעכט געווען, ד. ה. איך וואָלט עס געוואָלט, דאַן וואָלט איך אויף דער גאַנצער וועלט גאָרנישט געפרעגט. אַזוי טהוט יעדערער, וועלכער פערשטעהט ז י ך צו שעצען, יעדערער אין דעם ערך וויפיעל ער איז אַן עגאָיסט, וואָרים מאַכט געהט אפריהער פאַר רעכט, און טאַקע — מיט פולען רעכט.

באַבעף זאָגט, ווייל איך בין „פון דער נאַטור“ אַ מענש, האָב איך אַ גלייך רעכט אויף דעם גענוס פון אַלע גיטער. מוז ער ניט אָבער אויך זאָגען: ווייל איך בין פון דער נאַטור אַן ערשט־געבוירענער פרינץ, האָב איך אַ רעכט אויף דעם טהראָן? די מענשענרעכט און די „וואויל־ערוואָרבענע רעכט“ קומען לסוף צו דעמזעלבינען פונקט, נעמליך צו דער נ אַ ט ו ר, וועלכע ג י ט מיר אַ רעכט, ד. ה. זיי קומען צו דער ג ע ב ו ר ט (און דאַן די ערבשאַפט א. אַז. וו.). די טענה, איך בין געבוירן געוואָרן אַלס מענש, איז גלייך צו דער טענה, איך בין געבוירן געוואָרן אַלס דעם קעניג'ס זוהן. דער נאַטירליכער מענש האָט נאָר אַ נאַטירליך רעכט (ווייל ער האָט אַ נאַטירליכע מאַכט) און נאַטירליכע אָנשפּרוכען: ער האָט געבורט־רעכט און געבורט־אָנשפּרוכען. די נאַטור אָבער קאָן מיך ניט בערעכטיגען, ד. ה. געבען מיר דעם כח און די מאַכט, צו וואָס נאָר מיין טהאַט בערעכטיגט מיך. וואָס דעם קעניג'ס קינד שטעלט זיך איבער אַנדערע קינדער, דאָס איז שוין זיין טהאַט, וואָס זיכערט איהם דעם פאָרצוג, און וואָס די אַנדערע קינדער געפינען דאָס פאַר גוט און אָנדערקענען עס, דאָס איז זייער טהאַט, וועלכע מאַכט זיי ווירדיג — צו זיין אונטערטאַנען.

צי די נאַטור גיט מיר אַ רעכט, צי גאָט אָדער די פאָלק'ס־וואהל א. אַז. וו., איז דאָס אַלץ דאָסזעלביגע פ ר ע מ ד ע רעכט,

איז עס א רעכט, וואָס איך האָב עס מיר ניט געגעבען און ניט גענומען.

די קאָמוניסטען זאָגען: די גלייכע ארבייט בערעכטיגט די מענשען צו דעם גלייכען גענוס. פריהער האָט מען אויפגעוואָרפען די פראגע, צי מוז ניט דער „טוגענדהאפטער" מענש זיין גליקליך אויף דער וועלט. די אידען האָבען טאקע ווירקליך געצויגען אזא שלוס: „כדי עס זאָל דיר וואויל געהן אויף דער ערד". ניין, די גלייכע ארבייט בערעכטיגט דיך ניט דערצו, נאָר דער גלייכער גענוס אליין בערעכטיגט דיך צו דעם גלייכען גענוס. געניס, דאַן ביזטו בערעכטיגט צום גענוס. האָסטו אָבער געארבייט און זיך געלאָזט בערויבען פון דעם גענוס — „איז רעכט אויף דיר".

ווען איהר נעהמט דעם גענוס, דאַן איז ער אייער רעכט; אויב דאגעגען איהר שמאכט נאָר נאָך איהם, ניט צולעגענדיג קיין האנד איהם צו קריגען, בלייבט ער ווי פריהער א „וואויל־ערוואָרבען רעכט" פון יענע, וועלכע זיינען פריווילעגירט איהם צו האָבען. ער איז זייער רעכט, ווי ער וואָלט געוואָרן אייער רעכט, ווען איהר נעהמט איהם ביד חזקה.

דער קאמף וועגען דעם „רעכט פון אייגענטום" וואקעלט זיך אין א שטארקער בעוועגונג. די קאָמוניסטען בעהויפּטען:* „די ערד געהערט על פי רעכט צו דעם, וואָס בעארבייט זי, און די פּראָדוקטען איהרע געהערען צו יענע, וואָס ברענגען זיי ארויס". איך מיין, זי געהערט צו דעם, וואָס ווייס ווי זי צו נעהמען, אָדער ניט אָבצוגעבען, וואָס לאָזט זיך ניט בערויבען דערפון. ווען ער אפּראָפּריאירט זי פאַר זיך, דאַן געהערט איהם ניט נאָר די ערד, נאָר אפילו דאָס רעכט דערצו. אָט דאָס איז דאָס עגאָיסטישע רעכט: ד. ה. עס איז רעכט פאַר מיר, דעריבער איז עס רעכט.

זאָנסט האָט דאָס רעכט פשוט קיין זין ניט (עס האָט „א וועקסענע נאָז"). דער טיגער, וואָס פאַלט אָן אויף מיר, האָט רעכט, און איך, וואָס דער׳הרג׳ע איהם, האָב אויך רעכט. איך בעשייץ אנטקעגען איהם ניט מיין רעכט, נאָר זיך.

אזוי ווי דאָס מענשליכע רעכט איז אלעמאָל א געגעבען רעכט, רעדוצירט זיך עס שטענדיג אין דער ווירקליכקייט צו אזוינס, וואָס

---

* א. בעקער, פאָלקס פילאסאָפיע, ז. 22.

די מענשען גיבען, ד. ה. „ערלויבען" איינע די אנדערע. ערלויבט מען די ניי־געבוירענע קינדער דאָס רעכט פון עקזיסטענץ, דאַן האָבען זיי דאָס רעכט; ערלויבט מען זיי דאָס ניט, ווי עס איז געווען דער פאַל ביי די ספּארטאַנער און אַלטע רוימער, האָבען זיי עס ניט. וואָרים געבען אָדער „ערלויבען" קאָן זיי נאָר די געזעל־שאַפט, זיי אַליין קאָנען עס ניט נעהמען אָדער זיך געבען. מען ווענט איינווענדען געגען דעם: די קינדער האָבען דאָך „פון נאַטור" יאָ געהאַט דאָס רעכט צו עקזיסטירען, נאָר די ספּארטאַנער האָבען זיך אָבגעזאָגט אָנצוּדערקענען דעם דאָזיגען רעכט. אויב אַזוי אָבער האָבען זיי פשוט קיין רעכט ניט געהאַט אויף אָט דער אָנדער־קענונג — ניט מעהר רעכט וויפיעל זיי האָבען געהאַט, אַז די ווילדע חיות, פאַר וועלכע מען האָט זיי געוואָרפען, זאָלען אָנדערקענען זייער לעבען.

מען רעדט אַזויפיעל וועגען די מיטגעבוירענע רעכט און מען קלאָגט זיך:

פונ'ם רעכט, וואָס מיט אונז געבוירען איז,
פון דעם איז ליידער ניט די פראַגע.*

וואָס פאַר אַ מין רעכט איז עס, וואָס איז מיט מיר געבוירען? דאָס רעכט פונ'ם ערשטגעבוירענעם אויף דער פריצ'ישער נחלה, אַ קעניגליכען טהראָן צו ירש'ענען, אַ פּרינצליכע אָדער אדעליגע ערציהונג צו געניסען, אָדער נאָר אפשר, ווייל אָרימע עלטערן האָבען מיך געבוירען — צו בעקומען אומזיסטיגען לימוד אין חדר, צו ווערן געקליידט פון צדקה־געלד, און דערנאָך זיך פערדיענען מיין ברויט מיט הערינג אין די קויהלען־מינען אָדער ביים וועבער־שטוהל? זיינען אָט די ניט קיין מיטגעבוירענע רעכט — רעכט, וועלכע זיינען מיר געקומען פון מיינע עלטערן דורך דער געבורט? איהר דענקט, אַז ניט; איהר מיינט, אַז אָט די זיינען ניט־ריכטיג אָנגערופענע רעכט, אַז זיי זיינען פּונקט יענע רעכט, וועלכע איהר דענקט אָבצו־שאַפען דורך דעם ווירקליך מיטגעבוירענעם רעכט. כדי דאָס צו בעגרינדען, הויבט איהר אָן צוריק פון אָנהויב און בעהויפּטעט, אַז יעדערער איז דורך דער געבורט גלייך מיט יעדען אנדערן, ד. ה. ער איז אַ מענש. איך וועל אייך צוגעבען.

---

* מעפיסטאָפעל אין „פאוסט".

אז יעדערער ווערט געבוירען אלס מענש, בכן זיינען די נייגעבוירענע אין דעם פרט ג ל י י ך איינע צו די אנדערע. וואָרום זיינען זיי גלייך? נאָר דערפאר, ווייל זיי האָבען זיך נאָך ניט ארויסגעוויזען און טהעטיג געווען אלס קיין אנדערע אחוץ — בלויזע מ ע נ ש ע נ־ ק י נ ד ע ר, נאַקעטע מענשעלעך. דורכדעם זיינען זיי אָבער אויפ'ן שטעל פערשיידען פון יענע, וועלכע האָבען שוין עפּעס פון זיך געמאַכט און זיינען ניט מעהר בלויזע „מענשענקינדער", נאָר — קינדער פון זייער אייגענער בעשאפונג. די לעצטע בעזיצען מעהר איידער בלויז מיטגעבוירענע רעכט: זיי האָבען ע ר ו ו א ר־ ב ע ן רעכט. וואָס פאר א חילוק עס שטעקט אין דעם! וואָס פאר א פעלד פון קאמף! עס איז דער אלטער קאמף צווישען די מיטגעבוירענע רעכט און די וואויל־ערוואָרבענע רעכט. בערופט זיך אויף אייערע מיטגעבוירענע רעכט וויפיעל איהר ווילט, מען וועט ניט פערפעהלען אייך צו שטעלען אנטקעגען די וואויל־ערוואָרבענע רעכט. ביידע שטעהען אויף דעם „רעכטס־באָדען"; וואָרים יערע־ דער פון זיי האָט א „רעכט" אנטקעגען דעם אנדערן, איינער האָט דאָס מיטגעבוירענע אָדער נאַטירליכע רעכט, דער אנדערער — דאָס ערוואָרבענע אָדער „וואויל־ערוואָרבענע" רעכט.

בלייבט איהר אויף דעם רעכטסבאָדען, דאַן בלייבט איהר ביי דער — ר ע כ ט ה א ב ע ר י י*. דער אנדערער קאָן אייך אייער רעכט ניט געבען, ער קאָן אייך ניט „איינטיילען קיין רעכט". ווער עס האָט די מאכט, דער האָט — רעכט; האָט איהר ניט יענע, האָט איהר די אויך ניט. איז עס אזוי שווער צו דערגרייכען אָט די חכמה? קוקט זיך נאָר איין אויף די מעכטיגע און זייערע מעשים! מיר רעדען דאָ נאַטירליך נאָר פון כינא און יאפּאן. פּרובירט נאָר אמאָל, איהר כינעזער און יאפּאנעזער, זיי אונרעכט צו געבען, און לערנט פון דער ערפאהרונג, ווי זיי וועלען אייך ארייננוואַרפען אין טורמע. (פערבייט נאָר ניט דערמיט די „גוטמיינענדע עצות", וועלכע זיינען — אין כינא און יאפּאן — ערלויבט, ווייל זיי שטערן ניט דעם מעכטיגען, נאָר אדרבא קאָנען איהם נאָך גאָר צ ו ־ ה ע ל פ ע ן.)

* „איך בעט דיך, האָב רחמנות אויף מיינע לונגען! ווער עס וויל בעווייזען, אז ער האָט רעכט, און האָט נאָר אַ צונג, קאָן זיך האַלטען ביי זייניגע גאַנץ געוויס!" (פאוסט'ס ווערטער צו מעפיסטאָפעלעס.)

ווער עס וויל זיי געבען אונרעכט, פאר דעם שטעהט נאָר דערצו איין וועג אָפען — דער וועג פון געוואלט. אויב ער קאָן ביי זיי אָבנעהמען זייער געוואלט, דאַן האָט ער זיי ווירקליך געגעבען אונרעכט, האָט ער ביי זיי אָוועקגענומען זייער רעכט; אין דעם אנדער פאַל קאָן ער גאָרנישט מאַכען אויסער אַ קליינינקען פויסט אין קעשענע, אָדער פאַלען אַן אָפּפער ווי אַ חוצפה'דיגער נאַר.

קורץ, וואָלט איהר, כינעזער און יאפּאנעזער, ניט געפרעגט נאָך דעם רעכט, און ספּעציעל, ווען איהר וואָלט זיך ניט נאָכגעפרעגט נאָך דעם רעכט „וואָס איז מיט אייך מיטגעבוירען“, וואָלט איהר אויך ניט געדאַרפט זיך נאָכפרעגען אויף די וואויל־ערוואָרבענע רעכט.

איהר שרעקט זיך אָב פאַר די אַנדערע, ווייל איהר גלויבט אַז איהר זעהט שטעהן לעבען זיי דעם געשפּענסט פון רעכט, וועלכער שיינט, ווי אין האָמער'ס מלחמות, מיטצופעכטען אויף זייער זייט און זיי צו העלפען. וואָס טהוט איהר? וואַרפט איהר אין זיי דעם שפּיעז? ניין, איהר קריכט אַרום, כדי צו געווינען דעם רוח פאַר אייך, ער זאָל מיטפעכטען אויף אייער זייט: איהר שדכנ'ט זיך צו געווינען חן ביי דעם געשפּענסט. אַנאַנדערער וואָלט פּשוט אַזוי געפרעגט: וויל איך, וואָס דער געגנער וויל? „ניין!“ נו מעגען קעמפען פאַר איהם טויזענד טייוואָלים אָדער געטער, איך נעהם זיך פאַר איהם אַלץ איינס!

דער „רעכטס־שטאַאט“, ווי די „פאָסישע צייטונג“ צווישען אַנדערע פערטרעט איהם, פערלאַנגט אַז בעאַמטע זאָלען קאָנען אַרונטערגעזעצט ווערען נאָר דורך דעם ריכטער, ניט דורך דער אַדמיניסטראַציע. אַ פּוסטע אילוזיע! ווען עס וואָלט געזעצליך בעשטימט געוואָרען, אַז אַ בעאַמטער, וועמען מען האָט אַמאָל געזעהן אַ שיכור'ן, זאָל פערלירען זיין אַמט, וואָלט דער ריכ־טער איהם געמוזט פעראורטיילען אויף דער צייגניס פון די עדות א. אַז. וו. קורץ, דער געזעצגעבער וואָלט נאָר געדאַרפט גענוי אָנגעבען אַלע מעגליכע גרונדען, וועלכע ברענגען מיט דעם פער־לוסט פון אַן אַמט, מעגען זיי זיין ווער ווייסט ווי לעכערליך (צ. ב. ש. ווער עס לאַכט זיין עלטסטען אין פּנים, ווער עס געהט ניט אַלע זונטאָג אין קירך, אַלע פיער וואָכען צום קירך־מאָהלצייט, ווער עס מאַכט חובות, ווער עס געהט אַרום מיט אונאַנשטענדיגע חברים,

ווער עס צייגט ניט ארויס קיין ענטשלאָסענהייט א. אז. וו. — זאכען, וואָס קאָנען איינפאַלען דעם געזעצגעבער פאָרצושרייבען פאר אן עהרענגעריכט, למשל) וואָלט דער ריכטער נאָר געדארפט אונטערזוכען, צי דער אָנגעקלאָגטער האָט זיך ווירקליך „פערשול־דיגט" אין יענע „פערברעכענס", און אויסהערנדיג די עדות, וואָלט ער געמוזט „אין נאָמען פון געזעץ" ארויסגעבען געגען איהם דעם פסק־דין איהם ארונטערצוזעצען פון אמט.

דער ריכטער איז פערלאָרען, ווען ער הערט אויף צו זיין מ ע כ א נ י ש, ווען ער „ווערט פערלאָזען פון די בעווייז־רעגעלען". דאמאָלסט האָט ער מעהר גאָרנישט אויסער א מיינונג, ווי יעדער אנדערער, און אויב ער גיט ארויס זיין פסק לויט דער דאָזיגער מיינונג, איז דאָס ניט מעהר קיין אָפּיציעלע האנד־לונג. אַלס ריכטער מוז ער פסק'נען נאָר לויט דעם געזעץ. איך קאָן נאָך לויבען די אַלטע פראנצויזישע פּאַרלאַמענטען, וועלכע האָבען אַליין נאָכגעזוכט וואָס עס געהערט צום רעכט און האָבען עס רעגיסטרירט ערשט נאָך זייער אייגענער צושטימונג. יענע האָבען לכל הפּחות גע'משפּט נאָך זייער אייגענעם רעכט און האָבען ניט געוואָלט זיך אָבגעבען אַלס מאשינען פון געזעצגעבער, ווען אפילו אַלס ריכטער האָבען זיי, פערשטעהט זיך, געמוזט ווערן זייערע אייגענע מאשינען.

מען זאָגט, די שטראָף איז דעם פערברעכער'ס רעכט. אָבער די שטראָפלאָזיגקייט איז פונקט אַזוי זיין רעכט. געלינגט איהם זיין אונטערנעהמונג, איז רעכט אויף איהם, און ווען עס געלינגט איהם ניט, איז אויך אַזוי רעכט אויף איהם. ווי דו בעטעסט זיך אויס, אַזוי ליעגסטו. ווען איינער קריכט ווילד־מוטהיג אין געפאַהר און קומט־אום אין דעם, זאָגען מיר געוועהנליך: רעכט אויף איהם, האָט ער ניט געזאָלט קריכען. האָט ער אָבער גובר געווען די געפאַהר, ד. ה. זיין מ א כ ט האָט געזיעגט, דאַן האָט ער אויך ר ע כ ט. שפּיעלט זיך א קינד מיט א מעסער און שניידט זיך איין, איז רעכט אויף איהם; האָט ער אָבער זיך ניט איינגעשניטען, פּאַסירט איהם אויך רעכט. דעם פערברעכער פּאַסירט דעריבער געוויס רעכט, ווען ער ליידט וואָס ער האָט ריזיקירט; וואָרים, פאַר וואָס האָט ער עס ריזיקירט, ווען ער האָט געוואוסט די מעגליכע פאָלגען? אָבער די שטראָף, וואָס מיר לעגען ארויף אויף איהם,

איז נאָר אונזער רעכט, ניט זיינע. אונזער רעכט רעאַגירט אַנט־קעגען זיינע, און ער „בלייבט אין אונרעכט“ ווייל — מיר געווינען די אויבערהאַנד.

---

אָבער וואָס עס איז רעכט, וואָס אין אַ געזעלשאַפט איז אַ זאַך פון רעכט, דאָס קומט אויך צום וואָרט — אין דעם געזעץ. ווי דאָס געזעץ זאָל ניט זיין, מוז עס רעספּעקטירט ווערן פון דעם — לאָיאַלען בירגער. אַזוי ווערט געריהמט דער זין פון געזעצ־ליכקייט פון אַלד ענגלאַנד. מיט דעם שטימט איינגאַנצען דער שפּרוך פון אוריפּידעס (אָרעסטעס 412) : „די געטער דיענען מיר, וואָס די געטער זאָלען ניט זיין“. געזעץ איבערהויפּט, גאָט איבערהויפּט, אָט אַזוי ווייט זיינען מיר היינט.

מען נעהמט זיך די מיה צו אונטערשיידען געזעץ פון דעם מוטוויליגען בעפעהל, פון אַן אָרדינאַנץ : דאָס ערשטע קומט ארויס פון אַ בערעכטיגטער אויטאָריטעט. אָבער אַ געזעץ איבער אַ מענשליכער האַנדלונג (עטהישעס געזעץ, שטאַאַטס־געזעץ א. אז. וו.) איז אַלעמאָל אַ ווילען־ערקלערונג, און בכן אַ בעפעהל. יאָ, אפילו ווען איך אַליין וואָלט מיר געגעבען דאָס געזעץ, וואָלט עס אַלץ נאָר געווען מיין בעפעהל, וועלכען איך קאָן דעם נעקסטען אויגענבליק זיך אָבזאָגען צו פאָלגען. ווער עס איז מעג גאַנץ גוט ערקלערן, וואָס פאַר איהם איז ליעב, און קאָן דעריבער דורך אַ געזעץ זיך פערבאָטען צו טהאָן דעם היפּך פון דעם, ערקלערענדיג אַז ער וועט יעדען, וואָס וועט עובר זיין אויף דעם, בעהאַנדלען ווי זיין פיינד. איבער מיינע האַנדלונגען אָבער האָט קיינער ניט צו בעפעהלען, קיינער האָט קיין רעכט ניט פאָרצושרייבען מיר מיין האַנדלען און מיר געבען געזעצען וועגען דעם. איך מוז עס אָננעהמען פאַר ליעב, וואָס ער בעהאַנדעלט מיך ווי זיין פיינד, אָבער קיינמאָל ניט אַז ער זאָל זיך אַרומוואַרפען מיט מיר ווי מיט זיינע אַ זאַך, און אַז ער זאָל זיין שכל אָדער גאָר זיין שטות מאַכען פאַר מיין ריכטשנור.

שטאַאַטען האַלטען זיך נאָר אַזוי לאַנג ווי עס איז דאָ אַ הערשענדער ווילען, און דער דאָזיגער הערשענדער ווילען ווערט בעטראַכט אַלס אַלץ איינס ווי מיין אייגענער ווילען. דעם האַרן׳ס ווילען איז — געזעץ. — וואָס פאַר אַ פּעולה האָבען

דיינע געזעצען, ווען קיינער פאָלגט זיי ניט? וואָס טויגען דיינע בעפעהלען, ווען קיינער לאָזט זיך ניט בעפעהלען? דער שטאאט קאָן ניט אויפגעבען דעם אָנשפּרוך צו בעשטימען דעם איינצעלנעמ'ס ווילען, צו ספּעקולירען און רעכענען דערויף. פאַר איהם איז עס נויטיג אום לעבען, אז קיינער זאָל ניט האָבען קיין אייגענעם ווילען: וואָלט דאָס איינער געהאַט, וואָלט דער שטאאט דעם איינעם געמוזט אויסשליסען (אריינזעצען, פערשיקען א. אז. וו.); וואָלטען דאָס אַלע געהאַט, וואָלטען זיי אָבגעשאַפט דעם שטאאט. דער שטאאט איז ניט דענקבאַר אָהן הערשאַפט און קנעכטשאַפט (אונטערטאַנענשאַפט); וואָרים דער שטאאט מוז וועלען זיין דער הארר איבער אַלעמען, וועלכע ער נעהמט ארום, און אָט דעם ווילען רופט מען אָן דעם „שטאאטס-ווילען“.

ווער עס מוז, כדי צו האָבען א קיום, רעכענען אויף דער ווילענ־לאָזיגקייט פון אַנדערע, דער איז א געמאַכטער פון די דאָזיגע אַנדערע, פונקט ווי דער הארר איז א געמאַכטער פון דעם דיענער. הערט אויף די אונטערוואָרפענקייט, איז אויס מיט דער הערשאַפט.

דער אייגענער ווילען מיינער איז דער צערשטערער פון שטאאט; ער ווערט דעריבער געשטעמפּעלט פון איהם אַלס „אייגענווילען“ (עקשנות). דער אייגענער ווילען און דער שטאאט זיינען טויטפיינדליכע מעכטע, צווישען וועלכע קיין „אייביגער שלום“ איז ניט מעגליך. כל זמן דער שטאאט בעשטעהט אויף זיין קיום, שטעלט ער פאַר דעם אייגענעם ווילען, זיין אימער־פיינדליכען געגנער, אַלס אונפערנינפטיג, אָל דאָס בייז א. אז. וו., און יענער לאָזט זיך דאָס איינרעדען — יאָ, ער איז עס טאַקע שוין דערפאַר, ווייל ער לאָזט זיך דאָס נאָך איינרעדען: ער איז נאָך ניט געקומען צו זיך אַליין און צום בעוואוסטזיין פון זיין ווערדע, בכן איז ער נאָך ניט פאָלקאָמען, איז נאָך עלול בעפיהרט צו ווערן פון שעהנע רעד א. אז. וו.

יעדער שטאאט איז א דעספּאָטיע, סיי דער דעספּאָט איז איינער אָדער פיעלע, אָדער אַלע זיינען די הארען, ווי מען שטעלט זיך דאָס פאָר אין א רעפּובליק, ד. ה. זיי דעספּאָטיזירען איינע די אַנדערע. וואָרים דאָס איז דער פאַל, ווען דאָס געזעץ, וואָס ווערט יעדעס מאָל אַרויסגעגעבען אַלס די אויסגעשפּראָכענע מיינונג פון דעם ווילען, לאָמיר זאָגען, פון א פאָלקס־פערזאַמלונג,

מוז דערנאָך זיין אַ *געזעץ* פאַר דעם איינצעלנעם, וועלכען ער, דער איינצעלנער, איז *שולדיג געהאָרכזאַמקייט*, אָדער צו וועלכען ער האָט די *פליכט* פון געהאָרכזאַמקייט. ווען מען וואָלט זיך אפילו געקאָנט פאָרשטעלען, אַז יעדער איינצעלנער פון פאָלק האָט אויסגעשפּראָכען דעמזעלביגען ווילען און עס איז דורכ־דעם צושטאַנד געקומען אַ פאָלשטענדיגער „כלל־ווילען" — וואָלט די זאַך אַלץ געבליבען דיזעלביגע. וואָלט איך דען דורכדעם ניט געווען געבונדען היינט און ווייטער דורך מיין נעכטיגען ווילען? מיין ווילען וואָלט אין אַזאַ פאַל געוואָרן *פערגליווערט*. טרויעריגע שטאַנדהאַפטיגקייט! מיין בעשעפענים — אַ בעשטימ־טער אויסדרוק פון מיין ווילען — וואָלט געוואָרן מיין בעפעהל־געבער. איך אָבער, איך דער בעשאַפער, וואָלט געשטערט געוואָרן אין מיין ווילען, אין מיין פלוס און אין מיין אויפלייזונג (מיין ענטוויקלונג). דערפאַר וואָס איך בין נעכטען געווען אַ נאַר, וואָלט איך געמוזט בלייבען אַ נאַר דעם גאַנצען לעבען־לאַנג. אָט אַזוי בין איך אין שטאַאַטס־לעבען אין בעסטען פאַל — איך וואָלט פונקט אַזוי געקאָנט זאָגען: אין ערגסטען פאַל — אַ קנעכט צו זיך אַליין. דערפאַר וואָס איך בין נעכטען געווען אַ ווערלענדער, בין איך היינט אַ ווילענלאָזער, נעכטען געווען אַ פרייוויליגער, היינט אַן אונפרייוויליגער.

ווי דאָס צו ענדערן? נאָר דורכדעם וואָס איך אָנדערקען ניט קיין *פליכט*, ד. ה. איך *בינד* זיך ניט אָדער לאָז זיך ניט בינדען. האָב איך ניט קיין פליכט, ווייס איך אויך ניט פון קיין געזעץ.

„אַי, מען וועט מיך בינדען!" מיין ווילען קאָן קיינער ניט בינדען, און מיין ווידערווילען בלייבט פריי.

„אַלץ וועט דאָך אָבער מוזען געהן מיט'ן קאָפּ אראָב, ווען יעדער זאָל קאָנען טהאָן וואָס ער וויל!" ווער זאָגט דען, אַז יעדערער קאָן אַלץ טהאָן? צו וואָס ביזטו דאָ, דו וועלכער איז ניט מחויב אָנצונעהמען אַלץ פאַר ליעב? וועהר זיך, וועט דיר קיינער גאָרנישט קאָנען טהאָן! יעדערער וואָס וויל ברעכען דיין ווילען, האָט מיט דיר צו טהאָן און איז דיין *פיינד*. בעהאַנדעל איהם ווי אַ *פיינד*. אויב הינטער דיר שטעהען צום שוץ נאָך איינגע מיליאָנען, דאַן זייט איהר אַן אימפּאָזאַנטע מאַכט און וועט

געווינען אַ לייכטען זיעג. אָבער ווען אפילו איהר אימפּאָנירט דעם געגנער אַלס מאַכט, זייט איהר אַליין ניט מחמת דעם פאַר איהם קיין געהייליגטע אויטאָריטעט, סיידען ער איז אַ גרויסער שוטה. קיין רעספּעקט און אַכטונג איז ער אייך ניט שולדיג, ווען אפילו ער מוז זיך נעהמען אין אַכט פאַר אייער געוואַלט.

מיר זיינען געוועהנט צו קלאַסיפיצירען די שטאַאַטען לויט דעם פערשיידענעם אופן, ווי די העכסטע געוואַלט איז פערטיילט. אויב אַן איינצעלנער האָט די העכסטע געוואַלט, הייסט עס מאָנאַר־כיע, האָבען זיי אַלע, הייסט עס דעמאָקראַטיע א. אַז. וו. אַלזאָ, די העכסטע געוואַלט! געוואַלט אַנטקעגען ועמען? אַנטקעגען דעם איינצעלנעם און זיין „אייגענווילען“. דער שטאַאַט פּראַקטי־צירט „געוואַלט“, דער איינצעלנער טאָר דאָס ניט. דעם שטאַאַט'ס אויפּפיהר איז געוואַלטטהעטיגקייט, און זיין געוואַלט רופט ער „רעכט“, די געוואַלט פון דעם איינצעלנעם — „פערברעכען“. איז, אַלזאָ, פערברעכען — אַזוי הייסט די געוואַלט פון דעם איינצעלנעם, און נאָר דורך פערברעכען ברעכט ער די געוואַלט פון שטאַאַט, אויב ער איז פון דער מיינונג, אַז דער שטאַאַט איז ניט איבער איהם, נאָר ער איז איבער דעם שטאַאַט.

ווען איך וואָלט געוואָלט האַנדלען לעבערליך, וואָלט איך געקאָנט, ווי אַ מענש מיט גוטע כונות, אייך אָנזאָגען, איהר זאָלט ניט אַרויסגעבען קיינע געזעצען, וואָס בעשרענקען מיין זעלבסט־ענטוויקלונג, מיין זעלבסט־טהעטיגקייט און זעלבסט־בעשאַפונג. איך גיב ניט אַזוינע עצות. וואָרים ווען איהר וואָלט זיי געפאָלגט, וואָלט איהר געווען נאַראָנים און איך וואָלט אָנגעוואָרן מיין גאַנצען געווינס. פון אייך פערלאַנג איך גאָרנישט; וואָרים וואָס איך זאָל פון אייך ניט פאָדערן, איהר וועט אַלץ זיין דיקטאַטאָרישע געזעצגעבער, און איהר מוזט עס זיין, ווייל אַ ראָב קאָן ניט זינגען און אַ רויבער קאָן אָהן רויב ניט לעבען. איך פרעג בעסער יענע, וועלכע ווילען זיין עגאָיסטען, וואָס האַלטען זיי פאַר מעהר עגאָיס־טיש — זיך לאָזען געבען פון אייך געזעצען און רעספּעקטירען די געגעבענע געזעצען, אָדער פּראַקטיצירען ווידערשפּעניג־קייט, יאָ, פאָלשטענדיגע אונגעהאָרכזאַמקייט? גוטמוטיגע לייט מיינען, אַז די געזעצען מוזען פאָרשרייבען נאָר דאָס, וואָס עס גילט אין דעם געפיהל פון פאָלק פאַר גוט און רעכט. וואָס געהט

עס אָבער מיך אָן, וואָס עס גילט אין דעם פאָלק און ביי דעם פאָלק? דאָס פאָלק קאָן אפשר זיין אנטקעגען דעם גאָט־לעסטערער; הייסט עס א געזעץ אנטקעגען גאָט־לעסטערונג. זאָל איך דעריבער ניט לעסטערן? זאָל א געזעץ האָבען פאר מיר א גרעסערן בעטרעף איידער א „בעפעהל“? איך פרעג אייך!

אַלע פאָרמען פון רעגירונג קומען אינגאנצען ארויס פון דעם פרינציפ, אז אַלע רעכט און יעדע אויטאָריטעט געהערט דעם כ ל ל פ ו ן פ אָ ל ק. וואָרים עס איז ניטאָ קיין איין רעגירונג, וואָס זאָל זיך ניט בערופען אויפ׳ן כלל, און דער דעספאָט, אזוי גוט ווי דער פרעזידענט אָדער א וועלכע עס איז אריסטאָקראַטיע א. אז. וו. האנדלען און בעפעהלען „אין נאָמען פון שטאאט“. זיי האָבען די „שטאאט־געוואלט“ אין זייערע הענד, און עס איז לגמרי קיין חילוק ניט, צי דאָס פאָלק אלס קאָלעקטיוו (אַלע איינצעלנע), ווען דאָס וואָלט מעגליך געווען, איבען אויס די דאָזיגע שטאאט־ג ע וו א ל ט, אָדער די רעפּרעזענטאנטען פון דעם קאָלעקטיוו, סיי זיי זיינען פיעלע, ווי אין אריסטאָקראַטיען, סיי זיי זיינען איינער, ווי אין מאָנארכיען. אַלעמאָל שטעהט דער כלל איבער דעם איינצעלנעם און האָט א מאכט, וועלכע ווערט אָנגערופען א ב ע ר ע כ ט י ג ט ע, ד. ה. וועלכע איז דאָס ר ע כ ט.

לגבי דער הייליגקייט פון שטאאט איז דער איינצעלנער נאָר א כלי פון אומ־כבוד, אין וועלכער עס שטעלט זיך אָב „איבערמוטה, בייזוויליגקייט, א מאניאַ פאר שפּאָט און שמאָך, קליינליכקייט א. אז. וו.“ אזויבאַלד ווי ער הערט אויף צו דענקען, אז דאָס דאָזינע הייליגטום, דער שטאאט, איז ווערטה צו ווערן אָנדערקענט. און דער גייסטליכער ה ו י כ מ ו ט ה פון די דיענער און אונטער־טאַנען פון שטאאט האָט גאַנץ פיינע שטראָפען פאר אָט דעם ניט־גייסטליכען „איבערמוטה“.

ווען די רעגירונג בעצייכענט יעדע גייסטיגע טהעטיגקייט א נ ט ק ע ג ע ן דעם שטאאט אלס א פערברעכען, וואָס דאַרף בעשטראָפט ווערן, קומען די מעסיגע ליבעראַלען און מיינען, אז שפּאַס, סאטירע, וויץ, הומאָר א. אז. וו. דארפען דאָך האָבען א רעכט זיך פריי אויסצוגיסען, און אַז ז ש ע נ י ע מוז געניסען פרייהייט. הייסט עס, דער א י י נ צ ע ל נ ע ר מ ע נ ש טאַקע ניט, אָבער דאָך דער ז ש ע נ י ע זאָל זיין פריי. דער שטאאט,

אָדער אין זיין נאָמען די רעגירונג, זאָגט דערצו גאַנץ ריכטיג פון זיין זייט: —

ווער עס איז ניט פאַר מיר, איז געגען מיר. דער שפּאַס, דער וויץ א. אז. וו. קורץ, דאָס מאַכען אַ קאָמעדיע פון שטאַאַט־וועזען האָט אַלעמאָל אונטערגעגראָבען די שטאַאַטען: עס איז גאָר ניט קיין אונשולדיגע זאַך. און ווייטער, וועלכע גרעניצען זאָלען געצויגען ווערן צווישען אַ שולדיגען און אַן אונשולדיגען וויץ א. אז. וו.?

די מעסיגע קומען ביי דער פראַגע אין אַ גרויסער פערלעגענהייט, און אַלע זייערע טענות ווערן רעדוצירט צו דער ביטע, אז דער שטאַאַט (די רעגירונג) דאַרף דאָך ניט זיין אזוי עמפּינדליך, אזוי קיצעלדיג; ער דאַרף ניט אין „אונשולדיגע" זאַכען גלייך דערשפּירען בייזוויליגקייט, און האָט איבערהויפּט געמענט זיין אביסעלע „טאָלעראַנטער". איבערטריבענע עמפּינדליכקייט איז געוויס אַ שוואַכקייט; פערמיידען עס מעג זיך זיין אַ לויבענסווערטהע טוגענד; אָבער אין קריעגס־צייטען קאָן מען ניט זיין נאָכגיביג, און וואָס מען מעג דערלאָזען אונטער רוהיגע אומשטענדען, הערט אויף צו זיין ערלויבט, אזוי באַלד ווי דער בעלאַגערונגס־צושטאַנד ווערט דערקלערט. אַזוי ווי די גוטמיינענדע ליבעראַלען פיהלען ווי דאָס איז ריכטיג, איילען זיי זיך צו דערקלערן, אז צוזעהענדיג די „איבערגעבענקייט פון פאָלק", איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען פאַר קיין געפאַהר. די רעגירונג אָבער איז גאָר ניט אזוי נאַאיוו צו לאָזען זיך איינרעדען פון אזוינע מעשיות. זי וויים צו־גוט, ווי מען קאָן איינעם קאָרמענען מיט שעהנע רעד, און וועט זיך מיט אָט דער „פּוסטער וועטשערע" ניט צופריעדענשטעלען.

מענשען ווילען אָבער האָבען זייער פּלאַץ וואו צו שפּיעלען זיך, וואָרים זיי זיינען דאָך קינדער און קאָנען ניט זיין אזוי געזעצט ווי אַלטע: אַ קינד בלייבט אַ קינד. (יוגענד האָט ניט קיין טוגענד.)

זיי דינגען זיך נאָר פאַר אָט דעם שפּיעל־פּלאַץ, נאָר פאַר אַ פּאָר שטונדען אַרומשפּרינגען. מען פערלאַנגט נאָר, אז דער שטאַאַט זאָל ניט זיין צופיעל אָנגעכמורעט, ווי אַ פער'דאגה'טער פּאַפּאַ. ער זאָל ערלויבען איניגע עזעל־פּראָצעסיעס און נאַראָנים־שפּיעלען, ווי די קירך האָט דאָס ערלויבט אין מיטעלאַלטער. אָבער די צייטען, ווען ער האָט דאָס אָהן געפאַהר געקאָנט דערלאָזען,

זיינען פאראיבער. קינדער, וועלכע קומען איצט איינמאל ארויס אויף דער פריי, און לעבען א שטונדע אהן דעם רבי'ס רוט, ווילען ניט מעהר געהן אין חדר. ווארים איצטער איז דאס זיין אויף דער פריי שוין ניט מעהר א צוגאב צום חדר, אן ערפריי־שענדע ערהאלונג, נאר עס איז זיין היפך, עס איז אדער — אדער. קורץ, דער שטאאט דארף אדער גארנישט נאכגעבען, אדער אלץ נאכגעבען און געהן צו־גרונד; ער מוז זיין אדער דורכ־אויס עמפינדליך, אדער גאר אונעמפינדליך, ווי א געשטארבענער. ניטא מעהר קיין טאלעראנץ. גיט דער שטאאט איין פינגער, נעהמט מען גלייך די גאנצע האנד. עס איז דערביי ניט מעהר צו „שפא־סען", און יעדער שפאס, ווי וויץ, הומאר א. אז. וו. ווערט א ביטערער ערנסט.

דאס געשריי פון די „פרייזיניגע" פאר פרעס־פרייהייט געהט אויסערדעם להיפך צו זייער אייגענעם פרינציפ, צו זייער אייגענט־ליכען ווילען. זיי ווילען וואס זיי ווילען ניט, ד. ה. זיי ווינשען, זיי וואלטען גערן וועלען. דעריבער פאלען זיי טאקע לייכט אב; ווען די אזוינערופענע פרעס־פרייהייט קומט יא אמאל, וואל־טען זיי דאן וועלען א צענזור. עס איז גאנץ נאטירליך. דער שטאאט איז פאר זיי אויך הייליג, דאס גלייכען די מאראל א. אז. וו. זיי פיהרען זיך נאר אויף אנטקעגען איהם ווי צולאזענע שקצים, ווי שטיפערישע קינדער, וועלכע זוכען צו בענוצען זיך מיט דער שוואכ־קייט פון די עלטערן. דער פאפא־שטאאט זאל זיי ערלויבען צו זאגען אייניגעס, וואס איהם געפעלט ניט, אבער דער פאפא האט א רעכט דורצוציהען מיט א שטרענגען בליק א צענזור־שטריך איבער זייערע חוצפה'דיגע פלוידערייען. דערקענען זיי אין איהם זייער פאפא, מוזען זיי אין זיין געגענווארט אננעהמען פאר ליעב די צענזור פון רעדען, ווי יעדעס קינד.

---

לאזט דו זיך פון אנאנדערן געבען רעכט, מוזטו ניט וועניגער זיך לאזען פון איהם געבען אונרעכט; קריגסטו פון איהם די רעכט־פערטיגונג און בעלוינונג, דאן דערווארט אויך זיין אנקלאג און שטראף. ביי דער זייט פון רעכט געהט דאס אונרעכט, ביי דער זייט פון געזעצליכקייט — דאס פערברעכען. וואס ביזט דו? דו ביזט א — פערברעכער!

„דער פערברעכער איז אין העכסטען גראַד דעם שטאַאט'ס אייגענער פערברעכען !“ זאָגט בעטטינאַ*. מען קאָן אָננעהמען אַט די ווערטער, ווען אפילו בעטטינאַ אליין פערשטעהט עס ניט פונקט אזוי. אין שטאַאט קאָן דער ניט־איינגעצוימטער איך — איך, ווי איך געהער צו מיר אליין — ניט קומען צו מיין ערפילונג און פערווירקליכונג. יעדער איך איז פון זיין געבוירענטאָג אָן שוין אַ פערברעכער אנטקעגען דעם פאָלק, דעם שטאַאט. דעריבער היט ער זיי טאקע אלעמען, ער זעהט אין יעדערן אָן — עגאָיסט, און פאַר דעם עגאָיסט האָט ער מורא. ער זעצט פאָראויס אין יעדען דאָס ערגסטע, און גיט אכטונג, אַ פּאָליצייליכע אכטונג, אז „דעם שטאַאט זאָל קיין שאָדען ניט געשעהן“, נע קוויד רעספובליקאַ דעטרימענטי קאַפּיאַט. דער ניט־איינגעצוימטער איך — און דאָס זיינען מיר אורשפּרינגליך , און אין אונזער פערבאָרגענער אינער־ליכקייט בלייבען מיר דאָס שטענדיג — איז דער קיינמאָל־ניט־אויפהערענדער פערברעכער אין שטאַאט. דער מענש, וואָס ווערט געפיהרט פון זיין מוטה, זיין ווילען, זיין ניט־אויסגערעכענטקייט און זיין פאָרכטלאָזיגקייט, ווערט פון שטאַאט, פון פאָלק ארומגע־שטעלט מיט שפּיאָנען. איך זאָג, פון פאָלק ! דאָס פאָלק — וואָס פאַר וואונדער, איהר, גוטהערציגע לייט, זאָלט ניט דענקען פון איהם — דאָס פאָלק איז דורך און דורך אָנגעשטעקט מיט פּאָליציי־געזינונגען. נאָר דער וואָס פערלייקענט זיין איך, דער וואָס פראַק־טיצירט זעלבסט־פערלייקענונג, איז אָנגענומען ביים פאָלק.

בעטטינאַ איז אין דעם ציטירטען בוך דורכאויס אזויפיעל גוטמוטיג, אַז זי האַלט דעם שטאַאט נאָר פאַר קראַנק, און האָפט אויף זיין געזונג, אַ געזונג, וואָס זי וואָלט געוואָלט אויסווירקען דורך די „דעמאַגאָגען“ ;** ער איז אָבער ניט קראַנק, נאָר אדרבה ביי זיינע אלע כחות, ווען ער טרייבט אוועק פון זיך די דעמאַגאָגען, וועלכע ווילען עפּעס ארויסקריגען פאַר די איינצעלנע, פאַר „אלע־מען“. ער איז פערזאָרגט אין זיינע גלויביגע מיט די בעסטע דעמאַ־גאָגען (פאָלקספיהרער). נאָך בעטטינאַ נאָך מוז דער שטאַאט ענטוויקלען די פרייהייט־זריעה פון דער מענשהייט, ווען ניט איז ער

* „דאָס בוך געהערט דעם קעניג“, ז. 376.

** דאָרט, ז. 376.

אַ ראָבען־מוטער און זאָרגט נאָר פאַר ראָבען־פוטער (שפּייז)!*
— ער קאָן קיין אַנדער זאַך ניט טהאָן, וואָרים פּונקט דורכדעם,
וואָס ער זאָרגט פאַר דער „מענשהייט“ (און דאָס, אגב, איז דאָך די
אויפגאַבע פון דעם „הומאַנעם“ אָדער „פרייען“ שטאַאט), איז דער
איינצעלנער פאַר איהם „ראָבען־פוטער“. פון דער אַנדער זייט,
ווי ריכטיג רעדט דער בירגערמייסטער:** „וואָס, דער שטאַאט
האָט ניט קיין אַנדער התחייבות אַחוץ צו זיין דער פלעגער פון
אונהיילבאַרע קראַנקע? — דאָס גראַמט זיך ניט. פון אייביג אָן
האָט דער געזונדער שטאַאט אָבגעוואָרפען פון זיך דעם קראַנקען
שטאָף, און זיך ניט געמישט דערמיט. ער האָט ניט נויטיג צו זיין
אַזוי עקאָנאָמיש מיט זיינע זאַפטען. די רויבער־צווייגען ווערן אָהן
איבערלעגונג אָבגעשניטען, כדי די אַנדערע זאָלען בליהען. — מען
דאַרף ניט ווערן אַ דערציטערטער איבער דער שטאַאט׳ס האַרט־
קייטקייט; זיין מאָראַל, זיין פּאָליטיק און רעליגיאָן ווייזען איהם
אָן דערויף. מען דאַרף איהם ניט בעשולדיגען אין געפיהללאָזיגקייט;
זיין מיטגעפיהל רעוואָלטירט אַנטקעגען דעם, אָבער זיין ערפאַהרונג
געפינט זיכערקייט נאָר אין אָט דער שטרענגקייט! עס זיינען דאָ
קראַנקהייטען, אין וועלכע נאָר דראַסטיישע מיטלען קאָנען העלפען.
דער דאָקטאָר, וועלכער דערקענט די קראַנקהייט וואָס זי איז, אָבער
בענוצט שרעקעדיג בלויז פּאַליאַטיווען, וועט קיינמאָל ניט פער־
טרייבען די קראַנקהייט, נאָר אדרבא וועט פועל׳ן, אַז דער פּאַציענט
וועט נאָך אַ קירצערער אָדער לענגערער צייט אַוועקגעהן פון דער
וועלט“. דער פרוי ראַט׳ס פראַגע: „אויב איהר ווענדט אָן דעם
טויט אַלס דראַסטישען מיטעל, וואָס וועט אייך בלייבען צו קוריי־
רען?“ גראַמט זיך ניט. דער שטאַאט ווענדט דאָך ניט אָן דעם
טויט אויף זיך, נאָר אויף אַ צרה׳דיגען גליעד; ער רייסט אויס אַן
אויג, וואָס פערשאַפט איהם צרות א. אַז. וו.

„פאַר דעם חולה׳דיגען שטאַאט איז דאָס דער איינציגער וועג
פון רעטונג — לאָזען דעם מענשען אין איהם געדייהען“***. אויב
מען פערשטעהט דאָ, אַזוי ווי בעטטינאַ, אונטער דעם וואָרט מענ־

* דאָרט, ז. 381.

** דאָרט, ז. 381.

*** דאָרט, ז. 385.

שען דעם בעגריף „מענש", דאן האט זי רעכט: דער „חולה'דיגער" שטאאט וועט דורך דעם געדרייהען פון „מענשען" געגעזען ווערן, ווארים וואס מעהר פערנארט די איינצעלנע זיינען אין „דעם מענ־שען", אלץ בעסער לוינט זיך עס פאר'ן שטאאט. אויב אבער דאס ווארט מענשען בעציהט זיך אויף די איינצעלנע, אויף „אלעמען" (און די פערפאסערין טהוט עס אויך האלב אויף האלב, ווייל זי איז נאך ניט אינגאנצען קלאר וועגען „דעם מענשען"), דאן קלינגט עס אומגעפעהר אזוי: פאר א חולה'דיגער רויבער־באנדע איז דער איינציגער וועג פון רעטונג, צו לאזען געדרייהען אין איהר די לאיאלע בירגער! הערסטו, אויף דעם וועג וואלט דאך די רויבער־באנדע אלס רויבער־באנדע געגאנגען צו־גרונד, און מחמת זי שפיהרט עס, דעריבער דערשיסט זי בעסער יעדען איינעם, וואס האט א ברעקעל נייגונג צו ווערן אן „ארענטליכער קערל".

בעטטינא איז אין דעם דאזיגען בוך א פאטריאטין, אדער וואס איז ניט פיעל מעהר, א פילאנטראפין, א מענשען־בעגליקערין. זי איז אונצופריעדען מיט דעם עקזיסטירענדען צושטאנד אינגאנצען אויפ'ן זעלביגען אופן, ווי דער טיטעל־געשפענסט פון איהר בוך (דער קעניג), און ווי אלע אנדערע, וועלכע וואלטען וועלען צוריק־ברענגען דעם גוטען, אלטען גלויבען מיט אלץ וואס געהערט צו דעם. נישט מעהר, זי דענקט פערקעהרט, אז די פאליטיקער, די שטאאטס־דיענער און דיפלאמאטען האבען רואינירט דעם שטאאט, בעת יענע ווארפען ארויף די שולד אויף די בייזוויליגע, די „פאלקס־פערפיהרער".

וואס איז דער געוועהנליכער פערברעכער, אויב ניט איינער, וועלכער איז בעגאנגען דעם געפעהרליכען טעות צו שטרעבען נאך דאס, וואס איז דעם פאלק'ס, אנשטאט צו זוכען דאס, וואס איז זיינס? ער האט געזוכט דאס נישטיגע, פרעמדע האב און גוטס, ער האט געטאן וואס די גלויביגע טהוען, וועלכע שטרעבען צו דאס, וואס איז גאט'ס. וואס טהוט דער פריעסטער, וועלכער מוסר'ט דעם פערברעכער? ער שטעלט איהם פאר דאס גרויסע אונרעכט פון האבען מטמא געווען דורך זיין טהאט דאס, וואס איז געהייליגט געווארן פון דעם שטאאט, ד. ה. זיין אייגענטום (צו וועלכען מען מוז אויך צורעכענען דאס לעבען פון די, וואס געהערן צום שטאאט). אנשטאט דעם האט ער איהם בעסער געזאלט

אויס׳מוסר׳ן, פֿאַר וואָס ער האָט ז י ך בעשמוצט דערמיט, וואָס ער האָט ניט מ מ א ס גענוען דאָס פֿרעמדע, און האָט עס געהאַלטען פֿאַר עפּעס, וואָס איז ווערטה צוצונעהמען: ער וואָלט דאָס איהם געקאָנט זאָגען, ווען ער וואָלט קיין גלח ניט גענוען. רעדט מיט דעם אַזויגערופֿענעם פֿערברעכער ווי מיט אַן עגאָיסט, און ער וועט זיך שעמען, ניט פֿאַר וואָס ער איז בעגאַנגען אַ פֿערברעכען אַנטקעגען אייערע געזעצען און גיטער, נאָר פֿאַר וואָס ער האָט געהאַלטען, אַז עס איז ווערטה גענוען עובר צו זיין אויף אייערע געזעצען און פֿערלאַנגען אייערע גיטער; ער וועט זיך שעמען פֿאַר וואָס ער האָט אייך, צוזאַמען מיט דאָס, וואָס געהערט צו אייך, ניט — פֿעראַכטעט, פֿאַר וואָס ער איז צו־ווענינ עגאָיסט גענוען. אָבער איהר קאָנט מיט איהם ניט רעדען עגאָיסטיש, וואָרים איהר זייט ניט אַזוי גרויס ווי אַ פֿערברעכער, איהר — פֿערברעכט גאָרנישט! איהר ווייסט ניט, אַז אַן אייגענער „איך“ קאָן זיך ניט אָבהאַלטען פֿון צו זיין אַ פֿערברעכער, אַז דאָס פֿערברעכען איז זיין לעבען. און דאָך האָט איהר עס יאָ געזאָלט ווייסען, וואָרים איהר גלויבט דאָך, אַז „מיר זיינען כלנו זינדיגע“; איהר דענקט אָבער, אַז איהר וועט קאָנען אַוועקשווינדלען די זינד, איהר בעגרייפֿט ניט — וואָרים איהר זייט טייוועלספֿאָרכטיג — אַז די שולד איז דער ווערטה פֿון דעם מענשען. אָה, ווען איהר וואָלט גענוען שולדיג! אַזוי אָבער זייט איהר „גערעכטע“. נו, — זעהט נאָר צו מאַכען אַלץ שעהן־און־פֿיין גערעכט פֿאַר אייער האַררן!

ווען דאָס קריסטליכע בעוואוסטזיין אָדער דער קריסט־מענש פֿערפֿאַסט אַ קרימינאַל־געזעצבוך, וועלכער אַנדער בעגריף פֿון פֿערברעכען קאָן דאָרט זיין אחוץ פּשוט — די ה אַ ר צ ל אָ ז י ג־ק י י ט? יעדער ריס און יעדער קרענקונג פֿון אַ ה אַ ר צ ל י כ ע ר פֿ ע ר ה ע ל ט נ י ס, יעדע ה אַ ר צ ל אָ ז ע אויפֿפֿיהרונג אַנטקעגען אַ הייליגען וועזען, איז אַ פֿערברעכען. וואָס האַרצליכער דאָס פֿערהעלטנים דאַרף זיין, אַלץ מעהר סקאַנדאַלעז איז ווען מען לאַכט עם אויס, אַלץ מעהר שטראָף פֿערדיענט דאָס פֿערברעכען. דעם האַררן מוז יעדערער, וואָס איז זיין אונטערטאַן, ליעבען: פֿערלייקענען די דאָזיגע ליעבע איז אַ הויך־פֿערראַט, וואָס איז ווערטה דעם טויט. דער עהע־ברוך איז אַ האַרצלאָזיגקייט, וואָס פֿערדיענט אַ שטראָף; דאָס מיינט אַז מען האָט ניט קיין האַרץ, קיין בעגייסטע־

רונג, קיין פאטהאָס פאר דער הייליגקייט פון דער עהע. כל זמן דאָס הארץ אָדער געמיטהה דיקטירט די געזעצען, געניסט נאָר דער הארציגער אָדער געמיטהליכער מענש דעם שוץ פון די געזעצען. אַז דער געמיטה־מענש גיט די געזעצען, הייסט אייגענטליך נאָר, דער מ אָ ר א ל ע ר מענש גיט זיי: וואָס עס ווידערשפרעכט דעם „מאָראַלען געפיהל“ פון די דאָזיגע מענשען, דאָס מאכען זיי פאר שטראָפבאר. ווי אזוי צ. ב. ש. זאָל אונטרייהייט, צוריקציהונג, ברעכען א שבועה — קורץ, יעדעס ר א ד י ק א ל ע אָ ב ב ר ע כ ע ן, יעדעס צעררייסען פון אַלט־עהרווירדיגע בענדער, ניט אויסזעהן אין די אויגען פון אַזוינע מענשען נידערטרעכטיג און פערברעכעריש? ווער עס ברעכט־אָב מיט אָט די פאָדערונגען פון געמיטה, דער האָט אַלע מאָראַלישע און אַלע געמיטהמענשען פאר שונאים. נאָר די קרוממאכערס און זייערע חברים זיינען די ריכטיגע לייט קאָנזעקווענט אויפצושטעלען א שטראָף־קאָדעקס פון הארצען, ווי א געוויסער געזעץ־פּראָיעקט בעווייזט עס גאַנץ גענוג. די קאָנזעקווענטע געזעצגעבונג פון דעם קריסטליכען שטאַאט מוז אינגאנצען איבערגעגעבען ווערן אין די הענד פון — ג ל ח י ם, און זי וועט ניט ווערן ריין און לאָגיש־ריכטיג, אזוי לאנג ווי זי ווערט אויסגעארבייט נאָר פון גלחים־דיענער, וועלכע זיינען אַלעמאָל נישטמעהר ווי ה א ל ב ע ג ל ח י ם. ערשט יעמאָלט וועט יעדער מאנגעל אין געמיטה, יעדע הארצלאָזיגקייט קאָנסטאַטירט ווערן אַלס אַן אונפערצייהליך פערברעכען, ערשט יעמאָלט וועט יעדע אויפרעגונג פון געמיטה ווערן פערדאמט, יעדע איינווענדונג פון קריטיק און צווייפעל ווערן אין חרם ארייננגעלעגט; ערשט יעמאָלט וועט פאר דעם קריסטליכען בעוואוסטזיין דער אייגענער מענש זיין לכתחלה א פעראורטיילטער — פ ע ר ב ר ע כ ע ר.

די רעוואָלוציאָנסמענער האָבען אָפט גערעדט וועגען דער „גערעכטער ראכע“ פון פאָלק אַלס זיין „רעכט“. ראכע און רעכט קומען זיך דאָ צונויף. איז דאָס די שטעלונג פון א איך צו א איך? דאָס פאָלק שרייט, די געגען־פארטיי איז בעגאנגען א „פערברעכען“ אנטקעגען איהם. קאָן איך אָננעהמען, אַז איינער בעגעהט אנטקעגען מיר א פערברעכען, ניט אָננעהמענדיג אַז ער מוז האנדלען ווי איך געפין עס פאר גוט? און דאָס דאָזיגע האנדלען רוף איך אָן דאָס ריכטיגע, גוטע א. אז. וו.; וואָס עס שטימט ניט דערמיט

— א פערברעכען. איך רעגק, אלזאָ, אז די אנדערע מוזען פער־פאָלגען דעמזעלבען צוועק ווי איך, ד. ה. איך בעהאנדעל זיי ניט ווי איינציגע, וועלכע טראָגען זייער געזעץ אין זיך אליין און לעבען לויט איהם נאָך, נאָר ווי ברואים, וועלכע מוזען געהאָרכען א וואָסער ניט איז פערנינפטיגען געזעץ. איך שטעל אזועק וואָס „א מענש" איז, און וואָס עס הייסט האנדלען „באמת מענשליך", און פאָדער פון יעדערן, אז דאָס דאָזיגע געזעץ זאָל ווערן פאר איהם א נאָרמע און א אידעאל; אין פערקעהרטען פאל, צייגט ער זיך ארויס פאר א „בעל עבירה און פערברעכער". אויף דעם „שולדיגען" פאלט די „שטראָף פון געזעץ"!

מען זעהט דאָ, ווי עס איז וויעדער „דער מענש", וואָס ברענגט ארויס אויך דעם בעגריף פון פערברעכען, פון זינד, און דערמיט דעם בעגריף פון רעכט. א מענש, אין וועלכען איך דערקען ניט „דעם מענשען", איז „א בעל עבירה, א שולדיגער".

פערברעכער קאָנען זיין נאָר אנטקעגען עפּעס א הייליגס: דו אנטקעגען מיר קאָנסט קיינמאָל ניט זיין קיין פערברעכער, זאָנדערן נאָר א געגנער. אָבער ניט האסען דעם, וואָס פערלעצט א הייליגע זאך, איז שוין אליין א פערברעכען, ווי סט. זשיסט שרייט אויס אנטקעגען דאנטאָן: „ביזטו ניט א פערברעכער און פער־אנטוואָרטליך, פאר וואָס דו האָסט ניט געהאסט די פיינד פון פאָטערלאנד?" —

אויב דאָס, וואָס הייסט „דער מענש", ווערט אויפגעפאסט, ווי אין דער רעוואָלוציע, אלס „גוטער בירגער", דאן נעהמען זיך פון אָט דעם בעגריף פון „דעם מענשען" די בעקאנטע „פּאָליטישע עבירות און פערברעכען".

אין אָט דעם אלעם ווערט דער איינצעלנער, דער איינצעלנער מענש, בעטראַכט פאר אן אויסוואורף, און פערקעהרט דער אלגע־מיינער מענש, „דער מענש", ווערט געשעצט, לויט דעם ווי אָט דער געשפּענסט ווערט אָנגערופען — קריסט, איד, מוסולמענער. גוטער בירגער, לאָיאלער אונטערטאַן, פרייער, פּאטריאָט א. אז. וו. — אזוי פאלען פאר אָט דעם זיעגרייכען „מענשען" סיי די, וועלכע וואָלטען וועלען דורכפיהרען א פערשיידענעם בעגריף פון מענשען, סיי די וואָס ווילען ז י ך א ל י י ן דורכזעצען.

און מיט וואָס פאר א הייליגער בעזאָלבונג עס ווערט דאָ

געשלאכט, אין נאמען פון געזעץ, פון סואווערענעם פאלק, פון גאט א. אז. וו.!

ווען די פערפאלגטע בעהאלטען זיך אויף א כיטרען אופן און בעשיצען זיך פון די שטרענגע, גלח'ישע ריכטער, בעשימפט מען זיי אלס היפאקריטען, ווי צ. ב. ש. סט. זשיסט בעשימפט יענע, וועמען ער קלאגט אן אין זיין רעדע געגען דאנטאן*. מען דארף זיין א נאר און זיך אליין איבערגעבען צו זייער מאלאך.

פערברעכען נעהמען זיך פון פיקסע אידעען. די הייליגקייט פון דער עהע איז א פיקסע אידעע. פון אט דער הייליגקייט קומט ארויס, אז די אונטרייקייט איז א פערברעכען, און א געוויסעס עהע־געזעץ שטעלט דעריבער אוועק א לענגערע אדער קירצערע שטראף פאר דעם. אבער די וואס פראקלאמירען די „פרייהייט אלס הייליגטום" מוזען אט די שטראף בעטראכטען אלס א פערברעכען אנטקעגען דער פרייהייט, און נאר אין אט דעם זין האט אויך די עפענטליכע מיינונג געשטעמפעלט דעם דאזיגען עהע־געזעץ.

די געזעלשאפט וויל אמת טאקע האבען, אז יעדער איינער זאל בעקומען זיין רעכט, אבער נאר דאס רעכט, וואס איז סאנקציאנירט פון דער געזעלשאפט, דאס געזעלשאפטס־רעכט, ניט ווירקליך זיין רעכט. איך אבער נעהם און גיב מיר דאס רעכט פון מיין אייגענער מאכט־פאלקאמענהייט ארויס, און בין אנטקעגען יעדער איבערמאכט דער פערברעכער, וואס וויל אמוועניגסטען תשובה טהאן. ווי אן אייגענטימער און בעשאפער פון מיין רעכט, דערקען איך ניט קיין אנדער רעכטס־קוואל אויסער — מיך: ניט גאט, ניט דעם שטאאט, ניט די נאטור און ניט אפילו דעם מענשען אליין מיט זיינע „אייביגע מענשענרעכט", ניט קיין געטליך און ניט קיין מענשליך רעכט.

רעכט אן און פאר זיך". הייסט עס, אהן א שייכות צו מיר! „אבסאלוטעס רעכט". הייסט עס, אבגעזונדערט פון מיר! א זאך וואס עקזיסטירט אן און פאר זיך! אן אבסאלוט! אן אייביג רעכט, ווי אן אייביגע ווארהייט!

לויט דער ליבעראלער פארשטעלונג פון דער זאך, מוז דאס

---

* „פאליטישע רעדען" 10, ז. 153.

רעכט זיין א חוב פאר מיר, ווייל דאס איז איינגעפיהרט געוואָרן דורך דער מ ע נ ש ל י כ ע ר פ ע ר נ ו נ פ ט, אנטקעגען וועלכער מ י י ן פ ע ר נ ו נ פ ט איז „אונפערנונפט“. פריהער האָט מען גערעדט אין נאָמען פון דער געטליכער פערנונפט אנטקעגען דער שוואכער מענשליכער פערנונפט, איצט רעדט מען אין נאָמען פון דער שטארקער מענשליכער פערנונפט אנטקעגען דער עגאָיסטישער, וועלכע ווערט פערוואָרפען אלס „אונפערנונפט“. און דאָך איז ווירקליך ניטאָ קיין אנדערע אחוץ אָט די „אונפערנונפט“. ניט די געטליכע און ניט די מענשליכע פערנונפט, נאָר מיינע און דיינע יעדעסמאָליגע פערנונפט איז אליין ווירקליך, ווי דו און איך זיינען ווירקליך, און דערפאר ו ו י י ל דו און איך זיינען ווירקליך.

דער געדאנק פון רעכט איז אורשפּרינגליך מיין געדאנק, אָדער ער האָט זיין אורשפּרונג אין מיר. אָבער ווי נאָר ער איז פון מיר ענטשפּרונגען, וויבאלד דאָס „וואָרט“ איז ארויסגעקומען, איז עס „געוואָרן פלייש“, איז עס א פ י ק ס ע א י ד ע ע. איך קאָן איצט שוין ניט לויז ווערן פון דעם געדאנק; וואו איך זאָל זיך ניט קעהרען, שטעהט ער פאר מיר. אָט אזוי זיינען די מענשען ניט געוואָרן צוריק די מייסטערס איבער דעם געדאנק „רעכט“, וועלכען זיי האָבען אליין בעשאפען: זייער בעשעפענים פערלויפט זיי דעם וועג. דאָס איז אבסאָלוטעס רעכט, דאָס רעכט וואָס איז אבסאָלווירט אָדער אָבגעצויגען געוואָרן פון מיר. דערמיט וואָס מיר פערעהרען עס אלס אן אבסאָלוטעס, קאָנען מיר עס ניט ווידער פערצעהרען און עס נעהמט ביי אונז אָב די שעפער־קראפט; דאָס בעשעפענים איז מעהר איידער דער בעשעפער, עס איז „אן און פאר זיך“.

לאָזטו אמאָל דאָס רעכט מעהר ניט פריי ארומלויפען, ציהסטו עס צוריק אריין אין זיין אורשפּרונג, אין דיר, דאן איז עס ד י י ן רעכט, און וואָס ד י ר איז רעכט, איז רעכט.

---

דאָס רעכט האָט געהאט אויסצושטעהן אן אָנגריף אין זיך גופא, ד. ה. פון דעם שטאנדפּונקט פון רעכט, דערמיט וואָס מצד דעם ליבעראליזם איז דערקלערט געוואָרן א קריעג דעם „פּאָררעכט“.

ה אָ ב ע ן א פּ אָ ר ר ע כ ט און ז י י ן ג ל י י כ ב ע־ ר ע כ ט י ג ט — ארום אָט די ביידע בעגריפען דרעהט זיך א הארט־ נעקיגער קאמף. אויסגעשלאָסען אָדער צוגעלאָזען — קאָן מיינען

דיזעלבע זאַך. וואו איז דען דאָ אַ מאכט — זאָל עס זיין אַן איינ־געבילדעטע, ווי גאָט, געזעץ, אָדער אַ ווירקליכע, ווי איך, דו — פאַר וועלכער אַלע זאָלען ניט זיין גלייכבערעכטיגט, ד. ה. וואָס די אָנגעזעהענקייט פון מענשען מאכט פאַר איהר אַ חילוק? יעדער איינער איז גלייך ליעב צו גאָט, ווען ער בעט צו איהם, גלייך אָנגע־נומען ביים געזעץ, ווען ער איז נאָר אַ געזעצליכער מענש. צי דער ליעבהאָבער פון גאָט אָדער פון געזעץ איז אַ הויקער אָדער אַ הינקע־דיגער, אַן אָרימער אָדער אַ רייכער א. ד. ג., מאכט גאָט און דעם געזעץ ניט אויס. פונקט אַזוי ווי, ווען דו טרינקסט זיך, איז דיר אַ נעגער אַזוי ליעב אַלס רעטער, ווי דער שעהנסטער ווייסער; אפילו אַ הונד איז פאַר דיר ניט ווייניגער וויכטיג אין דער דאָזיגער לאַגע איידער אַ מענש. פערקעהרט וויעדער, פאַר וועמען קאָן יעדערער ניט זיין אָדער אַ מענש מיט אַ פּאַרצוג, אָדער אַ נחות־דרגא (אַ נידעריג־געשטעלטער)? גאָט שטראָפט די שלעכטע מיט זיין גרימצאָרן, דאָס געזעץ שטייסט די אונגעזעצליכע, דו לאָזט איינעם צו אַלע ווייל"ע צו זיך און דעם אַנדערן ווייזסטו די טהיר.

די „גלייכהייט פון רעכט“ איז מעהר גישט ווי אַן איינבילדונג, ווייל רעכט איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אַ צולאָזונג, ד. ה. אַ גנאַד־זאַך, וועלכע איינער קאָן אגב ערווערבען אויך דורך זיין פּערדיענסט; וואָרים פּערדיענסט און גנאָד ווידערשפּרעכען נגט איינע די אַנדערע, ווייבאַלד די גנאָד וויל אויך מען זאָל זי „פּער־דיענען“, און אונזער גנעדיגער שמייכעל גיסט זיך אויס נור אויף דעם, וועלכער ווייס ווי אַזוי עס צו געווינען פון אונז.

אַזוי טרוימט מען וועגען דעם, אַז „אַלע בירגער פון שטאַאַט זאָלען שטעהן גלייכבערעכטיגט איינע לעבען די אַנדערע“. אַלס שטאַאַט־בירגער זיינען זיי דעם שטאַאַט געוויס אַלע גלייך; לויט אָבער זיינע ספּעציעלע צוועקען, וועט ער זיי צוטיילען, און איינינע געבען אַ פּאַרצוג, אַנדערע שטעלען נידעריג, און נאָך מעהר מוז ער זיי אונטערשיידען איינע פון די אַנדערע אַלס גוטע און שלעכטע בירגער.

ברונאָ בויער פערענטפערט די אידענפראַגע פון דעם שטאַנד־פונקט, אַז דאָס „פּאַררעכט“ איז ניט בערעכטיגט. אַזוי ווי איד און קריסט האָבען עפּעס אַ פּאַרציג איינער איבער'ן אַנדערן, און אין דעם דאָזיגען פּאַרצוג זיינען זיי עקסקלוזיוו, דעריבער צופאַלען זיי

פאַר דעם בליק פון קריטיקער אין נישטינקייט. צוגלייך מיט זיי ווערט אויך געטאַרעלט דער שטאַאט, וועלכער בערעכטינט זייערע פּאַרצוגען און שטעמפּעלט זיי אַלס „פּאָררעכט“ אָדער פּריווילעגיעס, וואָס דורכדעם שאַרעט ער זיין בערוף צו ווערן א „פרייער שטאַאט“.

עפּעס א יתרון האָט האָך אָבער יעדער איינער איבער דעם אַנדערן, און דאָס איז — ער האָט זיך אליין אָדער זיין איינציגקייט (אינדיווידואַליטעט): אין דעריין בלייבט יעדער איינער עקסקלוזיוו.

יעדער איינער, וויעדער, וויל אַרויסווייזען פאַר א דריטען זיינע איינענטימליכקייטען אַזוי גוט ווי מעגליך, און זוכט (אויב ער וויל איהם געווינען פאַר זיך) אַז די דאָזיגע איינענטימליכקייטען זאָלען פּאָרקומען פאַר יענעם זעהר אָנציהענד.

מוז דען דער דריטער בלייבען אונעמפּפינדליך צו דעם אונטער־שייד פון איינעם ביז דעם אַנדערן? פערלאַנגט מען אָט דאָס פון דעם פרייען שטאַאט אָדער פון דער מענשהייט? דאַן וואָלטען זיי דאָך געמוזט זיין לחלוטין אָהן אַן אייגענעם אינטערעס און אונ־בּעהיג צו נעהמען אַן אינטערעס אין אימיצען אַנדערש. אַזוי גלייכגילטיג שטעלט מען זיך ניט פאָר, ניט גאָט, וועלכער שיידט אָב זיינע צדיקים פון די רשעים, ניט דעם שטאַאט, וועלכער ווייס אָבצוטיילען די גוטע בירגער פון די שלעכטע.

מען זוכט אָבער דוקא אָט דעם דריטען, וועלכער גיט מעהר קיינעם ניט קיין „פּאָררעכט“. דאַן הייסט ער אומגעפּעהר דער פרייער שטאַאט, אָדער די מענשהייט, אָדער וואָס־ניט־איז פאַר א נאָמען.

אַזוי ווי קריסט און איד ווערן דעריבער נידעריג געשטעלט פון ברונאָ בויער, ווייל זיי בעהויפּטען צו האָבען פּריווילעגיעס, דאַרפען זיי קאָנען און מוזען זיך בעפרייען פון זייער ענגען שטאַנדפּונקט דורך זעלבסט־פערלייקענונג אָדער אונאייגענּנוציגקייט. וואַרפען זיי אַוועק זייער עגאָיזם, הערט אויף דאָס געגענזייטיגע אונרעכט, און צוזאַמען דערמיט די קריסטליכע און אידישע רעליגיעזיטעט בכלל: אַליץ וואָס וואָלט געוועז נויטיג איז נאָר, אַז קיינער פון זיי זאָל ניט וועלען זיין עפּעס בעזונדערס.

ווען זיי גיבען אָבער אויף די דאָזיגע אָבגעזונדערטקייט, וואָלט

דערמיט אויף אַן אמת׳ן נאָך ניט אוועקגענומען געוואָרן דער באָדען, אויף וועלכען זייער פיינדשאַפט איז אָנגעפיהרט געוואָרן. געוויס וואָלטען זיי געקאָנט געפינען אַ דריטע רעליגיאָן, אויף וועלכער זיי וואָלטען געקאָנט זיך פעראייניגען, אַן „אַלגעמיינע רעליגיאָן", אַ „רעליגיאָן דער מענשליכקייט" א. ד. ג.; קורץ, אַן אויסגלייכונג, וועלכע וואָלט אגב ניט געווען קיין בעסערע, איידער די אויסגליי־כונג וואָס וואָלט געקומען, ווען אַלע אידען וואָלטען געוואָרן קריס־טען, וואָס דורכדעם וואָלט אויך גענומען אַ סוף צו דעם „פאָררעכט" פון איינעם איבער דעם אַנדערן. די שפּאַנונג וואָלט טאַקע געווען בעזייטיגט, אָבער דערמיט האָט זיך ניט כאַראַקטעריזירט ביידענ׳ס וועזען, נאָר זייער נאָכבאַרשאַפט. אַלס פערשיידענע מוזען זיי נויטוועגדיגערוויז זיין געשפּאַנט, און די אונגלייכהייט וועט אַלעמאָל בלייבען. דאָס איז באמת ניט דיין פעהלער, וואָס דו שפּאַנסט זיך געגען מיר און דריקסט אויס דיין אָבגעזונדערטקייט אָדער אייגענטימליכקייט: דו האָסט ניט נויטיג נאָכצוגעבען אָדער זיך אַליין צו פערלייקענען.

מען פאַסט אויף די בעדייטונג פון דעם געגענזאַץ צו־פאָרמעל און שוואַכלעך, ווען מען וויל איהם „אויפלייזען" נאָר כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר אַ דריטער זאַך, וואָס „פעראייניגט". דער געגענזאַץ פערדיענט גיכער צו ווערן פערשאַרפט. אַלס איד און קריסט זייט איהר אין אַ צו־קליינעם געגענזאַץ און קריעגט זיך בלויז וועגען רעליגיאָן, וואָס האָט אַ פנים, ווי אַ מחלוקה וועגען דעם קייזער׳ס באָרד, וועגען אַ נעכטיגען טאָג. אין דער רעליגיאָן טאַקע פיינד, בלייבט איהר אין אַלעם איבעריגען דאָך גוטע פריינד, און צ. ב. ש. אַלס מענשען, זייט איהר גלייך איינע צו די אַנדערע. פונדעסטוועגען איז דאָס איבעריגע אויך ניט גלייך ביי יעדערן, און איהר וועט ערשט יעמאָלט פשוט ניט מעהר פערבאָרגען אייער געגענזאַץ, ווען איהר וועט איהם אינגאַנצען אָנדערקענען. און יעדער מענש וועט זיך האַלטען פון קאָפּ ביז די פיס פאַר איינ־ציג. דאַמאָלסט וועט דער פריהערדיגער געגענזאַץ גאַנץ געוויס זיין אויפגעלייזט, אָבער נאָר דערפאַר, ווייל אַ שטאַרקערער געגענ־זאַץ וועט איהם האָבען אריינגענומען אין זיך.

ניט אין דעריין בעשטעהט אונזער שוואַכקייט, וואָס מיר זיינען געגענגעזעצט צו אַנדערע, נאָר אין דעם וואָס מיר זיינען ניט

פאַלשטענדיג נעגענגעזעצט, ד. ה. וואָס מיר זיינען ניט אינגאַנצען פון זיי אָבגעטיילט, וואָס מיר זוכען אַ „געמיינשאַפט“, אַ „באַנד“, וואָס מיר געפינען אין דער געמיינשאַפט אַן אידעאַל. איין גלויבען, איין גאָט, איין אידעע, איין הוט פאַר אַלעמען! געוויס, ווען אַלע וואָלטען צוגויפגעפיהרט געוואָרן אונטער איין הוט, וואָלט קיינער ניט געדאַרפט אַרונטערנעהמען די היטעל פאַר דעם אַנדערן....

דער לעצטער און שאַרפסטער געגענזאַץ — דער געגענזאַץ פון דעם איינציגען אַנטקעגען דעם איינציגען — געהט, אין גרונד גענומען, אַרויס פון די ראַהמען פון דאָס, וואָס הייסט געגענזאַץ, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז ער ווערט צוריק פערזונקען אין דער „איינהייט“ און איינינקייט. דו אַלס איינציגער האָסטו מעהר גאָר ניט געמיינשאַפטליכעס מיט דעם אַנדערן, און דעריבער אויך גאָר־נישט צוטיילענדעס אָדער פיינדליכעס. דו זוכסט ניט קיין רעכט אַנטקעגען איהם ביי אַ דריטען און שטעהסט ניט מיט איהם, ניט אויף דעם „באָדען פון רעכט“, ניט אויף קיין אַנדער געמיינ־שאַפטליכען באָדען. דער געגענזאַץ פערשווינדט אין דער פאָל־קאָמענער — געשיידענקייט אָדער איינציגקייט. דאָס וואָלט אפילו געקאָנט בעטראַכט ווערן פאַר דעם נייעם געמיינ־שאַפטליכען פונקט אָדער פאַר אַ נייער גלייכהייט, אָבער די גלייכ־הייט בעשטעהט דאָ גראָד אין דער אונגלייכהייט און איז אַליין נישט מעהר ווי אונגלייכהייט; עס איז אַ גלייכע אונגלייכהייט, און אויך נאָר פאַר דעם, וואָס וויל דורכפיהרען אַ „פערגלייך“.

די פאָלעמיק אַנטקעגען דעם פאָררעכט שטעלט פאָר אַ כאַראַקטער־צייכען פון ליבעראַליזם, וועלכער קאָכט זיך אַזוי אַנטקעגען דעם פאָררעכט, ווייל ער בערופט זיך אויף דעם „רעכט“. ווייטער ווי ביז צום קאָכען־זיך קאָן ער עס ניט ברענגען; דען די פאָררעכט פאַלען ניט פריהער איידער דאָס רעכט פאַלט, אַזוי ווי זיי זיינען נאָר פאָרמען פון רעכט. דאָס רעכט אָבער צופאַלט אויף גאָרנישט, ווען עס ווערט פערשלונגען פון דער מאַכט, ד. ה. ווען מען בעגרייפט וואָס עס מיינט: „מאַכט איז העכער פאַר רעכט“. דאַן וועט ווערן קלאָר, אַז יעדעס רעכט איז פאָררעכט, און דאָס פאָררעכט גופא איז מאַכט, איז — איבערמאַכט.

וועט אָבער דער מעכטיגער קאַמף אַנטקעגען דער איבערמאַכט

ניט מוזען ארויסצייגען א גאנץ אנדער פנים, איידער דער בעשיי־
דענער קאמף אנטקעגען דעם פארעכט, וועלכער דארף אויסגע־
קעמפט ווערן פאר אן ערשטען ריכטער, דעם „רעכט", לויט דעם
דאזיגען ריכטער'ס זין?

---

צום שלוס מוז איך איצט נאך צוריקנעהמען די האלבע פארם
פון אויסדרוק, מיט וועלכער איך האב געוואלט זיך בענוצען נאר
אזוי לאנג ווי איך האב זיך געראיעט אין די איינגעווייד פון רעכט
און האב געלאזט בעשטעהן וועניגסטענס דאס ווארט. צוזאמען
מיט דעם בעגריף פערלירט אבער פאקטיש דאס ווארט אויך זיין
זין. וואס איך האב אנגערופען „מיין רעכט", איז מעהר גאר ניט
קיין „רעכט", ווייל רעכט קאן אויסגעטיילט ווערן נאר פון א גייסט,
סיי דאס איז דער גייסט פון דער נאטור אדער פון דעם מין, פון
דער מענשהייט, דער גייסט פון גאט אדער דער גייסט פון „זיין
הייליגקייט", פון „זיין דורכלויכט" א. אז. וו. וואס איך האב אהן א
בערעכטיגענדען גייסט, דאס האב איך אהן רעכט, דאס האב איך
איינציג און אליין דורך מיין מאכט.

איך פאדער ניט קיין רעכט, דעריבער דארף איך אויך קיין
רעכט ניט אנדערקענען. וואס איך קאן נעהמען מיט געוואלט,
נעהם איך מיט געוואלט, און וואס איך קאן ניט נעהמען מיט
געוואלד, אויף דערויף האב איך ניט קיין רעכט, און בלאז ניט פון
זיך און קיהל זיך ניט מיט מיין רעכט, וואס קאן קיינמאל ניט בטל
ווערן.

מיט דעם אבסאלוטען רעכט פערגעהט דאס רעכט גופא; די
ערשאפט פון דעם „רעכט־בעגריף" ווערט פערטיליגט אין דער־
זעלביגער צייט. ווארים מען דארף ניט פערגעסען, אז ביז אהער
האבען איבער אונז געוועלטיגט בעגריפען, אידעען אדער פרינציפען,
און אז צווישען די דאזיגע הערשער האט דער רעכט־בעגריף אדער
דער בעגריף פון גערעכטיגקייט געשפיעלט איינע פון די וויכטיגסטע
ראליען.

בערעכטיגט אדער ניט בערעכטיגט — דאס געהט מיר גאר
ניט דעראן. בין איך נאר מעכטיג, דאן בין איך שוין פון
זיך אליין בעמעכטיגט און בעדארף ניט האבען קיין אנדער
בעמעכטיגונג אדער בערעכטיגונג.

רעכט — דאָס איז א רעדעל אין מוח, וואָס א רוח האָט דאָרט אריינגעטאָן; מאכט — דאָס בין איך אליין; איך בין דער מעכ־טיגער און דער איינענטימער פון דער מאכט. רעכט איז א זאך איבער מיר, אן אבסאָלוט, און עקזיסטירט אין איינעם א העכערן, פון וועמען דאָס פליסט צו מיר, ווי א חסד פון איהם; רעכט איז א גנאָד־מתנה פון דעם ריכטער; מאכט און געוואלט עקזיסטירען נאָר אין מיר, דעם מעכטיגען און געוואלטיגען.

## 2. מיין פערקעהר.

אין דער געזעלשאפט, אין סאָציאלען לעבען, קאָן העכסטענס בעפריעדיגט ווערן די מענשליכע פאָדערונג, בעת די עגאָיס־טישע מוז שטענדיג צוקורץ קומען.

אַזוי ווי כמעט קיינער קאָן ניט פערפעהלען צו זעהן, אז די געגענוואַרט צייגט ניט ארויס פאַר קיין פראגע אזא לעבעדיגען אינטערעס ווי פאַר דער סאָציאלער פראגע, מוזען מיר דעריבער ספּעציעל שענקען אונזער אויפמערקזאמקייט דער געזעלשאפט. יאָ, ווען דער אינטערעס, וואָס מען נעהמט אין דער פראגע, וואָלט געווען ווייניגער ליידענשאפטליך און פערבלענדעט, וואָלט מען צוליעב דער געזעלשאפט ניט געלאָזט אזויפיעל אויס'ן אויג די איינצעלנע, און מען וואָלט איינגעזעהן, אז א געזעלשאפט קאָן ניט ווערן ניי, כל זמן די טיילען, וועלכע שטעלען זי צונויף, בלייבען דיזעלביגע אלטע. ווען אין דעם אידישען פאָלק זאָל צ. ב. ש. אויפשטעהן א נייע כתה, וועלכע וואָלט פערשפּרייטען א נייעם גלויבען אויף דער וועלט, וואָלטען דאָך די דאָזיגע אפּאָסטאָלען ניט געקאָנט בלייבען קיין פאַריסעער.

ווי דו ביזט, אזוי גיסטו זיך, אזוי בענעהמסטו זיך אנטקעגען די מענשען: א צבוע'ק — ווי א צבוע'ק, א קריסט — ווי א קריסט. דער כאראקטער פון איהרע מיטגליעדער בעשטימט דעריבער דעם כאראקטער פון א געזעלשאפט: זיי זיינען איהרע בעשעפער. אַזויפיעל וועניגסטענס מוז מען איינזעהן, אויב מען וויל ניט אַנהויבען אנאליזירען דעם בעגריף „געזעלשאפט" גופא.

אייביג ווייט פון לאָזען זיך קומען צו א פולער ענטוויקלונג און וויכטיגקייט, האָבען די מענשען ביז אהער אויך זייערע געזעל־

שאפטען ניט געקאָנט גרינדען אויף זיך; אָדער בעסער געזאָגט זיי האָבען נאָר געקאָנט גרינדען „געזעלשאפטען“ און לעבען אין געזעלשאפטען. די דאָזיגע געזעלשאפטען זיינען אלעמאל געווען פערזאָנען, מעכטיגע פערזאָנען, אזויגערופענע „מאָראלישע פערזאָנען“, ד. ה. געשפענסטער, פאר וועלכע דער איינצעלנער האָט געהאט דאָס צוגעפאסטע רעדעל אין קאָפּ, די געשפענסטער־פאָרכט. אלס אזוינע געשפענסטער קאָן מען זיי אויפ׳ן פאסיגסטען אויך בעצייכענען מיט׳ן נאָמען „פאָלק“ און „פאָלקעל“: דאָס פאָלק פון די פאטריארכען, דאָס פאָלק פון די העלענער א. אז. וו. ענדליך — דאָס מענשען־פאָלק, די מענשהייט (אנאכארסיס קלאָאָטס האָט גע׳חלומ׳ט פון א „נאציאָן דער מענשהייט“); דערנאָך קומען אלערליי קלענערע אָבטיילונגען פון דעם דאָזיגען „פאָלק“, וואָס האָט געקאָנט און געמוזט האָבען זיינע בעזונדערע געזעלשאפטען — דאָס שפאנישע פאָלק, דאָס פראנצויזישע פאָלק א. אז. וו.; אין דעם פאָלק וויעדער קומען די קלאסען, שטעדט; בקיצור, אלערליי קערפערשאפטען; צולעצט, שארף צוגעשפיצט, קומט דאָס קליין פאָלקעל פון דער — פאמיליע. אנשטאָט צו זאָגען דעריבער, אז די רוח׳דיגע פערזאָן פון אלע ביזאהעריגע געזעלשאפטען איז געווען דאָס פאָלק, קאָן מען אויך אָנרופען דיביידע עקסטרעמען: ענטוועדער די „מענשהייט“ אָדער די „פאמיליע“ — ביידע די „נאטירליכסטע איינהייטען“. מיר קלייבען אויס דאָס וואָרט „פאָלק“, ווייל זיין אָבשטאמונג איז געבראכט געוואָרען אין פערבינדונג מיט דעם גריכישען וואָרט „פאָללאָי“, וואָס בעדייט „פיעלע“ אָדער „מאסע“; אָבער מעהר נאָך דערפאר, ווייל די „נאציאָנאלע בעשטרעבונגען“ שטעהען היינט אויף דער טאגעס־אָרדנונג, און ווייל אפילו די נייעסטע רעבעלען האָבען נאָך ניט אָבגעשאָקעלט פון זיך אָט די פערפיהרערישע פערזאָן; הגם, פון דער אנדער זייט, אויב מען זאָל אָננעהמען דעם לעצטען גרונד, האָט מען נעדארפט געבען דעם פאָרצוג צו דעם אויסדרוק „מענשהייט“, וואָרים וואו מען זאָל זיך ניט א קעהר טהאָן, זיינען איצט אלע ענטוזיאסטיש פאר דער „מענשהייט“.

אלזאָ, דאָס פאָלק, — די מענשהייט אָדער די פאמיליע — האָבען ביז אהער, ווי עס שיינט, געשפּיעלט געשיכטע: קיין עגאָאיסטישער אינטערעס האָט זיך ניט געזאָלט בעווייזען אין די דאָזיגע

געזעלשאַפטען, נאָר דורכאויס אַלגעמיינע, נאַציאָנאַלע אָדער פאָלקס־אינטערעסען — קלאַסען־אינטערעסען, פאַמיליען־אינטערעסען און „אַלגעמיין מענשליכע אינטערעסען". ווער אָבער האָט מיטגע־בראַכט דעם חורבן פון די פעלקער, פון וועמענס אונטערגאַנג די געשיכטע דערצעהלט? ווער דען, אויב ניט דער עגאָיסט, וועלכער האָט געזוכט ז״ין בעפריעדיגונג! האָט זיך נאָר איינמאָל אריינגע׳גנב׳עט אַן עגאָיסטישער אינטערעס, איז די געזעלשאַפט געוואָרן „פערדאָרבען" און האָט זיך אַליין שנעלער געגעהנטערט צו איהר אויפלייזונג, ווי דאָס בעווייזט צ. ב. ש. רוים מיט איהר הויך־ענטוויקעלטען סיסטעם פון פריוואַט־רעכט, אָדער דאָס קריסטענטום מיט דעם אונפערמיידליכען אָנקומען פון דער „ראַציאָנאַלער זעלבסט־בעשטימונג", פון דעם „זעלבסטבעוואוסטזיין", פון דער „אויטאָ־נאָמיע פון גייסט" א. אז. וו.

דאָס קריסטען־פאָלק האָט ארויסגעבראַכט צוויי געזעלשאַפטען, וואָס זייער עקזיסטענץ וועט זיך האַלטען אין דערזעלביגער מאָס, ווי זיינע: דאָס זיינען די געזעלשאַפטען ש ט א א ט און ק י ר ך. קאָנען זיי אָנגערופען ווערן אַ פעראיין פון עגאָיסטען? בעטרייבען מיר אין זיי אַן עגאָיסטישען, פערזענליכען, אייגענעם אינטערעס, אָדער מיר בעטרייבען אַ פאָלקסטימליכען (אַ פאָלקליכען, ד. ה. אַן אינטערעס פון דעם קריסטען־פ אָ ל ק), דהינו אַ שטאַאטליכען און קירכליכען אינטערעס? קאָן איך און מעג איך זיין אין זיי איך זעלבסט? מעג איך דענקען און האַנדלען ווי איך וויל, מעג איך ביך ארויסווייזען, לעבען מיין אייגענעם לעבען, זיין טהעטיג ווי איך וויל? מוז איך ניט לאָזען אונבעריהרט די מאַיעסטעט פון שטאַאט און די הייליגקייט פון דער קירך?

געוויס, איך טאָר ניט טהאָן ווי איך וויל. וועל איך אָבער אין אַ וועלכער־עס־איז געזעלשאַפט געפינען אַן אונבעגרעניצטע פריי־הייט פון מעגען? על כל פנים, ניין! איז וואָס, הייסט עס, קאָנען מיר זיין צופריעדען? ניט אַ ברעקעל! עס איז אַ חילוק, צי מיין איך שלאָגט זיך אָב אַן אנאַנדער איך, צי אָן אַ פאָלק, אָן אַן אַלגע־מיינהייט. אין דעם ערשטען פאַל בין איך אַ גלייך־געבירטיגער געגנער פון מיין געגנער; אין דעם אַנדער פאַל בין איך אַ פער־אַכטעטער, אַ געבונדענער, אַ מענש אונטער אויפזיכט: האָרטען שטעה איך מאַן אַנטקעגען מאַן; דאָ בין איך אַ חדר־איינגעל, וועל־

בער קאָן זיין חבר גאָרנישט טהאָן, ווייל יענער האָט גערופען צו הילף זיין פאָטער און מוטער און האָט זיך בעהאַלטען אונטער זייער פארטוך, בעת אויף מיר שרייט מען אָן, ווי אויף א שייגעץ א אינגעל, און איך טאָר גיט „ארגומענטירען"; דאָרטען קעמף איך אנטקעגען א לייבהאַפטיגען פיינד, דאָ — אַנטקעגען דער מענשהייט, אנט־קעגען אַן אַלגעמיינהייט, אַנטקעגען א „מאַיעסטעט", אנטקעגען אַ רוח. פאַר מיר אָבער איז קיין מאַיעסטעט, קיין הייליגטום, ניט קיין גרעניץ; קיין זאַך ניט, וואָס איך קאָן זי נאָר בעוועלטיגען. נאָר דאָס, וואָס איך קאָן ניט בעוועלטיגען, בעשרענקט נאָך מיין געוואַלט, און כל זמן מיין געוואַלט איז בעשרענקט, בין איך פאַר דער צייט א בעשרענקטער איך: איך בין ניט בעשרענקט דורך דער געוואַלט, וואָס איז אויסער מיר, נאָר דורך דעם וואָס מיר פעהלט אייגענע געוואַלט; איך בין בעשרענקט דורך דער אייגענער אָהנמאַכט. ווי זאָגט מען: „די גוואַרדיע שטאַרבט, אָבער זי גיט זיך ניט אונטער!" דערהויפּט אָבער, גיט מיר נאָר א קערפּערליכען געגנער!

איך בין פאַר יעדען געגנער גרייט
ווען'ן איך קאָן זעהן און מעסטען מיט מיין אויג,
ווער מוטיג איז אַליין און מוטיג מאַכט אויף מיך.
א. אז. וו.

אין פערלויף פון דער צייט זיינען אמת טאַקע א סך פּריוויר־לעגיעס אָבגעשאַפט געוואָרן, אָבער דורכאויס נאָר פון וועגען דעם וואוילזיין פון כלל, פון וועגען דעם שטאַאט און דעם וואוילזיין פון שטאַאט, אָבער בשום אופן ניט כדי מ י ך שטאַרקער צו מאַכען. די לייבאייגענשאַפט צ. ב. ש. איז אָבגעשאַפט געוואָרן, נאָר כדי עס זאָל געשטאַרקט ווערן אַן איינציגער לייבאייגענער, דער האַרר פון פאָלק, די מאָנאַרכישע מאַכט: די לייבאייגענשאַפט אונטער איין האַרר איז דורכדעם נאָך שטרענגער געוואָרן. די פּריווילעגיעס זיינען געפאַלען נאָר פון דער טובה וועגען פון דעם מאָנאַרך — ער מעג הייסען „פירשט" אָדער „געזעץ". אין פראַנקרייך זיינען די בירגער טאַקע ניט קיין לייבאייגענע פון קעניג, אָבער דערפאַר זיינען זיי לייבאייגענע פון דעם „געזעץ" (פון דער כאַרטע). א ו נ ט ע ר־

ט ע נ י ג ק י י ט איז געבליבען אין קראַפט ווי פריהער. נישט מעהר דער קריסטליכער שטאַאַט האָט איינגעזעהן, אז א מענש קאָן ניט דיענען קיין צוויי בעלי־בתים (דעם פריץ און דעם קעניג א. אז. וו.), דעריבער האָט איינער בעקומען אלע פריווילעגיעס, און קאָן איצט ווידער ש ט ע ל ע ן איינעם איבער דעם אַנדערן, מאַכען איינינע פאַר „הויכגעשטעלטע“.

וואָס אָבער קימערט מיך דאָס וואוילזיין פון כלל? די טובת הכלל אלס אזעלכע איז ניט מ י י ן וו א ו י ל ז י י ן; נאָר עס איז די העכסטע שטופע פון ז ע ל ב ס ט פ ע ר ל י י ק ע נ ו נ ג. דאָס וואוילזיין פון כלל קאָן זינגען הויך פאַר שמחה, בעת איך מוז שטומען; דער שטאַאַט קאָן גלענצען, בעת איך ווער פער׳חלש׳ט. אין וואָס דען בעשטעהט די שטות׳עריי פון די פּאָליטישע ליבעראַלען, אויב ניט אין דעם, וואָס זיי שטעלען אַוועק דאָס פאָלק אין געגענזאַץ צו דער רעגירונג און רעדען פון פאָלקסרעכט? דאָס פאָלק, הייסט עס, דאַרף זיין מינדיג* א. אז. וו. אזוי ווי עס קאָן זיין מינדיג דער, וואָס האָט קיין מונד ניט! נאָר דער איינצעלנער האָט בכח צו זיין מינדיג. אָט אזוי ווערט די גאַנצע פראַגע פון פרעס־פרייהייט געשטעלט מיט׳ן קאָפּ אַראָב, ווען זי ווערט געפאָדערט אלס א „פאָלקסרעכט“. זי איז נאָר אַ רעכט, אָדער בעסער געזאָגט, די געוואַלט פון דעם א י י נ צ ע ל נ ע ם. ווען א פאָלק האָט פרעס־פרייהייט, האָב איך, הגם איך בין א טייל פון פאָלק, זי ניט: אַ פאָלקס־פרייהייט איז ניט מ י י ן פרייהייט, און די פרעס־פרייהייט אלס פאָלקס־פרייהייט מוז האָבען ביי׳ן זייט א פרעס־געזעץ, וואָס איז געריכטעט אנטקעגען מ י ר.

איבערהויפּט מוז מען אָט דאָס קלאָרשטעלען אנטקעגען אלע היינטיגע פרייהייט־שטרעבונגען:

פ אָ ל ק ס ־פרייהייט איז ניט מ י י ן פרייהייט!

לאָמיר צולאָזען די קאַטעגאָריע „פאָלקספרייהייט“ און „פאָלקס־רעכט“: למשל דאָס פאָלקסרעכט, אז יעדער איינער זאָל מעגען טראָגען געוועהר. קאָן איך ניט אָנוועהרן אזא רעכט? מען קאָן

* מינדיג מיינט, האָבען געגרייכט דעם עלטער, ווען אַ מענש איז שוין פעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים און מעג ארויסזאָגען זיין מיינונג. עס נעהמט זיך פון דעם וואָרט „מונד“, אַ מויל. — דער איבערזעצער.

ניט אַנוועהרן קיין א י י ג ע נ ע ם רעכט, אָבער מען קאָן גאַנץ גוט אָנוועהרן אַ רעכט, וואָס געהערט ניט מיר, נאָר דעם פאָלק. מען קאָן מיך אַריינזעצען צוליעב דער פרייהייט פון פאָלק, און אַלס פער־משפט׳ער קאָן איך פערלירן דאָס רעכט צו טראָגען געוועהר.

דער ליבעראַליזם בעוויזט זיך אַלס די לעצטע פּראָבע צו בעשאַפען אַ פאָלקספרייהייט, אַ פרייהייט פון דער געמיינדע, פון דער „געזעלשאַפט", פון דער אַלגעמיינהייט, פון דער מענשהייט; ער איז דער טרוים פון אַ מינדיגער מענשהייט, אַ מינדיגען פאָלק, אַ מינדיגער געמיינדע, אַ מינדיגער „געזעלשאַפט".

אַ פאָלק קאָן ניט זיין פריי, סיידען אויף די קאָסטען פון דעם איינצעלנעם; וואָרים ביי דער דאָזיגער פרייהייט איז ניט דער איינצעלנער די הויפּטזאַך, נאָר דאָס פאָלק. וואָס פרייער האָט פאָלק איז, אַלץ געבונדענער איז דער איינצעלנער: דאָס פאָלק פון אַטהענס האָט גראָד אין זיין פרייעסטער פעריאָדע געשאַפען דעם אָסטראַציזם, פערטריבען די אַטעאיסטען און פערגיפטעט דעם עהרליכסטען דענקער.

ווי מען בעריהמט עס סאָקראַטעס׳ן פאַר זיין געוויסענהאַפ־טיגקייט, וועלכע האָט איהם ניט דערלאָזט אָננעהמען דעם ראַטה צו ענטלויפען פון תפיסה! ער איז אַ שוטה, פאַר וואָס ער האָט די אַטהענער געלאָזט דאָס רעכט איהם צו פעראורטיילען! דעריבער איז טאַקע רעכט אויף איהם; וואָרום בלייבט ער שטעהן מיט די אַטהענער אויף אַ גלייכען פוס? פאַרוואָס האָט ער זיך ניט אָבגע־זאָגט פון זיי? וואָלט ער געוואוסט און געקאָנט וויסען, וואָס ער איז געוועזען, וואָלט ער אַזעלכע ריכטער ניט געלאָזט האָבען אויף איהם קיין רעכט און קיין אָנשפּרוך. וואָס ער א י ז נ י ט ע נ ט־ל אָ פ ע ן, איז פונקט געוועזען זיין שוואַכקייט; זיין איינבילדונג, אַז ער האָט נאָך מיט די אַטהענער עפּעס געמיינשאַפטליכעס; זיין מיינונג, אַז ער איז אַ גליעד, אַ פּשוט גליעד פון דעם דאָזיגען פאָלק. ריכטיגער איז, אַז ער אַליין, אין זיין פּערזאָן, איז געוועזען דאָס דאָזיגע פאָלק, און נאָר ער אַליין האָט געקאָנט זיין זיין אייגענער ריכטער. עס איז ניט געוועזען קיין ר י כ ט ע ר א י ב ע ר א י ה ם; ער אַליין האָט דאָך ווירקליך אַרויסגעגעבען אויף זיך אַ ריכטער־דעקרעט, דערקלערנדיג אַז ער איז ווערטה מען זאָל איהם אויסהאַלטען אויף קהל׳שער רעכענונג אין פריטאַנעאום (דאָס קהל׳שע גאַסטהויז אין

אטהען). דערביי האָט ער געזאָלט בלייבען; און אזוי ווי ער האָט אויף זיך ניט ארויסגעשפראָכען קיין טויט־אורטייל, אזוי האָט ער אויך געדארפט פערבאכטען דעם אורטייל פון די אטהענער און ענטלויפען. ער האָט זיך אָבער אונטערגעגעבען און דערקענט אין פאָלק זיין ריכטער, האָט זיך קליין געהאלטען לגבי דער מאיעסטעט פון פאָלק. וואָס ער האָט זיך אונטערוואָרפען צו דער געוואלט ווי צו א רעכט (עס פערשטעהט זיך, א מענש קאָן בעזיעגט ווערן פון דער געוואלט אלס אזעלכער), איז געווען א פערראַטה אַנטקעגען זיך אליין: דאָס איז געווען א מאָראלער אַקט. דערזעלביגער מאָטיוו ווערט צוגעשריבען צו קריסטוס, וועלכער האָט זיך, לויט דער טראַדיציע, אָבגעזאָגט פון דער הילף פון זיינע הימעלשע חילות. לוטהער האָט געטהאָן זעהר וואויל און קלוג, וואָס ער האָט בעוואָרענט די זיכערקייט פון זיין רייזע נאָך וואָרמז שווארץ אויף וויים. סאָקראַטעס האָט געזאָלט וויסען, אז די אטהענער זיינען זיינע שונאים, און אז ער אליין איז זיין ריכטער. די זעלבסט־נארעריי וועגען א צושטאנד פון „רעכט, געזעץ" א. אז. וו. האָט געזאָלט פערשווינדען פאר דער איינזיכט, אז די שייכות צו דעם איז נאָר א שייכות פון געוואלט.

די גריכישע פרייהייט האָט זיך געענדיגט מיט שווינדלערישע געזעץ־דריידלעך און אינטריגעס. ווארום? ווייל די געוועהנליכע גריכען האָבען א סך ווייניגער געקאָנט גרייכען יענע קאָנזעקווענץ, וועלכע אפילו זייער געדאנקען־העלד סאָקראַטעס האָט ניט געקאָנט ציהען. וואָרים וואָס איז א געזעץ־דריידעל? דאָס איז א וועג ווי אויסצונוצען אַן עטאבעלירטען צושטאנד, ניט אָבשאפענדיג איהם. איך וואָלט נאָך געקאָנט צולעגען: „צום אייגענעם נוצען", אָבער דאָס ליעגט שוין אין דעם וואָרט „אויסנוצען". אזעלכע ווינקעל־אדוואָקאטען זיינען די טעאָלאָגען, וועלכע „דרעהען און פּשט'לען" גאָט'ס וואָרט. וואָס וואָלטען זיי געקאָנט אויסדרעהען, ווען עס וואָלט ניט געווען דאָס „עטאבעלירטע" גאָט'ס וואָרט? אַזוי אויך יענע ליבעראלען, וועלכע שאָקלען נאָר און דרעהען די „בעשטעהענדע אָרדנונג". אַלע זיינען זיי פערדרעהער, גלייך ווי יענע געזעץ־דרעהער. סאָקראַטעס האָט אָנדערקענט דאָס רעכט און דאָס געזעץ; די גריכען האָבען שטענדיג אויפגעהאלטען די אויטאָריטעט פון רעכט און געזעץ. ווען טראָץ דער דאָזיגער

אנדערקענונג האבען זיי דאך געוואלט דערגרייכען זייער נוצען, יעדער איינער זיינס, האבען זיי דאס געמוזט זוכען נאר אין דער געזעץ־פערדרעהונג אדער אין דער אינטריגע. אלקיביאדעס, א געניאלער אינטריגאנט, האט ארייגעפיהרט די פעריאדע פון דעם אטהענישען „אונטערגאנג“; דער ספארטאנער ליזאנדער און אנדערע בעווייזען, אז די אינטריגע איז געווארן אלגעמיין גריכיש. דאס גריכישע ר ע כ ט, אויף וועלכען די גריכישע ש ט א א ט ע ן האבען גערוהט, האט געמוזט פערדרעהט און אונטערגעגראבען ווערן פון די עגאיסטען אינערהאלב די דאזיגע שטאאטען, און די שטאאטען זיינען געגאנגען צו־גרונד, כדי די א י י נ צ ע ל נ ע זאלען קאנען ווערן פריי; דאס גריכישע פאלק איז געפאלען, ווייל די איינצעלנע האבען זיך ווייניגער געקימערט פאר דעם דאזיגען פאלק, ווי פאר זיך. בכלל זיינען אלע שטאאטען, קאנסטיטוציעס, קירכען א. אז. וו. אונטערגעגאנגען מחמת דעם א ר ו י ס ט ר ע ט ע ן פון די איינצעלנע; ווארים דער איינצעלנער איז דער אייביגער פיינד פון יעדער א ל ג ע מ י י נ ה י י ט, פון יעדען ב א נ ד, ד. ה. פון יעדער קייט. דאך רעדט מען זיך איין ביז אויף היינטיגען טאג, אז דער מענש ברויכט צו האבען „הייליגע בענדער“ — ער, דער טויט־פיינד פון יעדען „באנד“. די וועלט־געשיכטע בעווייזט, אז קיין באנד איז נאך ניט געבליבען א ניט־צעריסענער; זי בעווייזט. אז דער מענש וועהרט זיך ניט־מיעד־ווערנדיג אנטקעגען בענדער פון אלערליי מינים — און פונדעסטוועגען טראכט מען פערבלענדעטער־הייט ווידער און אבער רק פון נייע בענדער, און מען מיינט, אז מען האט שוין גאר געפונען דעם ריכטיגען, ווען מען לעגט אויף איהם ארויף דעם באנד פון אן אזויגערופענער פרייער קאנסטיטוציע, א שעהנעם קאנסטיטוציאנעלען באנד: די ארדען־בענדער, די בענדער פון צוטרויען צווישען „— — —“ זעהען שוין אוים דאכט זיך אביסעל צוגעשימעלט, אבער ווייטער ווי פון פיהר־שטריקלעך ביז הויזען־שנירלעך און האלז־בענדער איז מען ניט געגאנגען.

א ל ץ ו ו א ס א י ז ה י י ל י ג א י ז א ב א נ ד, א ק י י ט.

אלץ וואס איז הייליג ווערט פערדרעהט און מוז פערדרעהט ווערן פון די געזעץ־פערדרעהער; דעריבער האט די היינטיגע צייט אזא מאסע פון די דאזיגע פערדרעהער אין אלע קרייזען. זיי

גרייטען־צו דעם צוזאַמענבראָך פון געזעץ און רעכט, זיי ברייטען פאַר דאָס אָנקומען פון רעכטלאָזיגקייט.

אָרימע אַטהענער, וועלכע מען קלאָגט־אָן אין געזעץ־דרעהעריי און סאָפיסטיק! אָרימער אַלקיביאַדעס, וועלכען מען קלאָגט־אָן אין מאַכען אינטריגעס! דאָס איז דאָך אַקוראַט געווען דאָס בעסטע, וואָס איהר האָט געקאָנט טהאָן, אייער ערשטער פרייהייט־שריט. אייער עסכילוס, הערעָהאָט א. אז. וו. האָבען דאָך נאָר געוואָלט האָבען אַ פריי גריכיש פ אָ ל ק; איהר האָט ערשט אָנגע־הויבען האָבען אַ השגה פון א י י ע ר פרייהייט.

אַ פאָלק אונטערדריקט די דאָזיגע, וועלכע ווילען זיך ארויס־רוקען אריבער ז י י ן מ א י ע ס ט ע ט, דורך דעם אָסטראַציזם אנטקעגען די צו־מעכטיגע בירגער, דורך דער אינקוויזיציע אנטקע־גען די אפּיקורסים פון דער קירך, דורך דער — אינקוויזיציע אנטקעגען די הויכפערּרעטער אין שטאַאט א. אז. וו.

וואָרים דעם פאָלק געהט נאָר אָן זיין זעלבסטבעהויפּטונג; דאָס פאָלק פאָדערט פון יעדערן „פּאַטריאָטישע אויפאָפּפערונג“. פאָלגליך איז יעדערער פ א ר ז י ך איהם גלייכגילטיג, אַ גאָרנישט, און עס קאָן ניט טהאָן, אפילו ניט דערלאָזען עס זאָל געטאָן ווערן דאָס וואָס דער איינצעלנער און נאָר דער איינצעלנער מוז טהאָן — ז י ך ר ע א ל י ז י ר ע ן. אונגערעכט איז יעדעס פאָלק, יעדער שטאַאט, אנטקעגען דעם ע ג אָ י ס ט.

כל זמן עס עקזיסטירט אפילו נאָר איין אינסטיטוציע, וועלכע דער איינצעלנער טאָר ניט אויפלייזען, איז מיין אייגענהייט און זעלבסטאָנגעהעריגקייט נאָך זעהר ווייט. ווי קאָן איך צ. ב. ש. זיין פריי, ווען איך מוז זיך בינדען דורך אַ שבועה אָן אַ קאָנסטיטוציע, אַ כאַרטע, אַ געזעץ? ווען איך מוז „לייב און זעעל אָבשווערן“ צו מיין פאָלק? ווי קאָן איך זיין מיין אייגענער, ווען מיינע פעהיג־קייטען מעגען זיך ענטוויקלען נאָר אויף אַזויפיעל, אויף וויפיעל „זיי שטערן ניט די האַרמאָניע פון דער געזעלשאַפט“? (ווייטלינג).

דער אונטערגאַנג פון די פעלקער און דער מענשהייט וועט מ י ך איינלאַדען צום אויפגאַנג.

האָרך, אָט אַזוי ווי איך זיץ און שרייב פאַנגען אָן צו קלינ־גען די גלאָקען, כדי אָנצוזאָגען פאַר דעם מאָרגענדיגען טאָג די פייערונג פון דער טויזענדיעהריגער עקזיסטענץ פון אונזער ליעבען

דייטשלאנד. קלינגט, קלינגט — צו זיין בעגרעבעניש! איהר קלינגט דאך אזוי ערנסט פייערליך, ווי אייערע צינגער וואלטען עפעס געפיהלט, אז זיי בעגלייטען דאס א טויטען צו זיין רוה. דאס דייטשע פאלק און די דייטשע פעלקער האבען הינטער זיך א געשיכטע פון טויזענד יאהר: ׳סאר א לאנג לעבען! געהט שוין אין אייער רוה און שטעהט ניט אויף קיין תחית המתים, כדי די אלע, וועלכע איהר האט געהאלטען אין קייטען זאלען אמאל פריי ווערן. — טויט איז דאס פאלק. — לעבען זאל איך!

אָה, דו, פיעל־געפייניגט דייטשעס פאלק — וואס איז געווען דיין פייניגונג? עס איז געווען דער פיין פון א געדאנק, וואס האט ניט געקאנט בעשאפען פאר זיך קיין קערפער; דער פיין פון א פערוואגעלטען גייסט, וועלכער ווערט צורונען אין גארנישט פון יעדען קרעה פון א האהן און שמאכט פונדעסטוועגען נאך אן ערלייזונג און ערפילונג. אין מיר אויך האסטו לאנג געלעבט, דו ליעבער — געדאנק, דו ליעבער — רוח. איך האב שוין גאר געמיינט, אז איך האב געפונען דאס ווארט פאר דיין ערלייזונג, אז איך האב שוין ענטדעקט פלייש און ביינער פאר דעם בלאנ־דזשענדיגען גייסט: מיט אמאל הער איך זיי קלינגען, די גלאקען, וועלכע פיהרען דיך צו דיין אייביגער רוה, — און פערוועלקט ווערט די לעצטע האפנונג, עס רינט אוים די לעצטע ליעבע, און איך נעהם אבשייד פון דעם וויסטען הויז פון די געשטארבענע, און געה אריבער צו די — לעבעדיגע.

דען נאר דער לעבעדיגער האט רעכט.

פאהר געזונד, דו חלום פון אזויפיעל מיליאנען, פאהר געזונד, דו טויזענדיעהריגער טיראן פון דיינע קינדער!

מארגען טראגט מען דיך צום קבר; באלד וועלען דיינע שוועסטער, די פעלקער, געהן דעמזעלבען וועג. האבען זיי שוין אבער איינמאל זיך אלע אבגעטראגען, דאן איז — — די מענש־הייט בעגראבען, און איך בין מיין אייגענער, איך בין דער לאכע־דיגער יורש!

---

דאס ווארט „געזעלשאפט“ נעהמט זיך פון דעם ווארט „זאאל“. ווען א זאאל האלט איין אין זיך א סך מענשען, מאכט

דאַן דער זאַאַל די דאָזיגע מענשען צו זיין אין געזעלשאַפט. זיי זיינען דאַן אין געזעלשאַפט און דאָס העכסטע, וואָס זיי שטע־לען צוזאמען, איז אַ סאַלאָן־געזעלשאַפט, דערמיט וואָס זיי רעדען אין די טראַדיציאָנעלע פאָרמען פון דער סאַלאָן־שפּראַך. ווען עס קומט צו אַ ווירקליכען פערקעהר, דאַרף מען איהם בעטראַכ־טען ווי עפּעס, וואָס איז אונאָבהענגיג פון דער געזעלשאַפט, ווי עפּעס וואָס קאָן פאָרקומען אָדער פעהלען, ניט ענדערנדיג אין דער־זעלבער צייט דעם כאַראַקטער פון דאָס, וואָס הייסט געזעלשאַפט. אַ געזעלשאַפט זיינען די, וואָס געפינען זיך אין זאַאַל אפילו אַלס שטומע פערזאָנען, אָדער ווען זיי פּטר'ן זיך אָב נישט מעהר ווי מיט פּוסטע העפליכקייטס־פראַזען. אַ פערקעהר איז געגענזייטיג, עס איז די האַנדלונג, דאָס קאָמערציום פון די איינצעלנע; געזעלשאַפט איז נאָר די געמיינשאַפטליכקייט פון זאַאַל, און אפילו די סטאַטועז פון אַ מוזעאום־זאַאַל, קאָן מען זאָגען, געפינען זיך שוין אין געזעלשאַפט, זיי זיינען גרופּירט. מען פלעגט געוועהנליך זאָגען: „מיר האָבען פאַר אונז דעם זאַאַל געמיינשאַפטליך“, עס איז אָבער פיעל ריכטיגער צו זאָגען, אַז דער זאַאַל האָט אונז אין זיך. אָט דאָס איז די נאַטירליכע בעדייטונג פון וואָרט געזעלשאַפט. מיר זעהען דערפון אַרויס, אַז די געזעלשאַפט ווערט ניט בעשאַפען דורך מיר און דיר, נאָר דורך עפּעס אַ דריטעס, וואָס מאַכט פון אונז געזעלשאַפטס־טיילען, און אַז דאָס דאָזיגע דריטע איז דער שאַפענדער פאַקטאָר, וואָס בעשאַפט די געזעלשאַפט.

דאָס איינענע איז אויך מיט אַ געפענגניש־געזעלשאַפט אָדער געפענגניש־גענאָסענשאַפט (וועלכע געניסט דיזעלביגע געפענגניש). דאָ טרעפען מיר שוין אָן אַ דריטעס, וואָס איז אינהאַלטרייכער איידער יענער, דער זאַאַל, וועלכער איז בלויז געוועזן אַן אָרטיגער. אַ געפענגניש בעדייט ניט בלויז אַ פּלאַץ, נאָר אַ פּלאַץ מיט אַן אויסדריקליכער בעציהונג צו זיינע בעוואוינער: עס איז נאָר דורכדעם אַ געפענגניש, וואָס עס איז בעשטימט פאַר געפאַנגענע, אָהן זיי וואָלט עס ניט מעהר געוועזן ווי אַ פּשוט'ע געביידע. וואָס גיט די דאָזיגע מענשען, וועלכע זיינען פערזאַמעלט אין תפיסה, אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער? עס פערשטעהט זיך, דאָס געפענג־ניש, וואָרום זיי זיינען געפאַנגענע נאָר דורך דעם געפענגניש. ווער בעשטימט אַלזאָ די לעבענס־פאָרם פון דער געפענגניש־געזעל־

שאַפט? דאָס געפענגניש! ווער בעשטימט זייער פערקעהר? אפשר אויך דאָס געפענגניש? געווים קאָנען זיי פערקעהרען איינע מיט די אנדערע נאָר אַלס געפאַנגענע, ד. ה. נאָר אַזוי ווייט ווי די געזעצען פון געפענגניש דערלאָזען עס, אָבער דאָס געפענגניש קאָן ניט מאַכען אַז זיי אַליין, איך מיט דיר, זאָלען פערקעהרען איינע מיט די אַנדערע; אדרבא דאָס געפענגניש מוז טראַכטען ווי אַזוי אַזאַ עגאָיסטישען, ריין פּערזענליכען פערקעהר (און נאָר אַלס אַזעלכער איז ער ווירקליך אַ פערקעהר צווישען מיר און דיר) צו פערהיטען. אַז מיר זאָלען געמיינשאַפטליך אָבטאָן עפּעס אַן אַרבייט, דרעהען אַ ראָד, אָדער בכלל ארבייטען ביי וואָס עס איז, דערפאַר זאָרגט זיך אַ געפענגניש גאַנץ גוט: אָבער זאָל איך פערגעסען, אַז איך בין אַ געפאַנגענער און ווערען אריינטרע־טען מיט דיר, וועלכער פערגעסט אויך דערפון, אין אַ פערקעהר, מאַכט דאָס שוין אַ געפאַהר פאַר דעם געפענגניש, און ניט נאָר ווערט דאָס געפענגניש ניט מיטהעלפען דעריין, נאָר עס טאָר אַזאַ זאַך גאָרניט דערלאָזען. מחמת דעם גרונד בעשליסט די הייליגע און מאָראַליש־געזינטע פראַנצויזישע דעפּוטאַטען־קאַמער איינצו־פיהרען די „איינזאַמע צעל־פערהאַפטונג“, און אנדערע הייליגע וועלען טהאָן דיזעלביגע זאַך, כדי אָבצושניידען דעם „דעמאָראַלי־זירענדען פערקעהר“. די געפאַנגענשאַפט איז אַן איינגעפיהרטער און — הייליגער צושטאַנד, און מען טאָר קיין פערזוך ניט מאַכען איהם אָנצוריהרען. דער קלענסטער אָנגריף פון דער אַרט איז שטראָפבאַר, ווי יעדע מרידה אַנטקעגען אַ הייליגס, פון וועלכען דער מענש מוז זיין געכאַפּט און פערכאַפּט.

אַזוי ווי דער זאַאַל, אַזוי שטעלט אויך דאָס געפענגניש צונויף אַ געזעלשאַפט, אַ גענאָסענשאַפט, אַ געמיינשאַפט (צ. ב. ש. אַ געמיינשאַפט פון אַרבייט), אָבער ניט קיין פערקעהר, קיין גענענזייטיגקייט, קיין פעראיין. אין גענענטייל, יעדער פער־איין אין געפענגניש טראָגט אין זיך די געפעהרליכסטע זאָמען פון אַ „קאָמפּלאָט“, וועלכער קאָן אונטער גינסטיגע אומשטענדען אָנהויבען שפּראָצען און ברענגען פרוכט.

אין געפענגניש אָבער טרעט מען געוועהנליך ניט אַריין פריי־וויליג און זעלטען־ווען מען פערבלייבט דאָרטען פרייוויליג, נאָר מען שפּיהרט דעם עגאָיסטישען פערלאַנג נאָך פרייהייט. דעריבער

בעגרייפט מען דאָ גיכער, אז דער פּערזענליכער פּערקעהר פּערהאַלט זיך פּיינדליך צו דער געפּעננניש־געזעלשאַפט און זוכט אויפצולייזען די דאָזיגע געזעלשאַפט, די געמיינשאַפטליכע תפיסה.

לאָמיר דעריבער נאָכזעהן אַזוינע געמיינשאַפטען, אין וועלכע מיר פּערבלייבען, ווי עס זעהט אויס, גערן און פּרייוויליג, און וועלכע מיר ווילען ניט שטעלען אין געפאהר דורך אונזערע עגאָיס־טישע טריבען.

אַלס א געמיינשאַפט פון אַט אזא סאָרט שטעלט זיך אונז פאָר אויפ׳ן ערשטען פּלאַן די פּ אַ מ י ל י ע. עלטערן, מאַן און פרוי, קינדער, ברידער און שוועסטער שטעלען פאָר איין גאַנצעס אָדער מאַכען אויס א פּאַמיליע, וועלכע קאָן נאָך אויסגעברייטערט ווערן, ווען מען רעכענט אריין אויך די זייטיגע קרובים. די פּאַמיליע איז נאָר דאַן א ווירקליכע געמיינשאַפט, ווען איהרע מיטגליעדער היטען־אָב דאָס געזעץ פון דער פּאַמיליע, די געטרייקייט אָדער די פּאַמי־ליען־ליעבע. אַ זוהן, וועלכער איז געוואָרן גלייכגילטיג צו די עלטערן און צו זיינע שוועסטער און ברידער, איז א געוועזענער זוהן; וואָרים וויבאַלד די זוהנשאַפט ווייזט זיך מעהר ניט ארויס אויף א ווירקזאַמען אופן, האָט זי ניט קיין גרעסערע בעדייטונג איידער דער לאַנג־אויפגעהערטער צוזאַמענהאַנג צווישען מוטער און קינד דורך דער נאָפּעל־שטריק. דער פּאַקט וואָס מען האָט אַמאָל געלעבט אין דער דאָזיגער קערפּערליכער פּערבינדונג, לאָזט זיך, אַלס געשעהענע זאַך, ניט אָבמאַכען צוריק, און אַזוי ווייט בלייבט מען אייביג דער זוהן פון דער מוטער און דער ברודער פון איהרע איבעריגע קינדער; אָבער וואָס געהערט צו דעם ווייטער־דיגען שטענדיגען צוזאַמענהאַנג, קאָן עס נאָר קומען דורך א שטענ־דיג־אָנהאַלטענדער געטרייקייט, דורך אָט דעם פּאַמיליען־גייסט. די איינצעלנע זיינען נאָר דאַמאָלסט אין פולען זין גליעדער פון א פּאַמיליע, ווען זיי מאַכען דעם ק י ו ם פון דער פּאַמיליע פאַר זייער אויפגאַבע; נאָר ווען זיי זיינען ק אָ נ ס ע ר ו ו אַ ט י ו ו צו איהר [ווען זיי האַלטען זי אויף, ק אָ נ ס ע ר ו ו י ר ע ן זי], צווייפלען זיי ניט אין זייער באַזיס, די פּאַמיליע. איין זאַך מוז פאַר יעדען גליעדער פון א פּאַמיליע זיין פעסט און הייליג, און דאָס איז, די פּאַמיליע גופא, אָדער קלערער געזאָגט, די געטרייקייט. אַז די פּאַמיליע מוז האָבען א ק י ו ם, בלייבט א ניט־אָנגרייפבאַרע

וואַרהייט פאַר איהר יעדען גליעד, אזוי לאַנג ווי דאָס גליעד האַלט זיך פריי פון דעם פאַמיליען־פיינדליכען עגאָיזם. מיט איין וואָרט: — איז די פאַמיליע היילִיג, טאָר קיינער ניט, וואָס געהערט צו איהר, זיך אָבזאָגען פון איהר; טהוט ער עס יאָ, ווערט ער אַ „פערברעכער" אנטקעגען דער פאַמיליע. ער טאָר קיינמאָל ניט האָבען אַ פאַמיליען־פיינדליכען אינטערעס, צ. ב. ש. ניט שליסען אַ מיס־הייראַט. ווער עס טהוט דאָס, האָט „ענטעהרט די פאַמיליע", האָט איהר „געמאַכט בזיונות" א. אז. וו.

האָט דער עגאָיסטישער טריעב אין אַן איינצעלנעם ניט גענוג קראַפט, פאָלגט ער און שליסט אַ הייראַט, וועלכע קאָנפענירט די פאָדערונגען פון דער פאַמיליע, ער געהט אריין אין יחוס, וואָס האַרמאָנירט מיט איהר לאַגע, א. ד. ג., קוריז, ער „טהוט אָן כבוד דער פאַמיליע". פערקעהרט, ברענט אין אַנאַנדערן זעהר פייערדיג דאָס עגאָיסטישע בלוט, ציהט ער פאָר צו ווערן אַ „פערברעכער" געגען דער פאַמיליע און צוריקציהען זיך פון איהרע געזעצען.

וואָס ליעגט מיר נעהענטער אַם הארצען פון דיביידע, דאָס וואוילזיין פון דער פאַמיליע, אָדער מיין וואוילזיין? אין אַ סך פעלען וועלען ביידע געהן פריעדליך איינע מיט די אנדערע, און די נוצען וואָס די פאַמיליע וועט האָבען, זיינען צוגלייך מיינע נוצען, און אומגעקעהרט. עס לאָזט זיך דאַן שווער ענטשיידען, צי איך דענק אייגעננוציג, צי געמיינשאַפט־נוציג, און גיב זיך אפשר אַליין אַ וואוילגעפעליגע חניפה'לע פאַר מיין אונאייגעננוציגקייט. אָבער עס קומט אַ צייט, ווען דער בעשלוס ענטוועדער־אָדער מאַכט מיך ציטערן, ווען איך האָב ברעה צו פער־שעמען מיין משפחה און פערשטויסען פון זיך די עלטערן, שוועס־טער און ברידער, קרובים. ווי איז דאַמאָלסט? איצטער וועט זיך עס אַרויסצייגען ווי איך בין געזאָגען אין גרונד פון מיין הארצען; איצטער וועט עס ווערן קלאָר צי די געטרייקייט איז ביי מיר יעמאָלט העכער געשטאַנען איידער דער עגאָיזם; איצטער וועט דער אייגעננוציגער שוין מעהר זיך ניט קאָנען בעהאַלטען הינטער דעם שיין פון אונאייגעננוציגקייט. אַ וואונש ווערט געבוירן אין מיין נשמה, און וואַקסענדיג פון שטונדע צו שטונדע, ווערט ער אַ ליידענשאַפט. ווער דענקט עס גלייך וועגען דעם, אז אפילו די קלענסטע מחשבה, וואָס קאָן געהן להיפך צו דעם פאַמיליען־גייסט,

צו דער געטרייקייט, איז שוין אַן עולה געגען איהם — ניין, ווער איז גאָר, שוין גלייך אין דעם ערשטען מאָמענט, אַזוי פאָלשטענדיג קלאָר וועגען דער זאַך! יוליע'ן אין „ראָמעאָ און יוליע" פּאַסירט עס אַזוי. די ניט־בעהערשטע ליידענשאַפט לאָזט זיך ענדליך ניט מעהר איינצוימען און זי גראָבט אונטער די געביידע פון דער געטרייקייט. אודאי וועט איהר זאָגען, אַז אויס עקשנות וואַרפט די פאַמיליע אַרויס פון איהר שויס די אייגענווילינגע מיטגליעדער, וועלכע הערן זיך מעהר צו צו זייער ליידענשאַפט איידער צו דער פליכט פון געטרייקייט; די גוטע פּראָטעסטאַנטען האָבען דעמ־זעלביגען אויסרעד געברויכט מיט גרויס ערפאָלג אַנטקעגען די קאַטאָליקען, און האָבען אפילו אַליין געגלויבט אין דעם. דאָס איז אָבער ניט מעהר ווי אַ פּשט'ל, כדי אָראָבצוּוואַרפען פון זיך די שולד; מעהר גאָרנישט. די קאַטאָליקען האָבען זעהר טהייער געהאַלטען דעם געמיינשאַפטליכען קירך־פערבאַנד, און האָבען אַרויסגעשטויסען פון זיך יענע אפיקורסים, ווייל ביי זיי איז דער קירך־פערבאַנד ניט געווען אַזוי טהייער, אַז זיי זאָלען אָפּפערן צו איהם זייערע איבערצייגונגען. די קאַטאָליקען האָבען, הייסט עס, פעסטגעהאַלטען דעם פערבאַנד, ווייל דער דאָזיגער פערבאַנד, די קאַטאָלישע, ד. ה. די געמיינזאַמע און פעראייניגטע קירך, איז פאַר זיי געווען הייליג; די פּראָטעסטאַנטען, פערקעהרט, האָבען געשטעלט דעם פערבאַנד אויפ'ן הינטערשטען פּלאַן. דאָס איינענע איז מיט די, וואָס האַלטען ניט פון דער פאַמיליען־געטרייקייט. זיי ווערן ניט אַרויסגעשטויסען, נאָר זיי שטויסען זיך אַליין אַרויס, דערמיט וואָס זיי אַכטען זייער ליידענשאַפט, זייער אייגענווילען, העכער איידער דעם פאַמיליען־פערבאַנד.

עס טרעפט אָבער אַמאָל, אַז אַ וואונש גלימערט אין אַ ווייניגער־ליידענשאַפטליכען און אייגענווילינגען הארצען, איידער יוליא'ס האַרץ איז געווען. די נאָכגיביגע טאָכטער איז זיך מקריב צו דעם פריעדען פון דער פאַמיליע. מען וואָלט געקאָנט זאָגען, אַז דער אייגעננוץ הערשט אויך אין דעם פאַל, וואָרים דער בעשלוס קומט פון דעם געפיהל, אַז די נאָכגיביגע וועט זיך פיהלען מעהר בעפריעדיגט דורך דער פאַמיליען־איינינגקייט, איידער דורך דער ערפילונג פון איהר וואונש. דאָס קאָן זיין; ווי איז אָבער, ווען עס בלייבט איבער אַ זיכערער צייכען, אַז דער עגאָאיזם האָט זיך

געאָפּפּערט צו דער פּאַמיליען־געטרייקייט? ווי איז, ווען דער וואונש, וואָס האָט זיך געשטעלט אנטקעגען דעם פּאַמיליען־פריעדען, בלייבט לעבען אין הארצען אפילו נאָכדעם ווי ער איז געאָפּפּערט געוואָרן, ווענינגסטענס אַלס אַן עראינערונג וועגען דעם „קרבן“, וואָס עס איז געבראַכט געוואָרן צו עפּעס אַ הייליגען באנד? ווי איז, ווען די נאָכגיביגע טאָכטער פיהלט גאַנץ קלאָר, אז איהר אייגענווילען איז געבליבען אונבעפריעדיגט און אז ער האָט זיך אַ געבראָכענער אונטערגעוואָרפען צו אַ העכערער מאַכט? זי האָט זיך אונטערגעוואָרפען און געאָפּפּערט מיט זיך, ווייל דער אבער־גלויבען פון פּאַמיליען־געטרייקייט האָט אויסגעאיבט אויף איהר זיין הערשאַפט!

דאָרט האָט געזיעגט דער עגאָיזם, דאָ זיעגט די געטרייקייט, און דאָס עגאָיסטישע הארץ בלוטעט; דאָרט איז דער עגאָיזם געווען שטאַרק, דאָ איז ער געווען — שוואַך. די שוואַכע אָבער, ווי מיר ווייסען שוין פון לאַנג, זיינען אַלעמאָל די — אונאייגענ־נוציגע. פאַר זיי, פאַר אָט די שוואַכע מיטגליעדער, זאָרגט די פאַמיליע, ווייל זיי געהערען דער פּאַמיליע, זיינען פּאַמיליען־אָנגעהעריגע, געהערען ניט צו זיך אַליין און זאָרגען ניט פאַר זיך. די דאָזיגע שוואַכקייט לויבט העגעל צ. ב. ש., ווען ער פערלאַנגט, אַז די עלטערן זאָלען האָבען די דעה אין טהאָן שדוכים מיט די קינדער.

אַזוי ווי יעדע הייליגע געמיינשאַפט, וועמען דער איינצעלנער איז שולדיג געהאָרכזאַמקייט, אַזוי בעזיצט אויך די פּאַמיליע אַ ריכטערליכע פונקציע; אַזאַ „פּאַמיליען־געריכט“ ווערט צ. ב. ש. בעשריבען אין דעם „קאַבאַניס“ פון וויליבאַלד אַלעקסיס. דער פאָטער פערשיקט דאָרטן דעם זוהן אין נאָמען פון „פּאַמיליענראַטה“ אין סאָלדאַטען, און שטויסט איהם אַרויס פון דער פאַמיליע, כדי דורך דער דאָזיגער בעשטראָפונג וויעדער ריינצו־וואַשען די בעפלעקטע פּאַמיליע. — די קאָנזעקווענטעסטע ענטוויקלונג פון פּאַמיליען־פעראַנטוואָרטליכקייט האַלט אין זיך איין דאָס כינעזישע געזעץ, לויט וועלכען די גאַנצע פאַמיליע מוז ליידען פאַר דער שולד פון דעם איינצעלנעם.

היינטיגען טאָג, יעדענפאַלס, שפּרייט זיך די מאַכט פון דער פּאַמיליע ניט זעהר ווייט אויס, צו קאָנען ערנסט נעהמען אין די

הענד דעם אָבטריניגען גליעד (אין די מעהרסטע פעלען בעשיצט דער שטאַאט אפילו אנטקעגען ענטערבונג). דער פערברעכער אנטקעגען דער פאמיליע (פאמיליענפערברעכער) אנטלויפט אין דעם געביעט פון שטאַאט און איז פריי, אקוראַט ווי דער שטאַאט־פערברעכער, וואָס לויפט אוועק אין אמעריקא, קאָן ניט מעהר דער־גרייכט ווערן פון די שטראָפען פון זיין שטאַאט. ער, וואָס האָט געשענדעט זיין פאמיליע, דער בן סורר ומורה, ווערט בעשיצט אנטקעגען דער שטראָף פון דער פאמיליע, ווייל דער שטאַאט, אָט דער שוץ־הארר, נעהמט אוועק פון דער פאמיליען־שטראָף איהר „הייליגקייט“ און פראָפאנירט זי, בעשליסענדיג אַז זי איז נאָר — „ראַכע“: ער פערהינדערט די שטראָף, דאָס דאָזיגע הייליגע פאמיליען־רעכט, ווייל לגבי זיינער, דעם שטאַאט׳ס, הייליגקייט ווערט יעדעס מאָל די נידעריגערע הייליגקייט פון דער פאמיליע פערבלייכט און ענטהייליגט, אַזוי באַלד ווי זי קומט נאָר אין אַ קאָנפליקט מיט אָט דער העכערער הייליגקייט. וואו עס קומט ניט צו קיין קאָנפליקט, לאָזט דער שטאַאט די קלענערע הייליגקייט פון דער פאמיליע בעשטעהן, דערפאַר אָבער אין דעם געגענגעזעצטען פאַל בעפעהלט ער זאָגאַר צו בעגעהן דאָס פערברעכען אנטקעגען דער פאמיליע, און לעגט אַרויף אַ חוב אויף דעם זוהן צ. ב. ש. אָבצוזאָגען זיך פון געהאָרכזאמקייט צו דער פאמיליע, אַזוי באַלד ווי זי וויל איהם פערפיהרן צו בעגעהן אַ שטאַאט־פערברעכען.

אַלזאָ, דער עגאָיסט האָט צעריסען די בענדער פון דער פאמי־ליע און האָט געפונען אין דעם שטאַאט אַ הארר׳ן, וואָס בעשירמט איהם אנטקעגען דעם שווער־בעליידיגטען פאמיליען־גייסט. וואוהין אָבער איז ער איצטער אריינגעפאַלען? גלייך מיט׳ן קאָפּ אין אַ נייער געזעלשאַפט, וואו עס וואַרטען אויף זיין עגאָיזם דיזעלביגע פאַסטקעס און נעצען, פון וועלכע ער איז נאָר־וואָס ענטרונען געוואָרן. וואָרים דער שטאַאט איז פונקט אַזוי אַ געזעל־שאַפט, ניט קיין פעראיין: ער איז די אויסגעברייטערטע פאמי־ליע („לאַנדס־פאָטער“ — „לאַנדס־מוטער“ — „לאַנדס־קינדער“).

---

דאָס, וואָס מען רופט אָן שטאַאט, איז אַ געוועב און געפלעכט פון אָבהענגיגקייט און אָנהענגליכקייט; עס איז אַ צוזאַמענ־געהעריגקייט, אַ צוזאַמענהאַלטען זיך, וואו די צוזאַמען־איינגעאָר־

דענטע פאסען זיך צו איינער צום אנדערן, קורץ, העננגען־אָב געגענ־זייטיג איינע פון די אַנדערע. דער שטאאט איז די אָרדנונג פון אָט דער אָבהענגיגקייט. שטעלען מיר זיך פאָר, אז דער קעניג, וואָס זיין אויטאָריטעט איז דער קוואל פון וואנען אלע ביז'ן לעצטען פאָליציימאַן שעפּען זייער אויטאָריטעט, ווערט פערשוואונדען, וואָלטען דעננאָך אלע, ביי וועמען דער געפיהל פאר אָרדנונג איז וואך, אויפגעהאלטען די אָרדנונג אנטקעגען די הפקרות פון די בעסטיאלע אינסטינקטען. וואָלט, פערקעהרט, געזיעגט די אונ־אָרדנונג, דאן וואָלט געווען א סוף צום שטאאט.

איז אָבער אָט דער ליעבעס־געדאנק צוצופּאסען זיך איינער צום אנדערן, אָנצוהעננגען זיך איינער אויף דעם אנדערן און אָבצו־העננגען איינער פון דעם אנדערן, ווירקליך בכח אונז צו געווינען? דער שטאאט וואָלט אויף דעם אופן געווען די רעאליזירטע ליעבע, אלעמענס זיין איינע פאר די אַנדערע און לעבען איינע פאר די אנדערע. צי ווערט אָבער ניט פערלאָרן דער אייגען־זין צוליעב דעם אָרדנונגס־זין? צי איז ניט א סכנה, אז מענשען וועלען זיך איינגאנצען בענוגענען, ווען די אָרדנונג וועט בעזאָרגט ווערן דורך דער אויטאָריטעט, ד. ה. ווען די אויטאָריטעט גיט אכטונג, אז קיינער זאָל ניט „אָנטרעטען אויף דעם אנדערן", ווען די סטאדע, הייסט עס, איז שכל'דיג איינגעטיילט אָדער איינגעאָרדענט? וואָרים דאן איז דאָך אלץ „אין בעסטער אָרדנונג", און אָט די בעסטע אָרדנונג הייסט עס טאקע — שטאאט!

אונזערע געזעלשאפטען און שטאאטען עקזיסטירן, הגם מיר מאַכען זיי ניט; זיי זיינען פעראייניגט אָהן אונזער פעראייני־גונג; זיי זיינען פּרעדעסטינירט [פון פאָראויס בעשטימט] און האָבען א קיום אָדער אַן אייגענעם, אונאָבהענגיגען בעשטאנד; זיי זיינען אנטקעגען אונז עגאָיסטען דאָס בעשטעהענדע, וואָס לאָזט זיך ניט אויפלייזען. דער היינטיגער וועלט־קאמף, זאָגט מען, איז געריכטעט אנטקעגען דאָס „בעשטעהענדע". געוועהנליך אָבער ווערט עס פאלש־פערשטאנען און מען נעהמט עס אָן אין דעם זין, אז דאָס, וואָס בעשטעהט איצטער, זאָל נאָר פערביטען ווערן אויף עפּעס א בעסער־בעשטעהענדער אָרדנונג. אין דער אמת'ן דארף דער קריעג גיכער דערקלערט ווערן אויף דאָס בעשטעהענדע גופא, ד. ה. אויף דעם שטאאט (סטאטוס, בעשטאנד) בכלל, ניט א שטייגער נאָר

אויף דעם היינטיגען צושטאנד פון שטאאט. מענשען בעצוועקען ניט איינצופיהרען אנאנדער שטאאט (כדומה למשל א „פאלקס־שטאאט“), נאר זיי ווילען איינפיהרען זייער פ ע ר א י י ן, די פעראייניגונג, די שטענדיג־פליסיגע פעראייניגונג פון יעדען בעשטאנד. — א שטאאט עקזיסטירט אויך אהן מיין מיטווירקונג: איך ווער אין איהם געבוירן, דערצויגען, האב צו איהם פערפליכ־טונגען און מוז איהם דיענען „מחמת אהבה“. ער נעהמט מיך אריין אונטער זיין „שוץ“ און איך לעב פון זיין „חסד“. אט אזוי לעגט אוועק די זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ פון שטאאט דעם גרונד פון מיין אונזעלבסטשטענדיגקייט; זיין נאטירליכעם וואקסען, זיין ארגאניזם, פאדערט אז מיין נאטור זאל ניט פריי וואקסען, נאר זאל ווערן צוגעשניטען צו זיין מאס. כדי ע ר זאל קאנען זיך ענטוויקלען אין א נאטירליכען וואוקס, געברויכט ער אויף מיר די שער פון „קולטור“; ער גיט מיר אן ערציהונג און בילדונג, וואס איז אנגעמאסטען פאר איהם, ניט פאר מיר, און לערנט מיך צ. ב. ש. צו רעספעקטירען די געזעצען, זיך אבהאלטען פון צו פערלעצען דעם שטאאט'ס אייגענטום (ד. ה. פריוואט אייגענטום), צו עהרען די געטליכע און ערדישע אויטאריטעט א. אז. וו.; קורץ, ער לערנט מיך — צו זיין א ו נ ש ט ר א פ ל י ך [ניט צו טהאן עפעס וואס פערדיענט א שטראף], דורכדעם וואס איך וועל אפפערן מיין אייגענהייט צו דער „הייליגקייט“ (הייליג איז אלעס מעגליכע, צ. ב. ש. אייגענטום, דעם אנדערנ'ס לעבען א. אז. וו.). אין דעריין בעשטעהט דער סארט קולטור און בילדונג, וואס דער שטאאט קאן מיר געבען: ער האדעוועט מיך אויס צו זיין א „געברויכבארעס ווערקצייג“, א „געברויכבארעס מיטגליעד פון דער געזעלשאפט“.

דאס מוז טהאן יעדער שטאאט, דער פאלקסשטאאט אזוי גוט זוי דער אבסאלוטער אדער קאנסטיטוציאנעלער שטאאט. ער מוז עס טהאן, אזוי לאנג ווי מיר בלייבען שטעקען אין דעם טעות, אז ער איז א „א י ך“, און אלס אזעלכער לעגט ער זיך דערנאך שוין צו דעם נאמען „מאראלישע, מיסטישע אדער שטאאטליכע פער־זאן“. איך, וואס איך בין ווירקליך איך, מוז אראברייסען ד'זם איך'ס לייבען־הויט פון אט דעם שטאלצירענדען דיסטעל־פרעסער [פון אט דעם עזעל]. וועלכע פערשיידענארטיגע רויבערייען האב איך שוין ניט אריבערגעטראגען אין דער וועלט־געשיכטע! דארט

האָב איך געלאָזט די זון, לבנה און שטערען, קעץ און קראָקאָדילען זיך נעהמען די עהרע צו גילטען אלס „איך"; דאָ איז געקומען יעהאָווא, אללאה און „אונזער פאָטער" און זיינען בעשענקט געוואָרן מיט דעם „איך"; דאָרט זיינען געקומען פאמיליען, שטאמען, פעלקער און ענדליך גאָר די מענשהייט, און זיינען האָנאָרירט געוואָרן אלס „איך'ן"; דאָ איז געקומען דער שטאאט, די קירך מיט דער פרעטענזיע צו זיין א „איך", און איך האָב האָס אלעם רוהיג צוגעזעהן. וואָס איז דער וואונדער, ווען צו אלעם דעם האָט זיך תמיד בעוויזען אויך אווירקליכער „איך" און האָט מיר גלייך אין די אויגען בעהויפטעט, אז ער איז ניט מיין „דו", נאָר מיין אייגענער איך. האָט דאָך די אייגענע זאך געטאָן דער מענשען־זוהן פאר עקסעלאַנס [יעזוס], ווארום זאָל דאָס ניט קאָנען טהאָן א פשוט'ער מענשען־זוהן, אַן איינפאכער מענש? אָט אזוי האָב איך מיין איך אלעמאָל געזעהן איבער מיר און פון דרויסען פון מיר, און האָב ווירקליך קיינמאָל ניט געקאָנט קומען צו מיר.

איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט אין זיך, האָב קיינמאָל ניט געגלויבט אין מיין געגענוואַרט און האָב זיך נאָר געזעהן אין דער צוקונפט. דער אינגעל גלויבט, אז ער וועט ערשט ווערן א ריכטיגער איך, א ריכטיגער יונג, ווען ער וועט זיין א דערוואקסענער מענש; דער דערוואקסענער מענש דענקט, אז ערשט אויף יענערוועלט וועט ער ווערן עפּעס רעכטעס. און — לאָמיר גלייך צוגעהן נעהענטער צו דער ווירקליכקייט — אפילו די בעסטע מענשען רעדען נאָך היינט איין איינער דעם אַנדערן, אַז מען מוז האָבען אַריינגענומען אין זיך דעם שטאאט, אונזער פאָלק, די מענשהייט און ווייס־איך־וואָס־נאָך, כדי צו זיין א ווירקליכער איך, א „פרייער בירגער", א שטאאטס־בירגער, א „פרייער אָדער אמת'ער מענש". אפילו זיי זעהען מיין וואַרהייט און ווירקליכקייט אין מיין אויפנעהמען א פרעמדען איך און אין דעם אָבגעבען זיך צו איהם. און נאָך וואָס פאר אַן איך? אַן איך, וואָס איז ניט קיין איך, ניט קיין דו, אַן איינגעבילדעטען איך, א רוח.

בעת אין מיטעלאלטער האָט די קירך גאַנץ גוט געקאָנט פערטראָגען, אַז פיעלערליי שטאאטען זאָלען לעבען פעראייניגט אין איהר, האָבען די שטאאטען נאָך דער רעפאָרמאַציאָן, ספּעציעל נאָכ'ן דרייסיג יעהריגען קריעג, זיך אויסגעלערנט צו פערליידען, אַז

פיעלערליי קירכען (ד. ה. קאָנפעסיאָנען) זאָלען זיך צונויפזאמלען אונטער איין קרוין. אַלע שטאאטען זיינען אָבער רעליגיעזע און, ווי דער פאַל איז, „קריסטליכע שטאאטען“, און זיי האָבען עס געמאכט פאַר זייער אויפגאבע צו צווינגען די אונבויגזאמע, די „עגאָיסטען“, אונטער דעם באַנד פון דאָס אונגאטירליכע, ד. ה. זיי צו קריסטיאניזירען. אַלע אנשטאַלטען פון דעם קריסטליכען שטאאט האָבען אלס זייער צוועק די קריסטיאניזירונג פון פאָלק. דאָס געריכט האָט דעם צוועק צו צווינגען די מענשען צו גערעכטיגקייט, די שולע — זיי צו צווינגען צו דער בילדונג פון גייסט; קורץ, זיי האָבען דעם צוועק צו בעשיצען די, וואָס פיהרען זיך קריסטליך, אנטקעגען די, וואָס פיהרען זיך ניט־קריסטליך, צו ברענגען די קריסטליכע פיהרונג צו הערשאפט, צו מאכען זי מעכטיג. צו די דאָזיגע מיטלען פון צוואנג רעכענט דער שטאאט אויך צו די קירך, ער פערלאנגט פון יעדערן — אַ בעשטימטע רעליגיאָן. דופין האָט דאָ ניט לאנג געזאָגט אנטקעגען די גייסטליכע: „דער אונטעררי כט און די ערציהונג געהערן דעם שטאאט“.

אַ שטאאט־זאַך איז יעדענפאלס אלץ, וואָס געהערט דעם פרינציפּ פון זיטליכקייט. דעריבער מישט זיך אזויפיעל דער כינעזישער שטאאט אין די פאמיליען אָנגעלעגענהייטען, און מען האָט דאָרטען קיין בעטרעף ניט, אויב מען איז ניט פריהער פאר אלץ אַ גוט קינד צו די עלטערן. די פאמיליען־אָנגעלעגענהייט איז ביי אונז אויך דורכאוים אַ שטאאט־אָנגעלעגענהייט, נישט מעהר וואָס אונזער שטאאט האָט — צוטרויען צו די פאמיליען אָהן אַן אנגסטליכער אויפזיכט; ער האלט די פאמיליע געבונדען דורך דעם עהע־בונד, און אָהן איהם קאָן דער דאָזיגער בונד ניט געלייזט ווערן.

דאָס אָבער, וואָס דער שטאאט מאכט מיך פעראנטוואָרטליך פאר מיינע פרינציפּען און פאָדערט געוויסע פרינציפּען פון מיר, קאָן מיך מאכען פרעגען: וואָס געהען איהם אָן מיינע „רעדער אין קאָפּ“ (מיינע פרינציפּען)? זעהר פיעל, וואָרים ער איז דער הערשענדער פרינציפּ. מען מיינט, אז אין די ענינים פון גט'ן זיך, ווי בכלל אין די עהע־געזעצען, איז די פראגע נאָר וועגען דער מאָס פון רעכט צווישען קירך און שטאאט. פיעל מעהר

האַנדעלט עס זיך וועגען דעם, צי עס זאָל הערשען איבער דעם מענשען עפּעס אַ היילינעס, מעג עס הייסען גלויבען אָדער זיטען־געזעץ (מאָראַליטעט). דער שטאַאַט פיהרט זיך אויף אַלס דער־זעלבינגער הערשער, ווי די קירך איז געווען. די רוהט אויף פרומ־קייט, יענער — אויף זיטליכקייט.

מען רעדט וועגען דער טאָלעראַנץ, וועגען דער פרייהייט, וואָס ווערט געגעבען די געגענגעזעצטע ריכטונגען א. ד. ג., מיט וועלכע די ציוויליזירטע שטאַאַטען צייכענען זיך אויס. געוויס זיינען איינינע שטאַאַטען גענוג שטאַרק, רוהיג צוצוזעהן אפילו די העכסט־אונאיינגעהאַלטענע פּערזאַמלונגען, בעת אַנדערע שיקען אַרויס זייערע פּאָליציי־קנעכט מאַכען אָבלאַוועס אויף טאַבאַק־ליולקעס. אָבער די בעציהונגען פון די איינצעלנע צווישען זיך, זייער אַרומלויפען הין און הער, זייער טעגליך לעבען, זיינען פאַר איין שטאַאַט ווי פאַר דעם אַנדערן אַ צ ו פ ע ל י ג ק י י ט, וועלכע ער מוז איבערלאָזען צו זיי אַליין, פשוט ווייל ער ווייס ניט וואָס אָנהויבען צו טהאָן דערמיט. איינינע זיינען טאַקע פאַראַן, וואָס „זאַיען דורך פליעגעלעך און שלינגען אַראָב קעמלען", בעת אַנדערע זיינען געשייטער. אין די לעצטערע זיינען די איינצעלנע „פרייער", ווייל מען טשעפּעט זיך צו זיי ווייניגער. פריי אָבער בין א י ך אין ק י י ן שטאַאַט ניט. די בעריהמטע טאָלעראַנץ פון די שטאַאַטען איז נישט מעהר ווי אַ טאָלעראַנטערע בעציהונג צו די „אונשעדליכע", די „ניט־געפעהרליכע"; עס איז נישט מעהר ווי אַן אויפהויבען זיך העכער איבער די קליינליכקייטען, נאָר אַ מעהר אַכטונגסווערטהע, אַ גרויסאַרטיגערע, אַ שטאָלצערע — דעספּאָטיע. אַ געוויסער שטאַאַט האָט אַ שטיק צייט אויסגעזעהן צו וועלען שטעהן העכער איבער די ל י ט ע ר אַ ר י ש ע מחלקות, וועלכע האָבען געמעגט אָנגעפיהרט ווערן מיט דער גרעסטער היץ; ענגלאַנד שטעהט העכער איבער דעם פאָלקס־טומעל און דעם — טאַבאַק־רויכערן. וועה איז אָבער צו דער ליטעראַטור, וועלכע גיט קלעפּ דעם שטאַאַט גופא, וועה איז צו די פאָלקס־אונרוהען, וואָס „זיינען אַ סכנה" פאַר דעם שטאַאַט. אין יענעם געוויסען שטאַאַט טרוימט מען וועגען אַ „פרייער וויסענשאַפט", אין ענגלאַנד טרוימט מען וועגען אַ „פרייען פאָלקס־לעבען".

דער שטאַאַט לאָזט, אמת, די איינצעלנע וויפיעל מעגליך פריי

זיך שפיעלען, נאָר ערנסט טאָרען זיי עס ניט מאַכען; זיי טאָרען איהם ניט פערגעסען. אַ מענש טאָר ניט פער־קעהרן מיט דעם אַנדער מענישען אָהן „אויפפאַסונג“, אָהן אַ „העכערער אויפזיכט און פערמיטלונג“. איך טאָר ניט ארויסגעבען אַלץ וואָס איך קאָן, נאָר בלויז אַזויפיעל, וויפיעל דער שטאַאט ערלויבט; איך טאָר ניט רעאַליזירן מיינע געדאַנקען, מיין אַרבייט, און איבערהויפּט גאָרנישט, וואָס איז מיינס.

דער צוועק פונ׳ם שטאַאט איז אַלעמאָל צו בעשרענקען, איינ־צוצוימען, צו סובאָרדינירן דעם איינצעלנעם, צו מאַכען איהם אונטערטעניג צו אַ וועלכער עס איז אַלגעמיינהייט. דער שטאַאט האַלט זיך נאָר אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דער איינצעלנער איז ניט אַלעס אין אַלעמען; ער איז נאָר די דייטליך־אויסגעדריקטע בעשרענקטקייט פון מיין „איך“, ער איז מיין בעשרענקונג, מיין שקלאַפעריי. אַ שטאַאט ציעלט קיינמאָל ניט ארויסצוברענגען די פרייע טהעטיגקייט פון די איינצעלנע, נאָר אַלעמאָל די טהעטיגקייט, וואָס איז געבונדען מיט די צוועקען פון שטאַאט. דורכ׳ן שטאַאט קומט אויך ניט ארויס קיין געמיינ־זאַמע זאַך, פונקט ווי מען קאָן ניט אָנרופען דאָס שטיק געוועב די געמיינזאַמע אַרבייט פון אַלע איינצעלנע טיילען פון אַ מאַשין: עס איז ריכטיגער די אַרבייט פון דער גאַנצער מאַשין אַלס אַן איינהייט, עס איז מאַשין־אַרבייט. אויפ׳ן זעלבען אופן ווערט אַלץ געטאָן אויך דורך דער שטאַאט־מאַשין, וואָרים זי בעוועגט די רעדער־ווערק פון די איינצעלנע מוחות און קיינער פון זיי פאָלגט ניט דעם אייגענעם אימפולס. דער שטאַאט זוכט צו שטערן יעדע פרייע טהעטיגקייט דורך זיין צענזור, זיין אויבער־וואַך, זיין פאָליציי, און ער האַלט די דאָזיגע שטערונג פאַר זיין פליכט, ווי עס איז אין דער אמת׳ן די פליכט פון זעלבסט־דערהאַלטונג. דער שטאַאט וויל אימער עפּעס מאַכען פון דעם מענשען, דעריבער לעבען אין איהם נאָר געמאַכטע מענשען; יעדערער וואָס וויל זיין אַליין אַ מענש, איז זיין געגנער און איז גאָרנישט. „ער איז גאָרנישט“ מיינט צו זאָגען: דער שטאַאט בענוצט איהם ניט, לאָזט פאַר איהם ניט קיין שטעלע, קיין אַמט, קיין בעשעפטיגונג א. ד. ג.

ע. בויער,* אין די „ליבעראלע בעשטרעבונגען“ II, 50, טרוימט נאָך אַלץ פון אַ „רעגירונג, וועלכע קומט אַרויס פון פאָלק און קאָן דעריבער קיינמאָל ניט שטעהן אין אָפּאָזיציע צום פאָלק“. אמת, ער נעהמט (ז. 69) דאָס וואָרט „רעגירונג“ אַליין צוריק: „אין דער רעפּובליק איז גאָר ניט שייך צו רעדען פון אַ רעגירונג, נאָר בלויז פון אַן עקזעקוטיווער מאַכט. אַ מאַכט, וועלכע געהט אַרויס איינציג און ריין פון דעם פאָלק אַליין; וועלכע האָט ניט איבער׳ן פאָלק קיין זעלבסטשטענדיגע מאַכט, קיינע זעלבסטשטענדיגע פּרינציפּען, קיינע זעלבסטשטענדיגע בעאַמטע, זאָנדערן וועלכע האָט איהר בעגרינדונג, דעם קוואַל פון איהר מאַכט און איהרע פּרינציפּען אין דער איינציגער העכסטער מאַכט פון שטאַאט, אין פאָלק. דער בעגריף רעגירונג פּאַסט זיך אַלזאָ גאָר ניט אין דעם פאָלקס־שטאַאט“. עס בלייבט אָבער דיזעלביגע זאַך. דאָס „אַרויס־געגאַנגענע, בעגרינדעטע און פון קוואַל געפלאָסענע“ ווערט עטוואָס „זעלבסטשטענדיגס“, און ווי אַ קינד וואָס איז ענטבונדען געוואָרען פון מוטערלייב, שטעלט זיך עס גלייך אין אָפּאָזיציע. ווען די רעגירונג וואָלט ניט געווען עטוואָס זעלבסטשטענדיגעס און אָפּאָנירענדעס, וואָלט זי געווען גאָרנישט.

„אין דעם פרייען שטאַאט איז ניטאָ קיין רעגירונג, א. אז. וו.“ (ז. 94). דאָס מיינט דאָך צו זאָגען, אַז ווען דאָס פאָלק איז ס ו א ו ו ע ר ע ן, לאָזט עס זיך ניט פיהרען פון אַ העכערער מאַכט. איז דאָס אפשר אַנדערש אין דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע? איז דען דאָרטען פאַראַן פאַר דעם ס ו א ו ו ע ר ע נ ע ם אַ רעגירונג, וואָס שטעהט איבער איהם? איבער דעם סואווערענעם, ער מעג הייסען קעניג אָדער פאָלק, שטעהט קיינמאָל ניט קיין רעגירונג, דאָס פעד־שטעהט זיך פון זיך אַליין. איבער מ י ר אָבער וועט שטעהן אַ רעגירונג אין יעדען שטאַאט, אין דעם אַבסאָלוטען, אַזוי גוט ווי אין דעם רעפּובליקאַנישען אָדער „פרייען“ שטאַאט. א י ך בין דאָרט אויף צרות, אין איינעם אַזוי גוט ווי אין דעם אַנדערען.

די רעפּובליק איז מעהר גאָרנישט, ווי נאָר די — אַבסאָלוטע

* דאָסזעלביגע, וואָס איז געזאָגט געוואָרען אין דער שלוסבעמערקונג נאָך דעם הומאַנעם ליבעראַליזם, איז ריכטיג אויך בנוגע צו די בעמער־קונגען, וואָס קומען דאָ — געמליך, אַז זיי זיינען אָנגעשריבען געוואָרען גלייך ווי עס ערשיענען דאָס ציטירטע בוך.

מאָנארכיע; וואָרים עס איז קיין חילוק ניט צי דער מאָנארך הייסט קעניג אָדער פּאָלק, וויבאַלד אז זיי זיינען ביידע א „מאַיעסטעט“. גראָד דער קאָנסטיטוציאָנאַליזם בעווייזט, אז קיינער קאָן ניט און וויל ניט זיין בלויז א ווערקצייג. די מיניסטאָרען דאָמינירן איבער זייער הארר, דעם קעניג, די דעפּוטירטע — איבער זייער הארר, דעם פּאָלק. דאָ, הייסט עס, זיינען שוין די פּ א ר ט י י ע ן ווייניג־סטענס פריי, נעמליך די פּארטיי פון בעאמטע (די אזויגערופענע פּאָלקס־פּארטיי). דער קעניג מוז זיך צופּאסען צו דעם ווילען פון די מיניסטאָרען, דאָס פּאָלק מוז טאַנצען נאָך דעם פייפעל פון די קאמערען. דער קאָנסטיטוציאָנאַליזם איז ווייטער איידער די רעפּוב־ליק, ווייל ער איז דער שטאאט, וואָס הויבט זיך שוין אָן אויפ־צולייזען.

ע. בויער לייקענט (ז. 56), אז דאָס פּאָלק אין א קאָנסטיטו־ציאָנעלען שטאאט איז א „פּערזענליכקייט“; אין א רעפּובליק, הייסט עס, איז פערקעהרט? גוט, אין דעם קאָנסטיטוציאָנעלען שטאאט איז דאָס פּאָלק — א פּ א ר ט י י, און א פּארטיי איז דאָך זיכער א פּערזענליכקייט, אויב מען וויל איבערהויפּט רעדען פון א „שטאאטליכער“ (ז. 76) מאָראַלישער פּערזאָן. די זאַך איז די, אז א מאָראַלישע פּערזאָן, מעג זי הייסען פּאָלקס־פּארטיי, אָדער פּאָלק, אָדער אפילו „דער הארר“, איז אויף קיין אופן ניט קיין פּערזאָן, נאָר א רוח.

ווייטער זאָגט ע. בויער (ז. 69): „די אָפּעקונסטוואָ איז דער הויפּט־כאראקטעריסטישער צייכען פון א רעגירונג“. אין אמת'ן איז עס נאָך מעהר כאראקטעריסטיש פאר א פּאָלק און א „פּאָלקס־שטאאט“; זי איז דאָס כאראקטעריסטישע פון יעדער ה ע ר־ש א פ ט. א פּאָלקס־שטאאט וועלכער „פעראייניגט אין זיך יעדע מאכט־פּאָלקאָמענהייט“, דער „אבסאָלוטער הארר“, קאָן מיך ניט לאָזען ווערן מעכטיג. און וואָס פאר א נארישע איינבילדונג ניט צו וועלען מעהר אָנרופען די פּאָלקס־בעאמטע „דיענער, ווערקצייג“, ווייל זיי „פיהרען אויס דעם פרייען, פערנינפטיגען געזעץ־ווילען פון פּאָלק“! (ז. 73.) ער אליין זאָגט (ז. 74): „נאָר דורכדעם וואָס אלע בעאמטען־קרייזען ווארפען זיך אונטער די אָנזיכטען פון דער רעגירונג, קאָן געבראכט ווערן איינהייט אין שטאאט“; זיין פּאָלקס־שטאאט מוז דאָך אייך האָבען איינהייט, איז ווי אזוי ווי ועט

דאָרט קאָנען פעהלען די אונטערוואָרפענקייט, די אונטערוואָרפענ־קייט צו דעם — פאָלקסווילען?

„אין דעם קאָנסטיטוציאָנעלען שטאאט איז דאָס דער קעניג (רעגענט) און זיינע אַ נ ז י כ ט ע ן, אויף וואָס עס רוהט סוף כל סוף די גאנצע רעגירונגס־געביידע" (דאָרט גופא, ז. 130). ווי וואָלט עס זיין אנדערש אין דעם „פאָלקס־שטאאט"? ווער א י ך ניט דאָ אויך רעגירט פון דעם פאָלק'ס אַ נ ז י כ ט ע ן? און מאכט עס פ א ר מ י ר אַן אונטערשייד, צי איך געפין זיך געהאַלטען אין אַבהענגיגקייט פון די קעניגליכע אַנזיכטען, אָדער פון דעם פאָלק'ס־אַנזיכטען, פון דער אַזויגערופענער „עפענטליכער מיינונג"? אויב אַבהענגיגקייט הייסט דיזעלביגע זאך וואָס א „רעליגיעזע פערהעל־טעניש", ווי ע. בויער שטעלט עס ריכטיג אַוועק, דאַן בלייבט פ א ר מ י ר דאָס פאָלק אין דעם פאָלק'ס־שטאאט די העכערע מאכט, די „מאיעסטעט" (וואָרים דאָס אייגענטליכע וועזען פון גאָט און קעניג ליעגט אין דער „מאיעסטעט"), צו וועלכער איך שטעה אין א רעליגיעזער פערהעלטעניש. — אַזוי ווי דער סואווערענער רעגענט, אַזוי וועט אויך דאָס סואווערענע פאָלק ניט קאָנען געגרייכט ווערן פון קיין ג ע ז ע ץ. ע. בויער'ס גאַנצער פלאַן לאָזט זיך אוים מיט א ב י י ט פ ו ן ה א ר ר ע ן. אַנשטאָט צו וועלען פריי מאכען דאָס פאָלק, האָט ער בעסער געזאָלט טראַכטען וועגען דער איינציגער רעאַליזירבארער פרייהייט, וועגען זיין אייגענער.

אין דעם קאָנסטיטוציאָנעלען שטאאט איז ענדליך דער אַ ב ס אָ ל ו ט י ז ם גופא געקומען אין א קאָנפליקט מיט זיך אַליין, ווייל ער איז צוטרייסעלט געוואָרן אין צוויי ען: די רעגירונג וויל זיין אבסאָלוט און דאָס פאָלק וויל זיין אבסאָלוט. אָט די ביידע אבסאָלוטען וועלען זיך איינע די אנדערע צורייבען.

ע. בויער איז מתרעם, וואָס דער רעגענט ווערט בעשטימט דורך דער ג ע ב ו ר ט, דורך דעם צ ו פ א ל. ווען אָבער „דאָס פאָלק וועט זיין די איינציגע מאכט אינ'ם שטאאט" (ז. 132), וועלען מיר דאַן ניט האָבען אין איהם א הארר על פי צ ו פ א ל? וואָס איז דען דאָס פאָלק? דאָס פאָלק איז אַלעמאָל נאָר געווען דער ג ו ף פון דער רעגירונג; דאָס זיינען פיעלע אונטער איין היטעל (דעם קעניג'ס היטעל) אָדער פיעלע אונטער איין קאָנסטי־טוציע. און די קאָנסטיטוציע איז דער — קעניג. פירשטען און

פעלקער וועלען אזוי לאנג בעשטעהן, ביז וואנען זיי וועלען ביידע צוזאמען פאלען. אויב עס זיינען פאראן איינינע פעלקער אונטער איין קאנסטיטוציע, ווי צ. ב. ש. אין דער אלט־פערסישער מאנארכיע און היינט, דאן גילטען די דאזיגע פעלקער נאר אלס „פראווינצען". פאר מיר איז יעדענפאלס דאס פאלק א — צופעליגע מאכט, א נאטור־געוואלט, א פיינד, וועלכען איך מוז בעזיעגען.

וואס דארפען מיר זיך פארשטעלען אונטער אן „ארגאניזירטען" פאלק (דארט גופא, ז. 132)? א פאלק, וואס „האט מעהר קיין רעגירונג ניט", וואס רעגירט זיך אליין. אלזא, א צושטאנד, אין וועלכען קיין „איך" פערנעהמט ניט קיין פראמינענטען פלאץ, א פאלק, וואס איז ארגאניזירט דורך דעם אסטראציזם. דאס פערטרייבען פון די איך'ן, דער אסטראציזם, מאכט דעם פאלק פאר א זעלבסטהערשער.

רעדט איהר וועגען פאלק, מוזט איהר רעדען וועגען פירשט; ווארים אויב דאס פאלק דארף זיין א סוביעקט און מאכען געשיכטע, מוז עס, ווי יעטווידער וואס איז טהעטיג, האבען א קאפ, א „העכסטען קאפ". ווייטלינג שטעלט עס קלאר ארויס אין זיין „טריא", און פרודאן דערקלערט: „אן אצעפאלישע געזעלשאפט, א געזעלשאפט אהן א קאפ, קאן ניט לעבען".*

דער „וואקס פאפולי" [די שטימע פון פאלק] ווערט אונז איצטער נאכאנאנד פארגעהאלטען, און מען בעהויפטעט, אז די עפענטליכע מיינונג דארף הערשען איבער די פירשטען. געוויס איז טאקע דער „וואקס פאפולי" אין דערזעלביגער צייט דער „וואקס דעי" [די שטים פון גאט], אבער טויגען זיי ביידע אויף עפעס? און איז דען ניט דער „וואקס פרינציפים" [די שטים פון קעניג] אויך דער „וואקס דעי"?

פערבייגעהענדיג מעג מען דא דערמאנען די „נאציאנאלע". פערלאנגען פון די אכט און דרייסיג דייטשע שטאאטען, זיי זאלען אלע האנדלען ווי איין נאציאן, איז פונקט אזוי אונזיניג, ווי דער בעגעהר, אז אכט און דרייסיג ביהנען־מחנות, וואס ווערן געפיהרט פון אכט און דרייסיג ביהנען־קעניגינען, זאלען זיך פעראייניגען אלע אין איין מחנה. ביהנען בלייבען זיי אלע; אבער עס

---

* „קרעאסיאן דע ל'ארדר", ז. 485.

איז ניט די ביהנען אַלס ביהנען, וואָס געהערן צוזאַמען און קאָנען זיך צוזאַמענבינדען, נאָר די אונטערטעניגע ביהנען זיינען פערבונדען מיט די הערשענדע קעניגינען. ביהנען און פעלקער זיינען ווילענלאָז, און דער אינסטינקט פון זייערע קעניגינען פיהרט זיי.

ווען מען וואָלט זיך גענומען אָנווייזען די ביהנען אויף זייער ביהנענטום, וואו זיי זיינען יעדענפאַלס אַלע גלייך איינע צו די אַנדערע, וואָלט מען דערמיט געטהאָן דאָסזעלבע, וואָס מען טהוט אַזוי שטורמדיג איצטער, אָנווייזענדיג די דייטשען אויף זייער דייטשטום. דאָס דייטשטום איז טאַקע פונקט דעריין אינגאַנצען גלייך צו דעם ביהנענטום, וואָס עס טראָגט אין זיך די נויטוועגדיגקייט פון שפּאַלטונגען און אָבזונדערונגען, ניט טרייבענדיג עס אָבער ביז דער לעצטער אָבזונדערונג, ביז דער פאָלשטענדיגער דורכפיהרונג פון דער סעפּאַראַציאָן: איך מיין ביז אָבצוזונדערן דעם מענשען פון מענשען, וואָס דאַן וואָלט געקומען אַ סוף צו דער גאַנצער אָבזונדערונג. דאָס דייטשטום טיילט זיך טאַקע אין פערשיידענע פעלקער און שטאַמען, ד. ה. אין ביהנשטאָקען, אָבער דער איינצעלנער, וועלכער האָט די אייגענשאַפט וואָס ער איז אַ דייטש, איז נאָך אַזוי מאַכטלאָז, ווי די פעראיינצעלטע ביהן. דאָך אָבער קאָנען נאָר די איינצעלנע אַריינטרעטען אין אַ פעראיין איינע מיט די אַנדערע, אַלע פעלקער־אַליאַנצען און פערבאַנדען זיינען און בלייבען מעכאַנישע צוזאַמענזעצונגען, ווייל די וואָס טרעטען אַריין אין די פערבאַנדען — ווענינגסטענס אויף וויפיעל מען קאָן די „פעלקער“ בעטראַכטען אַלס די אַריינטרעטענדע — האָבען קיין ווילען ניט. ערשט מיט דער לעצטער אָבזונדערונג ענדיגט זיך די אָבזונדערונג גופא און ווערט פערוואַנדעלט אין אַ פעראייניגונג.

די „נאַציאָנאַלע“ מיהען זיך אויפצושטעלען די אַבסטראַקטע, לעבענלאָזע איינהייט פון ביהנענטום; די אייגענע (עגאָיסטען) אָבער וועלען קעמפען פאַר דער אייגענער געוואָלטער איינהייט, פאַר דעם פעראיין. דאָס איז דער סמן פון אַלע רעאַקציאָנערע וואונשען, וואָס זיי ווילען אויפשטעלען עפּעס אַלגעמיינעס, אַבסטראַקטעס, אַ פוסטען בעגריף, וואָס האָט קיין לעבען ניט; בעת דאַגעגען די אייגענע שטרעבען צו בעפרייען דעם געזונטען,

לעבען־פולען איינצעל־פאַל פון דער נישטיגער לאַסט פון די אַלגעמיינהייטען. די רעאַקציאָנערען וואָלטען גערן געוואָלט אַרויסשלאָגען א פאָלק, א נאַציאָן פון דער ערד; די אייגענע האָבען אין אויג נור זיך אליין. די ביידע בעשטרעבונגען, וואָס שטעהען היינט אויף דער טאַגעסאָרדנונג, נעמליך די ווידעראיינפיהרונג פון די פראָווינציאַל־רעכט מיט די אַלטע שטאַאַט־איינטיילונגען (פראַנקען, באַיערן א. אַז. וו.), און די איינפיהרונג פון דער גאַנצקייט פון דער נאַציאָן, קומען אין גרונד זיך צוזאַמען אינאיינעם. די דייטשען וועלען אָבער נאָר יעמאָלט ווערן איינינג, ד. ה. זיך פעראייניגען, ווען זיי וועלען אומוואַרפען זייער ביהנענטום צוזאַמען מיט זייערע ביהנען־קערב; מיט אַנדערע ווערטער: ווען זיי זיינען מעהר איידער — דייטשען; ערשט דענסטמאָל וועלען זיי קאָנען אויפבויען א „דייטשען פעראיין“. ניט אין זייער נאַציאָנאַליטעט, ניט אין דעם מוטערלייב מוזען זיי וועלען זיך צוריקקעהרען, כדי ווידער געבוירן צו ווערן, נאָר יעדערער זאָל זיך אין זיך צוריקקעהרען. ווי לעכערליך־סענטימענטאַל דאָס איז, ווען איין דייטש כאַפּט זיך אַרום מיט דעם אַנדערן און דריקט איהם די האַנד מיט א הייליגען ציטערן, ווייל „ער איז אויך א דייטש“! אַזוי ווי דערמיט וואָלט ער געווען עפּעס רעכטס! אָבער דאָס וועט געוויס נאָך בעטראַכט ווערן אַלס זעהר ריהרענד, כל זמן מען וועט נאָך שווערמען פאַר „ברידערליכקייט“, ד. ה. אַזוי לאַנג ווי מען האָט נאָך א פאַמיליען־געפיהל. פון דעם אַבערגלויבען פון דער „פאַמיליען־ליעבע“, פון דער „ברידעהליכקייט“ אָדער „קינדערליכקייט“, אָדער ווי די ווייכהאַרציגע ליעבשאַפט־פראַזען זאָלען ניט הייסען — קורץ, פון דעם פאַמיליען־גייסט, קאָנען די „נאַציאָנאַלע“, וועלכע וואָלטען געוואָלט האָבען א גרויסע פאַמיליע פון דייטשען, זיך ניט בעפרייען.

איבעריגענס וואָלטען די אַזויגערופענע „נאַציאָנאַלע“ נאָר געדאַרפט זיך אַליין ריכטיג פערשטעהן, כדי זיך אַרויסצוהויבען פון דער פערבינדונג מיט די געמיטליכע גערמאַנאָפילען. וואָרים די פעראייניגונג פאַר מאַטעריעלע צוועקען און אינטערעסען, וואָס זיי פאָדערן פון די דייטשען, פיהרט דאָך צו קיין אַנדער זאַך ניט, ווי צו א פרייוויליגען פעראיין. קאַריער רופט אויס מיט בעגייסטע־

רונג:* „די אייזענבאהנען זיינען פאר דעם, וואס האט א טיעפערן בליק, דער וועג צו אזא פ אָ ל ק ס ל ע ב ע ן, ווי עס האט זיך נאך קיינמאל אין אזא בעדייטונג ניט ארויסגעוויזען". גאנץ ריכ־טיג, עס וועט זיין אזא פאלקסלעבען, וואס האט זיך נאך קיינמאל ניט ארויסגעוויזען, ווייל דאס וועט — ניט זיין קיין פאלקסלעבען. ווייטער אָבער (ז. 10) ווידערשפּרעכט קאריער זיך אליין. „די ריינע מענשליכקייט אָדער מענשהייט קאן בעסער ניט פאָרגעשטעלט ווערן, ווי דורך א פאלק וואס ערפילט זיין מיסיאָן". דורכדעם שטעלט זיך דאָך פאר נאר די פאָלקסטימליכקייט. „די אונבע־שטימטע (צושוואומענע) אלגעמיינהייט איז נידעריגער איידער דאס געשטאלט, וואס איז אָבגעשלאָסען אין זיך, וואס איז א גאנצעס פאר זיך אליין, און וואס לעבט אלס א לעבעדיג גליעד פון דעם באמת אלגעמיינעם, דעם אָרגאניזירטען". דאס פאלק איז דאך פונקט אט די „צושוואומענע אלגעמיינהייט" און נאר א מענש איז דאס „געשטאלט וואס איז אָבגעשלאָסען אין זיך".

די אונפּערזענליכקייט פון דאס, וואס מען רופט אָן „פאלק, נאציאָן", קאן מען אויך ארויסזעהן פון דעם, וואס א פאלק, וועל־כעס וויל ארויסברענגען זיין איך לויט זיינע בעסטע קרעפטען, שטעלט ארויס אויף זיין שפּיץ דעם װ י ל ע נ ל אָ ז ע ן הערשער. דאס פאלק האט נאר צוויי מעגליכקייטען, ענטוועדער זיין אונטער־װאַרפען צו א קעניג, וועלכער פערווירקליכט נאר ז י ך, ז י י ן א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע ן פ ע ר ג ע נ י ג ע ן — דאן געפינט ער ניט אין דעם „אבסאָלוטען הארן" זיין אייגענעם ווילען, דעם אזויגערופענעם פאלקס ווילען—, אדער ארויפזעצען אויפ'ן טראָהן א קעניג, וואס צייגט ניט ארויס ק י י ן א י י ג ע נ ע ם ווילען — דאן האט עס א װ י ל ע נ ל אָ ז ע ן קעניג, אויף וועמעס פּלאץ א גוט־רעגולירטער זייגער־מעכאניזם וואלט אפשר געטויגט פונקט אזוי גוט. — דעריבער איז נאר נויטיג צו געהן איין שריט ווייטער, כדי עס זאל ווערן קלאָר פון זיך אליין, אז דעם פאלק'ס איך איז אן אונפּערזענליכע, „גייסטיגע" מאכט, דאס — געזעץ. דער איך פון'ם פאלק, דאס פאלגט ממילא, איז א — רוח, ניט קיין איך. איך בין נאר דורכדעם איך, וואס איך מאך מיך, ד. ה. וואס ניט

* „קעלנער דאָס", ז. 4.

אנאנדערער מאכט מיך, נאָר איך מוז זיין מיין אייגען ווערק. ווי שטעהט עס אבער מיט יענעם פאָלקס־איך? דער צופאל שפּיעלט זיך מיט'ן פאָלק, דער צופאל גיט איהם דעם אדער יענעם געבוירענעם הארן, צופעליגקייטען פערשאפען איהם דעם געוועהל־טען; ער, דער איך, איז ניט זיינס, דעם „סואווערענעם" פאָלק'ס א פּראָדוקט, ווי איך בין מיין פּראָדוקט. שטעל דיר פאָר, מען וויל דיר איינרעדען, אז ניט דו ביזט דיין איך, נאָר יאנקעל אדער חיים איז דיין איך! אָט דאָס אבער טהוט מען צו דעם פאָלק, און מיט רעכט. וואָרים דאָס פאָלק האָט אזוי ווענינ אן איך, ווי די עלף פּלאנעטען צוזאמענגערעכענט האָבען אן איך, הגם זיי דרעהען זיך ארום איין געמיינזאמען מיטעלפּונקט.

ביילי'ס ווערטער זיינען כאראקטעריסטיש פאר דעם שקלאפען־געפיהל, וואָס מען האָט פאר דעם סואווערענעם פאָלק, ווי פאר דעם קעניג. „ווען די אלגעמיינע פערנונפט האָט זיך אויסגעשפּראָכען, זאָגט ער, האָב איך ניט מעהר קיין עקסטרא פערנונפט. מיין ערשטעם געזעץ איז געוועזן דער ווילען פון דער נאציאָן: אזוי־באלד ווי זי האָט זיך פערזאמעלט, האָב איך מעהר גאָרנישט געוואוסט אויסער איהר סואווערענעם ווילען." ער וויל ניט האָבען קיין עקסטרא פערנונפט, און דאָך לייסטעט אלץ נאָר אָט די עקסטרא פערנונפט אליין. אזוי היצט זיך אויך מיראבאָ אין די ווערטער: „קיין מאכט אויף דער וועלט האָט ניט דאָס רעכט צו זאגען צו די פערטרעטער פון דער נאציאָן: איך וויל!"

אזוי ווי ביי די גריעכען, אזוי וואָלט מען אויך איצט געוואָלט מאכען דעם מענשען פאר א זאָאָן פּאָליטיקאָן, א שטאאטס־בירגער אָדער א פּאָליטישען מענשען. אזוי האָט ער א לאנגע צייט געגאָלטען פאר א „הימעל־בירגער." דער גריעך האָט אבער פערלאָרן יעדע בעדייטונג צוגלייך מיט זיין שטאאט, און אזוי וועט דער הימעל־בירגער פערלירן זיין בעדייטונג צוזאמען מיט דעם הימעל; מיר אבער ווילען ניט אונטערגעהן צוגלייך מיט'ן פאָלק, מיט דער נאציאָן און נאציאָנאליטעט, מיר ווילען ניט זיין בלויז פּאָליטישע מענשען אדער פּאָליטיקער. מען שטרעבט צו „פאָלקס־בעוועגונג" זינט דער רעוואָלוציאָן, און בעת מען מאכט דאָס פאָלק גליקליך, גרויס א.ד.ג. מאכט מען אונז אונגליק־ליך! פאָלקס־גליק איז — מיין אונגליק.

וואָס פאר פוסטע רייד די פּאָליטישע ליבעראלען שיטען אוים מיט א שטאַרקען אָנשטעל פון אָנשטענדיגקייט, קאָן מען ווידער גוט ארויסזעהן אין נייוועַרק'ס בוך „איבער די טיילנאהמע אם שטאַאטע". ער קלאָגט זיך דאָרט וועגען די גלייכגילטיגע און די וואָס נעהמען ניט קיין אנטייל, וועלכע זיינען ניט אין פולען זין קיין שטאַאטס־בירגער; און ער רעדט אזוי, ווי מען וואָלט גאָר ניט געקאָנט זיין קיין מענש, ווען מען נעהמט ניט קיין לעבעדיגען אנטייל אין די עסקים פון שטאַאט, ד. ה. ווען מען איז ניט קיין פּאָליטיקער. אין דעם פונקט האָט ער רעכט; ווארים אויב דער שטאַאט גילט פאר דעם היטער פון אלץ וואס איז „מענשליך", דאַן קאָנען מיר ניט האָבען גאָרנישט מענשליכעס, ווען מיר נעהמען ניט אין איהם קיין אָנטייל. וואָס האָט דאָס אָבער צו זאָגען אַנטקעגען דעם עגאָיסט? גאָרנישט, וואָרים דער עגאָיסט איז פאר זיך אליין דער היטער פון דאס מענשליכע, און האָט דעם שטאַאט מעהר גאָרנישט צו זאָגען אויסער: „פערשטעל מיר ניט די זון". נאָר ווען דער שטאַאט קומט אין בעריהרונג מיט זיין אייגענהייט, נעהמט אין איהם דער עגאָיסט א טהעטיגען אינטע־רעס. ווען דער צושטאַנד פון שטאַאט דריקט ניט שווער אויף דעם קאַבינעט־געלעהרטען, זאָל ער זיך דען מיט איהם בעשעפטיגען, ווייל עס איז זיין „הייליגסטע פליכט"? כל זמן דער שטאַאט טהוט גאָר־נישט להיפך צו זיין וואונש, צו וואס זאָל ער אוועקנעהמען די אויגען פון בוך? זאָלען יענע, וואָס ווילען האָבען אנדערע צושטאַנ־דען אוים אייגענעם אינטערעס, זיך דערמיט בעשעפטיגען. די „הייליגע פליכט" וועט ניט איצטער און ניט ווען־עס־איז מיטברענגען מענ־שען צו טראַכטען וועגען דעם שטאַאט — פונקט ווי זיי וועלען ניט ווערן אוים „הייליגער פליכט" קיין וויסענשאַפטס־מענער, קינסטלער א. אַז. וו. דער עגאָיזם אליין קאָן זיי דערצו טרייבען, און ער וועט זיי טרייבען צו טראַכטען וועגען שטאַאט, אזוי באַלד ווי דער שטאַאט וועט ווערן פיעל ערגער ווי ער איז. ווען איהר וואָלט גע־צייגט די מענשען, אז זייער עגאָיזם פאָדערט זיי זאָלען זיך בעשעפטיגען מיט'ן שטאַאט, וואָלט איהר זיי לאנג ניט געדאַרפט רופען; אויב אבער איהר אפּעלירט אנשטאַט דעם צו זייער ליעבע צום פאטערלאַנד א.ד.ג., וועט איהר לאנג דארפען פּרעדי־גען די דאָזיגע „ליעבעס־דיענסט" צו פערשטאָפּטע הערצער. געוויס,

אין אייער זין וועלען די עגאָיסטען איבערהויפּט זיך ניט בעטיי־ליגען אין די עסקים פון שטאאט.

נייוווערק ברענגט ארויס אן עכט ליבעראלע פראזע אויף זייט 16: „דער מענש ערפילט פאָלשטענדיג זיין בערוף ערשט דערמיט, וואָס ער פיהלט זיך און דערקענט זיך אלס מיטגליעד פון דער מענשהייט, און איז טהעטיג אלס אזעלכער. דער איינצעלנער קאָן ניט פערווירקליכען די אידעע פון מ ע נ ש ע נ ט ו ם, ווען ער שטיצט זיך ניט אויף דער גאנצער מענשהייט און שעפּט ניט פון איהר זיינע כחות ווי אנטעאָס."

דאָרט נופא שטעהט אזוי: „דעם מענשען'ס בעציהונג צו דער ר ע ס פּ ו ב ל י ק א ווערט לויט דער טעאָלאָגישער אנזיכט ארונ־טערגעזעצט צו א ריינער פּריוואט־זאך, און דערמיט ווערט עס אוועקגעלייקענט. אזוי ווי די פּאָליטישע אנזיכט האָט אנדער'ש געטאָן מיט דער רעליגיאָן! דאָרט איז די רעליגיאָן א „פּריוואט־זאך".

ווען אנשטאט די רייד פון „הייליגער פליכט", „דעם מענשען'ס בעשטימונג", דעם „בערוף צו א פולען מענשענטום" און נאָך אזוינע געבאָט, וואָלט מען פּאָרגעהאלטען די מענשען, אז זייער אייגעננוץ ליידט, ווען זיי לאָזען אלעס געהן אין שטאאט אזוי ווי עס געהט, דאן וואָלט עס אָהן מליצה גערעדט צו זיי, ווי מען וועט מוזען אין דעם ענטשיידענדען אויגענבליק רעדען צו זיי, אויב מען וועט וועלען דערגרייכען דעם צוועק. אנשטאָט דעם זאָגט דער טעאָלאָגען־פּיינדליכער פּערפאסער: אויב עס איז ווען געווען א צייט, אין וועלכער דער ש ט א א ט האָט געמאכט אן אָנשפּרוך אויף אלע ז י י נ ע, איז דאס אונזער צייט. — דער דענקענדער מענש זעהט אין דעם בעטייליגען זיך אין דער טעאָריע און פּראקסיס פון שטאאט א פ ל י כ ט, איינע פון די הייליגסטע פליכטען, וועלכע ליעגען אויף איהם" — און ער נעהמט דאן נעהענטער אין בעטראכט די „אונבעדינגטע נויטווענדיגקייט, אז יעדער איינער זאָל זיך בעטייליגען אין דעם שטאאט".

א פּאָליטיקער איז און בלייבט לעולמי עולמים דער, ביי וועמען דער שטאאט זיצט אין קאָפּ אדער אין הארצען, אדער איןביידע פלעצער; דער וואס איז א בעזעסענער (געכאפּטער) פון שטאאט, דער ש ט א א ט ־ ג ל ו י ב י ג ע ר.

„דער שטאאט איז דער נויטווענדינסטער מיטעל פאר דער פאָלשטענדיגער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט". ער איז עס גאנץ געווים געווען, אזוי לאנג ווי מיר האָבען געוואָלט ענטוויקלען די מענשהייט; ווען מיר ווילען אבער זיך ווילען ענטוויקלען דאן קאָן ער נאָר זיין א מיטעל אונז צו שטערן און הינדערן.

קאָן מען איצט נאָך דעם שטאאט און דעם פאָלק רעפאָרמירן און אויסבעסערן? אַזוי וועניג ווי מען קאָן רעפאָרמירן דעם אדעל, די גלחים, די קירך א. אז. וו.; מען קאָן מבטל זיין, פערניכטען, אָבשאפען, אָבער ניט רעפאָרמירן. קאָן איך דען דורך רעפאָרם פערוואנדלען אַן אונזין אין א זין, אָדער איך מוז עס בעסער איינגאנצען לאָזען פאלען?

פון איצט אָן איז מעהר נישטאָ וואס צו טהאָן ארום דעם שטאאט (זיין קאָנסטיטוציע א. אז. וו.), נאָר ארום מיר. דערמיט פערזינקען אלע פראגען וועגען דער קיניגליכער מאכט, קאָנסטיטוציע א. אז. וו., אין זייער ריכטיגען אָבגרונד און זייער אמת'ען נאָרנישט. איך, דער דאָזינגער גאָרנישט, וועל ארויסברייננגען מיינע שעפפונגען פון מיר אליין.

---

צו דעם קאפיטעל געזעלשאפט געהערט אויך „די פארטיי", וועמעס לויב מען האָט די לעצטע צייט געזונגען.

אין שטאאט גילט די פארטיי. „פארטיי, פארטיי, ווער זאָל צו איהר ניט געהערן!" דער איינציגער אבער איז איינציג, איז ניט קיין גליעד פון דער פארטיי. ער פעראייניגט זיך פריי און טיילט זיך ווידער אָב פריי. די פארטיי איז נישט מעהר ווי א שטאאט אין דעם שטאאט, און דאָ, אין אָט דעם קלענערן ביהנען־שטאאט, דארף אויך אַזוי ווידער הערשען „פריעדען", ווי אין דעם גרעסערן. גראָד יענע וואס שרייען העכער פאר אלעמען, אז אין שטאאט מוז זיין אַן אָפּאָזיציע, גוואלטעווען אנטקעגען יעדער אונאייניגקייט אין דער פארטיי. א בעוויז, אז אויך זיי ווילען נאָר — א שטאאט. ניט דער שטאאט, נאָר דער איינצעלנער איז דער פעלזען, אָן וועלכען עס ווערן צושמעטערט אלע פארטייען.

מען הערט איצט קיין אנדער זאך ניט אזוי אָפט ווי די וואָרנונג, יעדערער זאָל בלייבען געטריי צו זיין פארטיי; פארטיי־

מענשען פּראכטען קיין זאך ניט אזוי פיעל ווי א פּארטיי־אונאָב־הענגיגקייט. א מענש מוז געהן מיט זיין פּארטיי דורך פייער און וואסער, און מוז אָהן תנאים גוטהייסען און פערטרעטען איהרע הויפּט־פּרינציפּען. אינגאנצען אזוי שלעכט ווי אין געשלאָסענע געזעלשאפטען שטעהט עס דאָ אפילו ניט, ווארים יענע בינדען זייערע מיטגליעדער צו פעסטע געזעצען אָדער סטאטוטען (צ. ב. ש. די אָרדענס, ווי דער יעזואיטען־אָרדען א. אז. וו.). אבער דאָך הערט די פּארטיי אויף צו זיין א פּרייען אין דעמזעלבען מאָמענט, ווען זי מאכט, אז געוויסע פּרינציפּען זאָלען זיין ב י נ ד ע נ ד און וויל זיי פּערזיכערען אנטקעגען אָנגריפען: און אָט דער מאָמענט איז גראָד דער געבורטס־אקט פון דער פּארטיי. אַלס פּארטיי איז זי שוין א געבוירענע געזעלשאפט, א טויטער פּעראיין, א פיקס־געוואָרענע אידעע. אַלס א פּארטיי פון דעם אבסאָלוטיזם קאָן זי ניט וועלען, אז איהרע מיטגליעדער זאָלען צווייפלען אין דער אונפערענדערליכער ווארהייט פון דעם דאָזיגען פּרינציפּ; זיי וואָלטען געקאָנט נאָר דאן האָבען אזא צווייפעל, ווען זיי וואָלטען געווען עגאָיסטיש צו וועלען זיין נאָך עפּעס אחוץ זייער פּארטיי, ד. ה. אונפּארטייאישע. אונפּארטייאיש קאָנען זיי זיין נאָר אַלס עגאָיסטען, ניט אַלס פּארטיי־מענשען. ביזטו א פּראָטעסטאנט און געהערסט צו דער פּראָטעסטאנטישער פּארטיי, מוזטו נאָר רעכטפערטיגען דעם פּראָטעסטאנטיזם, העכסטענס איהם „רייניגען", אָבער ניט פערווארפען; ביזטו א קריסט און געהערסט צווישען מענשען צו דער קריסטליכער פּארטיי, קאָנסטו ניט איבערטרעטען איהרע גרעניצען אַלס מיטגליעד פון דער פּארטיי, נאָר בלויז דאן, ווען דיין עגאָיזם, ד. ה. אונפּארטייליכקייט, טרייבט דיך דערצו. וואס פאר'ע אָנשטרענגונגען די קריסטען האָבען געמאכט די גאַנצע צייט ביז צו העגעל און די קאָמוניסטען, כדי שטארק צו מאכען זייער פּארטיי! זיי זיינען געבליבען ביי זייערס, אז דאָס קריסטענטום מוז ענטהאלטען די אייביגע ווארהייט, און אז אַלץ וואָס מען דארף, איז נאָר ארויסגעפינען, פעסטשטעלען און רעכטפערטיגען די דאָזיגע ווארהייט.

קורץ, די פּארטיי פערטראָגט ניט די אונפּארטייליכקייט, און פונקט אין דעם בעווייזט זיך דער עגאָיזם. וואָס טויג מיר די פּארטיי? איך וועל געפינען גענוג מענשען, וואס וועלען זיך

מיט מיר פ ע ר א י נ י ג ע ן, ניט שווערענדיג קיין טרייהייט צו מיין פאָהן.

ווער עס געהט איבער פון איין פארטיי אין אנאנדערער, דעם בעשימפפט מען גלייך מיט'ן נאָמען „אריבערלויפער". געוויס, די מאָראל פאָדערט, מען זאָל זיך האלטען אָן דער אייגענער פארטיי, און אויב מען ווערט אָבטריניג פון איהר, הייסט עס זיך בעשמירען מיט דעם פלעק פון אונטרייקייט; די אייגענהייט אבער ווייס ניט פון קיין געבאָט פון „טרייקייט, אָנהענגליכקייט א. אז. וו.", די אייגענהייט ערלויבט אלץ, אפילו די אָבטריניגקייט און דאס אריבערטרעטען. אונבעוואוסטזיניג לאָזען זיך אפילו די מאָראלע פיהרען פון אָט דעם געדאנק, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אורטיילען איינעם, וואס איז אריבערגעגאנגען צו ז י י ע ר פארטיי — יאָ, זיי מאכען דאָך גערן פראָזעליטען; זיי האָבען נאָך געדארפט דערצו ווערן בעוואוסטזיניג פון דעם פאקט, אז מען מוז האנדלען א ו נ מ אָ ר א ל י ש, כדי צו האנדלען עגאָיסטיש, ד. ה. אין אָט דעם פאל, אז מען מוז ברעכען די טרייקייט, און אפילו די שבועה, וואס מען האָט געגעבען, כדי זיך אליין צו בעשטימען, אנשטאט צו ווערן בעשטימט פון מאָראלישע אויסרעכענונגען. אין די אויגען פון מענשען מיט א שטרענג־מאָראלישען אורטייל שימערט אַן אפּאָסטאט (אָן אָבטריניגער) אלעמאָל אין צווייידייטיגע קאָלירען, און וועט ניט לייכט געווינען זייער צוטרויען: עס איז אויף איהם אָנגעקלעבט דער פלעק פון „אונטרייקייט", ד. ה. פון אַן אונמאָראלי־טעט. צווישען פראָסטע מענשען געפינט מען אָט די מיינונג כמעט אלגעמיין; די אויפגעקלערטע פאלען אריין אין דעם פאל, ווי אלעמאָל, אין אַן אונזיכערקייט און פערווירונג, און דער ווידערשפּרוך, וואס ליעגט נויטיגערווייז אין דעם פרינציפּ פון מאָראל, קומט ניט דייטליך פאר'ן בעוואוסטזיין צוליעב דעם פלאָנטער פון זייערע בע־גריפען. זיי וואגען ניט אָנרופען דעם אפּאָסטאט דירעקט אונמאָראַ־לישער מענש, ווייל זיי אַליין פערפיהרן מענשען צו אָבטריניג־קייט, אריבערצוגעהן פון איין רעליגיאָן אין אנאנדערער א. אז. וו. און אויפגעבען דעם שטאנדפונקט פון דער מאָראל קאָנען זיי אָבער אויך ניט. און דאָך וואָלט אָט דאָ געווען די ריכטיגע געלעגנהייט ארויסצוטרעטען פון די גרעניצען פון דער מאָראל.

זיינען אפשר די אייגענע ארער איינציגע א פארטיי? ווי

אזוי וואָלטען זיי געקאָנט זיין ע ג אָ י ס ט ע ן (אייגענע), ווען זיי וואָלטען געוועזן אָ נ ג ע ה ע ר י ג ע פון א פּארטיי!

הייסט עס, אַז מען דאַרף ניט האלטען מיט קיין פּארטיי? ניין, דערמיט אליין וואָס מען שליסט זיך אָן צו זיי און מען טרעט אריין אין זייער קרייז, שליסט מען מיט זיי א פ ע ר א י י ן, וועלכער דויערט אזוי לאנג, ביז וואנען די פּארטיי און איך פערפאָלגען דעמזעלביגען ציעל. היינט טייל איך נאָך די טענדענץ פון דער פּארטיי, אבער מאָרגען קאָן איך דאס שוין מעהר ניט טהאָן, און ווער איהר „אונטריי". די פּארטיי האָט פאר מיר גאָרנישט וואס בינדט (פערפּליכט) מיך, און איך רעספּעקטיר זי ניט: געפעלט זי מיר ניט מעהר, ווער איך איהר פיינד.

אין יעדער פּארטיי, וועלכע זאָרגט פאר זיך און איהר קיום, זיינען די מיטגליעדער אין דעם ערך ניט פריי (אדער בעסער געזאָגט אונעגאָיסטיש); אויף וויפיעל זיי דיענען די בעגעהרען פון דער פּארטיי, אויף אזוי פיעל פעהלט זיי עגאָיזם. די זעלבסטשטענדיג־קייט פון דער פּארטיי בעדינגט די אונזעלבסטשטענדיגקייט פון די פּארטיי־גליעדער.

קיין פּארטיי, פון וועלכען סאָרט זי זאָל ניט זיין, קאָן זיך קיינ־מאָל ניט בעגעהן אָהן א גלויבענס־קאָנפעסיאָן. וואָרים די, וואָס געהערן צו דער פּארטיי, מוזען ג ל ו י ב ע ן אין איהר פּרינציפּ, טאָרען ניט האָבען קיין צווייפעל וועגען איהם און ניט שטעלען איהם אין פראגע; ער מוז פאר'ן מיטגליעד זיין דאס געוויסע און אונצווייפעלהאפטע. דאס הייסט: מען מוז געהערן צו דער פּארטיי מיט לייב און זעעל, זאָנסט איז מען ניט קיין אמת'ער פּארטיי־מאַן, נאָר מעהר אָדער וועניגער — אַן עגאָיסט. האָסטו עפּעס א ספק וועגען קריסטענטום, ביזטו שוין ניט מעהר קיין אמת'ער קריסט: דו האָסט זיך גענומען די „העזה" צו שטעלען א פראגע און שלעפּען דאָס קריסטענטום צו דיין עגאָיסטישען ריכטער־שטוהל. דו האָסט זיך פאר דעם קריסטענטום, פאר אָט דער פּארטיי־זאך (וואָרים זי איז דאָך ניט צ. ב. ש. די זאך פון אידען, פון אנאנדער פּארטיי) — פ ע ר ז י נ ד י ג ט. וואויל איז אבער צו דיר, ווען דו לאָזט זיך ניט אָבשרעקען: דיין פרעכהייט פערהעלפט דיר צו דיין אייגענהייט.

מיינט דאָס, אַז אַן עגאָיסט קאָן קיינמאָל ניט האלטען אָדער

אננעהמען א פארטיי? אדרבא יאָ, נאָר עס מיינט, אז ער קאָן זיך ניט לאָזען ווערן געהאלטען אדער איינגענומען פון דער פארטיי. די פארטיי בלייבט פאר איהם אין אלע צייטען נישט מעהר ווי א פ א ר ט י י: ער איז איינער פ ו ן דער פארטיי, ער נעהמט א טייל.

---

דער בעסטער שטאאט איז גאנץ קלאָר דער, וועלכער האָט די לאָיאלסטע בירגער, און פערקעהרט, וואס מעהר עס פערלירט זיך דער געטרייער זין פאר ג ע ז ע צ ל י כ ק י י ט, אלץ מעהר ווערט דער שטאאט — דער דאָזיגער סיסטעם פון זיטליכקייט, דאס דאָזיגע זיטליכע לעבען גופא — פערקלענערט אין קראפט און גוטסקייט. געהען אויס די „גוטע בירגער", געהט אויך אויס דער גוטער שטאאט און לייזט זיך אויף אין אנארכיע און געזעצלאָזיג־קייט. „אכטונג פאר דעם געזעץ!" דורך אָט דעם קיט ווערט צוזאמענגעהאלטען דער גאנצער שטאאט. „דאָס געזעץ איז ה י י ל י ג, און ווער עס טרעט איהם איבער, איז א פ ע ר ב ר ע־כ ע ר". אָהן פערברעכען איז ניטאָ קיין שטאאט: די זיטלי־כע וועלט — און דאס איז דער שטאאט — איז פול אָנגעשטאָפּט מיט שווינדלער, בעטריגער, ליגנער, גנבים א. אז. וו. אזוי ווי דער שטאאט איז „די הערשאפט פון געזעץ", די היעראַרכיע פון געזעץ, קאָן דער עגאָיסט, אין אלע פעלען וואו ז י י ן נוצען געהט אנטקע־גען דעם שטאאט'ס נוצען, זיך נאָר בעפריעדיגען אויפ'ן וועג פון פערברעכען.

דער שטאאט קאָן ניט אויפגעבען דעם אָנשפּרוך, אז זיינע ג ע ז ע צ ע ן און פעראָרדנונגען זיינען ה י י ל י נ. דערביי גילט דער איינצעלנער לגבי דעם שטאאט פונקט אזוי פאר א א ו נ ה י י־ל י ג ע ן (פאר א בארבאר, א נאטור־מענשען, אן עגאָיסט), ווי ער איז פריהער בעטראכט געווארן פון דער קירך; אנטקעגען דעם איינצעלנעם ציהט דער שטאאט אויף זיך ארויף די עטרה פון א הייליגען. אָט אזוי צ. ב. ש. גיט ער ארויס א געזעץ אנטקעגען דועלען. צוויי מענשען, וועלכע זיינען איינינ אין דעם פונקט, אז זיי ווילען איינשטעלען זייער לעבען פאר א געוויסער זאך (עס מאכט ניט אויס פאר וועלכער), זאָלען דאָס ניט טאָרען טהאָן, ווייל דער שטאאט וויל עס ניט האָבען: ער לעגט אויף דעם ארויף א שטראָף. וואו בלייבט דאָ די פרייהייט פון זעלבסטבעשטימונג?

גאנץ אנדערש איז דער פאל, ווען (צ.ב.ש. ווי אין נארדאמעריקא) די געזעלשאפט מאכט ביי זיך אב, אז די דועלאנטען זאלען ליידען געוויסע שלעכטע פאלגען פון זייער טהאט, למשל זיי זאלען פערלירען דעם קרעדיט, וואס זיי האבען ביז אהער געהאט. אבזא־גען קרעדיט איז יעדען איינעמס עסק, און ווען א געזעלשאפט וויל עס צוריקציהען מחמת איין טעם אדער אנאנדערן, קאן זיך דער בעטרעפענדער ניט בעקלאגען, אז דערמיט ווערט בעשרענקט זיין פרייהייט: די געזעלשאפט בעהויפטעט דערמיט נאר איהר אייגע־נע פרייהייט. דאס איז ניט קיין זינד־שטראף, עס איז ניט קיין שטראף פאר א פערברעכען. דער דועל איז דא ניט קיין פערברעכען, זאנדערן נאר א טהאט, אנטקעגען וועלכער די געזעל־שאפט נעהמט אן געגען־מיטלען, זי וועהרט זיך געגען דעם. דער שטאאט, פערקעהרט, שטעמפעלט דעם דועל אלס פערברעכען, ד. ה. אלס א פערלעצונג פון זיין הייליגען געזעץ: ער מאכט עס פאר א קרימינאל־פאל. די געזעלשאפט לאזט עס איבער צו דעם בעשלוס פון דעם איינצעלנעם, צי ער וויל ארויפציהען אויף זיך שלעכטע פאלגען און אונאנגענעהמליכקייטען דורך זיין האנדלונג; זי אנערקענט דורכדעם אליין זיין פרייען בעשלוס. דער שטאאט האנדעלט אקוראט פערקעהרט, דערמיט וואס ער לייקענט אב יעדעס רעכט פון דעם איינצעלנעמס בעשלוס און בעהויפטעט דערפאר דאס איינציגע רעכט פאר זיין אייגענעם בעשלוס, פאר דעם שטאאט־געזעץ; אזוי אז ווער עס איז עובר דעם געבאט פון שטאאט, מוז בעטראכט ווערן, ווי ער וואלט עובר געווען גאט'ס געבאט — דערזעלביגער בליק, ווי די קירך האט געקוקט אויף דעם. גאט איז דא דער הייליגער אן און פאר זיך, און די געבאט פון דער קירך, ווי פון שטאאט, זיינען די געבאט פון אט דעם הייליגען, וועלכע ער גיט דער וועלט דורך די געזאלבטע און די האררן פון גאט'ס גנאד. האט די קירך טויט־זינדה, האט דער שטאאט פערברעכען, פאר וועלכע מען איז חייב מיתה; האט זי אפיקורסים, האט ער הויכפער־רעטער; האט זי קירכליכע שטראפען, האט ער קרימינאל־שטראפען; זי — אינקוויזיטארישע פראצע־סען, ער — פיסקאלישע; קורץ, דארטן זינד, דא פערברעכען, דארטן זינדיגע, דא פערברעכער, דארטן אינקוויזיציע און דא —

אינקוויזיציע. ווער ניט פאלען די הייליגקייט פון שטאאט, פונקט ווי די קירכליכע הייליגקייט? דער שרעק פאר זיינע גזעצען, די עהרפארכט פאר זיין הויכקייט, די הכנעה פון זיינע „אונטערטא־נען“ — וועט דאס בלייבען? וועט ניט אוועקגענומען ווערן דער הדרת פנים פון דעם „הייליגענס“ געזיכט?

ווי נאריש דאס איז צו פערלאנגען פון דער שטאאט־מאכט, זי זאל פיהרען אן עהרליכען קאמף מיט דעם איינצעלנעם, און זאל, ווי מען דריקט זיך אויס ביי דער פרעס־פרייהייט, זיך גלייך טיילען מיט איהם די זון און דעם ווינד! אויב דער שטאאט, אט דער געדאנק, מוז זיין א גילטיגע מאכט, דאן מוז ער פשוט זיין א העכערע מאכט אנטקעגען דעם איינצעלנעם. דער שטאאט איז „הייליג“ און מוז זיך ניט לאזען „פרעך אנגרייפען“ פון די איינצעל־נע. איז דער שטאאט הייליג, דאן מוז זיין א צענזור. די פאליטישע ליבעראלען גיבען צו דאס ערשטע און בעשטרייטען די קאנזעקווענץ. יעדענפאלס אבער געשטעהען זיי איהם דאס רעכט אנצונעהמען רעפרעוויסע מאסרעגעלן, ווארים זיי האלטען אלץ, אז דער שטאאט איז מעהר איידער דער איינצעלנער, און אז ער בעגעהט א בערעכטיגטע ראכע, וואס ווערט אנגערופען שטראף.

שטראף האט א זין נאר דאן, ווען זי קאן פיהרען תשובה צו טהאן פאר דער פערלעצונג פון עפעס א הייליגעס. אויב איינעם איז עפעס הייליג, פערדיענט ער גאנץ זיכער א שטראף, ווען ער האנדעלט פיינדליך צו דעם. א מענש, וועלכער איז מקיים א נפש, ווייל דער נפש איז איהם הייליג, און ער האט מורא עס אנצוריהרען, דער איז פשוט א — רעליגיעזער מענש.

ווייטלינג לעגט ארויף די שולד פון פערזאנען אויף דער „געזעלשאפטליכער אונארדנונג“, און לעבט אין דער ערוואַרטונג, אז אין א קאמוניסטישער ארדנונג וועלען די פערברעכען ווערן אונמעגליך, ווייל דער נסיון זיי צו בעגעהן, צ. ב. ש. דאס געלד, וועט מעהר ניט זיין. אזוי ווי אבער זיין ארגאניזירטע געזעלשאפט וועט אויך דערהויבען ווערן צו דער מדרגה פון א הייליגער געזעלשאפט, וואס טאר ניט פערלעצט ווערן, האט ער מיט זיין גוטהארציגער מיינונג א טעות אין חשבון. עס וועלען ניט פעהלען אזוינע, וואס וועלען מיט'ן מויל זיין אנהענגער פון דער קאמוניסטישער געזעל־שאפט און בשתיקה ארבייטען פאר איהר אונטערגאנג. ווייטלינג מוז

אויסער דעם זיך האלטען פאר די „הייל־מיטלען אנטקעגנען די נאטיר־ליכע איבערגעבליבענע מענשליכע קראנקהייטען און שוואכקייטען“, און האלט מען פון „הייל־מיטלען“, מיינט עס שוין שטענדיג, אז די איינצעלנע וועלען בעטראכט ווערן ווי מענשען, וואס זיינען „בערופען“ צו א בעשטימטער „רעטונג“, און וועלען ממילא בעהאנ־דעלט ווערן לויט די פאדערונגען פון דעם דאזיגען „מענשליכען בערוף“. דאס ה י י ל ־ מ י ט ע ל אדער די ה י י ל ו נ ג איז נאר די אומגעקעהרטע זייט פון דער ש ט ר א ף, די הייל־טעאריע לויפט פאראלעל מיט דער שטראף־טעאריע; ווען די לעצטע זעהט אין א האנדלונג א פערזינדיגונג אנטקעגנען דאס רעכט, נעהמט די ערשטע אן די דאזיגע האנדלונג פאר דעם מענשען׳ס א פערזינדיגונג א נ ט ק ע ג ע ן ז י ך, ווי אן אראבפאל פון זיין געזונדקייט. דער אמת איז אבער, אז איך קוק אויף אזא האנדלונג ווי אויף עטוואס, וואס איז מ י ר ר ע כ ט, אדער וואס איז מ י ר נ י ט ר ע כ ט, וואס איז מ י ר פריינדליך אדער אונפריינד־ליך; ד. ה. איך בעהאנדעל זי ווי מיין אייגענטום, וועלכען איך היט, אדער פערניכט. „פערברעכען“ אדער „קראנקהייט“ זיינען ביידע ניט קיין ע ג א י ס ט י ש ע ר בליק אויף דער זאך, ד. ה. עס איז ניט אן אורטייל, וואס ק ו מ ט א ר ו י ס פ ו ן מ י ר, נאר וואס קומט ארויס פון א נ א נ ד ע ר ע ן — דער אורטייל נעמ־ליך צי זי פערלעצט דאס ר ע כ ט, דאס אלגעמיינע רעכט, אדער זי פערלעצט דעם ג ע ז ו נ ד, טיילווייז פון דעם איינצעלנעם (דעם קראנקען), טיילווייז פון דאס אלגעמיינע (פון דער ג ע ז ע ל־ש א פ ט). דאס „פערברעכען“ ווערט בעהאנדעלט מיט אונבארמ־הערצינקייט, די „קראנקהייט“ — מיט ליעבעפולער מילדקייט, מיטלייד און דערגלייכען.

די שטראף קומט נאך דעם פערברעכען. פאלט אוועק דאס פערברעכען, ווייל עס פערשווינדט דאס הייליגע, דאן מוז אויך די שטראף אוועקפאלען אין דעמזעלבען גראד, ווארים זי האט אויך נאר א בעדייטונג אין פערהעלטניס צו דאס הייליגע. מען האט אבגע־שאפט די קירך־שטראפען. ווארום? ווייל דעם מענשען׳ס בענעהמען זיך קעגענאיבער דעם הייליגען גאט איז א זאך, וואס איז נוגע איהם אליין. אזוי ווי אבער עס איז געפאלען אט די איין שטראף, די קירכליכע שטראף, אזוי מוזען א ל ע שטראפען פאלען.

אזוי ווי די זינד אנטקעגען דעם זאָגנאנטען גאָט איז דעם מענשען'ס אייגענער עסק, אזוי זייגען אויך די זינד אנטקעגען יעדען סאָרט פון דאָס אזוי גערופענע הייליגע. לויט אונזערע טעאָריען פון געזעצ־ליכען שטראָף, וועלכע מען מאטערט זיך אומזיסט „אויסצובעסערן אין איינקלאנג מיט'ן גייסט פון דער צייט", וויל מען מענשען בעשטראָפען פאר דער אָדער יענער „אונמענשליכקייט", און דער אונזין פון די דאָזיגע טעאָריען צייגט זיך ספּעציעל קלאָר ארויס דורך זייער קאָנזעקווענץ, דערמיט וואס די קליינע גנבים הענגט מען און די גרויסע לאָזט מען לויפען. פאר פערלעצונג פון אייגענ־טום האָבען זיי טורמעס, און פאר „פערגוואלטיגונג פון געדאנק", פאר אונטערדריקונג פון „די נאטירליכע מענשען־רעכט" — נישט מעהר ווי שתדלנות און פּעטיציעס.

דער קרימינאל־קאָדעקס האָט א קיום נאָר דורך דאס הייליגע און געהט אונטער פון זיך אליין, אזוי באלד ווי מען שאפט אָב די שטראָף. אין היינטיגער צייט וויל מען אומעטום שאפען א נייעס שטראף־געזעץ, אָהן א וועלכען ישוב הדעת וועגען דער שטראף גופא. גראָד אָבער די שטראָף מוז מאכען פלאץ פאר דער צופריע־דענשטעלונג, וועמעס ציעל ווידער דארף נים זיין צופריעדען צו שטעלען דעם געזעץ אדער דער גערעכטיגקייט, נאָר א ו נ ז צו פערשאפען א צופריעדענשטעלונג. ווען איינער טהוט אונז עפּעס, וואס מ י ר ו ו י ל ע ן נ י ט פ ע ר ל י י ד ע ן, ברעכען מיר זיין מאכט און שטעלען אונזער מאכט אנטקעגען: מיר בעפריע־דיגען ז י ך אנטקעגען איהם, און פאלען ניט אריין אין דער דומהייט צו וועלען בעפריעדיגען דעם געזעץ (דעם רוח). ניט דאס ה י י ל י ג ע דארף זיך ווערען אנטקעגען דעם מענשען, נאָר דער מענש דארף זיך ווערען אנטקעגען דעם מענשען; יא, ג אָ ט ווערט זיך אויך ניט מעהר אנטקעגען דעם מענשען, דען אלע גאָט'ס דיענער" פלעגען פריהער (און טיילווייז טאקע נאָך איצט אויך) איהם אָנבאָטען זייערע הענד, כדי צו בעשטראפען דעם לעסטערער, פונקט ווי זיי לייהען נאָך היינט זייערע הענד צו דאָס הייליגע. די דאָזיגע איבערגעבענקייט צו דאס הייליגע איז אויך גורם, אז מען זאָל, ניט נעהמענדיג קיין אייגענעם לעבעדיגען אנטייל, בלויז איבערגעבען די שלעכטס־טהוער אין די הענד פון דער פּאָליציי און דעם געריכט: א איבערענטפערונג אָהן א פּערזענ־

ליבען אינטערעס צו דער ממשלה, וועלכע „וועט שוין פערוואלטען דאס הייליגע אויפ'ן בעסטען אופן.“ דאס פאָלק איז פּשוט פערריקט אויף דעם פונקט, צו הערצען די פּאָליציי אנטקעגען אלץ וואס איהם דוכט זיך, אז עס איז אונמאָראליש אדער אפילו נאָר אונאנשטענ־דיג; און אָט די פאָלקס־רציחה פאר דאס מאָראלישע בעשיצט דעם פּאָליציי־אינסטיטוט מעהר, איידער די רעגירונג וואָלט עס געקאָנט שיצען אויף וועלכען עס איז אנדער אופן.

אין דעם פערברעכען האָט דער עגאָיסט אלעמאָל ארויסגע־שטעלט זיין איך און צו שפּאָט געמאכט דאָס הייליגע: דאָס אבברעכען מיט דאָס הייליגע, אדער בעסער געזאָגט, דער בראָך פון דאָס הייליגע, קאָן ווערן אלגעמיין. עס קומט ניט ווידער קיין רעוואָלוציע, אבער עס קומט א געוואלטיגער, אונדערבארמדיגער, שאנדלאָזער, געוויסענלאָזער, שטאָלצער — פערברעכען. הערט איהר ניט ווי עס קראכט אין די ווייטע דונערען? און זעהט איהר ניט ווי דער הימעל שווייגט מיט דער שטילקייט, וואס פאר א שטורם, און ווערט מיט וואָלקענס פערצויגען?

---

דער מענש, וואָס זאָגט זיך אָב צו פערוועגדען זיינע כחות אויף אזוינע ענגע געזעלשאפטען ווי פאמיליע, פארטיי אדער נאצי־אָן, גארט פונדעסטוועגען שטענדיג נאָך א ווירדיגערער געזעלשאפט, און גלויבט אומגעפעהר אז ער האָט געפונען דעם ריכטיגען ליעבעס־געגענשטאנד אין דער „מענשליכער געזעלשאפט“ אדער אין דער „מענשהייט“, פאר וועלכען עס איז א כבוד זיך צו אָפּפערן: פון איצטער אָן „לעבט ער פאר דער מ ע נ ש ה י י ט און דיענט איהר“.

פ אָ ל ק הייסט דער קערפּער, ש ט א א ט הייסט דער גייסט פון יענער ה ע ר ש ע נ ד ע ר פּ ע ר ז אָ ן, וועלכע האָט ביז איצטער מיך אונטערדריקט. מען האָט געוואָלט אויסלייטערן די פעלקער און שטאאטען, דורכדעם וואס מען האָט זיי אויסגעברייטערט ביז צו דעם בעגריף פון „מענשהייט“ און „אלגעמיינער פערנונפט“; אבער דורך אָט דער אויסברייטונג וועט די קנעכטשאפט נאָך ווערן אינטענסיווער, און די פילאנטראָפּען און הומאניסטען זיינען פונקט אזוינע אבסאָלוטע הארן ווי די פּאָליטיקער און דיפּלאָמאטען.

די מאָדערנע קריטיקער זעצען אוים געגען דער רעליגיאָן, פאר

וואס זי שטעלט אוועק נאָט, דאָס געטליכע, דאָס מאָראלע א. אז. וו. א ו י ס ע ר דעם מענשען, — פארוואס זי מאכט זיי פאר עפּעס אָביעקטיוועס; בעת זיי, פערקעהרט, זעצען גיכער אריין די ראָזי־גע סוביעקטען א י ן דעם מענשען. יענע קריטיקער אָבער, פאלען ניט ווענינגער אריין אין דעם אייגענטליכען פעהלער פון דער רעליגיאָן, וועלכע זוכט צו געבען דעם מענשען א „בעשטימונג“, דערמיט וואס זיי ווילען אויך האָבען, ער זאל זיין געטליך, מענשליך א. ד. ג. דען נאָך זיי נאָך איז דער עצם פון מענשען די זיטליכ־קייט, פרייהייט און הומאניטעט א. אז. וו. און אזוי ווי די רעלי־גיאָן, אזוי וויל אויך די פּאָליטיק „ע ר צ י ה ע ן“ דעם מענשען, איהם ברייגנען צו דער פערווירקליכונג פון זיין „וועזען“, פון זיין „בעשטימונג“, עפּעס־וואס פון איהם מ א כ ע ן , דהינו אן „אמת'ן מענשען“: די רעליגיאָן וויל איהם מאַכען אין דער פאָרם פון אן „אמת־גלויביגען“, די פּאָליטיק — אין דער פאָרם פון אן „אמת'ן בירגער אָדער אונטערטהאַן“. עס קומט צו דערזעלביגער זאַך, צי מען רופט די בעשטימונג א געטליכע, אדער א מענשליכע.

אונטער רעליגיאָן און פּאָליטיק געפינט זיך דער מענש אויפ'ן שטאנדפּונקט פון ז אָ ל ע ן : ער ז אָ ל ווערן דאָס און דאָס, ער ז אָ ל זיין אזוי און אזוי. מיט אָט דעם פּאָסטולאַט, מיט אָט דעם געבאָט, געהט יעדערער צו, ניט נאָר צו דעם אנדערן, נאָר צו זיך אליין אויך. יענע קריטיקער זאגען: דו זאָלסט זיין א גאנצער, א פרייער מענש. אָט אזוי שטעהען זיי אויך פאר דעם נסיון צו פּראקלאמירען א נייע ר ע ל י ג י א ן , אויפצושטעלען א נייעם אבסאָלוט, א אידעאל, דהינו די פרייהייט. די מענשען ז אָ ל ע ן ווערן פריי. עס קאָנען אפילו ענטשטעהן מ י ס י א נ ע ר ע ן פון פרייהייט, פּונקט ווי דאָס קריסטענטום, אין דער איבערציי־גונג, אז אלע מענשען זיינען אייגענטליך בעשטימט צו ווערן קריסטען, האָט ארויסגעשיקט מיסיאנערען פון גלויבען. ווי דער גלויבען האָט זיך ביז אהער קאָנסטיטואירט אלס קירך, די מאָראל — אלס שטאאט, אזוי וועט דאן די פרייהייט זיך קאָנסטיטואירען אלס א נייע ג ע מ י י נ ד ע , און וועט פון איהר בעטרייבען די זעלביגע „פּראפּאגאנדע“. געוויס איז ניטאָ וואס איינצו־ווענדען אנטקעגען א צוזאמענטרעטען, מען מוז אבער דערפאר אלץ מעהר ארויסטרעטען אנטקעגען יעדער בענייאונג פון דער אלטער

א פ ע ק ו נ ס ט ו ו א, פון דער אלטער שטרעבונג צו דירעקטירען אונזער בילדונג; קורץ, אנטקעגען דעם פרינציפ ע פ ע ס צ ו מ א כ ע ן פ ו ן א ו נ ז, — קיין אונטערשיעד ניט צי קריסטען, אונטערטאנען, פרייע אדער מענשען.

אוראי קאן מען זאגען אינאיינעם מיט פייערבאך און אנדערע, אז די רעליגיאן האט ארויסגענומען דאס מענשליכע פון דעם מענשען און האט עס ארייגגעזעצט אין א יענער וועלט אויף אזא אופן, אז עס האט דארטן, זייענדיג אונדערגרייכבאר, געפיהרט אן אייגענע עקזיסטענץ אלס עטוואס פערזענליכעס פאר זיך אליין, אלס א „גאט"; אבער דערמיט איז נאך בשום אופן ניט אויסגעשעפט געווארן דער טעות פון דער רעליגיאן. מען וואלט זעהר גוט געקאנט לאזען פאלען די פערזענליכקייט פון דאס איבערגערוקטע מענשליכע, מען וואלט געקאנט דעם גאט פערוואנדלען אין דאס געטליכע, און אלץ בלייבען רעליגיעז. ווארים דאס רעליגיעזע בעשטעהט אין דער אונצופריעדענקייט מיט דעם ג ע ג ע נ וו ע ר ט י ג ע ן מענשען, ד. ה. אין דער אויפשטעלונג פון א „פאלקאמענהייט", צו וועלכער מען דארף שטרעבען, אין דעם „מענשען, וואס ראנגעלט זיך פאר זיין פאלענדונג". * „דארום זאלט איהר פאלקאמען זיין, ווי אייער פאטער אין הימעל איז פאלקאמען". (מאטהיוס, 485): עס בעשטעהט אין דער פיקסירונג פון א א י ד ע א ל, פון אן אבסאלוט. די פאלקאמענהייט איז דאס „העכסטע גוטעס", דער פ י נ י ס ה א נ א ר ו ם; יעדערנ'ס אידעאל איז דער פאלקאמענער מענש, דער אמת'ער, דער פרייער מענש א. אז. וו.

די בעשטרעבונגען פון דער מאדערנער צייט האבען אלס זייער ציעל אויפצושטעלען דעם אידעאל פון דעם „פרייען מענשען". ווען מען וואלט דאס געקאנט געפינען, וואלט עס געוועזן א נייע — רעליגיאן, ווייל עס איז א נייער אידעאל; עס וואלט געוועזן א נייע בעגעהרונג, נייע ליידען, א נייע פרומקייט, א נייע גאטהייט, א נייע געמיט־צעבראכענקייט.

מיט דעם אידעאל פון דער „אבסאלוטער פרייהייט" ווערט געטריבען דערזעלבער בייזער שפיעל, ווי מיט אלע אבסאלוטען. העסס צ. ב. ש. האלט, אז די אבסאלוטע פרייהייט דארף זיך „לאזען

* ברונא בויער, ליטער. צייטונג 22,8.

פערווירקליכען אין דער אבסאָלוטער מענשליכער געזעלשאפט".
יאָ, גלייך דערנאָך ווערט שוין אָט די פערווירקליכונג אָנגערופען
א „בערוף"; אזוי אויך בעשטימט ער דאן די פרייהייט אלס
„זיטליכקייט": עס דארף זיך אָנהויבען דאָס רייך פון „גערעכ־
טיגקייט" (דאָס איז גלייכהייט) און „זיטליכקייט" (דאָס איז
פרייהייט) א. אַז. וו.

לעבערליך איז דער, וואָס בעת די חברים פון זיין שטאַם,
פאמיליע, נאציאָן א. אַז. וו. האָבען א גרויסען שם, איז ער מעהר
גאָרנישט ווי „אָנגעבלאָזען" איבער זייער גרויסקייט; פערבלענ־
דעט איז אָבער אויך דער, וואָס וויל זיין נאָר א „מענש". קיינער
פון דיביידע שאצט ניט זיין ווערטה פון דעם שטאנדפונקט פון
בעזונדערקייט, נאָר פון שטאנדפונקט פון פערבונ־
קייט, פון דעם „באנד", וואָס שליסט איהם צוזאמען מיט
אנדערע — די בלוט־בענדער, נאציאָנאַלע בענדער, מענשהייט־
בענדער.

דורך די היינטיגע „נאציאָנאַלע" איז ווידער אויפגעבלאָזען
געוואָרען דער שטרייט צווישען די, וועלכע מיינען אז זיי האָבען
בלויז מענשליך בלוט און מענשליכע בלוט־פערבינדונגען, און די
אנדערע, וועלכע בעריהמען זיך מיט זייער ספעציעלעם בלוט און
ספעציעלע בלוט־פערבינדונגען.

ווען מיר לאָזען אויסען אויג דעם פונקט, אז שטאָלץ קאָן
אויסדריקען אַן איבערשעצונג, און נעהמען אָן אז דאָס דריקט
נאָר אויס זעלבסט־בעוואוסטזיין, איז אָבער דאָ אַן אונגעהויערער
הלוק צווישען דעם שטאָלץ פון „געהערן" צו א נאציאָן און פאָלגליך
זיין איהר אייגענטום, און דעם שטאָלץ צו קאָנען א נאציאָנאַליטעט
אָנרופען מיין אייגענטום. די נאציאָנאַליטעט איז מיין אייגענ־
שאפט, די נאציאָן אָבער איז מיין אייגענטהימערין און האררענטע.
האָסטו א שטארקען קערפער, קאָנסטו דיין כח אָנווענדען וואו
מען דארף און האָבען א זעלבסט־געפיהל, אָדער זיין שטאָלץ אויף
דעם; האָט אָבער פערקעהרט דיין שטארקער קערפער דיך, דאַן
רייצט ער דיך אומעטום, אפילו וואו עס פאסט גאָר ניט, ארויסצו־
ציינען זיין שטארקייט: דו קאָנסט קיינעם ניט געבען די האנד
אָהן א דריק צו טהאָן זי ביז שמערצען.

דער בליק, אז מען איז מעהר אלס פאמיליען־גליעד, מעהר
אלס שטאַם־גענאָסע, מעהר אלס פאָלקס־אינדיווידיאום א. אַז. וו.

האָט ענדליך געפיהרט דערצו, מען זאָל זאָגען: מען איז מעהר איידער דאָס אַלעס, ווייל מען איז מענש; אָדער: דער מענש איז מעהר אַלס דער איד, דער דייטש א. אז. וו. „דעריבער זאָל יעדערער זיין אינגאַנצען און בלויז — מענש!" וואָלט מען אָבער ניט געקאָנט בעסער זאָגען: וויבאַלד מיר זיינען מעהר איידער די אַלע, וואָס זיינען דערמאָנט געוואָרן, דעריבער ווילען מיר זיין אי דאָס אַלעס, אי אויך דאָס דאָזיגע „מעהר"? פאַרוואָס ניט מענש און דייטש, מענש און א וועלפע (א געוויסער שטאַם) א. אז. וו.? די „נאַציאָנאַלע" האָבען רעכט, מען קאָן די אייגענע נאַציאָנאַליטעט ניט פערלייקענען, און די הומאַניסטען האָבען רעכט: מען מוז ניט בלייבען אין דער ענגקייט פון דאָס נאַציאָ־נאַלע. דער ווידערשפּרוך לייזט זיך אויף אין דער א י י נ צ י ג־ק י י ט. דאָס נאַציאָנאַלע איז מיין אייגענשאַפט, איך ווער אָבער ניט בטל אין מיין אייגענשאַפט, פּונקט ווי דאָס מענשליכע איז אויך מיין אייגענשאַפט, איך אָבער גיב דעם מענשען זיין עקזיס־טענץ ערשט דורך מיין איינציגקייט.

די געשיכטע זוכט „דעם מענשען" [בכלל]: ער איז אָבער איך, דו, מיר. געזוכט האָט מען איהם אַלס א מיסטעריעזעס וועזען, אַלס דאָס געטליכע, פריהער אַלס ד ע ר ג אָ ט, דערנאָך אַלס ד ע ר מ ע נ ש (די מענשליכקייט, הומאַניטעט און מענש־הייט); געפונען ווערט ער אַלס דער איינצעלנער, דער ענדליכער, דער איינציגער.

איך בין איינענטימער פון דער מענשהייט, איך בין די מענש־הייט, און טהו גאָרנישט פאַר דעם וואוילזיין פון אַנאַנדער מענש־הייט. שוטה, דו ביזט די איינציגע מענשהייט, און דו רייסט זיך נאָך צו וועלען לעבען פאַר אַנאַנדער מענשהייט איידער די, וואָס דו ביזט אַליין!

די שייכות מיינע צו דער מ ע נ ש ה י י ט, וואָס איז בע־טראַכט געוואָרן, ביז אהער, שטעלט מיט זיך פאַר אזא רייכקייט אין ערשיינונגען, אַז זי וועט מוזען ווידער און ווידער אויפגענו־מען ווערן ביי אַנדערע געלעגענהייטען; דאָ אָבער, וואו זי האָט געדאַרפט קלאָר געמאַכט ווערן נאָר אין אַלגעמיינע שטריכען, מוז זי אָבגעשטעלט ווערן, כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר אַן אויפפאַסונג פון צוויי אַנדערע זייטען, וואוהין זי שטראַהלט אַרויס. אַזוי ווי איך געפין זיך אין א שייכות ניט בלויז צו די מענשען, אויף ווי

ווייט זיי שטעלען אין זיך פאר דעם בעגריף „מענש", אדער אויף ווי ווייט זיי זיינען מענשענקינדער (קינדער פון דעם מ ע נ ש ע ן [אין אבסטראקט], אין דעם זין ווי מען רעדט וועגען קינדער פון גאט), נאר אויך בשייכות צו דאס, וואס זיי ה א ב ע ן פון דעם מענשען און וואס זיי רופען זייער אייגענעם; ד. ה. אזוי ווי איך שטעה אין א שייכות ניט נאר צו דאס, וואס זיי ז י י נ ע ן דורך דעם מענשען, נאר אויך צו זייערע מענשליכע בעזיצונגען, צו דאס, וואס זיי ה א ב ע ן: איז וועט מען מוזען ארייננציהען אין קרייז פון בעטראכטונג אחוץ דער מענשען-וועלט אויך די וועלט פון חושים און אידעען, און עס וועט אויסקומען צו זאגען וואס-ניט-איז וועגען דעם, וואס זיי רופען זייער אייגענס פון די זינליכע גיטער, אי וועגען זייער אייגענס פון די גייסטיגע גיטער.

לויט נאכדעם ווי מען האט ענטוויקעלט דעם בעגריף פון מענשען און ווי קלאר מען האט זיך איהם פארגעשטעלט, אזוי האט מען אונז געהייסען איהם אכטען אלס אזא אדער אנאנדערע ר ע ס פ ע ק ט א ב ע ל ע פ ע ר ז א ן; און ענדיליך, פארשטעלענדיג דעם דאזיגען בעגריף אין דעם ברייטסטען זין, איז ארויסגעקומען דער געבאט: „רעספעקטיר אין יעדען דעם מענשען". אויב אבער איך רעספעקטיר דעם מענשען, מוז מיין רעספעקט זיך אויסשפרייטען אויך אויף דאס מענשליכע, אדער אויף דאס, וואס איז דעם מענשענ'ס.

מענשען האבען עפעס א י י ג ע נ ע ס, און א י ך בין מחויב דאס דאזיגע אייגענעס אנצוערקענען און הייליג האלטען. זייער אייגענעס בעשטעהט טיילווייז אין אויסערליכע בעזיצונגען, טיילווייז אין אינערליכע. די ערשטע זיינען זאכען, די אנדערע זיינען גייסטיגקייטען, געדאנקען, איבערצייגונגען, עדעלע געפיהלען א. אז. וו. תמיד אבער בין איך מחויב צו רעספעקטירען נאר די ר ע כ ט ל י כ ע אדער מ ע נ ש ל י כ ע בעזיצונגען; די אונרעכטליכע און אונמענשליכע דארף איך ניט שוינען, ווארים דאס ווירקליך אייגענע פון די מענשען איז נאר דאס אייגענע פון ד ע ם מ ע נ ש ע ן [בכלל]. א אינערליכע בעזיצונג פון דעם סארט איז צ. ב. ש. די רעליגיאן; ווייל די ר ע ל י ג י א ן איז פריי, ד. ה. זי איז דעם מענשענ'ס, דעריבער טאר א י ך זי ניט אנריהרען. אזוי איז אויך די עהרע א אינערליכע בעזיצונג; זי איז פריי און טאר ניט אנגעריהרט ווערן פון

מיר (בעליידיגונגען, קאריקאטורען א. אז. וו.). רעליגיאָן און עהרע זיינען „גייסטיגעס אייגענטום". בנוגע דעם מאַטעריעלען אייגענטום שטעהט אויפ'ן ערשטען פּלאַן די פּערזאָן: מיין פּערזאָן איז מיין ערשטעס אייגענטום. דערפון קומט די פרייהייט פון דער פּערזאָן; אָבער נאָר די רעכטליכע אָדער מענשליכע פּערזאָן איז פריי, די אנדערע זעצט מען אריין אין טורמע. דיין לעבען איז דיין אייגענטום; עס איז אָבער נאָר דאַן הייליג פאַר דעם מענשען, ווען עס איז ניט דאָס לעבען פון א אונמענשען.

אַלע מאַטעריעלע גיטער, וואָס דער מענש אַלס אזעלכער קאָן ניט פערטיידיגען, מעגען מיר ביי איהם אוועקנעהמען: דאָס איז דער זין פון קאָנקורענץ, פון פרייען האַנדעל. אויפ'ן זעלביגען אופן ווערן אויך אַלע גייסטיגע גיטער, וואָס ער קאָן ניט פערטיידיגען, אונזערע: אזוי ווייט געהט די פרייהייט פון דיסקוסיאָן, פון דער וויסענשאַפט, פון דער קריטיק.

די געהייליגטע גיטער אָבער טאָר מען גאָר ניט אָנריהרען. געהייליגט און גאַראַנטירט דורך וועמען? קודם דורכ'ן שטאַאט, דורך דער געזעלשאַפט, אייגענטליך אָבער דורך דעם מענשען אָדער דורך דעם „בעגריף", דורך דעם „בעגריף פון דער זאַך": וואָרים דער בעגריף פון די געהייליגטע גיטער איז דער, אז זיי זיינען באמת מענשליכע, אָדער בעסער געזאָגט, אז דער וואָס האָט זיי, בעזיצט זיי אַלס מענש און ניט אַלס אונמענש. צו דער קאַטעגאָריע גייסטיגע גיטער געהערט דעם מענשענ'ס גלויבען, זיין עהרע, זיין מאָראַלער געפיהל, און אפילו אויך זיין געפיהל פון אָנשטענדיגקייט. דער געפיהל פון שעהמען זיך א. אז. וו. האַנדלונגען, וואָס ריהרען אָן די עהרע (רעדען, שריפטען), זיינען שטראָפבאַר; אזוי אויך אָנגריפען אויף „דעם יסוד פון אַלע רעליגיאָנען", אָנגריפען אויף דעם פּאָליטישען גלויבען; קורץ, אָנגריפען אויף אַלץ, וואָס א מענש האָט „על פּי רעכט".

ווי ווייט דער קריטישער ליבעראַליזם וואָלט אויסשפּרייטען די הייליגקייט פון די גיטער — וועגען דעם האָט ער זיך נאָך ניט ארויסגעזאָגט, און ער רעכענט זיך אודאי פאַר ניט קיין גרויסען ליעבהאָבער פון הייליגקייטען; אזוי ווי אָבער ער בעקעמפפט דעם עגאָאיזם, מוז ער דאָך איהם זוכען צו בעשרענקען און טאָר ניט לאָזען דעם אונמענשען אָנפאַלען אויף דאָס מענשליכע. לויט זיין טעאָרעטישער פעראַכטונג פון דער „מאַסע", קאָן מען זיך

משער זיין, אז ווען ער זאָל בעקומען די מאכט, וואָלט ער זי ניט זעהר ליעבליך בעהאנדעלט אין דער פּראַקטיק.

וואָס פאר א אומפאַסונג דער בעגריף „מענש" בעקומט, און וואָס קומט ארויס דערפון פאר דעם איינצעלנעם מענשען, מיט אַנדערע ווערטער: וואָס איז דער מענש און וואָס איז דאָס מענשליכע — וועגען דעם פונקט געהען זיך די פערשיידענע שטופען פון דעם ליבעראַליזם פונאנדער, און דער פּאָליטישער, דער סאָציאַלער און דער הומאנער מענש נעהמען אין אָנשפּרוך, איינער שטענדיג מעהר פאר דעם אַנדערן, אַלץ א ברייטערע אומפאַסונג פון „דעם מענשען". ווער עס האָט דעם דאָזיגען בעגריף געפאַסט אמבעסטען, דער ווייס אויך אמבעסטען וואָס איז „דאָס מענשליכע". דער שטאַאט פאַסט נאָך אַלץ אום דעם דאָזיגען בעגריף אין פּאָליטישער בעשרענקטקייט, די געזעלשאַפט — אין סאָציאַלער בעשרענקטקייט, ערשט די מענשהייט, אזוי הייסט עס, פאַסט איהם אום פאָלשטענדיג, אָדער „די געשיכטע פון דער מענשהייט ענטוויקעלט איהם". איז אָבער „דער מענש איינמאָל ענטדעקט". דאַן ווייסען מיר אויך וואָס איז דעם מענשען'ס אייגענעס, דעם מענשען'ס אייגענטום, דאָס מענשליכע.

דער איינצעלנער מענש מעג זיך מאכען אָנשפּרוכען אויף וויפיעל רעכט ער וויל, דערפאַר ווייל דער מענש אָדער דער בעגריף מענש בערעכטיגט איהם דערצו, ד. ה. ווייל דער פאַקט, וואָס ער איז א מענש, בערעכטיגט איהם דערצו — אָבער וואָס קימערט מ י ך זיין רעכט און זיין אָנשפּרוך? אויב ער האָט זיין רעכט נאָר פון דעם מענשען און האָט עס ניט פון מ י ר, דאַן האָט ער פאר מ י ר ניט קיין רעכט. זיין לעבען צ. ב. ש. גילט פאר מיר נאָר אויף וויפיעל עס איז ו ו ע ר ט ה פ א ר מ י ר. איך רעספּעקטיר ניט קיין אזוי גערופענע אייגענטום־רעכט אָדער זיין רעכט אויף מאַטעריעלע גיטער, אויך ניט זיין רעכט אויף דאָס „הייליגטהום פון זיין הארצען", אָדער זיין רעכט, אז די גייסטיגע גיטער און געטליכקייטען, זיינע געטער, זאָלען ניט פערלעצט ווערן. זיינע גיטער, די זינליכע אזוי גוט ווי די גייסטיגע, זיינען מ י י נ ס, און איך שאַלט מיט זיי ווי א בעל־הבית לויט דער מאָס פון מיין — מאכט.

אין דער א י י ג ע נ ט ו ם ־ פ ר א ג ע ליעגט פערבאָרגען א ברייטערע זין, איידער די בעשרענקטע שטעלונג פון דער פראַגע

ערלויבט עס ארויסצוברענגען. ווען מען זאָל זי בעציהען נאָר אויף דאָס, וואָס מיר רופען אָן אונזערע בעזיצונגען, קאָן די פראַגע קיינמאָל ניט געלייזט ווערן; דער ענטפער ליעגט אין די הענד פון דעם, „פון וועמען מיר האָבען אַלץ". דאָס אייגנטום הענגט אָב פון דעם אייגענטימער.

די רעוואָלוציאָן האָט אָנגעשטעלט איהרע כלי־זיין אנטקעגען אַלץ, וואָס איז געקומען „פון גאָט'ס גנאָדען", צ. ב. ש. אנטקעגען דאָס געטליכע רעכט. אנשטאט וועלכער עס איז בעפעסטיגט געוואָרן דאָס מענשליכע רעכט. אַנטקעגען דאָס געשאָנקענע פון גאָט'ס גנאָד ווערט אוועקגעשטעלט דאָס, וואָס נעהמט זיך „פון דעם וועזען פון מענשען".

און פונקט ווי די שייכות'ן פון מענשען איינע צו די אַנדערע האָבען געמוזט בעקומען אַ מענשליכע בעדייטונג, אַזוי באַלד ווי אָנשטאָט דער רעליגיעזער דאָגמא, וואָס האָט בעפוילען „ליעבט איינער דעם אַנדערן פון גאָט'ס וועגען", איז פערקינדיגט געוואָרן „ליעבט איינער דעם אַנדערן פון מענשענס וועגען". אַזוי אויך בנוגע די שייכות'ן פון דעם מענשען צו די זאַכען פון דער וועלט האָט די רעוואָלוציאָנערע לעהרע געמוזט פעסטשטעלען, אַז די וועלט, וועלכע איז ביז אַהער געווען איינגעריכטעט לויט גאָט'ס אָרדנונג, געהערט פון איצט אָן „דעם מענשען".

די וועלט געהערט „דעם מענשען" און איך מוז זי רעספעק־טירען אַלס זיין אייגענטום.

ניין, אייגענטום איז דאָס, וואָס איז מיינס!

אייגענטום אין דעם בירגערליכען זין מיינט ה י י ל י ג ע ס אייגענטום, אויף אַזאַ אופן, אַז איך מוז ר ע ס פ ע ק ט י ר ע ן דיין אייגענטום. „רעספּעקט פאַר דעם אייגענטום!" דערפון קומט עס, וואָס די פּאָליטיקער וואָלטען וועלען, אַז יעדערער זאָל בעזיצען זיין שטיקעל אייגענטום, און זיי האָבען דורך אָט דער שטרעבונג טיילווייז איינגעפיהרט אַן אונגלויבליכע חלקים־איינטיי־לונג. יעדער מוז האָבען אַ ביין, אויף וועלכען ער קאָן געפינען וואָס צו בייסען.

אין עגאָיסטישען זין פערהאַלט זיך די זאַך אַנדערש. איך טרעט ניט צוריק מיט פּחד פאַר דיין אָדער אייער אייגענטום, נאָר איך קוק אויף דעם אַלעמאָל ווי אויף מ י י ן אייגענטום, אין וועלכען

איך געפין גאָרנישט וואס צו „רעספעקטירען“. טהוט, איך בעט אייך, דאסזעלבע מיט דאס, וואס איהר רופט מיין אייגענטום!

מיט אזא בליק אויף דער זאך וועלען מיר אם לייכטעסטען קומען צו א פערשטענדיגונג איינע מיט די אנדערע.

די פּאָליטישע ליבעראלען מיהען זיך, עס זאָלען ווי ווייט מעגליך אָבגעשאפט ווערן אלע צוואנג־דיענסטען און יעדערער זאָל זיין א פרייער בעל הבית אויף זיין שטיקעל ערד, ווען אפילו דאס שטיקעל ערד איז אזוי קליין אז די שמוץ פון איין מענשען איז גענוג דאס צו בעמיסטיגען. (מען דערצעהלט וועגען א פויער, וואס האָט געהייראט אויף דער עלטער „כדי צו פּראָפיטירען פון דעם קויט פון זיין פרוי“.) זאָל עס זיין ווי קליין, אבי מען האָט נאָך־עפּעס אייגענס, א רעספעקטירטעס אייגענטום! וואס מעהר אזוינע בעלי בתים, אזוינע מיסט־מאכער, אלץ מעהר האָט דער שטאאט „פרייע לייט און גוטע פּאטריאָטען“.

דער פּאָליטישער ליבעראליזם, ווי אלע רעליגיעזע אנשויאונ־גען, בויט זיין רעכנונג אויף דעם רעספּעקט, אויף דער הומאניטעט, אויף די טוגענדען פון ליעבע. דעריבער לעבט ע־טאקע אין שטענדיגער ערגערניש. ווארים אין דער פּראקטיק רעספעקטירען די לייט גאָרנישט; יעדען טאָג ווערן די קליינע בעזיצונגען ווידער אויפגעקויפט פון די גרעסערע אייגענטימער, און פון די „פרייע לייט“ ווערן פּשוטע טאָגלוינע־.

ווען אבער די „קליינע אייגענטימער“ וואָלטען זיך בעדענקט, אז דאָס גרויסע אייגענטום איז אויך זייערס, וואָלטען זיי זיך רעספעקטפול אליין דערפון ניט אויסגעשלאָסען, און וואָלטען ניט געוואָרן אויסגעשלאָסען.

דאס אייגענטום, ווי די בירגערליכע ליבעראלען פערשטעהען עס, פערדיענט די אטאקעס פון די קאָמוניסטען און פּרודאָן׳ען: עס האָט ווירקליך ניט קיין אָנהאלט, ווארים דער בירגערליכער אייגענטימער איז באמת נישט מעהר ווי אן אייגענטומלאָזער, אן איבעראל אויסגעשלאָסענער. אנשטאָט וואס די וועלט האָט איהם געקאָנט געהערן, געהערט איהם ניט אמאָל דער אָרימינקער פונקט, אויף וועלכען ער דרעהט זיך ארום.

פּרודאָן וויל ניט דעם אייגענטימער (פּראָפּריעטער), נאָר דעם בעזיצער (פּאָסעסאָר) און דעם געברויכער פון די פרוכט פון זיין

ארבייט (דעם אוזופרוטער).* וואס הייסט דאָס? ער וויל, אז דער באָדען זאָל צו קיינעם ניט געהערן; אבער די נוצען פון דעם באָדען — און זאָל זיין, אז מען ערלויבט איהם אפילו נאָר דעם הונדערטססטען טייל פון די דאָזיגע נוצען, פון דער דאזיגער פרוכט — דאָס איז דאָך יעדענפאלס זיין אייגענטום, מיט וועלכען ער קאָן טהאָן וואָס ער וויל. דער וואס האָט בלויז די נוצען פון אן אקער לאנד, איז גאַנץ געוויס ניט דער אייגענטימער פון דעם לאנד; נאָך וועניגער אייגענטימער איז דער, וואס מוז אָבגעבען, ווי פרודהאָן וויל האָבען, אלעס איבעריגע, וואס איז ניט נויטווענדיג פאר זיין געברויך; דאָך אבער איז ער דער אייגענטימער פון דעם שטיקעל חלק וואס בלייבט ביי איהם. הייסט עס, אז פרודאָן נעגירט בלויז דעם אדער יענעם סאָרט אייגענטום, אבער ניט דאָס אייגענטום בכלל. ווען מיר ווילען ניט מעהר איבערלאָזען די ערד פאר'ן פריין, נאָר מיר ווילען עס צונעהמען פאר זיך, פעראיי־ניגען מיר זיך צוליעב דעם צוועק, פאָרמירען א פעראיין, א „סאָציעטע“, וועלכער מאכט זיך פאר דעם אייגענטימער פון דער ערד; גליקט אונז אָב, דאן הערען יענע אויף צו זיין די גרונדאיי־גענטימער. און אזוי ווי מיר קאָנען זיי אוועקטרייבען פון גרונד און באָדען, אזוי וואָלטען מיר זיי געקאָנט ארויסטרייבען פון נאָך אנדערע אייגענטומען, כדי דאָס זאָל ווערן א ו נ ז ע ר אייגענ־טום, האָס אייגענטום פון די — ע ר אָ ב ע ר ע ר. די ערָאבערער פאָרמירען א געזעלשאפט, וועלכע מען קאָן זיך פאָרשטעלען אזוי גרויס, אז וואס וויטער פאסט זי אום די גאנצע מענשהייט; אבער אויך אָט די אזויגערופענע מענשהייט איז אלס אזעלכע בלויז א געדאנק (א רוח); איהר ווירקליכקייט זיינען די איינצעלנע. און אָט די איינצעלנע וועלען אלס קאָלעקטיוו־מאסע זיך בענעהן מיט'ן גרונד און באָרען ניט וועניגער ווילקירליך איידער א פעראיינצעלטער אינדיווידום, אדער אן אזויגערופענער פראָפריעטער (אייגענטימער). אלזא, אפילו אויף דעם אופן בלייבט דאָס א י י ג ע נ ט ו ם בעשטעהן, און טאקע אויך אלס „אויסשליסליכעס“ אייגענטום, רען די מ ע נ ש ה י י ט, די דאָזיגע גרויסע געזעלשאפט, שליסט אוים דעם איינצעלנעם פון איהר אייגענטום (זי פערפאכטעט איהם

* צ. ב. ש. אין זיין ווערק „וואָס איז אייגענטום“, ז. 83.

אפשר א שטיק ערד, ניט עס איהם אין ארענדע), פונקט ווי זי שליסט אוים סיי ווי סיי אלץ וואס איז ניט מענשהייט, צ. ב. ש. זי לאָזט די טיערען־וועלט ניט האָבען קיין אייגענטום. — אזוי וועט עס אויך בלייבען און אזוי וועט עס ווערן. דאָס, אין וואָס א ל ע ווילען האָבען א ט י י ל, וועט אָבגענומען ווערן פון יענעם איינצעלנעם, וועלכער וויל עס האָבען פאר זיך אליין: עס וועט געמאכט ווערן פאר א געמיינשאפטליכען גוט. אלס א געמיינשאפט־ליכער גוט האָט יעדערער אין דעם זיין חלק, און דער דאָזיגער חלק איז זיין א י י ג ע נ ט ו ם. אזוי איז עס דאָך אויך אין אונזערע אלטע פערהעלטענישען: א הויז וואָס געהערט צו פינף יורשים איז זייער אלעמענס גוט, אבער א פינפטעל פון דער הכנסה איז יעדען איינעמס אייגענטום. פרודאָן האָט זיך געקאָנט איינשפּאָרען זיין היציגע מליצה, בעת ער זאגט: עס זיינען פאראן אייניגע זאכען, וועלכע געהערען נאָר צו עטליכע מענשען, און פון איצט אָן ווילען מיר, די איבעריגע, מאכען אויף דעם אן אָנשפּרוך אָדער —אן איבערפאל. יאָ, לאָמיר די זאכען נעהמען, ווארים צו אייגענ־טום דערשלאָגט מען זיך נאָר דורך נעהמען, און דאס אייגענטום, וואס איז דערווייל נאָך אָבגעריסען פון אונז, איז אָנגעקומען צו די אייגענטימער אויך נאָר דורך נעהמען. עס וועט ברענגען מעהר נוצען, ווען עס וועט זיין אין א ו נ ז ע ר א ל ע מ ע נ ס האנד, איידער ווען די ווענינע האָבען די שליטה איבער דעם. לאָמיר זיך דעריבער פעראייניגען מיט דעם צוועק צו בעגעהן אָט די ראבי־רונג (גניבה). אנשטאט דעם פערדרעהט ער אונז א קאָפּ, אז די געזעלשאפט איז די אורשפּרינגליכע בעזיצערין און די איינציגע אייגענטימערין על פּי איביגען רעכט, און אז די אזויגערופענע אייגענטימער זיינען אנטקעגען איהר געוואָרן גנבים (דאָס אייגענ־טום איז גנבה); אויב זי נעהמט איצטער אָב פון דעם היינטיגען אייגענטימער זיין אייגענטום, בערויבט זי איהם גאָרנישט, ווארים זי מאכט נאָר גילטיג איהר אייביג רעכט. — אָט אזוי ווייט פערקריכט מען מיט דעם רוח פון דער געזעלשאפט, ווען מען בעטראכט איהר אלס מ אָ ר א ל י ש ע פּ ע ר ז אָ ן. פערקעהרט, דעם מענשען געהערט אלץ וואס ער קאָן דערלאנגען: מ י ר געהערט די וועלט. זאָגט איהר דען עפּעס אנדערס מיט דעם פערקעהרטען זאץ: „א ל ע מ ע ן געהערט די וועלט“? אלע

זיינען איך און וויעדער איך א. אז. וו. איהר אבער מאכט פון דעם וואָרט „אלעמען" א רוח און איהר מאכט איהם היילינ, אזוי אז די „אלע" ווערן דער שרעקליכער האאר פון דעם איינצעל־נעם. אויף זייער זייט שטעלט זיך דאן אוועק דער געשפּענסט פון „רעכט".

פּרודאָן, ווי די קאָמוניסטען, קעמפּט אנטקעגען דעם עגאָיזם. דעריבער זיינען זיי אלע פּאַרטזעצונגען און קאָנזעקווענצען פון דעם קריסטליכען פּרינציפּ, דעם פּרינציפּ פון ליעבע, פון אויפּאָפּ־פערונג פאר עטוואס אלגעמיינעס, פרעמדס. זיי פערענדיגען נאָר דאס, וואס איז פאקטיש שוין לאנג געלעגען אין דעם אייגענטום, און דאָס איז די איינענטומסלאָזינקייט פון דעם איינצעלנעם. ווען דאָס געזעץ זאָגט: „אד רעגעם פּאָטעסטאס אָמניום פּערטינעט, אד סינגולאָס פּראָפּריעטאס; אָמניא רעקס אימפּעריאָ פּאָססידעט, סינגולי דאָמיניא", הייסט דאָס: דער קיניג איז אייגענטימער, ווארים ער אליין קאָן איבער „אליז" שאלטען און וואלטען, ער האָט איבער דעם די מאכט און די הערשאפט, פּאָטעסטאס און אימפּעריום. די קאָמוניסטען מאכען דאָס קלערער, דערמיט וואָס זיי טראגען אריבער דאס אימפּעריום אויף דער „געזעלשאפט פון אלעמען". אַלזאָ, ווייל זיי זיינען פיינד פון דעם עגאָיזם, דערי־בער זיינען זיי — קריסטען, אדער אלגעמיינער געזאָגט: רעלי־גיעזע מענשען, גלויבער אין געשפּענסטער, אָבהענגיקע, דיענער פון אוועלכען עס איז אלגעמיינעם בעגריף (גאָט, געזעלשאפט א. אז. וו.). אויך אין דעריין איז פּרודאָן גלייך צו די קריסטען, וואס ער שרייבט צו צו גאָט אליז, וואס ער לייקענט אָב אין מענשען. איהם, גאָט, רופט ער אָן דער פּראָפּריעטער פון דער ערד. דערמיט בעווייזט ער, אז ער קאָן ניט אוועקדענקען דעם אייגענטי־מער אלס אזעלכען; ער קומט אָן לסוף צו אן אייגענ־טימער, נאָר ער פערשטופּט איהם אויף יענער וועלט.

אייגענטימער איז ניט גאָט און ניט דער מענש, (ד. ה. די „מענשליכע געזעלשאפט",) זאָנדערן דער איינצעלנער.

---

פּרודאָן (אזוי אויך וויטלינג) מיינט, אז ער האָט ארויסגע־זאָגט דאָס ערגסטע וועגען אייגענטום, ווען ער רופט עס אָן גניבה. אָבגעזעהן אפילו פון דער אונבעקוועמער פראגע, וואס פאר א

שטארקע איינוווענדונג וואָלט מען אייגענטליך געקאָנט מאכען אנטקעגען גניבה גופא, פרעגען מיר נאָר: איז דען דער בעגריף „גניבה" איבערהויפט מעגליך, אויב מען האלט ניט פאר גילטיג דעם בעגריף „אייגענטום"? ווי אזוי קאָן מען גנבה'נען, אויב עס איז פון פריהער ניט פאראנגען קיין אייגענטום? דאס, וואס געהערט ניט צו קיינעם, קאָן ניט אוועקגעגנב'ט ווערן: דאס וואסער, וואָס איינער שעפּט פון ים, גנב'עט ער ניט. בכן איז ניט דאָס אייגענטום גניבה, נאָר דורך דעם אייגענטום ווערט ערשט מעגליך עס זאָל זיין גניבה. ווייטלינג מוז אויך איינזעהן דעם פונקט, היות ווי ער בעטראכט, אז אַלץ איז אַלעמענס אייגענ־טום: איז עפּעס „אַלעמענס אייגענטום", דאן פערשטעהט זיך, אז דער איינצעלנער גנב'ט עס, ווען ער נעהמט עס פאר זיך.

דאָס פריוואַט אייגענטום לעבט פון דעם חסד פון געזעץ. נאָר אין געזעץ האָט עס זיין אויפהאַלט, — ווארום בעזיץ איז דאָך נאָך ניט אייגענטום, עס ווערט ערשט דאן „מיינס" דורך דער צושטימונג פון געזעץ—; עס איז ניט א טהאטזאך, א פאקט, ווי פּרודאָן מיינט, נאָר א פיקציע, א געדאנק. דאס איז געזעץ־אייגענטום, געזעצליך־אייגענטום, גאראנטירטעס אייגענטום. ניט דורך מיר איז עס מיינס, זונדערן דורך דעם — געזעץ.

פונדעסטוועגען איז אייגענטום דער אויסדרוק פאר דער אונבעגרענצטער הערשאפט איבער עפּעס (זאך, טהיער, מענש), אויף וואס „איך קאָן שאַלטען און וואַלטען לויט מיין גוטען ווילען". געוויס, לויט דעם רוימישען געזעץ איז יוס אוטענ־די עט אבוטענדי רע סואַ, קוואַטענוס יוריס ראציא פּאטיטור (דאס רעכט צו געברויכען און מיסברויכען א זאך, אויף וויפיעל דאס ערלויבט זיך דורכ'ן זין פון געזעץ) אין אויסשליס־ליך און אונבעגרענצט רעכט; אבער די בעדינגונג פאר אייגענטום איז די מאכט. וואס איך האָב אין מיין מאכט, דאָס איז מיין אייגענס. אזוי לאַנג ווי איך קאָן זיך אוועקשטעל־לען אלס בעזיצער, בין איך דער אייגענטימער פון דער זאך; געהט די זאך ווידער ארויס פון מיין רשות, קיין אונטערשייד ניט דורך וועלכער מאכט, למשל דורכדעם וואס איך אָנדערקען אנאנ־דערנס רעכט אויף דער זאך — דאן איז אויס אייגענטום. אויף דעם אופן איז אייגענטום און בעזיץ איין און דיזעלבע זאך. ניט

א רעכט, וואס ליעגט מחוץ פון מיין מאכט, לעגיטימירט מיך, נאָר בלויז מיין מאכט: האָב איך זי ניט מעהר, דאַן פערשווינדט פון מיר די זאך. ווען די רוימער האָבען מעהר קיין מאכט ניט געהאט אנטקעגען די גערמאניער, האָט דאס וועלטרייך רוים געהערט צו די לעצטע, און עס וואָלט געקלונגען לעכערליך, ווען מען וואָלט זיך איינגעשפּארט, אז די רוימער זיינען פונדעסטוועגען געבליבען די אייגענטליכע אייגענטימער. ווער עס פערשטעהט צו נעהמען און איינהאלטען די זאך, צו דעם געהערט זי, ביז מען נעהמט זי ווידער ניט אָב פון איהם: פונקט ווי די פרייהייט געהערט צו דעם, וואס נ ע ה מ ט זי פאר זיך. —

בנוגע דעם אייגענטום גיט ארוים דעם לעצטען פסק נאָר די מאכט, און אזוי ווי דער שטאאט (קיין אונטערשיעד צי א בורזשואזנער, צי א פּראָלעטארישער, צי אן אלגעמיין־מענשליכער שטאאט), איז דער איינציג מעכטיגער, איז ער דעריבער דער איינציגער אייגענטימער. איך, דער איינציגער, האָב גאָרנישט, און ווער נאָר געדונגען; איך בין א געדונגענער, א וואסאל, און אלס אזעלכער, א דיענסט־מענש. אונטער דער הערשאפט פון שטאאט איז ניטאָ קיין אייגענטום, וואס איז מ י י נ ס.

איך וויל הויבען דעם ווערטה מיינעם, דעם ווערטה פון אייגענהייט — זאָל איך דען ארונטערזעצען דאָס אייגענטום? ניין, אזוי ווי א י ך בין ביז אהער ניט געאכטעט געוואָרן, ווייל פאָלק, מענשהייט און טויזענד אנדערע אלגעמיינהייטען זיינען געשטעלט געוואָרן העכער, אזוי איז אויך דאָס אייגענטום ניט אָנדערקענט געוואָרן אין זיין פולען ווערטה, ביז אויף היינטיגען טאָג. דאָס אייגענטום איז אויך נאָר געווען דאָס אייגענטום פון א געשפענסט, צ. ב. ש. פאָלקס־אייגענטום; מיין גאנצע עקזיסטענץ האָט „געהערט צום פאטערלאנד": א י ך האָב געהערט דעם פאטערלאנד, דעם פאָלק, דעם שטאאט, און ממילא אויך אלצרינג, וואָס איך האָב גערופען מ י י ן א י י ג ע נ ס. מען פאָדערט פון די שטאאטען, זיי זאָלען אָבשאפען דעם פּאופּעריזם. מיר דוכט, אז דאָס הייסט פערלאנגען, דער שטאאט זאָל זיך אליין אָבשניידען דעם קאָפּ און איהם אוועקלעגען צו די פיס; וואָרים כל זמן דער שטאאט איז דער „איך", מוז דער איינצעלנער איך זיין אן אָרימער טייפעל, א ניט — איך. דער שטאאט האָט נאָר

אין אינטערעס, אליין צו זיין רייך; צי מיכעל איז רייך און פעטער איז אָרים, איז איהם גאנץ ענאל; פון זיינטוועגען האָט אויך געקאָנט פעטער זיין רייך און מיכעל אָרים. ער זעהט גלייכ־גילטיג צו, ווי איינער ווערט פעראָרימט און דער אנדערער ווערט רייך, דער דאָזיגער וועקסעל־שפיעל הויבט איהם ניט אָן צו קימערן. אַ ל ס א י י נ צ ע ל נ ע זיינען זיי ווירקליך גלייך אין זיינע אויגען, אין דעם פּרט איז ער גערעכטיג: פאר איהם זיינען זיי ביידע גאָרנישט, אזוי ווי „פאר גאָט זיינען מיר אלע גלייך זינדיגע". פון דער אנדער זייט האָט ער אַ זעהר גרויסען אינטערעס, אז יענע איינצעלנע, וועלכע מאכען איהם פאר זייער איך, זאָלען האָבען אַ חלק אין ז י י ן רייכטום: ער מאכט זיי פאר טיילנעהמער אי ן ז י י ן אייגענטום. דורך אייגענטום, מיט וואָס ער בעלוינט די איינצעלנע, מאכט ער זיי צאהם; עס בלייבט אָבער ז י י ן אייגענטום, און יעדער קאָן נאָר אזוי לאנג געניסען דעם געברויך דערפון, כל זמן ער טראָגט אין זיך דעם שטאאט'ס „איך", אָדער כל זמן ער איז אַ „לאָיאלעס גליעד פון דער געזעלשאפט"; אין פערקעהרטען פאל ווערט דאָס אייגענטום קאָנפיסקירט אָדער עס ווערט געמאכט עס זאָל צורונען ווערן דורך פערשלעפּטע געריכט־פּראָצעסען. דאָס אייגענטום איז און בלייבט אזוי ש ט א אַ ט ס ־ א י י ג ע נ ט ו ם, ניט דעם איך'ס אייגענטום. וואָס דער שטאאט נעהמט ניט אוועק מוטווילינ ביי דעם איינצעל־נעם דאָס, וואָס דער איינציגער האָט פון דעם שטאאט, מיינט נאָר אזויפיעל צו זאָגען, אז דער שטאאט בערויבט ניט זיך אליין. ווער עס איז אַ שטאאטס־איך, ד. ה. אַ גוטער בירגער אָדער אונ־טערטהאן, דער האלט זיין לעהן־גוט אונגעשטערט אלס א ז אַ א י ך, ניט אלס אַן אייגענער איך. לויט דעם געזעץ־קאָדעקס איז אייגענטום דאָס, וואָס איך רוף אָן מיינס „דורך דעם ווילען פון גאָט און פון געזעץ". עס איז אָבער מיינס דורכ'ן ווילען פון גאָט און געזעץ נאָר אזוי לאנג — ווי דער שטאאט האָט גאָרנישט אנט־קעגען דעם.

אין די פערשיידענע עקספּראָפּריאציעס, וואפען־אָבליפערונגען און דערגלייכען (ווי צ. ב. ש. די ירושות, וואָס די מלוכה־קאַסע נעהמט צו, ווען די יורשים מעלדען זיך ניט אין צייט), זעהט מען טאקע קלאָר און דייטליך דעם געוועהנליך־פערדעקטען פּרינ־

ציפ, אז נאָר דאָס פ אָ ל ק , „דער שטאאט“, איז דער איינגענ־טימער, און דער איינצעלנער איז בלויז אַ לעהן־האַלטער.

איך וויל דערמיט זאָגען, אז דער שטאאט קאָן ניט האָבען די אבזיכט, אז ווער עס איז זאָל צ ו ל י ב ז י ך א ל י י ן האָבען אייגענטום, גאָר זיין רייך אָדער אפילו נאָר וואוילהאבענד; מיר אַלס מיר קאָן ער גאָרנישט צוגעשטעהן, צולאָזען אָדער עפּעס געבען. דער שטאאט קאָן דעם פּאָופּעריזם ניט אָבהאַלטען, ווייל די אָרימקייט פון בעזיץ איז אַן אָרימקייט פון מיין איך. דער וואָס א י ז אַליין גאָרנישט, אחוץ וואָס דער צופאַל אָדער אַנאַנדע־רער, דהיינו דער שטאאט, מאַכט פון איהם, דער ה אָ ט מיט רעכט אויך גאָרנישט, אויסער וואָס אַנאַנדערער גיט איהם. און דער דאָזיגער אַנדערער וועט איהם ג ע ב ע ן נאָר דאָס, וואָס ער פ ע ר ד י ע נ ט, ד. ה. וואָס ער איז ווערטה דורך ד י ע נ ע ן. ניט ער רעאַליזירט פון זיך זיין ווערטה, נאָר דער שטאאט רעאַלי־זירט פון איהם זיין ווערטה.

די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע בעשעפטיגט זיך פּיעל מיט דעם געגענשטאַנד. ער ליעגט אָבער ווייט ארויס איבער דאָס „נאַציאָ־נאַלע“ און געהט אוועק ווייטער איידער די בעגריפען און דער האָרי־זאָנט פון שטאאט, וועלכער האָט נאָר אַ ידיעה וועגען שטאאטס־אייגענטום און קאָן מעהר ווי דאָס ניט פּערטיילען. דעריבער בינדט דער שטאאט דעם בעזיץ פון אייגענטום צו געוויסע ב ע ד י נ ג ו נ ג ע ן — ווי ער בינדט יעדע זאַך צו זיי, צ. ב. ש. די עהע, דערמיט וואָס ער לאָזט גילטען נאָר ד י עהע, וועלכע איז פון איהם סאַנקציאָנירט, און ער רייסט זי ארויס פון מיין מאַכט. אייגענטום איז אָבער נאָר דאַמאָלסט מ י י ן אייגענ־טום, ווען איך האָב עס אָ ה ן ב ע ד י נ ג ו נ ג ע ן: נאָר אַלס אַן א ו נ ב ע ד י נ ג ט ע ר „איך“ האָב איך אייגענטום, שליס אַ ליעבעס־פערהעלטניש, פיהר אַן פרייען האַנדעל א. אז. וו.

דער שטאאט קימערט זיך ניט וועגען מיר און דאָס מייניגע, נאָר וועגען זיך און דאָס זייניגע: איך האָב עפּעס אַ בעטרעף פאַר איהם נאָר אַלס ז י י ן ק י נ ד, אַלס „קינד פון לאַנד“, אַלס „איך“ בין איך גאָרנישט פאַר איהם. אַלץ וואָס פּאַסירט מיט מיר אַלס איך, איז לויט דעם שטאאט'ס פערשטאַנד נאָר עטוואָס צ ו פ ע ל י ג ע ס: מיין רייכטום ווי מיין פעראָרימטקייט.

אויב אָבער איך מיט אַלץ וואָס איז מיינס בין פאַר איהם נאָר א צופאַל, דאַן בעווייזט דאָס, אַז ער קאָן מ י ך ניט בעגרייפען: איך שטייג אריבער זיינע בעגריפען, אָדער זיין פערשטאַנד איז צו־קורץ מיך צו בעגרייפען. דעריבער קאָן ער אויך גאָר נישט טהאָן פאַר מיר.

דער פאָופעריזם איז די װ ע ר ט ה ל אָ ז י ג ק י י ט פ ו ן מ י ר, דער פאַקט, וואָס איך קאָן ניט רעאַליזירען קיין ווערטה פון זיך. דעריבער איז שטאַאט און פאָופעריזם איינס און דיזעלבע. דער שטאַאט לאָזט מיך ניט צוקומען צו מיין ווערטה און האָט א קיום נאָר דורך מיין ווערטהלאָזיגקייט: ער איז אָבגעלעגט אַלעמאָל נאָר אויף דעם, צו ציהען פון מיר נוצען, ד. ה. מיך צו עקספּלואַ־טירן, בערויבען, פערברויכען — מעג דער דאָזיגער פערברויך בע־שטעהן אפילו נאָר אין דעם, וואָס איך בעזאָרג די פּאָרטפלאַנצונג פון דעם מין — פּ ר אָ ל ע ס (פּראָלעטאריאַט). ער וויל, איך זאָל זיין „זיין קרעאַטור“.

נאָר דאַמאָלסט קאָן דער פּאָופעריזם אָבגעשאַפט ווערן, ווען איך גיב מיר אַליין א ווערטה און מאַך אַליין מיין פּרייז. איך מוז זיך אויפהויבען, מאַכען אַן אויפשטאַנד, כדי דערהויבען צו ווערן.

וואָס איך זאָל ניט שאַפען — מעהל, לייוועוונט, אָדער אייזען און קויהלען, וועלכע איך קריג אַרויס מיט מאַטערניש פון דער ערד — דאָס אַלץ א י ז מ י י ן אַרבייט און איך וויל רעאַליזירען דעם ווערטה דערפון. איך קאָן זיך אָבער קלאָגען ווי לאַנג איך וויל, מיין אַרבייט ווערט מיר ניט בעצאָהלט לויט איהר ווערטה: דער צאָהלער וועט מיך ניט הערן און דער שטאַאט וועט זיך אויך פערהאַלטען אַפּאַטיש אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער וועט ניט דענקען, אַז ער מוז מיך „איינשטילען“, כדי איך זאָל ניט אַרויס־פּלאַצען מיט מיין געוואַלט, פאַר וועלכער ער האָט מורא. ביי דער דאָזיגער „איינשטילונג“ אָבער וועט עס בלייבען, און זאָל מיר איינפאַלען צו פערלאַנגען מעהרער, פאַלט ער אַרויף אויף מיר מיט דעם גאַנצען כח פון זיינע לייבען־לאַפּעס און אָדלער־נעגעל: דען ער איז דער קעניג פון די חיות, ער איז לייב און אָדלער. ווען איך לאָז זיך ניט בעגנוגענען מיט דעם פּרייז פון מיין וואָרע, ד. ה. „צו מאַכען זיך בעצאָהלען“, דאַן קום

איך די ערשטע זאך אין א קאנפליקט מיט דעם אבנעהמער פון דער ווארע. שטילט זיך איין דער קאנפליקט דורך א געגענזייטיגער איינפערשטענדיגונג, וועט דער שטאאט ניט מאכען לייכט קיין איינווענדונגען, ווארים איהם קימערט ווייניג, ווי אזוי די איינצעלנע קומען דורך איינע מיט די אנדערע, כל זמן זיי שטעלען זיך דערביי איהם ניט אין וועג. זיין שאדען און זיין געפאהר פאנגט זיך אן ערשט דא, וואו זיי קאנען ניט דורכקומען איינע מיט די אנדערע, ווען זיי הויבען זיך אן רייסען פאר די האהר, ווייל זיי קאנען זיך ניט אויסגלייכען. דער שטאאט קאן ניט פערליירען, אז דער מענש זאל שטעהן אין א דירעקטער שייכות צום מענשען; ער מוז זיך אריינרוקען צווישען אלס — פ ע ר מ י ט ל ע ר, ער מוז זיך א ר י י נ מ י ש ע ן. וואס קריסטוס איז געווען, וואס עס זיינען געווען די הייליגע און די קירך, דאס איז געווארן דער שטאאט, נעמליך א „פערמיטלער“. ער מאכט א פירוד הלבבות צווישען די מענשען, כדי צו שטעלען זיך אלס „גייסט“ אין דער מיט. די ארבייטער, וועלכע פערלאנגען א העכערן לוין, ווערן בעהאנדעלט ווי פערברעכער, אזוי באלד ווי זיי ווילען עס קריגען דורך צ ו ו א נ ג. וואס זאלען זיי טהאן? אהן צוואנג בעקומען זיי איהם ניט, און אין דעם צוואנג דערבליקט דער שטאאט א זעלבסט־הילף, א פרייז־בעשטימונג, וואס דער איך שטעלט אוועק, א ווירקליכע, פרייע ווערטה־רעאליזירונג פון זיין אייגענטום, וועלכע דער שטאאט קאן ניט דערלאזען. וואס זאלען, אלזא, די ארבייטער אנהויבען טהאן? זיך פערלאזען אויף זיך און ניט קוקען אויפ׳ן שטאאט? — —

אבער פונקט ווי די זאך שטעהט מיט מיין מאטעריעלער ארבייט, אזוי שטעהט עס אויך מיט מיין גייסטיגער ארבייט. דער שטאאט ערלויבט מיר צו רעאליזירען דעם ווערטה פאר אלע מיינע געדאנקען און געפינען פאר זיי קונדען (איך רעאליזיר א ווערטה פאר זיי שוין דורכדעם, וואס מיינע צוהערער גיבען מיר אב כבוד און דערגלייכען); אבער דאס אלץ נאר אזוי לאנג, ווי לאנג מ י י נ ע געדאנקען זיינען — ז י י נ ע געדאנקען. האב איך אבער געדאנקען, צו וועלכע ער קאן ניט מסכים זיין (ד. ה. ער קאן זיי ניט אננעהמען אלס זיינע געדאנקען) דאן ערלויבט ער מיר דורכאויס ניט צו רעאליזירען פאר זיי א ווערטה, צו ברענגען זיי

אין פ ע ר ק ע ה ר און א ו י ס ט ו י ש. מיינע געדאנקען זיינען פריי, נאָר ווען זיי ווערן מיר געגעבען דורך דעם חסד פון שטאאט, ד. ה. ווען זיי זיינען דעם שטאאט'ס געדאנקען. פריי פילאָזאָפירען לאָזט ער מיך נאָר, אויף ווי ווייט איך האלט זיך אלס „שטאאטס־פילאָזאָף"; אנטקעגען דעם שטאאט טאָר איך ניט פילאָזאָפירען, ווי גערן ער איז ניט זאָגסט, וואס איך העלף איהם ארויס אין זיינע „נויטען" און טהו איהם „טובות". — קורץ, אזוי ווי איך מוז זיך בעטראכטען נאָר ווי א איך, וואס איז פון שטאאט גנעדיגסט בעשטאטעט, וואס איז בעזאָרגט מיט זיין כתב פאר געזעצליכער אויפפיהרונג און מיט א פּאָליציי־פּאס, אזוי איז מיר אויך ניט ערלויבט צו רעאליזירען א ווערטה פון דאס וואס איז מיינס, סיידען דאָס ווייזט זיך ארויס ווי זיינס, וואָס איך האלט פון איהם ווי א לעהן־גוט. מיינע וועגען מוזען זיין זיינע וועגען, אז ניט האלט ער מיך אין פלען; מיינע געדאנקען מוזען זיין זיינע געדאנקען, אז ניט פערשטאָפּט ער מיר דאָס מויל.

דער שטאאט האָט זיך פאר קיין זאך ניט אזויפיעל צו שרעקען, וויפיעל פאר דעם ווערטה מיינעם, און קיין זאך מוז ער ניט אזוי פּאָרזיכטיג זוכען צו פערהיטען, ווי יעדע געלעגענהייט, וואס קאָן זיך מיר מאכען זיך אליין צו פ ע ר ו ו ע ר ט ה ע ן , צו רעאליזירען מיין ווערטה. איך בין דער דם־שונא פון שטאאט, וועלכער זעהט שטענדיג פאר זיך דעם אלטערנאטיוו: ער אדער איך. דעריבער איז ער אזוי פעסט ענטשלאָסען ניט נאָר מ י ך ניט צו דערלאָזען ווערן גילטיג, נאָר אויך ארונטערצודריקען אלץ וואס איז מ י י נ ס . אין דעם שטאאט איז ניטאָ קיין אייגענטום, ד. ה. קיין אייגענטום פון דעם איינצעלנעם, נאָר בלויז שטאאט־אייגענטום. נאָר דורכ'ן שטאאט האָב איך, וואס איך האָב, אזוי ווי איך בין נאָר דורך איהם, וואס איך בין. מיין פּריוואט־אייגענטום איז נאָר דאָס, וואס דער שטאאט לאָזט איבער פאר מיר פון דאס ז י י נ י ג ע , דערמיט וואס ער רייסט עס אָב (פּריווירט עס) פון אנדערע מיטגליע־דער פון שטאאט: עס איז שטאאט־אייגענטום.

אָבער אין אָפּאָזיציע צום שטאאט פיהל איך וואָס ווייטער אלץ דייטליכער, אז מיר איז נאָך איבערגעבליבען א גרויסע מאכט, די מאכט איבער מיך אליין, ד. ה. איבער אלץ, וואס געהערט נאָר

צו מיר אליין און וואס עקזיסטירט נאָר דערמיט, וואס עס איז מיין אייגענס.

וואס טהו איך, ווען מיינע וועגען זיינען ניט מעהר זיינע וועגען און מיינע געדאנקען זיינען ניט מעהר זיינע געדאנקען? איך פערלאָז מיך אויף זיך און קוק ניט אויף איהם! אין מ י י נ ע געדאנקען, פאר וועלכע איך דארף ניט קיין סאנקציע פון קיין צושטימונג, ערלויבניש אדער גנאָד, בעזיץ איך מיין ווירקליכעס אייגענטום, אן אייגענטום, מיט וועלכען איך קאָן פיהרען מסחר. ווארים אלס מיינע זיינען זיי מיינע ש א פ ו נ ג ע ן, און איך בין אומשטאַנד זיי אוועקצוגעבען פאר א נ ד ע ר ע געדאנקען: איך גיב זיי אויף און בייט זיי אויס אויף אנדערע, וועלכע זיינען דאן מיין ניי־געקויפטעס אייגענטום.

וואס איז אלזא מ י י ן אייגענטום? גאָרנישט א חוץ דאס, וואס איז אין מיין מ א כ ט! צו וועלכען אייגענטום בין איך בערעכטיגט? צו יעדען, צו וועלכען איך — ד ע ר מ ע כ ט י ג ז י ך. איך גיב זיך דאס אייגענטומסרעכט, דערמיט וואס איך נעהם זיך אייגענטום, אדער וואס איך גיב זיך די מ א כ ט פון דעם אייגענטימער, די פולמאכט, די דערמעכטיגונג.

יעדע זאַך, איבער וואָס מען קאָן ביי מיר ניט אוועקרייסען די מאכט, בלייבט מיין אייגענטום; נו, גוט, זאָל די מאכט ענטשיידען איבער דעם אייגענטום, און איך וויל לעגען אלע מיינע האָפנונגען אויף מיין מאכט! פרעמדע מאכט, די מאכט וואס איך לאָז פאר אנאנדערן, מאכט מיך פאר א לייבאייגענעם: איז זאָל מיין אייגענע מאכט מיך מאכען פאר אן אייגענטימער! לאָמיך דעריבער צוריקנעהמען די מאכט, וועלכע איך האָב אָבגעגעבען אנדערע, ניט פערשטעהענדיג די שטאַרקייט פון מיין אייגענער מאכט! לאָמיך מיר אליין זאגען, וואוהין מיין מאכט גרייכט, איז מיין אייגענטום, און לאָמיך נעהמען אין אָנשפרוך אלס אייגענטום אלץ, וואס איך פיהל מיך שטאַרק גענוג צו דערלאנגען, און לאָמיך מיין ווירקליכעס אייגענטום אויסברייטערן אויף אזויפיעל, אויף וויפיעל א י ך בערעכטיג מיך, ד. ה. — ד ע ר מ ע כ ט י ג מיך צו נעהמען.

דאָ מוז ענטשיידען דער עגאָיזם, די אייגעננוצען, ניט דער פרינציפּ פון ל י ע ב ע, ניט די ליעבעס־מאָטיוען, ווי בארמהער־

צינקייט, מילדקייט, גוטמיטיגקייט אדער אפילו גערעכטיגקייט און יושר (ווארים אפילו די יוסטיציא איז אן ערשיינונג פון — ליעבע, א ליעבעס־פּראָדוקט): די ליעבע ווייס נאָר אַ פּ פּ ע ר און פּאָדערט „אויפאָפּפערונג“.

דער עגאָיזם טראכט ניט עפּעס צו אָפּפערן, זיך אָבצוזאָגען פון עפּעס: ער בעשליסט איינפאך: וואס איך ברויך, מוז איך האָבען, און וועל עס קריגען. אלע פּראָבעס צו געבען פערנינפטיגע געזעצען וועגען אייגענטום האָבען ארויסגעשטראמט פון דעם בוזים [בוכטע, ים־אויסגוס] פון ליעבע אין א וויסטען ים פון תקנות. מען קאָן ניט מאכען קיין אויסנאהמע דערפון אפילו פאר דעם סאָציאליזם און קאָמוניזם. יעדער דארף פערזאָרגט ווערן מיט גענינגענדע מיטלען, און עס איז דערביי ניט פיעל וויכטיג, צי די דאָזיגע מיטלען וועלען זיך געפינען, ווי די סאָציאליסטען ווילען האָבען, אין א פאָרם פון פריוואט אייגענטום, צי מען וועט זיי נעהמען קאָמוניסטיש פון דער גיטער־געמיינשאפט. דער געפיהל פון די איינצעלנע בלייבט איןביידע פעלען דערזעלביגער — ער בלייבט א געפיהל פון אָבהענגיגקייט. די יושר'דיגע פערטיילענדע קאָמיסיע לאָזט מיר האָבען דערפון, וויפיעל איהר יושר־געפיהל, איהר ל י ע ב ע נ ד ע זאָרג פאר אלעמען, שרייבט פאָר. פאר מיר, דעם איינצעלנעם, ליעגט ניט קיין קלענערע שטערונג אין דעם קאָ ל ע ק ט י ו ו ־ פ ע ר מ ע ג ע ן, ווי אין דעם א י י נ צ ע ל־פערמעגען פון אנדערע: ניט דער איז מיינס, ניט יענער. סיי דער פערמעגען געהערט צום כלל, וועלכער לאָזט מיר דערפון בעקומען א טייל, סיי ער געהערט צו איינצעלנע בעזיצער, איז ער אלץ פאר מיר דערזעלביגער צוואנג, היות ווי איך האָב קיין דעה ניט איבער קיינעם פון די ביידע. אדרבא, דורכדעם וואס דער קאָמוניזם שאפט אָב יעדעס פערזענליכע אייגענטום, דריקט ער מיך נאָך מעהר ארונטער אין דער אָבהענגיגקייט פון אנאנדערן, דהיינו פון דער אלגעמיינהייט אדער פון דעם כלל; און ווי הויך ער זאָל ניט אטאקירען דעם שטאאט, איז וואָס ער בעצוועקט איינצופיהרן, אליין ווידער א שטאאט, א ס ט א ט ו ס, א צושטאנד, וואס הינדערט מיין פרייע בעוועגונג, אן איבערהערשאפט איבער מיר. דער קאָמוניזם שטעלט זיך אויף מיט רעכט אנטקעגען דער אונטערדריקונג, וואס איך לייד פון די איינצעלנע אייגענטימער; אבער נאָך

מורא׳דינגער איז די מאכט, וואָס ער לעגט אריין אין די הענד פון דעם כלל.

דער עגאָיזם פערנעהמט זיך אויף אנאנדער וועג, כדי אויסצו־ראָטען דעם בעזיצלאָזען המון. ער זאָגט ניט: וואַרט אָב וואָס די יושר׳דינגע קאָמיסיע וועט אין נאָמען פון כלל — דיר שענקען (ווארים אזא שענקען איז פון אייביג אָן פאָרגעקומען אין די „שטאַאטען", וואו מען האָט יעדערן געגעבען „לויט פערדיענסט", ד. ה. לויט דער מאָס וויפיעל איינער האָט פ ע ר ד י ע נ ט, האָט זיך ד ע ר ד י ע נ ט); ער זאָגט: גרייף אָן און נעהם וואָס דו דארפסט! דערמיט ווערט דערקלערט דער קריעג פון אלעמען אנטקעגען אלעמען. א י ך אליין בעשטים, וואס איך וויל האָבען.

— „נו, דאס איז באמת גאָר ניט קיין נייע חכמה, ווארים אזוי האָבען נעהאלטען אלע, וואָס זוכען זייערע אייגענע נוצען, פון אייביג אָן!"

— ס׳איז גאָר ניט נויטיג, די זאך זאָל זיין ניי, אויב מען האלט עס נאָר אין זינען. און אָט דער לעצטער פונקט קאָן שוין ניט האָבען קיין פרעטענזיע אויף הויכען עלטער (סיידען מען זאָל צורע־כענען אהער די עגיפטישע און ספּארטאנישע געזעצען); ווארים מען קאָן זעהן, ווי ווענינ אָט די חכמה איז אריינגעדרונגען אין אונזער בעוואוסטזיין, פון דעם פריהערינען פאָרוואורף, וואס רעדט מיט פעראכטונג וועגען די, וואס זוכען זייערע אייגענע נוצען. מען דארף עס טאקע וויסען, אז די דאָזיגע האנדלונג פון אָנגרייפען איז ניט קיין שענדליכע, נאָר עס איז די ריינע טהאט פון דעם עגאָיסט, וועלכער איז ניט צעדיסען מיט זיך אליין.

וועו איך דערוואַרט ניט מעהר, ניט פון דעם איינצעלנעם, ניט פון כלל, דאס וואס איך קאָן מיר אליין געבען, ערשט דאמאלסט דרעה איך זיך ארויס פון דער שטריק־נעץ פון דער — ליעבע; דער המון הערט ערשט דאן אויף צו זיין א המון, ווען ער נ ר י י פ ט אָ ן. נאָר די מורא פאר׳ן אָנגרייפען און די בעשטראָפונג, וואָס קומט דערפאר, מאכט איהם פאר א המון. נאָר דאס, אז כאפּען איז א ז י נ ד, א פערברעכען, — נאָר אָט די דאָגמא שאפט א המון. און דאס, וואס דער המון בלייבט וואס ער איז, דעריין איז ער פונקט אזוי שולדיג, פארוואס ער לאָזט די דאָגמא בעשטעהן, ווי יענע ספעציעל, וועלכע פאָדערן „אייגעננוציג" (זייי צוריקצוגע־

בען זייער בעליעבט ווארט) מען זאל זיי רעספעקטירען. קורץ, דער מאנגעל אין א בעוואוסטזיין פון יענער „נייער חכמה“, און דאס אלטע זינד־בעוואוסטזיין — דאס אליין טראגט די שולד.

ווען די מענשען וועלען קומען אזוי ווייט, אז זיי וועלען פערלי־רען דעם רעספעקט פאר אייגענטום, דאן וועט יעדערער האבען אייגענטום, פונקט ווי אלע שקלאפען ווערן פרייע מענשען, אזוי־באלד ווי זיי אכטען ניט מעהר זייער הארן אלס הארר. פעראייניגען וועלען אויך אין דעם פערפיעלפאכען די מיטלען פון דעם איינצעלנעם און וועלען זיכער שטעלען זיין אייגענטום פון אלע אנגריפען.

לויט דער מיינונג פון די קאמוניסטען דארף די געמיינדע זיין די אייגענטימערין. פערקעהרט, איך בין אייגענטימער און פערשטענדיג זיך נאר מיט די איבעריגע וועגען מיין אייגענטום. טהוט עפעס די געמיינדע, וואס מיר געפעלט ניט, הויב איך מיר אויף אנטקעגען איהר און פערטיידיג מיין אייגענטום. איך בין אן אייגענטימער, אבער דאס אייגענטום איז ניט הייליג. זאל איך בלויז זיין א בעזיצער? ניין, ביזאהער איז מען נאר געווען בעזיצער, און מען איז געווען געזיכערט אין דעם בעזיץ פון א חלק, דורכדעם וואס מען האט די איבעריגע אויך געלאזט אין דעם בעזיץ פון א חלק; איצט אבער געהערט מיר אלץ; איך בין אייגענטימער פון אלץ, וואס איך ברויך און וואס איך קאן האבען אין מיין רשות. אויב סאציאליסטיש הייסט עס: די געזעלשאפט גיט מיר וואס איך ברויך, — זאגט דער עגאיסט: איך נעהם מיר וואס איך ברויך. אויב די קאמוניסטען בענעהען זיך ווי שלעפער, בענעהמט זיך דער עגאיסט ווי אן אייגענ־טימער.

אלע „שוואנען־פערברידערונגען“* און אלע פראבעס צו בעגלי־קען דעם המון, וועלכע נעהמען זיך פון דעם פרינציפ פון ליעבע, מוזען דורכפאלען. נאר פון דעם עגאיזם קאן דער המון געהאל־פען ווערן, און די דאזיגע הילף מוז ער זיך אליין שאפען און —

* עס זעהט אויס, אז דער נאמען בעציהט זיך אויף געוויסע וואויל־טעטיגע חברות פון דעם פערפאסער'ס צייט. — דער איבערזעצער.

וועט זיך עס אליין שאפען. לאזט ער זיך ניט צווינגען מורא צו האבען, דאן איז ער א מאכט. „די לייט וועלען פערלירן יעדען רעספעקט, ווען מען זאל זיי ניט צווינגען אזוי מורא צו האבען“, שרייבט זיך אין דעם מעשה־ביכעל „דער קאטער אין שטיוועל“.

אלזא, דאס אייגענטום זאל ניט און קאן ניט אבגעשאפט ווערן, עס מוז בעסער ארויסגעריסען ווערן פון די געשפענסטישע הענד און ווערן מ י י ן אייגענטום. דאן וועט פערשווינדען דאס טעות׳דיגע בעוואוסטזיין, אז איך האב ניט קיין רעכט צו אזויפיעל, וויפיעל איך ברויך. —

„איז דען אבער דא א שיעור וויפיעל א מענש קאן ברויכען!“ נו, יא, ווער עס ברויכט פיעל און פערשטעהט ווי דאס צו בעקומען, האט זיך טאקע צו יעדער צייט דאס גענומען, ווי נאפאלעאן דעם קאנטינענט און די פראנצויזען אלזשיער. עס האנדעלט זיך דעריבער נאר אום דעם, אז דער רעספעקט־פולער „המון“ זאל ענדליך זיך אויסלערנען צו נעהמען, וואס ער ברויכט. אויב ער דערלאנגט אייך צו־וועיט, — אי, אי, וועהרט זיך אנטקעגען! איהר זייט גאר ניט מחויב מיט גוטען איהם עפעס צו — שענקען. ווען ער האט זיך קענען געלערנט, אדער ריכטיגער געזאגט, דער פון דעם המון, וואס לערנט זיך קענען, ווארפט אראב פון זיך די המון־אייגענשאפט, דערמיט וואס ער איז מוחל אייערע נדבות. עס איז אבער לעכערליך, וואס איהר דערקלערט איהם פאר „זינדיג און פערברעכעריש“, ווען ער וויל ניט לעבען פון אייערע טובות, ווייל ער קאן אליין עפעס טהאן פאר זיך. אייערע שענקונגען בעטריגען איהם און האלטען איהם אב. פערטיידיגט אייער אייגענטום, וועט איהר זיין שטארק; ווילט איהר פערקעהרט אויפהאלטען אייער פעהיגקייט צו שענקען, און אפשר גאר האבען אליץ מעהר פאליטישע רעכט, וואס מעהר נדבות (קצבה פאר ארימע לייט) איהר קאנט געבען, וועט עס אנגעהן אזוי לאנג, ביז וואנען די מקבלים וועלען אייך לאזען אזוי געהן.*

---

* אין א רעגיסטראציאן־ביל פאר אירלאנד האט די רעגירונג געשטעלט דעם אנטראג צו לאזען זיין וועהלער נאר יענע, וואס צאהלען 5 פונט סטערלינג שטייער פאר ארעמע. אלזא, ווער עס גיט נדבות, בעקומט פאליטישע רעכט, אדער ער ווערט אנדערסוואו א שוואנען־ריטער.

קורץ, די אייגענטומס־פראגע לאזט זיך ניט לייזען אזוי ליעבליך, ווי די סאציאליסטען, און אפילו די קאמוניסטען, חלומ'ען וועגען דעם. זי ווערט געלייזט נאר דורך דעם קריעג פון אלעמען אנטקעגען אלעמען. די ארימע ווערן פריי און ווערן אייגענטימער נאר ווען — זיי מאכען אן אויפשטאנד, הויבען זיך אויף און דערהויבען זיך. שענקט זיי וויפיעל איהר ווילט, זיי וועלען שטענדיג וועלען אלץ מעהר; ווארים זיי ווילען ניט ווינציגער, ווי אז ענדליך — זאל מעהר גאר ניט געשענקט ווערן.

מען וועט פרעגען: וואס וועט דאן זיין, ווען די בעזיצלאזע וועלען קריגען מוט? וואס פאר א מין אויסגלייכונג וועט דאן ווערן? איהר קאנט אזוי גוט פערלאנגען פון מיר, איך זאל אייך פאראויסזאגען דעם מזל פון א ניי־געבוירענעם קינד. וואס א שקלאף וועט טהאן, נאכדעם ווי ער האט צובראכען זיינע קייטען, דאס מוז מען — אבווארטען און זעהן.

קייזער אין זיין בראשור „די פערזינליכקייט דעם אייגענטימער'ס אין בעצוג אויף דעם סאציאליזמוס אונד קאמוניזמוס א. ז. וו.", וועלכע איז ווערטהלאז לויט איהר פארם, ווי לויט איהר אינהאלט, האפט אויפ'ן שטאאט, אז ער וועט פועל'ן אן אויסגלייכונג פון פערמעגען. שטענדיג דער שטאאט! דער הערר פאפא! פונקט ווי די קירך האט זיך ארויסגעגעבען און איז בעטראכט געווארען פאר די „מוטער" פון די גלויביגע, אזוי האט דער שטאאט אינגאנצען דעם פנים פון דעם אלץ־בעזארגענדען פאטער.

---

די קאנקורענץ צייגט זיך ארויס צו זיין פערבונדען מיט דעם פרינציפ פון בירגערליכקייט אויפ'ן ענגסטען אופן. איז זי דען עפעס אנדערס ווי די גלייכהייט (עגאליטע)? און איז דען ניט די גלייכהייט א פראדוקט פון דערזעלביגער רעוואלוציע, וואס איז ארויסגערופען געווארן פון דעם בירגערטום אדער די מיטעלקלאסען? אזוי ווי עס איז קיינעם ניט פערוועהרט צו קאנקורירען מיט אלעמען אין שטאאט (א חוץ דעם קעניג, ווייל ער שטעלט מיט זיך פאר דעם שטאאט גופא) — צו קאנקורירען און ארויפארבייטען זיך אזוי הויך ווי די אנדערע, אפילו זיי ארונטערצו־ווארפען אדער עקספלואטירען צוליעב די אייגענע נוצען, אריבערשטייגען זיי און דורך שטארקערע אנשטרענגונגען אוועקנעהמען זייער

וואוילשטאנד — דיענט עס פאר א קלארען בעוויז, אז פאר דעם ריכטער־שטוהל פון שטאאט האט יעדער איינער נאר דעם ווערטה פון א „פשוט'ן יחיד" און טאר ניט רעכענען אויף קיין בעגינסטי־גונג (פאווארטיזם). יאגט און טרייבט אייך אריבער איינע די אנדערע וויפיעל איהר ווילט און קאנט, האס זאל מיך, דעם שטאאט, ניט אהרען! אין דעם קאנקורירען צווישען זיך זייט איהר פריי, זייט קאנקורענטען; דאס איז אייער ג ע ז ע ל ש א פ ט ל י כ ע שטעלונג. פאר מיר, דעם שטאאט, אבער זייט איהר נישט מעהר ווי „פשוט'ע יחידים"!*

וואס מען האט פארגעשטעלט אין א פרינציפיעלער אדער טעארעטישער פארם אלס די גלייכהייט פון אלע מענשען, האט אין דער קאנקורענץ געפונען זיין פערווירקליכונג און פראקטישע אויס־פיהרונג; ווארים די ע ר ש ט ע איז — די פרייע קאנקורענץ. פאר דעם שטאאט זיינען אלע — פשוט'ע יחידים, אין דער געזעל־שאפט אדער אין זייער שייכות איינע צו די אנדערע — קאנקו־רענטען.

איך דארף נישט מעהר זיין ווי א פשוט'ער יחיד, כדי צו קאנען קאנקורירען מיט יעדען אנדערען, א חוץ מיט דעם קעניג און זיין פאמיליע — א פרייהייט, וועלכע איז פריהער געוועזען אונמעג־ליך, ווארים די פרייהייט צו טהאן עפעס האט א מענש געהאט נאר דורך זיין קארפאראציע [גילדע] און אין די גרעניצען פון דער קארפאראציע.

אין דער גילדע און פעאדאלער ארגאניזאציע איז דער שטאאט אונטאלעראנט און איבערקלייבעריש, דערמיט וואס ער פ ר י ו ו י ־ ל י ג י ר ט; אין דער קאנקורענץ און אין דעם ליבעראליזם פערהאלט ער זיך טאלעראנט און נאכגיביג, דערמיט וואס ער

---

*אט דעם אויסדרוק האט געברויכט דער מיניסטער שטיין ווע־גען גראף פאן רייזאך, בעת ער האט איהם קאלטבלוטיג איבערגעגעבען אין די הענד פון דער בייערישער רעגיערונג, זאגענדיג: „א רעגירונג ווי בייערן מוז האבען פאר איהם מעהר ווערטה אידער א פשוט'ער יחיד". רייזאך האט אויף שטיין'ס פערלאנג געשריבען אנטקעגען מאנטעגלאס, און שטיין האט שפעטער איינגעוויליגט, אויף מאנטע־גלאס' פאדערונג אויסצוליפערן רייזאך'ן פאר אט דעם בוך.. — ס. היינ־ריכס פאליטישע פארלעזונגען, 1, 280.

פ א ט ע נ ט י ר ט נאָר (ער גיט דעם אפּליקאַנט א געשריפטס, אז דאָס האַנדעל שטעהט אָפען, פּאַטענט מיינט אָפען) אָדער ניט „קאָנצעסיעס“. אזוי ווי אבער דער שטאַאט האָט איצט אלץ איבערגעלאָזט צו די קאָנקורענטען, מוז ער קומען אין א קאָנפליקט מיט א ל ע מ ע ן , ווארים יעדערער און אלע האָבען א רעכט צו קאָנקורירען. מען וועט אויף איהם „אָנפאַלען“ פון אלע זייטען, און אין דעם אָנפאַל וועט ער געהן צו גרונד.

איז דען די „פרייע קאָנקורענץ“ ווירקליך פריי? איז זי ווירקליך א „קאָנקורענץ“, ד. ה. א קאָנקורענץ פון פּ ע ר ז אָ נ ע ן , פאר וועלכער זי גיט זיך ארויס, ווייל זי בעגרינדעט איהר רעכט אויף דעם טיטעל? זי איז דאָך אַרויסגעגאַנגען פון דעם פונקט, אז די פּערזאָנען זיינען פריי געווארן פון יעדער פּערזענליכער הערשאפט. איז א קאָנקורענץ „פריי“, וועלכע דער שטאַאט, אָט דער הערשער אין דעם בירגערליכען פּרינציפּ, צוימט איין אין טויזענדער גרעניצען? דאָ איז א רייכער פאַבריקאנט, וועלכער מאכט גלענצענדע געשעפטען, און איך וואָלט וועלען מיט איהם קאָנקורירען. „זעהר שעהן, זאָגט דער שטאַאט, איך האָב גאָרנישט וואס איינצו־ווענדען אַנטקעגען דיין פּ ע ר ז אָ ן אַלס קאָנקורענט“. יאָ, זאָג איך, דערצו דארף איך אָבער האָבען א פּלאץ פאר א געביידע, און דארף האָבען געלד! „דאָס איז שלעכט; אבער אויב דו האָסט ניט קיין געלד, קאָנסטו ניט קאָנקורירען. אַוועקנעהמען טאָרסטו ביי קיינעם ניט, ווארים איך בעשיץ און פּריוויליגיר דאָס אייגענטום“. די פרייע קאָנקורענץ איז ניט „פריי“, ווייל מיר פעהלט די זאַך צו דער קאָנקורענץ. אַנטקעגען מיין פּ ע ר ז אָ ן לאָזט זיך גאָרנישט איינווענדען, אבער אזוי ווי איך האָב ניט די זאַך (קאַפּיטאל), מוז מיין פּערזאָן אויך צוריקטרעטען. און ווער האָט די נויטיגע זאך? אפשר יענער פאַבריקאַנט? ביי איהם קאָן איך עס דאָך אַוועקנעהמען! ניין, דער שטאַאט האָט עס אלס אייגענטום, דער פאבריקאַנט נאָר אלס לעהן־גוט, אלס בעזיץ.

איז אזוי ווי איך קאָן מיט'ן פאבריקאַנט גאָר ניט מאכען, וויל איך קאָנקורירען מיט יענעם פּראָפעסאָר פון יורספּרודענץ. דער מאַן אז א מלמד און איך, וועלכער פערשטעה די זאַך הונדערט מאָל בעסער פאר איהם, וועל אָבציהען פון איהם אלע זייטע צוהערער. — „האָסטו שטודירט און אבגעגעבען עקזאמען, מיין פריינד?“ ניין,

אבער וואס מאכט עס אויס? איך פערשטעהה דעם פאך אויכגעצייכנעט גוט. — „עס טהוט מיר לייד, אבער די קאנקורענץ איז דא ניט „פריי“. אנטקעגען דיין פערזאן איז גאר ניטא וואס צו זאגען, אבער די *זאך* פעהלט, דער דאקטאר־דיפלאם. און איך, דער שטאאט, פערלאנג את דעם דיפלאם. צווערשט בעט מיך העפליך וועגען דעם, דערנאך וועלען מיר זעהען, וואס מען קאן דא טהאן“.

את דאס, אלזא, איז די „פרייהייט“ פון דער קאנקורענץ. די פעהיגקייט צו קאנקורירען גיט מיר ערשט דער שטאאט, *מיין הארר*.

אבער קאנקורירען דען ווירקליך *די פערזאנען*? ניין, ווידעראמאל נאר די *זאכען*! קודם די געלדער א. אז. וו.

אין דער קאנקורענץ בלייבט אלעמאל איינער הינטערשטעליג לגבי דעם אנדערן (צ. ב. ש. דער גראמען־מאכער הינטער דעם פאעט). עס איז אבער אן אונטערשיעד, צי די מיטלען, וועלכע פעהלען דעם אומגליקליכען קאנקורענט, זיינען מאטעריעלע אדער פערזענליכע, און אויך צי מאטעריעלע מיטלען קאנען געוואונען ווערן דורך פערזענליכע כחות, אדער מען קאן זיי קריגען נאר דורך א *חסד*, נאר אלס געשענק, דורכדעם צ. ב. ווי דער ארימערער מוז דעם רייכען לאזען האבען, ד. ה. שענקען איהם, זיין רייכטום. איבערהויפט אבער, אויב איך דארף ווארטען אויף דער *צושטימונג פון דעם שטאאט*, כדי צו בעקומען אדער געברויכען די מיטלען (צ. ב. ש. ביים אבגעבען עקזאמען), דאן האב איך די מיטלען דורך דעם *חסד פון שטאאט*.*

פרייע קאנקורענץ האט אלזא נאר דעם פאלגענדען זין: אלע זיינען פעררעכענט ביי דעם שטאאט ווי זיינע גלייכע קינדער, און

---

* אין די גימנאזיעס און אוניווערזיטעטען א. ז. וו. קאנקורירען ארימע מיט רייכע. זיי קאנען אבער דאס טהאן מעהרסטענטיילס נאר דורך סטיפענדיען, וועלכע — גאנץ מערקווירדיג — שטאמען כמעט אלע פון א צייט, ווען די פרייע קאנקורענץ איז נאך ווייט ניט געווען קיין קאנטראלירענדער פרינציפ. דער פרינציפ פון קאנקורענץ האט ניט געגרינדעט קיינע פאנדען פאר סטיפענדיען, נאר ער זאגט: העלף זיך אליין, ד. ה. פערשאף דיר די מיטלען. די געלדער וואס דער שטאאט גיט אוועק פאר יענע צוועקען, איז עס אקוראט ווי ער וואלט דאס אוועקגעלעגט אויף פראצענט, כדי אויסצובילדען „דיענער“ פאר זיך.

יעדער קאָן לויפען און יאָגען זיך, כדי צו פערדיענען די ג י ט ע ר א ו ן ד י ג נ ע ד י ג ע נ ד ב ו ת פ ו ן ש ט א א ט. דעריבער יאָגען זיך טאקע אלע נאָך האָב און גוטס און בעזיצונג (סיי עס איז געלד, עמטער, עהרענטיטלען א. אז. וו.) — נאָך ז א כ ע ן.

לויט דעם זין פון בירגערטום איז יעדער איינער א בעזיצער אדער „אייגענטימער". ווי קומט עס דעריבער, וואס די מעהרסטע האָבען אזוי גוט ווי גאָרנישט? עס קומט דערפון, וואס די מעהרסטע פרעהען זיך שוין דערמיט אליין, וואס זיי זיינען איבערהויפט בעזיצער — זאָל זיין אפילו ניט מעהר ווי פון עטליכע שמאטעס: ווי קינדער פרעהען זיך מיט זייערע ערשטע הייזלאך, אדער מיט די ערשטע עטליכע גראָשען, וואס זיי האָבען געקריגען געשענקט. פינקטליכער אבער דארף מען אויפפאסען די זאך אזוי: דער ליבעראליזם איז גלייך ארויסגעקומען מיט דער ערקלערונג, אז עס געהערט צום וועזען פון מענשען, עס זאָל ניט זיין קיין אייגענטום, נאָר אייגענטימער. אזוי ווי דערביי האנדעלט זיך וועגען „דעם מענשען" [בכלל], ניט וועגען דעם איינצעלנעם, איז די פראגע „וויפיעל" (וועלכע איז גראָד דער ספעציעלער אינטערעס פון דעם איינצעלנעם) איבערגעלאָזט געווארן צו איהם אליין. דעריבער האָט דער עגאָיזם פון דעם איינצעלנעם זיך גענומען אין דער פראגע די פולע פרייהייט און האָט געטריבען אן אונערמיעדליכע קאָנקורענץ.

מיט דער צייט אָבער האָט דער גליקליכער עגאָיזם געמוזט ווערן א שטרויכלונג אויף'ן וועג פון דעם וועניגער־בעגליקטען, און אָט דער לעצטער, זיך נאָך אלץ האלטענדיג אָן דעם פרינציפ פון מענשענטום, האָט אויפגעשטעלט די פראגע מכח וויפיעל בעזיץ און זי פערענטפערט אין דעם זין, אז „דער מענש מוז האָבען אזויפיעל, וויפיעל ער בעדארף".

וועט מ י י ן עגאָיזם קאָנען זיך לאָזען דערמיט בענוגענען? וואָס „דער מענש" [בכלל] בעדארף, איז בשום אופן ניט קיין מאָסשטאב פאר מיר און מיין בעדערפעניש, ווארים איך קאָן געברויכען וועניגער אדער מעהר. איך מוז ריכטיגער האָבען אזויפיעל, וויפיעל איך בין בכח צו מאכען פאר מיין אייגענס.

די קאָנקורענץ ליידט פון דעם שלעכטען אומשטאנד, וואס ניט יעדערער האָט אין זיין רשות די מ י ט ל ע ן צום קאָנקורירען, ווייל זיי נעהמען זיך ניט פון דער פערזענליכקייט, נאָר פון דער

צופעליגקייט. די מייסטע זיינען אונבעמיטעלט און דעריבער אונבעגיטערט:

די סאציאליסטען פאָדערן דעריבער די מיטלען פאר אלעמען, און זייער ציעל איז א געזעלשאפט, וואס באַט אַן מיטלען. דיין געלד־ווערטה, זאָגען זיי, בעטראַכטען מיר ניט מעהר אלס דיין פערמעגען. דו מוזט אויפצייגען אן אנדער פערמעגען, נעמליך — דיינע ארבייטס־קרעפטען. אין דעם בעזיץ פון א פערמעגען אדער אלס „בעזיצער" צייגט זיך דער מענש גאַנץ געוויס ארויס אלס מענש; מחמת דעם האָבען מיר דעם בעזיצער, וועלכען מיר האָבען אנגערופען „אייגענטימער", געלאָזט אזוי לאנג האָבען א קיום. דו בעזיצט אבער די זאכען נאָר אזוי לאנג, ווי „מען זעצט דיר פון דעם אייגענטום ניט ארויס".

דער בעזיצער איז פערמעגליך, אבער נאָר אזוי ווייט ווי די אנדערע זיינען אונפערמעגליך. אזוי ווי דיין סחורה שטעלט צונויף דיין פערמעגען נאָר אזויילאנג ווי דו האָסט בכח זי צו בעשיצען (ד. ה. כל זמן מיר האָבען ניט בכח עפּעס צו טהאָן מיט איהר), איז קוק זיך ארום נאָך אנאנדער פערמעגען; ווארים מיט אונזער מאכט שטייגען מיר איצט אריבער דיין כלומר'שטדיגען פערמעגען.

עס איז געוועזען א זעהר גרויסער געווינס, וואס מען האָטגע'פועל'ט בעטראכט צו ווערן אלס בעזיצער. די לייבאייגענשאפט איז דערמיט אָבגעשאפט געווארן, און יעדערער וואס האָט ביז דאמאָלסט געמוזט טהאָן ארבייט פאר'ן פריץ, און איז געוועזען מעהר אדער וועניגער זיין אייגענטום, איז איצטער אליין געווארן א „פריץ". אבער פון איצט אָן און ווייטער איז דיין האָב און בעזיץ נישט מעהר גענוג און ווערט נישט מעהר אָנדערקענט; פון דער אנדער זייט שטייגט אין ווערטה דיין ארבייטען און דיין ארבייט. מיר אכטען איצטער דיין מייסטערשאפט איבער זאכען, ווי מיר האָבען פריהער געאכטעט דיין בעזיצען זיי. דיין ארבייט איז דיין פערמעגען! דו ביזט דער הארר אדער בעזיצער פון דאָס, וואס קומט דורך ארבייט, ניט דורך ערבונג. אזוי ווי אָבער ביי היינטיגען טאָג איז אליז געערבטעס, און יעדער גראָשען, וואס דו בעזיצט, טראגט ניט אן ארבייט־שטעמפּעל נאָר א ירושה־שטעמפּעל, דעריבער מוז אליז איבערגעשמאָלצען ווערן.

איז אבער ווירקליך מיין ארבייט מיין איינציגער פערמעגען,

ווי די קאָמוניסטען מיינען, אדער בעשטעהט ער ניט פיעל מעהר אין אלץ וואס איך פערמאָג [וואס איך האָב בכח] ? און מוז דען ניט די ארבייטער־געזעלשאפט גופא דאָס צוגעבען, דערמיט צ. ב. ש. וואס זי האלט אויס די קראנקע, קינדער, אלטע לייט — קורץ, אלע וואס זיינען אונפעהיג צו ארבייטען ? אָט די לעצטע פערמאָגען [האָבען בכח] נאָך אלץ א היבש ביסעל, צ. ב. ש. צו דערהאלטען זייער לעבען אַנשטאט זיך צו נעהמען דאָס לעבען. האָבען זיי אזא כח איבער אייך, אז איהר זאלט וועלען אויפהאלטען זייער קיום, דאן האָבען זיי א מאכט איבער אייך. דעם, וואס איבט אויף אייך גאָר קיין מאכט ניט אויס, וואָלט איהר גאָרנישט געגעבען ; ער וואָלט געקאָנט אויסגעהן פון הונגער.

אלזא, וואָס דו פ ע ר מ אָ ג ס ט [וואָס דו האָסט בכח], איז דיין פ ע ר מ ע ג ע ן ! האָסטו בכח צו שאפען פערגניגען פאר טויזענדע מענשען, וועלען טויזענדער מענשען דיר בעצאָהלען דערפאר : עס ליעגט אין דיין מאכט זיי דאָס ניט צו פערשאפען, דעריבער מוזען זיי ביי דיר קויפען דיין ארבייט. פערמאָגסטו ניט די קראפט צו מאכען מען זאל זיך אינטערעסירען מיט דיר, דאן מעגסטו איינפאך פערהונגערן.

זאָל איך, דער וואס פערמאָגט פיעל, אפשר גאר קיין יתרון ניט האָבען איבער דעם, וואס פערמאָגט ווייניגער ?

מיר אַלע זיצען אין א גרויסער שפע ; זאָל איך ניט נעהמען וויפיעל איך קאָן, נאָר ווארטען וויפיעל עס וועט פאר מיר בלייבען ביי א גלייכער טיילונג ?

אנטקעגען דער קאָנקורענץ שטעלט זיך אויף דער פרינציפ פון דער שלעפער־געזעלשאפט — די ח ל ו ק ה .

דער איינצעלנער קאָן ניט פערטראגען צו ווערן בעטראכט בלויז ווי א ט י י ל, א טייל פון דער געזעלשאפט, ווייל ער איז מ ע ה ר ע ר ; זיין איינציגקייט פערווארפט אָט די בעשרענקטע אויפפאסונג.

דעריבער דערווארט ער ניט צו קריגען זיין פערמעגען פון דעם, וואס אנדערע וועלען איהם געבען א חלק, און אפילו אין דער ארביי־טער־געזעלשאפט קומט שוין ארויף דער געדאנק, אז ביי א גלייכער חלוקה ווערט דער שטארקער עקספלואטירט דורך דעם שוואכען. ער דערווארט בעסער זיין פערמעגען פון זיך אליין און זאָגט : וואס איך בין בכח צו האָבען, דאס איז מיין פערמעגען. וועלכען

פערמעגען בעזיצט ניט דאס קינד אין זיין געלעכטערל, זיין שפּיעלען־זיך, זיין געשריי, קורץ — בלויז מיט זיין עקזיסטירען אליין! ביזטו אימשטאנד אבצוזאגען זיין פערלאנג, אדער גיבסטו איהם ניט אלס מוטער די ברוסט, אלס פאטער אזויפיעל פון דיין האב און גוטס וויפיעל ער בעדארף? עס צווינגט אייך, דארום בעזיצט עס דאס, וואס איהר רופט אן אייערס.

איז מיר דיין פערזאן וויכטיג, צאהלסטו מיר שוין מיט דיין עקזיסטענץ; אויב איך אינטערעסיר זיך אפילו נאר מיט איינער פון דיינע אייגענשאפטען, דאן האט אפשר דיין גוטער ווילען אדער דיין מיטהילף א ווערטה (א געלד־ווערטה) פאר מיר, און איך קויף עס.

אויב דו פערשטעהסט ניט זיך צו געבען אין מיינע אויגען קיין אנדער ווערטה א חוץ א געלד־ווערטה, דאן קאן פארקומען אזא פאל, פון וועלכען די געשיכטע דערצעהלט אונז, אז דייטשע לאנדס־קינדער זיינען פערקויפט געווארן פאר אמעריקא. זאלען די, וואס האבען זיך געלאזט פערהאנדלען, האבען א גרעסערן ווערטה ביי דעם פערקויפער? דאס בארע געלד, וואס ער האט גענומען פאר זיי, איז איהם געוועזן ליעבער איידער די דאזיגע לעבעדיגע ווארע, וועלכע האט ניט פערשטאנען ווי צו מאכען זיך טייער צו איהם. וואס ער האט אין איהר ניט געקאנט ענטדעקען גארנישט ווערטה־פולעס, איז אודאי געוועזן א פעהלער פון זיין קאמפּעטענץ; אבער נאר א שווינדלער קאן געבען מעהר וויפיעל ער האט. ווי אזוי האט ער געזאלט ארויסצייגען אכטונג צו איהר, אז ער האט זי ניט געהאט, און האט באמת קוים געקאנט האבען אכטונג צו אזא חברה!

עגאיסטיש האנדעלט איהר דאן, ווען איהר אכטעט איינער דעם אנדערן ניט אלס בעזיצער און אויך ניט אלס שלעפּער אדער ארבייטער, נאר אלס א טייל פון זיין פערמעגען, אלס א „ניצליכען מענשען". דאן וועט איהר גארנישט געבען דעם בעזיצער („אייגענ־טימער") פאר זיין בעזיץ און אויך ניט דעם, וואס ארבייט, נאר דעם אליין, וועמען איהר בעדארפט. בעדארפען מיר האבען א קעניג? פרעגען זיך די נארד־אמעריקאנער, און זיי ענטפערן: קיין העלער איז ער און זיין ארבייט פאר אונז ניט ווערטה.

ווען מען זאגט, אז די קאנקורענץ שטעלט אלצדינג אפען פאר אלעמען, איז דער אויסדרוק ניט פּינקטליך און מען דארף עס בעסער

אזוי אויספאסען: די קאָנקורענץ מאכט יעדע זאך קויפליך. דערמיט וואָס זי גיט אַלץ אָב אין אַלעמענס רשות („פרייזגיעבט"), לאָזט זי עס איבער צו זייער פרייז אדער אָבשאצונג, און פאָדערט א פרייז דערפאר.

אָבער די וואס ווילען קויפען, האָבען דאָס רוב ניט די מיטלען צו ווערן קונים: זיי האָבען ניט קיין געלד. פאר געלד, הייסט עס, זיינען אלע קויפליכע זאכען צום האָבען („פאר געלד קאָן מען אַלץ האָבען!"), אבער גראָד דאָס געלד פעהלט. וואו נעהמט מען געלד, אָט דעם נאַנגבארען אדער צירקולירענדען אייגענטום? — זיי־זשע וויסען, דו האָסט אזויפיעל געלד וויפיעל דו האָסט — געוואַלט; וואָרים דו גילטסט אויף אזויפיעל, אויף וויפיעל דו פערשאפסט זיך געלטונג (ווערטה).

מען צאָהלט ניט מיט געלד, אין וואס עס קאָן אמאָל זיין א דוחק, נאָר מיט דעם פערמעגען (כח), דורך וועלכען מיר זיינען „פערמעגליך"; וואָרים מען איז אייגענטימער נאָר אזוי ווייט, ווי עס גרייכט דער ארעם פון אונזער מאכט.

וויטלינג האָט אויסגעקלערט א נייעם צאָהל־מיטעל, די אַרבייט. דער אמת'ער צאָהל־מיטעל בלייבט אבער ווי אימער דאָס פ ע ר מ ע ־ ג ע ן. דו בעצאָהלסט מיט דאָס, וואָס דו האָסט „אין פערמע־ גען". דעריבער, טראַכט וועגען דער פערגרעסערונג פון דיין פערמע־ גען.

אָבער בעת מען גיט דאָס צו, האָט מען תיכף וויעדער ביי דער האַנד די מאָטאָ: „יעדערן זאָל מען געבען נאָך זיין פערמעגען!" ווער זאָל מיר ג ע ב ע ן נאָך מיין פערמעגען? די געזעלשאפט? דאַן מוז איך זיך צופריעדען שטעלען מיט איהר אָבשאצונג. שוין בעסער וועל איך מיר נ ע ה מ ע ן נאָך מיין פערמעגען נאָך.

„אַלעמען געהערט אַלץ!" אָט דער שפרוך שטאַמט ארויס פון דערזעלבינגער אָהן־ממשות'דיגער טעאָריע. יעדערן געהערט נאָר וואָס ער פערמאָגט (וואָס ער האָט בכח). זאָג איך: מיר געהערט די וועלט, איז דאָס אייגענטליך אויך פוסטע רייד, וואס האָט נאָר אזוי ווייט א זין, אויף ווי ווייט איך רעספעקטיר ניט קיין פרעמד אייגענטום. מיר געהערט אבער נאָר אזויפיעל, וויפיעל איך האָב בכח אדער וויפיעל איך האָב אין מיין פערמעגען.

מען איז ניט ווערטה צו האָבען דאָס, וואס מען לאָזט פון

זיך אוועקנעהמען דורך שוואכקייט; מען איז תּאם ניט ווערטה, ווייל מען איז ניט פעהיג דערצו.

מען הויבט אויף א געוואלטיגען ליארעם איבער דעם „טויזענד־יאהריגען אונרעכט“, וואס ווערט בעגאנגען פון די רייכע אנטקעגען די ארימע. אזוי ווי די רייכע וואָלטען זיין שולדיג פאר דער ארימקייט, און די ארימע וואָלטען ניט זיין פונקט אזוי שולדיג וואס עס איז דאָ רייכקייט! איז דען פאראן אנאנדער אונטערשייד צווישען זיי א חוץ דער אונטערשייד פון פערמעגען און ניט־פערמעגען, פון דעם פערמעגליכען און דעם ניט־פערמעגליכען? אין וואס בעשטעהט דען דער פערברעכען פון די רייכע? — „אין זייער הארט־הערציגקייט“. ווער אבער האָט אויסגעהאלטען די ארימע, ווער האָט געזארגט פאר זייער חיונה, ווען זיי האָבען מעהר ניט געקאָנט ארבייטען, ווער האָט געטיילט נדבות, די דאָזיגע נדבות, וואס נעהמען זיך פון דער ווערטליכער בעדייטונג פון *גוט*הערציגקייט? זיינען די רייכע ניט געוועזען אַלעמאָל בארמהערציג? זיינען זיי ניט ביז אויף היינטיגען טאָג וואוילטהעטיג, ווי דאָס בעווייזען די שטייערן פאר ארימע, די שפיטעלער, די אלערליי אַנשטאַלטען א. אז וו.?

אָבער דאָס איז אייך אלץ נאָך ניט גענוג? זיי זאָלען, אלזא, זיך פשוט *טיילען* מיט די אָרימע? דאָן, הייסט עס, איהר פאָדערט, זיי זאָלען אָבשאפען די ארימקייט. שוין ניט צו רעדען דערפון, אז עס וואלט זיך קוים געפונען איינער צווישען אייך, וואס וואָלט אזוי געהאנדעלט — און אזא איינער וואָלט טאקע געוועזען א שוטה ווען ער טהוט דאָס — פרעגט נאָר זיך אליין: ווארום זאָלען די רייכע זיך לאָזען שינדען די הויט און *זיך* אָבשאפען, בעת אזא האנדלונג וואלט א סך ניצליכער געוועזען פאר די ארימע? דו, וואס דו האָסט דיין טאלער א טאג, ביזטו רייך לגבי טויזענדער אנדערע, וועלכע לעבען אויף פיער גראָשען. ליעגט עס אין *דיין* אינטערעס זיך צו טיילען מיט יענע טויזענדע, אדער ליעגט עס ניט א סך מעהר אין *זייער* אינטערעס? — —

מיט דער קאָנקורענץ איז פערבונדען די כונה ניט אזוי צו טהאָן די זאך *אם בעסטען*, ווי די כונה צו מאכען עס אזוי *פראָפיטאבעל*, אזוי פראָדוקטיוו ווי מעגליך. מען שטודירט דעריבער נאָר צו קריגען א שטעלע (ברויט־שטודיום), מען שטודירט רוקען־בויגעניש און חניפות, רוטין און „געשעפט־קענטעניש“, מען

ארבייט „פאר דעם שיין". בעת דעריבער לפנים זעהט עס אויס ווי עס האנדעלט זיך וועגן א „גוטער לייסטונג", קוקט מען אין אמת'ן גאָר אויס אויף א גוט געשעפט און א געלד־פערדיענסט. מען טהוט עפעס א זאך נאָר עס זאָל אויסזעהן, ווי מען טהוט עס צוליעב דער זאך אליין, פאקטיש טהוט מען עס נאָר וועגן דעם פראפיט וואס די זאך גיט. מען איז טאקע ניט זעהר גערן צו ווערן א צענזאָר, עס ווילט זיך אָבער — קריגען א העכערע שטעלע; מען וואָלט וועלען משפט'ן, אדמיניסטרירען א. אז. וו. לויט דער בעסטער איבערצייגונג, מען האָט אָבער מורא טאָמער וועט מען אריבערגע־זעצט ווערן אין אן ערגערן פלאַץ, אדער גאָר אראבגעזעצט ווערן פון שטעלע: מען מוז דאך פריהער פאר אלץ — לעבען.

אָט אזוי איז דאס גאנצע יאָגעניש א קאמף פאר דאָס ל י ע ב ע ל ע ב ע ן, און ביסלעכווייז אלץ א שטארקערער קאמף פאר א מעהר אָדער וועניגער „וואויל־לעבען". און נאָך אלעם דעם ברענגט גאָר די מיה און זארג פון די מייסטע מענשען זיי ניט מעהר איין ווי א „ביטער לעבען" און „ביטערע נויט". פאר אָט דאס דער גאנצער ביטערער ערנסט!

דאָס האבעוועץ אָהן אָברוה לאָזט אונז דעם אָטעם ניט אָבכאַ־פּען, לאָזט אונז ניט הנאה האָבען פון א רוהיגען גענוס: מיר האָבען קיין נחת ניט פון אונזער בעזיץ.

די אָרגאניזאציע פון דער ארבייט אבער בעטרעפט נאָר אזוינע ארבייטען, וועלכע אנדערע קאָנען פאר אונז טהאָן, צ. ב. ש. שלאכ־טען, אקערן, א. אז. וו., די איבעריגע ארבייטען בלייבען עגאָיסטיש, ווייל קיינער קאָן ניט למשל אָנשרייבען אנשטאט דיר דיינע א מוזי־קאלישע קאָמפּאָזיציע, אדער אויספיהרען דיין פלאן פון א געמעלד א. אז. וו.: ראפאעל'ס ארבייטען קאָן קיינער ניט פערבייטען: אָט די לעצטע זיינען ארבייטען פון אן איינציגען, וועלכע נאָר דער דאָזי־גער איינציגער האָט געקאָנט ארויסברענגען, בעת יענע פערדיענען אָנגערופען צו ווערן „מענשליכע" ארבייטען, ווייל דאָס א י י ג ע־נ ע, וואס שטעקט אין זיי, איז פון ווינציגען בעטרעף, און כמעט „יעדער מענש" קאָן אויסגעריכט ווערן זיי צו מאכען.

איז אזוי ווי די געזעלשאפט קאָן נעהמען אין אָנבעטראַכט נאָר די אלגעמיין־ניצליכע אדער מ ע נ ש ל י כ ע ארבייט, בלייבט דערי־בער דער וואס לייסטעט עטוואס א י י נ צ י ג ע ס, אָהן איהר

פערזארגונג; נאך מעהר, ער קאן זיך גאר פיהלען געשטערט דורך איהר אריינמישען זיך אין מיטען. דער איינציגער קאן זיך גאנץ גוט ארויסארבייטען פון דער געזעלשאפט, אבער די געזעלשאפט ברענגט קיין איינציגען ניט ארויס.

עס איז דעריבער יעדענפאלס ניצליך, מיר זאלען קומען צו א פערשטענדניס וועגען די מ ע נ ש ל י כ ע ארבייטען, כדי זיי זאלען ניט, ווי אונטער דער הערשאפט פון דער קאנקורענץ, נעהמען אין אנשפרוך אונזער גאנצע צייט און מיה. אין איין פרט וועט דער קאמוניזם טראגען זיינע פרוכטען. ווארים פריהער פאר דער הערשאפט פון דעם בירגערטום איז אפילו יענע ארבייט, צו וועלכע אלע מענשען זיינען פעהיג אדער קאנען ווערן פעהיג, אויך געווען צוגעננליך בלויז פאר א קליינער צאהל און אבגעריסען פון אלע איבעריגע: עס איז געווען א פריווילעגיע. די בורזשואזיע האט געהאלטען פאר גערעכט צו לאזען פריי אלץ וואס עס האט אויסגעוויזען, אז עס עקזיסטירט פאר יעדען, „מענשען“. אבער לאזענדיג עס פריי, איז עס דאך קיינעם ניט געגעבען געווארן, נאר עס איז גיבער איבערגעלאזט געווארן צו יעדען איינעם צו נעהמען זיך פאר דעם מיט זיינע מ ע נ ש ל י כ ע קרעפטען. דורכדעם האט זיך דער געדאנק אינגאנצען אריינגעטאן אין דעם אריינקריגען דאס מענשליכע, וואס איז פון איצט אן געווארן צוגעגגליך פאר יעדען איינעם, און עס איז ענטשטאנען א ריכטונג, וועלכע מען בעקלאגט אזוי שרייענד אונטער דעם נאמען „מאטעריאליזם“.

אט די שטרעמונג האט דער קאמוניזם געזוכט אבצושטעלען, דערמיט וואס ער האט פערשפרייט דעם גלויבען, אז דאס מענשליכע איז ניט ווערטה, וואס מען פלאגט זיך אזויפיעל פאר דעם, און אז אין א קליגערער איינארדנונג וואלט מען עס געקאנט בעקומען אהן אזא גרויסע פערשווענדונג פון צייט און כחות, ווי עס האט ביזאהער אויסגעוויזען, אז עס איז נויטיג.

פאר וועמען אבער זאל געוואונען ווערן צייט? אויף וואס בעדארף דער מענש מעהרער צייט איידער עס איז נויטיג צו דערפרישען זיינע אויסגעמאטערטע ארבייטס־קרעפטען? דא שוויגט דער קאמוניזם.

אויף וואס? כדי נחת צו האבען פון זיך אלס איינציגער, נאכדעם ווי ער האט אבגעטאן האס זייניגע אלס מענש!

אין דער ערשטער שמחה איבער דעם, וואס מען מעג אויס־שטרעקען די האנד נאָך אלעם מענשליכע, האָט מען פערגעסען נאָך עפּעס צו ווע‏לען, און מען האָט זיך אוועקגעלאָזט לעבעדיג קאָנקו־רירען, אזוי ווי דער בעזיץ פון דאָס מענשליכע וואָלט געווען דער ציעל פון אלע אונזערע פערלאנגען.

מען האָט זיך אבער ארויסגעיאגט פון די כחות און ביסלעכווייז אָנגעהויבען מערקען, אז „דער בעזיץ מאכט ניט גליקליך". דעריבער דענקט מען איצטער צו קריגען דאָס נויטיגע פאַר אַ קלענערן פּרייז און צו פערווענדען אויף דעם נאָר אזויפיעל צייט און מיה וויפיעל די נויטווענדיגקייט פון דער זאך פאָדערט. דער רייכטום פאלט אין פּרייז און די צופריעדענע ארימקייט, דער זאָרגלאָזער שלעפּער, ווערט דער פערפיהרערישער אידעאל.

זאָלען אזוינע מענשליכע טהעטיגקייטען, וועלכע יעדער איינער האלט זיך פעהיג דורכצופיהרען, אזוי טייער בעצאָהלט ווערן און געזוכט ווערן מיט מיה און פערשווענדונג פון אלע לעבענס־קרעפטען? אין אזעלכע ווערטער, ווי מען הערט רעדענדיג אלע טאָג: „ווען איך וואָלט געווען מיניסטער אדער גאָר דער ... וואָלט עס אנדערש צוגעגאנגען" דריקט זיך שוין אויס יענע זיכערקייט, אז מען איז פעהיג צו בעטרעטען די שטעלע פון אזא וויכטיגער פערזענליכקייט. מען שפּיהרט איינפאך, אז פאַר אזא זאך פאָדערט זיך ניט איינציג־קייט, נאָר בלויז א בילדונג, וואס אויב אפילו ניט אלע, קאָנען דאָך פיעלע דערגרייכען, ד. ה. אז מען בעדאַרף דערצו נאָר זיין א געוועהנליכער מענש.

ווען מיר נעהמען אָן, אז פונקט ווי די אָ ר ד נ ו נ ג געהערט צום עצם פון שטאַאט, אזוי איז אויך די א ו נ ט ע ר אָ ר ד נ ו נ ג איינגעפונדעוועט אין זיין נאטור, דאן זעהען מיר איין, אז די אונטער־געאָרדענטע אָדער די, וואָס האָבען בעקומען פון איהם פּריווילעגיעס, בעררייסען ניט אין אן ערך צופיעל און עקספּלואטירען די נידעריגער־געשטעלטע מאסע. אבער די דאָזיגע פערשטויסענע קריגען מוטה, אין אָנהויב שטעלענדיג זיך אויף דעם סאָציאליסטישען שטאַנד־פונקט שפּעטער אָהן צווייפעל אויך מיט אן עגאָיסטישען בעוואוסט־זיין — מיר וועלען דעריבער גלייך צוגעבען א שאַטירונג פון דעם בעוואוסטזיין צו זייערע רייד — צו שטעלען די פראגע: דורך וואָס איז עס אייער אייגענטום געזיבערט, איהר פּריוויליגירטע?

— און גיבען זיך דעם ענטפער: דורך דעם, וואס מיר האלטען זיך אב עס אנצוגרייפען! בכן, הייסט עס, דורך אונזערע שוטץ! און וואס גיט איהר אונז דערפאר? בריקעס מיט די פיס און פעראכ־טונג גיט איהר דעם „געמיינעם עולם"; א פאליציי־השגחה גיט איהר אונז און א קאטעכיזם מיט דעם הויפט פסוק: רעספעק־טיר אלץ, וואס איז ניט דיינס, אלץ וואס געהערט צו אנדערע! רעספעקטיר די אנדערע און דערהויפט די הויכגעשטעלטע! מיר אבער ענטפערן אויף דעם: ווילט איהר אונזער רעספעקט, דאן קויפט עס ביי אונז פאר דעם פרייז, וואס אונז געפעלט. מיר וועלען אייך לאזען אייער אייגענטום, אויב איהר וועט געהעריג בעצאהלען פאר דעם לאזען. מיט וואס אבער בעצאהלט דער גענעראל אין צייט פון פריעדען פאר די פיעלע טויזענדער געהאלט, וואס ער קריגט? מיט וואס בעצאהלט אנאנדערער פאר די הונדערט טויזענ־דער אדער גאר מיליאנען איינקונפט יעהרליך? מיט וואס צאהלט איהר אב, וואס מיר קייען קארטאפעל און קוקען רוהיג צו ווי איהר שלינגט אייערע אויסטערס? קויפט נאר ביי אונז אב די אויסטערס אזוי טייער, ווי מיר מוזען ביי אייך אבקויפען די קארטאפעל, וועט איהר זיי מעגען אויך ווייטער עסען. אדער מיינט איהר אפשר, אז די אויסטערס געהערן ניט אונז, אזוי גוט ווי אייך? איהר וועט שרייען, דאס איז א גע וואלט־טהאט, ווען מיר וועלען צוקומען און זיי נעהמען עסען מיט אייך צוגלייך, און איהר וועט זיין גערעכט. אהן געוואלט בעקומען מיר זיי ניט, אקוראט ווי איהר האט זיי יא, דורכדעם וואס איהר טהוט אונז אן געוואלט.

דאך נעהמט אייך די אויסטערס און א סוף דערמיט, נאר לאזט אונז צוקומען צו אונזער נעהענטערן אייגענטום (דען יענע איז נאר בעזיצטום) — צו ארבייט. מיר פלאגען זיך צוועלף שטונדען א טאג אין שוויים פון אונזער פנים, און איהר באט אונז אן דערפאר א פאר גראשען. אויב אזוי, נעהמט פאר אייער ארבייט אויך אזא פרייז. ווילט איהר דאס ניט? איהר שטעלט זיך פאר, אז אונזער ארבייט איז מיט דעם דאזיגען לוין רייך בעצאהלט, בעת אייער ארבייט איז ווערטה א לוין פון פיעלע טויזענדער? ווען איהר טרייבט אבער ניט ארויף אזוי הויך דעם פרייז פון אייער ארבייט, און לאזט אונז רעאליזירען א בעסערן ווערטה פאר אונזערע, דאן וואלטען מיר, אין פאל דאס זאל זיך פאדערן, זיכער צושטאנד

געבראכט נאָך וויכטיגערע זאכען איידער איהר פאר די פיעלע טויזענדער טאָלער; און ווען איהר בעקומט נאָר אזא לוין ווי מיר, וואָלט איהר באלד פלייסיגער געווארן, כדי צו קריגען מעהר. ווען איהר זאָלט עטוואָס לייסטען, וואָס קומט אונז פאָר, אז עס איז ווערטה צעהן און הונדערט מאָל מעהר איידער אונזער אייגענע ארבייט, דאן זאלט איהר אויך בעקומען דערפאר הונדערט מאָל מעהר; מיר, פון דער אנדער זייט, דענקען אויך צו פראדוצירען פאר אייך זאכען, פאר וועלכע איהר וועט אונז פערגיטיגען מיט א העכערען פרייז איידער מיט דעם געוועהנליכען טאָג־לוין. מיר וועלען שוין פארטיג ווערן איינע מיט די אנדערע, ווען מיר וועלען נאָר צוערשט האָבען איינגעשטימט, אז קיינער בעדאַרף מעהר דעם אנדערן גאָרנישט — ש ע נ ק ע ן . דאן געהען מיר אפשר גאר אזוי ווייט, אז מיר וועלען בעצאָהלען אפילו די קאליקעס, די קראנקע און די אלטע דעם געהעריגען פרייז, פאר וואס זיי שיידען זיך ניט מיט אונז אוים הונגער און נויט; ווארים אויב מיר ווילען זיי זאלען לעבען, איז עס גאנץ פאסיג, אז מיר זאלען די ערפילונג פון אונזער ווילען — זיך קויפען. איך זאג „קויפען" און מיין ניט קיין רחמנות'דיגע „נדבות". זייער לעבען איז דאָס אייגענטום אפילו פון די, וואס קאָנען ניט ארבייטען; ווילען מיר (עס מאכט ניט אויס צוליעב וועלכען טעם), אז זיי זאלען דאָס האָזיגע לעבען ניט צוריקציהען פון אונז, קאָנען מיר דאס פועל'ן נאָר דורך קויפען; נאָך מעהר, מיר קאָנען זאָגאר וועלען, זיי זאָלען אפילו לעבען אין נחת און אין גדולה, זאל זיין מחמת מיר זיינען גערן צו זעהען ארום זיך פריינדליכע פנים'ער.

קורץ, מיר ווילען פון אייך קיין זאך ניט קריגען געשענקט, און מיר ווילען אייך אויך גאָר נישט שענקען. הונדערטער יאהרען האָבען מיר אייך נדבות געטיילט אוים גוטהארציגער — דומהייט; דעם ארימאַן'ס חלק האָבען מיר אויסגעטיילט און געגעבען די האררן, וואָס די האררן — געהערט ניט. איצט, זייט מוחל, מאכט נאָר אויף אייער זעקעל, ווארים פון איצט אָן שטייגט אונזער סחורה גאָר הויך אין פרייז. מיר ווילען ביי אייך גאָרנישט ניט נעהמען, נאָר איהר זאלט בעסער בעצאָהלען פאר דאָס, וואס איהר ווילט האָבען. אלזא, וואס האָסטו? — „איך האָב א גוט פון טויזענד אקער." — און איך בין דיין אקערקנעכט און וועל פון היינט אָן און ווייטער

בעארבייטען דיין אקער נאָר פאר איין טאָלער א טאָג. — „דאן נעהם איך אנאַנדער ארבייטער". — דו געפינסט קיינעם ניט, וואָרים מיר אקערקנעכט ווילען אנדערש ניט ארבייטען, און טאָמער מעלדעט זיך איינער, וואס וויל וועניגער נעהמען, וועט ער זיך דארפען היטען פאר אונז. דאָ איז די דינסטמויד, וועלכע פאָדערט איצטער אויך אזויפיעל, און דו געפינסט מעהר ניט קיין אנדערע אונטער־אָט דעם פרייז. — „אַי, אויב אזוי מוז איך געהן צו גרונד". — ניט אזוי האסטיג! אזויפיעל ווי מיר וועסטו נאָך אלץ איינעהמען, און טאָמער ניט, ווילען מיר אראָבלאָזען גענוג, אז דו זאָלסט האָבען צום לעבען ווי מיר. — „איך בין אבער געוועהנט צו לעבען בעסער." — מיר האָבען גאָרנישט דאגעגען, אָבער עס איז ניט אונזער זאָרג; קאָנסטו צוזאַמענבררענגען מעהר, נעהם און טהו עס. זאָלען מיר זיך פערדינגען אונטערן פרייז, כדי דו זאָלסט קאָנען וואויל־לעבען? דער רייכער קאָרמעט שטענדיג די אָרימע מיט די ווערטער: „וואָס געהט מיך אָן דיין נויט? זעה אליין זיך דורכצושלאָגען די וועלט, דאָס איז ד י י ן ז א ך, ניט מיינע". נו, איז לאָזען מיר עס טאַקע זיין אונזער זאַך, און מיר ווילען ניט לאָזען די רייכע זאָלען אונז בערויבען פון די מיטלען, וואס מיר האָבען, צו רעאליזירען אונזער ווערטה. — „אבער איהר אונגעבילדעטע מענשען בעדארפט דאָך ניט אזויפיעל." — נו, ווילען מיר נעהמען עפּעס מעהר, כדי מיר זאלען זיך קאָנען פערשאפען די בילדונג, וואס אונז פעהלט. — „ווען איהר וועט אבער אָט אזוי ארונטערמאכען די רייכע, ווער וועט דאן אונטערשטיצען די קונסט און וויסענשאפט?" — נישט געפעהר־ליך, די מאסען ווילען דאָס בעזאָרגען; מיר ווילען זיך אלע צוזאַ־מענלעגען, דאס וועט אייסמאכען א גאנץ היבשע סומע. אויסער דעם, איהר רייכע קויפט דאָך איצטער סיי ווי סיי די געשמאקלאָ־זעסטע ביכער און די טרויעריגסטע מאדאָנעס, אדער גאָר א פּאָר פלינקע טענצער־פיס. — „אַך, די צרה'דיגע גלייכהייט!" — ניין, מיין בעסטער אלטער הארר, גאָרנישט קיין גלייכהייט. מיר ווילען נאָר זיין ו ו ע ר ט ה ד ע ם פ ר י י ז און דענקען זיך ארויסצו־ווייזען, אז מיר זיינען ווערטה דעם פרייז, וואס איהר וועט צאָהלען.

קאָן דען אפשר דער שטאאט דערוועקען אזא זיכערן מוטה און אזא קרעפטיגען זעלבסטגעפיהל ביי דעם הויזקנעכט? קאָן דער שטאאט מאכען, אז דער מענש זאל זיך זעלבסט פיהלען, אדער

בעסער, צי מעג דער שטאאט אפילו גאר זיך שטעלען אזא ציעל? קאן ער וועלען, אז דער איינציגער זאל דערקענען זיין ווערטה און איהם בעקומען? לאמיר פונאנדערטיילען אט די דאפעלטע פראגע און צוערשט בעטראכטען, צי דער שטאאט קאן אזא זאך ארויס־ברענגען. אזוי ווי דערצו פאדערט זיך די איינשטימיגקייט פון די אקערקנעכט, קאן דאך נאר אט די איינשטימיגקייט דאס פועל'ן, און א שטאאט־געזעץ וואלט אויף טויזענדערליי אופנים אויסגעמידען געווארן דורך דער קאנקורענץ און בעהאלטענערהייט. קאן אבער דער שטאאט דאס דערלאזען? בשום אופן קאן ער ניט דערלאזען, אז מענשען זאלען ווערן געצוואונגען פון אנדערע אויסער איהם! ער קאן, אלזא, ניט צוגעבען די זעלבסט־הילף פון די איינשטימיגע אקערקנעכט אנטקעגען יענע, וואס ווילען זיך פערדינגען פאר א קלענערן לוין. אבער לאמיר אפילו אננעהמען, אז דער שטאאט האט געמאכט אזא געזעץ, און אז אלע אקערקנעכט זיינען דערמיט געוועזען איינפערשטאנדען — וואלט דער שטאאט עס דאן געקאנט דערלאזען?

אין א פעראיינצעלטען פאל — יא; אבער דער פעראיינצעלטער פאל בעקומט דא א גרעסערע בעדייטונג, א פ ר י נ צ י פ י ע ל ע. עס האנדעלט זיך דערביי וועגען דעם גאנצען מהות פון דעם א י ך ' ס ז ע ל ב ס ט ־ פ ע ר ו ו ע ר ט ו נ ג, ממילא אויך פון זיין זעלבסטגעפיהל א נ ט ק ע ג ע ן דעם שטאאט. אזוי ווייט געהען די קאמוניסטען מיט; אבער די זעלבסט־פערוועראונג ריכטעט זיך נויטווענדיגערווייז ווי אנטקעגען דעם שטאאט, אזוי אויך אנטקע־גען דער ג ע ז ע ל ש א פ ט, און פערמעסט זיך דערמיט איבע־ר דער קאמונע און דאס קאמוניסטישע — אויס דעם עגאיזם.

דער קאמוניזם מאכט דעם גרונדזאץ פון דעם בירגערטום, אז יעדערער איז א בעזיצער (און „אייגענטימער"), פאר א פעסטע ווארהייט, פאר א ווירקליכקייט, דערמיט וואס איצט הערט אויף די זארג וועגען דעם ב ע ק ו מ ע ן, און יעדערער האט לכתחילה אלץ וואס ער בעדארף. ער ה א ט זיין פערמעגען אין זיין ארבייטס־קראפט, און אויב ער מאכט ניט דערפון קיין געברויך, איז דאס זיין שולד. דאס כאפעניש און יאגעניש איז אויס, און קיין קאנקורענץ בלייבט ניט, ווי עס פאסירט אזוי אפט איצטער, אהן אן ערפאלג, ווארים מיט יעדען שטאך ארבייט פערשאפט מען זיך עפעס א

נויטיגע זאַך. ערשט איצטער איז מען א ו ו י ר ק ל י כ ע ר
ב ע ז י צ ע ר, ווייל וואס איינער האָט אין זיין ארבייטסקראפט,
דאָס קאָן פון איהם מעהר ניט אנטלויפען, ווי עס איז געווען די
געפאהר, עס זאָל יעדען אויגענבליק זיך ניט ארויסדרעהען פון זיינע
הענד, אונטער דער ווירטשאפט פון דער קאָנקורענץ. מען איז א
ז אָ ר ג ל אָ ז ע ר און געזיכערטער בעזיצער. און מען איז עס גראָד
דורכדעם, וואָס מען זוכט ניט מעהר דעם פערמעגען אין א וואארע,
נאָר אין דער אייגענער ארבייט, אין דעם ארבייטס־פערמעגען;
הייסט עס, דורכדעם וואָס מען איז א ש ל ע פ ע ר, א מענש פון
בלויז אן אידעאַלען רייכטום. א י ך אָבער קאָן זיך ניט בענוגענען
מיט דאָס ביסעל, וואָס איך קאָן צוזאמענקראצען דורך מיינע
ארבייט־כחות, וואָרים מיין פערמעגען בעשטעהט ניט בלויז אין
מיין ארבייט.

דורך ארבייט קאָן איך בעזאָרגען די אמט־פונקציעס פון א
פרעזידענט, א מיניסטער א. אז. וו.; די האָזיגע עמטער פאָדערן
בלויז אן אלגעמיינע בילדונג, ד. ה. אזא בילדונג, וואָס אלע קאָנען
דערגרייכען (דען אלגעמיינע בילדונג איז ניט בלויז די, וועלכע יעדע־
רער האָט דערגרייכט, נאָר בכלל די, וואָס יעדערער קאָן דער־
גרייכען, אלזאָ יעדע ספעציעלע בילדונג, ווי צ. ב. ש. מעדיצינישע,
מיליטערישע, פילאָלאָגישע בילדונג, וואָס קיין געבילדעטער מענש
גלויבט ניט, אז זיי שטייגען אריבער זיינע קרעפטען), אָדער איבער־
הויפט אן אלגעמיין־מעגליכע פעהיגקייט.

אָבער, ווען אפילו יעדער איינער קאָן פערנעהמען די דאָזיגע
עמטער, איז עס דאָך דעם איינצעלנעמ'ס איינציגע, איהם אליין
אייגענטימליכע קראפט, וואָס גיט זיי, אזוי צו זאָגען, לעבען און
בעדייטונג. וואָס ער פיהרט ניט זיין אמט ווי א „געוועהנליכע־
מענש", נאָר ער לעגט אריין אין דעם דעם פערמעגען פון זיין איינ־
ציגקייט, פאַר דאָס בעצאָהלט מען איהם נאָך ניט, ווען מען בעצאָהלט
איהם נאָר אין אלגעמיין אלס בעאמטען אָדער מיניסטער. ווען ער
האָט אזוי גוט געפיהרט זיין אמט, אז ער האָט פערדיענט אייער
דאנקבארקייט און איהר ווילט אָנהאלטען אָט די דאנקוועַ־טהע
קראפט פון דעם איינציגען, וועט איהר דארפען בעצאָהלען ניט ווי
א בלויזען מענשען, וואָס קאָן נאָר אויפטהאָן מענשליכעס, נאָר ווי

איינעם, וואָס טהוט אויף איינציגעס. איז טהוט דאָסזעלבע אויך מיט אייער ארבייט!

אויף מיין איינציגקייט לאָזט זיך ניט שטעלען קיין אלגעמיינע טאקסע, ווי דאָס קאָן געטאָן ווערן אויף דאָס, וואָס איך טהו אלס מענש. נאָר אויף דאָס לעצטע קאָן בעשטימט ווערן א טאקסע.

שטעלט אלזאָ אויף, אויב איהר ווילט, אן אלגעמיינע אָבשאַ־צונג פאַר מענשליכע ארבייטען, אָבער בערויבט ניט אייער איינציג־קייט פון איהר פערדיענסט.

מענשליכע אָדער אלגעמיינע בעדערפעניסען קאָנען בעפריעדיגט ווערן דורך דער געזעלשאַפט; פאַר איינציגע בעדערפעניסען מוזטו ערשט זוכען די בעפריעדיגונג. א פריינד און די געפעליגקייט פון פריינדשאַפט, אָדער אפילו די געפעליגקייט פון אן איינצעלנעם, קאָן דיר די געזעלשאַפט ניט פערשאַפען. און דאָך וועסטו יעדען אויגענבליק האָבען נויטיג אזוינע געפעליגקייטען, און ביי דער קלענסטער געלעגענהייט וועסטו וועמען־עס־איז דאַרפען האָבען, וואָס זאָל דיר בעהילפיג זיין. דעריבער פערלאָז זיך ניט אויף דער געזעלשאַפט, נאָר פאַס אויף דו זאָלסט האָבען די מיטלען מיט וואָס צו קאָנען — איינקויפען די ערפילונג פון דיינע פערלאנגען.

— צי דאַרף דאָס געלד אויפגעהאַלטען ווערן ביי עגאָיסטען? — אין דער אלטער מטבעה שטעקט א גע׳ירשנ׳טער בעזיץ. אויב איהר וועט זיך מעהר ניט לאָזען בעצאָהלען מיט דעם געלד, דאַן איז עס רואינירט; אויב איהר וועט גאָרנישט טהאָן פאַר דעם געלד, דאַן פערלירט עס יעדע מאכט. שטרייכט די ירושה, וועט איהר דערמיט האָבען צובראָכען דעם עקזעקוטאָר׳ס געריכט־זיעגעל. איצטער איז דאָך אלץ א ירושה, צי עס איז שוין גע׳ירשנ׳ט, צי עס וואַרט נאָך אויף זיין יורש. אויב עס איז אייערע, פאַרוואָס לאָזט איהר אָרויפ־לעגען אויף דעם א זיעגעל? וואָרום רעספעקטירט איהר דעם זיעגעל?

פאַרוואָס אָבער זאָלט איהר ניט שאַפען נייעס געלד? פער־ניכטעט איהר דען די וואַארע דערמיט, וואָס איהר נעהמט פון איהר אַראָב די ירושה־חתימה? דאָס געלד איז אויך א וואַארע, און דוקא א ממשות׳דיגער מיטעל אָדער פערמעגען. וואָרים דאָס געלד דערלאָזט ניט דעם פערמעגען פערהאַרטעוועט ווערן, עס האַלט איהם

אין פלוס און מאכט ער זאל האבען אן אומזאץ. ווייסט איהר פון א בעסערן טויש־מיטעל, איז אדרבא, פאר וואס ניט? אבער דאן וועט עס ווידער זיין „געלד". ניט דאס געלד טהוט אייך שאדען, נאר אייער אונפעהיגקייט זיך דאס צו נעהמען. ווייזט ארויס אייער כח, נעהמט צוזאמען אייערע קרעפטען, און עס וועט אייך ניט פעה־לען קיין געלד — אייער געלד, דאס געלד מיט א י י ע ר חתימה. ארבייטען אבער, דאס רוף איך ניט „ארויסווייזען אייערע כחות". די וואס „זוכען נאר ארבייט" און „ווילען טיכטיג ארבייטען", גרייטען פאר זיך אליין צו די נויטוועגדיגע פאלגע — ארבייטס־לאזיגקייט.

גליק און אומגליק הענגט אב פון געלד. עס איז דעריבער א מאכט אין דער בורזשואזער פעריאדע, ווייל מען שרכנ'ט זיך נאר צו דעם, ווי צו א מיידעל, אבער זיך פערבינדען דערמיט אויף שטענדיג פערבינדעט זיך קיינער ניט. די גאנצע ראמאנטיק און ריטערליכקייט פון דעם שרכנ'ען זיך און זוכען צו געווינען דעם טהייערן געגענשטאנד, לעבט ווידער אויף אין דער קאנקורענץ. דאס געלד, דער בעגעהרטער געגענשטאנד, ווערט געפאנגען פון די מוטהיגע „אינדוסטריע־ריטער".

דער וואס האט גליק, פיהרט די כלה אוועק אהיים. דער שלעפער האט דאס גליק; ער פיהרט זי אוועק אין זיין ווירטשאפט, די „געזעלשאפט", און פערניכטעט די בתולה. אין זיין הויז איז זי ניט מעהר קיין כלה, נאר א פרוי, און צוזאמען מיט איהרע בתולים געהט אויך פערלארען איהר פאמיליען־נאמען. אלס הויז־פרוי הייסט די בתולה־געלד „ארבייט", ווארים „ארבייט" איז דעם מאנ'ס נאמען. זי איז דעם מאנ'ס בעזיץ.

כדי צו פיהרען דאס בילד ביז צום סוף, איז דאס קינד פון ארבייט און געלד ווידער א מיידעל, א ניט־קיין־חתונה געהאטע, אלזא ווידער געלד, אבער מיט דער זיכערער אבשטאמונג פון דער ארבייט, איהר פאטער. די געזיכטס־פארם, דאס „בילד" פון דער מטבעה, טראגט אנאנדער שטעמפעל.

נאך א פונקט, צולעצט, וואס איז נוגע דער קאנקורענץ, איז — אז זי האט א קיום גראד דורכדעם, וואס ניט אלע נעהמען זיך אן פאר ז י י ע ר ז א ך און פ ע ר ש ט ע נ ד י ג ע ן ז י ך ניט איינע מיט די אנדערע מכח דעם. ברויט צ. ב. ש. איז א בעדער־

פעניש פון אלע איינוואוינער פון א שטאדט; וואלטען זיי דעריבער אלע געקאנט איינשטימען איינצוריכטען אן עפענטליכע בעקעריי. אנשטאט דעם לאזען זיי איבער די צושטעלונג פון דעם דאזיגען בעדערפעניש אין די הענד פון די קאנקורירענדע בעקער. דאס גלייכען לאזען זיי דאס פלייש ביי די קצבים, ווײן ביי די וויינ־הענדלער א. אז. וו.

אבשאפען די קאנקורענץ הייסט ניט דיזעלבינע זאך ווי פער־שטארקען די צעך, די גילדע. דער אונטערשייד איז אט דער: אין צ ע ך איז דאס באקען א. אז. וו. די זאך פון די צעך־מיטגליעדער; אין דער ק א נ ק ו ר ע נ ץ איז עס די זאך פון צופעליגע קאנקורענ־טען; אין דעם פ ע ר א י י ן — פון די, וועלכע דארפען האבען געבעקס; אלזא מיין זאך און דיינע, ניט די זאך פון די צעך־מיטגליעדער און ניט פון די בעקער, וועלכע האבען אויף דעם קאנ־צעסיעס, נאר עס איז די זאך פון די פ ע ר א י י נ י נ ט ע.

ווען איך קימער זיך ניט וועגען מיין זאך, מוז איך זיין צופריעדען צו נעהמען, וואס עס געפעלט די אנדערע מיר צו געבען. צו האבען ברויט איז מיין זאך, מיין וואונש און בעגעהר, און האך לאזט מען דאס איבער צו די בעקער און מען האפט העכסטענס עפעס צו געווינען דורך זייערע מחלקות, זייערע רייסערייען צווישען זיך, זייער זוכען אריבערצושטייגען איינער דעם אנדערן — קורץ, דורך זייער קאנקורענץ, וואס מען האט ניט געקאנט דערווארטען פון די צעך־ברידער, וועלכע האבען א י נ ג א נ צ ע ן און א ל י י ן געהאט אן אייגענטום־חזקה אויף דאס רעכט פון בעקעריי. — וואס יעדערער בעדארף, זאל יעדערער זיך בעטייליגען דאס צו שאפען און פראדו־צירען; עס איז ז י י ן זאך, זיין אייגענטום, ניט דאס אייגענטום פון די צעך־ברידער אדער פון די קאנצעסיאנירטע מייסטערס.

לאמיר נאך אמאל א בליק טהאן צוריק. די וועלט געהערט צו די קינדער פון דער וועלט, צו די מענשען־קינדער; זי איז ניט מעהר גאט'ס וועלט, נאר דעם מענשען'ס. וויפיעל יעדער מענש קאן זיך איינשאפען פון דער וועלט, זאל ער דאס רופען זיינס; אבער דער ריכטיגער מענש, דער שטאאט, די מענשליכע געזעלשאפט אדער די מענשהייט, וועט זעהן אז קיינער זאל ניט מאכען פאר זיינס עפעס אנדערעס אחוץ דאס, וואס ער אייגענט זיך אן אלס

מענש, ד. ה. אויף א מענשליכען אופן. די אונמענשליכע אנאייגע־נונג איז אזעלכע, וואס איז ניט בעוויליגט פונ'ם מענשען, ד. ה. זי איז א „פערברעכערישע", פונקט ווי די מענשליכע, פון דער אנדער זייט, איז א „רעכטליכע", אזוינע וואס איז ערווארבען געווארן אויף א „געזעצליכען וועג".

אט אזוי רעדט מען זינט דער רעוואלוציע.

מיין אייגענטום אבער איז ניט קיין זאך, היות ווי א זאך האט אן עקזיסטענץ, וואס איז אונאבהענגיג פון מיר; מיין אייגענס איז נאר מיין מאכט. ניט דער בוים, למשל, איז מייגער, נאר מיין מאכט אדער קאנטראל איבער איהם איז דאס, וואס איז מיינס.

ווי דריקט מען אויס די האזיגע מאכט אויף א ניט־ריכטיגען אופן? מען זאגט, איך האב א ר ע כ ט אויף אט דעם בוים, אדער ער איז מיין ג ע ז ע צ ל י כ ע ס אייגענטום. ע ר ו ו א ר ב ע ן, הייסט עס, האב איך איהם דורך מאכט — דאס ווייס מען. אז די מאכט מוז כסדר אנהאלטען, כדי דער בוים זאל ב ל י י ב ע ן אין מיין רשות, אדער בעסער: אז די מאכט עקזיסטירט ניט אן און פאר זיך, נאר האט איהר עקזיסטענץ אויסשליסליך אין דעם מ ע כ־ט י ג ע ן א י ך, אין מיר דעם מעכטיגען — דאס פערגעסט מען. די מאכט, ווי אנדערע פון מיינע א י י ג ע נ ש א פ ט ע ן, צ. ב. ש. די מענשליכקייט, מאיעסטעט א. אז. וו., ווערט דערהויבען צו עטוואס פאר־זיך־עקזיסטירענדעס, אזוי אז זי עקזיסטירט נאך, ווען זי איז שוין לאנג ניט מעהר מ י י ן מאכט. פערוואנדעלט אויף דעם אופן אין א געשפענסט, ווערט די מאכט — דאס ר ע כ ט. אט די פער־אייביגטע מאכט ווערט ניט אויסגעלאשען אפילו מיט מיין טויט, נאר זי ווערט אריבערגעטראגען אדער „פערערבט".

די זאכען געהערען איצט ווירקליך ניט מיר, נאר דעם רעכט.

פון דער אנדערער זייט איז דאס ניט מעהר ווי א פערבלענ־דעניש; ווארים דעם איינצעלנעמ'ס מאכט ווערט נאר דורכדעם פערמאנענט און א רעכט, וואס אנדערע פערבינדען זייער מאכט מיט זיינער. דאס פערבלענדעניש בעשטעהט דעריין, וואס זיי מיינען, אז זיי קאנען זייער מאכט שוין מעהר ניט צוריקציהען. וויעדער־אמאל דיזעלביגע ערשיינונג, וואס די מאכט ווערט אבגע־ריסען פון מיר. איך קאן ניט וויעדער אבנעהמען די מאכט, וואס איך האב געגעבען דעם בעזיצער. מען האט „בעפאלמעכטיגט",

אוועקגעגעבען די מאכט, און זיך ענטזאגט פון דער מעגליכקייט איבערצובייטען דעם בעשלוס און קומען צום שכל.

דער אייגענטימער קאן אויפגעבען זיין מאכט און זיין רעכט אויף א זאך, דערמיט וואס ער פערשענקט זי, שליידערט זי אוועק א. ד. ג. און מיר קאנען ניט לאזען פאלען די מאכט, וועלכע מיר האבען איהם געליהען?

דער רעכטליכער מענש, דער גערעכטער, וויל קיין זאך ניט אנרופען זיין אייגענס, וואס ער האט ניט „מיט רעכט“, אדער אויף וואס ער האט ניט א רעכט; ד. ה. ער האלט נאר פון רעכט־מעסיגעס אייגענטום.

ווער זאל אבער זיין דער ריכטער און איהם צו'משפט'ן זיין רעכט? אין לעצטער ליניע געוויס דער מענש, וועלכער טיילט איהם איין די מענשענרעכט: דאן קאן ער זאגען אין א פיעל ברייטערן זין איידער טערענץ: הומאני ניהיל א מע אליענום פוטא, ד. ה. דאס מענשליכע איז מיין אייגענטום. ער מעג זיך דרעהען ווי ער וויל, כל זמן ער שטעהט אויף אט דעם שטאנדפונקט, קאן ער זיך פון א ריכטער ניט אויסדרעהען. און אין אונזער צייט האבען זיך די פיעלע ריכטער, וואס מיר האבען ערוועהלט, איינגעטיילט אין צוויי פיינדליכע לאגערן, וועלכע ווערן פערזאניפיצירט אין גאט און מענשען. איין לאגער בערופט זיך אויף דאס געטליכע רעכט, דער אנדערער — אויף דאס מענשליכע רעכט אדער די מענשען־רעכט.

אזויפיעל אבער איז קלאר, אז איןביידע פעלען בערעכטיגט ניט דער איינצעלנער זיך אליין.

פרובירט מיר נאר געפינען היינטיגען טאג איין האנדלונג, וועלכע זאל ניט זיין א פערלעצונג פון רעכט! יעדע מינוט ווערן די מענשען־רעכט געטראטען מיט די פיס פון איין זייט, בעת זייערע געגנער פון דער אנדער זייט קאנען דאס מויל ניט עפענען, אהן ארויסצוברענגען א לעסטערונג אנטקעגען דאס געטליכע רעכט. גיט א נדבה, פערשפאט איהר דערמיט א מענשען־רעכט, ווארים די שייכות צווישען דעם בעטלער און דעם נדבן איז אן אונמענשליכע; זאגט ארויס א צווייפעל, זינדיגט איהר אנטקעגען א געטליך רעכט. עסט טרוקען ברויט מיט צופריעדענקייט, פערלעצט איהר דאס מענשען־רעכט דורך אייער רוהיגען געמיטה; עסט איהר עס

מיט אונצופריעדענקייט, פערשוועכט איהר דאָס געטליכע רעכט דורך אייער ווירערווילען. עס איז ניטאָ קיין איינער פון אייך, וואָס זאָל ניט יעדע מינוט בעגעהן אַ פערברעכען: אייער רעדען איז אַ פערברעכען, און יעדע שטערונג פון אייער רעדע־פרייהייט איז ניט ווענינער אַ פערברעכען. איהר זייט פערברעכער ארום און ארום!

דאָך, איהר זייט פערברעכער נאָר דערפאַר, וואָס איהר שטעהט אַלע אויפ׳ן באָדען פון רעכט, ד. ה. דעריבער ווייל איהר ווייסט ניט צומאָל און פערשטעהט ניט צו שעצען דעם פאַקט, וואָס איהר זייט פערברעכער.

דאָס אונפערלעצליכע אָדער היילינע אייגענטום איז אַקוראַט געוואַקסען אויף אָט דעם באָדען: עס איז אַ יורידישער בענריף.

אַ הונד אז ער זעהט אַ ביין אין דעם אנדערנ׳ס מאַכט, שטעהט ער פון ווייטען נאָר ווען ער פיהלט זיך צו־שוואַך עס אָבצונעהמען. דער מענש אָבער רעספּעקטירט דעם אַנדערנ׳ס רעכט אויף זיין ביין. די לעצטע האַנדלונג ווערט אָנגערופען אַ מענשליכע, די ערשטע — אַ ברוטאַלע אָדער „עגאָיסטישע“.

און אַזוי ווי דאָ, אַזוי אומעטום הייסט דאָס דאָזיגע „מענשליך“, ווען מען זעהט אין אַלץ עטוואָס גייסטיגעס (דאָ דאָס רעכט), ד. ה. ווען מען מאַכט אַלץ פאַר אַ געשפּענסט און מען פערהאַלט זיך צו דעם ווי צו אַ געשפּענסט, וועלכען מען קאָן אפילו אָבשרעקען בעת ער ערשיינט, אָבער מען קאָן איהם ניט טויטען. עס איז מענשליך צו בעטראַכטען דאָס איינצעלנע ניט אַלס איינצעלנעס, נאָר אַלס אַן אַלגעמיינעס.

אין דער נאַטור אַלס אַזעלכע רעספּעקטיר איך שוין מעהר גאָרנישט, נאָר פיהל אַז לגבי איהר בין איך צו אַלעס בערעכטיגט; דאַגעגען אין דעם בוים, וואָס וואַקסט אין יענעם גאָרטען, מוז איך רעספּעקטירען די פרעמדקייט (אויף אַן איינזייטיגען אופן זאָגט מען: „דאָס אייגענטום“), מוז האַלטען די הענד פון ווייטען. אָט די בעציהונג צו דעם הערט אויף נאָר דאַן, ווען איך הער אויף צו קוקען אויף יענעם בוים, ווי אויף עפּעס וואָס איז מיר לכתחילה פרעמד, ד. ה. היילינ — הגם איך קאָן איהם איבערלאָזען צו אַנאַנדערן, פונקט ווי איך לאָז איבער מיין שטעקען א. ד. ג. צו אַנאַנדערן. אדרבא, איך האַלט גאָר ניט פאַר קיין פערברעכען איהם

אויסצוהאַקען ווען איך וויל, און ער בלייבט מיין אייגענטום ווי לאַנג איך זאָל איהם ניט אָבטרעטען צו דעם אַנדער מענשען: ער איז מיינער און בלייבט מיינער. איך זעה פּונקט אַזוי ווייניג פרעמדס אין דעם באַנקיער'ס פערמעגען, ווי נאַפּאָלעאָן אין די לענדער פון די קעניגע: מיר שרעקען זיך ניט אָב דאָס צו „עראָבערן", און מיר קוקען זיך אַרום צו געפינען מיטלען דערצו. מיר ציהען, הייסט עס, אַראָב פון איהם דעם גייסט פון פרעמד־קייט, פאַר וועלכען מיר האָבען זיך געשראָקען.

דעריבער איז נויטיג, אַז איך זאָל קיין זאַך ניט נעהמען מעהר אין אָנשפּרוך אַלס מענש, זאָנדערן אַלס איך, אַלס אָט דער איך; און פּאָלגליך אויך ניט, ווייל עס איז מענשליכעס, זאָנדערן ווייל עס איז מיינס, ד. ה. איך נעהם קיין זאַך ניט אין אָנשפּרוך, וואָס מיר קומט אַלס מענש, זאָנדערן — וואָס איך וויל און ווייל איך וויל עס.

נאָר דאָס וועט זיין אַנאַנדערנ'ס געזעצליכעס אָדער רעכט־מעסיגעס אייגענטום, וואָס ביי דיר איז רעכט, אַז עס זאָל זיין זיין אייגענטום. הערט עס ביי דיר אויף צו זיין רעכט, האָט דאָס אייגענטליך פערלאָרען פאַר דיר די רעכטמעסיגקייט און דו וועסט זיך אויסלאַכען פון דעם אַבסאָלוטען רעכט דערויף.

אַחוץ דעם ביז אַהער בעשפּראָכענעם אייגענטום אין דעם בעשרענקטען זין, ווערט פאָרגעהאַלטען פאַר אונזער עהרפאָרכטיגען געמיטה אַן אַנדער אייגענטום, אַנטקעגען וועלכען מיר „טאָרען זיך נאָך ווייניגער פערזינדיגען". דאָס דאָזיגע אייגענטום בעשטעהט אין די גייסטיגע גיטער, אין דעם „הייליגטום פון אונזער אינערליכער נאַטור". וואָס אַ מענש האַלט הייליג, דערמיט זאָל קיין אַנדערער קיין שפּאַס ניט טרייבען; ווייל, ווי ניט אמת דאָס זאָל ניט זיין און ווי אייפעריג מען זאָל ניט זוכען, „אויף אַ ליעבליכען און בעשיידענעם אופן", צו איבערצייגען דעם אָנהענגער און גלויביגען וועגען אַנאַנדער אמת'ן הייליגטום, בלייבט אַלץ אַ חוב צו עהרען דאָס הייליגע גופא פון זיין גלויבען: דער פעראירטער גלויבט דאָך אין דאָס הייליגע, ווען אפילו עס איז אַ שקר, און דעריבער מוז ווענינסטענס זיין גלויבען אין דאָס הייליגע געאַכט ווערן.

אין גרעבערע צייטען ווי אונזערע פּלעגט מען פאָדערן אַ בעשטימטען גלויבען און אַן איבערגעבענהייט צו אַ בעשטימטער

הייליגקייט, און מען איז זיך ניט בעגאנגען אויפ'ן ערדעלסטען אופן מיט די אנדערש־גלויביגע. זינט אבער די „גלויבענס־פרייהייט" האט זיך אויסגעשפרייט אלץ מעהר און מעהר, איז דער „אל קנא און איינציגער הארר" בּיסלעכווייז צופלאסען געווארן אין א גאנץ אלגעמיינעם „העכסטען וועזען", און די הומאנע טאלעראנץ בענוגענט זיך, וויבאלד נאר יעדערער פערעהרט „עפּעס א הייליגקייט".

ווען מען רעדוצירט עס צו דעם מענשליכסטען אויסדרוק, איז דאס הייליגע „דער מענש גופא" און „דאס מענשליכע". ביי דעם פאלשען שיין, וואס מאכט מיר זאלען מיינען, אזוי ווי דאס מענשליכע וואלט גאר אינגאנצען געווען אונזער אייגענעס און פריי פון יעדער יענער־וועלטליכקייט, מיט וואס דאס געטליכע איז אנגעשטעקט, — יא, אזוי ווי „מענש" וואלט בעטייט דאסזעלבע ווי „איך" אדער „דו" — קאן זאגאר אויסוואקסען די שטאלצע איינבילדונג, אז ווענען „הייליגס" איז שוין מעהר גאר קיין רעד ניט, און אז מיר פיהלען זיך שוין איצטער איבעראל היימיש און לעבען ניט מעהר אין דאס אונהיימליכע, ד. ה. אין דאס הייליגע און אין הייליגען שרעק. אין דער התפעלות איבער דעם „ענדליך געפונענעם מענשען" הערט מען ניט דעם עגאיסטישען וועה־געשריי, און מען נעהמט אן דעם רוח, וואס איז געווארן אזוי אינטים, פאר אונזער אמת'ן איך.

אבער „הומאנוס הייסט דער הייליגער" (זעה געטהע), און דאס הומאנע איז נאר דאס געלייטערסטע הייליגע.

דער עגאיסט זאגט אקוראט פערקעהרט. גראד דעריבער ווייל דו האלטסט עפּעס הייליג, טרייב איך מיט דיר מיין שפּאס, און ווען איך וואלט אפילו אלעס געשעצט אין דיר, איז גראד דיין הייליגטום שעץ איך ניט.

ביי אזעלכע געגענגעזעצטע מיינונגען מוז אויך אנגענומען ווערן א געגענגעזעצטע בעציהונג צו די גייסטיגע גיטער: דער עגאיסט בּרייפט זיי אן, דער רעליגיעזער (ד. ה. יעדערער וואס שטעלט זיין „וועזען" איבער זיך), כדי צו זיין אויסגעהאלטען, מוז זיי — בעשיצען. וועלכער סארט גייסטיגע גיטער אבער דארף געשיצט ווערן און וועלכע דארפען בלייבען ניט בעשיצט, דאס העננט אינגאנצען אב פון דעם בעגריף, וואס מען מאכט זיך פון דעם „העכסטען וועזען", און דער גאטספארכטיגער צ. ב. ש. האט מעהרער צו

בעשיצען, איידער דער מענשענפארכטיגער (דער ליבעראלער).

אין די גייסטיגע גיטער, אין אונטערשייד פון די מאטעריעלע, ווערן מיר פערלעצט אויף א גייסטיגען אופן; די פערזינדיגונג אנטקעגען זיי בעשטעהט אין א דירעקטער ענטהייליגונג, בעת אנטקעגען די מאטעריעלע גיטער בעשטעהט זי אין א בערויבונג אדער פערפרעמדונג: די גייסטיגע גיטער ווערן ניט פשוט אוועקגעלאטכענט, זיי ווערן בערויבט פון זייער ווערטה און פערשוועכט, דאס הייליגע ווערט דירעקט געשטעלט אין געפאהר. מיט די ווערטער „ניט־אכטונג" אדער „פרעכהייט" ווערט בעצייכענט אלע פערברעכען, וואס קאנען בעגאנגען ווערן אנטקעגען די גייסטיגע גיטער; פערשפאטונג, בעשימפונג, פעראכטונג, בעצווייפלונג א. ד. ג. זיינען נאר פערשיידענע שאטירונגען פון דער פערברעכערישער פרעכהייט.

אז די ענטהייליגונג קאן פראקטיצירט ווערן אויף די פערשיידענסטע אופנים, אויף דעם ווילען מיר זיך דא ניט אבשטעלען; מיר ווילען דא דערמאנען נאר יענע ענטהייליגונג, וועלכע שטעלט אין געפאהר דאס הייליגע דורך א ניט־בעשרענקטער פרעס.

כל זמן עס ווערט נאך געפאדערט רעספעקט אפילו נאר פאר איין גייסטיג וועזען, מוז די רעדע און פרעס פערשקלאפט ווערן אין נאמען פון אט דעם וועזען; ווארים אזוי לאנג ווי דאס עקזיסטירט, קאן דער עגאיסט זיך פערזינדיגען אנטקעגען דעם דורך זיינע אויסגעדריקטע מיינונגען, און מוז דעריין געהינדערט ווערן וועניגסטענס דורך דער „פאסיגער שטראף", אויב מען וויל ניט בעסער אנווענדען דעם ריכטיגען מיטעל — די איינהאלטענדע מאכט פון דער פאליציי, צ. ב. ש. די צענזור.

ווי מען זיפצט עס נאך דער פרייהייט פון דער פרעס! פון וואס אייגענטליך זאל די פרעס בעפרייט ווערן? געוויס פון אבהענגיגקייט, פערקנעכטונג און דיענסטבארקייט! אבער דערפון זיך צו בעפרייען איז דאך יעדען איינעמ'ס זאך, און מען קאן גאנץ זיכער אננעהמען, אז אויב דו האסט זיך דערלייזט פון דער דיענסטבארקייט, וועט אויך דאס, וואס דו פערפאסט און שרייבסט, געהערען צו דיר ווי דיין אייגענס, אנשטאט צו האבען דאס געדענקט און פערפאסט אין דיענסט פון א וועלכער עס איז מאכט. קאן א גלויביגער קריסט עפעס זאגען און דרוקען, וואס

זאָל זיין מעהר פריי פון דעם דאָזיגען קריסט־גלויבען, איידער ער איז אַליין? ווען איך קאָן ניט אָדער טאָר ניט עפּעס שרייבען, ליעגט די שולד לכתחילה אפשר גאָר אין מיר אַליין. דאָס קאָן אפילו קלינגען זאָנדערבאר, דאָך ווערט עס אָפט בעשטעטיגט. דורך די פּרעס־געזעצען בעגרענייץ איך אָדער דערלאָז מען זאָל בעגרעניצען די פרייהייט ארויסצוזאָגען מיינע מיינונגען, און הינ־טער דעם דאָזיגען גרעניץ הויבט זיך אָן דאָס געביט פון אונרעכט און שטראָף. איך בעגרעניץ זיך אַליין.

אויב די פּרעס זאָל ווען עס איז זיין פריי, וואָלט קיין זאַך ניט געווען אַזוי וויכטיג, ווי איהר בעפרייאונג פון יעדען צוואנג, וואָס קאָן אויף איהר אַרויפגעלעגט ווערן אין נאָמען פון א געזעץ. און כדי עס זאָל קומען דערצו, וואָלט איך אַליין טאקע געמוזט זיך אָבזאָגען פון צו פאָלגען דעם געזעץ.

אודאי איז די אַבסאָלוטע פרייהייט פון דער פּרעס, ווי יעדע אַבסאָלוטע פרייהייט, א זאַך וואָס האָט קיין ממשות ניט. זי קאָן ווערן פריי פון גאָר א סך זאַכען, אָבער אַלע מאָל נאָר פון דאָס, פון וואָס איך בין אויך פריי. ווען מיר בעפרייען זיך פון הייליגעס, ווען מיר זיינען געוואָרן גאָטלאָז און געזעצלאָז, דאַן וועלען אונזערע ווערטער אויך אַזוי ווערן גאָטלאָז און געזעצלאָז.

אַזוי ווייניג ווי מיר קאָנען זיך דערקלערען פריי פון יעדען צוואנג אין דער וועלט, אַזוי ווייניג קאָן אונזער שריפט זיך בעפרייען פון דעם. אָבער אַזוי פריי ווי מיר זיינען, אַזוי פריי קאָנען מיר מאַכען אונזער שריפט זאָל זיין.

זי מוז דעריבער ווערן אונזער אייגענס, אַנשטאָט צו דיענען א רוח, ווי זי האָט עס געטאָן ביז איצטער.

מענשען ווייסען ניט וואָס זיי ווילען, ווען זיי שרייען פּרעס־פרייהייט. וואָס מען פערלאַנגט מיט ווערטער איז, אז דער שטאַאַט זאָל מאַכען די פּרעס פריי; וואָס מען וויל אָבער אין גרונד גענו־מען, און אַליין ניט וויסענדיג עס, איז, אַז די פּרעס זאָל פריי ווערן אָדער לויז ווערן פון שטאַאַט. דאָס ערשטע איז א פּעטיציע צום שטאַאַט, דאָס אנדערע איז אַן אויפשטעלען זיך אַנטקעגען דעם שטאַאַט. אַלס א „בקשה וועגען א רעכט", אפילו אַלס אַן ערנסטע פאָדערונג פון דעם רעכט פון פּרעס־פרייהייט, נעהמט זי לכתחילה אָן דעם שטאַאַט אַלס דעם געבער

און קאָן נאָר האָפען אויף אַ גע ש אַ נ ק, אַן ערלויבניש, אַ קאָנ־צעסיע. עס איז גאַנץ מעגליך, אַ שטאַאט זאָל האנדלען אונזיניג און טאָקע געבען די געפאָדערטע מתנה; מען קאָן אָבער זיכער זיין, אַז די בעשאָנקענע וועלען ניט וויסען ווי צו געברויכען דעם געשאַנק, כל זמן זיי בעטראַכטען דעם שטאַאט פאַר אַ וואַרהייט: זיי וועלען זיך ח"ו ניט פערזינדיגען אַנטקעגען אָט דעם „הייליגען", און וועלען אַליין אַרויסרופען אַ בעשטראָפענדען פרעס־געזעץ אַנטקעגען יעדערן, וואָס וועט זיך דערוועגען צו זינדיגען אַנטקעגען איהם.

מיט איין וואָרט, די פרעס ווערט ניט פריי פון דאָס, פון וואָס איך בין ניט פריי.

ווייז איך זיך אפשר אַרויס דערמיט פאַר אַ געגנער פון דער פרעס־פרייהייט? אדרבא, פערקעהרט, איך זאָג נאָר, אַז מען וועט זי קיינמאָל ניט בעקומען, ווען מען וויל נאָר זי, די פרעס־פרייהייט, ד. ה. ווען מען שטעלט זיך נאָר איין פאַר אַן אונבעשרענקטער ערלויבניש. בעטעלט נאָר ווייטער די דאָזיגע ערלויבניש, איהר וועט אייביג קאָנען וואַרטען אויף דעם, וואָרים עס איז ניטאָ קיינער אויף דער וועלט וועך עס זאָל דאָס קאָנען אייך געבען. כל זמן איהר וועט וועלען מען זאָל אייך „בערעכטיגען" צו געברויכען די פרעס דורך אַן ערלויבניש, ד. ה. מען זאָל אייך געבען פרעס־פרייהייט, וועט איהר לעבען אין אומזיסטער האָפנונג און וועט זיך אומזיסט בעקלאָגען.

— „אונזין! דו אַליין, וואָס דו האָסט אַזוינע געדאַנקען, ווי זיי שטעהען אין דיין בוך, קאָנסט דאָך זיי לײדער ברענגען פאַר דער עפענטליכקייט נאָר דורך אַ גליקליכען צופאַל אָדער בגניבה; פונ־דעסטוועגען מייקערסטו דאַגעגען, ווען מען שטעהט־צו צו דעם אייגענעם שטאַאט און מען זעצט זיך אויף איהם אָן, ביז ער ניט פאָרט די פריהער־ענטזאַגטע דרוק־ערלויבניש."

אַ שרייבער, צו וועמען אַזוינע ווערטער ווערן אדרעסירט, וואָלט אפשר — וואָרים די דאָזיגע לייט זיינען גרויסע עזות־פנים'ער — געענטפערט אויף דעם אַזוי צו זאָגען: —

— „בעטראַכט נאָר גוט וואָס איהר רעדט! וואָס טהו איך דען, כדי צו פערשאַפען זיך פרעס־פרייהייט פאַר מיין בוך? פרעג איך זיך דען נאָך אויף אַן ערלויבניש, אָדער זוך איך ניט בעסער אויס, אָהן שאלות וועגען געזעצליכקייט, אַ גינסטיגע געלעגענהייט,

און בענוץ זי אָהן אַ שום ריקזיכט אויף דעם שטאַאט און זיינע פערלאַנגגען? איך — דאָס שרעק־ארויסרופענדע וואָרט מוז ארויס־געזאָגט ווערן — איך נאר אָב דעם שטאַאט. אונבעוואוסט טהוט איהר אויך דאָסזעלבינע. פון אייערע פלאטפאָרמען רעדט איהר איהם איין, אז ער מוז אויפגעבען זיין היילינקייט און אונפערלעצ־ליכקייט, אז ער מוז זיך לאָזען אַנגעגריפען ווערן פון די שרייבער און דארף גאָר ניט מורא האָבען פאר דעם. אָבער איהר פיהרט איהם אונטער; וואָרים אזוי באלד ווי ער פערלירט זיין אונצו־גענגליכקייט, איז אַ סוף צו זיין עקזיסטענץ. א י י ך, פערשטעהט זיך, וואָלט ער גאַנץ גוט געקאָנט ערלויבען די פרייהייט צו שריי־בען, ווי ענגלאַנד האָט עס געטאָן; איהר זייט ש ט א א ט־ג ל ו י ב י ג ע און האָט ניט בכח צו שרייבען געגען דעם שטאַאט, וויפיעל איהר זאָלט ניט וועלען איהם רעפאָרמירען און „פערניכטען זיינע פעהלערען“. אָבער וואָס וועט זיין אַ שטייגער, ווען געגנער פון שטאַאט וועלען זיך בענוצען מיט דעם פרייען וואָרט און אַנהוי־בען שטורעמען אנטקעגען קירך, שטאַאט, מאָראל און יעדעם „היי־ליגע“ מיט פעסטע ארגומענטען? איהר וואָלט דאן געוועזן די ערשטע וויעדער איינצופיהרן, אין אייערע שרעקליכע אנגסטען, די ס ע פ ט ע מ ב ע ר־ג ע ז ע צ ע ן. איהר וואָלט דאן צו־שפעט חרטה געהאַט אויף אייער דומהייט, וועלכע האָט אייך פריהער מיטגע־בראַכט צו פערפלוידערן און פערפיהרן דעם שטאַאט אָדער די שטאַאטס־רעגירונג. — איך אָבער בעווייז מיט מיין טהאַט צוויי־ערליי זאַכען. איינמאָל דאָס, אז די פרעס־פרייהייט וועט אלעמאָל אָבהענגען פון „גינסטיגע געלעגענהייטען“ און פאָלגליך וועט זי קיינמאָל ניט זיין קיין אבסאָלוטע פרייהייט; צווייטענס אָבער, אז דער, וואָס וויל זי געניסען, מוז די גינסטיגע געלעגענהייט אויס־זוכען, און וואו נאָר מעגליך, זי אליין שאַפען, בענוצענדיג זיין א י י ג ע נ ע ם פ אָ ר ט י י ל אנטקעגען דעם שטאַאט, און האלטען זיך און זיין ווילען גרעסער פאַר'ן שטאַאט און פאַר יעדער „העכערע מאַכט“. ניט א י ן דעם שטאַאט, נאָר דוקא ג ע ג ע ן דעם שטאַאט קאָן די פרעס־פרייהייט דורכגעזעצט ווערן. אויב זי זאָל אמאָל אויפגעריכט ווערן, וועט מען זי בעקומען, ניט אלס רעזולטאַט פון אַ פ ע ט י צ י ע, נאָר אלס די ארבייט פון אן א ו י פ ש ט א נ ד. יעדע פעטיציע און יעדער אַנטראַג פאַר פרעס־פרייהייט איז שוין,

בעוואוסטזיניג אָדער אונבעוואוסטזיניג, אַן אויפשטאַנד, וועלכען נאָר די פיליסטערדיגע האַלבקייט וויל ניט און קאָן ניט צוגעבען, ביז זי וועט עס מיט שרעק און ציטערניש דערזעהן קלאָר און דייט־ליך דורך דעם ערפאָלג. ווארים די אויסגעבעטענע פרעס־פרייהייט האָט טאקע אין אַנפאַנג א פריינדליכען און גוט־מיינענדען פנים, אזוי ווי זי איז ווייט ניט געזאָנען צו דערלאָזען עס זאָל ווען עס איז קומען ביז צו „פרעכהייט פון דער פרעסע“; ביסלעכווייז אָבער ווערט איהר הארץ אַלץ מעהר און מעהר פערהאַרטעוועט און עס גנב׳עט זיך ביי איהר אריין דער לאָגישער שלוס, אז א פרייהייט איז דאָך גאָר קיין פרייהייט ניט, ווען זי שטעהט אין ד י ע נ ס ט פון שטאאט, פון מאָראל אָדער פון געזעץ. זי איז, אמת, א פריי־הייט פון צענזור־צוואנג, זי איז אָבער אַלץ ניט קיין פרייהייט פון געזעץ־צוואנג. די פרעס, וואָס איז איינמאָל ארומגעכאַפּט געוואָרן פון דעם פרייהייטס געלוסט, וויל ווערן וואָס ווייטער אַלץ פרייער, ביז דער שרייבער זאָגט ענדליך צו זיך: איך בין דאָך נאָר דאַן אינגאַנצען פריי, ווען איך פרעג זיך וועגען גאָרנישט ניט אַן; דאָס שרייבען אָבער איז נאָר פריי, ווען עס איז מיין א י י ג ע נ ע ס, וואָס ווערט מיר ניט דיקטירט דורך קיין מאַכט אָדער אויטאָריטעט, דורך קיין גלויבען און קיין מורא. די פרעס מוז ניט זיין פריי — דאָס איז צו־וועניג, — זי מוז זיין מ י י נ ס: פ ר ע ס ־ א י י ג ע נ־ ה י י ט אָדער פ ר ע ס ־ א י י ג ע נ ט ו ם, אָט דאָס איז, וואָס איך וויל מיר נעהמען.“

— „אָבער פרעס־פרייהייט איז דאָך נאָר פ ר ע ס ־ ע ר ל ו י ב־ נ י ש, און דער שטאאט וועט ניט און קאָן ניט מיר פרייווילליג ערלויבען, איך זאָל איהם דורך דער פרעס צומאַלען אויף אַש.“

— „לאָמיר שליסליך פערבעסערן די פאָריגע רעדע, וועלכע איז נאָך ניט קלאָר צוליעב דעם וואָרט „פרעס־פרייהייט“, און ליעבער אויפפאַסען אָט אזוי: פרעס־פרייהייט, די שרייעדיגע פאָדערונג פון די ליבעראַלען, איז געוויס מעגליך אין שטאאט, יאָ, זי איז נאָר אין דעם שטאאט מעגליך, ווייל זי איז אַן ע ר ל ו י ב־ נ י ש, ממילא קאָן דאָך דער שטאאט, דער ערלויבענדער, ניט אויספעהלען. אַלס ערלויבניש האָט זי אָבער איהר גרעניץ אין אָט דעם שטאאט, וועלכער דאַרף דאָך על פי שכל ניט ערלויבען מעהר איידער עס שטימט מיט איהם און זיין וואוילזיין: ער שרייבט

איהר פאַר דעם דאָזיגען גרענייץ אלס דאָס געזעץ פון איהר עקזיס־טענץ און קרייז פון טהעטיגקייט. וואָס איין שטאַאט פערטראַגט מעהר איידער אַנאַנדערער, איז נאָר אַ קוואַנטיטאַטיווער אונטער־שייד, דאָך אָבער ליעגט נאָר דאָס אליין די פּאָליטישע ליבעראלען אַם הארצען: זיי וועלען צ. ב. ש. אין דייטשלאַנד נאָר אַן „אויס־געשפּרייטערע, ברייטערע געשטאַטונג פון פרייען וואָרט". די פּרעס־פרייהייט, וועלכע מען זוכט, איז דעם פאָלק'ס זאַך, און איידער דאָס פאָלק (דער שטאַאט) בעזיצט זי, טאָר איך דערפון קיין געברויך ניט מאַכען. עס איז אָבער גאַנץ אַנדערש, ווען מען געהט ארויס פון שטאַנדפּונקט פון פּרעס־אייגענטום. מעג מיין פאָלק זיך אויסקומען אָהן פּרעס־פרייהייט, איך זוך מיר אויס אַ הינטער־וועג אָדער געברויך געוואַלט, כדי צו דרוקען; איך קריג די דרוק־ערלויבניש נאָר פון — מיר און מיין קראַפט."

„ווען די פּרעס איז מיין אייגענס, דאַן בעדאַרף איך פּונקט אזוי וועניג אַן ערלויבניש פון שטאַאט זי צו בענוצען, ווי איך דאַרף זוכען אַן ערלויבניש אויסצושנייצען די נאָז. די פּרעס איז מיין אייגענטום פון דער מינוט אָן, ווען קיין זאַך שטעהט פאַר מיר ניט העכער איבער מיר; ווארים פון אָט דעם מאָמענט אָן הערן אויף צו עקזיסטירען שטאַאט, קירך, פאָלק, געזעלשאַפט א. ד. ג., אזוי ווי זייער עקזיסטענץ איז נאָר געבויט אויף דער פעראַכטונג; וואָס איך פיהל צו זיך, און אזוי שנעל ווי עס פערשווינדט די דאָזיגע פעראַכטונג, ווערן זיי אליין אויסגעלאָשען. זיי עקזיסטירען נאָר ווען זיי זיינען איבער מיר, זיי עקזיסטירען נאָר ווי מעכטע און מעכטיגע. אָדער קאָנט איהר אפשר זיך פאָרשטעלען אַ שטאַאט, וואו די בירגער אלע צוזאַמען שענקען איהם קיין אויפ־מערקזאַמקייט ניט? אַזאַ שטאַאט וואָלט דאָך געוועזען אזוי זיכער אַ חלום, אַן איינבילדונג, ווי דאָס „פעראייניגטע דייטשלאַנד."

„די פּרעס איז מיין אייגענס, אזוי באַלד ווי איך אליין בין מיין אייגענער, אזוי באַלד ווי איך געהער צו זיך אליין: די וועלט געהערט צו דעם עגאָיסט, ווייל ער געהערט ניט צו קיין מאַכט פון דער וועלט."

„דערביי קאָן מיין פּרעס נאָך אלץ זיין זעהר ניט־פריי, ווי צ. ב. ש. אין דעם איצטיגען מאָמענט. די וועלט איז אָבער גרויס, און מען העלפט זיך אזוי גוט ווי מעגליך. וואָלט איך געוואָלט

אויפהערן קוקען אויף דער פּרעס ווי אויף מיין אייגענטום, וואָלט איך געקאָנט לייכט פּועל'ן צו מעגען אומעטום אזויפיעל דרוקען, וויפיעל מיינע פינגער וואָלטען קאָנען פּראָדוצירען. אַזוי ווי אָבער איך וויל בעשטעהן אויף מיין אייגענטום, מוז איך נויטווענדיגערווייז בעשווינדלען מיינע פיינד. — „וואָלסטו ניט אָננעהמען זייער ערלויבניש, ווען מען וואָלט זי דיר געגעבען?“ — געוויס, מיט שמחה; וואָרים זייער ערלויבניש וואָלט פאַר מיר געווען אַ בעווייז, אַז איך האָב זיי אָבגענאַרט און ארויפגעפיהרט אויפ'ן וועג פון זייער רואינירונג. זייער ערלויבניש אינטערעסירט מיר גאָר ניט, אָבער מעהר פאַר אַלץ איז מיר וויכטיג זייער דומהייט און זייער נידערלאַגע. איך זוך ניט אויסצו־ווירקען זייער ערלויבניש אַזוי ווי איך וואָלט זיך איינגערעדט (אַ שטייגער ווי די פּאָליטישע ליבעראַלען), אַז מיר ביידע, זיי און איך, וועלען איינע מיט די אַנדערע און איינע נעבען די אַנדערע קאָנען פריעדליך אויסקומען, און אפשר גאָר הויבען און שטיצען איינע די אַנדערע; איך זוך זי אויסצו־ווירקען, כדי זיי זאָלען פערבלוטען דורך דער ערלויבניש און דערמיט זאָלען ענדליך די ערלויבער אַליין אויפהערן צו עקזיסטירען. איך האַנדעל ווי זייער בעוואוסטזיניגער שונא, דערמיט וואָס איך נאַר זיי אויס און בענוץ זיך מיט זייער אונפּאָרזיכטיגקייט.“

„די פּרעס איז מיינע, ווען איך אָנדערקען אין פּרט פון בענוצען זי לחלוטין ניט קיין ריכטער אויסער מיר; ד. ה. ווען מיין שרייבען ווערט ניט מעהר בעשטימט דורך דער מאָראַל אָדער דער רעליגיאָן אָדער דעם רעספּעקט פאַר די געזעצען פון שטאַאט א. ד. ג., זאָנדערן דורך מיר און מיין עגאָיזם!“ —

איז וואָס האָט איהר דערויף צו זאָגען דעם, וואָס גיט אייך אַזאַ העזה'דיגען ענטפער? — מיר וועלען אפשר מאַכען קלערער די פראַגע, ווען מיר דריקען עס אויס ווי פאָלגט: וועמעס איז די פּרעס, דעם פאָלק'ס (דעם שטאַאַט'ס) אָדער מיינע? די פּאָליטישע ליבעראַלען פון זייער זייט זיינען נאָר אויסען צו בעפרייען די פּרעס פון דעם פּערזענליכען אָדער מוטווילליגען אָנגריף פון די מאַכטהאָבער, גאָר ניט דענקענדיג, אַז כדי די פּרעס זאָל ווירקליך זיין אָפען פאַר יעדען איינעם, מוז זי אויך זיין פריי פון די געזעצען, ד. ה. פון דעם פאָלקס־ווילען (דעם שטאַאַטס־ווילען). זיי ווילען פון איהר מאַכען אַ פאָלק'ס זאַך.

אָבער ווען זי איז שוין געוואָרן דעם פאָלק'ס אייגענטום, איז זי נאָך אַלץ זעהר ווייט דערפון צו זיין מיינע; פאר מיר האָט זי אַלץ נישט מעהר, ווי די קנאפּע בעדייטונג פון אַן ע ר ל ו י ב נ י ש.

דאָס פאָלק שפּיעלט די ראָליע פון א ריכטער איבער מיינע געדאנקען, פאר וועלכע איך בין איהם שולדיג א רעכענונג אָדער בין צו איהם פעראנטוואָרטליך. די געשוואָרענע האָבען פונקט אזוינע הארטע קעפּ און הערצער, ווען זייערע פיקסע אידעען ווערן אָנגעגריפען, ווי די שטרענגסטע דעספּאָטען און זייערע קנעכטישע בעאמטע.

אין זיין בוך „ליבעראַלע בעשטרעבונגען"* בעהויפּטעט עד. בויער, אז די פּרעס־פרייהייט איז אונמעגליך אין דעם אבסאָלו־טיסטישען און קאָנסטיטוציאָנעלען שטאאט, אָבער זי געפינט איהר ריכטיגען פּלאַץ אין דעם „פרייען שטאאט". „דאָרט, אין דעם פרייען שטאאט", קומט אויס פון זיינע רעד, „ווערט אָנדערקענט, אז דער איינצעלנער האָט דאָס רעכט זיך אויסצושפּרעכען, ווייל ער איז ניט מעהר אַן איינצעלנער, נאָר א מיטגליעד פון אַן אמת'ן און פערנינפטיגען כלל". אַלזאָ, ניט דער איינצעלנער, נאָר דאָס „מיט־גליעד" האָט פּרעספרייהייט. אויב אָבער דער איינצעלנער מוז אפריהער, איידער ער קאָן האָבען פּרעספרייהייט, בעווייזען אז ער גלויבט אין דעם כלל, אין דאָס פאָלק; אויב ער האָט ניט די דאָזיגע פרייהייט דורך זיין אייגענער מאכט, — דאַן איז זי א פ אָ ל ק ס־פ ר י י ה י י ט, א פרייהייט, וואָס ווערט איהם געגעבען פון וועגען זיין גלויבען, פון וועגען זיין „מיטגליעדשאפט". אדרבא פערקעהרט, גראָד אַלס איינצעלנעם שטעהט די פרייהייט אָפען פאר יעדען איינעם זיך אויסצושפּרעכען. אמת, ער האָט ניט דאָס „רעכט"; די דאָזיגע פרייהייט איז געווים ניט זיין „הייליגעס רעכט". ער האָט נאָר די מ א כ ט; אָבער די מאכט אַליין מאכט איהם צום אייגענטימער. איך דארף ניט קיין קאָנצעסיעס צו האָבען פּרעס־פרייהייט, איך דארף ניט דערצו די בעוויליגונג פון פאָלק, איך דארף ניט דאָס „רעכט" דערצו און קיין „בערעכטיגונג". די פּרעס־פרייהייט, אזוי גוט ווי יעדע פרייהייט, מוז איך מיר „נעהמען"; דאָס פאָלק „אַלס דער איינציגער ריכטער",

* II ז. 91 (זעה מיין אויבערשטע בעמערקונג.)

קאָן זי מיר ניט געבען. עס קאָן איהם ניט געפעלען, וואָס איך נעהם מיר די פרייהייט, אָדער עס קאָן זיך וועהרען נעגען דעם: געבען, שענקען, איינטיילען מיר די פרייהייט, קאָן עס ניט. איך געברויך זי טראָץ דעם פאָלק, איינפאַך אַלס איינ־צעלנער; ד. ה. איך קעמפף זי אויס פון פאָלק, מיין — שונא, און בעקום זי נאָר, ווען איך קעמפף זי ווירקליך אויס פון איהם, ד. ה. ווען איך נעהם עס מיר. איך נעהם זי אָבער, ווייל זי איז מיין אייגענטום.

זאנדער, אנטקעגען וועמען עד. בויער ארגומענטירט (ז. 99), נעהמט די פרעספרייהייט אין אָנשפרוך „אַלס דאָס רעכט און די פרייהייט פון בירגער אין דעם שטאאט". טהוט ניט עד. בויער דיזעלבע זאַך? פאר איהם איז זי דאָך אויך נאָר דאָס רעכט פון דעם פרייען בירגער.

די פרעספרייהייט ווערט אויך געפאָדערט אונטער'ן נאָמען פון אַן אַלגעמיין־מענשליכען רעכט. אָנטקעגען דעם איז אוועק־געשטעלט געוואָרן דער ארגומענט: ניט יעדער מענש ווייס ריכטיג ווי זי צו געברויכען; וואָרים ניט יעדער איינצעלנער איז באמת „מענש". קיינמאָל האָט א רעגירונג זי ניט ענטזאָגט דעם מענשען אַלס אַזעלכען; אָבער דער מענש [אין אבס־טראקט] שרייבט גאָרנישט, ווייל ער איז א געשפענסט. זי האָט ענטזאָגט די פרייהייט שטענדיג נאָר די איינצעלנע, און האָט זי געגעבען אנדערע, צ. ב. ש. איהרע אָרגאַנען. ווייל מען דערוי־בער האָבען די פרייהייט פאר אַלעמען, מוז מען דוקא בעהויפטען, אַז זי געהערט דעם איינצעלנעם, מיר, ניט דעם [אבסטראקטען] מענשען, אָדער דעם איינצעלנעם אויף ווי ווייט ער איז מענש. אַנאַנדערער אויסער א מענש (צ. ב. ש. אַ חיה) קאָן סיי ווי סיי פון איהר קיין געברויך ניט מאַכען. די פראַנצויזישע רעגירונג צ. ב. ש. שטרייט ניט אָב די פרעספרייהייט אַלס מענשענרעכט; זי פאָדערט אָבער פון דעם איינצעלנעם אַן ערבות, אַז ער איז ווירקליך א מענש: וואָרים זי טיילט איין די פרעספרייהייט ניט דעם איינ־צעלנעם, נאָר דעם „מענשען".

מען האָט ביי מיר אוועקגענומען מיינס, פונקט אונטער דעם אויסרעד, ווייל עס איז ניט מענשליכם! דאָס מענש־ליכע האָט מען מיר איבערגעלאָזט ניט־געמינערט.

די פרעספרייהייט קאָן נאָר אַרויסברענגען אַ *פעראַנטוואָרטליכע פרעס*; די *אונפעראַנטוואָרטליכע* קאָן נאָר אַרויסקומען פון פרעס־אייגענטום.

בנוגע דעם פערקעהר מיט מענשען ווערט אויפ׳ן ערשטען פּלאַץ אויפגעשטעלט אַן אויסדריקליך געזעץ פאַר אַלעמען, וועלכע לעבען רעליגיעז — אַ געזעץ, וועלכען מען וואַגט אַמאָל זינדיגערהייט צו פערגעסען פאָלגען, אָבער מען וואַגט קיינמאָל ניט אָבצולייקענען זיין אַבסאָלוטען ווערטה. דאָס איז דאָס געזעץ פון *ליעבע*, וואָס אפילו די, וועלכע קעמפּפען דאַכט זיך אַנטקעגען זיין פּרינציפּ און האַסען זיין נאָמען, זיינען איהם נאָך ניט געוואָרן אונטריי; וואָרים אפילו זיי האָבען נאָך אויך ליעבע, יאָ, זיי ליעבען זאָגאַר טיעפער און ריינער, זיי ליעבען „דעם מענשען און די מענשהייט“.

ווען מיר זאָלען פאָרמולירען דעם זין פון דעם דאָזיגען געזעץ, וועט עס אויסקומען אומגעפעהר אַזוי: יעדער מענש מוז האָבען עפּעס, וואָס שטעהט ביי איהם העכער פאַר זיך אַליין. דו זאָלסט דיין „פּריוואַט־אינטערעס“ לאָזען אָן אַ זייט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דעם וואוילזיין פון אַנדערע, וועגען טובת הכלל, דעם וואוילזיין פון פאָטערלאַנד, פון דער געזעלשאַפט, פון דער מענשהייט, וועגען דער גוטער זאַך א. ד. ג.! פאָטערלאַנד, געזעלשאַפט, מענשהייט א. אַז. וו. מוז ביי דיר שטעהן העכער פון דיר אַליין, און לגבי זייערע אינטערעסען מוז דיין „פּריוואַט־אינטערעס“ בלייבען פון הינטען; וואָרים דו טאָרסט ניט זיין קיין — עגאָיסט.

די ליעבע איז אַ וויייט־גרייכענדע רעליגיעזע פאָדערונג, וועלכע בעשרענקט זיך ניט אויף דער ליעבע צו גאָט און די מענשען, נאָר שטעהט אויפ׳ן ערשטען פּלאַן אין יעדער בעציהונג. וואָס מיר זאָלען ניט טהאָן, דענקען און וועלען, דער גרונד פון דעם מוז שטענדיג זיין די ליעבע. אַזוי צ. ב. ש. מעגען מיר, אמת, אורטיילען איבער אַנדערע, אָבער נאָר „מיט ליעבע“. די ביבעל מעג געוויס קריטיקירט ווערן, און אפילו זעהר גרינדליך, אָבער דער קריטיקער מוז פריהער פאַר אַלץ זי ליעבען און זעהן אין איהר דאָס הייליגע בוך. הייסט עס דען עפּעס אַנדערש ווי נאָר, אַז ער טאָר זי ניט קריטיקירען צום טויט, אַז ער מוז זי לאָזען בעשטעהן, און דווקא אַלס אַ הייליגע זאַך, וואָס קאָן ניט אומגעוואָרפען ווערן? — אַזוי אויך אין אונזער קריטיק איבער מענשען מוז די ליעבע בלייבען דער אומפערענ־

דערטער גרונד־מאָטיוו. געוויס זיינען די אורטיילען, וועלכע דער האס דיקטירט, גאָר ניט אונזערע א י י ג ע נ ע אורטיילען, נאָר אורטיילען פון דעם האס, וואָס בעהערשט אונז, „אורטיילען פון שנאה“. זיינען דען אָבער די אורטיילען, וועלכע די ליעבע דיק־טירט אונז, מעהר אונזערע א י י ג ע נ ע? זיי זיינען אורטיילען פון דער ליעבע, וואָס בעהערשט אונז, זיי זיינען „ליעבענדע, איינ־זעהענדע“ אורטיילען, ניט אונזערע א י י ג ע נ ע, און פאָלגליך גאָר ניט קיין ווירקליכע אורטיילען. דער וואָס ברענט מיט ליעבע צו גערעכטיגקייט, שרייט אוים: פיאט יוסטיציא, פערעאט מונדוס! ער קאָן געוויס פרעגען און פאָרשען, וואָס אייגענטליך די גערעכ־טיגקייט איז, אָדער וואָס זי פאָדערט און אין וואָס זי בעשטעהט, אָבער ער קאָן ניט פרעגען צי זי איז איבערהויפט עפּעס ווערטה.

עס איז זעהר ריכטיג: „ווער עס בלייבט אין דער ליעבע, דער בלייבט אין גאָט און גאָט אין איהם“ (1. יאָהאַן 4, 16). דער גאָט בלייבט אין איהם, ער ווערט ניט לויז פון איהם, ער ווערט ניט גאָטלאָז; און ער בלייבט אין גאָט, ער קומט ניט צו זיך און אין זיין אייגענער היים, ער בלייבט אין דער ליעבע צו גאָט און ווערט ניט לויז פון ליעבע.

„גאָט איז די ליעבע! אַלע דורות און אַלע פעלקער דערקענען אין אָט דעם וואָרט דעם מיטעלפונקט פון קריסטענטום“. גאָט, וועלכער איז די ליעבע, איז אָבער אַ צודרינגליכער גאָט: ער קאָן די וועלט ניט לאָזען צורוה, ער מוז זי נאָר ב ע נ ש ע ן. „גאָט איז געוואָרן מענש, כדי די מענשען צו מאַכען געטליך“ (אטהאנאַ־זיוס). ער מישט זיך אריין אין אַלין און קיין זאַך קאָן ניט געשעהן אָהן איהם; אומעטום האָט ער די „בעסטע כונות“, אומעטום האָט ער זיינע „פלענער און בעשלוסען, וועלכע מיר קאָנען ניט בעגריי־פען“. די פערנונפט, וואָס איז ער אַליין, מוז געשטיצט און פער־ווירקליכט ווערן אין דער גאַנצער וועלט. זיין פאָטערליכע פערזאָר־גונג נעהמט ביי אונז אוועק יעדע זעלבסטשטענדיגקייט. מיר קאָנען קיין געשייטען טריט ניט מאַכען, וואו מען זאָל ניט גלייך זאָגען: דאָס האָט גאָט געטאָן! מיר קאָנען ניט אַרויםציהען אויף אונז קיין אומגליק, וואו מען זאָל ניט הערן: דאָס איז געווען גאָט'ס ווילען. מיר האָבען גאָרנישט, וואָס זאָל ניט זיין געקומען פון איהם: ער האָט אַלעס „געגעבען“. אָבער ווי גאָט טהוט, אזוי

טהוט אויף דער מענש. גאָט וויל איבערגעוואלט די וועלט בענ־שען, און דער מענש וויל זי בעגליקען. ער וויל אלע מענ־שען גליקליך מאכען. דעריבער וויל יעדער „מענש" דערוועקען אין אלעמען די פערנונפט, וועלכע ער אליין מיינט אז ער האָט: יעדע זאך מוז דורכאוים זיין פערנינפטיג. גאָט פּלאָגט זיך מיט דעם טייוועל, און דער פילאָסאָף — מיט דער אונפערנונפט און מיט דאָס צופעליגע. גאָט לאָזט קיין בעשעפענים ניט געהן זיין איי גענעם גאנג, און דער מענש וויל אויך אזוי, אונז לאָזען פיהרען נאָר אויף א מענשליכען דרך.

ווער עס איז אָבער פול פון הייליגער (רעליגיעזער, מאָראלער אָדער הומאנער) ליעבע, דער ליעבט נאָר דעם רוח, דעם „אמת'ן מענשען", און פערפאָלגט מיט א טעמפּער אונבארמהערציגקייט דעם איינצעלנעם, דעם ווירקליכען מענשען, אונטער דעם פלעגמאטישען, געזעצליכען נאָמען פון נעהמען מיטלען אנטקעגען דעם „אונמענ־שען". ער האלט עס פאר לויבענסווערטה און אונבעדינגט נויטיג אָנצו־ווענדען די ערבארעמונגסלאָזיגקייט אין דער הארבסטער מאָס; וואָרים די ליעבע צום רוח אָדער צו דעם אלגעמיינעם בעפעהלט איהם צו האסען דעם ניט־רוח'דיגען, ד. ה. דעם עגאָיסט אָדער איינצעלנעם. דאָס איז דער זין פון דער בעריהמטער ליעבעס־ערשיינונג, וועלכע מען רופט אָן „גערעכטיגקייט".

דער קרימינעל־אָנגעקלאָגטער קאָן ניט דערוואַרטען קיין דער־בארעמונג און קיינער לעגט פריינדליך ניט ארויף א צודעק אויף זיין אומגליקליכער נאקעטקייט. דער שטרענגער ריכטער רייסט אראָב אָהן מיטגעפיהל די לעצטע שמאטעס פון ענטשולדיגונג פון לייב פון דעם אָרימען אָנגעקלאָגטען; דער געפענגניש־וועכטער שלעפּט איהם אָהן מיטלייד אין זיין פערשטיקטען קאמער; און ווען דער שטראָף־טערמין ענדיגט זיך, שטויסט ער אָהן רחמנות דעם מיט שאנד געשטעמפּעלטען ווידער ארוים צווישען די מענ־שען, וואָס שפּייען אויף איהם מיט פעראכטונג, צווישען זיינע גוטע, קריסטליכע, לאָיאַלע מיטברידער! יאָ, א פערברעכער, וואָס „פערדיענט דעם טויט", ווערט אָהן גנאָד געפיהרט אויף דעם עשאפאָט, און פאר די אויגען פון א טריאומפירענדען המון פייערט דאָס צופריעדענגעשטעלטע מאָראלישע געזעץ זיין ערהויבענע — ראָכע. דען איינער פון זיי קאָן נאָר לעבען, דאָס מאָראלישע געזעץ,

אָדער דער פערברעכער. וואו די פערברעכער לעבען אונבעשטראָפט, דאָרט איז אונטערגעגאנגען דאָס מאָראלישע געזעץ, און וואו דאָס געזעץ הערשט, דאָרט מוזען די פערברעכער פאלען. זייער פיינד־שאפט קאָן ניט צערשטערט ווערן.

די קריסטליכע עפּאָכע איז אַקוראט די עפּאָכע פון באַרמ־הערציגקייט, פון ליעבע, פון פערזאָרגען אז די מענשען זאָלען בעקומען וואָס עס געהערט צו זיי, יאָ, צו העלפען זיי, זיי זאָלען קאָנען ערפילען זייער מענשליכען (געטליכען) בערוף. דערי־בער האָט מען בנוגע דעם פערקעהר אוועקגעשטעלט אויבענאָן: דאָס און דאָס איז דאָס וועזען פון מענשען און בכן — זיין בערוף, צו וועלכען ענטוועדער גאָט האָט איהם בערופען, אָדער (לויט די היינטיגע בעגריפען) זיין מענש־זיין (דער מין מענש) בערופט איהם. דערפון נעהמט זיך די שטארקע מיסיאָנערען־טהעטיגקייט. דאָס, וואָס די קאָמוניסטען און די הומאנע ליבעראלען דערוואַרטען פון די מענשען מעהר איידער די קריסטען, פיהרט זיי אויף קיין פאל ניט אוועק פון דעמזעלביגען שטאנדפּונקט. דעם מענשען זאָל געגע־בען ווערן דאָס מענשליכע! אויב פאר די פרומע איז געווען גענוג, ווען דער מענש האָט געהאט א טייל פון דאָס געטליכע, פערלאנגען די הומאנע מען זאָל איהם ניט פערטיילען דאָס מענשליכע. אַנט־קעגען דאָס עגאָאיסטישע שפּארען זיי זיך איין. גאנץ נאטיר־ליך, וואָרים דאָס עגאָאיסטישע קאָן איהם ניט בעוויליגט אָדער געגע־בען ווערן, נאָר ער מוז עס אליין זיך פערשאפען. דאָס ערשטע טיילט אויס די ליעבע, דאָס אנדערע קאָן מיר געגעבען ווערן פון מיר אליין.

דער פערקעהר האָט ביז אהער גערוהט אויף דער ליעבע, אויף דעם איבערלעגטען אויפפיהר, אויף דעם טהאָן איינער פאר'ן אנדערן. אזוי ווי מען האָט געהאט א חוב צו זיך צו מאכען זיך זעליג אָדער אויפצונעהמען אין זיך די זעליגקייט, דאָס העכסטע וועזען, און ברענגען עס ביז צו א ווערטע (א ווארהייט און א ווירקליכ־קייט), אזוי האָט מען אויך געהאט א חוב צו אנדערע, צו העלפען זיי רעאליזירען זייער וועזען און זייער בערוף. מען איז אין ביידע פעלען געווען שולדיג דעם וועזען פון מענשען אזויפיעל בייצוטראָגען צו זיין פערווירקליכונג.

אָבער אין גרונד גענומען האָט מען ניט קיין חוב צו זיך עפּעס

פון זיך צו מאכען, און ניט קיין חוב צו אנדערע עפּעס פון זיי צו מאכען: וואָרים מען איז גאָר ניט שולדיג, ניט דעם אייגענעם וועזען, ניט דעם וועזען פון אנדערע. דער פערקעהר, וואָס איז געבויט אויף דעם וועזען, איז אַ פערקעהר מיט דעם רוח, ניט מיט דאָס ווירקליכע. ווען איך פערקעהר מיט דעם העכסטען וועזען, דאַן פערקעהר איך ניט מיט מיר, און ווען איך פערקעהר מיט דעם וועזען פון מענשען, פערקעהר איך ניט מיט דעם מענשען.

די ליעבע פון דעם נאַטירליכען מענשען ווערט דורך דער קולטור אַ געבאָט. אַלס געבאָט אָבער געהערט זי דעם מענשען בכלל, ניט מיר; זי איז מיין וועזען, פון וועלכען מען מאכט אַזאַ וועזען, ניט מיין אייגענטום. דער מענש, ד. ה. די מענשליכקייט, שטעלט מיר די דאָזיגע פאָדערונג: די ליעבע ווערט געפאָדערט, זי איז מיין פליכט. אַנשטאָט, דעריבער, וואָס זי זאָל זיין ווירקליך געוואונען פאַר מיר, איז זי געוואונען געוואָרן פאַר'ן כלל, פאַר'ן מענשען בכלל, אַלס זיין אייגענטום אָדער זיין אייגענהייט: „עס פּאַסט זיך דעם מענשען, ד. ה. יעדען מענשען, ער זאָל ליעבען: ליעבען איז די פליכט און דער בערוף פון מענשען א. אז. וו."

דעריבער מוז איך צוריקנעהמען די ליעבע פאַר מיר און זי אויסלייזען פון דער מאכט פונ'ם מענשען [בכלל].

דאָס, וואָס איז אורשפּרינגליך געווען מיינס, אָבער נאָר צופעליג, אינסטינקטיוו, איז מיר נאָכהער געגעבען געוואָרן אין הלואה אַלס אייגענטום פון מענשען [בכלל]. איך בין געוואָרן ליעבענדיג אַ לעהן־טרעגער, אַ וואַסאַל פון דער מענשהייט, בלויז אַן עקזעמפּלאַר פון דעם מענשליכען מין, און ליעבענדיג האַנדעל איך ניט אַלס איך, זאָנדערן אַלס מענש, אַלס מענשען־עקזעמפּלאַר, ד. ה. מענשליך. דער גאַנצער צושטאַנד פון דער קולטור איז דער פעאָדאַלער סיסטעם, דערמיט וואָס דאָס אייגענטום איז דעם מענשענ'ס אָדער דער מענשהייט'ס אייגענטום, ניט מיינס. עס איז אויפגעבויט געוואָרן אַן אונגעהייערער פעאָדאַל־שטאַאַט, פון דעם איינצעלנעם איז אַלץ אוועקגערויבט געוואָרן, „דעם מענשען" איז אַלץ אָבגעגעבען געוואָרן. דער איינצעלנער האָט לסוף זיך געמוזט ארויסווייזען אַלס אַ „זינדיגער דורך און דורך".

זאָל איך אפשר ניט נעהמען קיין לעבעדיגען אינטערעס אין דעם אַנדערנ'ס פּערזאָן? דאַרפען זיינע פריידען און זיין וואויל־זיין מיר ניט ליעגען אַם הארצען? זאָל דער גענוס, וואָס איך פּער־שאַפֿ איהם, ניט זיין וויכטיגער פאַר מיר איידער מיינע אַנדערע אייגענע גענוסען? אין גענענטייל, איך קאָן מיט שמחה איהם אָפּפּערן אָהן אַ צאָהל גענוסען; איך קאָן זיך אָבזאָגען פון פיעלע זאַכען, כדי צו פערגרעסערן זיין פערגעניגען, און איך קאָן פאַר איהם איינשטעלען דאָס, וואָס אָהן איהם וואָלט פאַר מיר געווען דאָס טהייערסטע: מיין לעבען, מיין וואוילזיין, מיין פרייהייט. דאָס שטעלט דאָך צוזאַמען מיין פערגניגען און מיין גליק—זיך מחיה צו זיין מיט זיין גליק און זיין פערגניגען. אָבער ז י ך, ז י ך א ל י י ן אָפּפּער איך איהם ניט, נאָר איך בלייב עגאָיסט און — געניס איהם. ווען איך אָפּפּער איהם אַלץ, וואָס איך וואָלט געהאַלטען פאַר זיך, אויב איך וואָלט איהם ניט ליעב געהאַט, איז דאָס אַ גאַנץ איינפאַכע זאַך און קומט פאָר אין לעבען געוועהנליכער ווי מען מיינט; אָבער דאָס בעווייזט נאָר, אַז אָט די איין ליידענשאַפט איז שטאַרקער אין מיר איידער אַלע איבעריגע.

דאָס קריסטענטום לערנט אויך צו אָפּפּערן אַלע אַנדערע ליידענשאַפטען צו דער איינער. ווען איך אָפּפּער אָבער אַנדערע ליידענשאַפטען צו איינער, אָפּפּער איך נאָך דערמיט ניט ז י ך און קיין אַנדער זאַך ניט, דורך וואָס איך בין באמת איך אַליין; איך אָפּפּער ניט מיין אייגענטליכען ווערטה, מיין אייגענהייט. וואו אָט אַזאַ שלעכטער פאַל קומט פאָר, איז די ליעבע ניט בעסער איידער אַ וואָסערע עס איז אַנדער ליידענשאַפט, וועלכער איך געהאָרך בלינדערהייט. דער עהרגייציגער, וועלכער ווערט הינ־גערופען פון זיין אַמביציע, און בלייבט טויב צו יעדער וואָרנונג, וואָס אַ רוהיגע מינוט פלאַנט אין איהם אריין, האָט דערלאָזט די דאָזיגע ליידענשאַפט ווערען אַ דעספּאָט איבער איהם און האָט אויפ־געגעבען אַנטקעגען איהר יעדע מאַכט פון אויפלייזונג: ער האָט זיך אַליין אויפגעגעבען, ווייל ער קאָן זיך ניט א ו י פ ל י י ז ע ן און פאָלגליך קאָן ער זיך פון איהר ניט דערלייזען: ער איז אַ פערכאַפטער.

איך ליעב אויך די מענשען — ניט בלויז איינצעלנע, נאָר יעדען איינעם. אָבער איך ליעב זיי מיט דעם בעוואוסטזיין פון

ענאַיזם; איך ליעב זיי, ווייל די ליעבע מאַכט מיך גליקליך, איך ליעב, ווייל עס איז נאַטירליך פאַר מיר צו ליעבען, ווייל עס בעפריעדיגט מיר. איך ווייס ניט פון קיין „געבאָט פון ליעבע". איך האָב אַ מיטגעפיהל מיט יעדען פיהלענדען בעשעפענים, און זייערע ליידען פערשאַפען מיר ליידען, זייער דערקוויקונג דער־קוויקט מיך אויך: טויטען קאָן איך זיי, אָבער ניט פערשאַפען יסורים. דאַגעגען דער גרויסמוטיגער, מאָראַלישער פיליסטער־פּרינץ רודאָלף, אין די „געהיימניסע פון פּאַריז", מאַכט פּלענער ווי אַנצו־טאָן יסורים די שלעכטע מענשען, ווייל זיי רופען ארויס זיין גרימ־צאָרן. דער דאָזיגער מיטגעפיהל בעווייזט נאָר, אַז דער געפיהל פון די פיהלענדע ברואים איז אויך מיין געפיהל, מיין אייגענטום; בעת פערקעהרט די אונדערבאַרעמדיגע האַנדלונג פון דעם „נערעכ־טען" (צ. ב. ש. אַנטקעגען דעם נאָטאַריוס פערראַנד) איז גענליכען צו דער געפיהללאָזיגקייט פון יענעם רויבער, וועלכער פּלעגט אָדער אָבהאַקען די פיס פון דעם געפאַנגענעם, אויב זיי זיינען געווען לענגער איידער זיין בעט, אָדער זיי אויסציהען, אויב זיי זיינען געווען קירצער: רודאָלף'ס בעטעל, לויט וועלכער ער שניידט־צו די מענשען, איז דער בעגריף פון די „גוטע". דער געפיהל פאַר רעכט, מאָראַל א. אז. וו. מאַכט האַרטהערציג און אונטאָלעראַנט. רודאָלף פיהלט ניט ווי דער נאָטאַריוס, נאָר פערקעהרט, ער פיהלט אַז „עס איז רעכט אויף דעם לומפּ"; דאָס איז ניט קיין מיט־געפיהל.

איהר ליעבט דעם מענשען, דעריבער פּייניגט איהר דעם איינ־צעלנעם מענשען, דעם ענאַיסט; אייער מענשען־ליעבע איז מענשען־פּייניגונג.

ווען איך זעה דעם געליעבטען ליידען, לייד איך מיט איהם, און עס לאָזט מיך ניט רוהען, ביז איך האָב נעטאָן אַלעס מעגליכע איהם צו טרייסטען און דערמונטערן; זעה איך איהם אַ פרעה־ליכען, פרעה איך זיך אויך מיט זיין פרייד. דערפון פאָלגט ניט, אַז דיזעלבינע זאַך פעראורזאַכט מיר ליידען און פריידען, וועלכע רופט אין איהם אַרויס די דאָזינע ווירקונג, ווי מען קאָן עס זעהן פון יעדען קערפּערליכען שמערץ, וואָס איך פיהל ניט ווי ער פיהלט עס: איהם טהוט וועה זיין צאָהן, מיר אָבער טהוט וועה זיין וועהטאָג.

עס איז אָבער דערפאַר, וואָס איך קאָן ניט פערטראָגען דעם שמערצפולען קנייטש אויף דעם געליעבטען שטערן — ד. ה. אַלזאָ, פון מיינטוועגען — גלעט איך איהם אויס מיט מיין קוש. ווען איך וואָלט דעם דאָזיגען מענשען ניט ליעב געהאַט, וואָלט ער געמעגט קנייטשען זיין שטערן וויפיעל ער וויל און מיך וואָלט עס ניט געקימערט: איך טרייב נאָר מ י י ן קומער אַוועק דערמיט.

ווי אַזוי דען האָט ווער עס איז אָדער וואָס עס איז, וועמען אָדער וואָס איך ליעב ניט, אַ ר ע כ ט אויף דעם, צו ווערן געליעבט פון מיר? קומט מיין ליעבע צוערשט אָדער זיין רעכט קומט צוערשט? עלטערן, קרובים, פאָטערלאַנד, פאָלק, געבורט־שטאָדט א. אַז. וו., ענדליך די מיטמענשען בכלל („ברידער, ברי־דערליכקייט“) בעהויפטען, אַז זיי האָבען אַ רעכט אויף מיין ליעבע און נעהמען זי אין אָנשפרוך אָהן גרויסע מחזקות. זיי קוקען אויף איהר ווי אויף זייער א י י ג ע נ ט ו ם, און אויף מיר, ווען איך רעספעקטיר ניט דאָס דאָזיגע אייגענטום, ווי אויף אַ רויבער, וועלכער רויבט ביי זיי אַוועק, וואָס עס קומט זיי און עס איז זייערס. איך מ ו ז ליעבען. אויב די ליעבע איז אַ געבאָט און אַ געזעץ, מוז איך דערצויגען און געלערנט ווערן דערצו, און מוז בעשטראָפט ווערן, ווען איך בין עובר אויף דעם. מען וועט דערי־בער אויסאיבען אויף מיר דעם שטאַרקסטען „מאָראַלישען איינפלוס“, כדי מיך צו מאכען ליעבען. און עס איז דעריין קיין ספק ניט, אַז מען קאָן אָנרעגען און פערפיהרען מענשען צו ליעבע, אַזוי גוט ווי צו אַנדערע ליידענשאַפטען, צ. ב. ש. צו האַס. דער האַס ציהט זיך דורך גאַנצע דורות נאָר דערפאַר, ווייל דעם'ס עלטערן האָבען געהערט צו די געלפס און דעם אַנדערענ'ס צו די גהיבעלינס.

אָבער די ליעבע איז ניט קיין געבאָט, נאָר ווי יעדער אַנדער געפיהל מיינער, איז זי מיין א י י ג ע נ ט ו ם. שאַפט אייך איין, ד. ה. קויפט אָב מיין איינענטום, דאַן וועל איך עס אייך אָבלאָזען. אַ קירך, אַ פאָלק, אַ פאָטערלאַנד, אַ פאַמיליע א. אַז. וו., וועלכע פערשטעהען ניט ווי צו געווינען מיין ליעבע, בעדאַרף איך ניט ליעבען, און איך שטעל דעם קויף־פרייז פון מיין ליעבע, ווי מיר אַליין געפעלט.

די איינענוציגע ליעבע שטעהט ווייט אָבגעזונדערט פון דער אונאייגענוציגער, מיסטישער אָדער ראָמאַנטישער ליעבע. ליעבען

קאָן מען אַלעס מעגליכע, ניט בלויז מעגישען, נאָר א געגענשטאַנד בכלל (דעם וויין, דעם פאָטערלאַנד א. אז. וו.). בלינד און פערריקט ווערט די ליעבע דורכדעם, וואָס א מוז נעהמט זי אַרויס פון מיין מאכט (פערנאַרטקייט); ראָמאַנטיש ווערט זי דורכדעם, וואָס עס טרעט אין איהר אַריין דער חוב דו זאָלסט, ד. ה. וואָס דער געגענשטאַנד ווערט פאַר מיר הייליג, אָדער איך ווער געבונדען צו איהם דורך א פליכט, מיין געוויסען, אָדער א שבועה. איצטער עקזיסטירט דער געגענשטאַנד שוין ניט מעהר פאַר מיר, נאָר איך עקזיסטיר פאַר איהם.

די ליעבע איז א פערכאַפּטקייט (בעזעסענהייט) ניט אַלס מיינע אַן עמפינדונג — אַלס אַזעלכע האַלט איך זי גיכער אין בעזיץ ווי מיין אייגענטום — נאָר דורך דער פרעמדקייט פון דעם געגענשטאַנד. די רעליגיעזע ליעבע בעשטעהט אין דעם געבאָט צו ליעבען דעם „הייליגען“ אין דעם געליעבטען, אָדער זיך אָנצוהענגען אָן דעם הייליגען; פאַר דער אונאייגעננוציגער ליעבע זיינען פאַראַן אבסאָלוט ליעבענסווירדיגע געגענשטאַנדען, פאַר וועלכע מיין האַרץ מוז קלאַפּען — צ. ב. ש. די מיטמענשען, מיין לעבענס־שותף, די קרובים א. אז. וו. די הייליגע ליעבע ליעבט דאָס הייליגע אין דעם געליעבטען און זוכט דעריבער צו מאַכען פון דעם געליעבטען אַלץ מעהר א הייליגען (צ. ב. ש. א „מענשען“).

דער געליעבטער איז א געגענשטאַנד, וואָס מוז פון מיר געליעבט ווערן. ער איז ניט דעריבער א געגענשטאַנד פון מיין ליעבע, ווייל איך ליעב איהם, אָדער דורכדעם וואָס איך ליעב איהם, נאָר ער איז א געגענשטאַנד פון ליעבע אַן און פאַר זיך. ניט איך מאַך איהם פאַר א געגענשטאַנד פון ליעבע, נאָר ער איז לכתחילה אַזעלכער; וואָרים דאָס, וואָס ער איז דאַכט זיך געוואָרן אַזאַ געגענשטאַנד דורך מיין וואַהל (א שטייגער מיין כלה, מיין חתן א .ד. ג.), האָט דערמיט גאָרנישט צו טהאָן, וויבאַלד אַז ער האָט, אַלס איינמאַל אויסדערוועהלטער, שוין בעקומען אַן אייגען רעכט אויף מיין ליעבע, און איך בין אויף אייביג פערפליכטעט איהם צו ליעבען, ווייל איך האָב איהם איינמאַל געליעבט. ער איז אַלזאָ ניט א געגענשטאַנד פון מיין ליעבע, נאָר פון דער ליעבע בכלל: א געגענשטאַנד, וואָס דארף געליעבט ווערן. די ליעבע קומט איהם, זי געהערט איהם, אָדער איז זיין רעכט, איך אָבער

בין פערפליכטעט איהם צו ליעבען. מיין ליעבע, ד. ה. די ליעבע, וועלכע איך צאָהל איהם, איז באמת זיין ליעבע, וועלכע ער מאָהנט נאָר אויף פון מיר אלס אן אָבצאָהל.

יעדע ליעבע, צו וועלכער עס קלעבט זיך אפילו נאָר דער קלענסטער פלעק פון פערפליכטונג, איז אן אונאייגעננוציגע ליעבע, און אויף ווי וויט דער דאָזיגער פלעק גרייכט, איז זי פערכאַפּט־קייט (בעזעסענהייט, משוגעת). דער וואָס מיינט, אז ער איז עפּעס שולדיג דעם געגענשטאַנד פון זיין ליעבע, דער ליעבט ראָמאַנ־טיש אָדער רעליגיעז.

פאַמיליען־ליעבע צ. ב. ש., ווי זי ווערט אויפגעפאַסט געוועהנ־ליך אלס טרייקייט (פּיעטעט), איז א רעליגיעזע ליעבע; די ליעבע צום פאָטערלאַנד, וואָס ווערט געפּרעדיגט אלס „פּאַטריאָטיזם", איז דיזעלביגע זאַך. אונזער גאַנצע ראָמאַנטישע ליעבע דרעהט זיך לויט דעמזעלבען צושניט: אומעטום איז עס צבוע'צטווע אָדער ריכטיגער זעלבסטנאַרונג פון אן „אונאייגעננוציגער ליעבע"; עס איז אן אינטערעס אין דעם געגענשטאַנד פון דעם געגענשטאַנד'ס וועגען, ניט פון מיינטוועגען און נאָר פון מיינטוועגען אליין.

די רעליגיעזע אָדער ראָמאַנטישע ליעבע אונטערשיידט זיך, אמת, פון דער זינליכער ליעבע דורך דער פערשיידענקייט פון דעם געגענשטאַנד, אָבער וואָס איז שייך דער אָבהענגיגקייט פון דעם געגענשטאַנד, איז קיין חילוק ניטאָ צווישען זיי. אין דער לעצטער בעציהונג זיינען ביידע משוגעת'ן, פערכאַפּטקייט, נישט מעהר וואָס אין איינער איז דער געגענשטאַנד א וועלטליכער, אין דער אנדערער — א הייליגער. די הערשאַפט פון דעם געגענשטאַנד איבער מיר איז אין ביידע פעלען דיזעלביגע, נישט מעהר וואָס איינמאָל איז ער א זינליכער, דעם אנדערן מאָל א גייסטיגער (א רוח'דיגער). מיין ליעבע איז ערשט יעמאָלט מיין אייגענע, ווען זי בעשטעהט דורכאויס אין אן אייגעננוציגען און עגאָיסטישען אינטערעס, און פאָלגליך, ווען דער געגענשטאַנד פון מיין ליעבע איז ווירקליך מיין געגענשטאַנד אָדער מיין אייגענטום. מיין אייגענטום בין איך גאָרנישט ניט שולדיג און האָב אנטקעגען איהם קיין פליכט ניט, א שטייגער ווי איך האָב ניט קיין פליכט אנטקעגען מיין אויג; אויב איך היט עס דאָך מיט דער גרעסטער זאָרגזאַמקייט, טהו איך דאָס פון מיינטוועגען.

אין אלטערטום האָט אויך ניט געפעהלט קיין ליעבע, זי איז דאמאָלסט געווען ניט וועניגער ווי אין דער קריסטליכער צייט; דער ליעבעס־גאָט איז עלטער איידער דער „גאָט דער ליעבע". אָבער די מיסטישע פערכאפטקייט געהערט צו דער נייער צייט.

די פערכאפטקייט פון דער ליעבע ליעגט אין דער פערפרעמדונג פון דעם געגענשטאנד, אָדער אין מיין אונמעכטינקייט אנטקעגען זיין פרעמדקייט און העכערער מאכט. פאר דעם עגאָאיסט איז קיין זאך ניט אזוי הויך, ער זאָל זיך פאר דעם בוינגען, קיין זאך ניט אזוי זעלבסטשטענדיג, ער זאָל צוליעב דעם לעבען, קיין זאך ניט אזוי הייליג, ער זאָל זיך אָפּפערן צו דעם. דעם עגאָאיסט'ס ליעבע קוועלט ארויס פון דעם אייגעננוץ, פליסט אין שטראָם פון אייגעננוץ אין גיסט זיך וויעדער אריין אין דעם אייגעננוץ.

צי קאָן אָט דאָס נאָך הייסען ליעבע? אויב איהר ווייסט אנאנדער וואָרט פאר דעם, מיט'ן גרעסטען כבוד, קלייבט איהם נאָר אויס, און דאָס זיסע וואָרט ליעבע מעג דאן פערוועלקט ווערן צוזאַמען מיט דער אָבגעשטאָרבענער וועלט! איך ווענינגסטענס געפין דערווייל ניט קיין אנדער וואָרט אין אונזער קריסטליכער שפראך, און בלייב דעריבער ביי דעם אלטען קלאנג און „ליעב" מיין געגענשטאנד, מיין — אייגענטום.

נאָר ווי איינס פון מיינע געפיהלען האלט איך די ליעבע, אָבער ווי א מאכט איבער מיר, ווי א געטליכע מאכט (פייערבאך), ווי א ליידענשאפט, פון וועלכער איך דארף זיך ניט בעפרייען, ווי א רעליגיעזע און מאָראלישע פליכט — פערוואָרף איך זי. אלס מיין געפיהל איז זי מיינע; אלס א פרינציפּ, צו וועלכען איך הייליג און „פערשוואָר" מיין זעעל, איז זי הערשערין און געטליך, ווי דער האס אלס פרינציפּ איז טייפליש: איינס ניט בעסער איידער דאָס אנדערע. קורץ, די עגאָאיסטישע ליעבע, ד. ה. מיין ליעבע, איז ניט הייליג און ניט אונהייליג, ניט געטליך און ניט טייפליש.

„א ליעבע, וועלכע איז בעשרענקט דורך דעם גלויבען, איז ניט קיין אמת'ע ליעבע. די איינציגע בעשרענקונג, וואָס ווידערשפּרעכט נים דעם עצם פון ליעבע, איז די זעלבסט־בעשרענקונג פון דער ליעבע דורך דער פערנונפט און דער אינטעליגענץ. א ליעבע, וועלכע פערוואָרפט די שטרענגקייט, דאָס געזעץ פון דער אינטעלי־

גאנץ, איז טעארעטיש א פאלשע ליעבע און פראקטיש א פערדערב־ליכע ליעבע".* אלזא, די ליעבע איז בעצם פערנינפטיג! אזוי דענקט פייערבאך; דער גלויבינגער, פערקעהרט, דענקט: די ליעבע איז בעצם גלויביג. דער מייקערט אנטקעגען דער אונפערנינפטיגער ליעבע, דער אנדערער — אנטקעגען דער אונ־גלויבינגער ליעבע. ביידען קאן זי העכסטענס גילטען פאר א ספלענ־דידום וויטיאום [א גלענצענדען פעהלער]. לאזען דען ניט ביידע בעשטעהן די ליעבע אפילו אין דער פארם פון אונפערנונפט און אונגלויבינקייט? זיי וואגען ניט צו זאגען: אונפערנינפטיגע אדער אונגלויביגע ליעבע איז אן אונזין, איז ניט קיין ליעבע; פונקט ווי זיי קאנען ניט זאגען: אונפערנינפטיגע אדער אונגלוי־ביגע טרערען זיינען ניט קיין טרערען. אויב אבער די אונפערנינפ־טיגע ליעבע א. אז. וו. מוז אויך גילטען פאר ליעבע, און דארפען ביידע גלייך זיין אומווירדיג פאר'ן מענשען, דאן פאלגט איינפאך פון דעם נאר אט דאס: ליעבע איז ניט די העכסטע זאך, נאר די פערנונפט אדער דער גלויבען איז די העכסטע זאך; ליעבען קאן אויך דער אונפערנינפטיגער און דער אונגלויבינגער, אבער א ווערטה האט די ליעבע נאר, ווען זי איז די ליעבע פון א פערנינפטיגען אדער גלויבינגען. עס איז א אילוזיע, ווען פייערבאך רופט אן די פער־נינפטינקייט פון דער ליעבע איהר „זעלבסט־בעשרענקונג"; דער גלויבינגער וואלט מיט דעמזעלבען רעכט נעקאנט די גלויבינקייט אנרופען איהר „זעלבסט־בעשרענקונג". אונפערנינפטיגע ליעבע איז ניט „פאלש" און ניט „פערדערבליך"; זי דיענט איהר צוועק אלס ליעבע.

מען פאדערט פון מיר, איך זאל אננעהמען א בע־שטימטע עמפינדונג צו דער וועלט, בעזונדערס צו מענשען, און איך זאל זיי פון אנפאנג אן „אנטקעגען קומען מיט ליעבע", מיט דער עמפינדונג פון ליעבע. געוויס ווייזט זיך דעריין ארויס א סך מעהר איינענווילען און זעלבסטבעשטימונג, איידער ווען איך לאז די וועלט מיך בעשטורמען מיט אלע מעגליכע עמפינדונגען און בלייב פאסיוו צו די פערשיידענסטע און צופעל־ליגסטע איינדרוקען. איך בעגעגען אנשטאט דעם די וועלט מיט א פריהער־געפאסטער עמפינדונג, אזוי צו זאגען מיט א פאראורטייל

* פייערבאך, „וועזען דעם קריסטענטום", ז. 394.

און אַ פריהער־געפאַסטער מיינונג; איך האָב מיר מיין שייכות צו איהר אָנגעצייכענט אין פאָראויס, און טראָיז אַלע איהרע אטאַקעס פיהל איך און דענק וועגען איהר נאָר ווי איך האָב איינמאָל בעשלאָסען צו פיהלען וועגען איהר. אָנטקעגען דער הערשאַפט פון דער וועלט פערזיכער איך זיך דורך דעם פּרינציפּ פון ליעבע; ווארים עס מעג קומען וואָס עס וויל זיך, איך — ליעב. דאָס העסליכע צ. ב. ש. מאַכט אויף מיר אַ ווידערליכען איינדרוק; אָבער איינמאָל האָב איך בעשלאָסען צו ליעבען, בין איך גובר דעם דאָזיגען איינדרוק, ווי יעדע אַנטיפּאַטיע.

אָבער די עמפינדונג, וועלכע איך האָב לכתחילה פאַר זיך בעשטימט און צו וועלכער איך האָב זיך — פּעראורטיילט, איז אַ ן ע נ ג ע עמפינדונג, ווייל זי איז אַ פאָראויס־בעשטימטע, פון וועלכע איך האָב אַליין ניט בכח לויז צו קומען אָדער זיך אָבזאָגען פון איהר; ווייל זי איז אַ פריהער־געפאַסטע, איז זי אַ פאָראורטייל. ניט איך צייג זיך מעהר קעגענאיבער דער וועלט, נאָר מיין ליעבע צייגט זיך. אמת, די ו ו ע ל ט בעהערשט מיך ניט מעהר, אָבער דערפאַר בעהערשט מיך אַלץ שטאַרקער דער גייסט פון דער ל י ע ב ע. איך האָב גובר געווען די וועלט, כדי צו ווערן אַ שקלאַף פון אָט דעם גייסט.

איך האָב פריהער געזאָגט: איך ליעב די וועלט, איך קאָן איצטער פונקט אזוי זאָגען: איך ליעב זי ניט, ווארים איך פערניכט זי, ווי איך פערניכט זיך — א י ך ל י י ז ז י א ו י ף. איך בעשרענק זיך ניט צו איין געפיהל בנוגע די מענשען, נאָר איך גיב פרייען שפּיעל־רוים צו אַלע געפיהלען, אויף וועלכע איך בין פעהיג. פאַר וואָס זאָל איך ניט וואגען ארויסצוזאָגען דאָס מיט דער גאַנצער שארפקייט? יאָ, איך ב ע נ ו י ץ די וועלט און די מענשען! דערמיט קאָן איך זיך האַלטען אָפען פאַר יעדען איינדרוק און ניט ווערן אַליין אוועקגעריסען פון איינעם פון זיי. איך קאָן ליעבען, מיט דער גאַנצער נשמה ליעבען, און קאָן לאָזען ברענען אין מיין הארצען די שטאַרקסטע גלות פון דער ליידענשאַפט, ניט נעהמענדיג דעם געליעבטען פאַר עפּעס אַנדערש אחוץ אַלס נ א ה ר ו נ ג פאַר מיין ליידענשאַפט, מיט וועלכער זי דערפרישט זיך אַלעמאָל פון דאָס ניי. מיין גאַנצע זאָרג וועגען דעם געליעבטען בעציהט זיך נאָר צו איהם אַלס ג ע ג ע נ ש ט א נ ד פ ו ן מ י י ן ל י ע ב ע,

נאָר צו איהם, וועלכען מיין ליעבע בעדארף האָבען, נאָר צו איהם, דעם „היים־געליעבטען“. ווי גלייכגילטיג וואָלט ער מיר געוועזען אָהן איהר — אָהן מיין ליעבע! איך שפייז נאָר מיין ליעבע מיט איהם; דערצו נאָר בענוץ איך איהם: איך געניס איהם.

לאָמיר נעהמען אַנאַנדער ביישפּיעל, וואָס איז נאָהענט צו דעם. איך זעה ווי מענשען אין פינסטערן אָבערגלויבען ווערען געפּייניגט פון אַ מחנה געשפּענסטער. לאָז איך אפשר דעריבער מיט אַלע קרעפטען אַריינשיינען דאָס ליכט פון טאָג אויף די ביי־נאַכטיגע רוחות, ווייל די ליעבע צו איך הייסט מיר אַזוי טהאָן? שרייב איך מחמת ליעבע צו די מענשען? ניין, איך שרייב, ווייל איך וויל פערשאַפען פאַר מיינע געדאַנקען אַן עקזיסטענץ אויף דער וועלט; און וואָלט איך אפילו פאָראויסגעזעהן, אַז אָט די געדאַנקען צערשטערען אייער רוה און אייער פריעדען; וואָלט איך געזעהן, אַז פון אָט די געדאַנקען־זריעה וועלען אויסוואַקסען די בלוטיגסטע מלחמות און זיי וועלען גורם זיין דעם אונטערגאַנג פון פיעלע דורות: — וואָלט איך זיי פונדעסטוועגען אַלץ פערשפּרייט. טהוט דערמיט וואָס איהר ווילט און קאָנט — דאָס איז אייער זאַך און מיך קימערט עס ניט. מעגליך, אַז זיי וועלען אייך ברענגען נאָר צער, קאַמף און טויט, און אַז נאָר אַ קליינע צאָהל וועט האָבען דערפון פרייד. וואָלט מיר אייער וואוילזיין געלעגען אַם הארצען, וואָלט איך דאָך געהאַנדעלט ווי די קירך, וועלכע האָט פערבאָטען די עולם'שע מענשען לייענען די ביבעל, אָדער ווי די קריסטליכע רעגי־רונגען, וועלכע האָבען עס געמאַכט פאַר אַ הייליגער פליכט צו „פערהיטען דעם פראָסטען מענשען פון שעדליכע ביכער“.

אָבער ניט נאָר ניט פון אייערטוועגען, אפילו ניט אַמאָל פון דער וואַרהייט'ס־וועגען זאָג איך אַרויס, וואָס איך דענק. ניין —

איך זינג פונקט ווי דער פויגעל זינגט,\
וואָס אין די צווייגען וואוינט:\
דאָס ליעד, וואָס פון דער קעהלע קלינגט,\
איז שכר גענוג, וואָס לוינט.

איך זינג, ווייל — איך בין אַ זינגער. איך אָבער געברויך איך דערצו, ווייל איך — בעדאַרף האָבען אויערן.

וואו די וועלט שטעהט מיר אין וועג — און זי שטעהט מיר

אומעטום אן וועג — דאָרט פערצעהר איך זי, כדי צו שטילען דעם הונגער פון מיין עגאָיזם. דו ביזט פאַר מיר ניט מעהר ווי — מיין שפּייז, פּונקט דיזעלבע ווי איך וועך אויך פון דיר פערצעהרט און פערברויכט. מיר האָבען איינע צו די אנדערע נאָר איין שייכות, די שייכות פון ב ר ו י כ ב א ר ק י י ט, פון נוצבארקייט, פון נוצען. מיר זיינען איינע די אנדערע גאָרנישט שולדיג, וואָרים דאָס, וואָס דוכט זיך, אז איך בין דיר שולדיג, בין איך עס העכסטענס מיר אליין שולדיג. ווען איך ווייז דיר א פרעהליכע מיענע, כדי אויף דיך צו דערפרעהען, איז ד א ן מ י ר וויכטיג דו זאָלסט זיין פרעהליך, און מיין מיענע דיענט מ י י ן וואונש; טויזענד אנדערע, וועמען איך בין ניט אויסען צו דערפרעהען, ווייז איך זי ניט.

---

יענע ליעבע, וועלכע בעגרינדעט זיך אויף דעם „וועזען פון מענשען“, אָדער ליעגט אויף אונז ווי א געבאָט, אין דער קירכליכער און מאָראַלער פּעריאָדע, מוז אין אונז איינגעפלאנצט ווערן מיט דער ערציהונג. אויך דאָ וועלען מיר פּראָבירען א קוק טהאָן מיט עגאָיס־טישע אויגען וועניגסטענס אויף איין ביישפּיעל פון דעם, ווי דער מאָראַלישער איינפלוס, דער הויפּט־עלעמענט פון אונזער ערציהונג, זוכט צו רעגולירען דעם פערקעהר צווישען די מענשען.

די, וואָס ערציהען אונז, בעמיהען זיך פריהצייטיג אונז אָבצו־געוועהנען פון ליגען זאָגען און אריינצוקלאַפּען אונז אין קאָפּ דעם פּרינציפּ, אז מען מוז שטענדיג זאָגען די ווארהייט. ווען מען וואָלט דעם אייגענניוץ געמאַכט פאַר דעם באזיס פון אָט דעם רעגעל, וואָלט יעדערער געקאָנט לייכט בעגרייפען, אז דורך ליגען־זאָגען צערשטערט ער נאָר דעם פערטרויען צו זיך, וועלכען ער וויל ארויסרופען אין אנדערע, און וואָלט איינגעזעהן ווי ריכטיג עס איז דאָס ווערטעל: א ליגנער גלויבט מען ניט אפילו ווען ער זאָגט אן אמת. אין דערזעלבינגער צייט אָבער וואָלט ער אויך געפיהלט, אז ער דאַרף נאָר יענעם מענשען אנטקעגען קומען מיט דער וואר־הייט, וועמען ער האָט געגעבען דאָס רעכט צו הערן פון איהם די וארהייט. ווען א שפּיאָן גנב'ט זיך אריין פערשטעלטערהייט אין דעם פיינדליכען לאַגער און מען פרעגט איהם ווער ער איז, האָבען טאקע די וואָס פרעגען א רעכט צו דערקונדיגען זיך וועגען זיין

נאָמען, אָבער דער פערשטעלטער גיט זיי ניט דאָס רעכט צו דער־פאהרען פון איהם די וואַרהייט; ער זאָגט זיי וואָס ער וויל, נאָר ניט דעם אמת. אָבער די מאָראַל פאָדערט: „דו זאָלסט ניט ליינען!" דורך דער מאָראַל זיינען יענע בערעכטיגט צו דער־ווארטען די ווארהייט, אָבער פון מיר זיינען זיי דערצו ניט בערעכ־טיגט, און איך אָנדערקען נאָר דאס רעכט, וואס א י ך טייל אויס. אין א פערזאמלונג פון רעוואָלוציאָנערען רייסט זיך אריין די פאָליציי און פרעגט דעם רעדנער ווי ער הייסט; יעדערער ווייס, אז די פאָליציי האָט דערצו א רעכט, אבער פון דעם ר ע ו ו אָ־ל ו צ י אָ נ ע ר האָט זי ניט דאָס דאָזיגע רעכט, אזוי ווי ער איז איהר פיינד: ער זאגט איהר א פאלשען נאָמען און — נארט איהר אָב מיט א ליגען. די פאָליציי אליין האנדעלט אויך ניט אזוי נאריש, אז זי זאָל זיך פערלאָזען אויף דער ווארהייטס־ליעבע פון איהר פיינד; פערקעהרט, זי גלויבט ניט אויפ'ן וואָרט, נאָר זי זוכט פעסטצושטעלען, ווען זי קאָן, די פערזענליכקייט פון דעם בעשטימטען אינדיווידום. יאָ, דער שטאַאט פערהאלט זיך אומע־טום אונגלויביג לגבי די אינדיווידומען, ווייל ער זעהט אין זייער עגאָיזם זיין נאַטירליכען פיינד: ער פערלאַנגט אַלעמאַל א „בעווייז־שריפט", און ווער עס קאָן ניט צושטעלען אזא שריפט, ווערט א קרבן פון זיין אויסשפּיאָנירענדער אינקוויזיציע. דער שטאַאט גלויבט ניט און טרויט ניט דעם איינצעלנעם, און שטעלט זיך אליין אויף דעם אופן מיט איהם אין א ב ע צ י ה ו נ ג פ ו ן ל י ג ע נ ס: ער טרויט מיר נאָר, ווען ער האָט זיך א י ב ע ר־צ י י ג ט אין דער ווארהייט פון מיינע רייד, און אָפט האָט ער דערצו ניט קיין אנדער מיטעל אויסער מיין שבועה. ווי קלאָר בעווייזט אויך אָט דער מיטעל (די שבועה), אז דער שטאַאט רע־כענט ניט אויף אונזער ליעבע צו ווארהייט און אונזער גלויבענס־ווירדיגקייט, נאָר אויף אונזערע א י נ ט ע ר ע ס ע ן און אויף אונזערע אייגעננוצען: ער פערלאָזט זיך אויף דעם, אז מיר וועלען ניט וועלען זיך איינרייסען מיט גאָט דורך א פאלשער שבועה.

לאָמיר איצט זיך פאָרשטעלען א פראנצויזישען רעוואָלוציאָ־נער אין דעם יאהר 1788, וועלכער האָט צווישען פריינד ארויסגע־זאָגט די בעקאנט־געוואָרענע ווערטער: „די וועלט וועט ניט האָ־בען קיין רוה ביז וואנען דער לעצטער קיניג וועט ניט אויפגע־

האנגען ווערן אויף דער שטריק, וואס ווערט געמאכט ווערן פון די געדערים פון דעם לעצטען גלח". אין יענער צייט האָט דער קיניג נאָך געהאט די גאנצע מאכט, און עס פּאסירט, אז די דאָזי־גע רייד זיינען דורך א צופאל איבערגעגעבען געווארן דער רעגי־רונג, וועלכע האָט ניט קיין עדות דערצו און פאָדערט פון דעם אָנגעקלאָגטען, ער זאל זיך מודה זיין. זאָל ער זיך מודה זיין אדער ניט? לייקענט ער, דאן זאָגט ער א ליגען און — געהט פריי; איז ער מודה, דאן זאָגט ער דעם אמת און — ווערט געקעפּט. אויב די ווארהייט שטעהט ביי איהם העבער פאר אלץ, איז ניטאָ וואס צו רעדען, זאָל ער שטאַרבען. און נאָר א צרה'דיגער דיכטער וואָלט געקאָנט פּרובירען אויפבויען א טראגעדיע פון דעם סוף פון זיין לעבען; ווארים אין דער אמת'ן, וואס פאר א אינטע־רעס איז עס צו זעהן, ווי א מענש קומט אום צוליעב פייגהייט? וואָלט ער אבער געהאט דעם מוט ניט צו זיין קיין שקלאף פון ווארהייט און אויפריכטיגקייט, וואלט ער זיך געשטעלט אומגעפעהר אזא פראגע: צו וואס דארפען די ריכטער וויסען, וואס איך האָב געזאגט צווישען פריינד? ווען איך וואָלט ג ע ו ו אָ ל ט זיי זאָלען עס וויסען, וואלט איך עס זיי געזאָגט, אזוי גוט ווי איך האָב עס געזאָגט מיינע פריינד. איך וויל ניט זיי זאָלען עס וויסען. זיי ווילען מיט געוואַלט האָבען מיין צוטרויען, ווען איך האָב זיי דערצו ניט בערופען און ניט געמאכט פאר מיינע פערטרויטע; זיי ו ו י ל ע ן דערגעהן, וואס איך ו ו י ל פערבעהאלטען. נו, גוט, קומט אהער, איהר, וואָס ווילט ברעכען מיין ווילען דורך אייער ווילען, און פּרובירט אייערע קונצען. איהר קאָנט מיך פייניגען מיט אלע ענוים, איהר קאָנט מיר סטראשען מיט גיהנום און אייבי־גער פערדאמונג, איהר קאָנט מיך אזוי לאַנג מאטערן, אז איך וועל אָבגעבען א פאלשע שבועה, אבער דעם אמת וועט איהר פון מיר ניט ארויסרייסען, ווארים איך ו ו י ל אייך ליגען, ווייל איך האָב אייך ניט געגעבען קיין אָנשפּרוך און קיין רעכט אויף מיין אויפריכ־טיגקייט. מעג דער גאָט, „וועלכער איז די ווארהייט", דראָהענד קוקען אויף מיר ווער־ווייסט ווי קרום, מעג מיר ווער־ווייסט ווי שווער זיין צו ליגען, האָב איך פונדעסטוועגען דאָך דעם מוט פון ליגען; און ווען אפילו דאָס לעבען וואָלט מיר געווען איבערדריסיג, אפילו ווען מיר וואָלט זיך קיין זאך ניט אויסגעוויזען אזוי ווילקאָ־

מען, ווי אייער הענקער שווערד, זאָלט איהר דאָך ניט האָבען דעם פערגניגען צו געפינען אין מיר א שקלאַף פון דער ווארהייט, וועלכען איהר, מיט אייערע גלח'שע קונצען, ווילט מאכען פאר א פערדע־טער פון זיין ווילען. ווען איך האָב ארויסגערעדט יענע הייכ־פעררעטערישע ווערטער, האָב איך געוואָלט, אַז איהר זאָלט גאָר־נישט וויסען דערפון; ביי דעמזועלביגען ווילען בלייב איך איצטער אויך און לאָז זיך ניט אָבשרעקען דורך דער קללה פון ליגען־זאגען.

דער קיסר סיגיזמונד איז ניט דעריבער געווען א געמיינער לומפּ, ווייל ער האָט געבראָכען זיין קייזערליכען וואָרט, נאָר ער האָט געבראָכען זיין ווארט, ווייל ער איז געווען א לומפּ. ער האָט געקאָנט האַלטען זיין וואָרט, און וואָלט אַלץ געווען דערזועלביגער לומפּ און פּאַפּען־קנעכט. לוטהער, געטריבען פון א העכערער מאכט, איז געוואָרן אונגעטריי דעם נדר, וואס ער האָט געגעבען אלס מאָנאַך: ער איז איהם אונגעטריי געוואָרן פון גאָט'ס וועגען. ביידע האָבען געבראכען זייער שבועה אלס פערכאַפּטע: סיגיז־מונד, ווייל ער האָט זיך געוואלט ארויסווייזען אלס אויפריכ־טיגער פערטיידיגער פון דער געטליכער ווארהייט, ד. ה., פון דעם אמת'ן גלויבען, דעם עכט־קאַטוילישען; לוטהער, כדי אויפריכטיג און מיט דער גאנצער ווארהייט, מיט לייב און זעעל, צו זאגען עדות פאר דעם עוואנגעליום; ביידע זיינען זיי געוואָרן שבועה־ברעכער, כדי צו זיין אויפריכטיג לגבי דער „העכע־רער ווארהייט". דער חילוק איז נאָר, וואס יענעם האָבען די גלחים פערגעבען די זינד, און דער האָט זיך אליין פערגעבען זיין זינד. זיי ביידע האָבען מעהר גאָרנישט געהאט אין זין, ווי נאָר דעם געדאנק פון די אַפּאָסטאָלישע ווערטער: „דו האָסט ניט צו מענשען געליגט, נאָר צו גאָט". זיי האָבען געליגט צו מענשען, זיי האָבען פאר די אויגען פון דער וועלט געבראכען זייער שבועה, כדי ניט צו ליגען צו גאָט, נאָר איהם צו דיענען. אָט אזוי ציי־גען זיי אונז א וועג, ווי זיך צו בעגעהן מיט דער ווארהייט לגבי די מענשען. צו דער עהרע פון גאָט און פון גאָט'ס וועגען מעג מען אלץ — עובר זיין אויף א שבועה, זאָגען ליגען, ברעכען א קייזערלי־כען וואָרט!

ווי וואָלט געווען, א שטייגער, ווען מיר וואלטען די זאך אביסעל געענדערט און געשריבען: א פאלשע שבועה און א ליגען

פון — מ י י נ ט ו ו ע ג ע ן! האַלט דאָס ניט געהייסען א פערטייי־דיגונג פון יעדער נידערטרעכטיגקייט? עס זעהט גאנץ געווים אזוי אוים, אבער עס איז לחלוטין גלייך צו דעם „פון גאָט'ס וועגען". ווארים צי איז דען ניט אָבגעטאָן געווארן יעדע נידער־טרעכטיגקייטען פון גאָט'ס וועגען? זיינען ניט אַלע תליות אָנגע־פילט געווארן פון זיינטוועגען, זיינען ניט אַלע אויטאָדאַפעס געהאל־טען געווארן, אַלע פערדומונגען איינגעפיהרט געווארן פון זיינטווע־גען? און בינדט מען דען ניט נאָך היינט פון גאָט'ס וועגען דעם גייסט פון יונגע קינדער דורך א רעליגיעזער ערציהונג? האָט מען ניט געבראכען הייליגע שבועות פון זיינטוועגען? און שלעפען זיך נאָך היינט ניט ארום מיסיאנערען און גלחים, כדי צו ווירקען, אז אידען, היידען, פראָטעסטאנטען אדער קאטויליקען א. אז. וו. זאָלען פערראטען דעם גלויבען פון זייערע עלטערן — פון זיינטוועגען? איז, פארוואָס זאָל דאָס זיין ערגער ביי דעם „מ י י נ ט ו ו ע ג ע ן"? וואס הייסט איינענטליך מ י י נ ט ו ו ע ג ע ן? דאָ דענקט מען גלייך וועגען עפעס א „ניט־כשר'ן געשעפטעל". געווים, דער וואָס האַנדעלט אוים ליעבע צו ניט־כשר'ע געשעפטלעך, טהוט עס טאקע, אין פלוג, פון זיינטוועגען, ווי עס איז בכלל קיין זאך ניטאָ, וואס מען זאָל ניט טהאָן צוליעב זיך — צווישען אנדערע, אפילו אַלץ, וואס ווערט געטהאָן לכבוד גאָט —; אבער אזא איינער, וואס זוכט פאר זיך אזא געווינס, איז א שקלאַף צו דעם געווינס, שטעהט ניט העכער פאר דעם געווינס; ער איז אזוינער, וואס געהערט דעם געווינס, דעם געלד־זאק, ניט זיך, ער איז ניט זיין אייגענער. מוז ניט א מענש, וואס איז בעהערשט פון דער ליידענשאפט פון געלד־מאכען, פאָלגען די געבאָט פון אָט דעם ה ע ר ש ע ר? און ווען עס קומט אמאָל אויף איהם ארויף א שוואכע גוטמוטיגקייט, איז עס ניט בלויז אן אויסנאהמס פאל, אקוראט פון דעמזעלביגען סאָרט, ווי עס פאסירט, אז פרומע גלויביגע ווערן אמאָל פערלאָזט פון דער הדרכה פון זייער הארר און ווערן געפאנגען פון די מאכי־נאציעס פון „טייוועל"? אלזא, א געלד־גייציגער איז ניט קיין אייגענער מענש, נאָר א קנעכט, און ער קאָן גאָר נישט טהאָן פון זיינטוועגען, אוואו ער טהוט עס ניט אין דערזעלביגער צייט אויף פון זיין הארר'ס וועגען — פונקט ווי דער גאָטספאָרכטיגער.

עס איז בעריהמט דער פאַל פון ברעכען א שבועה, וואס פראַנץ

דער צווייטער איז בעגאנגען אנטקעגען דעם קייזער קארל דעם 5טען. קיניג פראנץ האט געבראכען זיין שבועה ניט שפעטער, נאכדעם ווי ער האט מיט ישוב הדעת בעטראכט זיין פערשפרעכען, נאר גלייך בעת ער האט געגעבען די שבועה, האט ער עס שוין צוריקגענומען אין געדאנק, אזוי גוט אויך, ווי דורך א געהיימען פראטעסט, וואס ער האט אונטערגעשריבען פאר זיינע ראטה־געבער; ער איז לכתחילה בעגאנגען א שבועה־ברוך. פראנץ איז ניט געווען אונוויליג צו צאהלען אויסקויף־געלד פאר זיין בעפרייאונג, נאר איהם האט אויסגעוויזען, אז דער פרייז, וואס קארל האט געשטעלט, איז געווען צו־הויך און ניט־בערעכטיגט. ווען אפילו מען זאל אננעהמען, אז קארל האט געהאנדעלט געמיין, בעת ער האט געזוכט ארויסצורייסען פון איהם וואס־מעהר, איז עס דאך געווען לומפיג פון פראנצ'ס זייט צו וועלען איינהאנדלען זיין פרייהייט פאר א קליינער סומע אויסקויף־געלד; און זיינע שפעטערדיגע האנדלונגען, צווישען וועלכע עס קומט פאר נאך א ווארט־ברוך, בעווייזען גענוג ווי דער שאכער־גייסט האט איהם געהאלטען פערשקלאפט און געמאכט פאר א לומפיגען בעטריגער. נאך אלעם דעם אבער, וואס זאלען מיר זאגען וועגען דעם פארוואורף, וואס מען מאכט איהם, פאר ברעכען זיין שבועה? ערשטענס, ווידער אמאל דאס אייגענע [וואס מיר האבען פריהער געזאגט וועגען סיגיזמונד], אז ניט דער שבועה־ברוך האט איהם מבוזה געמאכט, נאר זיין געמיינקייט; אז ער פערדיענט פעראכטונג ניט פאר וואס ער האט געבראכען זיין שבועה, נאר ער האט זיך פערשולדיגט אין א שבועה־ברוך, וויל ער איז געווען א מיאוס'ער מענש. אבער פראנצ'עס שבועה־ברוך, בעטראכט פאר זיך אליין, פאדערט אנאנדער אבשאצונג. מען קאן זאגען, אז פראנץ האט ניט געהאנדעלט לויט דעם צוטרויען, וואס קארל האט איהם געשענקט, בעת ער האט איהם בעפרייט. אבער אויב קארל וואלט איהם ווירקליך געטרויט, וואלט ער געשטעלט דעם פרייז, וואס ער האט גערעכנט, אז די בעפרייאונג איז ווערטה, וואלט איהם געגעבען די פרייהייט און דערווארט, אז פראנץ וועט אבצאהלען די אויסלייז־סומע. קארל האט אבער אזא צוטרויען צו איהם ניט געהאט, ער האט זיך נאר פערלאזען אויף פראנצ'עס מאכטלאזיגקייט און לייכטגלויביגקייט, וועלכע וועט איהם ניט ערלויבען צו האנדלען אנטקעגען

זיין שבועה; פראַנץ האָט נאָך אבגענאַרט קאַרל׳ס אויסרעכע־נונג אויף זיין לייכטגלויביגקייט. ווען קאַרל האָט געמיינט צו פער־זיכערען זיך דורך זיין פיינד׳ס שבועה, האָט ער פונקט דערמיט איהם בעפרייט פון יעדער פערבינדליכקייט. קאַרל האָט דעם קיניג פראַנץ געהאַלטען פאַר א נאַר׳ן מיט א ענגען געוויסען, און האָט געבויט, ניט שענקענדיג איהם קיין צוטרויען, נאָר אויף זיין דומהייט, ד. ה. אויף זיין געוויסענהאַפטיגקייט: ער האָט איהם ארויסגעלאָזט פון דער מאַדרידער תפיסה, נאָר כדי איהם נאָך זיכערער פעסט צו האַלטען אין דער תפיסה פון דער געוויסענ־האַפטיגקייט, אין דער גרויסער טורמע, וואָס די רעליגיאָן האָט ארומגעבויט ארום דעם מענשענ׳ס גייסט. ער האָט איהם געשיקט צוריק אין פראַנקרייך פעסט איינגעשמידט אין ניט־זיכטבאַרע קעטען, איז וואָס איז דער וואונדער, אז פראַנץ האָט געזוכט צו אַנטלויפען און האָט איבערגעזעגט די קעטען? קיין מענש וואָלט אויף איהם קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט, ווען ער וואָלט אין געהיים אַנטלאָפען פון מאַדריד, ווארים ער איז געווען אין דער געוואַלט פון דעם שונא; אבער יעדער גוטער קריסט רופט ארויס אויף איהם א קללה, פאַר וואָס ער האָט זיך געוואָלט לויז מאַכען אויך פון גאָט׳ס קעטען. (דער פויפּסט האָט איהם ערשט שפּעטער בעפרייט פון זיין שבועה.)

אַרויסרופען פרייוויליג יענעמס פערטרויען צו זיך און איהם אָבנאַרען — איז א מיאוסע האַנדלונג; אָבער עס מאַכט דעם עגאָיזם גאָר ניט קיין שאַנדע, ווען ער לאָזט יעדען איינעם, וואָס וויל איהם אַריינקריגען דורך א שבועה אין זיין מאַכט, אָבגעהן מיט בלוט דורך דעם, וואָס זיין ניט־טרויענדע רמאות האָט קיין ערפאָלג ניט. דו האָסט מיך געוואָלט בינדען, איז זיי וויסען, אז איך קאָן דיינע קעטען צעררייסען.

עס האַנדעלט זיך אום דעם, צי א י ך גיב דעם, וואָס פער־טרויט זיך אין מיר, דאָס רעכט צו פערטרויען זיך. ווען א מענש, וואָס פערפאָלגט מיין פריינד, פרעגט ביי מיר וואו מיין פריינד בעהאַלט זיך, וועל איך איהם זיכער פערפיהרען אויף א פאַלשען שפּוהר. אין דער אמת׳ן, פאַרוואָס פרעגט ער עפּעס גראָד מיך, דעם פערפאָלגטענ׳ס פריינד? כדי ניט צו זיין א פאַלשער, פער־רעטערישער פריינד, וויל איך בעסער זיין פאַלש צו דעם פיינד.

עס פערשטעהסט זיך, איך וואָלט מיט א מוטיגער געוויסענהאַפ־טיגקייט געקאָנט ענטפערן: איך וויל דיר ניט אויסזאָגען וואו מיין פריינד בעהאַלט זיך (אזוי הייסט פּיכטע טהאָן אין אזא פאַל); דערמיט וואָלט איך גערעטעוועט מיין ווארהייטס־ליעבע און וואָלט געטאָן פאר מיין פריינד אזוי גוט ווי גאָרנישט, וואָרים אויב איך פערפיהר נישט דעם פיינד אויף א פאַלשען וועג, קאָן ער צופעליג זיך פערנעהמען אין דער ריכטיגער גאַס, און מיין וואַרהייטס־ליעבע וואָלט אָבגעגעבען דעם פריינד פאַר א קרבן, ווייל זי האָט מיר ניט דערלאָזט האָבען—דעם מוט צו זאָגען א ליגען. דער, וואָס די ווארהייט איז ביי איהם אַן אָבגאָט, א הייליגטום, מוז זיך פאר איהר בוינגען, טאָר ניט פּוגע זיין איהרע פאָ־דערונגען, טאָר ניט זיך שטעלען מוטיג אַנטקעגען; קורץ, ער מוז פערוואַרפען דעם העלדענמוט פון זאָגען א ליגען. וואָרים צו דעם ליגען געהערט ניט וועניגער מוט, ווי צו דער ווארהייט: א מוט, וועלכער פעהלט געוועהנליך ביי די מייסטע יונגע לייט, וואָס וועלען בעסער מודה זיין דעם אמת און געהן דערפאַר אויף דער תליה, איידער צו צערשטערן דעם פיינד׳ס מאַכט דורך דער העזה פון א ליגען. פאַר יענע איז די ווארהייט „הייליג“, און דאָס הייליגע פאָדערט אַלעמאָל א בלינדע פערעהרונג, אונטערוואָרפענקייט און אויפּאָפּפערונג. אויב איהר האָט ניט קיין העזה און לאַכט זיך ניט אויס פון דאָס הייליגע, זייט איהר זיינע אונטערטעניגע דיענער. מען שיט אויס פאַר אייך נאָר איין קע־רענדעל ווארהייט אין נעז, פּיקט איהר עס אונבעדינגט אויף, און דער נאַר איז געפאַנגען. איהר ווילט ניט לייגען? נו, איז פאַלט א קרבן צו דער ווארהייט און ווערט — מאַרטירער! מאַרטירער— פאַר וואָס? אפשר פאַר זיך, פאַר דער אייגענהייט? ניין, פאַר אייער געטין — די ווארהייט. איהר קענט נאָר צווייערליי עבודה׳ס, נאָר צווייערליי דיענער: דיענער פון דער ווארהייט און דיענער פון דעם שקר. איז דיענט־זשע, אין גאָט׳ס נאָמען, די ווארהייט!

עס זיינען פאַראַן ווידער אַנדערע, וואָס דיענען אויך די וואַר־הייט, אָבער זיי דיענען איהר „מיט א מאָס“ און מאַכען צ. ב. ש. א גרויסען אונטערשייד צווישען אַן איינפאַכען און געשוואָרענעם ליגען. און דאָך איז אין גרונד גענומען קיין חלוק ניטאָ צווישען א שבועה און אזוי א ליגען, וואָרים א שבועה איז דאָך ניט מעהר

ווי אַ שטאַרק־פּערזיכערטע בעהויפּטונג. איהר האַלט זיך בערעכ־טיגט צו ליגען, ווען איהר מוזט נאָר דערביי ניט שווערן? אָבער דער, וואָס נעהמט די זאַך ערנסט, מוז אורטיילען און פערדאַמען אַ ליגען פּונקט אַזוי שטרענג ווי אַ פאַלשע שבועה. אין דער מאָ־ראַל געפינט זיך נאָך אפילו אַ גאַנץ אַלטער שטרייט־פּונקט, וועלכער פּלעגט בעהאַנדעלט ווערן אונטער דעם נאָמען „נויט־ליגען". קיי־נער, וואָס וואַגט צו רעדען אַ וואָרט פאַר דעם נויט־ליגען, קאָן אויף אַ קאָנזעקווענטען אופן ניט פערוואַרפען די „נויט־שבועה". אויב איך בערעכטיג מיין ליגען אַלס אַ נויט־ליגען, איז לאָמיך ניט זיין אַזוי קליינמוטיג אוועקצורויבען פון דעם בערעכטיגטען ליגען זיין שטאַרקסטע בעפעסטיגונג. טהו איך עפּעס, איז פאַר וואָס זאָל איך עס ניט טהאָן אינגאַנצען און אָהן אַ צוריקהאַלט (אַ רעזערוואַציאָ מענטאַלים)? לייג איך איינמאָל, איז וואָרום שוין ניט ליגען פאָלשטענדיג, מיט'ן גאַנצען בעוואוסטזיין און דער גאַנצער קראַפט? אַלס שפּיאָן, צ. ב. ש., וואָלט איך געמוזט שווערן פאַר'ן פיינד לויט זיין פערלאַנג אויף יעדער פאַלשער בעהויפּטונג מיינער; זייענדיג ענטשלאָסען צו נאַרען איהם מיט ליגענס, זאָל איך פּלוצלונג מיט פּחד און אונענטשלאָסענקייט זיך צוריקהאַלטען פאַר אַ שבועה? דאָס וואָלט געהייסען, אַז איך טויג לכתחילה ניט פאַר קיין ליגנער און שפּיאָן, ווארים איך וואָלט דאָך דערמיט פרייוויליג געגעבען דעם פיינד אַ מיטעל אין די הענד מיך צו כאַפּען. — דער שטאַאט האָט אויך מורא פאַר דער נויט־שבועה און גיט ניט דעריבער דעם אָנגעקלאָגטען די געלע־גענהייט צו שווערן. איהר אָבער בעווייזט, אַז דער שטאַאט האָט ניט וואָס מורא צו האָבען: איהר ליגט, אָבער פאַלש שווערט איהר ניט. ווען איהר צ. ב. ש. טהוט איינעם אַ געפעליגקייט און ווילט ניט, אַז ער זאָל עס וויסען, אָבער ער שטויסט זיך אָן און זאָגט עס גלייך אין געזיכט, לייקענט איהר עס אָב; אויב ער בעשטעהט אויף דאָס זייניגע, זאָגט איהר: „בנאמנות אַז ניט!" וואָלט אָבער געקומען צו שווערן, וואָלט איהר זיך אָבגעהאַלטען, ווארים אויס מורא פאַר דאָס הייליגע בלייבט איהר אַלעמאָל שטעהן אויפ'ן האַלבען וועג. אַ נ ט קעגען דאָס הייליגע האָט איהר ניט קיין א י י ג ע נ ע ם ו ו י ל ע ן. איהר ליגט מיט — אַ מאָס, אַזוי ווי איהר זייט פריי „מיט אַ מאָס", רעליגיעז „מיט

א מאָס“ (די גייסטליכע טאָרען ניט „אריבערכאַפּען די מאָס“, ווי עס ווערט איצט אָנגעפיהרט וועגען דעם פּונקט א גאַנץ פאַרוועהר קאַמף מצד דער אוניווערזיטעט אנטקעגען דער קירך), מאָנאַרכיש געזאָגען „מיט א מאָס“ (איהר ווילט א מאָנאַרך, וואָס זאָל זיין בעשרענקט דורך א קאָנסטיטוציע, דורך א גרונדגעזעץ פון שטאַאט), — אַלץ פיין ג ע מ ע ס י ג ט, לעבלאַך און פלאַך, ניט צו גאָט, ניט צום טייוועל.

אין איין אוניווערזיטעט איז געווען אָנגענומען א רעגעל, אז דאָס עהרענוואָרט, וואָס א סטודענט מוז געבען דעם אוניווער־זיטעט׳ס ריכטער, האָט קיין שום ווערטה ניט. די סטודענטען האָבען בעטראַכט די פאָדערונג פון געבען אן עהרענוואָרט ווי א פשוט׳ע פאַנג־נעץ, פון וועלכער זיי האָבען זיך אַנדערש ניט געקענט ארויסדרעהען, סיידען דורכדעם, וואָס זיי האָבען אַוועקגענומען דער־פון יעדע בעדייטונג. דער וואָס האָט אין דערזעלביגער אוניווער־זיטעט געבראָכען זיין עהרענוואָרט צו איינעם פון זיינע חברים־סטודענטען, האָט זיך גערעכענט פאַר אַן אויסוואורף; דער וואָס האָט געגעבען זיין עהרענוואָרט דעם אוניווערזיטעט׳ס־ריכטער, האָט אינאיינעם מיט דיזעלביגע חברים אויסגעלאַכט דעם אָבגענאַרטען ריכטער, וועלכער האָט געמיינט, אז א וואָרט, וואָס מען גיט צו פריינד און צו פיינד, האָט דעמזעלביגען ווערטה. די סטודענטען האָט געלערנט אזוי צו האַנדלען, ניט אזויפיעל א ריכטיגע טעאָריע, ווי די נויט פון דער פּראַקטיקע, וואָרים אָהן דעם דאָזיגען מיטעל וואָלטען זיי אומדערבאַרעמדיג געטריבען געוואָרן צו בעגעהן א פערראַט אנטקעגען זייערע חברים. אָבער דער מיטעל איז ניט נאָר פּראַקטיש געווען בערעכטיגט, נאָר איז אויך געווען ריכטיג פון א טעאָרעטישען שטאַנדפּונקט. אַן עהרענוואָרט, א שבועה, איז נאָר פאַר דעם אזא וואָרט אָדער א שבועה, וועמען א י ך בערעכטיג דאָס אויפצונעהמען; ווער עס צווינגט מיך דערצו, בעקומט נאָר א געצוואונגען, ד. ה. א פ י י נ ד ל י ך וואָרט, דאָס וואָרט פון א פיינד, וועלכען מען האָט קיין רעכט ניט צו טרויען, וואָרים דער פיינד גיט אונז ניט דאָס רעכט.

איבעריגענס אָנדערקענען ניט אפילו די געריכטען פון שטאַאט די אונפערשוועכליכקייט פון א שבועה. וואָרים ווען איך וואָלט געהאַט געשוואָרען צו איינעם, וואָס שטעהט אונטער אַן אונטער־

זוכונג פאר'ן געריכט, אז איך וועל קיין זאך ניט אויסזאָגען אנט־קעגען איהם, וואָלט דאָס געריכט געפאָדערט, איך זאָל אויסזאָגען, טראָץ דעם וואָס איך בין געבונדען דורך א שבועה; און אויב איך ענטזאג זיך, וואָלט מען מיך אזוי לאנג געהאלטען איינגעשפארט אין תפיסה, ביז איך וואָלט זיך בעשלאָסען — צו ווערן א שבועה־ברעכער. דאָס געריכט „בעפרייט מיך פון מיין שבועה"; — ווי גרויסמוטיג! אויב וועלכע עס איז מאכט קאָן מיך בעפרייען פון דער שבועה, בין איך אליין דאָך געוויס די אלערערשטע מאכט, וואָס קאָן האָבען אַן אַנשפרוך אויף אזא רעכט.

אַלס קוריאָזיטעט און כדי צו דעראינערן אָן אלערליי געגעבענע שבועות, מעג דאָ דערמאָנט ווערן די שבועה, וואָס דער קיסר פּאוועל האָט בעפוילען די געפאנגענע פּאָליאקען (קאָסיוסקאָ, פּאָטאָצקי, ניעמצעוויץ און די איבעריגע) זאָלען אָבגעבען, בעת ער האָט זיי פריי געלאָזט: „מיר שווערן ניט בלויז צו זיין טריי און געהאָרכזאַם דעם קיסר, נאָר מיר פערשפרעכען אחוץ דעם צו פערגיסען אונזער בלוט פאר זיין כבוד; מיר פערפליכטען זיך ארויסצוגעבען יעדע זאך, אין וואָס עס קאָן שטעקען א געפאהר פאר זיין פערזאָן און זיין מלוכה, וואָס מיר וועלען ווען־עס־איז דערפארען; מיר דער־קלערן ענדליך, אז אויף וועלכען טייל פון ערדקוגעל מיר זאָלען זיך ניט געפינען, זאָל איין־איינציג וואָרט פון קיסר זיין גענוג, מיר זאָלען אלץ פערלאָזען און גלייך זיך אומקעהרן צו איהם".

---

איין געביט איז פאראַן, אויף וועלכען דער פּרינציפּ פון ליעבע איז, ווי עס ווייזט אויס, שוין לאנג אריבערגעשטיגען געוואָרן פון דעם עגאָיזם, נישט מעהר וואָס עס פעהלט נאָך דער קלאָרער בע־וואוסטזיין, אזוי צו זאָגען, פון דעם זיעג מיט א ריינעם געוויסען. דער דאָזיגער געביט איז די ספּעקולאציע אין איהר דאָפּעלטער ערשיינונג אלס דענקען און אלס מסחר. דער דענקער געהט־אָן מיט זיין דענקען, צו וועלכע רעזולטאטען דער געדאנק זאָל איהם ניט פיהרען; דער פינאנסיסט ספּעקולירט, ניט קימערנדיג זיך וויפיעל מענשען עס ליידען דורך זיינע ספּעקולאציעס. אָבער ווען עס קומט ענדליך צום לעצטען טריט, ווען מען דארף מאכען א סוף מיט די לעצטע רעשטען פון רעליגיעזיטעט, ראָמאנטיק אָדער „מענשליכ־קייט", דאַן הויבט אָן קלאַפּען דאָס רעליגיעזע געוויסען און מען דער־

קלערט זיך וועניגסטענס פאר אן אנהענגער פון מענשליכקייט. דער געלד־גייציגער ספעקולאנט ווארפט אריין עטליכע גראשען אין דער צדקה־פושקע און „טהוט גוטעס“; דער דרייסטער דענקער טרייסט זיך דערמיט, וואס ער ארבייט פאר׳ן פארטשריט פון דער מענשליכער ראסע, און זיין פערוויסטונג וועט לסוף זיין „א טובה פאר דער מענשהייט“, אדער ער האט דעם אויסרעד, וואס ער „דיענט דער אידעע“. די מענשהייט, די אידעע איז פאר איהם דאס דאזיגע, וועגען וואס ער מוז זאגען: עס שטעהט ביי מיר העכער פאר זיך אליין.

ביז אויף היינטיגען טאג האבען מענשען געדענקט און געהאנדעלט פון — גאט׳ס וועגען. די וואס האבען זעקס טעג אין וואך געטראטען אויף אלץ מיט די פיס צוליעב זייערע אייגעננוציגע צוועקען, האבען דעם זיבעטען טאג געבראכט א קרבן צו גאט; און די, וועלכע האבען צערשטערט הונדערטע „גוטע זאכען“ דורך זייער געוואגטען דענקען, האבען דאס אלץ געטאן אין דיענסט פון אנאנדער „גוטער זאך“, און האבען געמוזט דענקען — אחוץ וועגען זיך — נאך וועגען אנאנדערן, פאר וועמען זייער זעלבסטבעפריעדיגונג זאל זיין א טובה — וועגען דאס פאלק, דער מענשהייט א. ד. ג. דאס דאזיגע אנדערע אבער איז א וועזען, וואס שטעהט איבער זיי, א העכערעס אדער העכסטעס וועזען, און דעריבער זאג איך, אז זיי מיהען זיך פון גאט׳ס וועגען.

איך קאן אויך דעריבער זאגען, אז דער לעצטער גרונד פון זייערע האנדלונגען איז די — ליעבע. אבער ניט א פרייוויליגע ליעבע, ניט זייער אייגענע, נאר א חיוב־ליעבע, אדער דעם העכערן וועזענ׳ס (ד. ה. גאט׳ס, וועלכער איז די ליעבע אליין) אייגענע ליעבע; קורץ, ניט די עגאיסטישע, נאר די רעליגיעזע; א ליעבע, וועלכע שטאמט פון זייער איינבילדונג, אז זיי מוזען אבגעבען א צינז צו דער ליעבע, ד. ה. זיי טארען ניט זיין קיין עגאיסטען.

אויב מיר ווילען אויסלייזען די וועלט פון פערשיידענע אונפרייהייטען, ווילען מיר דאס ניט פון איהרטוועגען, נאר פון אונזערטוועגען: ווארים אזוי ווי מיר זיינען ניט קיין פראפעסיאנעלע וועלט־דערלייזער און טהוען עס ניט אויס „ליעבע“, ווילען מיר זי נאר אבגעווינען פון אנדערע. מיר ווילען זי מאכען פאר אונזער אייגענס; זי זאל מעהר ניט זיין קיין לייבאייגענע

בײַ גאָט (בײַ דער קירך) און ניט בײַם געזעץ (בײַם שטאַאַט), נאָר אונזערע אײגענע; דעריבער זוכען מיר זי צו „געווינען", „אײַנצונעהמען" פאַר אונז, און שטרעבען צו פערענדיגען און מאַכען איבערפליסיג די מאַכט, וועלכע זי ווענדעט אָן אַנטקעגען אונז, דורכדעם וואָס מיר קומען איהר אַנטקעגען און גיבען זיך איבער צו איהר, אַזוי באַלד ווי זי געהערט אונז. איז די וועלט אונזערע, זוכט זי מעהר ניט אָנצו־ווענדען געוואַלט אַנטקעגען אונז, זאָנדערן נאָר מיט אונז. מײַן אײגעננוץ האָט אַן אינטערעס אין דער בעפרײַאונג פון דער וועלט, כדי זי זאָל ווערן — מײַן אײגענטום.

ניט די איזאָלירטקײט אָדער דאָס זײַן אַלײן איז דער אור־שפּרינגליכער צושטאַנד פון דעם מענשען, זאָנדערן די געזעלשאַפט. אונזער עקזיסטענץ פאַנגט זיך אָן מיט דער אינטימסטער פער־בינדונג, וואָרים נאָך אײדער מיר אָטעמען, לעבען מיר שוין צוזאַמען מיט דער מוטער; גלײַך ווי מיר דערבליקען דאָס ליכט פון דער וועלט, ליעגען מיר ווידער אויף דער ברוסט פון אַ מענשען, איהר ליעבע וויעגט אונז אין שויס, פיהרט אונז אַרום אין קינדער־וועגעלע און קײטעלט אונז אָן מיט טויזענד בענדער צו איהר פּערזאָן. די געזעלשאַפט איז אונזער נאַטור־צושטאַנד. דעריבער טאַקע ווערט דער פריהער אינטימסטער פערבאַנד אַלץ לויזער, וואָס מעהר מיר לערנען זיך צו דערפיהלען, און די אויפלײזונג פון דער אורשפּרינגליכער געזעלשאַפט ווערט אַלץ קלערער. כדי צו האָבען ווידער אַמאָל פאַר זיך דאָס קינד, וואָס איז אַמאָל געלעגען אונטער איהר הארץ, מוז זי געהן איהם ברענגען פון גאַס און פון צווישען זײַנע שפּיעל־חברים. דאָס קינד ציהט פאָר דעם פערקעהר, אין וועלכען עס טרעט אַרײַן מיט זײַנע חברים, אײדער די געזעלשאַפט, אין וועלכער עס איז ניט אַרײַנגע־טראָטען, נאָר איז בלויז געבאָרען געוואָרען.

די אויפלײזונג פון דער געזעלשאַפט אָבער איז דער פערקעהר אָדער פערײַין. גאַנץ געוויס ענטשטעהט אויך דורך דעם פערײַין אַ געזעלשאַפט, אָבער נאָר אַזוי ווי אַ פיקסע אידעע קאָן ענטשטעהן דורך אַ געדאַנק, ד. ה. דורכדעם וואָס די ענערגיע פון'ם געדאַנק, דאָס דענקען גופא, וואָס דערלאָזט ניט די געדאַנקען פערשטײנערט ווערן, פערשווינדעט פון דעם געדאַנק. ווי

נאָר א פעראיין האָט זיך קריסטאַליזירט אין א געזעלשאַפט, האָט ער אויפגעהערט צו זיין א פעראייניגונג; וואָרים פעראייניגונג איז א פעראייניגען־זיך, וואָס הערט ניט אויף. ער איז דאַן געוואָרן א פעראייניגט־זיין, האָט געגרייכט א צושטאַנד, איז דעגענערירט געוואָרן אין א פערגליווערטקייט (פיקסקייט), ער איז — טויט אלס פעראיין, איז נאָר א פגר פון דעם פעראיין אָדער פון דער פעראייניגונג, ד. ה. ער איז — געזעלשאַפט, געמיינשאַפט. א פיעל־בעדייטענדען ביישפיעל פון דעם סאָרט ליפערט אונז די פּאַרטיי.

וואָס א געזעלשאַפט, צ. ב. ש. די שטאַאט־געזעלשאַפט, פער־קירצט מיין פרייהייט, דאָס אהרט מיך וועניג. סיי ווי סיי מוז איך דאָך לאָזען מיין פרייהייט בעשרענקט ווערן פון אַלערליי מעכטען און פון יעדען שטאַרקערן, און אפילו פון יעדען מיטמענשען; און וואָלט איך זאָגאַר געווען דער זעלבסטהערשער פון אַלע ר....., וואָלט איך אַלץ ניט גענאָסען קיין אבסאָלוטע פרייהייט. אָבער די אייגענהייט, דאָס וועל איך ניט דערלאָזען אוועקנעהמען פון מיר. און גראָד אויף דער אייגענהייט האָט יעדע געזעלשאַפט אַן אויג, גראָד דאָס וויל זי, עס זאָל ליעגען אונטער איהר מאַכט.

אַ געזעלשאַפט, אַן וועלכער איך האַלט זיך, נעהמט אפילו ביי מיר אוועק איניגע פרייהייטען, דערפאַר אָבער גיט זי מיר אַנדערע פרייהייטען; עס מאַכט אויך ניט אויס, ווען איך אַליין בערויב זיך פון דער אָדער יענער פרייהייט (צ. ב. ש. דורך יעדען קאָנט־ראַקט). דאַגעגען וויל איך אייפערזיכטיג זיך האַלטען פאַר מיין אייגענהייט. יעדע געמיינשאַפט האָט די טבע — שטאַרקער אָדער שוואַכער, לויט דער פולקייט פון איהר מאַכט — צו ווערן אַן אויטאָריטעט פאַר איהרע מיטגליעדער און שטעלען פאַר זיי גרעניצען: זי פערלאַנגט און מוז פערלאַנגען א „בעשרענק־טען אונטערטאַנען־פערשטאַנד“, זי פערלאַנגט, אז די וואָס געהערן צו איהר, זאָלען איהר זיין אונטערטעניג, זאָלען זיין איהרע „אונטער־טאַנען“, זי האָט א קיום נאָר דורך אונטערטעניגקייט. דערביי איז אויף קיין פאַל ניט נויטיג, עס זאָל זיין אויסגעשלאָסען א געוויסע טאָלעראַנץ; אדרבא, די געזעלשאַפט וועט פריינדליך אויפנעהמען פערבעסערונגען, פעהלער־אָנווייזונגען און פאָרוואורפען, אַזוי ווייט ווי זי קאָן עפּעס געווינען דערפון. אָבער דער פאָר־

וואורף מוז האָבען א „גוטע כונה“, ער טאָר ניט זיין „עזות'דיג און אום־כבוד'דיג“; מיט אַנדערע ווערטער, מען מוז דעם עצם פון דער געזעלשאַפט לאָזען אונפּערלעצט און האַלטען הייליג. די געזעלשאַפט פאָדערט, אַז די וואָס געהערן צו איהר, זאָלען זיך ניט דערהויבען און זיך שטעלען העכער איבער איהר, נאָר זיי זאָלען בלייבען „אין די גרעניצען פון דער געזעצליכקייט“, ד. ה. זיי זאָלען זיך נאָר אַזויפיעל ערלויבען, וויפיעל די געזעלשאַפט און איהר געזעץ ערלויבט זיי.

עס איז אַן אונטערשייד, צי מיין פרייהייט אָדער מיין אייגענהייט ווערט בעשרענקט דורך א געזעלשאַפט. אויב נאָר דאָס ערשטע איז דער פאַל, דאַן איז זי א פעראייניגונג, אַן איינשטימונג, א פעראיין; אויב אָבער די אייגענהייט איז אין געפאַהר, דאַן איז זי א מאַכט פאַר זיך, א מאַכט איבער מיר, א זאַך וואָס איך קאָן ניט דערגרייכען, וואָס איך קאָן, אמת טאַקע, בעוואונדערן, פערגעטערן, פערעהרן, רעספּעקטירן, אָבער ניט גובר זיין און פערצעהרן, און איך קאָן עס ניט דעריבער, ווייל איך לאָז זיך בויגען. זי עקזיסטירט דורך מיין לאָזען זיך בויגען, מיין זעלבסט־פערלייקענונג, מיין מוטלאָזיגקייט, וואָס ווערט אָנגערופען — דעמוט (עניוות). מיין דעמוט גיט איהר מוטה, מיין אונטערוואָרפענקייט גיט איהר די הערשאַפט.

בנוגע אָבער צו פרייהייט זיינען שטאַאט און פעראיין ניט אונטערוואָרפען אונטער קיין וועזענטליכער פערשיידענהייט. דער פעראיין קאָן פונקט אַזוי וועניג ענטשטעהן אָדער אָנהאַלטען זיין קיום, ניט בעשרענקענדיג די פרייהייט אויף אַלערליי אופנים, ווי דער שטאַאט קאָן זיך פערטראָגען מיט אונבעגרענצטער פרייהייט. אַ בעשרענקונג פון פרייהייט איז אומעטום אונפערמיידליך, וואָרים מען קאָן ניט פון אַלץ לויז ווערן; מען קאָן ניט פליהען ווי א פויגעל, בלויז ווייל מען וואָלט וועלען פליהען, וואָרים מען קאָן ניט פריי ווערן פון דער אייגענער שווערקייט; מען קאָן ניט לעבען א לענגערע צייט אונטער'ן וואַסער ווי א פיש, ווייל מען קאָן ניט אויסקומען אָהן דער לופט און מען קאָן זיך ניט בעפרייען פון דער דאָזיגער נויטוועדיגער בעדערפעניש א. ד. ג. אַזוי ווי די רעליגיאָן, און ספּעציעל דאָס קריסטענטום, האָט געפּייניגט די מענשען מיט דער

פאָדערונג צו רעאַליזירען דאָס אוננאַטירליכע און דאָס אונזיניגע, מוז מען עס בעטראַכטען ווי די ריכטיגע קאָנזעקווענץ פון דער רעליגיע־זער איבערגעשפּאַנטקייט און איהר איבערטריבענעם ענטוזיאַזם, וואָס די פריייהייט אַליין, די אַבסאָלוטע פריי־הייט איז ענדליך ערהויבען געוואָרען צום אידעאַל, און דער אונזין פון דאָס אונמעגליכע האָט אויף דעם אופן געמוזט אַרויסקומען אַזוי בלענדענד פאַר׳ן ליכט פון טאָג. — על כל פּנים וועט דער פעראיין געבען אַ גרעסערע מאָס פון פרייהייט, און מען וועט איהם דעריבער אויך מעגען האַלטען פאַר אַ „נייע פרייהייט“, ווייל מען וועט דורך איהם פּטור ווערען פון יעדען צוואַנג, וואָס איז אייגענטימליך דעם שטאַאַט־ און געזעלשאַפטס־לעבען; ער וועט אָבער נאָך גענוג ענט־האַלטען אונפרייהייט און אונפרייוויליגקייט. וואָרים זיין צוועק איז ניט די פרייהייט, וועלכע אין געגענטייל ער אָפּפערט צו דער אייגענהייט, נאָר דער עיקר די אייגענהייט. וואָס איז נוגע צו דעם, איז דער אונטערשייד צווישען שטאַאַט און פעראיין גרויס גענוג. יענער איז אַ פיינד און אַ מערדער פון דער אייגענהייט, דער איז אַ זוהן און אַ מיטאַרבייטער איהרער; יענער איז אַ גייסט, וועלכער וואָלט וועלען פערגעטערט ווערען אין דעם גייסט און אין דער וואָר־הייט, דער איז מיין ווערק, מיין פּראָדוקט. דער שטאַאַט איז דער הארר פון מיין גייסט, וועלכער פאָדערט גלויבען און שרייבט מיר פאָר „אני מאמינ׳ס“, די „אני מאמינ׳ס“ פון דער געזעצליכ־קייט; ער איבט אויס אַ מאָראַלישען איינפלוס, בעהערשט מיין גייסט, פערטרייבט מיין איך, כדי צו פערנעהמען זיין אָרט אלס „מיין אמת׳ער איך“; קורץ, דער שטאַאַט איז הייליג און איז אנטקעגען מיר, דעם איינצעלנעם מענשען, דער אמת׳ער מענש, דער גייסט, דער געשפּענסט. דער פעראיין אָבער איז מיין אייגענע שאַפונג, מיין בריאה, ניט הייליג, ניט קיין גייסטיגע מאַכט איבער מיין גייסט, נישט מעהר ווי יערע אַנדערע אַסאָציאַציע פון וועלכען עס איז סאָרט. אַזוי ווי איך וויל ניט זיין קיין שקלאַף פון מיינע פּרינציפּען, נאָר איך וואַרף זיי אונטער מיין שטענדיגע קריטיק און גיב גאָר קיין ערבות ניט פאַר זייער קיום, אַזוי און נאָך ווייניגער פער־פליכט איך מיין צוקונפט צו דעם פעראיין און שווער איהם ניט אָב מיין נשמה, ווי מען זאָגט עס ביים טייוועל, און ווי עס איז ווירקליך דער פאַל ביים שטאַאַט און אַלע גייסטיגע אויטאָריטעטען, נאָר איך

בין און בלייב פאר מיר מ ע ה ע ר איידער שטאאט, קירך, גאט א. ד. ג., און ממילא אויך אונענדליך מעהר איידער דער פעראיין.

יענע געזעלשאפט, וועלכע דער קאמוניזם וויל גרינדען, שיינט צו שטעהן אם נאהענטסטען צו דער פ ע ר א י י נ י ג ו נ ג. זי דארף, הייסט עס, בעצוועקען „אלעמענס וואוילזיין“, אבער טאקע א ל ע־מ ע נ ס, רופט ווייטלינג אויס אזוי פיעל מאל, א ל ע מ ע נ ס! דאס זעהט דאך ווירקליך אויס, ווי אין דער דאזיגער געזעלשאפט וואלט קיינער ניט געדארפט בלייבען הינטערשטעליג. וואס פאר א וואוילזיין אבער ועט עס זיין? האבען דען אלע דעמזעלביגען וואוילזיין? פיהלען זיך אלע גלייך וואויל ביי איין און דערזעלביגער זאך? אויב דאס איז אזוי, דאן האנדעלט זיך דא וועגען דאס „אמת'ע וואוילזיין“. קומען מיר דערמיט ניט אקוראט צו דעם פונקט, וואו די רעליגיאן פאנגט אן איהר געוואלטהערשאפט? דאס קריסטענטום זאגט: קוקט ניט אויף די הבלים פון דער וועלט, נאר זוכט אייער אמת'ן וואוילזיין, ווערט — פרומע קריסטען. דאס קריסט־זיין איז דאס אמת'ע וואוילזיין. עס איז דאס אמת'ע וואוילזיין „אלעמענס“, ווייל עס איז דאס וואוילזיין פון דעם מ ע נ ש ע ן אלס אזעלכען (דעם רוח). אבער אלעמענס וואוילזיין דארף דאך אויך זיין מ י י ן וואוילזיין און ד י י ן וואוילזיין — און ווי איז, ווען איך און דו בעטראכטען ניט יענעם וואוילזיין פאר א ו נ ז ע ר וואוילזיין? וועט אויך געזארגט ווערן פאר דאס, וואס מאכט א ו נ ז זיך פיהלען וואויל? ניין, פערקעהרט, די געזעלשאפט האט אבגעפסק'נט, אז א געוויסער וואוילזיין איז דאס „אמת'ע וואוילזיין“, לאמיר זאגען צ. ב. ש. דער גענוס, פאר וועלכען מען מוז עהרליך ארבייטען; דו אבער ציהסט פאר די גענוסרייכע פוילקייט, דעם גענוס אהן ארבייט, וועט די געזעלשאפט, וועלכע זארגט פאר „אלעמענס וואוילזיין“, גאנץ קלוגערהייט זיך אויס־היטען צו זארגען פאר דאס, וואס מאכט דיך זיך פיהלען וואויל. מיט דעם וואס דער קאמוניזם פראקלאמירט דאס וואוילזיין פון אלעמען, פערניכטעט ער אקוראט דאס וואוילזיין פון די, וועלכע האבען ביז אהער געלעבט פון זייערע רענטען און זיך געפיהלט דערביי וואהרשיינליך וואוילער, איידער ביי דער אויסזיכט פון ווייטלינג'ס שטרענגע ארבייטס־שטונדען. ווייטלינג בעהויפטעט דעריבער, אז ביי דעם וואוילזיין פון די טויזענדער קאן ניט עקזיס־

טירען דאָס וואוילזיין פון די מיליאָנען, מוזען יענע אויפגעבען זייער בעזונדער וואוילזיין „פון וועגען דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין“. ביין, מען דאַרף ניט אויפפאָדערן די לייט זיי זאָלען אָפּפערן זייער בעזונדער וואוילזיין צוליעב דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין, וואָרים מיט אָט דעם קריסטליכען אָנשפּרוך קאָן מען ניט דורכקומען; דעם פערקעהרטען אויפרוף, ניט צו לאָזען זיך פון קיינעם אָבנעהמען זייער *אייגענעם* וואוילזיין, נאָר דויערהאַפטיג דאָס איינפונדרעווען, — דאָס וועלען זיי בעסער פערשטעהן. זיי וועלען דאַן פון זיך אַליין קומען דערצו, אַז זיי קאָנען אַם בעסטען זאָרגען פאַר זייער וואוילזיין, ווען זיי *פערבינדען זיך* מיט אַנדערע צוליעב אָט דעם צוועק, ד. ה. „אָפּפערן אַ טייל פון זייער פרייהייט“, אָבער ניט צוליעב אַלעמענס וואוילזיין, נאָר צוליעב זייער אייגענעם. אַן אויפרוף צו די מענשענ'ס אויפאָפּפערנדע געפיהלען און זעלבסטפערלייקענענדער ליעבע האָט ענדליך שוין געדאַרפט האָבען פערלאָרן זיין צוציהענדע קראַפט, נאָכדעם ווי ער האָט נאָך טויזענדער יאָהרען פון טהעטיגקייט מעהר גאָרנישט איבערגעלאָזט אויסער דעם היינטיגען — עלענד. וואַרום זאָל מען נאָך אַלץ דערוואַרטען, אַז די אויפאָפּפערונג וועט אונז ברענגען בעסרעע צייטען? פאַרוואָס ניט בעסער האָפען אויף זיי דורך דעם היפּך פון אויפאָפּפערונג, דורך דער אוזורפּאַציע [פערכאַפּען וואָס מען קאָן]? די רעטונג קומט ניט מעהר פון די געבענדע, שענקענדע און ליעבענדע, זאָנדערן פון די *נעהמענדע*, די אָנאייגענדע (אוזורפּאַטאָרען), די אייגענטימער. דער קאָמוניזם און, בעוואוסטזיניג אָדער אונבעוואוסטזיניג, דער הומאַניזם, וואָס איז ממאס דעם עגאָיזם, בויען נאָך אַלץ אויף דער *ליעבע*.

איז די געמיינשאַפט איינמאָל דעם מענשענ'ס אַ בעדערפעניש און געפינט ער, אַז זי העלפט איהם אין זיינע צוועקען, דאַן שרייבט זי איהם אויך באַלד פאָר, אַזוי ווי זי איז געוואָרן זיין פּרינציפּ, *איהרע* געזעצען, די געזעצען פון דער — געזעלשאַפט. דער פּרינציפּ פון די מענשען דערהויבט זיך צו דער מדרגה פון אַ סואווערענער מאַכט איבער זיי, ער ווערט זייער העכסטעס וועזען, זייער גאָט, און אַלס אַזעלכער — אַ געזעצגעבער. דער קאָמוניזם גיט אָט דעם פּרינציפּ די שטרענגסטע קאָנזעקווענץ, און דאָס קריסטענטום איז די רעליגיאָן פון דער געזעלשאַפט, וואָרים ליעבע איז, ווי פּייער-

באך האָט ריכטיג געזאָגט, הגם ער האָט עס ניט ריכטיג געמיינט. דאָס וועזען פון מענשען, ד. ה. דאָס וועזען פון דער געזעלשאפט אָדער פון דעם געזעלשאפטליכען (קאָמוניסטישען) מענשען. יעדע רעליגיאָן איז א קולט פון דער געזעלשאפט, דער פּרינציפּ, פון וועלכען דער געזעלשאפטליכער (קולטיווירטער) מענש ווערט בעהערשט; אזוי אויך איז קיין גאָט ניט דער אויסשליסליכער גאָט פון איין „איך“, נאָר ער איז אימער דער גאָט פון א געזעלשאפט אָדער א געמיינשאפט, סיי עס איז פון דער געזעלשאפט, וואָס הייסט „פאמיליע“ (לאר, פענאטען), אָדער פון א „פאָלק“ (א „נאציאָנאל־גאָט“), אָדער פון „אלע מענשען“ (ער איז א פאָטער פון אלע מענשען).

פאָלגליך האָט מען נאָר יעמאָלט אן אויסזיכט צו פערטילינען די רעליגיאָן ביז'ן גרונט, ווען מען גיט אָב אין ארכיוו די געזעלשאפט, מיט אלץ וואָס פליסט ארויס פון דעם פּרינציפּ. אָבער גראָד אין דעם קאָמוניזם זוכט אָט דער פּרינציפּ צו דערגרייכען זיין העכסטען פונקט, וואָרים אין דעם קאָמוניזם מוז אלץ ווערן געמיינשאפטליך, כדי צו עטאבלירען די — „גלייכהייט“. האָט מען געוואונען די דאָזיגע „גלייכהייט“, וועט אויך ניט פעהלען די „פרייהייט“. אָבער וועמענס פרייהייט? דער געזעלשאפט'ס! די געזעלשאפט איז דעמאָלט אלץ אין אלעמען, און די מענשען זיינען נאָר „איינער פאר'ן אנדערן“. עס וואָלט געווען די גלאָריע פון דעם — ליעבעס־שטאאט.

איך וואָלט אָבער בעסער געוואָלט זיין אנגעוויזען אויף דעם אייגעננוץ פון די מענשען, איידער אויף זייערע ליעבעס־דיענסטען, אויף זייער בארעמהערציגקייט, מיטלייד א. אז. וו. דער אייגעננוץ פאָדערט געגענזייטיגקייט (ווי דו מיר, אזוי איך דיר), ער טהוט גאָרנישט „אומזיסט“, ער לאָזט זיך געווינען און — געקויפט ווערן. מיט וואָס אָבער קאָן איך מיר דערווערבען די ליעבליכע געפעליגקייט? עס איז א מעשה פון צופאל און הענגט אָב פון דעם, צי איך האָב גראָד צו טהאָן מיט א „ליעבליכען“ מענשען. די געפעליגקייט פון דעם ליעבליכען לאָזט זיך נאָר — אויסבעטלען, זאָל עס זיין מחמת מיין בעדויערנסווערטהען אויסזעהן, מיין נויטבעדירפטיגקייט, מיין עלענד, מיין — ליידען. וואָס קאָן איך איהם אנבאָטען פאר זיין הילף־לייסטונג? גאָר־

נישט! איך מוז זי אָננעהמען — אַלס געשענק. ליעבע איז אונ־בעצאָהלבאר, אָדער ריכטיגער: ליעבע קאָן טאקע יאָ בע־צאָהלט ווערן, אָבער נאָר דורך געגענליעבע („איין געפעליגקייט רופט ארויס די אנדערע"). ווי קליינליך און בעטלעריש דאָס איז, אָנצונעהמען מתנות יאָהר־איין יאָהר־אויס און גאָרנישט געבען דערפאַ צוריק, ווי צ. ב. ש. די מתנות, וואָס מען נעהמט רעגעל־מעסיג צונויף פון די אָרימע טאָג־ארבייטער? וואָס קאָן דער מקבל טהאָן פאַר איהם און זיינע געשענקטע גראָשענס, פון וועלכע זיין רייכטום בעשטעהט? דער טאָג־ארבייטער וואָלט זיכער געהאַט מעהר גענוס, ווען דער מקבל מיט זיינע געזועצען, אינסטיטוציעס א. אַז. וו. — פאַר וועלכע, אגב, דער אַרבייטער מוז דאָך איינגאַנצען בעצאָהלען — וואָלט גאָר ניט עקזיסטירט. און ביי דעם אַלעם ליעבט האָך דער אָרימער קערל זיין הארען.

ניין, עס איז אונמעגליך, אַז די געמיינשאַפט זאָל זיין דער „ציעל" פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג. לאָמיר זיך בעסער אָבזאָגען פון יעדער היפּאָקריטסטווע פון דער געמיינשאַפט און לאָמיר איינזעהן, אַז ווען מיר זיינען גלייך אַלס מענשען, זיינען מיר טאַקע מחמת דעם אַליין ניט גלייך, ווייל מיר זיינען ניט קיין מענשען [בכלל]. מיר זיינען נאָר אין געדאַנקען גלייך, נאָר ווען „מיר" ווערן געדאַכט, ניט ווי מיר זיינען ווירקליך און קערפּערליך. איך בין איך, און דו ביזט איך, אָבער איך בין ניט דער איך, פון וועלכען מען דענקט, נאָר אָט דער איך; דער איך, אין וועלכען מיר זיינען אַלע גלייך, איז נאָר מיין גע־דאַנק. איך בין מענש און דו ביזט מענש, אָבער מענש איז נאָר אַ געדאַנק, אַן אַלגעמיינהייט, ניט איך און ניט דו קאָנען אויסגע־דריקט ווערן אין ווערטער, מיר זיינען אונאויסשפּרעכ־ליך, ווייל נאָר געדאַנקען קאָנען אויסגעדריקט ווערן אין ווערטער און האָבען זייער קיום אין ווערטער.

לאָמיר דעריבער ניט שטרעבען צו דער געמיינשאַפט, זאָנדערן צו דער איינזייטיגקייט. לאָמיר ניט זוכען די אומפּאַ־סענדע געמיינדע, די „מענשליכע געזעלשאַפט", נאָר לאָמיר זוכען אין די אַנדערע בלויז מיטלען און אָרגאַנען, מיט וועלכע מיר זאָלען זיך קאָנען בענוצען ווי מיט אונזער אייגענטום! אַזוי ווי אין בוי־מער, אין חיות זעהען מיר ניט אונזער גלייכען, אזוי איז די אָננע־

נומענע מיינונג, אַז אַנדערע מענשען זיינען אונזער גלייכען, נישט מעהר ווי אַ היפּאָקריטסטווע. קיינער איז ניט מ י י נ ג ל י י כ ע ן, זאָנדערן איך בעטראַכט איהם, גלייך ווי אַלע אַנדערע וועזענס, אַלס מיין אייגענטום. דאַגעגען זאָגט מען מיר, איך זאָל זיין אַ מענש צווישען „מיטמענשען" (יודען־פראַגע, ז. 60); איך זאָל אין זיי „רעספּעקטירען" דעם מיטמענשען. קיינער איז פאַר מיר ניט קיין פּערזאָן צו רעספּעקטירען, אפילו ניט דער מיטמענש, זיי זיינען אַלע נישט מעהר ווי אַנדערע וועזענס, אַ ג ע ג ע נ ש ט א נ ד, אין וועלכען איך נעהם אָן אינטערעס אָדער ניט — ער איז מיר אָן אינטערעסאַנטער אָדער ניט קיין אינטערעסאַנטער געגענשטאַנד, אַ געברויכבאַרער אָדער ניט־געברויכבאַרער סוביעקט.

און ווען איך קאָן איהם געברויכען, קום איך צו אַ פערשטענדע־ניס מיט איהם און אייניג זיך מיט איהם, כדי דורך דער פעראייני־גונג צו פערשטאַרקען מ י י ן מ א כ ט און צו קאָנען מעהר לייס־טען דורך דער געמיינזאַמער קראַפט, איידער די איינצעלנע קראַפט וואָלט געקאָנט אויפטהאָן. אין דער דאָזיגער געמיינזאַמקייט זעה איך דורכאויס מעהר גאָרנישט אויסער אַ פערפיעלפאַכונג פון מיין קראַפט, און איך האַלט זי אויף נאָר אַזוי לאַנג, ווי זי איז מ י י ן פערפיעלפאַכטע קראַפט. אַזוי אָבער איז זי — אַ פעראיין.

דעם פעראיין האַלט ניט צוזאַמען, ניט קיין נאַטירליכער, ניט קיין געמאַכטער באַנד, און ער איז ניט קיין נאַטירליכער, קיין גייס־טיגער בונד. ער ווערט ניט צושטאַנד געבראַכט, ניט דורך איין ב ל ו ט, ניט דורך איין ג ל ו י ב ע ן (ד. ה. גייסט). אין אַ נאַטיר־ליכען בונד — ווי אַ פאַמיליע, אַ שטאַאַט, אַ נאַציאָן, די מענשהייט — האָבען די איינצעלנע נישט מעהר ווי דעם ווערטה פון עקזעמפּ־לאַרען פון דעמזעלבען מין אָדער גאַטונג; אין אַ גייסטיגען בונד — ווי אַ געמיינדע, אַ קירך — בעטייט דער איינצעלנער נאָר ווי אַ ג ל י ע ד פון דעמזעלבען גייסט; וואָס דו ביזט, אין דיביידע פעלען, אַלס איינציגער, דאָס מוז — אונטערדריקט ווערן. בלויז אין דעם פעראיין קאָנסטו זיך בעהויפּטען אַלס איינציגער, ווייל דער פעראיין בעזיצט ניט דיך, נאָר דו בעזיצסט איהם אָדער דו מאַכסט פון איהם נוצען.

אין דעם פעראיין, און נאָר אין דעם פעראיין, ווערט אָנדער־קענט דאָס אייגענטום, ווייל קיינער האַלט ניט מעהר וואָס איז

זיינס אין לעהן פון א וועלכען־עס־איז וועזען. די קאָמוניסטען פיהרען נאָר קאָנזעקווענט ווייטער, וואָס איז שוין לאנג דאָ געוועזען אין פערלויף פון דער רעליגיעזער ענטוויקלונג, און ספּעציעל אין דעם שטאאט, נעמליך, די אייגענטומלאָזיגקייט, ד. ה. דעם פּעאָדאַלען סיסטעם.

דער שטאאט מיהט זיך איינצושטילען די הונגעריגע און בעגעהרליכע; מיט אנדערע ווערטער, ער זוכט צו מאכען, זיי זאָלען זיך ווענדען צו איהם מיט זייערע בעגעהרען און זיך בעפריעדיגען מיט דאָס, וואָס ער גיט זיי. זעטיגען דעם בעגעהר פון די הונגעריגע פון זייערטוועגען אליין, דאָס קומט איהם גאָר אויפ'ן זין ניט ארויף: פערקעהרט, ער שימפּט דעם בעגעהר פון א ניט־איינגעהאלטענעם מענשען מיט'ן נאָמען „עגאָיסט“, און דער „עגאָיסטישער מענש“ איז זיין פיינד. ער איז פאר איהם א פיינד דערפאר, ווייל דעם שטאאט פעהלט די פעהיגקייט מיט איהם צו רעכט צו קומען, דען ער קאָן דעם עגאָיסט ניט „בעגרייפען“. אַזוי ווי דער שטאאט טראכט דורכאויס נאָר וועגען זיך, ווי עס קאָן אנדערש ניט זיין, זאָרגט ער ניט וועגען מיינע בעדערפעּנישען, נאָר ער זאָרגט רק ווי אזוי מיך אומצוברענגען, ד. ה. ווי צו מאכען פון מיר אַנאנדער איך, א גוטען בירגער. ער פיהרט איין אנשטאלטען פון „מאָראַל־פערבעסערונגען“. — און מיט וואָס געווינט ער די איינצעלנע פאר זיך? מיט זיך, ד. ה. מיט דאָס, וואָס איז זיינס, דעם שטאאט'ס, מיט שטאאט'ס־אייגענטום. ער וועט נאָכאנאנד זיין טהעטיג צו מאכען אלעמען פאר טיילנעהמער אין זיינע „גיטער“, אלעמען צו פערזאָרגען מיט די „גיטער פון קולטור“: ער שענקט זיי זיין ערציהונג, עפענט פאר זיי דעם צוטריט צו זיינע קולטור־אנשטאלטען, גיט זיי די מעגליכקייט צו דערשלאָגען זיך צו אייגענטום (ד. ה. צו לעהן־גיטער) אויף דעם וועג פון אינדוסטריע א. אז. וו. פאר אָט די אלע לעהן־גיטער פאָדערט ער נאָר דעם ריכטיגען צינז פון א שטענדיגען דאנק. אָבער די „אונדאנקבארע“ פערגעסען אָבצוגעבען אָט דעם דאנק. — אַנדערש ווי דער שטאאט קאָן עס די געזעלשאפט בעצם אויך ניט מאכען.

אין דעם פעראיין ברענגסטו דיין גאנצע מאכט, דיין פערמעגען, און מאכסט זיך גילטיג, אין דער געזעלשאפט ווערסטו מיט דיין ארבייטס־קראפט פערוועּנדעט; אין

יענעם לעבסטו ענאָיסטיש, אין דער — מענשליך, ד. ה. רעליגיעז, אַלס א „גליעד אין דעם קערפּער פון אָט דעם האררן": דער געזעלשאַפט ביזטו שולדיג אַלץ וואָס דו האָסט, דו ביזט איהר פערפּליכטעט, דו ביזט פערכאַפּט פון „סאָציאַלע פּליכטען", דעם פעראיין בענוצסטו און גיבסט איהם אויף, אָהן התחיבות און אָהן טרייקייט, ווען דו קאָנסט מעהר פון איהם קיין נוצען ניט ציהען. איז די געזעלשאַפט מעהר איידער דו ביזט, דאַן האלסטו זי טהייערער פאַר זיך; דער פעראיין איז דיין ווערקצייג אָדער דער שווערד, מיט וועלכען דו פערשאַרפסט און פערגרעסערסט דיין נאַטירליכע קראַפט. דער פעראיין עקזיסטירט דורך דיר און פאַר דיר, די געזעלשאַפט פערקעהרט נעהמט דיך אין אָנשפּרוך פאַר זיך און עקזיסטירט אָהן דיר אויך. קורץ, די געזעלשאַפט איז ה י י ל י ג, דער פעראיין איז דיין אייגענס: די געעזלשאַפט פערברויכט ד י ך, דעם פעראיין פערברויכסט ד ו.

עס וועלען פונדעסטוועגען ניט פעהלען אזוינע, וואָס וועלען איינווענדען אנטקעגען דעם, אז די געשלאָסענע פעראייניגונג קאָן אונז וויעדער ווערן צו לאַסט און וועט בעשרענקען אונזער פרייהייט; מען וועט זאָגען, מיר וועלען אויך ענדליך מוזען קומען דערצו, אז „יעדערער וועט צוליעב דעם כלל מוזען אָפּפּערן א טייל פון זיין פרייהייט". אין דער ווירקליכקייט אָבער וועט פון דעם כלל'ס וועגען גאָר איננאַנצען ניט פאַלען קיין אָפּפער, פונקט אזוי וועניג, ווי איך האָב דעם אָבמאַך געשלאָסען פון דעם כלל'ס וועגען אָדער פון וועלכען־עס־איז אַנאַנדער מענשענ'ס וועגען; פיעל מעהר בין איך איינגעגאַנגען אויף דעם אָבמאַך פון מיין אייגענעם נוצענ'ס וועגען, פשוט אוים א י י ג ע נ נ ו צ ע ן. וואָס בעטרעפט אָבער דאָס אָפּפערן, איז אָפּפער איך דאָך נאָר דאָס, וואָס שטעהט סיי ווי ניט אין מיין מאַכט, ד. ה. איך „אָפּפער" גאָרנישט.

קומענדיג צוריק צו אייגענטום — דער הארר איז דער אייגענטימער. איז קלייב זיך אוים, צי ד ו ווילסט זיין דער הארר, צי די געזעלשאַפט זאָל זיין די האַררענטע! דערפון העננט אָב, צי דו וועסט זיין אַן אייגענטימער אָדער א שלעפּער! דער עגאָיסט איז אַן אייגענטימער, דער געזעלשאַפט־מענש איז א שלעפּער. אָבער די שלעפּערשאַפט אָדער אייגענטומלאָזיגקייט איז דער זין פון דעם פעאָדאַליזם, פון דעם פעאָדאַלען סיסטעם, וועלכער

האָט זינט דעם פאָריגען יאָהרהונדערט נאָר אומגעביטען דעם פעאָדאַלען פריץ, דערמיט וואָס ער האָט „דעם מענשען" אוועקגע־שטעלט אנשטאָט גאָט און האָט פון דעם מענשען אָנגענומען אין פעאָדאַלען לעהן דאָס, וואָס איז פריהער געווען אַ לעהן פון גאָט'ס גנאָד. אַז די שלעפערשאַפט פון קאָמוניזם איז דורך דעם הומאַנעם פרינציפ געבראַכט געוואָרן צו דער אַבסאָלוטער אָדער שלעפערסטער שלעפערשאַפט, איז אויבען בעוויזען געוואָרן, אָבער אין דערזועלבער צייט איז אויך בעוויזען געוואָרן, ווי די שלעפערשאַפט קאָן נאָר אויף דעם אופן זיך אומדרעהען אין אייגענהייט. דער אַלטער פעאָ־דאַלער סיסטעם איז דורך דער רעוואָלוציע אַזוי גרינדליך אַריינגע־לעגט געוואָרן אין דער ערד, אַז אַלע רעאַקציאָנערע כיטרע פּלענער זיינען געבליבען פרוכטלאָז און וועלען אימער בלייבען פרוכטלאָז, ווייל דאָס טויטע — איז טויט; אָבער אין דער קריסטליכער געשיכטע האָט דער תחית המתים אויך זיך געמוזט אויפהאַלטען אַלס אַ וואַרהייט, און עס האָט זיך אויפגעהאַלטען: דער פעאָ־דאַליזם איז ווידער אויפגעשטאַנען אין אַנאַנדער וועלט מיט אַ לויטערן לייב אַלס דער נ י י ע ר פעאָדאַליזם, אונטער דער אויבער־פעאָדאַלער־הערליכקייט פון'ם „מ ע נ ש ע ן".

דאָס קריסטענטום איז ניט פערניכטעט, נאָר די גלויביגע זיינען גערעכט, ווען זיי האָבען ביז אַהער מיט פולען צוטרויען געהאַלטען, אַז יעדער קאַמף אַנטקעגען קריסטענטום האָט נאָר געקאָנט דיענען איהם צו לייטערן און בעפעסטיגען; וואָרים ער איז ווירקליך לויטערער געוואָרן, און „דאָס ענטדעקטע קריסטענטום" איז — דאָס מ ע נ ש ל י כ ע. מיר לעבען נאָך אינגאַנצען אין דער קריסט־ליכער עפּאָכע, און די, וועלכע ערגערן זיך פון דעם אַם מייסטען, העלפען גראָד אַם שטאַרקסטען זי צו „פערפאָלשטענדיגען". וואָס מענשליכער, אַלץ ליעבער איז דער פעאָדאַליזם אונז געוואָרן; וואָרים וואָס מענשליכער, אַלץ ווייניגער גלויבען מיר, אַז עס איז נאָך פעאָדאַליזם, אַלץ זיכערער נעהמען מיר איהם אָן פאַר אייגענהייט און מיינען צו האָבען געפונען אונזער „אייגענסטעס", ווען מיר ענט־דעקען „דאָס מענשליכע".

דער ליבעראַליזם וויל מיר געבען וואָס איז מיינס, אָבער ער וויל מיר דאָס פערשאַפען ניט אונטער דעם טיטול מיינס, נאָר אונטער דעם נאָמען „דאָס מענשליכע". אַזוי ווי עס וואָלט מעגליך

נעוועז אונטער אַט דער מאסקע דאָס צו דערגרייכען! די מענ־שענ־רעכט, דאָס טהייערע ווערק פון דער רעוואָלוציע, האָבען דעם זין, אז דער מענש אין מיר בערעכטיגט מיך צו דאָס און יענעס: איך אַלס איינצעלנער, ד. ה. אַלס אָט דער מענש, בין ניט בערעכ־טיגט, נאָר דער מענש האָט דאָס רעכט און ער בערעכטיגט מיך. אַלס מענש קאָן איך, הייסט עס, טאקע זיין בערעכטיגט, אזוי ווי איך בין אָבער מעהר איידער מענש, נעמליך א ספעציעלער מענש, קאָן עס אקוראט מיר, דעם ספעציעלען מענשען, ניט געגעבען ווערן. אויב, פערקעהרט, איהר בעשטעהט אויף דעם ווערטה פון די מתנות, דאָן האַלט אָן דעם פרייז, לאָזט זיך ניט צווינגען אָבצוגעבען זיי אונטער'ן פרייז, לאָזט זיך ניט איינרעדען, אז אייער סחורה איז ניט ווערטה דעם פרייז, מאכט זיך ניט לעכער־ליך בעטענדיג א שפּאָט־פּרייז, נאָר טהוט ווי דער דרייסטער מענש, וועלכער זאָגט: איך וויל מיין לעבען (אייגענטום) טהייער פער־קויפען, די שונאים זאָלען ניט האנדלען קיין מציאה אין מיר. דאַן וועט איהר אָנדערקענען דעם היפּך פון קאָמוניזם אַלס דאָס ריכטיגע, און עס וועט דאַן ניט הייסען: גיט אויף אייער אייגענטום! זאָנדערן: קריגט דעם ווערטה פון אייער אייגענטום!

איבער די טויערן פון אונזער צייט שטעהט ניט אַפּאָלאָ'ס אויפ־שריפט: „דערקען דיך אליין“, זאָנדערן: קריג ארויס דיין ווערטה!

פּרודאָן רופט אָן דאָס אייגענטום „דער רויב“ (לע וואָל). אָבער דאָס פרעמדע אייגענטום — און ער רעדט דאָך נאָר פון אזא אייגענטום — עקזיסטירט פונקט אזוי פיעל דורך ענטזאָגונג, אָב־טרעטונג און עניוות [דעמוט]; עס איז א געשענק. וואָרום בעטען מיטלייד אזוי סענטימענטאל אַלס אָן אָרימער בערויבטער, ווען מען איז דאָך נאָר א נארישער, פייגער געשענקען־נעבער? וואָרום דאָ אויך ווידער ארויפוואַרפען די שולד אויף אַנדערע, אז זיי בערויבען אונז, ווען מיר אַליין טראָגען האָך די שולד, פאר וואָס מיר לאָזען די אַנדערע אונבערויבט. די אָרימע זיינען שולדיג אין דעם, וואָס עס זיינען פאראַן רייכע.

בכלל ווערט קיינער ניט אויפגעבראַכט וועגען זיין אייגענ־טום, נאָר וועגען פרעמד אייגענטום. מען גרייפט באמת ניט

אַן דאָס אייגענטום, נאָר די פערפערעמדונג פון אייגענטום. מען וויל מעהר, ניט וועניגער, קאָנען אָנרופען מיינס; מען וויל אַלץ אָנרופען מיינס. מען קעמפט, אַלזאָ, אַנטקעגען דער פרעמדקייט, אָדער — צו שאַפען אַ וואָרט, וואָס זאָל זיין עהנליך צו אייגענטום, — אַנטקעגען דאָס פרעמדענטום. און וואָס טהוען זיי דערצו? אַנשטאָט צו פערוואַנדלען דאָס פרעמדע אין אייגענעס, שפּיעלט מען די ראָליע פון אַן אונפּאַרטייאישען און מען פערלאַנגט נאָר, אַז מען זאָל דאָס גאַנצע אייגענטום איבערלאָזען צו אַ דריטען (צ. ב. ש. צו דער מענשליכער געזעלשאַפט). מען מאָהנט ניט דאָס פרעמדע אין דעם אייגענעם נאָמען, נאָר אין דעם נאָמען פון אַ דריטען. אָבגעווישט דעם עגאָיסטישען קאָליער און אַלץ איז אַזוי ריין און — מענשליך!

אייגענטומלאָזיגקייט אָדער שלעפערשאַפט, דאָס אַלזאָ איז „דאָס וועזען פון קריסטענטום", ווי עס איז אויך דאָס וועזען פון יעדער רעליגיעזיטעט (ד. ה. פרומקייט, זיטליכקייט, מענשליכקייט), און נאָר אין דער „אַבסאָלוטער רעליגיאָן" האָט זי זיך פערקינדעט אַם קלאָרסטען, און איז געוואָרן אַלס „גוטע בשורה" אַן ענטוויקלונגספעהיג עוואַנגעליום. די אויסדריקליכסטע ענטוויקלונג דערפון האָבען מיר איצטער אין דעם געגענווערטיגען קאַמף אַנטקעגען דאָס אייגענטום — אַ קאַמף וואָס דאַרף פיהרען „דעם מענשען" צום זיעג און מאַכען די אייגענטומלאָזיגקייט פאָלשטענדיג: די דאָזיגע הומאַניטעט איז דער זיעג פון — קריסטענטום. אָבער דאָס אַזוי „ענטדעקטע קריסטענטום" איז דער פאָלשטענדיגסטער פעאָדאַליזם, דער אַלץ־אומפאַסענדער פעאָדאַלער סיסטעם, ד. ה. די — פאָלקאָמענע שלעפערשאַפט.

הייסט עס אודאי נאָך אַמאָל אַ „רעוואָלוציע" אַנטקעגען דעם פעאָדאַלען סיסטעם? —

רעוואָלוציע און אויפשטאַנד דאַרפען ניט בעטראַכט ווערן, ווי זיי וואָלטען געהאַט דיזעלביגע בעדייטונג. די ערשטע בעשטעהט פון אַן איבערקעהרעניש פון די צושטאַנדען, פון דעם בעשטעהענדען מצב אָדער סטאַטוס, פון דעם שטאַאט אָדער געזעלשאַפט, און בכן איז עס אַ פּאָליטישער אָדער סאָציאַלער אַקט; דער צווייטער פיהרט אפילו אויך צו אַן אונפערמיידליכער ענדערונג פון די צושטאַנדען, אָבער ער נעהמט זיך ניט פון דער נויטיגקייט פון

דער ענדערונג, נאָר פון דער אונצופריעדענהייט פון די מענשען מיט זיך אַליין: ער איז ניט אַן אויפהויבונג פון געוועהר, נאָר אַן ערהויבונג פון די איינצעלנע, אַן אויפשטעלען־זיך העכער, ניט נעהמענדיג אין בעטראַכט די נייע איינפיהרונגען, וואָס וועלען דערפון אַרויסקומען. די רעוואָלוציע בעצוועקט נייע איינאָרדנונגען, דער אויפשטאַנד פיהרט דערצו, מיר זאָלען זיך ניט לאָזען ווערן איינגעאָרדענט, זאָנדערן מיר זאָלען זיך אַליין איינאָרדנען, און ער לעגט ניט קיין גלענצענדע האָפנונג אויף „אינסטיטוציעס“. דער אויפשטאַנד איז ניט קיין קאַמף אַנטקעגען דעם בעשטעהענדען צושטאַנד; איז ער מצליח, פאַלט ממילא איין דער בעשטעהענדער צושטאַנד פון זיך אַליין: ער איז נאָר אַן אַרויסארבייטען זיך פון דעם בעשטעהענדען צושטאַנד. פערלאָז איך די בעשטעהענדע אָרדנונג, בלייבט זי טויט און נעהמט פוילען. איז דעריבער, וויבאַלד מיין צוועק איז ניט איינצו־וואַרפען אַ בעשטעהענדע אָרדנונג, נאָר בלויז אויפצוהויבען זיך איבער איהר, איז מיין כונה און מיין אַרבייט ניט קיין פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע, נאָר, אַלס אַזעלכע וואָס איז געווענדעט בלויז אויף מיר און מיין אייגענהייט — אַן עגאָיסטישע.

די רעוואָלוציע בעפעהלט צו מאַכען איינריכטונגען, דער אויפשטאַנד פאָדערט מען זאָל זיך אויפריכטען אָדער אויפהויבען. די רעוואָלוציאָנערע קעפּ האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער פראַגע, וועלכע קאָנסטיטוציע זיך אויסצוקלייבען און די גאַנצע פּאָליטישע פעריאָדע האָט געזאָטען מיט מחליקות און שאלות וועגען קאָנסטיטוציעס; אַזוי אויך זיינען די סאָציאַלע טאַלאַנטען געווען אונגעוועהנליך ערפינדעריש בנוגע געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען (פאַלאַנסטעריען א. ד. ג.). דער אויפשטאַנד־מאַכער אָבער, דער מורד, בעשטרעבט פטור צו ווערן פון אַלע קאָנסטיטוציעס.*

זוכענדיג אין געדאַנק עפּעס אַ ביישפּיעל, וואָס זאָל קלערער

* כדי מיך צו פערזיכערען אַנטקעגען אַ קרימינאַל־אַנקלאָג, בעמערק איך דאָ אַן איבעריגען מאָל אויסדריקליך, אַז איך האָב אויסגעקליבען דאָס וואָרט אויפשטאַנד צוליעב זיין עטימאָלאָגישען זין, און בכן געברויך איך איהם ניט אין דעם בעשרענקטען זין, וועלכער איז פערבאָטען פון שטראָף־געזעץ.

מאַכען דעם ענין, פאַלט מיר איין אונדערוואַרטעט די גרינדונג פון קריסטענטום. מצד די ליבעראַלען ווערט פערצייכענט אַן עולה אויף די ערשטע קריסטען, וואָס זיי האָבען געפּרעדיגט געהאָרכזאַמ־קייט צו דער בעשטעהענדער שטאַאַט־אָרדנונג פון די יידען, וואָס זיי האָבען בעפוילען אָנצוערקענען די יידענישע הערשאַפטען און האָבען צוטרויליך אָבגעגעבען דעם בעפעהל: „גיט דעם קייזער, וואָס איז דעם קייזער'ס". און אין יענער צייט זיינען דאָך פאָרגע־קומען אַזוי פיעל אונרוהען אַנטקעגען דער רוימישער אויבער־הערשאַפט; די אידען האָבען זיך אַזוי שטאַרק געבונטעוועט און אפילו די רוימער גופא האָבען געבונטעוועט אַנטקעגען זייער אייגע־נער וועלטליכער רעגיערונג; קורץ, די פּאָליטישע אונצופריעדענ־הייט איז דאָך דאַן געווען אַזוי פּאָפּולער! יענע קריסטען האָבען דערפון גאָר ניט געוואָלט וויסען; זיי האָבען ניט געוואָלט מיטגעהן מיט די „ליבעראַלע טענדענצען". די צייט איז געווען פּאָליטיש אַזוי אויפגערעגט, אַז ווען מען האָט געוואָלט, ווי דאָס ווערט דער־צעהלט אין עוואַנגעליום, פערזיכערן דעם ערפאָלג פון דער בעשולדי־גונג אַנטקעגען דעם גרינדער פון קריסטענטום, האָט מען קיין בעסערן מיטעל ניט געפונען, ווי צו פער'מסר'ן איהם אַלס פּאָליטישען אינ־טריגאַנט; הגם דיזעלבע עוואַנגעליען בעריכטען, אַז ער האָט גראָד אָם וועניגסטען זיך בעטייליגט אין דער דאָזיגער פּאָליטישער אַגי־טאַציע. וואָרום אָבער איז ער ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, קיין דעמאַגאָג, ווי די אידען וואָלטען גערן געוואָלט איהם צו זעהן? וואָרום איז ער ניט געווען קיין ליבעראַלער? ווייל ער האָט קיין גוטס ניט דערוואַרט פון אַן ענדערונג פון די צושטאַנדען, און ער איז געווען גלייכגילטיג צו דעם דאָזיגען גאַנצען עסק. ער איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, ווי צעזאַר צ. ב. ש., נאָר אַ מורד; ער איז ניט געווען קיין שטאַאַט־איינוואַרפער, נאָר אַזוינער וואָס האָט זיך הויך אויפגעהויבען. דעריבער איז פאַר איהם נאָר געווען וויכטיג דער שפּרוך „זייט קלוג ווי די שלאַנגען"; וואָס האָט אויסגעדריקט דעמזעלביגען זין, ווי אין דעם ספּעציעלען פאַל יענער שפּרוך „גיט דעם קייזער, וואָס איז דעם קייזער'ס"; וואָרים ער האָט דאָך ניט געפיהרט קיין ליבעראַלען אָדער פּאָליטישען קאַמף אַנטקעגען די בעשטעהענדע הערשאַפטען, נאָר ער האָט געוואָלט געהן זיין אייגענעם וועג, זיך ניט קימערנדיג וועגען די דאָזיגע הערשאַפטען

און ניט ווערנדיג געשטערט פון זיי. ער איז געווען ניט ווענינער גלייכגילטיג צו די שונאים פון דער רעגירונג, ווי צו איהר אליין, ווארים זיי האבען ביידע ניט פערשטאנען וואס ער האט געוואלט, און ער האט נאר געדארפט זיי אבשטופען פון זיך מיט שלאנגען־קלוגקייט. אבער הגם ער איז ניט געווען קיין פאלקס־אגיטאטאר, קיין דעמאגאג אדער רעוואלוציאנער, דערפאר איז ער (און יעדערער פון די אלטע קריסטען) אלץ מעהר געווען א מ ו ר ד, וועלכער האט זיך דערהויבען איבער אלץ, וואס די רעגירונג און איהרע געגנער האבען געהאלטען פאר ערהאבען, און האט זיך אויסגעבונדען פון אלץ, אן וואס יענע זיינען געבליבען געבונדען, און וועלכער האט אין דערזעלביגער צייט אבגעשניטען די לעבענס־קוואלען פון דער גאנצער היידענישער וועלט, אהן וועלכע דער היידענישער שטאאט וואלט סיי ווי סיי געמוזט פערדארט ווערן. גראד דערפאר ווייל ער האט מרחה געווען דאס איינווארפען פון דער בעשטעהענדער ארדנונג, איז ער געווען איהר דם שונא און איהר ווירקליכער פערניכטער; ווארים ער האט זי איינגעמויערט, אויפשטעלענדיג מיט בטחון און אהן ריקזיכטען דעם בנין פון ז י י ן טעמפעל, ניט אכטענדיג אויף די שמערצען פון די איינגעמויערטע.

וועט ניט פאסירען מיט דער קריסטליכער וועלט־ארדנונג דאס־זעלבע, וואס איז געשעהן צו דער היידענישער? א רעוואלוציע וועט געוויס ניט מאכען פון איהר קיין סוף, אויב עס וועט אפריהער ניט דורכגעפיהרט ווערן קיין אויפשטאנד!

*

איז וואס, אלזא, בעצוועקט מיין פערקעהר מיט דער וועלט? איך וויל זי געניסען, דעריבער מוז זי זיין מיין אייגענטום, און דעריבער וויל איך זי געווינען. איך וויל ניט די פרייהייט און ניט די גלייכהייט פון מענשען; איך וויל נאר מ י י ן מאכט איבער זיי, איך וויל זיי מאכען פאר מיין אייגענטום, ד. ה. זיי צו קאנען געניסען. און אויב דאס געלינגט מיר ניט, איז רוף איך דאן די געוואלט איבער לעבען און טויט, וואס די קירך און דער שטאאט האבען צוגענומען פאר זיך, אויך — מיינע. שטעמפעלט מיט שאנדע דעם נאמען פון יענעם אפיציר'ס אלמנה, וועלכע האט ארונטערגענומען דאס זאק־בענדעל פון איהר אבגעשאסענעם פוס, אנטלויפענדיג פון שונא אין רוסלאנד, האט דערמיט דערשטיקט

איהר קינד און דאן אליין געשטאָרבען, אָבגעהענדיג מיט בלוט נעבען דעם טויטען קערפּער פון איהר קינד — שטעמפּעלט מיט שאַנדע דעם אָנדענקען פון דער קינדער־מערדערין. ווער וויים וויפיעל דאָס דאָזיגע קינד וואָלט געקאָנט „דער וועלט נוצען ברענגען“, ווען עס וואָלט געבליבען ביים לעבען! די מוטער האָט עס ערמאָרדעט, ווייל זי האָט געוואָלט שטאַרבען א בעפריעדיגטע און בערוהיגטע. דער דאָזיגער פאַל רעדט נאָך פיליכט עפּעס צו אייער סענטימענטאַליטעט, און איהר ווייסט ניט וואָס פון איהם ארויס־צולעזען עפּעס ווייטער. זאָל זיין אזוי; איך פון מיין זייט געברויך איהם אלס ביישפּיעל דערצו, אז מיין בעפריעדיגונג בעשטימט די פראַגע ווענען מיין שייכות צו מענשען, און אז איך זאָג זיך ניט אָב מחמת צופיעל עניוות אפילו פון דער מאַכט איבער לעבען און טויט.

וואָס געהערט די „סאָציאַלע פליכטען“ בכלל, ווערט מיר מיין שייכות צו אנדערע ניט געגעבען פון אנאנדערן; הייסט עס, אז ניט גאָט און ניט די מענשליכקייט שרייבען מיר פאָר מיינע בעצי־הונגען צו מענשען, נאָר איך אליין•גיב מיר די דאָזיגע שייכות. דייטליכער גערעדט מיינט עס צו זאָגען: איך האָב קיין פליכט ניט צו אנדערע, אזוי ווי איך בשייכות צו זיך האָב איך נאָר אזוי לאנג א פליכט צו זיך (צ. ב. ש. די זעלבסט־דערהאַל־טונג, ד. ה. ניט צו בעגעהן זעלבסטמאָרד) כל זמן איך טייל זיך אָב פון זיך אליין (מיין אונשטערבליכע נשמה פון מיין גשמיות׳דיגען לעבען, א. אז. וו.).

איך ערנידעריג זיך ניט מעהר פאַר קיין מאַכט ניט, און איך זעה איין, אז אלע מעכטע זיינען נאָר מיין מאַכט, וועלכע איך דאַרף גלייך אונטערוואַרפען, ווען זיי דראָהען צו ווערן א מאַכט אנט־קעגען אָדער איבער מיר. יעדע פון זיי דאַרף נאָר זיין איינער פון מיינע מיטלען דורכצוזעצען מיין פערלאַנג, אזוי ווי א יאגד־הונט איז אונזער מאַכט אנטקעגען דאָס געיעג־ווילד, אָבער מיר טויטען איהם, אויב ער פאַלט אָן אויף אונז אליין. אַלע מעכטע, וועלכע בעהערשען מיך, זעץ איך דאן ארונטער מיר צו דיענען. די געצען עקזיסטירען נאָר דורך מיר; איך דאַרף נאָר זיי ניט שאַפען פון דאָס ניי, זיינען זיי מעהר ניטאָ: „העכערע מעכטע“

עקזיסטירען נאָר דורכדעם, וואָס איך דערהויב זיי און שטעל זיך נידעריגער.

בכן, הייסט עס, איז מיין שייכות צו דער וועלט אָט די: איך טהו פאַר איהר גאָרנישט פון „גאָט׳ס וועגען", איך טהו מעהר גאָר־נישט „פון מענשענ׳ס וועגען", זאָנדערן, וואָס איך טהו, דאָס טהו איך „פון מיינטוועגען". נאָר אזוי בעפריעדיגט מיך די וועלט, בעת פאַר דעם רעליגיעזען שטאַנדפּונקט — אין וועלכען איך רעכען אויך אריין דעם מאָראַלען און הומאַניטערן שטאַנדפּונקט — איז כאַראַק־טעריסטיש, וואָס אלץ בלייבט נאָר א פּ ר ו מ ע ר   ו ו א ו נ ש (פּיאום דעזידעריום), ד. ה. עפּעס עולם־הבא׳דיגס, ניט־דערגרייכטעס. אַזוי זיינען די אַלגעמיינע זעליגקייט פון מענשען, די מאָראַלע וועלט פון אַן אַלגעמיינער ליעבע, דער אייביגער פריעדען, דער אונטער־גאַנג פון עגאָיזם א. אַז. וו. „קיין זאַך אויף דער וועלט איז ניט פאָלקאָמען" — מיט אָט דער פּוסטער פראַזע נעהמען פון איהר אָבשייד די „גוטע" און געהען אוועק אין זייער קאַמערל צו גאָט אָדער פערמויערן זיך אין זייער שטאָלצען „זעלבסטבעוואוסטזיין". מיר אָבער בלייבען אין אָט דער „אונפאָלקאָמענער" וועלט, ווייל מיר קאָנען זי אזוי אויך געברויכען צו אונזער — זעלבסט־גענוס.

מיין פערקעהר מיט דער וועלט בעשטעהט דעריין, וואָס איך גענים זי, און פערברויך זי אויף דעם אופן פאַר מיין זעלבסט־גענוס. ד ע ר   פ ע ר ק ע ה ר   א י ז   ג ע נ ו ס   פ ו ן   ד ע ר   ו ו ע ל ט און געהערט צו מיין — זעלבסט־גענוס.

## 3. מיין זעלבסט־גענוס.

מיר שטעהען ביי דעם אָבשייד־גרעניץ פון אַן עפּאָכע. די ביז־אהעריגע וועלט האָט מעהר נישט געהאַט אין זין ווי דעם געווינס פון לעבען, זי האָט געזאָרגט פאַר׳ן — ל ע ב ע ן. וואָרים סיי אַלע טהעטיגקייטען ווערן אָנגעשטרענגט צוליעב עולם הזה אָדער עולם הבא, פאַר דאָס צייטליכע אָדער אייביגע לעבען, סיי מען לעכצט נאָך דאָס „טעגליכע ברויט" („גיב אונז אונזער טעגליך ברויט") אָדער נאָך דעם הייליגען ברויט („דאָס ריכטיגע ברויט פון הימעל"; „דאָס ברויט גאָטעס, וואָס קומט פון הימעל און גיט דער וועלט דאָס

לעבען“ ; „דאָס ברויט פון לעבען“, יאָהאַן 6), סיי מען זאָרגט פאַר דאָס „ליעבע לעבען“ אָדער פאַר דאָס „לעבען און אייביגקייט“ — דאָס ענדערט ניט דעם צוועק פון דער אָנשטרענגונג און פון דער זאָרג, וועלכער ווייזט זיך אַרויס צו זיין אין איין פאַל ווי אין דעם אַנדערן דאָס לעבען. פערשפּרעכען אונז אפשר די מאָדערנע טענדענצען עפּעס אַנדערעס ? מען וויל, אַז קיינער זאָל מעהר ניט זיין אין אַ פערלעגענהייט וועגען די נויטיגע לעבענסבעדערפּע־נישען, נאָר ער זאָל זיך אין דעם פּרט פיהלען געזיכערט ; און פון דער אַנדערער זייט לערנט מען, אַז דער מענש דאַרף זיך קימערן פאַר דער וועלט און דאַרף זיך איינלעבען אין דער ווירקליכער וועלט, ניט זאָרגענדיג אומזיסט וועגען אַ יענער וועלט.

לאָמיר אויפפאַסען דיזעלביגע זאַך פון אַנאַנדער זייט. דער וואָס זאָרגט זיך נאָר צו לעבען, פערגעסט לייכט מחמת דער דאָזיגער זאָרג דעם גענוס פון לעבען. ווען זיין גאַנצע דאגה איז נאָר וועגען לעבען און ער דענקט נאָר ווי צו דערהאַלטען זיין טהייער לעבען, פערווענדט ער ניט זיין גאַנצע קראַפט אויסצוניצען דאָס לעבען, ד. ה. צו געניסען. ווי אָבער נוצט מען יאָ האָס לעבען ? דורכדעם וואָס מען פערברויכט עס, אַזוי ווי דאָס ליכט וואָס מען נוצט, דערמיט וואָס מען פערברענט עס. מען נוצט דאָס לעבען, און ממילא זיך, דעם וואָס לעבט, דערמיט וואָס מען פערצעהרט דאָס און זיך. לעבענסגענוס מיינט דער פערברויך פון לעבען.

אַלזאָ — מיר זוכען דעם גענוס פון לעבען ! און וואָס האָט די רעליגיעזע וועלט געטאָן ? זי האָט געזוכט דאָס לעבען. „אין וואָס בעשטעהט דאָס אמת׳ע לעבען, דאָס זעליגע לעבען א. אז. וו. ? ווי זאָל מען עס דערגרייכען ? וואָס מוז דער מענש טהאָן, וואָס מוז ער ווערן, כדי צו זיין אַן אמת לעבענדער מענש ? ווי אַזוי ערפילט ער דעם דאָזיגען בערוף ?“ אָט די און נאָך אַזוינע פראַגען בעווייזען, אַז די וואָס האָבען געשטעלט די פראַגען, האָבען ערשט זיך געזוכט, ד. ה. זיך אין דעם ריכטיגען זין, אין דעם זין פון וואָרהאַפטיגען לעבען. „וואָס איך בין, איז נישט מעהר ווי שוים און שאָטען ; וואָס איך וועל זיין, דאָס איז מיין אמת׳ער איך“. יאָגען זיך נאָך אָט דעם איך, שאַפען איהם, רעאַליזירען איהם, דאָס מאַכט די שווערע אויפגאַבע פון שטערבליכע מענשען,

װעלכע שטארבען נאָר, כדי אויפצושטעהן תחית המתים, װעלכע לעבען נאָר, כדי צו שטארבען, — לעבען נאָר, כדי צו געפינען דאָס אמת׳ע לעבען.

ערשט דאַן, װען איך צװייפעל ניט מעהר אין זיך און זוך זיך ניט מעהר, בין איך באמת מיין אייגענטום: איך האָב זיך, דעריבער געברויך איך און גענים איך זיך. פערקעהרט, איך קאָן קיינמאָל ניט האָבען קיין גענוס פון זיך, כל זמן איך דענק, אז איך דארף נאָך ערשט אויסגעפינען מיין אמת׳ן איך, און אז מען מוז שטרעבען, בדי ניט איך, נאָר קריסטוס זאָל אין מיר לעבען, אָדער א װעלכער עס איז אַנדערער גייסטיגער, ד. ה. רוח׳דיגער איך, צ. ב. ש. דער אמת׳ער מענש, דאָס װעזען פון מענשען און דער גלייכען.

אַן אונגעהייערער מרחק טיילט אָב די ביידע אָנשויאונגען: אין דער אַלטער אָנשויאונג געה איך צו זיך, אין דער נייער, געה איך אַרוים פון זיך; אין יענער לעכץ איך נאָך זיך, אין דער האָב איך זיך און מאַך מיט זיך, װי מען מאַכט מיט יעדען אַנדער אייגענטום — איך גענים זיך לויט מיין װאָוילגעפעלען. איך ציטער ניט מעהר װעגען דאָס לעבען, נאָר איך „פערטהו" עס.

פון איצטער אָן איז די פראַגע, ניט װי אזוי מען קאָן דאָס לעבען ערװערבען, נאָר װי אזוי מען קאָן עס פערטאָן און גענים עזן; אָדער, ניט װי אזוי מען דאַרף אין זיך שאפען דאָס אמת׳ע לעבען, נאָר װי אזוי מען דאַרף זיך אויפלעזען, זיך אויסלעבען.

װאָס קאָן זיין דער אידעאַל אַנדערש איידער דער געזוכטער, שטענדיג־װייטער איך? מען זוכט זיך, הייסט עס, אז מען האָט זיך נאָך ניט; מען טראַכט װאָס מען **זאָל** זיין, הייסט עס אז מען **איז** עס ניט. מען לעבט אין בענקעניש און מען האָט טויזענדער יאָהרען געלעבט אין דעם; אין **האָפנונג** האָט מען געלעבט. גאַנץ אַנדערש לעבט זיך אין — **גענוס**!

בעציהט זיך דאָס געזאָגטע אפשר נאָר אויף די אזוי גערופענע פרומע? ניין, דאָס בעציהט זיך אויף אַלעמען, װעלכע געהערן צו דער פערגעהענדער עפּאָכע פון דער געשיכטע, אפילו צו איהרע לעבע־מענשען. זיי האָבען אויך נאָך די װאָכעדיגע טעג א שבת־טאָג און נאָך די יאָגענישען פון דער װעלט א חלום פון א בעסערער װעלט, פון אַן אַלגעמיינעם גליק פון דער מענשהייט, קורץ — אַן אידעאַל. און די פילאָסאָפען, װעלכע מען שטעלט אװעק קעגענ־

איבער די פרומע — האָבען זיי געדענקט וועגען עפּעס אַנדערש אחוץ וועגען דעם אידעאַל? האָבען זיי געשטרעבט צו עפּעס אַנדערש אחוץ צו דעם אבסאָלוטען איך? בענקעניש און האָפנונג אומעטום, און מעהר גאָרנישט. פון מיינטוועגען רופט עס ראָמאַנטיק.

אויב דער לעבענס־גענוס דאַרף טריאומפירען איבער דער לעבענס־בענקעניש אָדער דער האָפנונג פון לעבען, דאַן מוז ער זיי גובר זיין אין זיין דאָפּעלטער בעדייטונג, וועלכע שיללער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין „אידעאַל און לעבען"; ער מוז פערניכטען די גייסטליכע און וועלטליכע אָרימקייט, ער מוז פערטיליגען דעם אידעאַל און — די נויט פון דעם טעגליכען ברויט. דער, וואָס מוז פערברענגען זיין לעבען, כדי אויפצוהאַלטען האָט לעבען, דער קאָן עס ניט געניסען, און ווער עס זוכט ערשט זיין לעבען, דער האָט עס ניט און קאָן עס פּונקט אַזוי ווייניג געניסען: ביידע זיינען אָרים, אָבער „געבענשט זיינען די אָרימע"...

די, וועלכע הונגערן נאָך דעם אמת'ן לעבען, האָבען ניט קיין מאַכט איבער זייער איצטיגען לעבען, נאָר זיי מוזען עס אָנווענדען פאַר דעם צוועק, צו געווינען דורכדעם דאָס האָזיגע אמת'ע לעבען, און זיי מוזען עס אינגאַנצען אָפּפערן צו דעם דאָזיגען שטרעבען און דער דאָזיגער אויפגאַבע. אויב מען זעהט איין גאַנץ קלאָר, אַז ביי די רעליגיעזע, וועלכע האָפען אויף אַ לעבען אין יענער וועלט און קוקען אויף דעם לעבען פון דער וועלט בלויז ווי אויף אַ פּאָרבערייטונג צו יענעם לעבען, איז זייער עקזיסטענץ אויף דער וועלט נישט מעהר ווי אַ מיטעל, וואָס זיי שטעלען אין דיענסט צו דעם געהאָפּטען הימעלשען לעבען, וואָלט עס אָבער געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז די העכסט־ראַציאָנאַליסטישע און אויפגעקלערטע זיינען ווייניגער אויפּאָפּפערענד. אין די ווערטער „דאָס אמת'ע לעבען" ליעגט דאָך אַ פיעל אומפאַסענדערע בעדייטונג, איידער דאָס וואָרט „הימעלשע לעבען" קאָן אויסדריקען. נעהמט דעם ליבעראַלען בעגריף — איז אפשר דאָס „מענשליכע" און דאָס „באמת מענשליכע" ניט דאָס אמת'ע לעבען? און פיהרט שוין אפשר יעדערער לכתחלה דאָס דאָזיגע וואָהרהאַפטיג־מענשליכע לעבען, אָדער ער מוז זיך נאָך ערשט מיט שווערער מיה דערהויבען דערצו? האָט ער דאָס שוין אַלס זיין געגענוועדטיג לעבען, אָדער ער מוז עס נאָך ערשט אויפ־

קעמפּפען אַלס זיין צוקינפטיג לעבען, וואָס ער וועט בעקומען נאָך דאַן, ווען ער איז „נישט מעהר פערפלעקט פון קיין עגאָיזם“? ביי דעם בליק עקזיסטירט דאָס לעבען, נאָר כדי צו געווינען לעבען, און מען לעבט נאָר, כדי צו מאַכען לעבעדיג אין זיך דאָס וועזען פון מענשען, מען לעבט פון דעם דאָזיגען וועזען׳ס וועגען. מען האָט לעבען, נאָר כדי צו פערשאַפען זיך דורכדעם דאָס אמת׳ע לעבען, וואָס איז גערייניגט פון יעדען עגאָיזם. דערפאַר שרעקט מען זיך צו מאַכען אַ וועלכען עס איז געברויך פון לעבען: עס מוז נאָר דיענען פאַר דעם „ריכטיגען געברויך“.

קורץ, מען האָט אַ לעבענס־בערוף, אַ לעבענס־אויפגאַבע, מען האָט עפּעס צו פערווירקליכען און אַרויסברענגען דורכ׳ן לעבען; אַן עפּעס, פאַר וועלכען אונזער לעבען איז נאָר אַ מיטעל און אַ ווערקצייג; אַן עפּעס, וואָס איז ווערטה מעהר איידער דאָס לעבען, אַן עפּעס, וואָס מען איז איהם שולדיג דאָס לעבען. מען האָט אַ גאָט, וועלכער פערלאַנגט אַ לעבעדיגען קרבן. נאָר די גראָבקייט פון מענשליכע קרבנות איז מיט דער צייט פערלאָרן געגאַנגען; די מענשליכע קרבנות גופא זיינען געבליבען ניט־געמינדערט, און פערברעכער פאַלען יעדע שעה אַלס קרבנות פון גערעכטיגקייט, און מיר „אָרימע בעלי עבירות“ שלאַכטען זיך אַליין אַלס קרבן פאַר „דאָס מענשליכע וועזען“, פאַר דער „אידעע פון דער מענשהייט“, פאַר דער „מענשליכקייט“ און ווי די געצען און געטער זאָלען דאָרט ניט הייסען.

דערפאַר אָבער, וואָס מיר זיינען שולדיג אונזער לעבען צו יענעם עפּעס, דעריבער האָבען מיר קיין רעכט ניט — דאָס איז דער נעקסטער פונקט — זיך צו נעהמען דאָס לעבען.

די קאָנסערוואַטיווע טענדענץ פון קריסטענטום ערלויבט ניט אַנדערש צו דענקען וועגען דעם טויט, סיידען מיט דער כונה אַוועקצונעהמען פון איהם זיין גיפט און — גאַנץ פיין זיך צו לעבען און דערהאַלטען ווייטער. אַלץ לאָזט דער קריסט געשעהן און קומען אויף איהם, אויב ער — דער אַרכי־איד — קאָן זיך נאָר אַריינשאַכערן און אַריינשמוגלען אין הימעל; זיך אַליין טויטען טאָר ער ניט, ער מעג זיך נאָר — דערהאַלטען און אַרבייטען פאַר דער „צובערייטונג פון זיין צוקינפטיגער היים“. קאָנסערוואַטיזם אָדער דער „נצחון איבער׳ן טויט“ ליעגט איהם אַם האַרצען; „דער לעצ־

טער פיינד, וואָס וועט פערטיליגט ווערן, איז דער טויט" (1. קאָרינטה, 15, 26). „קריסטוס האָט אוועקגענומען די מאכט פון טויט און דורך דעם עוואנגעליום געבראכט פאר'ן שיין דאָס לעבען און אַ וועזען, וואָס פערגעהט ניט" (2. טים. 1, 10). „וואָס פערגעהט ניט", — שטאנדהאפטיגקייט.

דער מאָראלער מענש וויל דאָס גוטע, דאָס גערעכטע, און ווען ער נעהמט אָן די מיטלען, וועלכע פיהרען צו דעם דאָזיגען ציעל, וואָס פיהרען ווירקליך צו איהם, דאן זיינען זיי ניט זיינע מיטלען, נאָר די מיטלען פון דאָס גוטע, דאָס גערעכטע א. אז. וו. אליין. די דאָזיגע מיטלען זיינען קיינמאָל ניט אונמאָראליש, ווייל דער גוטער צוועק גופא ווערט פערווירקליכט דורך זיי: דער צוועק הייליגט די מיטלען. אָט דעם פרינציפּ רופט מען אָן יעזואיטיש, ער איז אָבער דורכאויס „מאָראליש". דער מאָראלישער מענש דיענט אַ צוועק אָדער אַן אידעע: ער מאכט זיך פאר'ן ווערקצייג פון דער אידעע פון גוטעס, אזוי ווי דער פרומער האלט עס פאר אַ כבוד צו זיין דער ווערקצייג אָדער דער אינסטרומענט פון גאָט. ווארטען אויפ'ן טויט שרייבט פאָר דער מאָראלער געבאָט אלס דאָס גוטע; אליין זיך איהם אָבגעבען איז אונמאָראליש און שלעכט: דער זעלבסטמאָרד געפינט קיין ענטשולדיגונג פאר דעם ריכטער־שטוהל פון דער מאָראל. אויב דער רעליגיעזער מענש פערבאָט צו בעגעהן זעלבסטמאָרד, ווייל „דו האָסט זיך דאָס לעבען ניט געגעבען, זאָנדערן גאָט, וועלכער קאָן נאָר אליין דאָס פון דיר וויעדער צונעהמען" (אזוי ווי אפילו לויט אָט דער פאָרשטעלונג נעהמט גאָט פון מיר ניט צו דאָס לעבען, ווען איך טויט זיך, פּונקט אזוי גוט ווי ווען אַ דאך־ציעגעל אָדער אַ פיינדליכע קויל דער'הרג'עט מיך: ער האָט דאך אין מיר דערוועקט דעם בעשלוס זיך צו טוי־טען!): דאן פערבאָט דער מאָראלישער מענש דעם זעלבסטמאָרד, ווייל איך בין שולדיג מיין לעבען דעם פאטערלאנד א. אז. וו., „ווייל איך וויים ניט, צי איך וועל ניט קאָנען נאך אויפטאָן גוטעס מיט מיין לעבען". עס פערשטעהט זיך, דאָס גוטע פערליערט דאך אין מיר אַ ווערקצייג, אזוי ווי גאָט פערלירט אין מיר אַ אינסטרומענט. אויב איך בין אונמאָראליש, קאָן איך זיך בעסערן, וועט זיין אַ נצחון פאר דאָס גוטע; בין איך „גאָטלאָז," קאָן איהם מיין תשובה־טהאָן בריינגען אַ נחת־רוח. זעלבסטמאָרד איז

דעריבער דערווידער אי צו גאָט, אי צו דער מאָראַל. ווען א רעלי־גיעזער מענש נעהמט זיך דאָס לעבען, בעווייזט ער דערמיט, אז ער האָט זיך פערגעסען אָן גאָט; אויב א מענש, וואָס שטעהט אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון מאָראַל, איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, הייסט עס, אז ער האָט פערגעסען זיין פליכט, ער האָט געהאַנדעלט אונמאָראַ־ליש. מען האָט זיך געבראָכען דעם קאָפּ איבער דער פראַגע, צי עמיליע גאַלאָטטי׳ס טויט לאָזט זיך רעכטפערטיגען פאַר דער מאָראַל (איהר האָט געטויט איהר פאָטער, אָבער מען בעטראַכט עס האָך ווי א זעלבסטמאָרד, וואָס אין עצם פון דער זאַך איז עס טאַקע אַזוי געווען). וואָס זי איז געווען אַזוי פערנאַרט וועגען איהר צניעות, א מאָראַלישעס גוט, אָבצוגעבען דערפאַר אפילו איהר לעבען, איז יעדענפאַלס מאָראַליש; פערקעהרט ווידער, וואָס זי האָט ניט גע־קאָנט זיך פערלאָזען אויף איהר כח גובר צו זיין איהר היים בלוט, איז געווען אונמאָראַליש.* אַזוינע ווידערשפּרוכען בילדען בכלל דעם טראַגישען קאָנפליקט אין דער מאָראַלער טראַגעדיע, און מען מוז מאָראַליש דענקען און פיהלען, כדי צו קאָנען נעהמען א אינטע־רעס דעריין.

וואָס איז ריכטיג פאַר דער פרומקייט און דער מאָראַל, ווערט נויטיגערווייז אויך פּאַסען בנוגע דער מענשליכקייט, ווארים מען איז אויף דעמזעלבינגען אופן שולדיג האָס לעבען דעם מענשען, דער מענשהייט אָדער דעם מענשליכען מין. נאָר ווען איך בין קיינעם ניט פערפליכטעט, איז די דערהאַלטונג פון לעבען — מיין זאַך. „איין שפּרונג פון אָט דער בריק מאַכט מיך פריי!“

זיינען מיר אָבער די דערהאַלטונג פון אונזער לעבען שולדיג יענעם וועזען, וועלכען מיר מוזען פערווירקליכען אין זיך, דאַן איז עס פּונקט אַזויפיעל אונזער חוב ניט צו פיהרען דאָס לעבען לויט א ו נ ז ע ר פערלאַנג, נאָר צו געשטאַלטען עס אין איינשטימונג מיט דעם דאָזיגען וועזען. מיין גאַנצעס פיהלען, דענקען און וועלען, מיין גאַנצעס טהאָן און טראַכטען געהערט — איהם.

וואָס איז אין איינשטימונג מיט יענעם וועזען, דאָס נעהמט זיך פון דעם בעגריף, וואָס מען האָט פון איהם; און ווי פערשיי־

* [זעה איינס פאַר דער לעצטער סצענע אין 5טען אַקט פון לעסינג׳ס טראַגעדיע „עמיליע גאַלאָטטי“. איז איבערזעצט אין אידיש.]

דען איז דער דאָזיגער בעגריף בעגריפען געוואָרן, אָדער ווי פערשיי־דען איז דאָס דאָזיגע וועזען פאָרגעשטעלט געוואָרן! וועלכע פאָדע־רונגען שטעלט דאָס העכסטע וועזען דעם מאהמעדאַנער און וועלכע אנדערע פאָדערונגען גלויבט וויעדער דער קריסט, אז ער פערנעהמט פון איהם; ווי געגענגעזעצט מוז דעריבער ארויסקומען די געשטאַל־טונג פון לעבען ביי זייביידען! דאָס אבער האַלטען אַלע פעסט, אַז דאָס העכסטע וועזען דאַרף פ י ה ר ע ן אונזער לעבען.

מילא די פרומע, וועלכע געפינען אין גאָט זייער פיהרער און אין זיין וואָרט א ריכטשנור פאר זייער לעבען, דערמאָן איך אומע־טום נאָר פערבייגעהענדיג, ווייל זיי געהערן צו אן אָבגעלעבטער ענטוויקלונגס־פעריאָדע, און אַלס פערשטיינערטע קאָנען זיי זיך אייביג בלייבען שטעהן אויף זייער אונבעוועגליכען פונקט; אין אונזער צייט האָבען שוין ניט מעהר די פרומע דאָס וואָרט, נאָר די ליבעראַלען, און אפילו די פרומקייט גופא קאָן זיך ניט אָבהאַל־טען צו רויטלען איהר בלאַס פנים מיט א ליבעראַלער פאַרב. די ליבעראַלע אבער פערעהרען ניט אין גאָט זייער פיהרער און בויען ניט זייער לעבען לויט דעם ריכטשנור פון גאָט'ס וואָרט, נאָר זיי פיהרען זיך לויט דעם ריכטשנור פון מענשען: זיי ווילען זיין און לעבען ניט „געטליך“, נאָר „מענשליך“.

דער מענש איז דעם ליבעראַל'ס העכסטעס וועזען, דער מענש איז זיין לעבענס פ י ה ר ע ר, די מענשליכקייט איז זיין ריכט־שנור אָדער קאַטעכיזם. גאָט איז גייסט, אָבער דער מענש איז דער „פאָלקאָמענסטער גייסט“, דער ענדליכער רעזולטאַט פון דער לאַנ־גער גייסט־געיעג אָדער „פאָרשונג אין דער טיעפעניש פון דער גאָטהייט“, ד. ה. אין דער טיעפעניש פון גייסט.

יעדער שטריך דיינער מוז זיין מענשליך, דו אַליין מוזט פון קאָפּ ביז די פיס, פון אינעווענדיג ווי פון דרויסען, זיין מענשליך: וואָרים די מענשליכקייט איז דיין ב ע ר ו ף.

בערוף — בעשטימונג — אויפגאַבע! —

וואָס איינער קאָן ווערן, דאָס ווערט ער. א געבאָרענער פּאָעט קאָן געוויס געשטערט ווערן דורך אונגינסטיגע אומשטענדען צו פערנעהמען זיין פלאַץ אויף דער הויך פון דער צייט און צו שאַפען, נאָכדעם ווי ער מאַכט דורך די גרויסע שטודיען, וואָס זיינען נויטיג דערצו, פ אָ ל ק אָ מ ע נ ע קונסטווערק; אָבער דיכטען וועט ער,

סיי ער איז אן אקערקנעכט, סיי ער האט דאס מזל צו לעבען אין דעם הויף פון וויימאר [ווי געטהע]. א געבארענער מוזיקער וועט ארויסברענגען מוזיק, אליין איינס צי אויף אלערליי אינסטרומענטען, אדער נאר אויף א רעהרעל פון א האבער־שטרוי. א געבארענער פילאזאפישער קאפ קאן זיך ארויסצייכענען אלס אוניווערזיטעט־פילאזאף אדער הארף־פילאזאף. ענדליך א געבארענער חמור, וועלכער קאן פונדערסטוועגען זיין אין דערזועלביגער צייט א היבשער ביטראק, ווי יעדערער וואס האט בעזוכט שוהלען קאן ווארשיינליך זיך דערמאנען פיעלע ביישפיעלען פון אזוינע שילער, וועט אייביג בלייבען א גראבער קאפ, סיי ער איז אויסמושטירט און דרעסירט געווארן פאר א שעף פון א ביורא, סיי ער דיענט ביי אזא שעף אלס שטיוועל־פוצער. יא, די געבארענע שמאלע קעפ מאכען אהן צוויי־פעל אויס דעם צאהלרייכסטען קלאס מענשען. פארוואס זאלען טאקע ניט פארקומען אין דעם מענשליכען מין דיזעלבינע חלוקים, וועלכע מען זעהט אזוי קלאר ביי יעדען מין פון די חיות? בעגאב־טע און ווענינער־בעגאבטע געפינען זיך אומעטום.

דאך אזוינע גולמס, אז מען זאל זיי גאר ניט קאנען אריינגע־בען קיינע אידעען, זיינען פאראן ווענינ. דעריבער האלט מען געוועהנליך אלע מענשען פאר פעהיג צו בענעהמען א רעליגיאן. אין א געוויסען גראד זיינען זיי פעהיג צו אנדערע אידעען אויך, צ.ב.ש. צו א געוויסער פערשטענדניס פון מוזיק, אפילו צו עפעס פילאזאפיע א. אז. וו. פון דאנען נעהמט זיך דאס גלח'עשאפט פון דער רעליגיאן, דער מאראל, דער בילדונג, דער וויסענשאפט א. אז. וו. און די קאמוניסטען צ.ב.ש. ווילען דורך זייער „פאלקס שוהל“ מאכען אלץ צוגענגליך פאר אלעמען. עס הערט זיך די געוועהנ־ליכע בעהויפטונג, אז אט די „גרויסע מאסע“ קאן ניט אויסקומען אהן רעליגיאן; די קאמוניסטען ברייטערן אויס די דאזיגע בעהויפ־טונג אין דעם זאץ, אז ניט נאר די „גרויסע מאסע“, נאר לחלוטין אלע זיינען בערופען צו אלץ.

ניט גענוג וואס מען האט די גרויסע מאסע געהאקט אין קאפ רעליגיאן, זאל זי איצט נאך זיך נאך מוזען פערנעהמען מיט „אלעס מענשליכע“. דאס מושטירען ווערט וואס ווייטער אלץ אלגעמיינער און מעהר אומפאסענד.

איהר ארעמע בעשעפעניסען, וואס איהר האט געקאנט לעבען

אזוי גליקליך, ווען איהר וואָלט געמעגט ארומשפרינגען לויט אייער שכל נאָך, איהר מוזט נאָר טאַנצען נאָך דעם פייפעל פון די מלמדים און בערען־פיהרער, כדי צו מאַכען אזוינע קונצשטיק, צו וועלכע איהר וועט זיך קיינמאָל אין לעבען ניט דארפען געברויכען. און איהר טהוט צומאָל אפילו קיין בריק ניט, פאַרוואָס מען נעהמט אייך אַלעמאָל אָן פאר עפּעס אנדערש איידער פאר דאָס, וואָס איהר וואָלט זיך ווען געבען. ניין, איהר זאָגט נאָר איבער מעכאַניש די פראַגע, וואָס מען זאָגט אייך פאָר: „וואָס איז מיין בערוף? וואָס מוז איך טהאָן?“ איהר דארפט נאָר דאָס פרעגען, כדי צו לאָזען זיך זאָגען און בעפעהלען, וואָס איהר מוזט טהאָן, זיך צו לאָזען אָנצייכענען אייער בערוף, אָדער גאָר צו לאָזען זיך בעפעהלען און ארויפלעגען אויף אייך א חוב לויט דער פאָרשריפט פון דעם גייסט. בנוגע דעם ווילען הייסט עס אלזאָ: איך וויל, וואָס איך זאָל.

א מענש איז צו גאָרנישט ניט „בערופען“ און האָט ניט קיין „אויפגאַבע“, קיין „בעשטימונג“ — פונקט אזוי־ווי א פלאַנץ אָדער א חיה האָט א „בערוף“. די בלום פאָלגט ניט דעם בערוף זיך צו ענטוויקלען, אָבער זי ווענדט אָן איהרע אַלע קרעפטען צו געניעסען און פערצעהרען די וועלט, אזוי גוט ווי זי קאָן; ד. ה. זי זויגט איין אזויפיעל זאפטען פון דער ערד, אזויפיעל לופט פון דעם עטהער, אזויפיעל ליכט פון דער זון, וויפיעל זי קאָן בעקומען און איינהאַלטען אין זיך. דער פויגעל לעבט ניט לויט א בערוף, אָבער ער געברויכט זיינע קרעפטען וויפיעל עס לאָזט זיך: ער כאַפּט זשוקעס און זינגט וויפיעל זיין הארץ גלוסט. די כחות פון דער בלום און דעם פויגעל זיינען אָבער קליין אין פערגלייך צו די כחות פון א מענשען, און א מענש, וואָס ווענדט אָן זיינע קרעפטען, וועט מאַכען א פיעל געוואַלטיגערן רושם אויף דער וועלט, איידער די בלום און די חיה. קיין בערוף האָט ער ניט, אָבער ער האָט קרעפטען, וועלכע ווייזען זיך ארויס וואו זיי זיינען, ווייל זייער זיין בעשטעהט דאָך נאָר אין זייער ארויסווייזען זיך, און זיי קאָנען פונקט אזוי ווייניג בלייבען אונטהעטיג, ווי דאָס לעבען, וואָס אויב עס וואָלט „שטיל געשטאַנען“ איין רגע, וואָלט עס שוין מעהר ניט געווען קיין לעבען. מען וואָלט געקאָנט אויסרופען צו דעם מענשען: געברויך דיין קראַפט! אָבער אין אָט דעם אימפעראַטיוו

וואָלט געקאָנט ליעגען דער זין, אַז עס איז דעם מענשענ'ס אויפ־גאַבע צו געברויכען זיין קראַפט. עס איז ניט אַזוי. ריכטיגער געזאָגט, געברויכט יעדערערווירקליך זיין קראַפט, ניט האַלטענדיג עס צוערשט פאַר זיין בערוף: יעדערער געברויכט יעדע רגע אַזוי־פיעל קראַפט וויפיעל ער בעזיצט. מען זאָגט אפילו וועגען אַ בעזיעגטען, אַז ער האָט געדאַרפט אָנשטרענגען זיינע כחות אביסעל מעהר; מען פערגעסט אָבער, אַז ווען ער וואָלט אין דעם אויגענ־בליק, בעת ער איז געפאַלען, געהאַט די קראַפט אָנצושטרענגען זיינע קרעפטען (למשל די קערפערליכע כחות), וואָלט ער עס אודאי ניט פערפעהלט צו טהאָן: אויב עס איז אפילו נאָר געוועזען די מוטה־לאָזיגקייט פון איין מינוט, איז עס דאָך געווען — אַ קראַפטלאָזיג־קייט, וואָס האָט געדויערט אַ מינוט. די כחות קאָנען גאַנץ געוויס זיך פערשאַרפען און פערפיעלפאַכען, דערהויפט דורך דעם פיינד־ליכען ווידערשטאַנד אָדער דורך דעם פריינדליכען ביישטאַנד; אָבער וואו מען פערפעהלט זיי אָנצו־ווענדען, קאָן מען זיכער זיין אַז זיי זיינען ניטאָ. מען קאָן פון אַ שטיין ארויסשלאָגען פייער, אָבער אָהן דעם קלאַפ קומט קיין פייער ניט ארויס; אויפ'ן זעלביגען אופן האָט אַ מענש אויך נויטיג, מען זאָל איהם געבען אַ „שטויס".

אַזוי ווי די קרעפטען ווייזען זיך אַלעמאַל ארויס טהעטיג פון זיך אַליין, איז דעריבער דער געבאָט זיי צו געברויכען איבערפליסיג און זינלאָז. צו געברויכען זיינע קרעפטען איז ניט דעם מענשענ'ס בערוף און אויפגאַבע, נאָר עס איז אין יעדער צייט זיין ווירקליכע, עקזיסטירענדע טהאַט. קראַפט איז נאָר אַן איינפאַכעס וואָרט פאַר קראַפט־ארויסווייזונג.

אַקוראַט ווי די רויז איז פון אָנהויב אָן אַן אמת'ע רויז, ווי די נאַכטיגאַל איז שטענדיג אַן אמת'ע נאַכטיגאַל, אַזוי בין איך אַן אמת'ער מענש ניט ערשט יעמאָלט, ווען איך ערפיל מיין בערוף און לעב לויט מיין אויפגאַבע, נאָר איך בין לכתחילה אַן אמת'ער מענש. מיין ערשטעס מורמלען איז דער לעבענסצייכען פון אַן „אמת'ן מענשען", מיינע לעבענס־קאַמפען זיינען זיינע קראַפט־אויסגוסען, מיין לעצטער אָטעמצוג איז דאָס לעצטע קראַפט־אויסהויכען פון „דעם מענשען".

דער אמת'ער מענש ליעגט ניט אין דער צוקונפט, אַ געגענ־שטאַנד וועלכען מען בעגעהרט, נאָר ער ליעגט, אַן עקזיסטירענדער

און א ווירקליכער, אין דער געגענוואַרט. ווי אַזוי און וואו איך זאָל ניט זיין, אין פריידען און אין ליידען, אַ קינד אָדער אַ זקן, מיט בטחון אָדער אין צווייפעל, אין שלאָף אָדער וואַך — בין איך עס; איך בין דער אמת'ער מענש.

אויב אָבער איך בין דער מענש און האָב ווירקליך געפונען אין מיר איהם, וועמען די רעליגיעזע מענשהייט האָט בעציי־כענט אַלס דעם ווייטסטען ציעל, דאַן איז אויך אַלץ, וואָס איז „באמת מענשליך", מיין אייגענס. וואָס מען האָט צוגע־שריבען צו דער אידעע פון דער מענשהייט, דאָס געהערט מיר. יענע האַנדעל־פרייהייט צ. ב. ש., וועלכע די מענשהייט דאַרף נאָך ערשט דערגרייכען, און וועלכע ווערט פערזעצט, ווי אַ כשוף־חלום אין איהר גאָלדענער צוקונפט — איך נעהם זי פאַר זיך אַפריהער אַלס מיין אייגענטום און בעטרייב זי דערווייל אין דער פאָרם פון קאָנטראַבאַנדע. געוויס זיינען פאַראַן נאָר ווענינע קאָנטראַבאַנדיס־טען, וואָס פערשטעהען אָט אַזוי צו דערקלערן וואָס זיי טהוען, אָבער דער אינסטינקט פון עגאָיזם איז ממלא זייער בעוואוסטזיין. וועגען דער פרעס־פרייהייט האָב איך דאָס אייגענע געצייגט אויבען.

אַלץ איז מיין אייגענס, דעריבער נעהם איך מיר צוריק דאָס, וואָס וויל זיך פון מיר אָבציהען, קודם כל אָבער נעהם איך זיך שטענדיג צוריק, ווען איך ווער אָוועקגעשלעפּט פון זיך, עפּעס וואָס צו דיענען. אָבער אפילו דאָס איז אויך ניט מיין בערוף, נאָר מיין נאַטירליכע טהאַט.

גענוג, עס איז אַ געוואַלטיגער אונטערשייד, צי איך מאַך זיך פאַר דעם אויסגאַנגס־פונקט אָדער פאַר דעם ציעל־פונקט. אַלס ציעל־פונקט האָב איך זיך ניט, ממילא בין איך זיך נאָך פרעמד, בין מיין וועזען, מיין „אמת וועזען", און דאָס דאָזיגע מיר פרעמדע „אמת וועזען" וועט מיט מיר טרייבען שפּאַס, ווי אַ רוח פון טויזענדערליי נעמען. ווייל איך בין נאָך ניט איך, איז אַנאַנ־דערער איך, מיין איך (ווי דהיינו גאָט, דער אמת'ער מענש, דער באמת פרומער, דער פערנינפטיגער, דער פרייער א. אז. וו.).

זייענדיג נאָך ווייט פון זיך, צוטייל איך מיך אין צוויי העלפט, פון וועלכע איינע, די ניט־דערגרייכטע און וואָס דאַרף ערשט מקוים ווערן, איז די אמת'ע. איינע, די ניט אמת'ע, ד. ה. די ניט־גייסטיגע, מוז געבראַכט ווערן פאַר אַ קרבן; די אַנדערע, די אמת'ע,

ר. ה. דער גייסט, מוז זיין דער גאנצער מענש. דאן הייסט עס: „דער גייסט איז דאס אייגענטליכע וועזען פון דעם מענשען“, אדער „דער מענש עקזיסטירט אלס מענש נאר גייסטיג“. נו, הויבט זיך אן א יאגעניש צו כאפען דעם גייסט, אזוי ווי מען וואלט זיך דערמיט האבען געכאפט; און אזוי קומט אויס, אז יאגענדיג זיך נאך זיך, פערלירט מען פון אויג דעם זיך, וואס מען איז.

און אזוי ווי מען יאגט זיך שטורמדיג נאך זיך אליין, דעם ניט־דערגרייכטען, אזוי פעראכטעט מען אויך דעם כלל פון די קלוגע צו נעהמען די מענשען ווי זיי זיינען, און מען נעהמט זיי ליעבער ווי זיי זאלען זיין; מען רייצט אן דעריבער יעדערן צו לויפען נאך זיין איך וואס זאל זיין, און מען „שטרעבט צו מאכען אלעמען פאר גלייך בערעכטיגטע, גלייך בכבוד'ע, גלייך מאראלישע אדער פערנינפטיגע מענשען“.*

יא, „ווען די מענשען וואלטען געוועזען וואס זיי זאלען זיין, וואס זיי קאנען זיין, ווען אלע מענשען וואלטען געוועזען פערנינפטיג, וואלטען אלע ליעב געהאט איינע די אנדערע ווי ברידער“, דאן וואלט געוועזען א לעבען ווי אין גן עדן.** — זעהר גוט, די מענשען זיינען ווי זיי זאלען זיין און קאנען זיין. וואס זאלען זיי זיין? געוויס דאך ניט מעהר איידער דאס, וואס זיי קאנען זיין! און וואס קאנען זיי זיין? אויך דאסזעלביגע, ניט מעהר איידער זיי — קאנען, ד. ה. איידער זיי זיינען בכח, האבען די קראפט צו זיין. דאס אבער זיינען זיי ווירקליך, ווייל וואס זיי זיינען ניט, זיינען זיי ניט אימשטאנד צו זיין: ווארים זיין אימשטאנד מיינט — ווירקליך זיין. מען איז ניט אימשטאנד, וואס מען איז ניט ווירקליך, מען איז ניט אימשטאנד צו טהאן, וואס מען טהוט ווירקליך ניט. קאן איינער, וואס האט די ליכטיגע שטאר, זעהן? א יא, ווען מען נעהמט איהם אראב דעם שטאר (קאטאראקט) דורך א געלונגענער אפעראציע. אבער איצטער קאן ער ניט זעהן, ווייל ער זעהט ניט. מעגליכקייט און ווירקליכקייט קומען זיך אלע־מאל צוזאמען. מען קאן גארנישט, וואס מען טהוט ניט, אזוי ווי מען טהוט גארנישט, וואס מען קאן ניט.

די זאנדערבארקייט פון אט דער בעהויפטונג פערשווינדט, ווען

---

* „דער קאמוניזמוס אין דער שווייץ“, ז. 24.

** דארט, ז 63.

מען בעקלערט, אז די ווערטער „עס איז מעגליך, אז..." האָבען כמעט קיינמאָל ניט קיין אנדער זין אחוץ דעם: „איך קאָן מיר דענקען אז...", צ. ב. ש. עס איז מעגליך, אז אלע מענשען לעבען פערנינפּ־טיג, ד. ה. איך קאָן מיר דענקען, אז אלע א. אז. וו. אַזוי ווי מיין דענקען קאָן ניט פּועל'ן, און ממילא פּועל'ט עס טאקע ניט, אז אלע מענשען זאָלען לעבען פערנינפטיג, נאָר דאָס מוז איבערגעלאָזט ווערן צו די מענשען אליין, איז דעריבער די אלגעמיינע פערנונפט נאָר דענקבאר פאר מיר, עפּעס וואָס איך קאָן מיר דענקען; אלס אַזעלכע פאר זיך איז זי פאקטיש א ווירקליכקייט, נאָר בנוגע צו דאָס, וואָס איך קאָן ניט מאכען, דהיינו די פערנינפ־טינקייט פון אנדערע מענשען, ווערט זי אָנגערופען א מעגליכקייט. אַזוי ווייט ווי דאָס הענגט אָב פון דיר, וואָלטען אלע מענשען געקאָנט זיין פערנינפטיג, וואָרים דו האָסט גאָרנישט דאגעגען; יאָ, אַזוי ווייט ווי דיין דענקען גרייכט, קאָנסטו אפשר גאָר ניט איינזעהן קיין שטערונג דערצו, און בכן שטעהט אויך אין דיין דענקען גאָרנישט דאגעגען דער זאַך: זי איז דיר, אלזאָ, דענקבאר.

אָבער אַזוי ווי די מענשען זיינען דאָך ניט אלע פערנינפטיג, איז הפּנים טאקע אז זיי — קאָנען עס ניט זיין.

אויב א זאַך, וואָס מען שטעלט זיך פאָר, אז זי איז לייכט מעגליך, איז ניט בנמצא אָדער פּאַסירט ניט, קאָן מען זיין זיכער, אז עפּעס שטעהט דער זאַך אין וועג און זי איז — אונמעגליך. אונזער צייט האָט זיך איהר קונסט, איהר וויסענשאַפט א. אז. וו.; די קונסט קאָן זיך זיין אַ גרינדליך שלעכטע — מעג מען אָבער זאָגען, מיר האָבען פערדיענט צו האָבען א בעסערע און האָבען „געקאָנט" עס האָבען, ווען מיר וואָלטען נאָר געוואָלט? מיר האָבען אקוראַט אַזויפיעל קונסט, וויפיעל מיר קאָנען האָבען. אונזער היינטיגע קונסט איז ביי דער צייט די איינציג מעגליכע און דערי־בער ווירקליכע קונסט.

אפילו אין דעם זין, צו וועלכען מען קאָן ענדליך דאָס וואָרט „מעגליך" נאָך רעדוצירען, אז עס זאָל בעטייטען „צוקינפטיג", האַלט עס אויך איין די פולע קראַפט פון „ווירקליכעס". ווען מען זאָגט צ. ב. ש.: עס איז מעגליך, אז די זון וועט מאָרגען אויפגעהן — מיינט עס נאָר, אז פאַר דעם היינט איז דער מאָרגען די ווירקליכע צוקונפט; וואָרים מען דאַרף דאָך זיכער ניט דערקלערן, אז א

צוקונפט איז נאָר דאַמאָלסט אַ ווירקליכע „צוקונפט“, ווען זי איז נאָך ניט אָנגעקומען.

נאָר צו וואָס מאַכען אַ וועזען פון איין וואָרט? ווען הינטער דעם וואָלט ניט געווען פערשטעקט די פאָלגען־רייכסטע מיספערשטענדעניש פון טויזענדער יאָהרען, ווען אין אָט דעם איינציגען בעגריף פון דאָס ווערטעל „מעגליך“ וואָלטען זיך ניט ארומגעטריבען אַלע רוחות פון די פערכאַפּטע מענשען, וואָלט אונז די בעטראַכטונג פון דעם וואָרט דאָ ווייניג געקימערט.

דער געדאַנק, איז אָקאָרשט בעוויזען געוואָרן, בעהערשט די פערכאַפּטע וועלט. אַלזאָ, די מעגליכקייט איז מעהר גאָרנישט ווי די דענקבאַרקייט, און צו אָט דער שוידערליכער ד ע נ ק ב אַ ר ק י י ט זיינען ביז אהער אונצעהליגע קרבנות געפאַלען. עס איז געווען ד ע נ ק ב אַ ר, אַז מענשען קאָנען ווערן פערנינפטיג; דענקבאַר, אַז זיי קאָנען דערקענען קריסטוס; דענקבאַר, אַז זיי וועלען זיך בעגייסטערן פאַר דאָס גוטע און ווערן מאָראַליש; דענקבאַר, אַז זיי וועלען אַלע זוכען אַ רעטונג אין שוים פון דער קירך; דענקבאַר, אַז זיי וועלען ניט טראַכטען, רעדען און טהאָן, וואָס איז געפעהרליך פאַר'ן שטאַאַט; דענקבאַר, אַז זיי קאָנען זיין געהאָרכזאַמע אונטערטאַנען: אָבער דעריבער ווייל עס איז געווען דענקבאַר — אַזוי האָט מען געצויגען דעם שלום — איז עס געווען מעגליך; און ווייטער, ווייל עס איז געווען מעגליך פאַר'ן מענשען (אָט דאָ ליעגט דער שווינדעל: ווייל עס איז פאַר מיר דענקבאַר, דעריבער איז עס מעגליך פאַר'ן מ ע נ ש ע ן), איז מ ו ז ע ן זיי דאָס זיין, איז דאָס זייער ב ע ר ו ף; און ענדליך — מען מוז די מענשען נעהמען נאָר לויט אָט דעם בערוף, נאָר אַלס ב ע ר ו פ ע נ ע, ניט „ווי זיי זיינען, נאָר ווי זיי זאָלען זיין“.

און דער ווייטערדיגער שלום? ניט דער איינצעלנער איז דער מענש, נאָר אַ ג ע ד אַ נ ק, אַן א י ד ע אַ ל איז דער מענש, און די שייכות פון דעם איינצעלנעם צו דעם געדאַנק איז ניט צומאָל ווי די שייכות פון קינד צו דעם דערוואַקסענעם מענשען, נאָר ווי די שייכות פון אַ פונקט, וואָס מען מאַכט מיט קרייט, צו דעם פונקט וואָס מען האָט אין געדאַנק, אָדער ווי אַן — ענדליכע בריאה צו דעם אייביגען בורא, אָדער לויט די נייעסטע מיינונגען, ווי אַן איינצעלנער צו דעם מין. דאָ קומט שוין אַרויס די פערהערליכונג פון דער

„מענשהייט“, דער „אייביגער“, „אונשטערבליכער“ מענשהייט, וואָס צו איהר עהרע (אין מאַיאָרעם הומאַניטאַטיס גלאָריאַם) מוז דער איינצעלנער זיך אָבגעבען און זיך מאַכען אַן „אונשטערבליכען נאָמען“ דורכדעם, וואָס ער האָט עפּעס געטאָן פאַר דעם „גייסט פון דער מענשהייט“.

אַט אַזוי הערשען די ד ע נ ק ע נ ד ע אויף דער וועלט, כל זמן עס האַלט אָן די עפּאָכע פון גלחים און שוהל־לעהרער, און וואָס זיי דענקען זיך, דאָס איז מעגליך, און וואָס עס איז מעגליך, דאָס מוז פערווירקליכט ווערן. זיי ד ע נ ק ע ן זיך אַ מענשען־אידעאַל, וועלכער איז פאַר דער ווייל נאָר ווירקליך אין זייערע געדאַנקען; אָבער זיי דענקען זיך אויך די מעגליכקייט פון זיין אויספיהרונג, און מען קאָן עס ניט בעשטרייטען, די אויספיהרונג איז ווירקליך — דענקבאַר, זי איז אַן — אידעע.

אָבער איך און דו, מיר מעגען טאַקע זיין מענשען, פון וועלכע אַ קרוממאַכער קאָן ד ע נ ק ע ן, אַז מיר קאָנען נאָך ווערן גוטע קריסטען; ווען אָבער ער זאָל וועלען אונז „בעאַרבייטען“, וועלען מיר איהם באַלד געבען צו פיהלען, אַז אונזער קריסטליכקייט איז נאָר ד ע נ ק ב אַ ר, אָבער אחוץ דעם א ו נ מ ע ג ל י ך: אויב ער הערט ניט אויף צו דרעהען אונז אַ מוח מיט זיינע צודרענגליכע ג ע ד אַ נ ק ע ן און זיין „גוטען גלויבען“, וועט ער מוזען זיך דער־וויסען, אַז מיר האָבען גאָר ניט נ ו י ט י ג צו ווערן דאָס, וואָס מיר ווילען ניט ווערן.

און אַזוי געהט עס אַוועק, ווייט אַריבער די פרומע און די פרימסטע. „ווען אַלע מענשען וואָלטען געוועזען פערנינפטיג, ווען אַלע וואָלטען געטאָן וואָס איז רעכט, ווען אַלע וואָלטען זיך נוהג געוועזען לויט דעם מאָטיוו פון מענשענליעבע א. אַז. וו.“! פערנונפט, רעכט, מענשענליעבע א. אַז. וו. ווערען אַוועקגעשטעלט פאַר די אויגען פון די מענשען אַלס זייער בערוף, אַלס ציעל פון זייער טראַכ־טען. און וואָס הייסט זיין פערנינפטיג? אפשר זיך אַליין פער־שטעהן? ניין, די פערנונפט איז אַ בוך פול מיט געזעצען, וועלכע זיינען אַלע געגעבען געוואָרן אַנטקעגען דעם עגאָיזם.

די ביזאַהעריגע געשיכטע איז די געשיכטע פון דעם ג י י ס־ט י ג ע ן מענשען. נאָך דער פעריאָדע פון זינליכקייט [גשמיות] פאַנגט זיך אָן די אייגענטליכע געשיכטע, ד. ה. די פעריאָדע פון

גייסטיגקייט, גייסטליכקייט, אונזינליכקייט, איבערזינליכקייט [למעלה מן החושים], אונזיניגקייט. דער מענש פאַנגט פון איצט אָן צו וועלען עפּעס זיין און ווערן. וואָס? גוט, שעהן, אמת־דיג; גענויער גנזאַגט: מאָראַליש פרום, לייטזעליג א. אז. וו. ער וויל פון זיך מאכען „עפּעס רעכטס“, א „רעכטען מענשען“. דער מענש [אין אבסטראַקט] איז זיין ציעל, זיין מוז, זיין בעשטימונג, בע־רוף, אויפגאַבע, זיין — אידעאַל: ער איז צו זיך א לעתיד־לבא'דיגער, א יענער־וועלטיגער. און וואָס מאכט אוים איהם א „גוטען יונג“? דאָס זיין וואהר, גוט, מאָראַליש און דערגלייכען. איצט קוקט ער קרום אויף יעדערן, וועלכער אָנדערקענט ניט דעמ־זעלביגען „וואָס“, וועלכער זוכט ניט דיזעלביגע מאָראַל, וועלכער האָט ניט דעמזעלביגען גלויבען: ער פערטרייבט די „סעפּאַראַ־טיסטען, אפּיקורסים, סעקטען“ א. אז. וו.

קיין שעפס, קיין הונט שטרענגט זיך ניט אָן צו ווערן א „ריכטיגער שעפּס, א ריכטיגער הונט“; קיין חיה נעהמט ניט איהר וועזען ווי אַן אויפגאַבע, ד. ה. ווי א בעגריף, וועלכען זי דאַרף פער־ווירקליכען. די חיה רעאַליזירט זיך דערמיט, וואָס זי לעבט זיך אויס, ד. ה. זי לעזט זיך אויף, זי פערגעהט. זי פערלאַנגט ניט צו זיין אָדער צו ווערן עפּעס אַנדערש איידער דאָס, וואָס זי איז.

מיין איך דערמיט אייך צו ראַטהען צו זיין גלייך ווי די חיות? איהר זאָלט ווערן חיות, דאָס קאָן איך באמת אייך ניט זאָגען, וואָרים דאָס וואָלט דאָך וויעדער געהייסען אַן אויפגאַבע, אַן אידעאַל (לך אל נמלה, עצל, ראה דרכיה וחכם). און דאָס וואָלט אויך געווען דאָסזעלביגע, ווי ווען מען וואָלט געוואונשען די חיות, זיי זאָלען ווערן מענשען. אייער נאַטור איז איינמאָל פאַר אַלע מאָל א מענש־ליכע, איהר זייט מענשליכע נאַטורען, ד. ה. מענשען. אָבער טאַקע דערפאַר, ווייל איהר זייט עס שוין, דאַרפט איהר ניט דאָס ערשט ווערן. חיות ווערן אויך „דרעסירט“, און א דרעסירטע חיה קאָן אָבטאָן פיעל אוננאַטירליכע זאכען. אָבער א דרעסירטער הונט איז פאַר זיך אליין ניט בעסער ווי א נאַטירליכער, און האָט דערפון קיין נוצען ניט, ווען אויך פאַר אונז איז בעקוועמער, וואָס מיר קאָנען זיך בעסער שאַפען מיט איהם.

פון אייביג אָן האָט מען אָנגעווענדעט אלע מיה צו מאכען אלע

מענשען פאר מאראלע, פערנינפטיגע, פרומע, מענשליכע און נאך אזוינע וועזענס, ד. ה. מען האט געזוכט זיי צו „דרעסירען". די דאזיגע בעמיהונגען ווערן צעפאלען, זיך אבשלאגענדיג אן דער אונבעזיעגליכער אינכהייט, אן דער אייגענער נאטור, אן דעם עגאיזם. די אויסמושטירטע גרייכען קיינמאל ניט זייער אידעאל און דיענען נאר מיט'ן מויל זייערע ערהאבענע פרינציפען, אדער זאגען אב זייער ודוי, זייער גלויבענס־אני מאמין. לגבי אט דעם ודוי מוזען זיי אין לעבען זיך „אנדערקענען פאר זינדיגע אויף יעדען טריט" און בלייבען הינטערשטעליג פון זייער אידעאל; זיי זיינען „שוואכע מענשען" און טראגען זיך ארום מיט דעם בעוואוסטזיין פון דער „מענשליכער שוואכקייט".

אנדערש איז, ווען דו יאגסט זיך ניט נאך אן אידעאל אלס דיין „בעשטימונג", נאר דו לעזט זיך אויף, אזוי ווי די צייט לעזט אלץ אויף. די אויפלעזונג איז ניט דיין „בעשטימונג", ווארים זי איז די געגענווארט.

על כל פנים האט די קולטור, די רעליגיעזיטעט דאך פריי געמאכט די מענשען; אבער פריי פון איין הארר, כדי זיי איבערצוגעבען אנאנדער האררן. דורך דער רעליגיאן האב איך געלערנט איינצוצוימען מיינע בעגעהרען; איך ברעך דעם ווידערשטאנד פון דער וועלט דורך דער כיטרעקייט, וואס די וויסענשאפט האט מיר אריינגעלעגט אין די הענד; קיין מענשען דיען איך ניט אפילו: „איך בין ניט קיין מענשענ'ס קנעכט". אבער דאן קומט דער פסוק: דו מוזט געהארכען גאט מעהר איידער דעם מענשען. אזוי אויך בין איך טאקע פריי פון דער אונפערנינפטיגער בעשטימונג דורך מיינע אינסטינקטען, אבער בין געהארכזאם דער האררענטע פערנונפט. איך האב געוואונען די „גייסטיגע פרייהייט", די „פרייהייט פון גייסט". דערמיט אבער בין איך געווארן דער אונטערטאן פון גייסט. דער גייסט בעפעהלט מיר, די פערנונפט פיהרט מיך, זיי זיינען מיינע פיהרער און בעפעהל־געבער. עס הערשען די „פערנינפטיגע", די „דיענער פון גייסט". אויב אבער איך בין ניט פלייש, בין איך אויך אן אמת קיין גייסט אויך ניט. די פרייהייט פון גייסט איז די קנעכטשאפט פון מיין איך, ווארים איך בין מעהר איידער גייסט אדער פלייש.

די קולטור האט בלי ספק מיך געמאכט פאר א שטארקען.

זי האָט מיר געגעבען מאַכט איבער אַלע טרייב־קרעפטען, איבער די אימפּולסען פון מיין נאַטור, אַזוי גוט ווי איבער די פּאָדערונגען און געוואַלטטהעטיגקייטען פון דער וועלט. איך ווייס, און האָב געוואָונען דורך בילדונג די קראַפט דערצו, אַז איך דאַרף מיך ניט לאָזען צווינגען דורך קיינע פון מיינע בעגעהרען, גלוסטען, געמיטה־בעוועגונגען א. אז. וו.: איך בין זייער — בעל־הבית. אויף דעמזעלביגען אופן ווער איך דורך די וויסענשאַפטען און קונסטען דער בעל־הבית פון דער ווידערשפּעניגער וועלט, וועמען ים און ערד געהאָרכען און אפילו די שטערען מוזען אָבגעבען רעכענונג. דער גייסט האָט מיך געמאַכט פאַר'ן בעל־הבית. — אָבער איך האָב ניט קיין מאַכט איבער דעם גייסט גופא. פון דער רעליגיאָן (קולטור) לערן איך טאַקע די מיטלען „איינצונעהמען די וועלט“, אָבער ניט ווי אַזוי, איך זאָל גאָט אויך גובר זיין און ווערן זיין בעל־הבית; וואָרים גאָט „איז דער גייסט“. און אָט דערזעלביגער גייסט, איבער וועמען איך האָב ניט בכח צו ווערן בעל־הבית, קאָן האָבען די פערשיידענסטע געשטאַלטען: ער קאָן הייסען גאָט אָדער פאָלקס־גייסט, שטאַאט, פאַמיליע, פערנונפט, און אויך — פרייהייט, מענשליכקייט, מענש.

איך נעהם אָן מיט דאַנק, וואָס די יאָהרהונדערטען פון בילדונג האָבען ערוואָרבען פאַר מיר; קיין זאַך דערפון וויל איך ניט אוועקוואַרפען אָדער אויפגעבען: איך האָב ניט אומזיסט געלעבט. די ערפאַהרונג, אַז איך האָב אַ מאַכט איבער מיין נאַטור און מוז ניט זיין דער שקלאַף פון מיינע בעגעהרען, טאָר מיר ניט געהן פערלאָרן; די ערפאַהרונג, אַז דורך די מיטלען פון בילדונג קאָן איך איינגעהמען די וועלט, איז צו־טהייער בעצאָהלט געוואָרן, איך זאָל זי קאָנען פערגעסען. אָבער איך וויל נאָך מעהר.

מען פרעגט, וואָס קאָן דער מענש ווערן, וואָס קאָן ער לייסטען, וועלכע גיטער קאָן ער זיך פערשאַפען, און דאָס העכסטע פון אַלעס שטעלט מען אוועק אַלס בערוף. אַזוי ווי פאַר מיר וואָלט אַלץ געווען מעגליך!

ווען מיר זעהען איינעם, וואָס געהט צו גרונד פון אַ וועלכער עס איז ליידענשאַפט, אַ מאַניאַ (צ. ב. ש. גייציגקייט, אייפערזוכט), פיהלט זיך אַ פערלאַנג אויסצולעזען איהם פון דער האָזיגער פערכאַפּטקייט און איהם העלפען צו קאָנען „זיך גובר זיין“. „מיר

ווילען מאַכען פון איהם אַ מענשען!" דאָס וואָלט געווען גאַנץ שעהן, ווען מען וואָלט ניט גלייך געברויכט אַנאַנדער משוגעת אנשטאָט די פריהערדיגע. מיר בעפרייען אָבער דעם קנעכט פון דער געלד־גייציגקייט, נאָר כדי איהם איבערצוגעבען אין די הענד פון פרומקייט, הומאַניטעט אָדער אַ וועלכען עס איז אַנדערן פּרינ־ציפּ, און אַוועקשטעלען איהם פון דאָס ניי אויף אַ פעסטען שטאַנדפּונקט.

אָט דער אויסבייט פון אַ בעשרענקטען שטאַנדפּונקט אויף אַן ע־האבענעם דריקט זיך אויס אין די ווערטער: אונזער זין טאָר ניט זיין געווענדעט אויף דאָס פּערגענגליכע, נאָר דורכאויס אויף דאָס אונפּערגענגליכע, ניט אויף דאָס צייטליכע, נאָר אויף דאָס אייביגע, אַבסאָלוטע, געטליכע, ריין־מענשליכע א. אַז. וו. — אויף דאָס גייסטיגע.

מען האָט באַלד איינגעזעהן, אַז עס איז ניט אַלץ איינס, מיט וואָס מען זאָל זיך ניט אינטערעסירען אָדער מיט וואָס מען זאָל זיך ניט בעשעפטיגען; מען האָט דערקענט די וויכטיגקייט פון דעם געגענשטאַנד. אַ געגענשטאַנד, וואָס שטעהט איבער דער איינצעלקייט פון די זאַכען, איז דאָס וועזען פון די דאָזיגע זאַכען; נאָך מעהר, דאָס וועזען איז אַליין דאָס דענקבאַרע פון די זאַכען און דאָס אַליין עקזיסטירט פאַר דעם דענקענדען מענשען. דעריבער ווענד נישט מעהר דיין זין אויף די זאַכען, נאָר ווענד דיינע געדאַנקען אויף דעם וועזען. געבענשט זיינען די, וואָס זעהען ניט און גלויבען דאָך", ד. ה. געבענשט זיינען די דענקענדע, וואָרים זיי האָבען צו טהאָן מיט דאָס, וואָס מען קאָן ניט זעהן און זיי גלויבען אין דעם. דאָך קומט ענדליך דערצו, אַז אפילו אַ געגענשטאַנד פון דענקען, וואָס איז הונדערטער יאָהרען לאַנג געווען אַ פּונקט, וועגען וועלכען מען האָט זיך ארומ־געקריגט, פּערלירט זיין בעדייטונג און איז „ניט ווערטה מען זאָל רעדען וועגען איהם". מענשען האָבען דאָס איינגעזעהן און פּונ־דעסטוועגען האָבען זיי נאָך אַלץ געהאַלטען פון דער זעלבסט־גילטיגער וויכטיגקייט פון דעם געגענשטאַנד, פון זיין אַבסאָלוטען ווערטה, — וויים מען דען ניט, אַז ביים קינד איז די וויכטיגסטע זאַך די ליאַלקע, ווי ביי דעם טערק דער קאָראַן? כל זמן איך בין מיר ניט אַליין דאָס איינציג וויכטיגע, איז גאַנץ עגאַל פון וועלכען געגענשטאַנד איך

נאָך א „גרויסען וועזען“; וואָס עס האָט א ווערטה, איז נאָר מיין גרעסערער אָדער קלענערער פּערברעכען אנטקעגען איהם. דער גראַד פון מיין צוגעבונדענקייט און איבערגעבענקייט צו איהם בעצייכענט דעם שטאנדפּונקט פון מיין קנעכטשאַפט, דער גראַד פון מיין פערזינדיגונג צייגט די מאָס פון מיין אייגענהייט.

ענדליך אָבער מוז מען איבערהויפּט וויסען ווי „ארויסצושלאָגען אלעס פון קאָפּ“, שוין צוליעב דעם אליין, כדי — צו קאָנען איינשלאָפען. קיין זאך דאַרף אונז ניט בעשעפטיגען, מיט וואָס מיר אליין בעשעפטיגען זיך ניט: דער רודף אחרי הכבוד קאָן ניט ענטלויפען פון זיינע עהרגייציגע פּלענער, דער גאָטספאָרכטיגער קאָן ניט לויז ווערן פון דעם געדאנק פון גאָט; פערנארטקייט און פערבּאפטקייט קומען זיך צוזאמען.

רעאַליזירען זיין וועזען אָדער לעבען לויט זיין בעגריף — ביי די וואָס גלויבען אין גאָט מיינט עס זיין פרום, ביי די וואָס גלויבען אין מענשען, הייסט עס, „לעבען מענשליך“ — אזא ציעל קאָן זיך נאָר שטעלען דער בעל תאוה אָדער זינדיגער מענש; דער מענש — כל זמן ער האָט נאָר די טרויעריגע וואהל צווישען די תענוגי הגוף און די פריידען פון דער נשמה; דער מענש — כל זמן ער איז אן „ארימער בעל עבירה“. דער קריסט איז מעהר גאָרנישט ווי א מענש. א בעל תאוה, ווערכער ווייס וואָס איז הייליג און ווייס אויך, אז ער פערלעצט דאָס הייליגע, און קוקט דעריבער אויף זיך, ווי אויף אן ארימען בעל עבירה: זיין בעוואוסט, אז זינליכקייט איז „זינדליכקייט“, דאָס איז א קריסטליך בעוואוסטזיין, דאָס איז דער קריסט אליין. און ווען אפילו, אז די נייע נעהמען שוין איצטער מעהר ניט אין מויל די ווערטער „זינד“ און „זינדליכקייט“, נאָר זיינען פערנומען מיט „עגאָאיזם“, „זעלבסט-בעפריעדיגונג“, „אייגעננוציגקייט“ און ד. ג.; ווען דער טייוועל איז איבערזעצט געוואָרען מיט דעם וואָרט „אונמענש“ אָדער „עגאָאיסטישער מענש“ — איז דען דער קריסט דאן וועניגער בנמצא ווי פריהער? איז דען ניט געבליבען די אלטע מחלוקה צווישען גוט און שלעכט? האָבען מיר ניט א ריכטער איבער אונז, דעם מענשען? איז ניט געבליבען איין בערוף, דער בערוף צו מאכען זיך פאַר א מענשען? אויב מען רופט עס ניט מעהר בערוף, נאָר „אויפגאַבע“ אָדער גאָר אפילו „פּליכט“, איז די ענדערונג פון נאָמען גאנץ ריכטיג, וואָרים דער מענש איז ניט, גליך

ווי גאָט, אַ פּערזענליך וועזען, וואָס קאָן „רופען"; אָבער אחוץ דעם נאָמען בלייבט די זאך ביים אַלטען.

---

יעדער מענש פערהאַלט זיך אויף אַ געוויסען אופן צו אָביעקטען [זאכען], און יעדער איינער פערשיידען. מיר וועלען נעהמען פאַר אַ ביישפּיעל דאָס בוך, צו וועלכען מיליאָנען מענשען פאַר צוויי טויזענד יאָהר האָבען געהאַט אַ שייכות, די ביבעל. וואָס איז זי און וואָס איז זי געוועזען פאַר יעדען איינעם? דורכאויס נישט מעהר ווי דאָס, וואָס יעדערער מאַכט פון איהר! ווער עס מאַכט פון איהר גאָרנישט אויס, פאַר דעם איז זי גאָרנישט; דער וואָס געברויכט זי ווי אַ קמיע, פאַר דעם האָט זי בלויז אַ ווערטה און אַ בעדייטונג פון אַ כשוף־מיטעל; ווער עס שפּיעלט זיך דערמיט, ווי קינדער, פאַר דעם איז זי נישט מעהר ווי אַ שפּיעלצייג א. אז. וו.

דאָס קריסטענטום פערלאַנגט, אַז זי, די ביבעל, זאָל פאַר אַלעמען זיין דיזעלבינגע, דהינו דאָס הייליגע בוך אָדער די „הייליגע שריפט". דאָס מיינט אונגעפעהר, אַז דעם קריסט'ס בליק מוז אויך זיין דער בליק פון די אַנדערע מענשען, און אַז קיינער טאָר זיך אַנדערש ניט פערהאַלטען צו יענעם אָביעקט. דערמיט ווערט צושטערט די אייגענהייט פון דער שייכות און אַיין זין, איין געזינונג ווערט פעסטגעשטעלט אַלס דער „אמת'ער", דער „איינציג אמת'ער" זין. בעגרענצענדיג מיין פרייהייט צו מאַכען פון דער ביבעל, וואָס איך וויל פון איהר מאַכען, ווערט בעגרעניצט די פרייהייט פון מאַכען בכלל און אויף איהר אָרט ווערט אויפגעשטעלט דער צוואַנג פון אַ בעשטימטען בליק אָדער אורטייל. ווער עס גיט אָב אַן אורטייל, אַז די ביבעל איז אַ לאַנגער טעות פון דער מענשהייט, דער אורטיילט — פערברעכעריש.

דער פאַקט איז, אַז דאָס קינד, וואָס צעררייסט זי אָדער שפּיעלט זיך דערמיט, אָדער דער אינקאַ אַטאַהואַלפּאַ, וועלכער לעגט צו צו איהר זיין אויער און וואַרפט זי אוועק מיט פעראַכטונג, ווען זי בלייבט שטום, אורטיילען פּונקט אַזוי ריכטיג וועגען דער ביבעל, ווי דער גלח, וועלכער לויבט אין איהר „גאָט'ס וואָרט", אָדער ווי דער קריטיקער, וועלכער רופט זי אָן די פאַרטאַטשנע ארבייט פון מענשליכע הענד. וואָרים ווי אַזוי מיר בעגעהען זיך מיט די זאכען, איז

א מעשה פון אונזער *גוטען ווילען*, פון אונזער *קאפ־ריז*: מיר געברויכען זיי לויט דעם גלוסט פון אונזער הארצען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, מיר געברויכען זיי פונקט ווי מיר *קאָנען*. פאַרוואָס שרייען דען די גלחים, ווען זיי זעהען, ווי העגעל און די ספּעקולאַטיווע טעאָלאָגען מאַכען פון דער ביבעל ספּעקולאַטיווע געדאַנקען? אַקוראַט דערפאַר, ווייל זיי בעגעהען זיך דערמיט ווי זייער האַרץ־גלוסט אָדער „בעהאַנדלען זי לויט זייער מוטהווילען".

ווייל אָבער מיר צייגען זיך אַלע אַרויס מוטהוויליג אין דער בעהאַנדלונג פון זאַכען, ד. ה. מיר בעגעהען זיך מיט זיי ווי עס *געפעלט* אונז אַם בעסטען — (דעם פילאָסאָף געפעלט קיין זאַך ניט אַזוי פיעל, ווי בעת ער קאָן אין אַלץ אויסשפּיהרען אַן „אידעע"; אַזוי ווי דעם גאָטספאָרכטיגען געפעלט דורך אַלע מיטלען, אַ שטייגער למשל דורך היילינ־האַלטען די ביבעל, צו מאַכען גאָט פאַר זיין פריינד): דעריבער בעגעגענען מיר אין ערגעץ ניט אַזאַ פיינליכען מוטהווילען, אַזאַ פירכטערליכע געוואַלטטהעטיגקייט, אַזאַ נאַרישען צוואַנג, ווי גראָד אויף אָט דעם געביט פון אונזער — *אייגענעם מוטהווילען*. אויב *מיר* בעגעהען זיך מוטהוויליג, נעהמענדיג די היילינע געגענשטאַנדען אויף איין אופן אָדער אַנאַנדערען, איז פאַר וואָס זאָלען מיר פעראיבעל האָבען אויף די גלח'שע גייסטער, ווען זיי נעהמען אונז אויך אַזוי מוטהוויליג *אויף זייער אופן* און האַלטען, אַז מיר זיינען ווערטה פערברענט צו ווערן ווי אַפּיקורסים אָדער פערדיענען עפּעס אַנאַנדער שטראָף, כדומה למשל — די צענזור?

וואָס אַ מענש איז, דאָס מאַכט ער פון די זאַכען; „ווי דו קוקסט אויף דער וועלט, אַזוי קוקט זי צוריק אויף דיר". דעריבער הערט מען דאָ גלייך די קלוגע עצה: דו מוזט נאָר קוקען אויף איהר „ריכטיג, אָהן פאָראורטיילען" א. אַז. וו. אַזוי ווי דאָס קינד קוקט ניט „ריכטיג און אָהן פאָראורטיילען" אויף דער ביבעל, ווען עס מאַכט זי פאַר אַ שפּיעלצייג! יענע קלוגע עצה גיט אונז צ. ב. ש. פייערבאַך. מען קוקט אויף זאַכען ריכטיג טאַקע נאָר דאַן, ווען מען מאַכט פון זיי, וואָס מען *וויל* (אונטער דעם וואָרט זאַכען מיינט מען דאָ אָביעקטען, געגענשטאַנדען בכלל, ווי גאָט, אונזערע מיטמענשען, אַ געליעבטע, אַ בוך, אַ חיה א. אַז. וו.). און דעריבער זיינען ניט די זאַכען און דער בליק אויף זיי דאָס ערשטע,

נאָר איך בין עס, מיין ווילען איז עס. מען ו ו י ל ארויסברענגען געדאַנקען פון די זאַכען, מען ו ו י ל אין דער וועלט ענטדעקען פערנונפט, מען ו ו י ל האָבען אין איהר היילינקייט: דעריבער געפינט מען זיי. „זוכט, וועט איהר געפינען“. ו ו אָ ס איך וויל זוכען, דאָס בעשטים איך: איך וויל צ. ב. ש. שעפּען גייסטיגע בחות פון דער ביבעל — מען קאָן עס געפינען; איך וויל די ביבעל גרינדליך לעזען און קריטיקירען: עס וועט ווערן פאַר מיר א גרינדליכע בעלעהרונג און קריטיק — לויט מיינע קרעפטען. איך קלייב מיר אויס דאָס, וואָס איז מיר צום האַרצען, און קלייבענדיג ווייז איך זיך ארויס — מוטהוויליג.

צו דעם בינדט זיך די מיינונג, אַז יעדער אורטייל, וואָס איך זאָג אַרויס איבער אַן אָביעקט, איז דאָס ב ע ש ע פּ ע נ י ש פון מיין ווילען; און יענע מיינונג פיהרט מיך ווידער דערצו, איך זאָל זיך ניט פערלירן אין דעם אורטייל, וואָס איז מיין בעשעפעניש, נאָר איך זאָל בלייבען דער ב ע ש ע פ ע ר, דער אורטיילער, וואָס שאַפט שטענדיג פון דאָס ניי. אַלע פּרעדיקאַטען פון געגענשטאַנדען זיינען מיינע בעהויפּטונגען, מיינע אורטיילען, מיינע בעשעפענישען. אויב זיי ווילען זיך אַרויסרייסען פון מיר און זיין אַ ממשות פאַר זיך, אָדער אויב זיי ווילען מיר גאָר אימפּאָנירען, ווערן אַ מאַכט איבער מיר, דאַן האָב איך ניט קיין מעהר דרינגענדע זאַך צו טהאָן, ווי אַריינצונעהמען זיי צוריק אין זייער „גאָרנישט“, ד. ה. אין מיר, זייער בעשעפער. גאָט, קריסטוס, דרייאייניגקייט, מאָראַל, דאָס גוטע א. אַז. וו. זיינען אָט אַזעלכע בעשעפעניסען, וועגען וועלכע איך מעג זיך ניט נאָר ערלויבען צו זאָגען, אַז זיי זיינען וואַרהייטען, נאָר איך מעג זיך ערלויבען אויך צו זאָגען, אַז זיי זיינען טעות'ן. אַזוי ווי איך האָב אַמאָל געוואָלט און בעשטימט זייער עקזיסטענץ, אַזוי וויל איך אויך מעגען וועלען זייער ניט־עקזיסטענץ. איך טאָר זיי ניט לאָזען מיר וואַקסען איבער'ן קאָפּ, איך טאָר ניט האָבען די שוואַכקייט צו לאָזען זיי ווערן עטוואָס „אַבסאָלוטעס“, דורך וואָס זיי וועלען ווערן פעראייביגט און זיך אַרויסרייסען פון מיין מאַכט און בעשטימונג. דערמיט וואָלט איך געפאַלען אַלס אָפּפער צו דעם פּרינציפּ פון ס ט אַ ב י ל י ט ע ט, דעם אייגענטליכען לעבענס־פּרינציפּ פון דער רעליגיאָן, וועלכע מאַכט עס פאַר איהר עסק צו בעשאַפען „היילינטימער, וואָס מען טאָר ניט אָנריהרען“, „אייביגע

ווארהייטען“, קוריז, א „הייליגס“, און אוועקצונעהמען פון דיר דאס ד ר י י נ י ג ע.

דער אביעקט אין זיין הייליגען געשטאלט מאכט אונז פונקט אזוי פאר בעזעסענע, ווי אין זיין ניט הייליגען געשטאלט, אלס איבערזינליכער אביעקט פונקט אזוי ווי אלס זינליכער. די תאוה אדער מאניא האט א שייכות צוביידען, געלד־גייציגקייט און די בענקעניש נאך גאט שטעהען אויף איין שטופע. בעת די ראציאנאליסטען (בעלי השכלה) האבען געוואלט צוציהען מענשען צו דער זינליכער וועלט, האט לאפאטער געפרעדיגט די זוכעניש פון דער אונגעזעהענער וועלט. איינינע ווילען ארויסרופען ר י ה ר ו נ ג (עמאציאן), די אנדערע — ר י ה ר ע ו ו ד י ג ק י י ט (מאציאן, טהעטיגקייט).

די אויפפאסונג פון געגענשטאנדען איז אינגאנצען א פערשיידענארטיגע, אזוי ווי אויך גאט, קריסטוס, וועלט א. אז. וו. זיינען געווארן און ווערן פערשיידען אויפגעפאסט. יעדערער איז אין דעם א „מתנגד“ (וואס דענקט אנדערש ווי דער אנדערער), און נאך בלוטיגע מחלקות איז מען ענדליך געקומען צו דעם פונקט, אז די געגענגעזעצטע מיינונגען איבער איין און דעמזעלביגען געגענשטאנד דארפען ניט מעהר פעראורטיילט ווערן ווי אפיקורסות, וואס איז חייב מיתה. די „מתנגדים“ פערטראגען זיך איינע מיט די אנדערע. פאר וואס אבער זאל איך נאר אנדערש דענקען איבער א זאך, פארוואס ניט טרייבען דאס אנדערש דענקען ביז צו זיין לעצטען שפיץ, ד. ה. ביז גארנישט מעהר צו האלטען פון דער זאך, דענקען פון איהר גארנישט, מאכען א תל פון איהר? דאן קומט א סוף צו דער א ו י פ פ א ס ו נ ג גופא, ווייל עס איז מעהר ניטא וואס אויפצופאסען. ווארום זאל איך יא זאגען: גאט איז ניט אללאה, ניט בראהמא, ניט יעהאווא, נאר — גאט; ווארום אבער ניט: גאט איז נישט מעהר ווי אן אילוזיע? פאר וואס שטעמפעלט מען מיך מיט א שאנד־פלעק, ווען איך בין א „כופר בעיקר“? דערפאר, ווייל מען שטעלט דאס בעשעפעניש איבער דעם בעשעפער („זיי עהרען און דיענען דאס בעשעפעניש מעהר איידער דעם בעשעפער“ — רוימער 1, 25) און מען בעדארף א ה ע ר ש ע נ ד ע ן א ב י ע ק ט, כדי דער סוביעקט זאל עכט א ו נ ט ע ר ט ע נ י ג איהם דיענען. איך מוז זיך ב ו י ג ע ן צו דעם אבסאלוטען, איך מ ו ז עס.

דורך דאָס „רייך פון געדאַנקען“ האָט האָס קריסטענטום זיך
פערפאָלשטענדיגט ;  דער געדאַנק איז יענע אינערליכקייט, אין
וועלכער אַלע ליכטער פון דער וועלט לעשען זיך אוים, יעדע עקזים־
טענץ ווערט אוים עקזיסטענץ, דער אינערליכער מענש (דאָס הארץ,
דער קאָפּ) איז אַלץ אין אַלעמען. דאָס דאַזיגע רייך פון געדאַנקען
האַרט אויף זיין ערלעזונג, ער האַרט ווי דער ספינקס אויף זיין
עדיפּוס, וואָס זאָל פּותר זיין זיין רעטעניש, כדי עס זאָל ענדליך
קאָנען געהן פון דער וועלט. איך בין דער פערניכטער פון זיין
קיום, וואָרים אין דעם בעשעפער׳ס רייך איז עס ניט מעהר קיין
אייגען רייך, קיין שטאַאַט אין אַ שטאַאַט, נאָר אַ בעשעפעניש פון
מיין שאַפּענדער — געדאַנקענלאָזינקייט. נאָר אין דערזעלביגער
צייט און צוזאַמען מיט דער פערשטיינערטער ג ע ד אַ נ ק ע ן־וועלט
קאָן די קריסטען־וועלט, דאָס קריסטענטום און די רעליגיאָן גופא,
געהן צוגרונד ;  נאָר ווען די געדאַנקען געהען אוים, זיינען מעהר
ניטאָ קיין גלויביגע. פאַר דעם דענקענדען איז זיין דענקען אַן
„ערהאַבענע ארבייט, אַ הייליגע טהעטיגקייט“, און עס רוהט אויף אַ
פעסטען  ג ל ו י ב ע ן,  אויף דעם גלויבען אין דער וואַרהייט. אין
אָנהויב איז דאָס תפלה־טהאָן אַ הייליגע טהעטיגקייט, דערנאָך ווערט
אָט די הייליגע „השתפכות הנפש“ פערביטען אויף אַ פערנינפטיגען
און שכל׳דיגען „דענקען“, אָבער דאָס דענקען האַלט אויך אָן זיין
פעסטען גלויבענס־באַזים אין דער „הייליגער וואַרהייט“, און איז
נאָר אַ וואַונדערבאַרע מאַשין, וועלכע דער גייסט פון וואַרהייט דרעהט
אָן, כדי איהם צו דיענען. דאָס פרייע דענקען און די פרייע וויסענ־
שאַפט בעשעפטיגט  מ י ך  — וואָרים ניט איך בין פריי, ניט איך
בעשעפטיג זיך, נאָר דאָס דענקען איז פריי און בעשעפטיגט מיך —
מיט דעם הימעל און דאָס הימעלשע אָדער דאָס „געטליכע“ ;  דאָס
הייסט אייגענטליך מיט דער וועלט און דאָס וועלטליכע, נאָר עס
מיינט מיט „אַנאַנדער“ וועלט :  עס מיינט נאָר די וועלט אומגע־
קעהרט און פערדרוקט, און געמאַכט אַזוי, איך זאָל זיך בעשעפטיגען
מיט׳ן  ו ו ע ז ע ן  פון דער וועלט,  דעריבער איז עס אַ  פ ע ר־
ר י ק ט ה י י ט. דער דענקענדער איז בלינד פאַר דער אונמיטעל־
באַרקייט פון די זאַכען און איז ניט בכח זיי צו מייסטערן :  ער
עסט ניט, טרינקט ניט, געניסט ניט, וואָרים דער, וואָס עסט און
טרינקט, איז קיינמאָל ניט דער דענקענדער ;  ער פערגעסט עסען

און טרינקען, פערגעסט זיין ארויסארבייטען זיך אין לעבען, זיין זארג פאר חיונה א. אז. וו. צוליעב דאס דענקען: ער פערגעסט דאס, ווי דאס פערגעסט אויך דער וואס איז אריינגעטאן אין תפלות. ביי דעם קרעפטיגען נאטור־מענשען קוקט ער דעריבער אויס ווי א מטורף'דיגער שמענדריק, א שוטה, ווען אפילו ער האלט איהם פאר א הייליגען, אזוי ווי די פארצייטיגע פלעגען קוקען אויף משוגעים ווי אויף הייליגע. דאס פרייע דענקען איז משוגעת, ווייל עס איז א ריינע בעוועגונג פון דער אינערליכקייט, פון דעם בלויז אינערליכען מענשען, וועלכער פיהרט און רעגעלט דאס איבעריגע פון דעם מענשען. דער שאמאן און דער ספעקולאטיווער פילאסאף שטעלען מיט זיך פאר די אויבערשטע און אונטערשטע טרעפ אויפ'ן לייטער פון דעם אינערליכען מענשען, פון דעם — מאנגאל. דער שאמאן און דער פילאסאף קעמפען מיט רוחות, שדים, גייסטער און געטער.

פון אט דעם פרייען דענקען איז לגמרי פערשיידען דאס אייגענע דענקען, מיין דענקען, א דענקען וואס פיהרט מיך ניט, נאר פערקעהרט ווערט געפיהרט פון מיר און ווערט פארטגעזעצט אדער אבגעשטעלט, לויט דעם ווי מיר געפעלט. דאס דאזיגע אייגענע דענקען אונטערשיידעט זיך פון דעם פרייען דענקען אויפ'ן זעלביגען אופן, ווי די אייגענע זינליכקייט, וועלכע איך בעפריעדיג ווי מיר געפעלט, אונטערשיידעט זיך פון דער פרייער, ניט־איינגעצוימטער זינליכקייט, וועלכע איז מיך גובר.

פייערבאך אין זיין ווערק „די גרונדזעצען דער פילאסאפיע דער צוקונפט" לעגט נאכאנאנד געוויכט אויף דאס זיין. אין דעם פרט בלייבט ער אויך שטעקען אין אבסטראקציעס, ווי שטארק ער זאל ניט זיין אנטקעגען העגעל און די אבסאלוטע פילאסאפיע; ווארים „דאס זיין" איז אן אבסטראקציע, אזוי ווי אפילו „דער איך". נישט מעהר איך בין ניט בלויז אן אבסטראקציע אליין, איך בין אליז אין אלעמען, ממילא אפילו אן אפסטראקציע אדער א גארנישט; איך בין ניט בלויז א געדאנק, אבער אין דערזעלביגער צייט בין איך פול פון געדאנקען, א געדאנקען־וועלט. העגעל פערורטיילט דאס אייגענע, דאס מייניגע, די — „מיינונג". דאס אבסאלוטע דענקען איז יענער סארט דענקען, וואס פערגעסט, אז עס

איז מ י י ן דענקען, אז א י ך דענק עס, און אז עס עקזיסטירט נאר דורך מ י ר. אבער אלס איך, פערשלינג איך ווידער דאס מייניגע, בין בעל־הבית איבער דעם, און עס איז נאר מיין מ י י־נ ו נ ג, וועלכע איך קאן יעדע רגע ע נ ד ע ר ן, ד. ה. פערניכטען, צוריק אריינגעהמען אין זיך, און אויפצעהרן. פייערבאך וויל שלאגען העגעל'ס „אבסאלוטעם דענקען" מיט דאס א ו נ ב ע־ז י ע ג ט ע ז י י ן. דאס זיין איז אבער אין מיר פונקט אזוי גוט בעזיעגט ווי דאס דענקען. עס איז מ י י ן זיין, ווי דאס אנדערע איז מ י י ן דענקען.

דערמיט קומט פייערבאך, פערשטעהט זיך, ניט ווייטער ווי ביז צו דעם פאר זיך ניט וויכטיגען בעווייז, אז איך געברויך די ח ו ש י ם פאר יעדער זאך, אדער אז איך קאן ניט אינגאנצען אויסקומען אהן די דאזיגע ארגאנען. געווים קאן איך ניט דענקען, ווען איך עקזיס־טיר ניט זינליך. אבער סיי צו דענקען, סיי צו פיהלען, ד. ה. פאר דאס אבסטראקטע, ווי פאר דאס זינליכע, געברויך איך קודם כל מ י ך, אט דעם גאנץ בעשטימטען מיך, אט דעם א י י נ צ י ג ע ן. וואלט איך ניט געווען אט דער, העגעל צ. ב. ש., וואלט איך ניט געקוקט אויף דער וועלט, ווי איך קוק אויף איהר איצטער, איך וואלט ניט ארויסגעקליבען פון איהר יענעם פילאסאפישען סיסטעם, וועל־כען איך אלס העגעל קלייב פון איהר ארויס א. אז. וו. איך וואלט טאקע געהאט חושים, ווי אנדערע מענשען האבען זיי אויך, אבער איך וואלט זיי ניט בענוצט אזוי ווי איך בענוץ עס איצטער.

פייערבאך מאכט העגעל'ן דעם פארוואורף,* אז ער מיס־ברויכט די שפראך, דערמיט וואס ער פערשטעהט אונטער איניגע ווערטער עפעס אנדערעס, איידער דאס, פאר וואס דאס נאטירליכע בעוואוסטזיין נעהמט זיי אן; און דאך בעגעהט ער אליין דעמ־זעלביגען פעהלער, ווען ער גיט צו דעםווארט „זינליך" אזא וויכ־טיגען זין, וואס ווערט געוועהנליך ניט געברויכט. אזוי שרייבט ער אויף זייט 69: „דאס זינליכע איז ניט דאס פראפאנע, געדאנקענ־לאזע, וואס ליעגט פון אויבענאויף, וואס פערשטעהט זיך פון זיך אליין". אויב אבער עס איז פערקעהרט דאס הייליגע, דאס געדאנ־קענפולע, דאס וואס ליעגט פערבארגען, דאס וואס מען קאן פער־

* ז. 47.

שטעהן נאָר דורך א פערמיטלונג פון עפּעס אנדערש — דאָן איז שוין דאָס ניט מעהר דאָס, וואָס מען רופט דאָס זינליכע. דאָס זינ־ליכע איז נאָר דאָס, וואָס איז פאַר די זינען, די חושים; וואָס אָבער עס לאָזט זיך געניסען נאָר פאַר יענע, וועלכע געניסען מיט מ ע ה ר איידער די חושים, וועלכע געהען ווייט אריבער דעם גענוס פון די חושים און די בענעהמונג דורך די חושים, דאָס איז העכ־סטענס פערמיטעלט אָדער צוגעפיהרט דורך די חושים, ד. ה. די חושים ריענען ווי א ב ע ד י נ ג ו נ ג דאָס צו דערגרייכען, אָבער עס איז ניט מעהר זינליכעס. דאָס זינליכע — וואָס דאָס זאָל ניט זיין — וויבאלד עס ווערט אויפגענומען אין מיר, ווערט עס אַן אונזינליכעס, וואָס קאָן פונדערסטוועגען ווידער האָבען זינליכע ווירקונגען, צ. ב. ש. אויפרעגענדיג מיינע געפיהלען און מיין בלוט.

עס איז שוין גוט, וואָס פייערבאך גיט דער זינליכקייט א בכבוד'ן פּלאַץ, אבער ער קאָן נאָר דערביי בעקליידען דעם מאַטע־ריאַליזם פון זיין „נייער פילאָזאָפיע" מיט דאָס, וואָס איז ביז אהער געווען האָס אייגענטום פון דעם אידעאַליזם — מיט דער „אבסאָלו־טער פילאָזאָפיע". פּונקט אזוי ווייניג, ווי מענשען לאָזען זיך איינ־רערען, אז מען קאָן לעבען פון דאָס „גייסטיגע" אליין, אָהן ברויט, אזוי ווייניג וועלען זיי איהם גלויבען, אז אלס זינליכער איז שוין א מענש אלץ, ד. ה. גייסטיג, געראַנקענפול א. אז. וו.

דורך דאָס ז י י ן ווערט גאָרנישט גערעכטפערטיגט. דאָס, וואָס איז אין מיינע געראַנקען, עקזיסטירט, אזוי גוט ווי דאָס, וואָס איז אויסער מיינע געדאַנקען: דער שטיין אויפ'ן גאַס עקזיסטירט און מיין פאָרשטעלונג וועגען איהם עקזיסטירט אויך. ביידע זיי־נען נאָר אין פערשיידענע רוימען, יענער אין דעם רוים פון דער לופט, דער אין מיין קאָפּ, אין מ י ר, ווארים איך בין א טייל פון דעם רוים, ווי די גאַס.

די גילדעניקס (צעך־מיטגליעדער) אָדער פּריווילעגירטע דולדען ניט קיין געדאַנקען־פרייהייט, ד. ה. קיינע געדאַנקען, וועלכע קומען ניט פון דעם „געבער פון אלעס גוטס" — מעג דער דאָזיגער געבער הייסען גאָט, פּויפּסט, קירך אָדער עפּעס אנדערש. אויב אימי־צער האָט אזוינע אונגעזעצליכע געדאַנקען, מוז ער עס דערצעה־לען דעם גלח, פאַר וועמען ער איז זיך מתודה, און אויסהערן זיין מוסר אזוי לאַנג, ביז וואַנען דער פרייער געדאַנק קאָן שוין מעהר

ניט אריבערטראָגען די שקלאפען־בייטש. דער צעך־גייסט זאָרגט אויך אויף אנדערע אופנים, אז די פרייע געדאנקען זאָלען גאָרניט געבאָרן ווערן — קודם כל דורך א קלוגער ערציהונג. ווען די פרינציפען פון דער מאָראל זיינען ווי געהעריג אריינגעקלאפט געוואָרן אין קאָפּ, דער וועט שוין קיינמאָל ניט ווערן ווידער פריי פון מאָראלישע געדאנקען; גזילה, פאלש שווערן, רמאות א. ד. ג. בלייבען פאר איהם פיקסע אידעען, וואָס קיין געדאנקען־פרייהייט בעשיצט איהם ניט פון זיי. ער האָט זיינע געדאנקען „פון אויבען“ און בלייבט דערביי.

עס איז אנדערש ביי די, וואָס האָבען קאָנצעסיעס אָדער פאטענטען. יעדערער מוז קאָנען האָבען און פאָרמירען געדאנקען ווי ער וויל. ווען ער האָט דעם פאטענט אָדער די קאָנצעסיע אויף דענקען, בעדארף ער ניט קיין בעזונדער פ ר י ו ו י ל ע ג י ע. אזוי ווי אָבער „אלע מענשען זיינען פערנינפטיג“, איז יעדער איינער פריי אריינצוזעצען זיך אלערליי געדאנקען אין קאָפּ און צו האָבען, לויט דעם פאטענט אויף נאטירליכע פעהיגקייטען, א גרעסערן אָדער קלענערן רייכטום פון געדאנקען. איצט הערט מען דעם מוסר השכל, אז מען „מוז שעצען אלע מיינונגען און איבערצייגונגען“, אז „יעדע איבערצייגונג איז בערעכטיגט“, אז מען מוז זיין „טאָלעראנט צו אנדערע מענשען'ס מיינונגען“ א. אז. וו.

אָבער „אייערע געדאנקען זיינען ניט מיינע געדאנקען, און אייערע וועגען זיינען ניט מיינע וועגען“. אָדער איך וויל בעסער זאָגען פערקעהרט: אייערע געדאנקען זיינען מ י י נ ע געדאנקען, מיט וועלכע איך שאלט און וואלט ווי איך וויל און צעקלאפּ זיי אונבארמהערציג: זיי זיינען מיין אייגענטום, און איך פערניכט עס, אויב מיר געפעלט. איך דערוואַרט ניט פון אייך אפריהער קיין בערעכטיגונג, כדי צו צערייבען און אוועקבלאָזען אייערע געדאנקען. עס מאכט מיר ניט אויס, וואָס איהר רופט זיי אויך אייערע געדאנקען, זיי בלייבען סיי ווי סיי מיינע, און עס איז מ י י ן ז א ך, ווי איך וויל זיך בעגעהן מיט זיי, ניט קיין פוסטע פרעטענזיע. עס קאָן מיר געפעלען צו לאָזען אייך ביי אייערע געדאנקען, — דאן שווייג איך. מיינט איהר, אז די געדאנקען פליהען זיך ארום אזוי פויגעל־פריי, אז יעדער איינער קאָן נעהמען פון זיי וויפיעל עס איז און דערנאָך אויפשטעלען זיי אנטקעגען מיר אלס

זיין אייגענטום, וועלכען מען טאָר ניט אָנריהרען? וואָס עס פליהט ארום איז אַלין — מ י י נ ס.

גלויבט איהר, אז איהר האָט אייערע געדאַנקען פאר זיך און דארפט זיך פאר קיינעם ניט פערענטפערן פאר זיי, אָדער ווי איהר זאָגט טאקע, איהר דארפט נאָר גאָט אָבגעבען א רעכענונג וועגען זיי? ניין, אייערע גרויסע און קליינע געדאַנקען געהערן מיר, און איך בעהאַנדעל זיי ווי מיר געפעלט.

דער געדאַנק איז מיין א י י ג ע נ ס ערשט דאַן, ווען איך בין גרייט צו ריזיקירען יעדע מינוט מיט זיין לעבען, ווען איך דארף ניט מורא האָבען, אז אויב ער געהט פערלאָרן, איז דאָס א פ ע ר־ ל ו ס ט פ א ר מ י ר, מיינט עס, אז איך האָב פערלאָרן. מיין אייגענס איז דער געדאַנק ערשט יעמאָלט, ווען איך איהם קאָן טאקע יאָ אונטערטהעניג מאַכען, אָבער ער מיך קיינמאָל ניט, ווען ער קאָן מיך קיינמאָל ניט מאַכען פאַנאַטיש, קיינמאָל ניט מאַכען פאר א ווערקצייג פון זיין פערווירקליכונג.

אַלזאָ, געדאַנקען־פרייהייט עקזיסטירט, ווען איך קאָן האָבען אַלערליי מעגליכע געדאַנקען; אייגענטום אָבער ווערן די געדאַנ־ קען ערשט דורכדעם, וואָס זיי קאָנען ניט ווערן די בעליבתים. אין דער צייט פון געדאַנקען־פרייהייט ה ע ר ש ע ן געדאַנקען (אידעען); פועל איך אָבער האָס געדאַנקען־אייגענטום, דאַן פערהאַל־ טען זיי זיך ווי מיינע בעשעפעניסען.

וואָלט די היעראַרכיע ניט אריינגעדרונגען אזויפיעל אין דאָס אינערסטע, אז זי האָט אוועקגענומען פון דעם מענשען יעדען מוטה צו האָבען פרייע געדאַנקען, ד. ה. געדאַנקען, וועלכע קאָנען אפשר ניט געפעלען גאָט, וואָלט מען דאַן געמוזט בעטראַכטען די געדאַנ־ קען־פרייהייט פאר פונקט אזא פוסטען וואָרט, ווי למשל פערדייי־ הונגס־פרייהייט.

לויט דער מיינונג פון די צעך־מענשען ווערט מיר דער געדאנק ג ע ג ע ב ע ן, לויט דער מיינונג פון די פריידענקער ז ו ך איך דעם געדאנק. אין דעם ערשטען פאַל איז די וואַרהייט שוין געפונ־ נען און איז פאראַן, נאָר איך מוז זי פון דעם געבער פון דער וואַרהייט על פי חסד — בעקומען; אין דעם אַנדער פאַל מוז מען זי ערשט זוכען און זי איז א ציעל, וואָס ליעגט אין דער צוקונפט, נאָך וועלכען איך דארף נאָכלויפען.

איןביידע פעלען ליעגט די ווארהייט (דער אמת'ער געדאנק) פון דרויסען פון מיר, און איך שטרעב זי צו ב ע ק ו מ ע ן, סיי דורך געשענק (על פי חסד), סיי דורך דערווערבונג (אייגען פער־דיענסט). בכן 1) די ווארהייט איז א פריווילעגיום; 2) ניין, דער וועג צו איהר איז פ א ט ע נ ט [אפען] פאר אלעמען, און ניט די ביבעל, ניט דער הייליגער פאטער, ניט די קירך און ניט קיין אנדרערער איז ניט אין בעזיץ פון דער ווארהייט; אבער מען קאן זי קריגען אין בעזיץ דורך — ספעקולאציע.

ביידע, ווי מען זעהט, זיינען א י י ג ע נ ט ו מ ל א ז בנוגע דער ווארהייט: זיי האבען איהר ענטוועדער אלס ל ע ה ן (דען דער „הייליגער פאטער" צ. ב. ש. איז ניט קיין איינציגער; אלס איינציגער איז ער אט דער סיקסטוס, קלעמענס א. אז. וו., אבער ער האט ניט די ווארהייט אלס סיקסטוס, קלעמענס א. אז. וו., זאנדערן אלס „הייליגער פאטער", ד. ה. אלס א גייסט), — אדער אלס א י ד ע א ל. אלס לעהן איז זי נאר פאר ווייניגע (פריווי־ליגירטע), אלס אידעאל איז זי פאר אלעמען (פאטענטירטע).

דער זין פון געדאנקען־פרייהייט, הייסט עס, איז דער: מיר וואנדלען טאקע ארום אין דער פינסטער און אויף די וועגען פון טעות, אבער יעדערער קאן זיך אויף אט דעם וועג דערנעהנטערן צו דער ו ו א ר ה י י ט, און בכן איז ער אויפ'ן ריכטיגען וועג („אלע וועגען פיהרען אין רוים" א. אז. וו.). געדאנקען־פרייהייט בעטייט דעריבער, אז דער אמת'ער געדאנק איז ניט מיין א י י־ג ע נ ס; וואָרים אויב ער וואלט געווען מיין אייגענס, איז ווי אזוי וואלט מען מיך געקאנט אבטיילען פון איהם?

דאס דענקען איז געווארן גאנץ פריי און האט אויפגעשטעלט א מאסע ווארהייטען, צו וועלכע א י ך מוז זיך צופאסען. עס זוכט זיך צו פערפאלשטענדיגען אין א ס י ס ט ע ם און צו מאכען פון זיך אן אבסאלוטע „קאנסטיטוציע". אין דעם שטאאט, צ. ב. ש., האט עס געזוכט די אידעע אזוי לאנג, ביז עס האט ארויסגעבראכט דעם „פערנונפט־שטאאט", אין וועלכען איך מוז זיין צופריעדען; אין מענשען (אין דער אנטראפאלאגיע) האט עס אזוי לאנג געזוכט, ביז עס „האט געפונען דעם מ ע נ ש ע ן".

דער דענקענדער אונטערשיידט זיך פון דעם גלויבענדען נאר דורכדעם, וואס ער, דער דענקענדער, ג ל ו י ב ט פ י ע ל מ ע ה ר

איידער דער גלויבענדער, וועלכער האלט זיך ביי זיין גלויבען (ביי זיין אני מאמין), און דענקט פיעל וועניגער איידער דער דענקענ־דער. דער דענקענדער האט טויזענד גלויבענס־דאגמען, וואו דער גלויביגער קומט אוים מיט עטליכע; אבער דער ערשטער ברייננט אריין אין זיינע דאגמען א צוזאמענהאנג, און דאן נעהמט ער אן דעם צוזאמענהאנג פאר דעם מאסשטאב פון זייער אבשא־צונג. אויב איין דאגמע אדער אנאנדערע פאסט איהם ניט צום רומעל,ווארפט ער זי ארוים.

די דענקענדע לויפען פאראלעל צו די גלויבענדע אין זייערע שפריכווערטער. אשנטאט וואס די גלויביגע זאגען: „ווען עס איז פון גאט, ווער איהר עס ניט פערטיליגען“, זאגען זיי: „ווען עס איז פון דער ווארהייט, בלייבט עס וואהר“; אנשטאט: גיט גאט די עהרע [תנו כבוד לה'] — זאגען זיי, „גיט דער ווארהייט די עהרע“. מיר איז אבער גאנץ גלייך צי גאט אדער די ווארהייט זאגט; קודם כל וויל א י ך זאגען.

איבעריגענס, ווי אזוי קאן א „אונבעשרענקטע פרייהייט“ זיין דענקבאר אינערהאלב פון דעם שטאאט אדער דער געזעלשאפט? דער שטאאט קאן גאנץ ריכטיג בעשיצען איינעם אנטקעגען דעם אנדערן, אבער זיך אליין קאן ער האך ניט שטעלען אין געפאהר דורך אן אונבעגרעניצטער פרייהייט, דורך אן אזויגערופענער ניט־איינ־געצוימטקייט. אזוי צ. ב. ש. דערקלערט דער שטאאט בנוגע דער „אונטערריכט־פרייהייט“, אז איהם איז רעכט יעדער איינער, אויב ער אונטעררוכט נאר אזוי ווי ער, דער שטאאט, אדער קלערער געזאגט, ווי די שטאאט־מאכט וויל עס האבען. אט די ווערטער „ווי דער שטאאט וויל עס האבען“ זיינען דער הויפטפונקט פאר די קאנקורירענדע. אויב דער גייסטליכער קלאס צ. ב. ש. וויל ניט דאסזעלביגע וואס דער שטאאט, שליסט ער זיך אליין אוים פון דער ק א נ ק ו ר ע נ ץ (למשל אין פראנקרייך). די גרעניץ, וועלכע ווערט נויטיגערווייז אוועקגעשטעלט אין שטאאט פאר יעדער קאנקו־רענץ, רופט מען אן „די איבערוואכונג און אויבער־אויפזיכט פון דעם שטאאט“. אנווייזענדיג דער אונטעררוכט־פרייהייט די געהע־ריגע גרעניצען, אין וועלכע זי מוז זיך האלטען, צייכענט דער שטאאט אין דערזעלביגער צייט אן דעם ציעל פאר דער געדאנקען־

פרייהייט, ווייל מענשען דענקען בדרך כלל ניט ווייטער, איידער זייערע לעהרער האָבען גערענקט.

הערט וואָס דער מיניסטער ג י ז אָ זאָגט:* „די גרויסע שוועריגקייט פון דער היינטיגער צייט בעשטעהט אין מ ד ר י ך זיין און בעהערשען דעם גייסט. אמאָל האָט די קירך ערפילט אָט די מיסיע, איצט איז זי ניט גוט גענוג דערצו. די אוניווערזיטעט איז די אינסטיטוציע, פון וועלכער מיר מוזען דערוואַרטען אָט דאָס גרויסע דיענסט, און זי וועט ניט פערפעהלען דאָס צו לייסטען. מיר, די רעגירונג, האָבען די פליכט צו אונטערשטיצען איהר אין דעם. די כארטע פאָדערט די פריי־הייט פון געדאַנק און די געוויסענס־פרייהייט". אַלזאָ, לטובה פון דער געדאַנקען־און געוויסענס־פרייהייט פאָדערט דער מיניסטער „די לייטונג און בעהערשונג פון דעם גייסט"!

דער קאַטאָליציזם האָט געשטעלט דעם, וואָס ווערט עקזאַמי־נירט, פאַר דעם פאָרום פון דער קירכליכקייט, דער פּראָטעסטאַנ־טיזם — פאַר דעם פאָרום פון דער ביבלישער קריסטליכקייט. עס וואָלט געווען א קנאַפּע פערבעסערונג, ווען מען זאָל איהם שטעלען פאַר דעם פאָרום פון דער פערנונפט, ווי דאָס וויל צ. ב. ש. רוגע.** צי די קירך, די ביבעל אָדער די פערנונפט (אויף וועלכער אגב לוטהער און הוסס האָבען זיך שוין בערופען) איז די ה י י ל י ג ע א ו י ט אָ ר י ט ע ט, מאַכט אין עצם פון דער זאַך קיין אונטער־שייד נים.

די „פראַגע פון אונזער צייט" ווערט ניט מעגליך צו לייזען אפילו ווען מען שטעלט זי אָט אזוי: איז עפּעס אן אלגעמיינעס בערעכטיגט צו עקזיסטירען, אָדער נאָר דאָס איינצעלנע? איז די אַלגעמיינהייט (ווי שטאַאט, געזעץ, מנהג, מאָראַל א. אז. וו.) בערעכ־טיגט אָדער די איינצעלהייט? זי ווערט נאָר ערשט דאַן מעגליך צו לייזען, ווען מען פרעגט איבערהויפּט ניט מעהר וועגען א „בערעכ־טיגונג" און מען פיהרט ניט קיין בלויזען קאַמף אנטקעגען „פּריווי־לעגיען." — א „פערנינפטיגע" לעהר־פרייהייט, וועלכע „אַנערקענט

* לאָרדען־קאַמער, דעם 25טען אַפּריל, 1844.
** אנעקדאָטאַ 1, 120.

נאָר דאָס געוויסען פון פערנונפט",* ברענגט אונז ניט צום ציעל; מיר בעדאַרפען בעסער אן עגאָיסטישע, א לעהר־פרייהייט פאַר יעדער אייגענהייט, וואו מיין שטימע לאָזט זיך הערן און איך קאָן זיך ארויסזאָגען אונגעשטערט. וואָס איך לאָז הערן מיין שטימע, וואָס איך מאַך זיך „פערנעהמבאַר", דאָס אַליין איז „פער־נונפט", איך מעג זיין ווער־וויים ווי אונפערנינפטיג; דערמיט וואָס איך לאָז זיך פערנעהמען פון אנדערע און פערנעהם אויף דעם אופן זיך אַליין, געניעסען מיך אנדערע, אזוי גוט ווי איך זיך אַליין, און פערצעהרן מיך אין דערזעלביגער צייט.

וואָס וואָלט מען דען געוואונען אויב, אזוי ווי פריהער איז געוועזן פריי דער אָרטאָדאָקסישער איך, דער לאָיאַלער איך, דער מאָראַלער איך א. אז. וו., וואָלט איצטער דער פערנינפטיגער איך געוואָרן פריי? וואָלט דאָס געוועזן די פרייהייט פון מ י י ן איך?

אויב איך בין פריי אלס „פערנינפטיגער איך", איז דאַן פריי דאָס פערנינפטיגע אין מיר אָדער די פערנונפט; און אָט די פרייהייט פון דער פערנונפט אָדער פרייהייט פון געדאַנק איז פון אייביג אָן געוועזן דער אידעאַל פון דער קריסטליכער וועלט. דאָס דענקען — און ווי געזאָגט איז דער גלויבען אויך דענקען, אזוי ווי דאָס דענקען איז גלויבען — האָט מען געוואָלט פריי מאַכען; די דענקענדע, ד. ה. די גלויביגע, אזוי גוט ווי די פערנינפטיגע, האָבען געזאָלט פריי זיין; פאַר די איבריגע איז פרייהייט געוועזן אונמעגליך. די פרייהייט פון די דענקענדע אבער איז די „פרייהייט פון די קינדער גאָטעס" און אין דערזעלביגער צייט די אונברחמנות'דיגסטע — היעראַרכיע אָדער הערשאַפט פון געדאַנק: ווארים א י ך ווער פערקנעכטעט פון'ם געדאַנק. זיינען די געדאַנקען פריי, דאַן בין איך זייער שקלאַף, דאַן האָב איך ניט קיין מאַכט איבער זיי און ווער בעהערשט פון זיי. איך אבער וויל האָבען דעם געדאַנק, איך וויל זיין פול פון געדאַנקען, אבער אין דערזעלביגער צייט וויל איך זיין געדאַנקענלאָז, און אנשטאט די געדאַנקען־פרייהייט, בעהאַלט איך פאַר מיר די געדאַנקענלאָזיגקייט.

ווען עס האַנדעלט זיך וועגען קאָמוניקירען און פערשטענדיגען זיך מיט אנדערע מענשען, קאָן איך געוויס מאַכען געברויך נאָר פון

* אַנעקדאָטאַ 1, 127.

די מ ע נ ש ל י כ ע  מיטלען, מיט וועלכע איך קאָן זיך שאַפען, ווייל איך בין צופֿעליך א מענש. און ווירקליך, איך האָב געדאַנקען נאָר אַלס מענש, אלס „איך" קאָן איך זיין אין דערזועלביגער צייט אויך אָהן געדאַנקען. דער וואָס קאָן ניט לויז ווערן פון א געדאַנק, איז אין דעם פּרט נ אָ ר מ ע נ ש , ער איז א קנעכט פון דער שפּראַך — פון דער האָזיגער מענשליכער אינסטיטוציע, דעם אוצר פון מ ע נ ש ל י כ ע געדאַנקען. די שפּראַך אָדער „דאָס וואָרט" טיראַניזירט אונז אַם ערגסטען, ווייל זי פיהרט ארוים אַנטקעגען אונז א גאַנצע אַרמעע פון פ י ק ס ע א י ד ע ע ן. בעאָבאַכט זיך נאָר אַט איצט ערשט, בעת דו ביזט אריינגעטאָן אין דענקען, וועסטו בעמערקען, אז דו פּראָגרעסירסט נאָר דורכדעם, וואָס דו ווערסט יעדע רגע געדאַנקענלאָז און שפּראַכלאָז. די געדאַנקען און ווערטער פערגעהען זיך אין דיר, ניט נאָר בעת דו שלאָפסט, נאָר אויך ווען דו האַלטסט אין דעם טיעפסטען נאָכדענקען, יאָ, גראָד דאַן אַם מייסטען. און נאָר דורך אָט דער געדאַנקענלאָזיגקייט, דורך דער ניט־אָנדערקענטער „געדאַנקען־פרייהייט" אָדער פרייהייט פון געדאַנקען ביזטו דיין אייגענער. נאָר אָט די פרייהייט פון געדאַנקען גיט דיר ערשט די מעגליכקייט צו פערברויכען די שפּראַך אַלס דיין א י י ג ע נ ט ו ם .

אויב דאָס דענקען איז ניט  מ י י ן  דענקען, איז עס בלויז אַן אויסגעשפּונענער געדאַנק ; עס איז שקלאַפען־ארבייט, אָדער די ארבייט פון א „דיענער, וואָס געהאָרכט צום וואָרט". דער אָנפאַנג־פּונקט פון מיין דענקען איז ניט א וועלכער עס איז געדאַנק, נאָר איך אַליין, און דעריבער בין איך אויך זיין ענד־פּונקט אָדער זיין ציעל, אזוי ווי דער גאַנצער פערלויף פון מיין דענקען איז נאָר א פערלויף פון מיין זעלבסט־גענוס ; דאגעגען פאר דאָס אבסאָלוטע אָדער פרייע דענקען איז דאָס פרייע דענקען אַליין דער אָנפאַנג־פּונקט, און עס מאַטערט זיך אַרויסצושטעלען אָט דעם אָנפאַנג אַלס די העכסטע אבסטראַקציע (צ. ב. ש. אַלס דאָס זיין). און אָט די אבסטראַקציע, אָדער דער געדאַנק, ווערט דאַן ווייטער אויסגעשפּונען.

דאָס אַבסאָלוטע דענקען איז די זאַך פון דעם מענשליכען גייסט, און דער מענשליכער גייסט איז א הייליגער גייסט. דעריבער איז דאָס האָזיגע דענקען די זאַך פון גלחים, וועלכע „האָבען

א גנעפיהל, דערפאר", א געפיהל פאר די „העכסטע אינטערעסען פון דער מענשהייט", פאר „דעם גייסט".

פאר דעם גלויביגען זיינען די ווארהייטען א ב ע ש ל אָ ס ע נ ע זאך, א טהאטזאך; פאר דעם פריי דענקענדען — א זאך, וועלכע דארף נאך ערשט בעשלאָסען ווערן. דאָס אבסאָלוטע דענקען מעג זיין וועריוויים ווי אונגלויביג, האָט אָבער זיין אונגלויביגקייט איהרע גרעניצען, און עס בלייבט אלץ א גלויבען אין דער ווארהייט, אין דעם גייסט, אין דער אידעע און איהר ענדליכען זיעג: עס זינדיגט ניט אנטקעגען דעם היילינען גייסט. יעדעס דענקען אָבער, וואָס זינדיגט ניט אנטקעגען דעם היילינען גייסט, איז א גייסטער־אָדער געשפענסטער־גלויבען.

איך קאָן זיך פונקט אזוי ווענינ אבזאָגען פון דענקען, ווי פון פיהלען, פון דער טהעטינקייט פון גייסט אזוי ווענינ ווי פון דער טהעטינקייט פון די חושים. אזוי ווי דאָס פיהלען איז אונזער חוש פאר זאכען, אזוי איז דאָס דענקען אונזער חוש פאר די וועזענס (גערדאנקען). וועזענס האָבען זייער עקזיסטענץ אין אלץ וואָס איז זינליך, און בעזונדערס אין דעם וואָרט. די מאכט פון ווערטער קומט נאָך דער מאכט פון זאכען: אפריהער ווערט מען איינגענומען דורך דער רוט, דערנאָך דורך איבערצייגונג. די מאכט פון זאכען קאָן בייקומען אונזער מוטה, אונזער גייסט; אנטקעגען דער מאכט פון אַן איבערצייגונג, ד. ה. פון וואָרט, פערלירן אפילו די ענוים און דער שווערד זייער אויבערמאכט און קראפט. די איבערצייי־גונגס־מענשען זיינען די גלח׳ישע מענשען, וועלכע קאָנען ביישטעהן יעדען נסיון פון טייוועל.

דאָס קריסטענטום האָט נאָר אַוועקגענומען פון די זאכען פון דער וועלט זייער צוציהונג, האָט אונז געמאכט אונאבהענגיג פון זיי. אויפ׳ן זעלביגען אופן דערהויב איך זיך איבער די ווארהייטען און זייער מאכט: אזוי ווי איך בין למעלה מן החושים (איבער־זינליך), אזוי בין איך אויך למעלה מן האמת (איבער וואהר). פ א ר מ י ר זיינען די ווארהייטען אזוי שפל און גלייכגילטיג, ווי די זאכען; זיי ציהען מיך ניט צו און בעגייסטערן מיך ניט. עס איז ניטאָ אפילו איין ווארהייט, ניט דאָס רעכט, ניט די פרייהייט, די מענשליכקייט א. אז. וו., וועלכע זאָל האָבען פאר מיר א בעשטאנד, און צו וועלכער איך זאָל זיך אונטערוואַרפען. זיי זיינען ו ו ע ר־

ט ע ר , נישט מעהר ווי ווערטער, אזוי ווי פאר דעם קריסט זיינען אלע זאכען ניט מעהר ווי „פוסטע זאכען“. אין די ווערטער און די ווארהייטען (יעדעס וואָרט איז א ווארהייט, אזוי ווי העגעל בעהויפטעט, אז מען קאָן ניט ז אָ ג ע ן קיין ליגען) געפין איך פאר מיר קיין רעטונג ניט, פונקט אזוי ווייניג ווי די קריסטען געפינען עס אין די זאכען און די הבלי עולם הזה. אזוי ווי די רייכטימער פון דער וועלט מאכען מיך ניט גליקליך, אזוי מאכען די ווארהייטען מיך ניט גליקליך. די געשיכטע פון ברענגען צו א נסיון שפיעלט שוין איצט ניט מעהר דער שטן, נאָר דער גייסט, און ער פערפיהרט ניט דורך די זאכען פון דער וועלט, נאָר דורך די געדאנקען פון דער וועלט, דורך דעם „גלאנץ פון דער אידעע“.

אינאיינעם מיט די וועלטיגע גיטער מוז אוועקגענומען ווערן יעדער ווערטה אויך פון די הייליגע גיטער.

ווארהייטען זיינען פראזען, פאָרמען פון רעדען, ווערטער (לאָגאָס); ווען מען ברענגט זיי אין א צוזאמענהאנג אָדער אין א סיסטעם, שטעלען זיי צונויף די לאָגיק, די וויסענשאפט, די פילאָ־זאָפיע.

צום דענקען און רעדען דארף איך האָבען די ווארהייטען און ווערטער, אזוי ווי צום עסען — די שפייזען; אָהן זיי קאָן איך ניט דענקען און ניט רעדען. די ווארהייטען זיינען מענשען׳ס געדאנקען אויסגעדריקטע אין ווערטער, און דעריבער זיינען זיי פונקט אזוי פאראנען אין עקזיסטענץ ווי אנדערע זאכען, הגם זיי עקזיסטירען נאָר פאר דעם גייסט אָדער דאָס דענקען. זיי זיינען מענשליכע בנינים און מענשליכע בעשעפעניסען, און ווען מען שטעלט זיי אפילו פאָר ווי געטליכע ענטפלעקונגען, בלייבט אלץ אין זיי שטעקען די אייגענשאפט פון פרעמדקייט פאר מיר; נאָך מעהר, אפילו אלס מיינע אייגענע בעשעפעניסען ווערן זיי מיר פערפרעמדט גלייך נאָך דעם אקט פון בעשאפען זיי.

דער קריסטליכער מענש איז דער דענקען־גלויביגער, וועלכער גלויבט אין דער אויבער־הערשאפט פון געדאנקען און וויל, אז די געדאנקען, די אזויגערופענע „פרינציפען“, זאָלען קריגען די הער־שאפט. איינער קאָן אמאָל אפילו אנאליזירען די געדאנקען און ער קלייבט קיינעם פון זיי ניט אויס פאר זיין הארר אָהן א געוויסער קריטיק, אָבער ער איז דעריין גלייך צו דעם הונד, וועלכער שמעקט

ארום די מענשען, כדי אויסצוגעפינען „זיין בעל־הבית“: שטענדיג זוכט ער דעם ה ע ר ש ע נ ד ע ן געדאנק. דער קריסט קאָן זעהר פיעל רעפאָרמירען און רעוואָלטירען, ער קאָן מאכען א תל פון די הערשענדע בעגריפען פון הונדערטער יאָהרען: אלעמאָל אָבער וועט ער ווידער זוכען עפעס א נייעם „פרינציפ“ אָדער א נייעם בעל הבית, אלעמאָל ווידער אויפשטעלען א העכערע אָדער „טיעפע־רע“ ווארהייט, אלעמאָל ווידער ארויסרופען א קולט, אלעמאָל פראָקלאמירען א גייסט, וואָס איז בערופען צו הערשען, אוועקשטע־לען א ג ע ז ע ץ פאר אלעמען.

וועז עס איז אפילו פאראן נאָר איין ווארהייט, צו וועלכער דער מענש מוז ווידמען זיין לעבען און זיינע קרעפטען, ווייל ער איז מענש, דאַן איז ער אונטערוואָרפען צו א רעגעל, א הערשאפט, א געזעץ א. אז. וו., איז ער א מענש, וואָס ד י ע נ ט צו דעם. אָט אזא ווארהייט וויל מען צ. ב. ש. עס זאָל זיין דער מענש, די מענשליכקייט, די פרייהייט א. אז. וו.

פון דער אנדער זייט קאָן מען אזוי זאָגען: צי דו ווילסט אויף ווייטער זיך פערנעהמען מיט דענקען, דאָס הענגט אָב פון דיר; זאָלסט נאָר וויסען, אז א ו י ב דו ווילסט דערגרייכען אין דיין דענקען וועלכע עס איז וויכטיגע רעזולטאטען, שטעהט דיר פאָר צו לייזען א סך און שווערע פראָבלעמען, און דו וועסט ווייט ניט קאָנען געהן, אוואו דו וועסט זיי ניט בעזיעגען. עס עקזיסטירט ניט, הייסט עס, פאר דיר קיין פליכט און קיין בערוף זיך אָבצוגע־בען מיט געדאנקען (אידעען, ווארהייטען); אויב דו ווילסט עס אבער טהאָן, וועט זיין גוט, אויב דו וועסט זיך בענוצען מיט דאָס, וואָס די כחות פון אנדערע מענשען האָבען שוין אויפגעטאָן פאר דער אויפקלערונג פון אָט די שווערע ענינים.

יעדערער וואָס וויל דענקען, הייסט עס, האָט גאַנץ געוויס אַן אויפגאבע, וועלכע ער שטעלט זיך אליין בעוואוסטזיניג אָדער אונבע־וואוסטזיניג; אָבער די אויפגאבע צו דענקען אָדער צו גלויבען האָט קיינער ניט. — אין דעם ערשטען פאל קאָן מען דיר טאקע זאָגען: דו געהסט ניט ווייט גענוג, דו האָסט א בעשרענקטען און א פאָראור־טיילטען אינטערעס, געהסט ניט ביז צום גרונד פון דער זאך; קורץ, דו מייסטערסט זי ניט פאָלשטענדיג. פון דער אנדער זייט אָבער, ווי ווייט אָדער ווי נאָהענט דו זאָלסט ניט יעדעס מאָל דער־

לאנגען, ביזטו אלעמאל ביים סוף, האסט ניט קיין בערוף צו געהן ווייטער, און מעגסט טהאן ווי דו ווילסט אדער קאנסט. עס האלט דערמיט ווי מיט יעדער אנדער ארבייט, וועלכע דו קאנסט אויפגעבען, אויב עס פערגעהט דיר דער תשק זי צו טהאן. אזוי אויך, ווען דו קאנסט מעהר א געוויסע זאך ניט גלויבען, ביזטו ניט מחויב זיך צו צווינגען אין דעם גלויבען, אדער נאכאנאנד זיך צו בעשעפטיגען דערמיט ווי מיט א הייליגער גלויבענס־ווארהייט, אזוי ווי דאס טהוען די טעאלאגען אדער פילאזאפען, נאר דו קאנסט גאנץ רוהיג אבציהען פון איהר דיין אינטערעס און זי לאזען געהן. די גלח׳ישע גייסטער וועלען, פערשטעהט זיך, באלד אויסלעגען דיין אינטערעסלאזיגקייט ווי פוילקייט, גערדאנקענלאזיגקייט, שמאלקעפיגקייט, זעלבסט־אבנארונג א. ד. ג. אבער זאל דיר זייער פלוידעריי גארניט אהרען. קיין ענין, קיין אזויגערופענער „העכסטער אינטערעס פון דער מענשהייט״, קיין „הייליגע זאך״ איז ניט ווערטה אז דו זאלסט צו איהר דיענען און זיך פערנעהמען דערמיט פון איהרטוועגען; דו מעגסט זוכען זייער ווערטה בלויז אין דעם, צי זיי זיינען דיר עפעס ווערטה פון דיינעטוועגען. ווערט ווי קינדער, רופט צו אונז דער ביבלישער שפרוך. קינדער אבער האבען ניט קיין הייליגע אינטערעסען און וויסען גארנישט פון א „גוטער זאך״. דערפאר וויסען זיי בעסער ווי אלע צו וואס עס ציהט זיי דאס הארץ, און זיי בעקלערן לויט זייערע בעסטע קרעפטען ווי אזוי דאס צו בעקומען.

דאס דענקען וועט קיינמאל ניט אויפהערן, אזוי ווי דאס פיהלען וועט ניט אויפהערן. אבער די מאכט פון געדאנקען און אידעען, די הערשאפט פון טעאריען און פרינציפען, די אויבערהערשאפט פון גייסט, קורץ — די היערארכיע וועט געדויערן אזוי לאנג, ביז וואנען די גלחים, ד. ה. טעאלאגען, פילאזאפען, שטאאטסמענער, פיליסטער, ליבעראלען, שוהל־רביים, בעדיענטע, עלטערן, קינדער, פערהייראטע לייט, פרודאן, זשארזש זאנד, בלונטשלי א. אז. וו., א. אז. וו. וועלען זיין די טאן־געבער. די היעראַרכיע וועט דויערן, אזוי לאנג ווי מען וועט גלויבען אין פרינציפען, ווי מען וועט דענקען וועגען זיי, אדער אפילו זיי קריטיקירען: ווארים די שארפסטע קריטיק, וועלכע גראבט אונטער אלע גילטיגע פרינציפען, גלויבט סוף כל סוף דאך אין א פרינציפ.

יעדערער קריטיקירט, נאָר דאָס קריטעריום איז פערשיידען. מענשען יאָגען זיך דעריבער נאָך דעם „ריכטיגען" קריטעריום. דאָס דאָזיגע ריכטיגע קריטעריום איז די ערשטע פּאָראויסזעצונג. דער קריטיקער געהט ארויס פון דעם שטאנדפּונקט פון א פּרינציפּ, א וואַרהייט, א גלויבען. אָט דער פּרינציפּ איז ניט א בעשאַף פון דעם קריטיקער, נאָר פון דעם דאָגמאַטיקער; נאָך מעהר, מען נעהמט איהם אָן געוועהנליך גאָר אָהן פיעל איבערלעגונג אויס דער קולטור פון דער צייט, ווי צ. ב. ש. די „פרייהייט", די „מענשליכקייט" א. אז. וו. דער קריטיקער האָט ניט „ענטדעקט דעם מענשען", נאָר „דער מענש" איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אלס א וואַרהייט פון דעם דאָגמאַטיקער, און דער קריטיקער (וועלכער קאָן אגב זיין צוגלייך אויך דער דאָגמאַטיקער), גלויבט אין דער דאָזיגער וואַרהייט און אין דעם דאָזיגען גלויבען־זאַץ. אין דעם גלויבען, און א פערכאַפּטער פון דעם גלויבען, קריטיקירט ער.

דער סוד פון דער קריטיק איז א וועלכע עס איז וואַרהייט: זי בלייבט אימער דאָס מיסטעריום, וואָס גיט דער קריטיק איהר ענערגיע.

אָבער איך מאַך אַן אונטערשייד צווישען א קריטיק, וואָס שטעהט אין דינסט ביי וועמען, און אַן אייגענער קריטיק. ווען איך קריטיקיר אונטער דער פּאָראויסזעצונג פון א העכסטען וועזען, דינט מיין קריטיק דעם וועזען און ווערט געפיהרט פון זיינטוועגען: בין איך צ. ב. ש. פערכאַפּט פון דעם גלויבען אין א „פרייען שטאאט", קריטיקיר איך אלץ, וואָס האָט א שייכות צו דעם, פון דעם שטאנדפּונקט, צי עס קאָנפּעניִרט אָט דעם שטאאט, וואַרים איך ליעב דעם דאָזיגען שטאאט. קריטיקיר איך אלס פרומער, צוטיילט זיך פאַר מיר אלץ אין געטליך און טייוועליש: די נאטור בעשטעהט פאַר מיין קריטיק פון שפּוהרען פון גאָט און שפּוהרען פון טייוועל (דערפון נעהמען זיך אזוינע נעמען ווי גאָטעסגאַבע, גאָטעסבערג, טייפעלס־קאַנצעל א. אז. וו.), די מענשען — פון גלויביגע און אונגלויביגע א. אז. וו. קריטיקיר איך, גלויבענדיג אין דעם מענשען אלס דאָס „אמת'ע וועזען", דאַן צופאַלט פאַר מיר אלץ אין דעם קלאַס מענשען און דעם קלאַס אונמענשען א. אז. וו.

די קריטיק איז עד היום געבליבען א ווערק פון ליעבע: וואַרים

מיר האָבען זי אַלעמאָל געברויכט צ ו ל י ע ב א וועלכען עס איז וועזען. יעדע שקלאַפּישע קריטיק איז א ליעבעס־פּראָדוקט, א פערכאַפּטקייט, און ווערט אָנגעפיהרט לויט דעם געבאָט פון נייען טעסטאַמענט: „פּרובט אַלץ אויס און בעהאַלט דאָס גוטע“ (1. טהעסס. 21.5). „דאָס גוטע“ איז דער פּרוב־שטיין, דאָס קריטעריום. דאָס גוטע, אומקעהרענדיג זיך אונטער טויזענדערליי נעמען און געשטאַלטען, איז אימער געבליבען די פּאַראויסזעצונג, דער דאָגמאַ־טישער פעסטער פּונקט פאַר דער דאָזיגער קריטיק, עס איז געבלי־בען — די אידעע פיקס.

דער קריטיקער, זיך נעהמענדיג פאַר דער אַרבייט, איז זיך משער אָהן פּאַראורטיילען די וואַרהייט, און גלויבענדיג אז מען קאָן זי געפינען, זוכט ער די וואַרהייט. ער וויל אויסגעפינען דאָס אמת׳ע און זעהט אין דעם דאָס דאָזיגע „גוטע“.

משער זיין מיינט ניט קיין אַנדער זאַך ווי אויפשטעלען א ג ע ד א נ ק ע ן בראש, אָדער עפּעס דענקען פריהער פאַר אַלץ, און פון אָט דעם ג ע ד ע נ ק ט ע ן ארויסדענקען דאָס איבעריגע, ד. ה. מעסטען עס און קריטיקירען לויט דעם נאָך. מיט אַנדערע ווערטער מיינט דאָס צו זאָגען, אז האָס דענקען מוז זיך אָנפאַנגען מיט עפּעס, וואָס איז שוין געדענקט געוואָרן. ווען דאָס דענקען בכלל וואָלט אַליין זיך געקאָנט אָנפאַנגען, אנשטאַט צו ווערן אָנגעפאַנגען; ווען דאָס דענקען וואָלט געווען א סוביעקט, אַן אייגענע האַנדלענדע פּערזענליכקייט, ווי דאָס איז שוין אפילו א פּלאַנץ, דאַן, פערשטעהט זיך, וואָלט מען ניט געקאָנט אָבלייקענען, אז דאָס דענקען מוז זיך אָנפאַנגען מיט זיך. אָבער אקוראַט אָט די פּערזאָניפיקאַציע פון דענקען ברענגט ארויס יענע אַלע אונצעהליגע טעות׳ן. אין העגעל׳ס סיסטעם רעדט זיך אַלעמאָל אזוי, פּונקט ווי דאָס דענקען אָדער „דער דענקענדער גייסט“ (ד. ה. דאָס פּערזאָניפיצירטע דענקען, דאָס דענ־קען אַלס געשפּענסט) וואָלט אַליין געדענקט און געהאַנדעלט; אין דעם קריטישען ליבעראַליזם הייסט עס שטענדיג: „די קריטיק“ טהוט דאָס און דאָס, אָדער אויך: „דאָס זעלבסטבעוואוסטזיין“ געפינט דאָס און דאָס. אויב אָבער דאָס דענקען גילט אַלס א פּערזענליכער טהוער, דאַן מוז מען אפריהער משער זיין דאָס דענקען גופא; אויב די קריטיק גילט אַלס אזא פּערזענליכקייט, מוז אויך א געדאַנקען שטעהן בראש. דענקען און קריטיק וואָלטען אויך

דעם אופן געקאָנט זיין טהעטיג נאָר פון זיך אַליין, וואָלטען אַליין געמוזט זיין די פאַראויסזעצונג פון זייער טהעטיגקייט, וואָרים ניט זייענדיג, וואָלטען זיי דאָך ניט געקאָנט זיין טהעטיג. דאָס דענקען אבער אלס א פאַראויסגעזעצטע זאך איז א פערשטיינערטער געדאנק, א ד אָ ג מ ע: דענקען און קריטיק קאָנען אלזאָ ארויסגעהן נאָר פון א ד אָ ג מ ע, ד. ה. פון א געדאנק, א אידעע פיקס, א פאָר־אויסזעצונג.

מיר קומען דערמיט צוריק צו דאָס, וואָס איז שוין אויבען ארויסגעזאָגט געוואָרן, אז דאָס קריסטענטום בעשטעהט אין דער ענטוויקלונג פון א געדאנקען־וועלט, אָדער אז עס איז די אייגענטלי־כע „געדאנקען־פרייהייט“, דער „פרייער געדאנק“, דער „פרייער גייסט“. די „אמת'ע“ קריטיק, וועלכע איך האָב אָנגערופען די „שקלאַפּישע“, איז דעריבער אויך אזוי די „פרייע“ קריטיק, וואָרים זי איז ניט מ י י ן א י י ג ע נ ע.

אַנדערש שטעהט די זאך, ווען דאָס דייניגע ווערט ניט געמאַכט פאר עפּעס פאר זיך־זייענדיגעס, ווערט ניט פערזאָניפיצירט, ווערט ניט פערזעלבסטשטענדיגט ווי אן אייגענער „גייסט“. ד י י ן דענ־קען זעצט ניט פאַראויס „דאָס דענקען“, נאָר ד י ך. אָבער אויב אזוי זעצסטו דאָך דיך פאַראויס? יאָ, אָבער ניט פאַראויס פון מיר, נאָר פאַראויס פון מיין דענקען. אפריהער פאר מיין דענקען בין — איך. דערפון פאָלגט, אז פריהער פאר מיין דענקען קומט ניט א ג ע ד אַ נ ק; אָדער אַנדערש געזאָגט, אז מיין דענקען איז אָהן א „פאַראויסזעצונג“. וואָרים די פאַראויסזעצונג, וואָס איך בין פאר מיין דענקען, איז ניט קיין ג ע מ אַ כ ט ע פ ו ן ד ע ם ד ע נ־ ק ע ן, איז ניט קיין ג ע ד ע נ ק ט ע, נאָר זי איז דאָס ג ע ז ע צ ט ע [ניט פ אָ ר א ו י ס געזעצטע] דענקען גופא, זי איז דער אייגענטימער פון דעם דענקען, און זי בעווייזט נאָר, אז דאָס דענקען איז מעהר גאָר נישט ווי — א י י ג ע נ ט ו ם, ד. ה. אז א „זעלבסטשטענדיג“ דענקען, א „דענקענדער גייסט“ עקזיסטירט גאָר־ניט.

אָט דער איבערקעהר פון דעם געוועהנליכען אופן ווי מען קוקט אויף די זאכען קאָן אויסזעהן עהנליך צו א פוסטען שפּיעל מיט אבסטראַקציעס, אז אפילו די, אַנטקעגען וועמען דאָס אלעס איז געריכטעט, קאָנען זיך אונטערגעבען צו דער אונשולדיגער פאָרם פון

דער חקירה, ווען דערמיט זאָלען ניט זיין פערבונדען פּראַקטישע פאָלגען.

כדי זיי צו געבען א קורצען און קלאָרען אויסדרוק, מאַך איך איצט די בעהויפּטונג, אז ניט דער מענש איז די מאָס פון אַלעס, נאָר אז איך בין די דאָזיגע מאָס. דער שקלאַפּישער קריטיקער האָט פאַר די אויגען אנאַנדער וועזען, אן אידעע, וועמען ער וויל דיענען; דעריבער איז ער מקריב צו זיין גאָט נאָר די פאַלשע געצען. וואָס דען איז אַלץ, וואָס ווערט געטאָן צוליעב דעם דאָזיגען וועזען, אויב ניט — אן אַרבייט פון ליעבע? איך אבער, ווען איך קריטי־קיר, האָב ניט צומאָל אפילו זיך פאַר די אויגען, נאָר מאַך זיך מיר א ביסעל פערגניגען, איך אַמוזיר זיך נאָך מיין געשמאַק: עס הענגט אָב פון מיין בעדערפעניש, צי איך צעקיי די זאַך, אָדער איך ציה נאָר אריין איהר ריח.

נאָך קלערער ווערט דער אונטערשייד צווישען די צוויי אויפפאַ־סונגען, ווען מען נעהמט אין בעטראַכט, אז דער שקלאַפּישער קריטי־קער, וואָס ווערט געפיהרט פון דער ליעבע, מיינט אז ער דיענט דער זאַך גופא.

די ווארהייט [בפרט] אָדער „די ווארהייט בכלל" וויל מען ניט אויפגעבען, נאָר מען וויל זי זוכען. וואס דען איז זי, אויב ניט דאָס עטר סופרעם, דאָס העכסטע וועזען? אפילו די „אמת'ע קריטיק" וואָלט געמוזט פערצווייפלען, ווען זי וואָלט פערלאָרן דעם גלויבען אין דער ווארהייט. און דאָך איז די ווארהייט נישט מעהר ווי א — ג ע ד א נ ק; אָבער ניט בלויז א גערדאַנק, נאָר דער געדאַנק, וואָס שטעהט איבער אלע געדאנקען, דער אונבעז־שטרייטבאַרער געדאַנק; זי איז דער געדאַנק אליין, וועלכער הייליגט ערשט אלע אנדערע; זי איז די פערהייליגונג פון די געדאנקען, דער „אבסאָלוטער", דער „הייליגער" געדאַנק. די וואר־הייט האַלט לענגער אויס איידער אַלע געטער; ווארים נאָר דיענענ־דיג צו איהר און צוליעב איהר האָט מען ארונטערגעוואָרפען אלע געטער און צולעצט אפילו גאָט אַליין. „די ווארהייט" לעבט ארי־בער דעם אונטערגאַנג פון דער געטער־וועלט, ווארים זי איז די אונשטערבליכע נשמה פון דער דאָזיגער פערגענגליכער געטער־וועלט, זי איז די גאָטהייט אליין.

איך וויל ענטפערן אויף פּילאַטוס'עס פראַגע: וואָס איז וואר־

הייט? ווארהייט איז דער פרייער געדאנק, די פרייע אידעע, דער פרייער גייסט; ווארהייט איז דאס, וואס איז פריי פון דיר, וואס איז ניט דיין אייגענס, וואס איז ניט אין דיין מאכט. אבער ווארהייט איז אויך דאס לחלוטין אונזעלבסטשטענדיגע, אונפערזענ־ליכע, אונווירקליכע און אונקערפערליכע; ווארהייט קאן ניט אויפשטעלען זיך, ווי דו שטעלסט זיך אויף, זי קאן זיך ניט בעוועגען, ניט ענדערן זיך, ניט ענטוויקלען זיך; ווארהייט דערווארט און בעקומט אלץ פון דיר און עקזיסטירט אליין נאר דורך דיר: ווארים זי עקזיסטירט נאר — אין דיין קאפ. דו ביזט מודה, אז די ווארהייט איז א געדאנק, אבער ניט יעדער געדאנק איז אן אמת'ער, אדער ווי דו דריקסט עס אויך אויס, ניט יעדער געדאנק איז באמת און ווירקליך א געדאנק. און לויט וואס מעסטו און דערקענסט דעם געדאנק? דו מעסט איהם נאך ד י י ן ש ו ו א כ ק י י ט, ד. ה. לויט דעם, וואס דו קאנסט איהם שוין מעהר ניט בייקומען! ווען ער איז דיך גובר, בעגייסטערט דיך און רייסט דיך אוועק, דאן האלסטו איהם פאר דעם אמת'ן. זיין הערשאפט איבער דיר איז פאר דיר א דאקומענטאלער בעוויז פאר זיין ווארהייט; און ווען ער בעזיצט דיך און דו ביזט פון איהם בעזעסען (פערכאפט), דאן איז דיר וואויל ביי איהם, ווארים דאמאלסט האסטו געפונען דיין ה א ר ר און ד י י ן מ י י ס ט ע ר. ווען דו האסט געזוכט די ווארהייט, נאך וואס האט דיין הארץ זיך געצויגען? נאך דיין הארר! דו האסט ניט געשטרעבט צו ד י י ן מאכט, נאר צו א מעכטיגען, און דו האסט געוואלט דערהויבען א מעכטיגען („דערהויבט דעם הארר, אונזער גאט!"). די וואהרהייט, מיין ליעבער פילאטוס, איז — דער הארר, און אלע, וועלכע זוכען די ווארהייט, זוכען און לויבען דעם הארר. וואו עקזיסטירט דער הארר? וואו, דען, אויב ניט אין דיין קאפ? ער איז נאר גייסט, און וואו נאר דו דערוואַרטסט איהם ווירקליך צו דערזעהן, דארטן איז ער א — געשפענסט. דער הארר איז דאך בלויז אן אויסגע־טראכטער געדאנק, און נאר די קריסטליכע אנגסט און פיין, וואס האט געזוכט צו מאכען דאס אונזיכטבארע זיכטבאר, דאס גייסטיגע — קערפערליך, האט בעשאפען דעם געשפענסט און איז געווארן דער שוידערליכער יאמער פון דעם געשפענסטער־גלויבען.

כל זמן דו גלויבסט אין דער ווארהייט, גלויבסטו ניט אין זיך און ביזט א — קנעכט, א ר ע ל י ג י ע ז ע ר מ ע נ ש. דו

אליין ביזט די ווארהייט, אדער ריכטיגער, דו ביזט מעהר איידער די ווארהייט, וועלכע איז א גארנישט לגבי דיר. גאנץ געוויס זוכסטו אויך די ווארהייט, דו „קריטיקירסט" טאקע אויך, אבער דו זוכסט ניט א „העכערע ווארהייט", וועלכע זאל זיין העכער פאר דיר, און דו קריטיקירסט ניט לויט דעם קריטעריום פון אט אזא ווארהייט. דו ווענדסט זיך צו די געדאנקען און פארשטעלונגען, ווי דו וואלסט זיך ווענדען צו די ערשיינונגען פון זאכען, נאר מיט דעם צוועק, כדי צו מאכען זיי בע'טעמ'ט פאר דיר, געניעסבאר, און מאכען זיי פאר דיין אייגענס: דו ווילסט זיי נאר בעהערשען און ווערן זייער אייגענטימער, דו ווילסט זיך אריענטירען אין זיי און פיהלען זיך ווי אין דער היים, און די געפינסט אז זיי זיינען אמת, אדער דו זעהסט זיי אין זייער ריכטיגען ליכט נאר דאן, ווען זיי קאנען מעהר זיך ניט ארויסדרעהען פון דיר, ווען זיי האבען ניט מעהר קיין פלאץ, וואס דו זאלסט ניט קאנען אנכאפען און בעגרייפען, אדער ווען זיי זיינען ר ע כ ט פ א ר ד י ר, ווען זיי זיינען דיין אייגענטום. אויב זיי ווערן שפעטער ווידער שווערער און דרעהען זיך ווידער ארויס פון דיין מאכט, דאן איז דאס א סמן פון זייער אונווארהייט, ד. ה. פון דיין אונמאכט. דיין אונמאכט איז זייער מאכט, דיין אונטערוואָרפענקייט איז זייער גרויסקייט. זייער ווארהייט, אלזא, ביזט דו, אדער עס איז דאס נישטיגקייט, וואס דו ביזט פאר זיי, און אין וואס זיי צונעהען: זייער ווארהייט איז זייער נ י ש ט י ג ק י י ט.

די גייסטער, די ווארהייטען, קומען צו זייער רוה ערשט ווען זיי ווערן מיין אייגענטום, און ערשט יעמאלט זיינען זיי ווירקליך, ווען זייער פוסטע עקזיסטענץ ווערט פון זיי אוועקגענומען און זיי ווערן געמאכט פאר מיין אייגענטום; ווען עס הייסט ניט מעהר: די ווארהייט ענטוויקעלט זיך, הערשט, מאכט זיך גילטיג, אדער די געשיכטע (וואס איז אויך א בעגריף) זיעגט, און דערגלייכען. קיינמאל האט די ווארהייט ניט געזיעגט, נאר זי איז אלעמאל געווען מיין מ י ט ע ל צום זיעג, גלייך ווי דער שווערד („דער שווערד פון ווארהייט"). די ווארהייט איז טויט, זי איז א בוכשטאב, א ווארט, א מאטעריאל, וועלכען איך קאן פערברויכען. יעדע ווארהייט פאר זיך איז טויט, א בר מינן; לעבעדיג איז זי נאר אויפ'ן זעלבען אופן, ווי מיין לונג איז לעבעדיג, ד. ה. לויט דעם ערך פון מיין אייגענער

לעבעדיגקייט. די וואַרהייטען זיינען מאַטעריאַל, ווי קרייטיכער און ווילדע גראָזען; צי זיי זיינען קרייטיכער אָדער ווילדע גראָזען, וועגען דעם קאָן איך אַליין ענטשיידען.

די געגענשטאַנדען זיינען פאַר מיר נאָר מאַטעריאַל, וואָס איך פערברויך. וואו איך שטרעק אויס די האַנד, כאַפּ איך אָן אַ וואַרהייט, וועלכע איך ריכט צו נאָך מיין געשמאַק. די וואַרהייט איז מיר געזיכערט, און איך בעדאַרף ניט בייַנקען נאָך איהר. דיענען דער וואַרהייט איז אינערגעין ניט מיין אַבזיכט; זי איז מיר נאָר אַ נאַהרונגסמיטעל פאַר מיין דענקענדען קאָפּ, ווי די קאַרטאָ־פעל פאַר מיין פערדייענדען מאָגען, אָדער ווי דער פריינד פאַר מיין געזעליג האַרץ. אַזוי לאַנג ווי איך האָב לוסט און קראַפט צו דענקען, דיענט מיר יעדע וואַרהייט נאָר דערצו, איך זאָל זי איבעראַרבייטען לויט מיינע מעגליכקייטען. אַזוי ווי די ווירקליכ־קייט אָדער וועלטליכקייט איז פאַר די קריסטען, אַזוי איז די וואַרהייט פאַר מיר — „הבל הבלים“. זי עקזיסטירט פּונקט אַזוי גוט, ווי די זאַכען פון דער וועלט עקזיסטירען שטענדיג, הגם דער קריסט האָט בעוויזען זייער נישטיגקייט; אָבער זי איז הבל, ווייל זי האָט ניט איהר ווערטה אין זיך, נאָר אין מיר. פאַר זיך האָט זי קיין ווערטה ניט. די וואַרהייט איז אַ — קרעאַטור.

אַזוי ווי איהר ברענגט ארויס דורך אייער טהעטיגקייט זאַכען אָהן אַ שיעור, יאָ איהר גיט אַ נייעם געשטאַלט צו דער אויבער־פלעך פון דער ערד און שטעלט אומעטום אויף די ווערק פון מענשען, אַזוי קאָנט איהר אויך דורך אייער דענקען אויסגעפינען אונצעהליגע וואַרהייטען, און מיר וועלען גערן זיך פרעהען דערמיט. פונדעסט־וועגען, אַזוי ווי איך האָב ניט ברעה זיך אָבצוגעבען דערצו און בעדיענען מעכאַניש אייערע ניי־ענטדעקטע מאַשינען, נאָר איך העלף זיי לאָזען אין גאַנג צו מיינע נוצען, אַזוי וויל איך אויך בלויז געברוי־כען אייערע וואַרהייטען, ניט לאָזענדיג זיך געברויכען פאַר זייערע פאָדערונגען.

אַלע וואַרהייטען, וואָס שטעהען אונטער מיר, זיינען מיר ליעב; אַ וואַרהייט, וואָס שטעהט איבער מיר, אַ וואַרהייט, לויט וועלכער איך מוז זיך דירעקטירען, אַזעלכע קען איך ניט. פאַר מיר איז קיין וואַרהייט ניטאָ, ווארים איבער מיר איז גאָרנישט

ניטאָ! אפילו ניט מיין וועזען, אפילו ניט דאָס וועזען פון מענשען איז העכער פאר מיר! און איך מיין טאקע פשוט איבער מ י ר, אָט דעם „טראָפּען אין ים“, אָט דעם „אני הקטן“!

איהר מיינט, אז איהר האָט שוין געזאָגט דאָס בעסטע, ווען איהר בעהויפּטעט, אז וויבאלד יעדע עפּאָכע האָט איהר אייגענע ווארהייט, איז אַ בעוויז, אַז עס איז ניטאָ קיין „אבסאָלוטע ווארהייט“. דערמיט אבער לאָזט איהר דאָך פונדעסטוועגען איבער פאר יעדער עפּאָכע איהר ווארהייט און בעשאַפט זיך ערשט ריכטיג אַן „אבסאָלוטע ווארהייט“, אַ ווארהייט, וועלכע פעהלט ניט אין קיין עפּאָכע, ווייל וואָס די ווארהייט זאָל ניט זיין, האָט דאָך יעדע עפּאָכע אַ „ווארהייט“.

זאָל דאָס אפשר נאָר מיינען, אז מען האָט אין יעדער צייט געדענקט, בכן געהאַט געדאַנקען אָדער ווארהייטען, און אז אָט די געדאַנקען אָדער ווארהייטען זיינען אין אַ שפּעטערדיגער צייט געווען אנדערע, איידער זיי זיינען געווען אין אַ פריהערדיגער צייט? ניין, זייער בעהויפּטונג מיינט, אז יעדע עפּאָכע האָט געהאַט איהר „גלויבענס-ווארהייט“; און דער פאַקט איז, אז עס איז נאָך ניט געווען אזא צייט, אין וועלכער מען האָט ניט אָנדערקענט אַ „העכע־רע ווארהייט“, אַ ווארהייט, וואָס מען האָט געגלויבט, אז מען מוז זיך צו איהר אונטערוואַרפען, ווי צו אַ „הויכקייט און מאַיעסטעט“. יעדע ווארהייט פון אַ עפּאָכע איז די אידעע פיקס פון יענער צייט, און ווען מען האָט שפּעטער געפונען אַן אנדער ווארהייט, האָט עס אַלעמאָל פּאַסירט, ווייל מען האָט ג ע ז ו כ ט אַנאַנדערע: מען האָט נאָר רעפאָרמירט די אונזיניגקייט און ארויפגעצויגען אויף איהר אַ מאָדערנעם קלייד. וואָרים מען האָט דאָך געוואָלט — ווער וואָלט געקאָנט צווייפלען אין זייער בערעכטיגונג דערצו? — מען האָט געוואָלט זיין „בעגייסטערט פון אַ אידעע“. מען האָט געוואָלט זיין בעהערשט, פערכאַפּט פון אַ געדאַנק! דער מאָדערנ־סטער הערשער פון אָט דעם סאָרט איז „אונזער וועזען“ אָדער „דער מענש“.

פאַר יעדער פרייער קריטיק איז דאָס קריטעריום געווען אַ געדאַנק, פאַר דער אייגענער [עגאָיסטישער] קריטיק בין א י ך דער קריטעריום, איך, דער וואָס קאָן ניט אויסגעשפּראָכען (דער אונזאַגבאַרע) ווערן, און דעריבער ניט בלויז אַ געדענקטער; וואָרים

דאָס בלויז געדענקטע קאָן אַלעמאָל אויסגעשפּראָכען ווערן, ווייל וואָרט און געדאנק קומען זיך צוזאמען. אמת איז דאָס, וואָס איז מיינס, ניט אמת איז דאָס, צו וואָס איך געהער; אמת, צ. ב. ש. איז דער פעראיין, ניט אמת איז דער שטאאט און די געזעלשאפט. די „פרייע און אמת'ע" קריטיק זאָרגט פאר דער קאָנזעקווענטער הערשאפט פון א געדאנק, א אידעע, א גייסט; די „אייגענע" קריטיק זאָרגט פאר גאָרנישט א חוץ מיין זעלבסטגענוס. אין דעריין אבער פערגלייכט זיך די לעצטע אין דער ווירקליכקייט — און מיר ווילען איהר אָט די „חרפה" ניט בעהאלטען! — צו דער טיערישער קריטיק פון דעם אינסטינקט. מיך, ווי דער קריטי־קירענדער חיה, קימערט נאָר וועגען מיר, ניט „וועגען דער זאך". איך בין דער קריטעריום פון דער ווארהייט, איך בין אָבער ניט קיין אידעע, נאָר מעהר ווי א אידעע, ד. ה. אונאויסשפּרעכליך. מיין קריטיק איז ניט קיין „פרייע", זי איז ניט פריי פון מיר, און זי איז ניט קיין „דיענסטבארע", זי איז ניט אין דיענסט פון אַן אידעע, נאָר זי איז אַן אייגענע.

די אמת'ע אָדער מענשליכע קריטיק ברענגט נאָר ארויס, צי עפּעס קאָנפּענירט דעם מענשען: דורך דער אייגענער קריטיק אָבער געפינסטו אויס, צי עס קאָנפּענירט דיר.

די פרייע קריטיק בעשעפטיגט זיך מיט אידעען און איז דעריבער שטענדיג טעאָרעטיש. ווי זי זאָל ניט שטורעמען אנטקע־גען די אידעען, קאָן זי זיך דאָך ניט בעפרייען פון זיי. זי שלאָגט זיך ארום מיט די געשפּענסטער, אָבער זי קאָן דאָס נאָר טהאָן, דערפאר ווייל זי האלט זיי ווי געשפּענסטער. די אידעען, מיט וועלכע זי האָט צו טהאָן, פערשווינדען ניט אינגאנצען: דער מאָרגען־ווינטעל פון א נייעם טאָג פערטרייבט זיי ניט.

דער קריטיקער קאָן טאקע גרייכען ביז צו דער אטאראקסיע (זעעלען־רוה) לגבי די אידעען, אָבער ער ווערט פון זיי קיינמאָל ניט לויז, ד. ה. ער וועט קיינמאָל ניט בעגרייפען, אז איבער דעם קערפּערליכען מענשען עקזיסטירט ניט קיין העכערע זאך, דהינו זיין מענשליכקייט, די פרייהייט א. אז. וו. שטענדיג בלייבט איהם נאָך איבער א „בערוף" פון מענשען, די „מענשליכ־קייט". און אָט די אידעע פון דער מענשליכקייט בלייבט ניט רעאַ־ליזירט, טאקע דערפאַר, ווייל זי בלייבט און מוז בלייבען א „אידעע".

פערקעהרט, פאס איך אויף די אידעע אלס מ י י ן אידעע, דאן איז זי שוין רעאליזירט, ווייל א י ך בין איהר רעאליטעט: איהר ווירקליכקייט בעשטעהט אין דריין, וואס איך, דער קערפערליכער, האב זי.

מען זאגט די אידעע פון דער פרייהייט רעאליזירט זיך אין דער וועלטגעשיכטע. פערקעהרט, אט די אידעע איז שוין פערווירקליכט, ווי נאר א מענש דענקט זי, און זי איז רעעל אין דעם ערך, אין וועלכען זי איז א אידעע, ד. ה. אין דעם ערך וואס איך דענק אדער האב זי. ניט די אידעע פון פרייהייט ענטוויקעלט זיך, נאר די מענשען ענטוויקלען זיך, און אין דער דאזיגער זעלבסטענטוויקלונג ענטוויקלען זיי נאטירליך אויך זייער דענקען.

קורץ, דער קריטיקער איז נאך ניט קיין א י י ג ע נ ט י מ ע ר, ווייל ער קעמפט נאך מיט די אידעען, ווי מיט א מעכטיגער פרעמדער קראפט; אזוי ווי דער קריסט הערשט ניט ווי אן אייגענטימער איבער זיינע „שלעכטע בעגעהרען", כל זמן ער האט זיי נאך צו בעקעמפען: ווער עס האלט מלחמה מיט דעם יצר הרע, פאר דעם ע ק ז י ס ט י ר ט דער יצר הרע.

די קריטיק בלייבט שטעקען אין דער „פרייהייט פון דעם דערקענען", אין דער גייסט־פרייהייט, און דער גייסט געווינט זיין ריכטיגע פרייהייט דאן, ווען ער פילט זיך אן מיט דער ריינער, דער אמת'ער אידעע; דאס איז די דענק־פרייהייט, וועלכע קאן ניט עקזיסטירען אהן געדאנקען.

די קריטיק שלאגט נאר איין אידעע דורך אנאנדערע, צ. ב. ש. די אידעע פון פריווילעגיען דורך דער אידעע פון דער מענשהייט, אדער די אידעע פון עגאיזם, דורך דער אידעע פון אונאייגענבוציגקייט.

בכלל קומט דער אנפאנג פון קריסטענטום ווידער ארויס אין זיין קריטישען סוף, דען דער עגאיזם ווערט בעקעמפט דא אזוי ווי דארטען. איך טאר ניט זיך, דעם איינצעלנעם, מאכען גילטיג, נאר די אידעע, דאס אלגעמיינע.

דער קריעג פון דעם פאפענטום מיט דעם עגאיזם, פון דעם גייסטליך געזאנענעם מיט דעם וועלטליך געזאנענעם, מאכט אויס דעם אינהאלט פון דער גאנצער קריסטליכער געשיכטע. אין דער נייעסטער קריטיק פאסט אט דער קריעג ארום אלץ; דער פאנא־

טיזם ווערט פּאַלשטענדיג. געוויס קאָן ער ערשט אויף דעם אופן פערגעהן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעלעבט און זיין צאָרן האָט אויסגעקאָכט.

---

צי איז דאָס, וואָס איך דענק און טהו, קריסטליך — וואָס קימערט עס מיך? צי עס איז מענשליך, ליבעראַל, הומאַן, אָדער אונמענשליך, ניט־ליבעראַל, ניט־הומאַן — וואָס געהט עס מיר דעראָן? אויב עס בעצוועקט נאָר וואָס איך וויל, אויב איך בעפריע־דיג נאָר זיך דערמיט, דאַן מעגט איהר עס אָנרופען מיט וועלכע נעמען איהר ווילט: מיר איז עס גאַנץ עגאַל.

אין דעם נעקסטען אויגענבליק קאָן איך אפשר אַליין זיך וועהרען אַנטקעגען מיינע פריהערדיגע געדאַנקען, איך קאָן אויך פּלוצלונג ענדערן מיין אופן פון טהאָן; אָבער ניט דערפאַר, ווייל מיין האַנדלונג שטימט ניט מיט דער קריסטליכקייט, ניט דערפאַר, ווייל זי געהט כנגד די אייביגע מענשענרעכט, ניט דערפאַר ווייל זי פּאַטשט אין פּנים די אידעע פון דער מענשהייט, מענשליכקייט און הומאַניטעט, נאָר דערפאַר — ווייל מיין הארץ איז ניט מעהר אינ־גאַנצען דערביי, ווייל איך צווייפעל אין דעם פריהערדיגען געדאַנק, אָדער ווייל דער צוגעוועהנטער אופן פון טהאָן געפעלט מיר מעהר ניט.

אַזוי ווי די וועלט איז אַלס אייגענטום געוואָרן א מ א ט ע ־ ר י א ל, מיט וועלכען איך טהו וואָס איך וויל, אַזוי מוז אויך דער גייסט אַלס אייגענטום אראָבזינקען צו דער מדרגה פון א מאַטעריאַל, פאַר וועלכען איך פיהל ניט מעהר קיין הייליגען שרעק. דאַן וועל איך ערשטענס, ניט מעהר אויפשוידערן פאַר א געדאַנק, ער מעג זיין אַזוי העזה'דיג און „טייפליש", ווי ער וויל, וואָרים אויב ער דראָהט צו ווערן מ י ר אונבעקוועם און ניט־בעפריעדיגענד, ליעגט אין מיין מאַכט צו מאַכען פון איהם א סוף; אָבער איך וועל אויך ניט צוריקטרעטען מיט פּחד פאַר קיין טהאַט, אין וועלכער עס ליעגט א גייסט פון גאָטלאָזיגקייט, אונזיטליכקייט אָדער עפּעס געגען־רעכטליכקייט, פונקט ווי דער הייליגער באָניפאַציוס האָט זיך ניט אָבגעהאַלטען, אויס רעליגיעזער איבערלעגונג, ארונטער צו האַקען דעם הייליגען אייכענבוים פון די היידען. זיינען איינמאַל די

ז אַ כ ע ן פון דער וועלט געוואָרן הבל הבלים, מוזען אויך די ג ע ד אַ נ ק ע ן פון גייסט ווערן הבל הבלים.

קיין געדאַנק איז ניט הייליג, וואָרים אַ געדאַנק איז ניט קיין תפלה („אַנדאַכט")‏; קיין געפיהל איז ניט הייליג (קיין הייליג פריינדשאַפטגעפיהל, מוטערגעפיהל א. אז. וו.), קיין גלויבען איז ניט הייליג. זיי זיינען אַלע עפּעס, וואָס קאָן פערפרעמדט ווערן, זיי זיינען מיין פערפרעמדליך אייגענטום, און זיי ווערן פון מ י ר פערניכטעט, אזוי גוט ווי געשאַפען.

דער קריסט קאָן פערלירן אַלע ז אַ כ ע ן אָדער געגענשטענ־דען, די געליעבטעסטע פּערזאָנען, די דאָזיגע „געגענשטענדען" פון זיין ליעבע, ניט פערליערענדיג דערביי זיך אַליין, ד. ה., אין קריסט־ליכען זין, זיין גייסט, זיין נשמה. דער אייגענטימער קאָן אַוועק־שליידערן פון זיך אַלע געדאַנקען, וועלכע זיינען איהם געווען איינגע־באַקען אין האַרצען און האָבען געצונדען זיין ענטוזיאַזם, און ער וועט אויך „געווינען טויזענדמאָל אַזויפיעל", ווייל ער, זייער בעשעפער, בלייבט.

אונבעוואוסטזיניג און ניט־ווילענדיג שטרעבען מיר אַלע צו אייגענהייט, און עס איז כמעט קיין איינער ניטאָ צווישען אונז, וואָס האָט ניט ווען עס איז אויפגעגעבען אַ הייליגען געפיהל, אַ הייליגען געדאַנק, אַ הייליגען גלויבען; נאָך מעהר, מיר טרעפען במעט ניט אָן קיינעם, וואָס וואָלט ניט געקאָנט זיך דערלייזען פון איינעם אָדער אַנאַנדערן פון זיינע הייליגע געדאַנקען. אַלע אונזערע שטרייטיגקייטען אַנטקעגען איבערצייגונגען זיינען געבויט אויף דער מיינונג, אַז מיר וועלען אפשר זיין בכח צו פערטרייבען דעם געגנער פון זיינע געדאַנקען־פעסטונגען. אָבער וואָס איך טהו אונבעוואוסט־זיניג, איז נאָר אַ האַלבע אַרבייט, און דעריבער ווער איך נאָך יעדען נצחון איבער אַ גלויבען ווידער דער געפאַנגענער (פערכאַפּטער) פון אַנאַנדער גלויבען, וועלכער נעהמט פון דאָס ניי מיין גאַנצען איך אין זיין דיענסט: ער מאַכט פון מיר אַן ענטוזיאַסט פאַר דער פערנונפט נאָכדעם ווי איך האָב אויפגעהערט צו זיין ענטוזיאַסטיש פאַר דער ביבעל, אָדער פאַר אַן ענטוזיאַסט פאַר דער אידעע פון דער מענשהייט, נאָכדעם ווי איך האָב געקעמפּט אַ לאַנגע צייט פאַר דער אידעע פון קריסטענהייט.

געוויס וועל איך אַלס אייגענטימער פון געדאַנקען בעשיצען

מיין איינענטום מיט דעם שילד, פונקט אזוי גוט ווי איך לאז ניט אלס אייגענטימער פון זאכען יעדען איינעם אויסשטרעקען זיין האנד צו דעם; אבער אין דערזעלבינער צייט וועל איך מיט א שמייכעל זיצען און קוקען אויף דעם אויסגאנג פון דער שלאכט: מיט א שמייכעל וועל איך ארויפלעגען דעם שילד אויף די פגרים פון מיינע געפאלענע געדאנקען און מיין גלויבען, שמייכלענדיג וועל איך טריאומפירען, ווען איך בין געשלאגען. אט דאס איז טאקע דער הומאר פון דער זאך. יעדער איינער, וואס האט „דערהויבענע געפיהלען", קאן אויסגיסען זיין הומאר אויף דער קליינליכקייט פון מענשען; צו לאזען אבער דעם הומאר זיך שפיעלען מיט אלע „גרויסע געדאנקען, דערהויבענע געפיהלען, עדעלער בענייסטערונג און היילינען גלויבען", דאס זעצט פאראויס, אז איך בין דער איינענ־טימער פון זיי אלעמען.

אויב די רעליגיאן האט ארויסגעשטעלט דעם זאץ, אז מיר זיינען אלע צוזאמען בעלי עבירות, דאן שטעל איך אויף אנטקעגען דעם פערקעהרטען זאץ: מיר זיינען אלע צוזאמען פאלקאמען! ווארים אין יעדען אויגענבליק זיינען מיר אלץ, וואס מיר קאנען זיין, און בעדארפען קיינמאל ניט זיין מעהר. אזוי ווי עס שטעקט אין אונז ניט קיין פעהלער, האט דעריבער די זינד קיין זין ניט. ציינט מיר איין זינדיגען אויף דער וועלט, ווען קיינער בעדארף ניט מעהר טהאן, וואס עס געפעלט א העכערן! אויב איך בעדארף נאר צו טהאן, וואס עס איז מיר אליין רעכט, דאן בין איך ניט קיין זינדיגער, ווען איך טהו ניט, וואס איז מיר רעכט, ווארים איך פערלעץ דאך ניט אין מיר קיין „היילינען". פערקעהרט אבער, אויב איך בין פרום, מוז איך טהאן, וואס געפעלט גאט; דארף איך האנדלען מענשליך, מוז איך טהאן גוטס דעם וועזען פון מענשען, דער אידעע פון דער מענשהייט א. אז. וו. וואס די רעליגיאן רופט אן א „זינדיגער", דאס רופט אן די הומאניטעט אן „עגאיסט".

נאכאמאל אבער, אויב איך בעדארף ניט צו טהאן וואס עס געפעלט ווענען עס איז אנאנדערן, איז ניט דאן דער שימף־נאמען „עגאיסט", אין ווענען די הומאניטעט האט זיך בעשאפען א נייד מאדישען טייוועל, פשוט אן אונזין? דער עגאיסט, פון ווענען די הומאניסטען שוידערן אויף, איז פונקט אזא רוח, ווי דער טייפעל איז א רוח: ער עקזיסטירט נאר ווי א שרעק־געשפענסט און א

איינבילדונג־געשטאַלט אין זייער געהירן. אויב זיי וואָלטען זיך ניט נאאיוו געוואָרפען אהין און אהער צווישען דעם אַלט־פּרענקישען געגענזאַץ פון גוט און שלעכט, ווען זיי האָבען געגעבען דעם מאָדערנעם נאָמען „מענשליך“ און „עגאָיסטיש“, וואָלטען זיי ניט אויפגעפרישט דעם פערשימעלטען „בעל עבירה“ מיט דעם נייען נאָמען „עגאָיסט“ און וואָלטען ניט געלעגט קיין נייע לאַטע אויף אַן אַלטען בגד. זיי קאָנען אָבער ניט זיין אַנדערש, וואָרים זיי האַלטען פאַר זייער אויפגאַבע צו זיין „מענשען“. „פון דעם גוטען זיינען זיי לויז געוואָרן, דאָס גוטע איז געבליבען!“

מיר זיינען אינגאַנצען גענומען פאָלקאָם, און אויף דער גאַנצער ערד איז ניטאָ איין מענש, וואָס איז אַ זינדיגער! עס זיינען פאַראַן משוגעים, וועלכע בילדען זיך איין, אַז זיי זיינען גאָט דער פאָטער, גאָט דער זון אָדער דער מענש פון דער לבנה, אזוי שוויבעלט עס אויך פול פון שוטים, וואָס האַלטען זיך פאַר בעלי עבירות; אָבער אזוי ווי יענע זיינען ניט דער מענש פון דער לבנה, אזוי זיינען די ניט קיין — בעלי עבירות. זייער זינד איז אַן איינבילדונג.

אָבער, ווענדעט מען מיר דאָ גנב'יש איין, אויב אזוי איז דאָך וועניגסטענס זייער איינבילדונג אָדער זייער פערכאַפּטקייט זייער זינד. ניין, זייער פערכאַפּטקייט איז נישט מעהר ווי דאָס, וואָס — זיי קאָנען ארויסברענגען; עס איז דער רעזולטאַט פון זייער ענטוויקלונג, אזוי ווי לוטהער'ס ביבעל־גלויביגקייט איז אקוראַט געוועזען אַלץ, וואָס ער — האָט געקאָנט ארויסברענגען. איינער ברענגט זיך אריין מיט זיין ענטוויקלונג אין משוגעים־הויז, דער אַנדערער ברענגט זיך דערמיט אריין אין פּאַנטהעאָן און פערלירט די — וואַלהאַלאַ.

עס איז ניטאָ קיין בעל עבירה און קיין זינדיגער עגאָיזם!

טשעפּע זיך אָב פון מיר מיט דיין „מענשענליעבע“! קריך נאָר אריין, דו מענשענפריינד, אין די „גיהנום־גריבער פון זינד“, האַלט זיך אמאָל אויף אַ ווײַלע אין דעם געדרענג פון דער.גרויסער שטאָדט: וועסטו ניט אומעטום געפינען זינד און זינד און וויעדער־אמאָל זינד? וועסטו ניט יאָמערן אויף דער קאָרומפּירטער מענש־הייט, ניט קלאָגען אויף דעם אונגעהויערן עגאָיזם? וועסטו אָנטרעפען אַ רייכען, אויף וועלכען דו וועסט ניט קאָנען זאָגען, אַז ער איז אונבאַרמהערציג און „עגאָיסטיש“? דו מעגסט זיך אפשר

האלטען פאר אן אטעאיסט, דו וועסט אָבער בלייבען געטריי דעם קריסטליכען געפיהל, אז א קעמעל קאָן גיכער דורכגעהן דאָס לעכעל פון א נאָדעל, איידער עס איז מעגליך, אז א רייכער זאָל ניט זיין אן „אונמענש". וויפיעל מענשען זעהסטו איבערהויפט, וועלכע דו רעכענסט ניט אריין אין דער „עגאָיסטישער מאסע"? וואָס האָט, אלזאָ, דיין מענשענליעבע געפונען? לויטער אונליעבענסוויר־דיגע מענשען! און פון וואנען שטאמען זיי אלע? פון דיר, פון דיין מענשענליעבע! דו האָסט מיט זיך אין קאָפּ געבראכט דעם זינדיגען, דעריבער געפינסטו איהם, דעריבער רוקסטו איהם אומע־טום אונטער. רוף ניט די מענשען זינדיגע, דאן זיינען זיי ניט קיין זינדיגע: דו אליין ביזט דער שעפער פון די זינד. דו, וואָס דו מיינסט, אז דו האָסט די מענשען ליעב, גראָד דו וואַרפסט זיי אין דעם זומפּ פון זינד, גראָד דו טיילסט זיי איין אין זינדיגע און טוגענדהאפטיגע, אין מענשען און אונמענשען, גראָד דו גיסט זיי אָב מיט דעם גיפטיגען אויספלוס פון דיין משוגעת: וואָרים דו האָסט ניט ליעב ד י מ ע נ ש ע ן, נאָר דעם „מענשען" [בכלל]. איך אָבער זאָג דיר, דו האָסט קיינמאָל קיין זינדיגען ניט געזעהן, דו האָסט נאָר — גע'חלומ'ט וועגען איהם.

די איבערצייגונג, אז איך בין מחויב צו דיענען אנאנדערן, אז איך בין פערפליכטעט צו איהם, אז איך בין בערופען זיך צו „אָפּפערן", צו „בוקען זיך", צו „בעגייסטערן זיך" פאר איהם, נעהמט ביי מיר אוועק די לוסט צו זעלבסטגענוס. נו, גוט, ווען איך דיען ניט מעהר קיין אידעע, קיין „העכערן וועזען", דאן איז קלאָר פון זיך אליין, אז איך דיען ניט מעהר קיין מענשען, נאָר — אונטער אלע אומשטענדען — ז י ך א ל י י ן. אָבער דאן בין איך ניט נאָר אין פאקט אָדער אין עקזיסטענץ, נאָר אויך פאר מיין בעוואוסטזיין — דער איינציגער.

דיר געהערט מעהר איידער דאָס געטליכע, דאָס מענשליכע א. אז. וו.; דיר געהערט דאָס ד י י נ י ג ע.

האלט זיך פאר מעכטיגער איידער אנדערע האלטען דיך, דאן האָסטו מעהר מאכט; האלט זיך פאר מעהר, דאן האָסטו מעהר.

דאן ביזטו ניט נאָר ב ע ר ו פ ע ן צו אלעם געטליכעס, ב ע ר ע כ ט י ג ט צו אלעם מענשליכעס, נאָר דו ביזט אייגענטימער פון דאָס דייניגע, ד. ה. פון אלץ, איבער וואָס דו בעזיצסט די קראפט

צו מאַכען עס פאַר דיין אייגענס, ד. ה. דו ביזט ג ע א ײ ג ע נ ט און בעפעהיגט צו אַלעס, וואָס איז דיינס.

מען האָט תמיד געמיינט אַז מען מוז מיר געבען אַ בעשטימונג, וואָס ליעגט אויסערהאַלב פון מיר, אַזוי אַז לסוף האָט מען מיר צוגעמוטט, איך זאָל נעהמען אין אָנשפּרוך האָס מענשליכע, ווייל איך — בין מענש. דאָס איז דער קריסטליכער פער'כשופטער קרייז. פיכטע'ס „איך" איז אויך דאָסזעלביגע וועזען פון דרויסען פון מיר, ווארים זיין „איך" איז יעדערער, און אויב דער דאָזיגער איך האָט רעכטען, דאַן איז ער „דער איך", איך בין דאָס ניט. איך בין אָבער ניט אַ איך לעבען אַנדערע איכען, נאָר דער אַלייניגער איך: איך בין איינציג. דעריבער זיינען אויך מיינע בעדערפעניישען איינציג, און אויך מיינע טהאַטען; קורץ, אַלץ אין מיר איז איינציג. און נאָר אַלס אָט דער איינציגער „איך" נעהם איך מיר אַלץ פאַר מיין אייגענס, אַזוי ווי איך אַרבייט און ענטוויקעל זיך נאָר אַלס אָט דער איך. איך ענטוויקעל זיך ניט אַלס מענש און ענטוויקעל ניט דעם מענשען, נאָר אַלס איך ענטוויקעל איך — זיך.

דאָס איז דער זין פון דעם — איינציגען.

III.

# דער איינציגער.

די פאר־קריסטליכע און די קריסטליכע צייט זוכען געגענגע־זעצטע ציעלען; די ערשטע וויל אידעאליזירען דאס רעאלע, די לעצטע — רעאליזירען דאס אידעאלע; די ערשטע זוכט דעם היילינגען גייסט, די אנדערע — דעם „פערהערליכטען קערפער". דעריבער ענדיגט זיך די ערשטע מיט דער אונעמפינדליכקייט צו דאס רעאלע, מיט דער וועלט־פעראכטונג; די לעצטע וועט זיך ענדיגען מיט דער פערווארפונג פון דאס אידעאלע, מיט דער „פער־אכטונג פון גייסט".

דער געגענזאץ צווישען דאס רעאלע און אידעאלע איז אונעל־בער, וואס קאן ניט אויסגעגליכען ווערן, איינס קאן קיינמאל ניט ווערן דאס אנדערע: וואלט דאס אידעאלע געווארן א רעאלעס, וואלט עס שוין מעהר ניט געוועזן דאס אידעאלע, און וואלט דאס רעאלע געווארן א אידעאלעס, וואלט דאן געוועזן דאס אידעאלע אליין, אבער דאס רעאלע וואלט גאר נישט געוועזן. דער געגענזאץ פון דיביידע קאן אנדערש ניט בעזיעגט ווערן, סיידען מ ע ן פער־ניכטעט זיי ביידען. נאר אין אט דעם „מען", ד. ה. אין א דריטען, געפינט דער געגענזאץ זיין סוף; זאנסט אבער קאנען אידעע און רעאליטעט זיך קיינמאל ניט צונויפקומען. די אידעע קאן ניט אזוי רעאליזירט ווערן, אז זי זאל בלייבען אידעע, סיידען נאר ווען זי שטארבט אלס אידעע, און פונקט אזוי שטעהט די זאך מיט דאס רעאלע.

איז אט אזוי האבען מיר פאר אונז אין די אלטע אנהענגער פון דער אידעע, אין די נייע—אנהענגער פון דער רעאליטעט. קיינער פון זיי קאן ניט לויז ווערן פון דעם געגענזאץ און ביידע שמאכטען נאר — די ערשטע שמאכטען נאך דעם גייסט, און אזוי באלד ווי אט דער פערלאנג פון דער אלטער וועלט איז בעפריעדיגט געווארן און אט דער גייסט האט געשיינט שוין צו זיין געקומען, האבען די אנדערע גלייך ווידער גענומען שמאכטען נאך דער פערוועלטליכונג פון

דעם דאַזיגען גייסט, וועלכע מוז אייביג בלייבען אַ „פרומער וואונש“.

דער פרומער וואונש פון די אַלטע איז געוועזן די ה י י ל י נ ־ ק י י ט, דער פרומער וואונש פון די נייע איז די ק ע ר פּ ע ר ־ ל י כ ק י י ט. אַזוי ווי אָבער דאָס אַלטערטום האָט געמוזט אונטער־געהן, ווען זיין בעגעהר האָט געזאָלט בעפריעדיגט ווערן (וואָרים עס איז נאָר בעשטאַנען אין דעם בעגעהר), אזוי אויך קאָן די קערפּער־ליכקייט קיינמאָל ניט דערגרייכט ווערן אין די גרעניצען פון דער קריסטליכקייט. אַזוי ווי דער שטריך פון היילינונג אָדער רייני־גונג געהט דורך די אַלטע וועלט (די טבילות א. אז. וו.), אזוי געהט דורך דער שטריך פון פערקערפּערליכונג דורך דער קריסטליכער וועלט: גאָט וואַרפט זיך אריין אין אָט דער וועלט, ווערט פלייש און וויל זי דערלייזען, ד. ה. אָנפילען מיט זיך. אַזוי ווי אָבער ער איז די אידעע אָדער דער גייסט, אַזוי פיהרט מען (צ. ב. ש. העגעל) לסוף איין די אידעע אין אַלץ, אין דער וועלט, און מען בעווייזט, „אַז די אידעע, אַז פערנונפט איז פול אין אַלץ“. דאָס, וואָס די היידנישע סטאָיקער האָבען אויפגעשטעלט אַלס דער „מאַן פון חכמה“, איז אין דער היינטיגער קולטור געוואָרן „דער מענש“: דער ווי יענער אַ — פליישלאָזער וועזען. דער אונווירקליכער „איש חכמה“, דער קערפּערלאָזער „היילינגער“ פון די סטאָיקער, איז געוואָרן אַ ווירקליכע פּערזאָן, אַ קערפּערליכער „היילינגער“ אין דעם פ ל י י ש ־ ג ע וו אָ ר ע נ ע ם גאָט; דער אונווירקליכער „מענש“, דער קערפּערלאָזער איך, וועט ווערן ווירקליך אין דעם ל י י ב ה אַ פּ ט י ג ע ן איך, אין מיר.

דורך דעם גאַנצען קריסטענטום ציהט זיך דורך די פראַגע וועגען דער „עקזיסטענץ פון גאָט“, וועלכע ווערט אַלץ וויעדער און וויעדער אויפגענומען פון דאָס ניי, און בעווייזט דערמיט, אַז דער פערלאַנג נאָך עקזיסטענץ, קערפּערליכקייט, פּערזענליכקייט און ווירקליכקייט האָט אָהן אַן אויפהער בעשעפטיגט דעם געמיטה, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט געפונען קיין בעפריעדיגענדע לייזונג. ענדליך איז די פראַגע וועגען דער עקזיסטענץ פון גאָט אַרונטערגע־פאַלען, אָבער נאָר כדי וויעדער אויפצושטעהן אין דעם זאַץ, אַז דאָס „געטליכע“ האָט אַן עקזיסטענץ (פייערבאַך). אָבער אָט דאָס האָט אויך ניט קיין עקזיסטענץ, און דער לעצטער פּונקט, פאַר וועלכען

מען כאַפּט זיך אָן, אַז דאָס „ריין־מענשליכע“ איז רעאַליזירבאַר, וועט אויך ניט געבען לענגער מעהר קיין אָנהאַלט. קיין אידעע האָט ניט קיין עקזיסטענץ, ווייל קיינע איז ניט בכח אָנצונעהמען קיין קערפּערליכקייט. דער סכאָלאַסטישער שטרייט צווישען דעם רעאַליזם און נאָמינאַליזם האָט דעמזעלבינען אינהאַלט; קורץ, ער שפּינט זיך דורך דער גאַנצער קריסטליכער געשיכטע און קאָן זיך א י ן איהר ניט ענדיגען.

די קריסטען־וועלט אַרבייט צו ר ע א ל י ז י ר ע ן א י ד ע ע ן אין די איינצעלנע פערהעלטניסען פון לעבען, ווי אויך אין די אינסטיטוציעס און געזעצען פון דער קירך און דעם שטאַאַט; אָבער די אידעען לאָזען זיך ניט און האַלטען שטענדיג צוריק עפּעס אונפערקערפּערטעס (אונרעאַליזירבאַרעס). דאָך געהט אָן אָט די אַרבייט פון פערקערפּערונג אָהן אַן אויפהער, ניט קוקענדיג וואָס די ל י י ב ה א פ ט י ג ק י י ט בלייבט שטענדיג ניט פערווירק־ליכט.

דעם רעאַליזירער געהען די רעאַליטעטען ווייניג דעראָן, אָבער עס געהט איהם זעהר פיעל דעראָן, אַז זיי זאָלען זיין פערווירקלי־כונגען פון דער אידעע. דעריבער אונטערזוכט ער שטענדיג פון דאָס ניי, צי דאָס פערווירקליכטע האָט באמת אין זיך די אידעע, וואָס איז זיין קערן; און פּרובירענדיג דאָס ווירקליכע, פּרובירט ער שוין אין דערזעלביגער צייט די אידעע, צי זי איז רעאַליזירבאַר, ווי ער דענקט, אָדער ער דענקט וועגען איהר ניט ריכטיג און ממילא איז זי ניט אויספיהרבאַר.

אַלס ע ק ז י ס ט ע נ צ ע ן דאַרפען פאַמיליע, שטאַאַט א. אַז. וו. דעם קריסט ניט מעהר קימערן; די קריסטען זאָלען זיך ניט אָפּפערן, ווי די אַלטע, פאַר אָט די „געטליכע זאַכען“, נאָר מען דאַרף זיך בלויז מיט זיי בענוצען, כדי ל ע ב ע ד י ג צו מאַכען דעם ג י י ס ט אין זיי. די ו ו י ר ק ל י כ ע פאַמיליע איז געוואָרען גלייכגילטיג, נאָר עס דאַרף פון איהר אַרויסקומען א א י ד ע א ל ע פאַמיליע, וועלכע וועט דאַן זיין די „באמת רעאַלע“, א הייליגע, פון גאָט געבענשטע, אָדער, לויט דעם ליבעראַלען אַרט דענקען, א „פערנינפטיגע“. ביי די אַלטע איז פאַמיליע, שטאַאַט פאָטערלאַנד, א. אַז. וו. אַלס עטוואָס, וואָס ע ק ז י ס ט י ר ט, געטליך; ביי די נייע דאַרף עס ערשט קריגען די געטליכקייט, אַלס

עקזיסטירענדעס איז עס נאָר זינדהאפטיג, ערדיש, און מוז ערשט נאָך „רעאליזט" ווערן, ד. ה. ווערן באמת רעאל. דאָס האָט דעם פאָלגענדען זין: ניט די פאמיליע א. אז. וו. איז דאָס עקזיסטירענדע און רעאלע, נאָר דאָס געטליכע, די אידעע, עקזיסטירט און איז ווירקליך; צי אָט די פאמיליע וועט זיך מאכען ווירקליך, דורכדעם וואָס זי וועט אָננעהמען דאָס באמת ווירקליכע, די אידעע, איז נאָך ניט בעשטימט. עס איז ניט דעם איינצעלנעמס אויפגאבע צו דיענען דער פאמיליע אלס עפּעס געטליכעס, נאָר פערקעהרט, צו דיענען דאָס געטליכע און צו פיהרען די נאָך ניט־געטליכע פאמיליע צו איהם; דאָס הייסט, עס איז זיין אויפגאבע אלץ ארונטערצוּוואַרפען אין נאָמען פון דער אידעע, אומעטום ארויפצוציהען די פאָן פון דער אידעע, צו ברייננען די אידעע צו א רעאלער ווירקזאַמקייט.

אַזוי ווי אָבער אי דאָס קריסטענטום, אי דאָס אלטערטום האָבען ביידע צו טהאָן מיט דאָס געטליכע, קומען זיי, אויף געגענגעזעצטע וועגען שטענדיג וויעדער ארוים מיט דעם. צום סוף פון היידענטום ווערט דאָס געטליכע אַן אויסערוועלטליכעס, צום סוף פון קריסטענטום — א איננערוועלטליכעס. פערזעצען עס אינגאַנצען אויסערהאלב דער וועלט איז דעם אלטערטום ניט געלונגען, און ווי נאָר דאָס קריסטענטום פיהרט דורך די דאָזיגע אויפגאבע, הויבט דאָס געטליכע אין דערזעלבער רגע אָן צו בענקען און ציהען זיך צוריק אין דער וועלט און וויל זי „אויסלייזען". אָבער אין דעם קריסטענטום קומט עס ניט דערצו און קאָן ניט קומען, אז דאָס געטליכע אלס איננערוועלטליכעס זאָל ווירקליך ווערן דאָס וועלטליכע גופא: עס בלייבט גענוג איבער, וואָס האלט זיך אויף, און מוז זיך אויפהאלטען, אלס דאָס „שלעכטע", אונפערנינפטיגע, צופעליגע און „עגאָיסטישע". דאָס קריסטענטום הויבט אָן דערמיט, וואָס דער גאָט איז געוואָרן א מענש, און עס פיהרט אָן דורך אלע צייטען זיין ארבייט פון בעקעהרונג און דערלייזונג, כדי צו צוגרייטען אַן אויפנאהמע פאר דעם גאָט אין אלע מענשען און אין אלעם, וואָס איז מענשליך, און דורכדרינגען אלעם מיט זיין גייסט: און דאָס קריסטענטום זעצט פאָרט זיין ארבייט צוצוגרייטען א וואוינפלאץ פאר דעם „גייסט".

און ווען עס איז צולעצט געשטעלט געוואָרן דער טראָפּ אויף

„דעם מענשען" אָדער די מענשהייט, איז עס ווידער געווען די אידעע, וועלכע מען האָט „ד ע ר ק ל ע ר ט א ל ס א י י ב י ג". „דער מענש שטאַרבט ניט! " דערמיט האָט מען געמיינט צו האָבען געפונען די רעאַליטעט פון דער אידעע: דער מענש [בכלל] איז דער איך פון דער געשיכטע, פון דער וועלט־געשיכטע; ער, אָט דער א י ד ע א ל ע ר מענש, איז דאָס דער, וואָס ענטוויקעלט זיך ווירקליך, ד. ה. ע ר ר ע א ל י ז י ר ט ז י ך. ער איז דער ווירקליך רעאַלער, לייבהאַפטיגער, ווארים די געשיכטע איז זיין לייב, פון וועלכען די איינצעלנע זיינען נאָר די גליעדער. קריסטוס איז דער איך פון דער וועלט־געשיכטע, אפילו פון דער פאַר־קריסט־ליכער צייט; אין דער מאָדערנער אנשויאונג איז דאָס דער מענש, דאָס קריסטוס־בילד האָט זיך ענטוויקעלט צום מענשען־בילד. דער מענש אלס אזעלכער, דער מענש בכלל, איז דער „מ י ט ע ל־פ ו נ ק ט" פון דער געשיכטע. אין „דעם מענשען" קעהרט זיך ווידער אום דער אימאַגינערער אָנפאַנג; ווארים „דער מענש" איז אזוי אימאַגינער ווי קריסטוס. „דער מענש" אלס איך פון דער וועלט־געשיכטע שליסט דעם קרייז־לויף (די תקופה) פון די קריסטלי־כע אנשויאונגען.

דער פער'כשופ'טער קרייז פון קריסטענטום וואָלט צערשטערט געוואָרן, ווען עס וואָלט אויפגעהערט דער געגענזאַץ צווישען עקזיס־טענץ און בערוף, ד. ה. צווישען מיר ווי איך בין און מיר ווי איך זאָל זיין. ער האַלט זיך נאָר אלס דאָס בענקעניש פון דער אידעע נאָך איהר קערפּערליכקייט, און פערשווינדט גלייך ווי די ראָזיגע צושפּאַלטונג הערט אויף: נאָר כל זמן די אידעע בלייבט א אידעע — און „דער מענש" אָדער די מענשהייט איז דאָך א קערפּערלאָזע אידעע — עקזיסטירט נאָך די קריסטליכקייט. די פערקערפּערטע אידעע, דער לייבהאַפטיגער אָדער „פערפאָלשטענדיגטער" גייסט, שוועבט פאַר דעם קריסט אלס דער „אחרית הימים", אָדער אלס דער „ציעל פון דער געשיכטע"; ער איז ניט פאַר איהם די געגענוואַרט.

דער איינצעלנער קאָן נאָר האָבען א טייל אין דער גרינדונג פון גאָט'ס רייך, אָדער לויט דער מאָדערנער פאָרשטעלונג פון דער־זעלבער זאַך, אין דער ענטוויקלונג און געשיכטע פון דער מענשהייט; און נאָר אין דעם ערך, וואָס ער האָט א טייל דעריין, בעקומט ער א קריסטליכען אָדער, לויט דעם מאָדערנעם אויסדרוק, א מענשליכען

ווערטה, אין אלעם איבערינגען איז ער „שטויב און א ווערימדיגער זאך".

אז דער איינצעלנער איז א וועלט־געשיכטע פאר זיך און בעזיצט זיין אייגענטום אין דער איבעריגער וועלט־געשיכטע, דאס שטייגט אריבער די קריסטליכע אנשויאונג. פאר דעם קריסט איז די וועלט־געשיכטע א העכערע זאך, ווייל זי איז די געשיכטע פון קריסטוס אדער פון „דעם מענשען"; פאר דעם עגאיסט האט נאר זיין געשיכטע א ווערטה, ווייל ער וויל נאר ז י ך ענטוויקלען, ניט די מענשהייט־אידעע, ניט גאט'ס פלאן, ניט די כונות פון דער השגחה, ניט די פרייהייט און דערגלייכען. ער בעטראכט זיך ניט פאר א ווערקצייג פון דער אידעע אדער א כלי פון גאט, ער דערקענט ניט קיין בערוף, ער בילדעט זיך ניט איין, אז ער עקזיסטירט נאר צוליעב דעם פראגרעס פון דער מענשהייט און מוז דערצו בייטראגען זיין חלק, נאר ער לעבט זיך אויס זיינע יאהרען, ניט קימערנדיג זיך דערביי, צי עס וועט דער מענשהייט זיין דערפון גוט אדער שלעכט. כדי עס זאל ניט קומען צו א מיספערשטענדניס, אזוי ווי איך וואלט דא געמיינט צו לויבען א נאטור־צושטאנד, קאן איך דערמאָנען אן לענאוס'עס „דריי ציגיינער". — וואס, בין איך דערצו דא אויף דער וועלט, כדי צו רעאליזירען אידעען? כדי אפשר טהאן וואס איך קאן צו פערווירקליכען די אידעע „שטאאט" דורך מיין בירגערטום, אדער אלס מאן און פאטער צו ברענגען דורך דער עהע די אידעע פון דער פאמיליע צו איהר עקזיסטענץ? וואס געהט מיר אן אזא בערוף! איך לעב פאר א בערוף פונקט אזוי ווייניג, ווי די בלום וואקסט און פערשפרייט א שמעקעדיגען ריח צוליעב א בערוף.

דער אידעאל „מענש" איז ר ע א ל י ז י ר ט, ווען די קריסט־ליכע אנשויאונג וועט פערביטען ווערן אויף דעם זאץ: „איך, אט דער איינציגער, בין דער מענש." די פראגע: „וואס איז דער מענש?" — וועט זיך דאן האבען אומגעביטען אויף דער פערזענ־ליכער פראגע: „ווער איז דער מענש?" ביי דעם „וואס" האט מען געזוכט דעם בעגריף, כדי איהם צו רעאליזירען; ביי דעם „ווער" איז דאס איבערהויפט מעהר קיין פראגע ניט, נאר דער ענטפער איז גלייך אויפ'ן האנד פערזענליך ביי דעם פרעגער: די פראגע פערענטפערט זיך פון זיך אליין.

מען זאגט וועגען גאט: „מיט נעמען קאן מען דיר קיין נאמען

ניט געבען". דאָס איז ריכטיג וועגען מיר: קיין בעגריף דריקט מיך ניט אויס, קיין זאַך, וואָס מען גיט אָן אַלס מיין וועזען, שעפּט מיך ניט אויס; דאָס זיינען נאָר נעמען. אַזוי אויך זאָגט מען וועגען גאָט, אַז ער איז פאָלקאָם און האָט ניט קיין בערוף צו שטרעבען נאָך פאָלקאָמענהייט. דאָס איז אויך ריכטיג נאָר וועגען מיר.

איך בין דער אייגענטימער פון מיין מאַכט, און איך בין דער אייגענטימער דאַן, ווען איך קען זיך אַלס איינציגער. אין דעם איינציגען קעהרט זיך צוריק אפילו דער אייגענטימער אין זיין בעשאַפענדען ניכטס, פון וואָס ער ווערט געבאָרן. יעדעס העכערע וועזען איבער מיר, זאָל עס זיין גאָט, זאָל עס זיין דער מענש, שוואַכט אָב דעם געפיהל פון מיין איינציגקייט, און ווערט בלייך נאָר פאַר דער שטראַהלענדער זון פון אָט דעם בעוואוסטזיין. ווען איך שטעל מיין זאַך אויף מיר, דעם איינציגען, דאַן שטעהט זי אויף דעם פערגענגליכען, שטערבליכען שעפער איהרען, וועלכער פערצעהרט זיך אַליין, און איך מאָג זאָגען:

איך האָב מיין זאַך געשטעלט אויף גאָרנישט.

ע נ ד ע.

# די קראפאטקין ליטעראטור געזעלשאפט

איז געגרינדעט געווארן מיט דעם צוועק ארייצוברענגען אין אידיש אלע אלגעמיין־סאציאליסטישע קלאסיקער, ווי אויך אנדערע ווערטהפולע סאציאל־פאליטישע ווערק. זי איז געבויט אויף דעם יסוד פון א יעהרליכער מיטגליעדשאפט; ד. ה. יעדער פריידענקענדער מענש, וועלכער צאהלט איין דעם מיטגליעד׳ס בייטראג, 1 דאלאר א יאהר, (און עקסטרא 25 סענט, ווען די געזעלשאפט וועט אנהויבען ארויסגעבען צוויי ביכער א יאהר) איז בערעכטיגט צו איין עקזעמפלאר פון אלע ביכער, וואס די געזעלשאפט גיט ארויס דורכ׳ן יאהר.

יעדער מיטגליעד האט אויסערדעם א דעה אין דער פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט דורך זיין שטים־רעכט אויף דער יעהרליכער גענעראל פערזאמלונג.

די געזעלשאפט האט ביז איצט ארויסגעגעבען די „מעמוארען פון א רעוואלוציאנער“, די „געגענזייטיגע הילף“, „פעלדער, פאבריקען און ווערקשעפער“ — 3 גרויסע ווערק פון פעטער קראפאטקין, דעם גרויסען רעוואלוציאנער און וויסענשאפטסמאן, וועמעס עהרען־נאמען די געזעלשאפט האט אנגענומען, אין אנערקענונג פון זיין הויכען אידעאליזם און וויסענשאפטליכער בעגרינדונג פון דעם פרייען סאציאליזם; און דאס בעריהמטע ווערק „דער איינציגער און זיין אייגענטום“, פון מאקס שטירנער.

דאס נעקסטע בוך, וואס די געזעלשאפט פערפערטיגט ארויסצוגעבען אין דעם לויפענדען יאהר, איז א באנד געקליבענע שריפטען פון פ ע ר ד י נ א נ ד ל א ס ס א ל.

די געזעלשאפט האט ערווארבען די אנערקענונג און דעם צוטרויען פון דער אידישער אינטעליגענץ מיט איהר געטרייער ארבייט, פאלשטענדיגער צופערלעסיגקייט און פינקטליכער ערפילונג פון איהרע פערשפרעכונגען. זי אפעלירט דעריבער צו אלע אידישע ראדיקאלען פון אלע פארטייען און ריכטונגען איהר צו העלפען פערווירקליכען איהר אויפגאבע דורך זייער פינאנציעלער שטיצע און דערהויפט דורך זייער ארייטרעטען אין דער געזעלשאפט אלס מיטגליעדער.

פאר ווייטערע אויסקינפטע און געלד־זענדונגען אדרעסירט דעם טרעזשורער:

Dr. J. A. Maryson, 250 East Broadway, New York

# די סטאַטוטען

פון דער

## קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט

אָנגענומען אויף אַ ספּעציעלער פערזאַמלונג פון פערוואַלטונגסראַטה,
אין אַפּריל, 1915.

---

### ארטיקעל 1.—דער נאָמען.

§ 1. די געזעלשאַפט זאָל הייסען מיט'ן נאָמען „די קראָ־פּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט".

### ארטיקעל 2.—דער צוועק.

§ 2. דער צוועק פון דער געזעלשאַפט איז צו פערשפּרייטען שריפטליך די גרונד־לעהרען פון דעם סאָציאַליזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען און די סאָציאַל־פּאָליטישע וויסענשאַפטען, אויף וועל־כע דער סאָציאַליזם איז געבויט, אין דער אידישער שפּראַך.

§ 2. די געזעלשאַפט נעהמט אויף זיך די אויפגאַבע צו דרו־קען און ארויסגעבען איבערזעצונגען פון די אַלגעמיינע סאָציאַליס־טישע קלאַסיקער און פון אנדערע ווערטהפולע סאָציאַל־פּאָליטישע און סאָציאָלאָגישע ווערק אין אידיש, ווי אויך אָריגינעלע אָבהאַנד־לונגען פון אַ סאָציאַליסטישען שטאַנדפּונקט איבער פערשיידענע סאָציאַל־פּאָליטישע פראַגען.

§ 3. די געזעלשאַפט זאָל ארויסגעבען יעדען יאָהר וועניג־סטענס איין גרויסען ווערק פון דעם פריהער דערמאָנטען כאַראַק־טער, און דעם וויסענשאַפטליכען פּאָרטראַג, וואָס וועט געהאַלטען ווערען (לויט מעגליכקייט) אויף דער יעהרליכער גענעראַל־פערזאַמ־לונג, ווי עס ווערט בעצייכענט אין אַ וויטערדיגען ארטיקעל.

### ארטיקעל 3.—מיטגליעדשאַפט.

§ 1. יעדער פרייגעזאָנענער און ראַדיקאַל־דענקענדער מענש קאָן ווערען אַ מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט, ווען ער צאָהלט איין דעם יעהרליכען בייטראַג (ווי בעשטימט אין דעם נעקסטען ארטי־קעל) און ווערט גוטגעהייסען פון דעם פערוואַלטונגסראַטה.

§ 2. יעדער ראדיקאלער פעראיין אדער ראדיקאלע ארגאני־
זאציע קאן ווערען א קאלעקטיוו־מיטגליעד פון דער געזעלשאפט,
איינצאהלענדיג דעם יעהרליכען בייטראג ווי פאר איין מיטגליעד,
און איז דאן בערעכטיגט צו דיזעלבע בענעפיטען ווי איין (1) גע־
וועהנליכער מיטגליעד.

§ 3. דער אפיציעלער יאהר פון דער געזעלשאפט זאל זיך
רעכענען פון דעם ערשטען מאי פון יעדען יאהר ביז דעם ערשטען
מאי פון דעם נעקסטען יאהר. מיטגליעדער קאנען אריינטרעטען אין
דער געזעלשאפט צו יעדער צייט, אבער זייער מיטגליעדשאפט
זאל זיך רעכענען ניט לענגער ווי ביז דעם ערשטען מאי, וואס קומט
נאך דער צייט, ווען זיי האבען איינגעצאהלט זייער בייטראג.

§ 4. יעדער מיטגליעד זאל בעקומען א מיטגליעדס־קארטע
פון דער געזעלשאפט פאר דעם לויפענדען אפיציעלען יאהר פון דער
געזעלשאפט, אונטערצייכענט פון דעם קאססירער פון דער געזעל־
שאפט, וועלכע בערעכטיגט איהם צו די אונטען־דערמאנטע בענע־
פיטען פון א יעהרליגען מיטגליעד.

## ארטיקעל 4.—בייטרעגע.

§ 1. דער בייטראג פון א מיטגליעד אין דער געזעלשאפט
זאל זיין 1 דאלאר א יאהר איינגעצאהלט אין פאראויס. אזא מיט־
גליעד זאל הייסען א י ע ה ר ל י כ ע ר  מ י ט ג ל י ע ד פאר
דער פעריאדע פון דעם אפיציעלען יאהר פון דער געזעלשאפט. (ווי
בעצייכענט אויבען אין ארטיקעל 3, § 3.)

§ 2. יעדער איינער וואס צאהלט איין דעם בייטראג פון
$25 מיט אמאל, זאל הייסען א לעבענסלענגליכער מיטגליעד פון
דער געזעלשאפט. אזא מיטגליעד איז בעפרייט זיין גאנצען לע־
בען פון די יעהרליכע בייטרעגע און איז בערעכטיגט צו אלע בע־
נעפיטען פון א יעהרליכען מיטגליעד.

## ארטיקעל 5.—בענעפיטען.

§ 1. יעדער גוטשטעהענדער מיטגליעד פון דער געזעלשאפט
זאל קריגען פריי 1 עקזעמפלאר פון די ביכער און אנדערע דרוק־
זאכען, וואס די געזעלשאפט גיט ארויס אין לויף פון איהר אפי־
ציעלען יאהר.

§ 2. יעדער גוטשטעהענדער מיטגליעד זאל האבען דאס
רעכט צו שטימען וועגען אלע פראגען, וואס ווערען פערהאנדעלט
אויף דער יעהרליכער גענעראל פערזאמלונג פון דער געזעלשאפט.

§ 3. יעדער גוטשטעהענדער מיטגליעד זאָל קריגען נאָטיץ, ווענינגסטענס א מאָנאט בעפאָר, ווענען דעם ראַסום און אָרט ווען און וואו די יעהרליכע גענעראל פערזאמלונג וועט אָבגעהאלטען ווע־רען, ווי אויך אַ קורצען בעריכט וועגען דעם פינאנציעלען צושטאנד פון דער געזעלשאפט.

§ 4. ווען עס ענדיגט זיך דער אָפיציעלער יאָהר פון דער גע־זעלשאפט, און נאָכדעם ווי דער יעהרליכער מיטגליעד האָט בע־קומען די אלע בענעפיטען, צו וועלכע ער איז בערעכטיגט, האָט אזא מיטגליעד מעהר קיינע פערבינדונגען ניט מיט דער געזעל־שאפט, און קאָן קיינע אנשפרוכען ניט מאכען, סיי אויף שטימרעכט ביי איהרע ווייטערע פערזאמלונגען, סיי אויף אירגענד וועלכען טייל פון איהר אייגענטום.

## ארטיקעל 6.—פערזאַמלונגען.

§ 1. די יעהרליכע גענעראל פערזאמלונג פון דער געזעל־שאפט זאָל אָבגעהאלטען ווערען אין מאָנאט אפּריל פון יעדען יאָהר, דער טאָג פון פערזאמלונג זאָל בעשטימט ווערען פון דעם פערוואל־טונגס־ראטה.

§ 2. ספּעציעלע פערזאמלונגען קאָנען אָבגעהאלטען ווערען צו יעדער צייט, ווען אַ מאַיאָריטעט פון פערוואלטונגס־ראטה גע־פינט פאַר נויטיג איינצורופען אַ ספּעציעלע פערזאמלונג, אָדער אויף אַ שריפטליכען פערלאַנג פון 50 גוטשטעהענדע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט.

§ 3. אויף דער יעהרליכער פערזאמלונג זאָל געהאלטען ווע־רען אַ וויסענשאפטליכער פאָרטראג פון אַ בעקאנטען אידישען געלעהרטען. דער דאָזיגער פאָרטראג זאָל אָבגעדרוקט ווערען אין פערלויף פון יאָהר און פערטיילט ווערען פריי צו אלע גוטשטע־הענדע מיטגליעדער.

## ארטיקעל 7.—פערוואַלטונגסראַטה.

§ 1. דער פערוואלטונגסראטה פון דער געזעלשאפט זאָל בע־שטעהן פון 15 מיטגליעדער, וואָס זאָלען הייסען ד י ר ע ק ט אָ־ר ע ן, און זאָלען אויך דיענען אלס אַ „באָרד אָוו טראָסטיעס" צו האלטען אויף זייער נאָמען דאָס אייגענטום פון דער געזעלשאפט, פערטרעטען איהרע אינטערעסען און פיהרען איהרע נויטיגע גע־שעפטען.

§ 2. די דירעקטאָרען זאָלען געוועהלט ווערען פון די מיט־גליעדער אויף דער יעהרליכער גענעראַל פערזאַמלונג, לויט דער פאָלגענדער אַרט און וויזע :

זיעבען (7) זאָלען הייסען ע ק ז ע ק ו ט י ו ו ע  ד י ר ע ק־ט אָ ר ע ן, וועלכע זאָלען ערוועהלט ווערען, און זיינען ערוועהלט געוואָרען, ביים אָננעהמען פון אַט די סטאַטוטען, ווי פאָלגט : איי־נער אויף 1 יאָהר, איינער אויף 2 יאָהר, איינער אויף 3 יאָהר, איי־נער אויף 4 יאָהר, איינער אויף 5 יאָהר, איינער אויף 6 יאָהר און איינער אויף 7 יאָהר ; אַזוי אַז יעדען יאָהר זאָל איין עקזעקוטיווער דירעקטאָר געוועהלט ווערען אויף אַ טערמין פון 7 יאָהר. פון די איבעריגע 8 דירעקטאָרען זאָלען געוועהלט ווערען, און זיינען ביים אָננעהמען פון אַט די סטאַטוטען געוועהלט געוואָרען, 4 אויף 2 יאָהר און 4 אויף 1 יאָהר ; אַזוי אַז יעדען יאָהר זאָלען געוועהלט ווערען 4 פון אַזוינע דירעקטאָרען אויף אַ טערמין פון 2 יאָהר.

פאָלגליך וועלען אויף יעדער יעהרליכער גענעראַל פערזאַמלונג געוועהלט ווערען 5 דירעקטאָרען, אָדער אַ דריטעל פון גאַנצען פער־וואַלטונגסראַטה.

§ 3. קיינער קאָן ניט נאָמינירט און געוועהלט ווערען אַלס דירעקטאָר אין פערוואַלטונגסראַטה סיידען ער איז אַ גוטשטעהענ־דער מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט וועניגסטענס 3 יאָהר. דער פערוואַלטונגסראַטה זאָל אָבער האָבען דאָס רעכט מבטל צו זיין אַט די בעגרענצונג בנוגע אַ מיטגליעד, וועלכער קאָן ברענ־גען פיעל נוצען דער געזעלשאַפט אַלס דירעקטאָר.

§ 4. אין פאַל ווען אַ דירעקטער רעזיגנירט, אָדער שטאַרבט, אָדער ווערט אַרויסגעוואָרפען פון אַמט פאַר אַ גענוגענדער אורזאַך, זאָלען די איבעריגע דירעקטאָרען אויסוועהלען אַנאַנדערען פון צווי־שען די מיטגליעדער אויף זיין אָרט, וועלכער זאָל זיין אין אַמט ביז דער נעקסטער יעהרליכער פערזאַמלונג.

## אַרטיקעל 8.—עמטער.

§ 1. דער פערוואַלטונגסראַטה זאָל אויסוועהלען פון זיך יע־דען יאָהר אַ קאַססיער, אַ פּראָטאָקאָל סעקרעטער און אַ פינאַנץ סעקרעטער ; איין פערזאָן מעג אָבער האַלטען צוויי עמטער. די דאָזיגע בעאַמטע זאָלען דיענען אָהן געצאָהלט.

§ 2. דער פערוואַלטונגסראַטה זאָל אויך בעשטימען די נויי־טיגע קאָמיטעס פאַר די בעזונדערע טיילען פון דער אַרבייט פון דער

געזעלשאפט. די ראזינע קאמיטעם קענען בעשטעהן אויסער פון די דירעקטארען אויך פון אנדערע מיטגליעדער, וועלכע דער פערוואל־טונגסראטה קען געפינען פאר נויטיג צו קאאפטירען צו זיך פאר די נוצען פון דער געזעלשאפט.

## ארטיקעל 9.—קווארום.

§ 1. 40 מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט זאלען צונויפ־שטעלען און זיין א קווארום אויף דער יעהרליכער גענעראל פער־זאמלונג.

§ 2. 7 דירעקטארען זאלען צונויפשטעלען און זיין א קווא־רום אויף די זיצונגען פון פערוואלטונגסראטה.

## ארטיקעל 10.—קאנטראקטען און אבליגאציעס.

§ 1. די געזעלשאפט זאל ניט זיין פערפליכטעט צו צאהלען קיינע חובות, וועקסלען און דערגלייכען, סיידען אזעלכע וועקסלען אדער אנדערע פאפירען זיינען אונטערגעשריבען פון דעם פינאנץ סעקרעטער און פון דעם קאססיער, מיט דער צושטימונג פון א מאיאריטעט פון פערוואלטונגסראטה.

## ארטיקעל 11.—אייגענטום.

§ 1. דאס גאנצע אייגענטום, וואס קלייבט זיך אן אין רשות פון דער געזעלשאפט, דהיינו בוך־פלאטען, ביכער, מזומן געלד און אנדערע פערמעגענס, זאל פאר דער גאנצער צייט פון דער עק־זיסטענץ פון דער געזעלשאפט בעשטעהן אלס א שטענדיגער פאנד צו פארטזעצען די טהעטיגקייט פון דער געזעלשאפט און צו ער־פילען איהרע צוועקען לויט די פאראגראפען 1, 2 און 3 פון דעם אר־טיקעל 2 פון את די סטאטוטען.

§ 2. אין פאל די געזעלשאפט זאל זיך אויפלייזען, סיי פריי־וויליג, סיי צוליעב אנדערע אורזאכען, זאל דער פערוואלטונגס־ראטה האבען דאס רעכט און די מאכט צו פערברויכען אדער אוועק־שענקען דאס אייגענטהום און דעם פערמעגען פון דער געזעלשאפט, נאכדעם ווי עס וועלען ווערען אבגעצאהלט אלע גערעכטע און גע־זעצליכע חובות, פאר אזעלכע בילדונגס און קולטורעלע צוועקען, און אין פערבינדונג מיט אזעלכע אינסטיטוציעס, וועלכע קענען אמבעסטען דיענען די אידעאלען און צוועקען פון דער געזעלשאפט.

§ 3. עס זאל זיין קלאר און דייטליך און פון יעדען מיט־גליעד אויסדריקליך פערשטאנען און איינגעוויליגט, אז קיינער וואס

ווערט א מיטגליער אין דער געזעלשאפט בעקומט ניט קיין רעכט אדער תביעה אויף וועלכען עס איז טייל פון דעם אייגענטום און פערמעגען פון דער געזעלשאפט, א חוץ אויף 1 עקזאמפלאר פון די יעהרליכע אויסגאבען (פובליקיישאנס) פון דער געזעלשאפט פאר דער צייט, וואס ער האט איינגעצאהלט זיין בייטראג און איז א גוטשטעהענדער מיטגליער פון דער געזעלשאפט.

## ארטיקעל 12.—אמענדמענטס.

אט די סטאטוטען קאנען ווערען אמענדירט דורך א איינשטי־מיגען בעשלוס פון אלע דירעקטארען, וואס זיינען אנוועזענד ביי א רעגולערע אדער ספעציעלע זיצונג פון פערוואלטונגסראטה, אדער דורך 75 פראצענט שטימען פון אלע אנוועזענדע מיטגליעדער אויף דער יעהרליכער גענעראל פערזאמלונג.

## די קראפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאפט

האָט ביז איצט אַרויסגעגעבען די פאָלגענדע ווערק:

## מעמוארען פון אַ רעוואָלוציאָנער

פון פּ. קראפּאָטקין

איבערזעצט פון ג. דייוויד,

אונטער דער רעדאקציאָן פון דר. י. א. מעריסאָן.

מיט א פאָררעדע פון געאָרג בראנדעס.

526 זייטען, שעהן געבונדען אין עקסטרא קלאָטה, פּרייז $1.00

## געגענזייטיגע הילף

בײ חיות און מענשען

פון פּ. קראפּאָטקין

מיט א ספּעציעלער פאָררעדע פון פּערפאסער צו דער אידישער אויסגאבע.

איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן

448 זייטען, שעהן געבונדען אין עקסטרא קלאָטה, פּרייז $1.00,

## פעלדער, פאבריקען און ווערקשעפּער

פון פּ. קראפּאָטקין

איבערזעצט נאָך דער לעצטער פערגרעסערטער ענגלישער אויסגאבע פון דר. י. א. מעריסאָן

410 זייטען, שעהן געבונדען אין עקסטרא קלאָטה, פּרייז $1.00

## דער איינציגער און זיין איגענטום

פון מאַקס שטירנער

איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן.

מיט א ביאָגראפישע סקיצע פון'ם פּערפאסער און א איינלייטונג.

504 זייטען, שעהן געבונדען אין עקסטרא קלאָטה, פּרייז $1.25.

בוכהענדלער קענען בעקומען די אלע אויסגאבען דורך דעם איינציגען הויפּט־אגענט פון דער געזעלשאפט:

מייזעל'ס פערלאג
424 Grand Street, New York

OCT 5
OF TORONTO
UNIVERSITY

VELUT ARBOR ÆVO

*Presented to the*
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
from
the library of
the late
Samuel Lazar Kagan

UNIVERSITY OF TORONTO
3 1761 00391729 1